STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01544

DER ERDISHER ""GAN-EYDN""

Samuel Nesten

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל נעסטעז

☆

דער ערדישער „גן־עדן"

שמואל נעסטעו

דער ערדישער
„גן־עדן"

ראָמאַן

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

תל־אביב, תשל"ו — 1976

SAMUEL NESTEN

DER ERDISZER "GAN-EDEN"

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

כל הזכויות שמורות למחבר

©

Copyright by S. Nesten

נדפס בישראל תשל"ו

Printed in Israel 1976

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

קאַפּיטל איינס

דער ערדישער „גן-עדן"

דער אַלטער רוסישער וואַנטזייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף. די דאָקטאָרין, נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ, האָט אויסגעטאָן איר ווייסן כאַלאַט און געגרייט זיך גיין אויף מיטאָג.

נאַטאַשאַ האָט געעפנט איר האַנט־טאַש, געוואָלט אַרויסנעמען דאָס שפּיגעלע. דאָס הענטל פון טאַש האָט זיך אָפּגעריסן. די טאַש איז געפאַלן פון אירע הענט און די קעגנשטאַנדן פונעם טאַש האָבן זיך צעשפּרייט איבערן צימער.

אונטערן שרייבטיש איז געלעגן דאָס בילד פון איר פאָטער דער מעדיצין־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו. נאַטאַשאַ האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס בילד, אַ קוק געטאָן דערויף און אירע אויגן זענען זיך פאַרלאָפן מיט טרערן. זי איז שטיין־געבליבן ביים שרייבטיש און געוויינט.

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָט זיך דערמאָנט אין יענער קאַלטער, פּראָסטיקער נאַכט, ווען פייגל ווערן געפרוירן אויף די טעלעפאָן־דראָטן; ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, האָט די מוטער, אַנאַ, דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. זי האָט געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף איר שלאָפנדיקן מאַן, פּאַוועל מאַסלאָוו:

— פּאַוועל, פּאַוועל! מען קלאַפּט אין טיר. גיי עפן...

פּאַוועל מאַסלאָוו האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף, אַרומגעקוקט זיך איבער דער שטוב, ער האָט געזען ווי די טאָכטער, נאַטאַשאַ, עפנט די אויגן און קוקט ליבלעך אויף אים. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געעפנט. צוויי מענער האָבן אַרויסגענומען זייערע לעגיטימאַציעס און אים באַפוילן: טוט זיך אָן! איר וועט גיין מיט אונדז אין נקוו"ד...

פון יענער נאַכט איז שוין אַוועק פינף יאָר — און ווי אין וואַסער אַריין! מאַסלאָוואַ לייגט צו דעם פאָטערס בילד צו איר האַרץ. טרערן פליסן פון אירע אויגן, ווי אַ קוואַל וואָלט זיך אַ ריס געטאָן מיט כוח פון די ערד־טיפענישן... — רוסלאַנד, רוסלאַנד, מאַמע ערד מיינע, צי האָסטו איינגעשלונגען מיין פאָטער, דעם פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו? נאַטאַשאַ קוקט אויף די ביכער־פּולקעס, פון וועלכע עס שיינט אַראָפּ דאָס בילד פון איר פאָטער. די פיל מעדיצין־ביכער האָט ער געשאַפן פאַר דורות! עקספּערימענטירנדיק אויף ווייס־געפלעקטע ים־חזירימלעך, האָט ער קיין פליג אויף דער וואַנט קיינמאָל נישט פאַרטשעפּעט — און דאָ האָט די מאַכט איר גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזט אויף אים און פאַרשיקט אים

אין אַ לאַגער, ווו ער ווערט אונטער אַ שטרענגן קאָנוואָי, מיט באַגנעטן אויף די ביקסן, געפירט טאָג־טעגלעך אין וואַלד אַריין „אַרונטערלאָזן" ביימער...

דער טעלעפאָן קלינגט. נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ הייבט אויף דאָס טרייבל: — האַלאָ־האַלאָ, ווער רעדט עס?

— דירעקטאָר אַגראַדאָוו, פון דער שוועגע־פאַבריק, אַן אַרבעטער איז געפאַלן ביי די מאַשינען. קומט גלייך צוגיין, נאַטאַשאַ פאַוולאָוונאַ.

ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ, האָט זיך דערמאָנט אינעם צעך־נאַטשאַלניק, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו — אַ שיינער יונגער מאַן, ענלעך צו איר מאַן, אַלעקסיי מוכין. איר פּנים האָט זיך עטוואָס פאַררויטלט, די געבלוטן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען שטאַרקער. זי האָט געוואָלט אָנטאָן דעם מאַנטל, נאָר אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. אויפן טיש איז געשטאַנען איינגערעמט אין אַ ראָם דאָס בילד פון איר מאַן, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין. זי האָט עס אַראָפּגענומען פון טיש און עס אַריינגעלייגט אינעם שופלאָד. אין שופלאָד האָט זי דערזען אַ בריוו פון איר מאַן.

זי האָט זיך דערזען אין דער יוגנט אין מאָסקווע, די סטודענטישע יאָרן, ביי דער זייט פון אַלעקסיי מוכין; זיי האָבן חתונה געהאַט גלייך נאָכן באַקומען די דיפּלאָמען. אינזש. אַלעקסיי מוכין האָט מען באַשטימט אויף אַרבעט אויפן ווייטן מזרח אין וולאַדיוואָסטאָק, און זי, נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ־מוכין, האָט מען געשיקט אַרבעטן קיין פּערם, ביים טייך קאַמאַ.

אַזוי אַרום האָט מען צעשטערט דאָס גליק פון דעם יונגן פּאָרפאָלק. דער לעצטער בריוו פון אַלעקסייען איז פון פינף יאָר צוריק. זי גלייבט אים מער נישט, דעם מאַן; ער פירט דאָרט זיכער ליבעס מיט אַנדערע פרויען און זי דאַ וויאַנעט ווי אַ בלום אין האַרבסט. פאַר אירע אויגן באַווייזט זיך דער שיינער, געבילדעטער צעך־נאַטשאַלניק, אַלעקסאַנדער. ער איז אַ שטילער, אַ שווייגער... איר פּנים גיסט זיך אָן מיט אַ רויטקייט. זי דערפילט, אַז מער קען זי נישט אויסהאַלטן. זי וועט אים היינט אָוונט פאַרבעטן...

די מוטער האָט איר געזאָגט:

— נאַטאַשאַ, מיר האָבן זיי דאָס לעבן צעריסן; אָבער דו — דו ביסט נאָך יונג! דער צעך־נאַטשאַלניק געפעלט דיר, טאָ פאַרשפּיל נישט דיין יוגנט. ס׳ווערט דיר שוין פינף און צוואַנציק יאָר. איך בין שוין אַלט און שוואַך און ס׳לעבן איז אַזוי שווער... איין גאָט ווייס ווי אַזוי מיר וועלן די מלחמה איבערלעבן...

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

נייִן, איך וועל שוין מער נישט וואַרטן; אויב די מאַכט דערלויבט פרייע ליבע, איז דאָס נישט בלויז פאַרן מאַן. די פרוי האָט אויך רעכט פריי צו לעבן. גאָט וועט מיך דערפאַר נישט שטראָפן, נישט איך האָב זיך צעשיידט מיטן מאַן — נאָר דער רעזשים האָט אונדז ביידן צעשיידט... די רוסישע רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט אַ גן־עדן אויף דער ערד און ווי עס שפּילן די גערדערעם ביים רוסישן מענטש שאָפּענס טרויער־מאַרש... נאַטאַשאַ האָט אויסגעשריגן ווי נישט מיט איר קול: יאָרן, מיינע

יוגנט־יאָרן, איר זייט צו מיר ווי דער טאָקוראַ־שטורעם, איר רייסט פון מיר שטיקער, מיין פאָטער האָט איר פון מיר אַוועקגעריסן, מיין מאַן האָט איר פון מיר צוגענומען, איז וואָס איז מיר געבליבן אויף דעם ערדישן גן־עדן — יסורים, נאָר יסורים...

די רעוואָלוציע האָט מיך פון גאָט אַוועקגעריסן און געשאַפן נייע געטער פאַרן רוסישן מענטש, יעדן פרימאָרגן, פירט דער פורמאַן אויפן בית עולם אַ פולן וואָגן מיט טויטע אַרבעטער, געפאַלענע ביי די מאַשינען פון הונגער... און די וועלט שווייגט...

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ טוט אָן דעם מאַנטל און לאָזט זיך גיין אין דער ערשטער שווענע־פאַבריק, איר האָט דירעקטאָר אָגראַדאָוו אַרויסגערופן, ס׳איז געפאַלן אַן אַרבעטער ביי די מאַשינען.

נאַטאַשאַ גייט מיט דער סאָוויעצקע־גאַס, זי גייט פאַרביי דאָס הויז מיט די רויטע ציגעלעך, עס גיט איר אַ פּיק ביים האַרץ, דאָס איז דאָס הויז פון די נקוו״ד. עס רוישט אין דעם הויז מיט די רויטע ציגעלעך ווי אין אַ בינשטאָק, מען פירט אַריין און אַרויס מענטשן; דאָ הייבט זיך אָן דער „ערדישער גן־עדן״; אין דעם הויז מיט די רויטע ציגעלעך פאַלן טרערן, זילבער־טרערן פון מענער, פרויען און יוגנטלעכע. אין דעם הויז מיט די רויטע ציגעלעך זיצט נאַטשאַלניק מאַראַזאָוו, ער האַלט די פעדן אין האַנט און שרייבט, ווועמען אין תפיסה, וועמען אין לאַגער און וועמען אין משוגעים־הויז... די געשרייען פון די פאַרמשפּטע הערט מען אויף דער גאַס. די מענטשן ווייסן שוין אַז זייערע טעג, וואָכן, זענען געציילטע; זיי וועלן אין תפיסה, לאַגער, אין משוגעים־הייזער שטאַרבן פון שווערער אַרבעט און פון הונגער.

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ גייט פאַרביי דאָס שטאָטישע אָפּערע־טעאַטער. ס׳הענגען דאָ לאָזונגען אויף ווייסע לייוונט מיט רויטע פאַרב; רויטע פענער. זי בלייבט שטיין, זי לייענט די פרישע לאָזונגען, „ברידער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״, פאַרן ערדישן גן־עדן, ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד.

נאַטאַשאַ גיט אַ שפּיי, און גייט ווייטער. עס קומען איר אַנטקעגן מענטשן מיט איינגעפאַלענע באַקן, אין קליידער צעריסענע און פאַרלאַטעטע. און דער ווינט וואָס יאָגט פון טייך קאַמאַ רייסט שטיקער פון די הונגעריקע מענטשן; און פון די ביימער פאַלן געלע בלעטער.

עס איז שוין האַרבסט, דער שטאָטישער גאָרטן איז פול מיט געל־בראָנדזענע בלעטער, דער ווינט שפּילט זיך מיט זיי, ער הייבט זיי אויף און טראָגט זיי ווייט, ווייט אַוועק.

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ גייט אַרויף אויף דער גאָרקי־גאַס; אַ ווייסער הונט קומט איר אַנטקעגן, ער גייט אויף זיינע פיס ווי אַ שיכור, ער וואַקלט זיך, דער עק איז ביי אים אַראָפּגעלאָזט. זי בלייבט שטיין עפנט די האַנטטאַש, יאָ, די מוטער אַנאַ האָט אַריינגעלייגט אַ שטיקל ברויט; זי צעטיילט דאָס שטיקל ברויט אויף צוויי טיילן, איין טייל גיט זי דעם הונט. דער הונט עפנט ברייט די אויגן, מיטן מויל כאַפּט ער דאָס שטיקל ברויט.

נאַטאַשאַ גיט דעם הונט אַ גלעט איבערן קאָפּ, דער הונט לאָזט אַרויס אַ רויטע צונג און גיט אַ לעק די האַנט ביי די דאָקטאָרין. נאַטאַשאַ גייט ווייטער, דער וויסער הונט גייט איר נאָך. ער הייבט אויף דעם עק און פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימל.

ד"ר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ גייט צו דער פאַבריק, ס'קומט איר אַנטקעגן דירעקטאָר אַגראַדאָוו:

— גייט שנעל דאָקטאָר;

— איך גיי, איך גיי.

— צעך־נאַטשאַלניק אַלעקסאַנדער איז אין צעך?

— יאָ, ער איז דאָ!

— איך זע אַז מיין צעך־נאַטשאַלניק געפעלט אייך!

— פאַר וואָס ניִשט? אַ שיינער מאַן — און פרייע ליבע איז דערלויבט!

— יאָ, דאָקטאָר, מיר לעבן אין סאָוויעטישן גן־עדן, ווו דער מענטש איז פריי.

אויף אונדזערע לאָזונגען שרייבן מיר: מיר וועלן אויפבויען אַ וועלט אַ גלייכע — פאַר אַלע גלייך.

נאַטאַשאַ האָט מער ניִשט געוואָלט אויסהערן, די ליגנס, מיט שנעלע טריט איז זי אַוועק פון דירעקטאָר אַגראַדאָוו, זי האָט זיך דערמאָנט אין איר פאָטער, פּראָפעסאָר פאַוועל מאַסלאָוו.

די ווערטער פון דירעקטאָר אַגראַדאָוו האָבן איר געגרילצט די אויערן: מיר וועלן בויען אַ וועלט אַ גלייכע, פאַר אַלע גלייך. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן הונגעריקן הונט, ווידער האָט ער זיין עק אַראָפּגעלאָזט און דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד... מיט שנעלע טריט האָט נאַטאַשאַ זיך דערנענטערט צו דער פאַבריק; זי האָט שוין געהערט דאָס רוישן פון די מאַשינען. זי איז געווען צופרידן וואָס די גיכע הילף איז ניִשט געקומען. זי האָט געמוזט גיין.

איר פּנים האָט אַ לייכט געטאָן ווי זיבן גאָלדענע שטראַלן, איר האַרץ האָט געלאַכט, זי וועט איינלאַדן דעם שיינעם מאַן, דעם צעך־נאַטשאַלניק, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו, אויף היינט אָונט. זי וועט אים שענקען איר וואַרעמע ליבע, זי ווייסט, אַז אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו איז געקומען אין סאָוויעטישן גן־עדן צו געפונען רו. די גרויזאַמע מלחמה האָט אים מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן פון זיין געבוירן אָרט און דאָ האָט ער געוואָלט געפונען רו און פרידן — ער האָט קיין רו ניִשט געפונען און קיין פרידן אויך ניִשט.

נאַטאַשאַ איז געבליבן שטיין ביי דער שוועבל־פאַבריק; אויך דער הונט איז שטיינגעבליבן.

זי האָט דעם הונט אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, דער הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און זיינע אויגן האָבן זיך פאַרלאָשן.

דער צעך־נאַטשאַלניק, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו, איז געזעסן איבערגעבויגן ביי זיין שרייבטיש, ער האָט דורגעקוקט די באַריכטן.

אויפן טיש זענען געלעגן דריי בלייערס — אַ רויטע, אַ בלויע און אַ שוואַרצע.

ביי יעדן נאָמען פון אַ סטאַכאַנאָוויעץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיטן רויטן בלייער געשטעלט אַ צלמל.

ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט מיט די סטאַכאַנאָווצעס, האָט ער גענומען דעם בלויען בלייער אין האַנט און געמאַכט צלמלעך ביי די נעמען פון די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויס די נאָרמע. פאַרענדיקט מיט די נאָרמע־אַרבעטער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט איבער זיין אַרבעטס־צימער.

דער שוואַרצער בלייער איז געלעגן אין דער זייט פון טיש. ער האָט אים גענומען אין זיין האַנט און ער האָט אַ ציטער געטאָן: ער האָט דערפילט ווי עס גיט אים אַ פּיק אונטערן לעפעלע. זיינע אויגן האָבן שנעל גענומען לויפן איבערן באַריכט: אַזויפיל אַרבעטער פון צעך האָבן נישט אויסגעפירט די נאָרמע.

מיטן שוואַרצן בלייער האָט ער געשטעלט צייכנס. אַזוי פיל שוואַרצע סימנים — עס האָט אים אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן.

— מען וועט מיר די הויט אָפּשינדן, אויב איך וועל נישט מאַכן דעם פּלאַן...

אין צימער איז אַריינגעקומען נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער האָט זי זיך דערנענטערט צום טיש.

— אַ גוט מאָרגן דיר, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו!

אַלעקסאַנדראָוו, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ: — אַ גוט יאָר אייך דאָקטאָר.

— איר האָט גאָר נישט געהערט מיין אַריינקומען?

— זעט, דאָקטאָר, איך בין פאַרנומען...

— אַ מענטש טאָר אַזוי נישט אַרבעטן. איר אַרבעט, טאָג און נאַכט, ווי גאַנץ רוסלאַנד וואָלט געלעגן אויף אייער קאָפּ.

— ס'איז מלחמה. איר ווייסט דאָך, דער פראָנט דאַרף האָבן באַקליידונג און איך מוז מאַכן דעם פּלאַן, אַז נישט וועט מען פון מיר די הויט אָפּשינדן...

נאַטאַשאַ איז צוגעגאַנגען נענטער צו אַלעקסאַנדערן, אַרויפגעלייגט איר איידעלע האַנט אויף זיין אַקסל און שטיל געזאָגט:

— היינט אָוונט, אַכט אַזייגער, וואַרט איך אויף אייך ביי מיר אין שטוב אויף גאָרקי־גאַס...

נאָך איידער אַלעקסאַנדער האָט באַוויזן איר צו ענטפערן איז זי שוין אַרויס פון צימער. ער האָט אַוועקגעלייגט אין שופלאָד די נעכטיקע באַריכטן און איז אַריין אין צעך. די מאַשינען האָבן געררוישט. דער „סמיענע״־מייסטער, וואַסיל, דערזעענדיק אַריינקומען דעם צעך־מייסטער, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און זיך באַגריסט.

די בריגאַדירן זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע בריגאַדעס. זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט, אַז אַלעקסאַנדראָוו איז אַריינגעקומען אין צעך.

אַלעקסאַנדראָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַכאַנאָוויעץ. ער האָט אַרויס־גענומען פון דער קעשענע אַ דאָבאַוואָטשני טאַלאָן אויף פופציק גראַם קאַשע און פופציק גראַם פלייש און אים דערלאַנגט; דער אַרבעטער האָט אַ שמייכל געטאָן, נעמענדיק דעם טאַלאָן. ער איז געגאַנגען ווייטער איבערן לאַנגן צעך און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַרבעטער און אויף אַן אויער אים געזאָגט: — מאַך דעם

פלאַן, וועסט באַקומען אַ צוגאָב־טאַלאָן אויף פופציק גראַם קאַשע און פופציק גראַם פלייש... דער אַרבעטער האָט נישט געהערט, די מאַשינען האָבן געררישט. אַלעקסאַנדער האָט גענומען דעם אַרבעטער ביי דער האַנט, געפירט אים צו זיך אין קאַנטאָר און אַוועקגעזעצט ביים טיש. ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד דעם נעכטיקן באַריכט, געפינען דעם נאָמען פון אַרבעטער:

— איוואַן איוואַנאָוויטש, כ׳וויל מיט אייך רעדן פון האַרצן; איר זענט הינטערשטעליק מיט דער אַרבעט; איך וויל איר זאָלט מאַכן דעם פולן פלאַן. איר ווייסט, מיר האָבן שוין באַקומען פון מאָסקווע צוגאָב־טאַלאָנען פאַר סטאַכאַנאָווצעס: פופציק גראַם קאַשע און פופציק גראַם פלייש. נאַ, זעט די טאַלאָנען.

— גיט מיר, נאַטשאַלניק אַ דאַבאַוואָטשני טאַלאָן — איך זאָג אייך צו, אַז כ׳וועל אויספילן די נאָרמע.

— איך קאָן עס דיר נישט געבן — דאָס איז באַשטימט פאַר סטאַכאַנאָווצעס.

— כ׳בין הונגעריק, כ׳האָב נישט קיין כוח צו אַרבעטן; פון וואָס זאָל איך האָבן כוח — פון דער פאַקשיווע־זופּ, געשמאַלצן מיטן ביסעלע אייל?

— נעמט, איוואַן איוואַנאָוויטש, מיין טאַלאָן היינט אויף מיטאָג און עסט צוויי זופּן מיט צוויי פּאַרציעס ברויט.

— און וואָס וועט איר עסן?

— איך בין נישט הונגעריק...

— נישט ריכטיק, איר זייט אויך הונגעריק.

— נעמט מיין טאַלאָן...

— נאַטשאַלניק, איך וועל נישט נעמען אייער טאַלאָן. כ׳וועל פאַרבייסן די ליפּן מיט די ציין און צוהונגערן...

— נעם מיין טאַלאָן, עס צו דער זעט און ווער פון היינט אָן אַ סטאַכאַנאָוויעץ.

— איך וועל נישט קענען עסן, ווייסנדיק, אַז איר זענט הונגעריק.

— זאָרג נישט פאַר מיר, איך וועל נישט בלייבן הונגעריק.

— גיט מיר נאָר אַ צוגאָב־טאַלאָן און איך וועל אַלץ טאָן בכדי אויסצופילן די נאָרמע.

— גוט, נאַדיר אַ צוגאָב־טאַלאָן.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט גענומען דעם טאַלאָן און צוריק אַריין אין צעך.

אַלעקסאַנדראָוו איז געזעסן און געטראַכט: האָט ער געמעגט געבן דעם טאַלאָן? וואָס וועלן זאָגן די אַרבעטער, זעענדיק אַז יענער וועט עסן קאַשע מיט פלייש, כאָטש ער איז נישט קיין סטאַכאַנאָוויעץ? זאָלן זיי רעדן וואָס זיי ווילן און איך וועל האַנדלען אַזוי ווי איך פאַרשטיי — האָט ער באַשלאָסן ביי זיך. אַרבעטער דאַרפן זיין זאַט, דאַן וועט אויך דער פלאַן זיין געזיכערט.

אַ גאַנצן טאָג איז דער נאַטשאַלניק נישט אַרויס פון צעך — געלערנט די בריגאַדירן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, זי זאָל גיין שנעלער און לייכטער. געענדיקט די אַרבעט־„סמיענע״, איז ער געגאַנגען צו זיך אין שטוב. ס׳איז אים געווען קאַלט אויף דער נשמה. די דייטשן זענען שוין אין סמאָלענסק, נישט ווייט

פון מאָסקווע. ער האָט זיך געלייגט אויפן בעט און גענומען אין האַנט טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום". נאַפּאָלעאָן, קוטוזאָוו... עס האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעשלאָגן אַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט פון בעט, אַריין אין קיך זיך אָפּוואַשן, אָנגעטאָן אַ פּריש־געפּרעסט העמד, דעם נייעם קיטעל מיט רויטע קאַנטן אַרום קאָלנער, פאַרקעמט די שוואַרץ־געלאָקטע האָר, אָנגעטאָן דעם שינעל און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט צו דער גאָרקי־גאַס.

שוין פון דערווייטנס האָט ער דערזען אַז אין דער דירה פון דער דאָקטאָרין ברענט דער זשיראַנדאָל מיט אַלע לאָמפּן, און זי שטייט ביים פענצטער און קוקט אַרויס. ער גייט צו נאַטאַשאַן דאָס ערשטע מאָל. ער ווייסט, אַז זי איז צו אים נישט גלייכגילטיק. זי איז יונג און שיין — איר מאַן איז ערגעץ ווייט. יעדעס מאָל ווען זי קומט אין פאַבריק מיט דער גיכער הילף, קום טזי אַריין צו אים אין צעך.

ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ס'האָט אים אַ פּיק געגעבן ביים האַרץ. ער גייט פירן אַ ראָמאַן אין אַזאַ צייט... בעת אַזאַ בלוטיקע מלחמה?

די טיר האָט געעפנט די דאָקטאָרין אַליין.

— אַזוי שפּעט, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש? איך וואַרט און וואַרט...

— אַזאַ צייט, דאָקטאָר, זייער אַ שווערע צייט.

— קומט אַריין, טוט אויס דעם שינעל. אין שטוב איז וואַרעם, איך בין אַליין — די מאַמע איז אַוועק אין דאָרף עפּעס טוישן.

אַלעקסאַנדער איז אַריין אין צימער. די פינף לאָמפּן האָבן אַ בלענד געטאָן זיינע אויגן. דער זשיראַנדאָל האָט אים דערמאָנט אין דעם חנוכה־לאָמפּ ביים פינפטן חנוכה־ליכטל אין נאַזשיקס שול אין וואַרשע. ער האָט אויסגעטאָן דעם שינעל און אַריין אין אויפנאַם־צימער. שוין לאַנג, זייער לאַנג, איז ער נישט געווען אין אַזאַ וואַרעמען, ליכטיקן צימער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים סערווירטן טיש אַנטקעגן נאַטאַשאַן. ביידע האָבן געשוויגן, נאָר אירע אויגן האָבן גערעדט, איר פּנים האָט געלויכטן ווי זיבן זונען. דאָס ווייסע, פּריש־געפּרעסטע בלוזקעלע האָט געשמעקט.

פאַר אַלעקסאַנדערן האָט זיך ווי געעפנט אַ פילם־לענטע. ער האָט דערזען זיין יונגע פרוי און דאָס קינד, ווען ער האָט זיי איבערגעלאָזט אין דער ווייטער שטאָט וואַרשע. מ'האָט אים גערופן צום מיליטער, זיך שלאָגן מיט די דייטשן. ער פילט, אַז דאָרט דערוואַרט זיי אַ גרויס אומגליק; ער פילט זיך שולדיק וואָס זיי זענען דאָרט געבליבן.

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ לאָזט אים נישט טראַכטן; זי גיסט אָן צוויי גלעזער וואָדקע.

— לאָמיר טרינקען, אַלעקסאַנדער, פאַרן זיג איבער דעם דייטשישן פאַשיזם.

— גוט געזונט, דאָקטאָר!

ער האָט גענומען דאָס פולע גלאָז און אָנגעקלאַפּט דערמיט אין גלאָז פון נאַטאַשאַ, דערנאָך מיט איין שלונג אַריינגעגאָסן אין זיך דאָס געטראַנק.

נאַטאַשאַ איז אַריין אין קיך, אַרויסגענומען פון אויוון אַ הייסן בראָטן מיט קאַרטאָפל און אָנגעלייגט אויף צוויי טעלער, וועלכע זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

אַלעקסאַנדער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט. אַזאַ געשמאַקן בראָטן האָט ער שוין לאַנג נישט געגעסן. נאַטאַשאַ האָט גענומען עפּענען איר האַרץ פאַר אים.

...דאָס ערשטע מאָל ווען כ'האָב איך דערזען אין צעך, האָט אין מיין האַרץ זיך אויפגעכאַפּט אַ פונק פון ליבע. מיין מאַן, דער אינזשיניער אַלעקסיי מוכין, איז אַוועק אַרבעטן אין פּאָרט וולאַדיוואָסטאָק, אויפן וויטן מזרח גלייך ווי ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם. מיך האָט מען געשיקט אַרבעטן קיין פּערם און אַזוי אַרום אונדז צעשיידט. די ערשטע צייט האָט מיר מיין מאַן געשריבן ליבע־בריוו, שפּעטער האָבן די בריוו אויפגעהערט צו קומען. ווייזט אויס, ער האָט דאָרט אַן אַנדערע פרוי. איך האָב באַשלאָסן אַראָפּנעמען פון זיך די פליכט לגבי אים, און ליבן אַ מאַן, וועלכער וועט מיר זיין צום האַרצן.

— דאָקטאָר, עס גייט אַן אַ גרויסע מלחמה, די דייטשן דערנענטערן זיך צו מאָסקווע. מיר מוזן פאַרלעשן די ליבע־פונקען ביי דער ערשטער אויפלאַטערונג.

— איך קען מער נישט פאַרלעשן מיין ליבע. מיין האַרץ איז קעגן דעם. כ'בין יונג, קוים פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, מיין מאַן לעבט דאָרט מיט אַן אַנדערע און איך וויל מיך נישט פאַרשליסן אין די מויערן, ווי אַ מאָנאַשקע — ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען נישט פאַראַן קיין נאָנעס און קיין קלויסטערס.

אַלעקסאַנדער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. אין דמיון האָט ער דערזען זיין צעך, די אַרבעטער. דער זייגער האָט געשלאָגן צען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין. נאַטאַשאַ איז צו צו אים, אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין ברייטן שטערן. אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

אַלעקסאַנדער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, צוגעפירט צום שטול און זי אַוועקגעזעצט. ער האָט צוגעלייגט זיינע ליפּן צו איר האַנט, אַ קוש געטאָן און שטיל געזאָגט:

— איך גיי איצט אין פאַבריק קאָנטראָלירן די אַרבעט פון דער נאַכט־שיכט. נאָך צוועלף, אין האַלבער נאַכט, וועל איך צוריקקומען. וואַרט אויף מיר, נאַטאַשאַ.

נאַטאַשאַ האָט אים אַרומגענומען, צוגעפּאַלן צו זיינע ליפּן און איינגעביסן זיך אין זיי ביז בלוט.

— איך וועל אויף דיר וואַרטן.

זי האָט אים אַרויסבאַגלייט ביז צו דער טיר.

אַלעקסאַנדער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער פאַבריק מיט שנעלע טריט. פון דער וויטן האָט ער דערזען די ליכט פון פאַבריק. ער איז אַריין אין צעך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. דער „סמיענע״־מייסטער און דער בריגאַדיר האָבן זיך צו

אים באַגריסט. די אַרבעטער ביי די מאַשינען האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן שנעלער. ער האָט געדענקט אַלע אַרבעטער, וועלכע שטייען אָפּ און פילן נישט אויס די נאָרמע. ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון זיי.

— וואָס פעלט דיר, דו זאָלסט אויספירן דעם פּלאַן?

— מיר פעלט עסן, נאַטשאַלניק!

— און אַז איך וועל דיר געבן אַ צוגאָב־טאַלאָן אויף קאַשע און פליש, וועסטו יאָ מאַכן דעם פּלאַן?

— יאָ, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש. איך וועל מאַכן דעם פּלאַן!

— נאַ דיר אַ טאַלאָן. מאָרגן וועסטו אין דער סטאָלאָווע באַקומען אַ צוגאָב. אַרבעט מיט אַ ווילן, ווי אונדזערע שלאַכטלייט אויפן פראָנט!

אַזוי איז אַלעקסאַנדער אַרומגעגאַנגען איבערן צעך, פון אַרבעטער צו אַרבעטער, אַלע, וועלכע האָבן נישט אויסגעאַרבעט די נאָרמע, און געטיילט טאַלאָנען אויף קאַשע מיט פליש. ער האָט גוט געוווסט, אַז ער טאָר דאָס נישט טאָן; די טאַלאָנען זענען באַשטימט פאַר די סטאַכאַנאָווצעס, און ער טיילט זיי פאַר די אַלע טויגעניכצן. ער ווייסט גוט, אַז דינסטיק, אויף דער פּאַרטיי־זיצונג וועט מען אים נישט שאַנעווען, אָבער ער, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו גייט זיך זיין אייגענעם וועג. מען מעג אים דערפאַר באַשטראָפן — ער ווייסט אָבער, אַז ער האַנדלט ריכטיק.

דער עלעקטרישער וואַנט־זייגער ווייזט צוועלף. אַלעקסאַנדער האָט זיך דערמאָנט אין זיין צוזאָג צו נאַטאַשאַ. ער טוט אָן דעם שינעל און פאַרלאָזט דעם צעך.

דאָקטאָר מאַסלאָוואַ איז געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגן. איר גאַנצער קערפּער איז געווען איין שטיק פייער. שוין נאָך צוועלף און ער איז נאָך נישטאָ. זי איז אַראָפּ פון בעט און איז צו צום פענצטער. די גאַס איז געווען שטיל און ליידיק. אַ רויטע לבנה איז אַרויס פון אונטער אַ שוואַרצן וואָלקן און באַלויכטן די גאָרקי־גאַס.

ענדלעך האָט זי דערזען אַ געשטאַלט. דער מענטש גייט פּאַוואָלינקע, ער האָט צייט. זי האָט אים דערקענט — דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער. זי איז צו צום שפּיגל, זיך איינגעקוקט. זי איז שיין, יונג, פאַר וואָס זאָל זי נישט לעבן?

אַ קלונג ביי דער טיר. אַלעקסאַנדער איז שנעל אַריין אין דער וואַרעמער שטוב, אַראָפּגענומען פון זיך דעם שינעל, דעם קיטעל און געבליבן שטיין אין ווייסן העמד. נאַטאַשאַ נעמט אים אַרום און באַדעקט זיין פּנים מיט קושן. ער לאָזט זיך אַריינפירן אין שלאָפצימער. זי — חווה־נאַקעט — העלפט אים שנעל אויסטאָן דאָס העמד.

— ליב מיך, מיין ליבער, — שעפּטשעט זי אים אין אויער אַריין. — לאָמיר היינטיקע נאַכט פאַרגעסן פון דער שלעכטער וועלט. מיר זענען אַליין, דו און איך. סטאַלין גופא וועט אונדז מוחל זיין; מיר באַגייען נישט קיין שום פאַרברעכן; מיר זענען יונג און האָבן רעכט אויף ליבע...

זייערע קערפּערס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן...

דער וואַנט־זייגער האָט געשלאָגן זיבן. דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס האָבן זיך דורכגעריסן זון־שטראַלן. דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָט געעפנט די אויגן און גלייך אַראָפּ פון בעט. דער קלאַנג פון זייגער האָט זי דערמאָנט דאָס קלינגען פון גלאָקן אין צערקווע.

נאַטאַשאַ האָט געעפנט די לאָדנס, אַ נייער טאָג איז אויפגעשטאַנען. זי איז צוריקגעגאַנגען צום בעט. אַלעקסאַנדער איז געשלאָפן. זיין פּנים איז געווען אָפּגע־ברענט פון דער זון. זיין ברייטער שטערן, דער געלאָקטער קאָפּ האָר, די ברייטע ברוסט — אַלץ ביי אים איז נאַטאַשאַן געווען ליב. נאָך עפּעס: זי האָט געהערט רעדן וועגן זיין יידישקייט, אָבער נישט געווען זיכער אין דעם. איצטער האָט זי עס שוין געוווּסט אויף זיכער. ער אַליין האָט עס איר געזאָגט. זי האָט זיך דער־פרייט. אַלעקסאַנדער איז אַ ייד און יידן, ווי באַוווּסט, זענען גוטע מענער. ווי שיין, ווי געזונט ער איז!

זי איז אַריין אין קיך, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און צוריק אַריין אין שלאָף־צימער. אַלעקסאַנדער איז נאָך געשלאָפן. לבסוף האָט ער געעפנט די אויגן און דערזען נאַטאַשאַן זיצן אויפן ראַנד פון בעט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן און געשעפּטשעט:

— ווען היינט איז רו־טאָג, וואָלט איך מיך איצט געלייגט נעבן דיר און געקושט דיין ברייטער ברוסט, דיינע ליפּן, דיין שטערן... ביסט אַ גוטער, אַ שטאַרקער מאַן, איך האָב דיך ליב! די מאַמע וועט קומען צוריק פון דאָרף וועל איך דיך באַקענען מיט איר. זי איז זייער אַ גוטע. זי האָט אַזוי פיל אין איר לעבן געליטן. אין יאָר 1937 האָט מען מיין טאַטן, מעדיצין־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו, צוגענומען פון שטוב און ביזן היינטיקן טאָג ווייסן מיר נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. מיין מאַמע האָט איר מויל פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און שווייגט. פאַר די עטלעכע יאָרן איז זי געוואָרן אַן אַלטע פרוי. אַנאַ מאַסלאָוואַ, די אַמאָליקע שיינהייט, דאָקטאָר דענטיסט. זי אַרבעט און שווייגט. און אין דער שטיל טרויערט זי נאָך איר געליבטן מאַן.

אַלעקסאַנדער האָט אַרויפגעלייגט זיין גרויסן פינגער אויף איר מויל, אַ סימן זי זאָל שווייגן.

— דו, מיין ליבער, ווילסט איך זאָל שווייגן. מיין האַרץ ווערט צעריסן פאַר ווייטיק. ווו איז מיין פאָטער?

— שווייג, נאַטאַשאַ, שווייג, ווענט האָבן אויערן! דו וועסט אויך מיך פאַרלירן, אויב דו וועסט רעדן. איך וועל נישט קאָנען מער לייגן מיין קאָפּ אויף דיינע ברוסטן. דו ווייסט, נאַטאַשאַ, ווי שווער איך אַרבעט. אַזוי פיל מענטשן, אַלע פאָדערן פון מיר — און איך האָב זיי נישט וואָס צו געבן.

— דו אַליין האָסט אָנגעהויבן רעדן...

— יאָ, מען פאַרגעסט זיך.

— דו, אַלעקסאַנדער, ביסט ענלעך צו מיין פאָטער — ער האָט אויך געהאָט

אַ טבע צו פֿאַרגעסן זיך. לאָמיר ביידע שווייגן, אַלעקסאַנדער און ליבן, ווי די ווייסע טויבן. זע, ווי זיי פֿלאַטערן אויף און דערנאָך זעצן זיי זיך אויף אונדזער דאַך און ליבן זיך...

קום פֿרישטיקן אַלעקסאַנדער. ניין אַ זייגער דאַרפֿן מיר זיין ביי דער אַרבעט.

אויפֿן טיש איז שוין געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, נעבן אים אויף אַ טעלערל געהאַקטע שטיקלעך צוקער, אַ סלאָיקל מיט פּוטער און עטלעכע שטיקלעך שוואַרץ ברויט.

ער האָט אָפּגעגעסן פֿרישטיק, אָנגעטאָן דעם שינעל און אויסגעצויגן זיין האַנט צו נאַטאַשאַן. זי האָט אים דערלאַנגט איר האַנט און אַלעקסאַנדער האָט זי צוגעלייגט צו זיינע ליפּן און אַ קוש געטאָן אויפֿן פּוילישן שטייגער.

— וועסט קומען, אַלעקסאַנדער, אין אָוונט? מיין מאַמע וועט שוין זיין. איך וויל דו זאָלסט זיך באַקענען מיט איר.

— וואַרט, נאַטאַשאַ. היינט איז דינסטיק... ווער ווייס צי כ׳וועל קענען היינט קומען — היינט איז אין דער פֿאַבריק אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די פּאַרטיי־מיטגלידער, פֿון די קאָמוניסטן.

— ווי קומסט דו אויף דער חתונה, אַלעקסאַנדער?

— איך מוז זיין אויף דער זיצונג, אַלס אָבסערוואַטאָר, ווי אַ נאַטאַשאַלניק פֿון צעך. איך מוז אויסהערן די קריטיק אויף מיר, כ׳מעג אויך ענטפֿערן אויף די פֿאָרוווּרפֿן לגבי מיר, נאָר קיין שטים־רעכט האָב איך נישט. זיי, די קאָמוניסטן, באַשטימען וואָס עס איז גוט פֿאַר דער פֿאַבריק, און איך, דער פֿאַכמאַן, דאַרף שווייגן און מיט פֿאַרביסענע ציין אויספֿירן די באַשלוסן.

ער האָט געעפֿנט די טיר און שטיל געזאָגט:

— וואַרט אויף מיר, איך וועל קומען, נאָר שפּעט ביי נאַכט.

— איך וועל וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט, אפֿילו ביז טאָג. היינט שרייב איך מיין מאַן אַ בריוו, קיין וולאַדיוואָסטאָק, ער זאָל מער צו מיר נישט קומען, איך רייס איבער מיט אים אויף אייביק.

— טו ווי דו פֿאַרשטייסט. אַ גוטן טאָג.

אַלעקסאַנדער איז געגאַנגען מיט דער גאָרקי־גאַס צו זיין פֿאַבריק. אויף די גאַסן איז געווען רוישיק: מענטשן זענען געשטאַנען ביי די הילכערס און געוואַרט אויף אַ קאָמוניקאַט פֿון פֿראָנט. פֿון דיביימער האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן די ערשטע האַרבסט־בלעטער.

אַלעקסאַנדער איז געגאַנגען פֿאַרטראַכט. עס קומט אָן דער שווערער רוסישער ווינטער און די פֿאַבריק האָט נישט קיין באַהייץ־מאַטעריאַל. ווי אַזוי וועלן די אַרבעטער אין די קאַלטע מויערן פֿון דער פֿאַבריק טרייבן די מאַשינען? ער האָט געוואָלט פֿאַרטרייבן פֿון זיך די שווערע געדאַנקען און נישט געקענט.

ווען ער איז צוגעקומען צום טייך האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מוח. אויף דער צווייטער זייט טייך ציען זיך וועלדער, ווייט, ווייט, ביז סיביר. עס פֿעלט נישט קיין האָלץ אין רוסלאַנד — נאָר ווי ברענגט מען עס אין דער פֿאַבריק?

היינט וועט ער רעדן אויף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג וועגן האַלץ פאַר דער פאַבריק אויף ווינטער.

פונקט ניין אַזייגער איז דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ געקומען צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל אויף לענינאַ־גאַס. עס איז איר אַנטקעגן געקומען די אויגן־דאָקטאָרין, עמיליאַ לעווין און זיך מיט איר באַגריסט.

— זעסט היינט אויס, נאַטאַשאַ, פּרעכטיק שיין. מסתמא איז דיין מאַן געקומען.

— מיין מאַן וועט שוין מער צו מיר נישט קומען — כ׳האָב אים געשריבן, ער זאָל נישט קומען.

— ווי פאַלסטו אויס אים צו שרייבן?

— ער האָט דאָרט פיר אַנדערע ווייבער.

— די אויגן גלאַנצן ביי דיר, נאַטאַשאַ, ווי די זון נאָך אַ רעגן...

— רעדסט נאַרישקייטן, עמיליאַ.

— איך זע, ווי דיין האַלדז איז צעביסן — ביסט די נאַכט געשלאָפן מיט אַ מאַן.

— לאָמיר, עמיליאַ, וועגן דעם נישט רעדן...

— זעסט, כ׳האָב געטראָפן.

— טאָר איך נישט?

— ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראַן פרייהייט. מען קאָן זיך ליבן וויפל דאָס האַרץ פאַרלאַנגט. אָבער זאָג מיר, נאַטאַשאַ, ער איז אַ שיינער, אַ שטאַרקער, האָסט אפשר זיין בילד?

נאַטאַשאַ האָט אַרויסגענומען אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון אַלעקסאַנדערן און געוויזן דער חברטע.

— אַך, ער איז ביי מיר געווען — כ׳האָב אי מאויסגעשריבן נייע גלעזער.

ער איז אַ פרעמדער, נישט קיין רוסישער, אַרבעט אין דער פאַבריק אויף סאָוויעטסקאַיאַ־גאַס, אַ צעך־נאַטשאַלניק. נאַטאַשאַ, דו ווייסט נישט ווער ער איז... מע קאָן דיך נאָך פאַרשיקן אין אַ לאַגער, ווי מע האָט דאָס געטאָן מיט דיין פאָטער, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו.

— מאַך מיר נישט אָן קיין שרעק. איין טאָג לעבן מיט אַזאַ מאַן ווי אַלעקסאַנדער איז ווערט צען יאָר לאַגער.

— נאַטאַשאַ, דו ווילסט גיין קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט?...

— איך וויל גאָר נישט פון דער סאָוויעטישער מאַכט — מיין פּריוואַט לעבן געהערט נאָר מיר. איך מעג זיך טרעפן מיט אַ מאַן, וואָס מיין האַרץ ליבט.

— דער קאָמוניזם לערנט אונדז נישט אַזוי...

— לערן, דו, עמיליאַ דעם קאָמוניזם און איך לעב מיר אומפּאַרטייִיש.

צו נאַטאַשאַן איז צוגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער און איר דערלאַנגט די ליסטע פון פּאַציענטן.

— איצט גיי איך צו דער אַרבעט, עמיליאַ, מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן.
— איך וועל היינט צו דיר קומען, נאַטאַשאַ.
— ניין, עמיליאַ, קום שבת־אָוונט.
— גוט. איך וועל צו דיר קומען שבת אין אָוונט, נאָר זע, אַז דער מאַן זאָל זיין ביי דיר — איך וויל אים באַקענען. מיינע בלוטן גיבן מיר אויך נישט קיין רו.
— דו ביסט אַ קאָמוניסטקע, וועסטו שלאָפן מיט אַ פרעמדן מאַן?
— אויב ער וועט מיר געפעלן — פאַר וואָס נישט?
די דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין און נאַטאַשאַ זענען זיך צעגאַנגען יעדע אין איר זייט.

***

ווען אַלעקסאַנדער איז געקומען אין צעך איז אים אַנטקעגן געקומען דער בריגאַדיר ליזאַ וואָראָנאָווא. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים דערציילט, אַז סמאָלענסק איז געפאַלן — איר געבוירן־שטאָט! אַלעקסאַנדער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל.
— וויין נישט, ליזאַ, וויין נישט. איך טראַכט צו גיין פרייוויליק אויפן פראָנט.
— גייט נישט, נאַטאַשלניק, אויף וועמען וועט איר אונדז דאָ איבערלאָזן?
— דער פראָנט איז בילכער און דאַרף מענטשן פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף — און איך האָב שוין געקעמפט מיט דעם שונא אויף דער ערשטער ליניע, כ׳בין געווען פאַרוואונדעט. איצט וויל איך גיין זיך שלאָגן אינעם אַנטשיידנדיקן שלאַכט.
— ניין, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש, איר טאָרט נישט אַוועקגיין פון דער פאַבריק. די „סמיענע״־מייסטערס, די בריגאַדירן, די אַרבעטער — אַלע האָבן אייך גערן. בלייבט מיט אונדז.
— אויב מאָסקווע וועט זיין באַדראָט, גיי איך פאַרטיידיקן די הויפט־שטאָט.
— עס שמעקט אַזוי פון אייך היינט, אַלעקסאַנדער — איר זעט אויס אַזוי שיין היינט.
— אַ מענטש דאַרף זיך האַלטן ריין.
— די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז דאָ נעכטן געווען. זי האָט זיך געפרעגט אויף אייך. כ׳האָב זי אַריינגעשיקט צו אייך.
— עס קומט דיר אַ דאַנק, ליזאַ.
— איך וויל נישט פון אייך קיין דאַנק — איך וויל איר זאָלט היינט נאָך דער פאַרטיי־זיצונג קומען צו מיר. איך וווין נישט ווייט פון דער קיראָוו־גאַס. מירן אויסטרינקען צו גלעזלעך.
— אָך, ליזאַ, מען טאָר נישט! דיין מאַן, דער קאָמאַנדיר וועט קומען, וועט ער מיך דערהרגענען.
— ער וועט שוין צו מיר מער נישט קומען. ער איז געפאַלן פאַרן פאָטער־

לאַנד. כ׳האָב באַקומען אַ מעלדונג. כ׳בין געבליבן מיט מיין 8 יאָריק זונעלע. כ׳בין אַ יונגע פרוי — נאָך נישט קיין דרייסיק יאָר אַלט.

— גיי איצטער, ליזאַ, צו דער בריגאַדע; שפּעטער וועסטו קומען צו מיר. כ׳וויל וויסן ווי אַרבעטן די אַרבעטער אין דיין בריגאַדע.

די בריגאַדירן ליזאַ וואָראָנאָוואַ האָט זיך דערפרייט. דער צעך־נאַטשאַלניק האָט איר געבעטן קומען צו זיך אין אַרבעטס־צימער!

אַלעקסאַנדער איז אַריין אין צעך. ס׳האָט געראַשט. די אַרבעטער זענען געזעסן איינגעבויגן איבער די מאַשינען און געשטעפּט. די סמיענע־מייסטער און די בריגאַדירן זענען אַרומגעגאַנגען אַרום די אַרבעטער און געלערנט זיי, ווי אַזוי צו אַרבעטן שנעלער און בעסער.

אַלעקסאַנדער איז אַריין צו זיך אין קאַנטאָר. ער האָט גענומען די סוואָדקע פון דער נעכטיקער סמיענע. די בלייערס זענען געלעגן אויפן טיש. דער רויטער בלייער האָט אַ בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן; ער האָט אים גענומען אין האַנט אַריין. ער האָט זיך אַליין נישט געגלייבט: איוואַן איוואַנאָוויטש האָט איבערגע־שטיגן דעם פּלאַן — ער האָט אויסגעפירט 150% פון דער נאָרמע. אַלעקסאַנדער איז געוועזן צופרידן! — וואָס אַ צוגאָב־טאַלאָן קאָן מאַכן? צום ערשטן מאָל האָט ער פאַרצייכנט דעם נאָמען פון אַרבעטער איוואַנאָוו מיטן רויטן בלייער.

ביים פאַרצייכענען די אַרבעטער, האָט ער באַמערקט, אַז היינט זענען ביי אים וויניק שוואַרצע צייכנס — די אַרבעטער ווילן באַקומען אַ צוגאָב־טאַלאָן אויף פלייש און קאַשע.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, אַגראַדאָוו. ער האָט באַגריסט אַלעקסאַנדערן, דערלאַנגענדיק אים די האַנט.

— זעצט אייך, חבר דירעקטאָר. וואָס וועט איר מיר זאָגן גוטעס?

— נישט קיין גוטעס וויל איך דיר זאָגן. דער טעכניקער וואַסיל זאַכאַראָוו דערגייט מיר די יאָרן: איך האָב געזאָגט אויף דער פאַרטיי־באַראַטונג, אַז דו ביסט דער בעסטער סאָוויעטישער פּאַטריאָט, אַ גוטער אַרבעטער, קומסט יעדע נאַכט קאָנטראָלירן די סמיענע און גייסט אַהיים נאָך האַלבער נאַכט. און ער האָט נישט קיין גוט וואָרט פאַר דיר.

— חבר דירעקטאָר, אים געפעלט נישט מיין ברייטער יידישער שטערן. ער האָט נישט ליב קיין יידן.

— איך טראַכט אויך אַזוי. איך וועל זאָגן אין דער פאַרטיי, צי מען וועט מיר גלויבן, ווייס איך נישט. און נאָך אַ זאַך: גיב נישט קיין טאַלאָנען די אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן נישט אויס די נאָרמע. דאָ איז אָנגענומען, ווער עס אַרבעט נישט — עסט נישט.

— איר ווייסט, חבר אַגראַדאָוו, אַז אויב דער אַרבעטער עסט נישט, אַרבעט ער נישט. נאָט, זעט, כ׳האָב געגעבן אַ דאָבאַוואָטשנעם טאַלאָן דעם אַרבעטער איוואַנאָוו, — ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט מיט 150% פון דער נאָרמע.

— ווייז מיר די סוואָדקע, לאָמיך זען.

— ביטע. זאָל ער קומען דער טעכניקער און זען דעם אמת.

דער דירעקטאָר האָט גענומען די נעכטיקע סוואָדקע. ער האָט געגלעט מיטן בליק די רויטע צלמלעך — די צייכנס ביי די נעמען פון די סטאַכאַנאָוועצעס. זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פרייד. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויפן צעך־נאַטשאַלניק און שטיל געזאָגט: — פיר דעם צעך ווי דו פאַרשטייסט. ביסט אַ מאָלאָדיעץ! היינט אַכט אָוונט זאָלסטו קומען צו דער פאַרטיי־זיצונג.

— איך וועל קומען.

— גיב נישט קיין שאַנס דעם טעכנאָרוק זאַכאַרינען.

אַ גאַנצן טאָג איז דער צעך־לייטער געווען פאַרנומען. ער האָט גענומען סחורה און גאַרן פאַרן צעך. מישאַ, דער אַרבעטער, האָט געטראָגן די סחורה פון סקלאַד אין צושנייד־צעך. די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. ס'איז שוין געווען אַכט אַזייגער, ווען אַלעקסאַנדער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער פאַרטיי־זיצונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין צימער פון דירעקטאָר.

אַלע קאָמוניסטן פון דער פאַבריק זענען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. אויך ליזאַ וואָראָנאָוואַ איז דאָ געווען. זי איז געווען אַ קאָמוניסטקע פון דער פריער יוגנט. ליזאַ האָט זיך געזעצט ביים טעכנאָרוק זאַכאַרין, קעגנאיבער אַלעקסאַנדערן. זי האָט ליב געהאַט אַלעקסאַנדערן, געווען גרייט צו גיין פאַר אים אין פייער.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז געקומען אַ פאַרשטייער פון שטאָטישן קאָמיטעט. אָגראַדאָוו, דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען דער דעלעגאַט פון שטאָטישן קאָמיטעט. ער האָט גערעדט וועגן אויספירן דעם פּראָדוקציע־פּלאַן. ער האָט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט דעם הונגער וואָס הערשט צווישן די אַרבעטער, וואָס באַקומען די געלזוכט — עס קומט די גיכע הילף, נעמט זיי אַוועק און מער קומען זיי נישט צוריק אין פאַבריק. דער דעלעגאַט האָט גערעדט וועגן די מעלות פון קאָמוניזם, נאָר נישט דערמאָנט אַז די אַרבעטער הונגערן ביי די מאַשינען.

נאָך אים האָט גענומען אַ וואָרט דער טעכנאָרוק וואַסילי זאַכאַרין. ער האָט גענומען שיסן מיט שווערע פאַרוווּרפן קעגן דעם צעך־נאַטשאַלניק. ליזאַ וואָראָנאָוואַ האָט אים פון צו מאָל צו מאָל איבערגעריסן מיט אַ צווישנרוף: עס איז נישט אמת, אַלעקסאַנדער אַרבעט גוט און איז מער פאַטריאָט ווי מיר אַלע! אירע ווערטער האָבן געווירקט אויף די אָנוועזנדיקע. דער טעכנאָרוק איז שטיל געבליבן. ער האָט געפילט, אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכן.

ליזאַ האָט זיך צעשריגן: אונדזער נאַטשאַלניק קריכט נישט צו קיין פופצן־יאָריקע מיידלעך ווי דער טעכנאָרוק! זאַכאַרין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

דער פאַרשטייער פון שטאָטישן קאָמיטעט האָט געבעטן אַ באַריכט פון דער אַרבעט אין צעך. אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעשטעלט און איבערגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט. אין גרויסן צימער פון דירעקטאָר האָט געהערשט אַ

שטילקייט. אַלעקסאַנדער האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרזאַמלטע.

עס איז שוין געווען נאָך צוועלף, ווען די פאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט. אַלעקסאַנדער האָט אָנגעטאָן דעם שינעל און אַרויס פון צימער. ליזאַ איז אים נאָכגעגאַנגען ביז אויף דער גאַס. זי איז צו צו אים, אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— אַלעקסאַנדער, וואַרט אַ ווײַלע. איך בעט דיך, קום מיט מיר אַהיים. וועסט זיך בײַ מיר אײַן שטוב אָנטשפּאַנען — דײַנע נערוון זענען אַזוי אָנגעצויגן ווי בײַ אַ פידלער נאָכן קאָנצערט.

— ניין ליזאַ, נישט הײַנט, אַן אַנדערש מאָל.

— דו גייסט צו מאַסלאָוואַ. היט זיך, איר פאָטער איז געווען אַ פאַררעטער. מען האָט אים פאַרשיקט און זי איז נישט בעסער פון איר פאָטער. און איך וויל דיך אָפּהיטן פון אַ פאַלשן שריט.

— איך דאַנק דיר, ליזאַ, פאַר דײַן גוט האַרץ — בײַ אַ געלעגנהייט וועל איך דיר אָפּדאַנקען.

— איך וויל הײַנט.

— ניין ליזאַ, הײַנט גיי איך צו זיך אַהיים. אַ גוטע נאַכט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

אַ שטיל ווינטל האָט געטריבן די געלע בלעטער, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם האַרבסט.

אַ רויטע לבנה איז געשטאַנען איבער דער שטאָט פּערם.

אויף די גאַסן פון שטאָט איז געווען שטיל, ווי אין אַ דאָרף. פון אַ ווײַטער גאַס האָט זיך געהערט אַ בילערײַ פון הינט; קיין מענטשלעכע טריט האָט מען נישט געהערט. פון טײַך האָט געבלאָזן אַ שטיל ווינטל און געגלעט אַלעקסאַנדערס פּנים.

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז ביז שפּעט בײַ נאַכט געלעגן אויף דער פּליושענער סאָפע און געלייענט גערצענס: „ווער איז שולדיק?" דער זייגער האָט אויס־געקלונגען די שעהען. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, געוואָלט זען, צי דער זייגער נאַרט זי נישט אָפּ. ניין, דער זייגער נאַרט זי נישט — ס'איז צוועלף. זי איז אַראָפּ פון דער סאָפע, אַרײַן אין קיך, זיך אָפּגעשווענקט דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער. זי איז צו צום שפּיגל: ס'האָט אויף איר געקוקט אַ שיין, יונג געשטאַלט.

אַלעקסאַנדער איז נאָך אַלץ נישטאָ. די פאַרטיי־זיצונגען נעמען צו בײַ די אַרבעטער די צײַט פון אָפּרו — האָט זי געטראַכט. זי האָט געעפנט דאָס פענצטער — פון טײַך האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל און געקילט איר צעפלאַמט פּנים.

ס'האָט איר גענומען מאַטערן אַ געדאַנק, אַז מ'האָט אַלעקסאַנדערן אַרעסטירט. וויפל זי האָט זיך נישט באַמיט, האָט זי נישט געקענט פאַרטרײַבן פון זיך דעם

געדאַנק. זי האָט געטראַכט פון איר פאָטער. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט ווי ער זאָגט צו איר:

— ליבע איז דאָס שענצטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — מעגסט ליבן פריי ווען עמען דיין האַרץ גלוסט — פאַר דעם וועט מען דיך נישט פאַרשיקן... ס׳האָט איר אַ פּיק געגעבן אונטערן האַרצן, פון די אויגן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן טרערן.

צוקומענדיק צום הויז, האָט אַלעקסאַנדער דערהערט דעם רויש פון עראָפּלאַנען און דערזען רויטע פייערלעך אויפן אויסגעשטערנטן הימל. די עראָפּלאַנען זענען געפלויגן אין דער ריכטונג פון מאָסקווער פראָנט. אַלעקסאַנדער האָט פאַרמאַכט די אויגן — ער האָט נישט געוואָלט זען, נישט די רויטע לבנה, נישט די קאַלטע, גרינלעכע שטערן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זיין היים אין פלאַמען, זיין פרוי, מיטן קינד אויף דער האַנט, שרייט, רופט הילף.

ער איז שטיינגעבליבן אַ ווײַלע פאַרן הויז. ס׳האָט אים געמאַטערט אַ חרטה־געפיל פאַרן דערגענטערן זיך צו נאַטאַשאַן. מען דאַרף איבעררייסן, כל־זמן ס׳איז נישט צו שפּעט... ער האָט געטראַכט, אַז די בריגאַדיסטין, ליזאַ וואָראָנאָוואַ, וועט אים נישט מוחל זיין און אויס נקמה אים מסרן. בעסער וועט ער זיך פרייוויליק מעלדן אויפן פראָנט.

אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער דערזען נאַטאַשאַן שטיין אין פענצטער. ער האָט צוגעאיילט די טריט. נאַטאַשאַ האָט געוואַרט אויף אים ביי דער אָפענער טיר. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט:

— אַזוי שפּעט פון דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג? כ׳האָב מורא, זיי וועלן דיך פאַרשיקן אין אַ לאַגער...

— האָב נישט קיין מורא, מיך וועלן זיי נישט פאַרשיקן. איך האָב באַשלאָסן באַלד אין דער פרי זיך מעלדן אין וואָיענקאָמאַט צו גיין פרייוויליק אויפן פראָנט פאַרטיידיקן מאָסקווע.

— וועסט עס נישט טאָן, אַלעקסאַנדער, וועסט נישט גיין! די היטלעריסטן פאַרניכטן דיין פאָלק... בלייב מיט מיר. איך וועל דיר ברענגען קינדער שיינע, געזונטע...

ער האָט זי אָנגעקוקט און באַמערקט אירע פאַרטרערטע אויגן.

— וויין נישט, נאַטאַשאַ, אַ שאָד יעדע טרער דיינע. איך וועל גיין אויפן פראָנט. אין צעך ווערט מיר ענג. איך קאָן נישט זיין אַזאַ ווי די אָנפירער פון דער פאַבריק ווילן...

— דו וועסט גאָרנישט ענדערן. מיין פאָטער, פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו האָט געהאָט זיין אייגענעם וועג אין לעבן, האָט מען אים פאַרשיקט — און איך וויל נישט דו זאָלסט טיילן זיין גורל...

— נאַטאַשאַ, איידער אַזאַ לעבן אין דער פאַבריק, איז בעסער אויפן פראָנט.

— טו אויס דעם שינעל און דעם קיטעל, לאָמיר גיין טרינקען טיי.

דער סאַמאָוואַר איז געשטאַנען אויפן טיש. נאַטאַשאַ האָט אָנגעגאָסן טיי.

ער האָט געטרונקען און געקוקט אויף איר מיט ליבשאַפט. דער זייגער האָט אויסגעקלאַפּט איינס. אַלעקסאַנדער האָט דערפילט אַ מידקייט, ער איז אַריין אין שלאָפצימער, זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט. נאַטאַשאַ האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך געלייגט נעבן אים. אין דער פינצטער איז איר לייכטער געווען צו זאָגן אים:

— מאָרגן פרי גייסטו אַוועק... איידער דו פאַרלאָזט מיך, לאָז מיר איבער אַ קינד... כ׳וויל אַ קינד פון דיר. ווען דו וועסט גיין אין מיליטער, גיב אָן מיין אַדרעס אַלס דיין פרוי... און אויב דו וועסט פאַלן, וויל איך מער נישט לעבן...

— נאַטאַשאַ, סיי ווי וועל איך דאָ נישט קענען בלייבן... די בריגאַדירין, ליזאַ וואָראָנאָוואַ וועט טאָן אַלץ בכדי צו צעשטערן אונדזער גליק. זי האָט מיך נאָך דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג געוואָלט נעמען צו זיך אין שטוב כמעט מיט כוח... ווען איך האָב איר אָפּגעזאָגט, איז זי געווען שטאַרק געטראָפן. ווער ווייס צו וואָס זי איז פעיִק...

— שרעק זיך נישט! ליזאַ קומט צו מיר אין קליניק — איך בין איר דאָקטאָרין. איך וועל מיט איר רעדן ווי אַ פרוי מיט אַ פרוי...

— דאָס וועט נישט העלפן... זי האָט געדראָט, זי וועט דיך שיקן דאָרט וווּ דיין פאָטער איז.

— יאָ, דאָס לעבן איז שווער... נישטאָ קיין מעגלעכקייט פון אַ פּריוואַטן לעבן... זע, מען האָט מיך צעשיידט מיט מיין מאַן, מיין פאָטער שמאַכט ערגעץ אין אַ צוואַנגסלאַגער און מיר גיט מען אויך נישט קיין רו. און איצט גייסטו אויך מיך פאַרלאָזן, אַוועק אויפן פראָנט. איך פאַרשטיי דיך: דו קענסט זיך נישט אויסלעבן אין דער אַרבעט — דיינע שעפערישע פּלענער ווערן צעריבן אין דער קאָמוניסטישער מיל. דער טעכנאָרוק, די בריגאַדירין ליזאַ וואָראָנאָוואַ ווילן דיר דיקטירן ווי אַזוי צו אַרבעטן און דו קאָנסט מיט דעם נישט משלים זיין...

— ס׳איז שוין שפעט, נאַטאַשאַ, די הענער וועלן באַלד רופן צום אויפשטיין.

נאַטאַשאַ האָט אים אַרומגענומען, שעפּטשענדיק:

— איך וויל אַ קינד...

***

אין דער פרי איז אַלעקסאַנדער אויפגעשטאַנען און גלייך זיך געזעצט צום טיש. ער האָט אָנגעשריבן אַ ביטע אין וואָיענקאָמאַט, דערנאָך אַ בריוו צו נאַטאַשאַ. ער איז געגאַנגען אין די זאָקן, כדי זי נישט אויפצוועקן. פאַרן אַוועקגיין איז ער צוגעגאַנגען צום בעט און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט געעפנט די אויגן:

— גייסט שוין אַוועק? וואַרט, איך וועל מאַכן טיי.

— ניין, מען דאַרף נישט...

— דו האָסט שוין באַוויזן אָנצושרייבן אַ בריוו...

נאַטאַשאַ איז שנעל אויפגעשטאַנען, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, אַרויסגענומען פון קיך־שענקל ברויט, פוטער און געשטעלט אויפן טיש. דערזען די „זאַיאַוולעניע״ האָט זי אָנגעהויבן וויינען. אַלעקסאַנדער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל:

— וויין נישט, ליבע, איך וועל קעמפן מיטן שונא פון מיין פאָלק, פון אַלע פעלקער. אויב איך וועל פאַלן, זאָלסטו מיין קינד אַ נאָמען געבן אַלעקסאַנדער. טראַכט נישט וועגן אָוועקגיין פון לעבן — ס׳פּאַסט נישט פאַר דיר!...

— דיין צוואה וועל איך אויספירן. כ׳וועל פון דיר אויסטראָגן אַ קינד און ברענגען אַ מענטש אויף דער וועלט. יאָ, אַ מענטש וועל איך ברענגען אויף דער וועלט.

נאַטאַשאַ האָט זיך געזעצט צום טיש. אַלעקסאַנדער האָט אָנגעגאָסן טיי און איר דערלאַנגט.

— וויין נישט, טייערע! מיין האַרץ ווערט צעריסן פון דיינע טרערן. כ׳וועל צו דיר צוריקקומען, געזונט און פריש, מיטן זיג. איך גיי קעמפן פאַר דער פרייהייט פון אַלע פעלקער און אויך פאַר מיין געפייניקט, יידיש פאָלק... ער האָט איידל געגלעט איר האַנט און זי געקושט.

ביים וואָיענקאָמאַט איז געווען רויִשיק. רעזערוויסטן זענען געשטאַנען גרייט אָפּצומאַרשירן צו דער באַן.

אַלעקסאַנדער איז גלייך אַריין צום קאָמיסאַר באַבושקין, וועלכער האָט גראָד געהאַלטן אין האַנט די בקשה פון דירעקטאָר אַגראַדאָוו וועגן באַפרייען פון מיליטער־דינסט דעם צעך־לייטער אַלעקסאַנדראָוו.

— זעצט זיך, אַלעקסאַנדראָוו נעבן מיר. זע, אַגראַדאָוו שרייבט אַז דו ביסט אַ גוטער בירגער און אַ פּאַטריאָט און אַז דו ביסט אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע פון זאַוואָד. דו ביסט מסתמא געקומען אונטערהאַלטן זיין ביטע.

— ניין, חבר קאָמיסאַר! כ׳בין געקומען זיך מעלדן אויף צו גיין אויפן פראָנט פרייוויליק. די דייטשן שטייען ביי מאָסקווע און לענינגראַד, וויל איך גיין פאַר־טיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. און דאָ איז מיין שריפטלעכע בקשה.

באַבושקין האָט דערנענטערט דאָס פּאַפּיר צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן און גענומען לייענען. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער אָנגעקוקט אַלעקסאַנדערן, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען, און מיט אַ באַפעלערישן טאָן געזאָגט:

— די פאַבריק פאַרלאַנגט אַז מען זאָל דיך איבערלאָזן אויפן אָרט, ווייל דו ביסט נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע.

— ניין, חבר נאַטשאַלניק, איך וויל נישט בלייבן אין הינטערלאַנד, כ׳וויל גיין אויפן פראָנט, שלאָגן די דייטשן, זיי פאַרניכטן מיין פאָלק.

— נו, אויב דו ווילסט אַזוי שטאַרק, וועל איך דיך קודם שיקן אויף אַ מעד־קאָמיסיע. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דו ביסט גענוג געזונט, וועל איך דיין ביטע דערפילן. מאָרגן וועסטו זיך שטעלן צו דער קאָמיסיע און דערווייל גיי צוריק צו דיין אַרבעט אין פאַבריק.

וואַרטנדיק ביז דער נאַטשאַלניק וועט אים אויסשרייבן די נויטיקע פּאַפּירן, האָט אַלעקסאַנדער געטראַכט וועגן די אַלע פאַרשפּאַרטע אין די געטאָס, אויסגעהונגערטע, געטריבענע צו אויסמאַטערנדיקע אַרבעטן און געטויטע ברידער זיינע.

— מאָרגן נייען אַזייגער פרי וועסטו זיך מעלדן.

— אַ דאַנק, טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר.

אַ צופרידענער איז אַלעקסאַנדער אַוועק צוריק אין פאַבריק. שוין פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דער רויש פון די מאַשינען. ער איז אַריין אין זיין אַרבעטס־צימער. אויפן טיש האָט שוין געוואַרט אַ שטויס פּאַפּירן, סחורה, גאַרן, רשימות... עס איז אַריינגעקומען דער צעך־בוכהאַלטער און אים געבעטן ער זאָל איבערקוקן און אונטערשרייבן די דאָקומענטן. דערנאָך איז אַריינגעקומען דער אַרבעטער, מישאַ, און שטיל געזאָגט: די אַמעריקאַנער זענען צוגעטראָטן צו דער מלחמה. איצט וועט אונדז זיין לייכטער — די אַמעריקאַנער וועלן אונדז שיקן שפּייז און העלפן דעם רוסישן פאָלק.

אַלעקסאַנדער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון די פּאַפּירן און געקוקט אויפן צעך; אַ פרישע שטראַל פון האָפענונג האָט פאַר אים אויפגעשיינט: די אַמעריקאַנער זענען אַריין אין דער מלחמה קעגן די דייטשן; אפשר וועט דאָס אָפּהאַלטן די היטלעריסטישע מערדער פון פאַרניכטן זיין פאָלק; זיכער וועט דאָס זיין אַ גורם שנעל צו פאַרענדיקן די קריג.

צום דירעקטאָר אַגראַדאָוו איז מיט שנעלע טריט אַריין דער מייסטער וואַסיל און געבעטן רופן די גיכע הילף: אַן אַרבעטער האָט פאַרשוואַכט ביי דער מאַשין. אַגראַדאָוו האָט גלייך אָנגעקלונגען נאָך דער גיכער הילף. מען האָט אים געענטפערט, אַז באַלד שיקט מען אַרויס אַ דאָקטאָר. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז פאַרפאָרן דאָס קעטשל פון דער גיכער הילף, מיט ד״ר מאַסלאָוואַ און צוויי סאַניטאַרן. נאַטאַשאַ איז שנעל אַריין צום קראַנקן, געגעבן אים אַן איינשטיך אויף צו קרעפטיקן אים און געהייסן די סאַניטאַרן אָפּפירן אים אין שפּיטאָל, און דערנאָך קומען זי נעמען פון דער פאַבריק. אַליין האָט זי זיך געלאָזט גיין אין אַרבעטס־צימער פון אַלעקסאַנדערן.

אַלעקסאַנדער איז געזעסן איבער די דאָקומענטן; אים האָט געוווּנדערט די גרויסע צאָל גאַרן און צודאַטן, וואָס דער צעך פאַרברויכט. דערהערנדיק אַז די טיר עפנט זיך, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען נאַטאַשאַן. ער האָט מיט דער האַנט געוויזן איר די שטול פון דער צווייטער זייט פון זיין שרייבטיש.

נאַטאַשאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט.ביידע האָבן געשוויגן. זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן רעדן:

— דו גייסט טאַקע פריווויליק אַוועק אויפן פראָנט און לאָזט מיך איבער? איך וויל נישט לעבן אָן דיר...

— בטחון. די מלחמה וועט נישט דויערן לאַנג, די אַמעריקאַנער זענען צוגעטרעטן צום קריג קעגן די דייטשן און יאַפּאַנער. מיר וועלן באַקומען פון די אַמעריקאַנער הילף און די בלוט־באָד וועט זיך ענדיקן. מיר וועלן זיגן.

— אַלעקסאַנדער, בלייב מיט מיר.

— מאָרגן דאַרף איך זיך שטעלן צו אַ מעדיצינישער קאָמיסיע — אפשר וועלן די דאָקטוירים געפינען, אַז איך טויג נישט פאַרן פראָנט.

— איך וועל זיך היינט דערוויסן וועלכע דאָקטוירים עס דאַרפן באַשטימען דיין גורל.

— איך בעט דיך, נאַטאַשאַ, טו עס נישט! דאָס קאָן דיך קאָסטן דיין דאָקטאָר־דיפּלאָם. איך גיב זיך איבער מיין אַלטן יידישן גאָט — ער וועט באַשטימען, צי איך וועל לעבן־בלייבן, צי אומקומען — אָבער ער איז אַ דערבאַרעמדיקער...

— איך ווייס, אַז גאָט איז אַ גוטער. ער וועט דיך לאָזן לעבן פאַר מיר, פאַר אונדזער קינד.

— גיי נאַטאַשאַ, איך וועל נישט דער טעכנאָרוק זאָל דיך טרעפן ביי מיר אין צימער.

ס׳האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל פון קעטשל. נאַטאַשאַ האָט זיך אומווילִיק אויפגעהויבן און שטיל געזאָגט: — זאָלסט קומען היינט אָוונט. די מאַמע קומט היינט... זי איז אַרויס. אַלעקסאַנדער האָט צונויפגענומען די פּאַפּירן און זיי אַריינגעלייגט אין אַ טעטשקע, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער. דורך די פאַרנעפּלטע שויבן האָט ער געזען ווי נאַטאַשאַ זעצט זיך אין קעטשל נעבן שאָפער און מיט אַ טיכעלע ווישט זי די מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן. ער איז אַוועק פון פענצטער און זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטול. דער שטילער ווייטיק פון נאַטאַשאַן האָט אים טיף געריִרט.

ער האָט געטראַכט: מאָרגן וועט ער אַוועק פון דאַנען. אַלץ וועט בלייבן ווי געוועזן — די מאַשינען וועלן זיך דרייען, דער טעכנאָרוק וועט קאָמאַנדעווען, דער דירעקטאָר, אַגראַדאָוו, וועט פאַרשווייגן עוולות, ווייל ער האָט מורא פאַר אַ מסירה צום שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט.

אַגראַדאָוו איז אַריין אין צימער און גלייך אָנגעהויבן:

— כ׳ווייס, דו ביסט געוועזן אין וואָיענקאָמאַט, האָסט אָנגעגעבן אַ ביטע פריייוויליק צו גיין אויפן פראָנט. און איך האָב געהאַט אָנגעגעבן אַ בקשה מען זאָל דיך דאָ איבערלאָזן — די פאַבריק אַרבעט פאַרן פראָנט און מיר דאַרפן דיך האָבן...

— איך קאָן דאָ נישט בלייבן. דער טעכנאָרוק פאַרטראָגט מיך נישט און ווער ווייס ווי דאָס קען זיך פאַר מיר ענדיקן.

— איך ווייס אַז דו ביסט אַן איבערגעגעבענער און געטרייער בירגער און די אַרבעטער האָבן דיך גערן. איך וועל זיך פאַרשטענדיקן מיטן שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט, אַז דו זאָלסט קענען בלייבן. אויך מיטן קאָמיסאַר באַבושקין וועל איך וועגן דעם רעדן. און דעם טעכנאָרוק זאָכאַרין זע אויסצומיידן.

דער דירעקטאָר איז אַוועק און אַלעקסאַנדער האָט זיך אומגעקערט צו זיין אַרבעט. ער איז אַריין אין צעך און אָנגעשטויסן זיך אויף ליזאַ וואָראָנאָוואַ. זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אַלעקסאַנדער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר.

— ווי גייט די אַרבעט, ליזאַ? האָסט אַלץ וואָס מען דאַרף צו דער אַרבעט?
—עס פעלט מיר גאָר נישט.
—ביסט בייז אויף מיר, ליזאַ?
— איידער דו גייסט אַוועק אויפן פראָנט וויל איך טרינקען מיט דיר קאַווקאַזער וויין, ביז שיכּרות, פון איין גלעזל וויל איך מיט דיר טרינקען. זי האָט אַגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. איר פּנים האָט געפלאַמט, זי האָט געפיבערט. אַלעקסאַנדער האָט אַ דריק געטאָן איר האַנט און איז אַוועק אין סקלאַד. ער האָט אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן די מאַגאַזין־דאָקומענטן, אונטער־געשריבן, וואָס מען האָט געדאַרפט, באַפוילן איבערטראָגן סחורות אין צושנייד־צעך.
— אַלעקסאַנדער, ווילסט ווערן אַ העלד, גייסט פרייוויליק אויפן פראָנט! — האָט זיך אָנגערופן מיט שפּאָט דער טעכנאָרוק, זאַכאַרין, וועלכער איז אָקערשט אָנגעקומען. — וועסט דאָ ענדיקן, קום אַריין צו מיר אין אַרבעטס־צימער, איך דאַרף מיט דיר רעדן.
— איך וועל באַלד אַריינקומען.
ווי נאָר דער אַרבעטער מישאַ האָט איבערגעפירט די סחורות און דעם גאַרן אין צעך אַריין, איז אַלעקסאַנדער אַריין צו זאַכאַרינען.
— זעץ זיך, אַלעקסאַנדער, — האָט זאַכאַרין געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל. — גייסט פרייוויליק פון אונדז אַוועק אויפן פראָנט, ווילסט שלאָגן די דייטשן...
— צו וואָס האָט איר מיך גערופן?
— דו ביסט ביי אונדז אַ נייער מענטש. ביי אונדז — אין ראַטנפאַרבאַנד — איז אַרבעט פאַרבונדן מיט פּאָליטיק...
— איך בין אַן אַרבעטס־מענטש און קען זיך נישט אויף פּאָליטיק. איך וויל מער פון דעם נישט הערן... אַלעקסאַנדער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער.

⁂

די זון האָט פאַרענדיקט איר טעגלעכן גאַנג און זיך פאַראַנקערט אויפן מערב־ראַנד. דער קאַמאַ־טייך האָט געבלוטיקט — אָפּשפּיגלענדיק די רויט־פייערדיקע הימל־פּאַסן, פאַרבליבענע פונעם זונפאַרגאַנג...
אַלעקסאַנדער איז געגאַנגען צו זיך אַהיים. פון דעם אַעראָפּלאַנען־זאַוואָד איז געגאַנגען אַן אַלטער, שיכּורער אַרבעטער און געשאָלטן די ראַטנמאַכט: — סטאַלין, — האָט דער שיכּור געשריגן — האָט שלום געמאַכט מיטן יעפּרייטער היטלער — און זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט פּוילן...
געקומען אין שטוב האָט זיך אַלעקסאַנדער קודם אָפּגעוואַשן, איבערגעטאָן און זיך אַוועקגעזעצט לייענען לעוו טאָלסטאָי'ס „וואָסקרעסעניע". ער האָט אָבער נישט געקענט זיך קאָנצענטרירן און דאָס בוך אַוועקגעלייגט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאָרגנדיקן טאָג. מאָרגן גייט ער אַוועק פון דאַנען — און זיך

דערמאָנט אין נאַטאַשאַס טרערן... ער איז געווען בייז אויף זיך אַליין: ער האָט נישט געדאַרפט צעברעכן איר האַרץ... זי וועט ליידן צוליב אים. נאָך אַלעמען, איז ער דאָך נישט קיין פרייער מענטש... טראָץ דעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צו דער גאָרקי־גאַס, צו נאַטאַשאַן.

נאַטאַשאַ, אַן אויסגעפּוצטע, איז שוין געשטאַנען ביים פענצטער. ס׳האָט פון איר געשלאָגן מיט פרישער ווייבלעכקייט. די מאַמע, אין אַ שוואַרץ קלייד, איז געזעסן ביי זיך אין צימער. וויפל נאַטאַשאַ האָט זי נישט געבעטן, זי זאָל אָנטון אַ פאַרביק קלייד, איז זי געבליבן ביי אירס — זי האָט שטיל געטרויערט נאָך איר געליבטן מאַן.

— מאַמאַ, אַלעקסאַנדער גייט! — האָט נאַטאַשאַ ווי אויסגעשריגן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלינג. נאַטאַשאַ איז ממש צוגעלאָפן צו דער טיר און ברייט זי צעפּראַלט. זי האָט אים צערטלעך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין שטערן. אַלעקסאַנדער האָט איידל אָנגענומען איר האַנט און זי געקושט.

— קום אַריין, אַלעקסאַנדער, איך וויל דיך פאָרשטעלן פאַר דער מאַמען, זי וויל דיך באַקענען.

— גלייך, איך וועל נאָר אויסטאָן דעם שינעל.

דערזעענדיק אַלעקסאַנדערן האָט זיך אַנאַ מאַסלאָוואַ אויפגעהויבן פון שטול און געגאַנגען אים אַנטקעגן. אַלעקסאַנדער האָט צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך פאָרגעשטעלט.

— מאַמע, כ׳האָב דיך אַזוי געבעטן זאָלסט היינט אָנטאָן אַ פאַרביק קלייד... האָט נאַטאַשאַ געזאָגט מיט אַ לייכטן פאָרוואורף.

— ווי קאָן איך אויפהערן טרויערן נאָך מיין מאַן! — ער איז געווען אַזאַ גוטער. מען האָט אים פון מיר צוגענומען אין מיטן דער נאַכט. פאַר וואָס? וואָהין? — קיינער וויל עס מיר נישט זאָגן.

— מאַמע, „וועגנט האָבן אויערן"...

אַלעקסאַנדער האָט געשוויגן. ער האָט אַ גלעט געטאָן דעם אַקסל פון דער אומגליקלעכער פרוי, ווי ער וואָלט וועלן זי טרייסטן. נאַטאַשאַ האָט אָנגענומען די מאַמען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט אין צווייטן צימער. זיי האָבן זיך געזעצט צום געדעקטן טיש.

אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט געקוקט אויף דעם שיינעם מאַן וואָס איז געזעסן אַקעגן איר. זי האָט פּלוצעם זיך דערזען אַ יונגע סטודענטין, אַ פאַרליבטע אין פּאַוועל מאַסלאָוו... די רעוואָלוציע... זיי קעמפן צוזאַמען פאַר די העכסטע אידעאַלן, פאַרן גליק פון דער מענטשהייט...

אין די יונגע יאָרן האָט אַנאַ מאַסלאָוואַ אַ סך געלייענט. איר איז נישט געווען פרעמד נישט די רוסישע און נישט די וועלט־ליטעראַטור. זי האָט שיין רעציטירט. זי האָט ליב געהאַט איר מאַן, זי האָט ליב געהאַט דאָס לעבן. נאָכן אַרעסט זיינעם איז זי געבליבן אַ צעבראָכענע, אין אייביקער דערוואַרטונג אויף אַ ידיעה פון אים.

קוקנדיק אויף דער אומגליקלעכע פרוי, האָט אַלעקסאַנדער ווי געלייענט אירע

געדאַנקען. ער האָט פאַרשטאַנען איר שוויגן, איר אומעט, דאָס שוואַרצע קלייד... אויך ער האָט געשוויגן. נאַטאַשאַ האָט אַנגעגאָסן צו גלעזלעך וואָדקאַ, אָנגענומען איר גלעזל און געזאָגט: לאָמיר טרינקען, אַלעקסאַנדער, פאַר דיין פאַרבלייבן מיט אונדז!

הערנדיק די ווערטער, האָט ער אויפגעציטערט...

צי איז דאָ, אין דער וואַרעמער שטוב, זיין אָרט? — האָט ער געטראַכט. צי האָט ער אַ רעכט צו זיין גליקלעך, ווען דאָרט קומט אום זיין משפּחה, זיינע עלטערן, די פרוי מיטן קינד, זיין פאָלק?

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַלעקסאַנדער?

ער האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל און געזאָגט: — איך מוז גיין, בכדי צו ברענגען אייך שלום. איך וועל צוריקקומען און מיט אויסגעשטרעקטע הענט אייך אַרומנעמען און דיך, נאַטאַשאַ, קושן און ליבן, ווי לאַנג מיין האַרץ וועט קלאַפּן...

— און איך וועל דיר אַ זון געבוירן, און נאָך דיין טאַטן אים אַ נאָמען געבן — מאָיסעי וועט ער הייסן.

די מאַמע האָט זיך צוגעהערט און פון אירע אויגן האָבן געפלאָסן טרערן, ווי פון אַ קוואַל.

— איך וועל אויף דיר וואַרטן, אַלעקסאַנדער, — האָט נאַטאַשאַ שטיל געזאָגט, — אַזוי ווי מיין מאַמע וואַרט געטריי, מיט ליבע און האָפענונג.

צען אַזייגער האָט אַלעקסאַנדער זיך אויפגעשטעלט:

— כ׳גיי נאָך צו צו דער פאַבריק זען ווי עס אַרבעט די נאַכטשיכט. אין אַ שעה־צוויי וועל איך זיך אומקערן.

ער איז אַוועק. אַנאַ מאַסלאָוואַ איז צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער און געזאָגט:

— נאַטאַשאַ, דער מאַן געפעלט מיר, איך ווינטש דיר גליק. ער זעט אויס צו זיין אַ גוטער, איידעלער מענטש.

— מאַמע, ווען דו ווייסט, ווי דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן. שוין מאָרגן פאַרלאָזט ער מיך, ער גייט פרייוויליק אויפן פראָנט. צי — און ווען — וועט ער זיך אומקערן צו מיר?

— אַזעלכע מענטשן טאָרן נישט אומקומען. זיין גאָט איז אַ גוטער, ער וועט אים צוריקברענגען צו דיר.

— אַז זיין גאָט איז אַזאַ גוטער, ווי דערלאָזט ער, אַז זיין געליבט פאָלק זאָל אַזוי ליידן? — האָט נאַטאַשאַ פאַרביטערט געפרעגט מער זיך אַליין ווי דער מאַמען.

אַנאַ איז אַריין אין איר צימער און געלייגט זיך שלאָפן. נאַטאַשאַ האָט צוגעגרייט אַ פּעקל פאַר אַלעקסאַנדערן אויפן וועג. זי האָט אַרויסגענומען אירס אַ פאָטאָגראַפיע פון אַלבאָם און געלייגט זי אויבנאויף.

— זאָל ער מיך נישט פאַרגעסן... ס׳האָט זיך איר ווידער געוואָלט וויינען.

אין צעך האָט אים באַגעגנט דער „סמיענע״־מייסטער; ער האָט געפּרוווט אים איבעררעדן, ער זאָל בלייבן אין זאַוואָד, ווו מ׳האָט אים אַזוי גערן. דערנאָך

איז אַלעקסאַנדער געגאַנגען פון איין אַרבעטער צום צווייטן, געגעבן אָנווייזונגען בנוגע דער אַרבעט. די אַרבעטער האָבן געקוקט אויף אים מיט פריינדלעכע בליקן. עטלעכע פרויען האָבן געלאָזט אַ טרער. אויך אים איז שווער געווען צו געזעגענען זיך מיט די פשוטע רוסישע אַרבעטער, וועמענס מענטשלעכקייט און גוטסקייט ער האָט געשעצט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער גאַרקי־גאַס. אויפן וועג האָט ער געטראָפן אַ פורל מיט מתים. די מערהייט — אין אַרבעטס־קליידער, אַרבעטער פון סטאַלין־זאַוואָד, פאַרמאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט און פון הונגער.

גייענדיק, האָט ער באַמערקט אויפן הימל אַ רויט ליכט פון אַן אַעראָפּלאַן, וואָס האָט געהיט די שטאָט. די גאַסן זענען געווען ליידיק און פינצטער. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך געזען אַ באַלויכטן פענצטער.

די טיר האָט אים געעפנט די מאַמע. ער האָט אויסגעטאָן דעם שינעל און אַריין אין סאַלאָן. נאַטאַשאַ איז געשלאָפן ביים טיש, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט. ער האָט צוגעלייגט זיין אויסגעפרוירענע באַק צו אירער. זי האָט געעפנט די אויגן:

— ווער האָט דיר געעפנט די טיר? איך בין איינגעשלאָפן... האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט פאַר אים.

— די מאַמע האָט מיר געעפנט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי גערעדט...

איידער ער איז איינגעשלאָפן האָט ער געטראַכט: באַלד וועל איך דאַרפן אויפשטיין, שטעלן זיך אין ריי ביים וואָיענקאָמאַט, דער קאָמיסאַר וועט פאַר־שרייבן די צאָל און דאַן וועט קומען דער באַפעל: „צום וואָקזאַל, מאַרש!" איינס, צוויי! איינס צוויי!... פרויען, קינדער וועלן באַגלייטן זייערע נאָנטע צום צוג, ברעכן די הענט, קלאָגן ווי נאָך אַ מת. דער לאָקאָמאָטיוו וועט אַ פייף טאָן און דער צוג מיט די מאָביליזירטע וועט רירן פון אָרט.

אין חלום זעט אַלעקסאַנדער דעם פראָנט, די טראַנשייען; ער זעט די דייטשע טאַנקען וואָס רייסן זיך פאָרויס און ער, אַלעקסאַנדער, וואַרפט אַ בינטל גראַנאַטן אויפן ערשטן טאַנק. דער טאַנק ברענט, דער רויך ציט זיך ביז צום הימל. ער קוקט אַרויף און דערזעט זיינע טאַטע־מאַמע, די פרוי מיטן קינד. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט אים און — ער וועקט זיך איבער. נאַטאַשאַ איז געלעגן נעבן אים מיט אָפענע אויגן.

— פאַר וואָס שלאָפסטו נישט, נאַטאַשאַ? מען דאַרף שוין באַלד אויפשטיין — און דו ליגסט און הערסט זיך איין ווי דער ווינט קלאַפּט אין די לאָדנס, ווי אַ קלעזמער אין די טאַצן אויף אַ יידישער חתונה.

— איך ליג און טראַכט, ווער איז שולדיק אין דער מלחמה? ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס פוילן איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער מאַפּע פון אייראָפּע? די וועלט האָט געשוויגן, דאָס רוסישע פאָלק האָט געשוויגן...

— שוויַג, נאַטאַשאַ, ווי גאָט איז דיר ליב. שלאָף, ליבע, און גלויב און האָף אויפֿן טאָג, ווען אַלע עוולות וועלן אויסגעגלייכט ווערן.

— און אפֿשר בלײַבסטו דאָך מיט אונדז?

— איך מוז גיין. מײַן געוויסן לאָזט מיך נישט רוען. און דאָ וואָלט איך אויך נישט געהאַט קיין רויִק לעבן. דער טעכנאָרוק, זאַכאַרין, האָט פֿײַנט ייִדן, ער וואָלט מיר נישט געגעבן קיין מנוחה. און דאָרט, אויף די שלאַכט־פֿעלדער, דעצידירט זיך דער גורל און די צוקונפֿט פֿון דער וועלט.

ווען נאַטאַשאַ איז ענדלעך אײַנגעשלאָפֿן, האָט שוין אַ נײַער טאָג פֿאַרפּלייצט דאָס צימער מיט ליכט.

זיבן אין דער פֿרי איז אַלעקסאַנדער אויפֿגעשטאַנען. אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט זיך שוין געדרייט אין קיך, געגרייט פֿרישטיק. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי אויף אַ ווײַלע אויפֿגעציטערט: ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר מאַן, פּאַוועל, נאָך אַ יונגער, דרייט זיך אין די צימערן. — ווו איז ער איצט? האָט זי געטראַכט. — פֿאַר וואָס האָט מען אים צוגענומען בײַ איר? — איז ער דאָך די לעצטע יאָרן געווען אַפּאָליטיש, נישט דיסקוטירט מיט קיינעם, אים איז אָנגעגאַנגען נאָר זײַן מעדיצינישע אַרבעט, זײַנע פֿאָרשונגען. די סטודענטן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט ליבע און דרך־ארץ. מען האָט אים צוגענומען אין מיטן נאַכט. עס זענען פֿאַרבײַ יאָרן און זי וואַרט אויף אים, נישט האָבנדיק קיין שום גרונט צו האָפֿן, אַז ער וועט זיך אומקערן.

ער האָט אפֿילו נישט באַוויזן מיטצונעמען קיין שום זאַך מיט זיך, אפֿילו נישט קיין נאָז־טיכעלע. ער האָט נישט געקענט זיך געזעגענען מיטן ווײַב און מיט דער טאָכטער. און דאָך איז ער אַרויס פֿון שטוב מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ.

אַלעקסאַנדער האָט זיך געזעצט צום טיש טרינקען טיי. ער האָט געקוקט אויף די נישט־יונגע פֿרוי, מיט סימנים פֿון געוועזענער שיינקייט, און געטראַכט: פֿאַר וואָס קומט דער שיינער, איידעלער פֿרוי אַזאַ ביטערער גורל? ווען ער האָט געענדיקט דאָס פֿרישטיק איז ער אַרײַן אין שלאָפֿצימער. נאַטאַשאַ איז נאָך געשלאָפֿן. אויף איר פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן די פֿרימאָרגן זון מיט אַלע אירע שטראַלן. ער איז שטיל צוגעגאַנגען צום בעט, זיך איבערגעבויגן און געגעבן איר אַ קוש אין די שמייכלענדיקע פֿון שלאָף ליפּן. דערנאָך איז ער שטיל אַרויס פֿון צימער, אָנגעטאָן דעם שינעל. אַנאַ האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר. ער האָט איר געגעבן אַ האַנט־קוש, אויפֿן פּוילישן שטייגער, און פֿאַרלאָזט די וואַרעמע היים פֿון די מאַסלאָווס.

**
*

ביים דאָקטאָר איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מענער און געוואַרט אויף אונטערזוכונג. אַלעקסאַנדער האָט פֿאַרנומען זײַן ריי. דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט אים גענוי אונטערזוכט און פֿעסטגעשטעלט: ער טויג!...

דער דאָקטאָר, אַן עלטערער מאַן, האָט אים אויסגעהערט דאָס האַרץ, די לונגען, געגעבן אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע: געזונט! מיטן צעטל פון מיליטער־דאָקטאָר איז ער אַריין צום קאָמיסאַר באַבושקין.

דער קאָמיסאַר איז געזעסן ביי זיין פּאַרוואָרפענעם מיט פּאַפּירן שרייבטיש. דערהערנדיק אַז עמעצער איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

זעץ זיך, נאַטשאַלניק. נאָר וואָס האָט מען טעלעפאָנירט פון שטאָטישן קאָמיטעט און פון דער פאַבריק — אַלע בעטן מען זאָל דיך אָפּלאָזן פון מיליטער. דו זאָלסט בלייבן אין פאַבריק. דו קאָנסט נאָך איצט אויסקלויבן, צי ווילסטו בלייבן אַרבעטן אין פאַבריק, צי גיין אין מיליטער קעמפן מיט די דייטשן.

— איך האָב צוויי וועגן, אָבער איך האָב שוין אויסגעקליבן: דער וועג פון אַן ערלעכן מענטש איז היינט מיט אַ ביקס אין האַנט פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

— דאָס איז דיין לעצט וואָרט?

— יאָ, חבר קאָמיסאַר!

— איך ווינטש דיר זאָלסט ווערן אַ העלד פון ראַטנפאַרבאַנד.

— אַ דאַנק. איך וועל זיך באַמיען צו זיין אַ ווירדיקער קעמפער, אַ ייד אַ העלד...

— ביי אונדז איז נישט קיין אונטערשיד, אַ ייד, צי אַ נישט־ייד — אַלע נאַציעס זענען גלייכבאַרעכטיקט. אַלע זענען מיר חברים...

— נאָר נישט דער טעכנאָרוק, וואַסילי זאַכאַרין.

— וואָס איז צווישן אייך? דער דירעקטאָר אַגראַדאָוו האָט מיר געזאָגט אַז איר ביידע, זאַכאַרין און דו, זענען בענזין מיט שוועבעלעך. דערצייל מיר, וואָס איז די סיבה?

— היינט איז מיר שווער וועגן דעם צו רעדן. ווען איך וועל צוריקקומען מיטן זיג, וועל איך אייך, חבר קאָמיסאַר, אַלץ דערציילן. איינס וויל איך אָבער יאָ זאָגן: זיין אָרט איז נישט אין פאַבריק, נאָר אויפן פראָנט.

— ער איז פאַרבראַנירט דורך דער פאַבריק, און דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האַלט אים מיט אייזערנע צוואַנגען. נאָר איך וועל נישט רוען ביז איך וועל אים נישט אַרויסשיקן אין די ווייסרוסישע וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. דו, אַלעקסאַנדער, וועסט פאָרן אין אַ מיליטערישע שולע ביי מאָסקווע.

— איך דאַנק אייך, חבר קאָמיסאַר. קען איך שוין גיין, — איך דאַרף זיך צוגרייטן...

— וואַרט אַ ווײַלע. איך שרייב דיר אויס אַ פּאָוויעסטקע, גיי צו אין פאַבריק, נעם אַ ראַזשטשאָט (אָפּרעכענונג) און געזעגן זיך מיט דיין געליבטער, דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָווא. דו קאָנסט זיין שטאָלץ, וואָס דו ביסט געליבט דורך איינע פון די שענסטע פרויען אין שטאָט. איר פאָטער איז טאַקע געווען אַ קעגנער

פון דער ראַטנמאַכט און ווער ווייס ווי זי און איר מוטער פירן זיך אויף...

אַלעקסאַנדער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. די ווערטער פון קאָמיסאַר האָבן געטראָפן אים פּערזענלעך. אָבער ער האָט שוין דערקענט די לאַגע אין ראַטנפאַרבאַנד און פאַרביסן די ליפּן, שווייגנדיק, ווי עס האָבן דעמאָלט געשוויגן מיליאָנען אַנדערע בירגער פון ריזיק־גרויסן לאַנד.

קומענדיק אין פאַבריק איז ער אַריין קודם אין דער בוכהאַלטעריע און ווייזנדיק די פּאָוויעסטקע געבעטן מאַכן אים די אָפּרעכענונג. דער קורצזיכטיקער בוכהאַלטער האָט אָנגעקוקט די פּאָוויעסטקע און שטיל געזאָגט:

— שוין מאָרגן אין דער פרי גייסטו אַוועק... איך וועל דיר גלייך אויסצאָלן דעם באַטרעף. גיי, שלאָג די דייטשן, פאַרטרייב זיי פון אונדזער ערד.

— די אַמעריקאַנער גייען איצט אַרויס אין דער מלחמה — זיי וועלן אונדז העלפן באַזיגן דעם שונא.

— יאָ, יאָ — נישט דער רוסישער מענטש איז אין דעם שולדיק, נאָר סטאַלין...

אַלעקסאַנדער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט צוגענומען דאָס געלט, און לאַנג געדריקט די האַנט פון בוכהאַלטער. דער אַלטער איז געווען גערירט: ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן און געווישט די גלעזלעך מיט אַ ווייס טיכעלע. דערנאָך האָט ער אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און אַזוי געבליבן זיצן...

אין צעך האָט אַלעקסאַנדערן באַגעגנט דער באַקאַנטער רויש פון די מאַשינען. די מענטשן זענען געזעסן איבערגעבויגן ביי זייער אַרבעט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער ערשטער בריגאַדע. האָט ער דאָך ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק די בריגאַדע אָרגאַניזירט, אויפגעשטעלט דעם צעך, די אַגרעגאַטן, איינגעשטעלט די אַרבעט. דער צעך איז אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. היינט אַרבעטן דאָ הונדערטער מענטשן און אַלץ אַ דאַנק זיין מי...

לאַנג בלייבן אין צעך האָט ער נישט געקענט — די צייט איז געווען קורץ. ער האָט זיך געזעגנט מיט די בריגאַדירן און „סמיענע"־מייסטער. אין צעך איז אַריין זאַכאַריין. דערזעענדיק אַלעקסאַנדערן איז ער מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צו אים.

— כ'האָב געהערט, אַלעקסאַנדער, אַז דו פאַרלאָזט אונדז שוין. איך האָב געמיינט, אַז דו מיינסט עס נישט ערנסט. ווען דו האָסט דערקלערט, אַז דו ווילסט פאַרלאָזן די פאַבריק און גיין אויפן פראָנט. צום סוף זע איך, אַז דו האָסט נישט געשפּאַסט.

— איך ווינטש אייך, וואַסיל זאַכאַריעוויטש, אין גיכן זיך צו טרעפן אין די אָקאָפּעס אויפן פראָנט — דאָרט וועלן מיר קאָנען רעדן... אַלעקסאַנדער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט שנעלע טריט פאַרלאָזט דעם צעך. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיטן לאַנגן קאָרידאָר צום אַרויסגאַנג פון דער פאַבריק. אים אַנט־

קעגן איז געקומען די בריגאַדירין ליזאַ וואָראָנאָוואַ. דערזעענדיק אַלעקסאַנדערן, איז זי מיט אַ געשריי צוגעפאַלן צו אים און אים אַרומגענומען:

— איר גייט שוין אַוועק פון אונדז, און איך האָב אַזוי געוואָלט מיט אייך אויסטרינקען אַ גלעזל קאַווקאַזער ווייַן.

— מיר וועלן טרינקען, ליזאַ, ווען איך וועל צוריקקומען...

— דו ווייסט אַלעקסאַנדער, מיין מאַן איז געווען אין גאַנצן ענלעך צו דיר. ער איז געווען פון דיין נאַציע, אַ ייד. ער איז אומגעקומען אויפן פראָנט — ער איז פאַרברענט געוואָרן מיטן אַעראָפּלאַן. מיר איז געבליבן פון אים אַ קינד — נעכטן איז עס געוואָרן זיבן יאָר.

אַלעקסאַנדער האָט אַרויסגענומען אַ רויטן דרייסיקער רובל:

— נעם, ליזאַ, וועסט אים קויפן שרייב־געצייג. זאָל ער לערנען און אויס־וואַקסן אַ גרויסער מענטש.

— איך וויל נישט דיין געלט, עס וועט דיר צונוץ קומען.

— איך בין אַ מאַן און וועל זיך אַן עצה געבן און דו ביסט אַן איינזאַמע פרוי...

— פאַר די ווערטער, אַלעקסאַנדער, ביסטו ווערט, איך זאָל דיר אַ קוש טאָן.

ליזאַ האָט אים אַרומגענומען און צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן צו זיינע, איינגעביסן זיך אין זיי. אַלעקסאַנדער האָט דערפילט בלוט אין מויל און ער האָט זיך באַפרייט פון אירע אָרעמס. ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט און פאַרלאָזט די פאַבריק.

אויף דער גאַס האָט אַ מזרח־ווינט געריסן שטיקער. די ביימער זענען געשטאַנען נאַקעטע, אָן בלעטער. די גאַסן זענען געווען ריין. די לופט — פאַרנעפּלט. — עס וועט פאַלן אַ שניי — האָט אַלעקסאַנדער געטראַכט. ער איז געקומען אויף זיין קוואַרטיר. זיין באַלעבאָסטע, אַן אַלטע רוסישע פרוי, האָט שוין געוווּסט אַז איר לאָקאַטאָר פאָרט מאָרגן אַוועק אויפן פראָנט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און שטיל געזאָגט: דאָ נישט לאַנג האָט זיך אויף דיר געפרעגט די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. זי האָט איבערגעלאָזט פאַר דיר אַ בריוו. ער ליגט אין דיין צימער אויפן שרייבטיש.

אַלעקסאַנדער איז אַריין צו זיך אין צימער, געפונען דעם בריוו און אָנגעהויבן אים לייענען וואָרט ביי וואָרט. ער האָט דערקענט, אַז נאַטאַשאַ האָט געוויינט שרייבנדיק דעם בריוו.

...זאָלסט קומען צום מיטאָג, אַלעקסאַנדער, מיר, די מאַמע און איך, וואַרטן אויף דיר. איך שרייב דעם בריוו מיט טרערן, איך קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מאָרגן פאַרלאָזסטו מיך. אַזוי קורץ איז געווען אונדזער צוזאַמענלעבן! איך וועל דיך אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן. איך האָף אַז דו וועסט זיך צו מיר אומקערן. איך קוש דיך מיט דער ליבע פון אַ רוסישער פרוי... דיין נאַטאַשאַ...

ער האָט דערפילט, אַז ער מוז וואָס שנעלער זיין ביי איר. זאָל זי זיך, פרייען מיט אים — זי האָט שוין גענוג טרערן פאַרגאָסן צוליב אים. ער האָט פאַרפּאַקט זיינע זאַכן אין אַ זעקעלע, באַצאָלט דער באַלעבאָסטע פאַר דער דירה און איר

דערלאַנגט די האַנט צום געזעגענען זיך. די אַלטיטשקע האָט געדריקט זיין האַנט און געזאָגט: זאָל דיר גאָט העלפן אויף אַלע דיינע וועגן. איך זאָל דערלעבן דיך צו זען צוריק אַ גאַנצן און געזונטן... ער האָט דערזען אויפריכטיקע טרערן אין אירע אויגן.

די גאַס האָט שוין גערוישט פון מענטשן־געווירבל ווי אַ בינשטאָק. ער האָט געקוקט צו דעם טייך, געזען די שיפלעך וואָס וויגן זיך אויף די כוואַליעס. אַזעלכע שיפלעך האָט ער געזען אויפן ברעג פון אַטלאַנטיק אין בראַזיליע. די מענטשן דאָרט זענען גליקלעך, זיי וויסן נישט פון קריג, צעשיידונג מיט נאָענטע און געליבטע, פון שלאָפלאָזע נעכט, פון אומרו און דערוואַרטונג.

אויף דער גאָרקי־גאַס, וווּ די מאַסלאָווס האָבן געוווינט, איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. ער זעט, ווי פון סטאַלינסקי אַוויאַנען־זאַוואָד פירט מען אַרויס מתים — אַרבעטער, וואָס זענען געשטאָרבן ביי די מאַשינען פון הונגער און דערשעפּונג.

רוסלאַנד, רוסלאַנד, — האָט ער געטראַכט, — דו האָסט אַרויסגעהויבן אַ פּירער, אַ טיראַן, וואָס פאַרניכטעט די בעסטע מענטשן פון רוסישן פאָלק, ווי פּראָפ׳ מאַסלאָוו, איינער פון מיליאָנען קרבנות פון סטאַלין־רעזשים. סטאַלין האָט געשלאָסן דעם אומגליקלעכן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. היינט שענדן די געוועזענע „פריינד" דיין ערד.

שוין פון וויטנס האָט אַלעקסאַנדער באַמערקט אַז נאַטאַשאַ וואַרט אויף אים אין פענצטער און צוגעאײַלט זיינע טריט. זי האָט אים געעפנט די טיר און שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן צערטלעך איר קאָפּ און אַ קוש געטאָן איר אין שטערן. דער קוש האָט זי ווי וואָך־געמאַכט. זי האָט שטיל געזאָגט: „קום אַריין, די מאַמע וואַרט אויף דיר מיטן מיטאָג".

— וואַרט אַ ווײַלע, כ׳האָב דיר געבראַכט אַ מתנה. ווען דו וועסט זיך דערמאַנען אין מיר, גיב אַ קוק אויף דעם רויטן רובין אין דעם רינגל...

— טו עס מיר דו אַליין אָן.

נאַטאַשאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און ער האָט איר אָנגעטאָן דאָס רינגל אויפן מיטלסטן פינגער. זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט אין סאַלאָן. דערנאָך איז זי צו צו דער שאַנק, אַרויסגענומען פון אַלבאָם איר בילד און געגעבן עס אַלעקסאַנדערן: — נעם מיין בילד, אין שלאָפלאָזע נעכט וועסטו פון מיר טראַכטן, וועסט זען די פרוי וואָס איר ליבע איז שטאַרקער פון שטאָל...

ער האָט גענומען דאָס בילד, אָנגעקוקט עס מיט ליבע און אַריינגעלייגט אין פּאָרטפעל.

די מאַמע, אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך געפּאַרעט ביים צוגרייטן מיטאָג. אין סאַלאָן, אויפן טיש, איז געשטאַנען אַ פלאַש קאַווקאַזער וויין און אַ קאַראַפקע מיט וואָדקאַ. אַלעקסאַנדער האָט געעפנט דאָס פלעשל וויין און אָנגעגאָסן צו האַלבע גלעזער. אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען איר גלאָז אין האַנט אַריין און ווענדנדיק זיך אין דער ריכטונג ווו ס׳איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון איר

מאַן, האָט זי געזאָגט: — זאָל לעבן אַ פריי רוסלאַנד! פאַרן געזונט פון מיין מאַן און דיין פאָטער, נאַטאַשאַ!

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז צו צו דער שאַנק, אַרויסגענומען דעם גרויסן משפחה־אַלבאָם. זיי האָבן אָנגעקוקט די פאָטאָגראַפיעס. אָט דאָס איז נאַטאַשאַ שוין אַ דער־וואַקסנדיק מיידל, ביים ענדיקן די צענטע קלאַס. זי האָט גענומען דאָס בילד פון איר מאַן און איינגעקוקט זיך אין אים, דערנאָך דערלאַנגט עס אַלעקסאַנדערן.

— נעם אונדזער משפחה־בילד און טראָג עס מיט זיך אויף אַלע דיינע וועגן. אפשר וועסטו דאָרט ערגעץ, אויפן פראָנט טרעפן אונדזער טייערן פאַוועל... מען זאָגט, אַז איצט קענען די פאַרמשפּטע באַפרייט ווערן, אויב זיי זענען גרייט פרייוויליק צו גיין אויפן פראָנט. כ׳האָב געהערט אַז מען האָט געשאַפן גאַנצע באַטאַליאָנען פון באַפרייטע פון דער פאַרשיקונג, פון די לאַגערניקעס...

— מאַמע, פאַרגעס זיך נישט, „וועגנט האָבן אויערן" — האָט נאַטאַשאַ שטיל געוואָרנט די מוטער.

— יאָ, טאָכטער, וועגנט האָבן אויערן.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן דריי. נאַטאַשאַ האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך מוז שוין גיין צו דער אַרבעט, אַרום זיבן וועל איך זיין צוריק. דו, אַלעקסאַנדער, פיל זיך באַקוועם, טו זיך אויס און לייג זיך שלאָפן. אַ שווערער וועג איז נאָך פאַר דיר. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אים אַ קוש געגעבן.

דער ווינט האָט נישט אויפגעהערט צו רייסן די לאָדנס און קלאַפּן מיט זיי ווי אַ קלעזמער אין די טאַצן.

אַלעקסאַנדער האָט דערפילט, אַז ער איז באמת מיד. ער האָט זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַראָפגערוימט פון טיש, אָפּגעוואַשן די כלים און אַרויס אין גאַס.

אַלעקסאַנדער איז געלעגן אויפן בעט מיט אָפענע אויגן. ער האָט געוואָלט און נישט געקענט איינשלאָפן. היימישע בילדער זענען געלאָפן פאַר זיינע אויגן ווי אין אַ פילם. דער פראָנט, די דייטשן — ער האָט זיך מיט זיי געשלאָגן ביי דאַנציג; דער וועג צוריק, די טייכן נאַרעוו און בוג די עלטערן, געשוויסטער, זיין פרוי און קינד... די דייטשן פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג... ווער ווייס, צי זיינע ליבסטע לעבן נאָך?

צום סוף איז אים געלונגען איינצושלאָפן.

דער ווינט האָט געבראַכט אַ שניי. פון הימל זענען געפאַלן ווייס־זילבערנע פלאַטערלעך און זיך אויסגעשפרייט ווי אַ טעפעך אויף דער ערד.

זיבן אַ זייגער איז נאַטאַשאַ אַריין אין שטוב. איר פּנים איז געווען פאַררויטלט פון שאַרפן ווינט. זי איז אַריין אין שלאָפצימער. אַלעקסאַנדער איז געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. אויף די שפּיצן פינגער איז זי צו צום בעט און מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זיין געזיכט, אויף זיינע שוואַרצע לאָקן — ווי שיין ער איז!... זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט.

אין דרויסן האָט געהוליעט דער ווינט. — דער רוסישער ווינטער ווייזט וואָס ער קען. נאַטאַשאַ האָט געטראַכט. מיין אָרעמער אַלעקסאַנדער וועט פרירן אין די טראַנשייען. וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס? ער קאָן בלייבן דאָ, אַרבעטן רויִק אין פאַבריק, איז ניין, גייט ער פרייוויליק זיך שלאָגן מיט די דייטשן. מאָרגן פרי וועל איך אים באַגלייטן אויפן וואָקזאַל פערם־צווייִ, פון וואַנען עס גייען אָפּ עשעלאָנען אויפן פראָנט. כ׳וועל בלייבן שטיין אויפן פעראָן נאָך לאַנג נאָך דעם ווי דער צוג וועט אָפּפאָרן. כ׳וועל זיך אומקערן אַהיים און וויינען, וויינען. בלויז די מאַמע וועט פאַרשטיין מיין געמיט. די מאַמע וועט מיך טרייסטן:

— ער וועט זיך אומקערן צו דיר... איך האָב געזען אין זיינע אויגן, אַז ער ליבט דיך...

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז אַריין אין צימער און געזאָגט צו דער טאָכטער:

— זע, דער רוסישער גענעראַל־ווינטער שטעלט זיך איין... די דייטשן וועלן האָבן דעם סוף פון נאַפּאָלעאָנס חיילות מיט 130 יאָר צוריק...

— אפשר וואָלט איר אייער געזעגענונגס־אָוונט פאַרבריינגט אין דער אָפּערע — היינט גייט מיין באַליבטע „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ“...

— דאָס איז אַ גלענצנדיקער געדאַנק, מאַמע. מיר וועלן גיין.

אַלעקסאַנדער האָט געעפנט די אויגן. נאַטאַשאַ האָט אים האַרציק אַרומגענומען און געקושט.

— לאָמיר שיין פאַרברענגען דעם לעצטן אָוונט פאַר דיין אָפּפאָרן. די מאַמע לייגט פאָר מיר זאָלן גיין אין דער אָפּערע. היינט גייט „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ“ לויט פּושקינען.

— גוט, נאַטאַשאַ, — האָט אַלעקסאַנדער איינגעשטימט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און זיי זענען געשטאַנען אויסגעפּוצטע ווי צו אַ חתונה. די מאַמע האָט אויף זיי געקוקט און געטראַכט וועגן אירע פאַרגאַנגענע יאָרן...

אויף דער גאָרקי־גאַס איז געווען שטיל. די שניי־פּלאַטערלעך האָבן פאַרוועבט די שטאָט אין אַ חלום. דיביימער אין ווייסן האָבן אויסגעזען ווי כלות אין דער חופּה־נאַכט...

נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער זענען געגאַנגען, האַלטנדיק זיך ביי די הענט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין אַקסל און געפילט די וואַרעמקייט פון זיינע בלוטן. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געקושט.

ביים שטאָטישן טעאַטער איז געווען רוּישיק. אויסגעפּוצטע מענער, יונגע פרויען און מיידלעך. אַלעקסאַנדער האָט געקויפט צוויי בילעטן און זיי זענען אַריין אין גרויסן טעאַטער־זאַל. נאַטאַשאַס רייצנדע, שלאַנקער פיגור האָט צוגעצויגן אַלעמענס בליקן.

ווען די פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איז אין זאַל געוואָרן אַ שטילקייט. מענער האָבן אַרומגענומען זייערע פּאַרטנערקעס און אונטער דער השפּעה פון דער מוזיק פאַרגעסן אין דער וועלט, אין דער מלחמה און אירע געפאַרן, אינעם שונא. אַלעקסאַנדערס פּנים האָט געשיינט. נאַטאַשאַ האָט אים אַ קוש געטאָן אין באַק

און אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער: טראַכט נישט איצט וועגן מאָרגן, וועגן פּראַנט...

אין אַנטראַקט האָט זי צוגעגעבן: דאָס איז די סמעטענע פון דער שטאָט — פּאַרטיי־לייט, דירעקטאָרן פון זאַוואָדן — אַלע מיט זייערע געליבטע. דאָ וועסטו קיין אַרבעטער נישט טרעפן. דאָ פאַרגעסן די אָנוועזנדע וועגן אַלע זייערע דאגות, וועגן דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט. אויך מיר דאַרפן פאַרגעסן וועגן אַלץ און אַלעמען...

אַלעקסאַנדער האָט געשוויגן. זיין האַרץ איז געווען איבערפולט מיט ווייטיק.

דער ערשטער אַקט האָט זיך פאַרענדיקט. מענער און פרויען האָבן זיך געלאָזט אין אַ ווילדן געלויף צום בופעט, ווו מען האָט נאָך געקאָנט באַקומען צו קויפן אַ נאַש. באַלד האָט זיך אויסגעשטעלט אַ ריי. אַלעקסאַנדער האָט זיך נישט געקאָנט דערשטופּן. ער איז נישט געווען געוווינט צו אַזאַ אַרט לעבן. ווידער איז אים געקומען אויפן זינען אַ געדאַנק, אַז אַט פאַרלאָזט ער נאַטאַשאַן, און זי בלייבט דאָ מיט זיין קינד אונטערן האַרצן.

ווען אַלעקסאַנדער איז ענדלעך צוגעקומען צו דער פאַרקויפערין, האָט זי צעפירט די הענט: שוין נישטאָ... נעבן אים איז געשטאַנען אַ רויט־אַרמייער מיט טעלעכע פעקלעך שאָקאָלאַד אין האַנט. אַלעקסאַנדער איז צו צו אים און אָפּגעקויפט אַ פעקל שאָקאָלאַד פאַר אַ דרייסיקער רובל. אַ צופרידענער האָט ער עס געבראַכט נאַטאַשאַן. זי האָט עס שטילטשיק געעפנט און דערלאַנגט אַ שטיקל אַלעקסאַנדערן גלייך אין מויל אַריין.

— ביסט אַ פעיִקער מענטש, אַז דו האָסט באַוויזן צו באַקומען (קויפן) די שאָקאָלאַד.

— פאַר געלט קאָן מען ווייזט אויס אַלץ באַקומען, אפילו דאָ.

— ווען מיר וועלן גיין אַהיים וועל איך דיר דערציילן ווען איך האָב דאָ געטראָפן.כ׳וואָלט עס נישט געגלויבט, ווען מיינע אויגן זעען דאָס נישט. די פאַרטיי־לייט, באַקאַנטע דירעקטאָרן און נאַטשאַלניקעס פון דער פּראָווינץ מיט זייערע יונגע געליבטע... זע פאַר ווען דו גייסט אַוועקגעבן דיין לעבן און לאָזט מיך איבער אַליין.

— ניין, נאַטאַשאַ, נישט צוליב זיי גיי איך זיך שלאָגן, נאָר פאַר מיין פאָלק, פאַר מיין משפּחה, און נישט פאַר די פּאַראַזיטן. עס וועט נאָך קומען די צייט און זיי וועלן אויך דאַרפן אָפּגעבן חשבון פאַר זייערע מעשׂים.

— ווער וועט פון זיי פאָדערן חשבון, אַז די בעסטע, די מוטיקסטע קומען אום אויף די שלאַכט־פעלדער.

— שוויג, נאַטאַשאַ, דו ביסט אין אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייז, לעבסט אין אַ וועלט ווי קיין גערעכטיקייט איז נישט פאַראַן. גענוג אַז דיין פאָטער פעלט — ווילסטו גיין צו אים?

— איצט בין איך נישט אַליין, דו ביסט מיט מיר, מיין קעמפער, מיין העלד, מיין געליבטער מאַן און פאָטער פון מיין קינד.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָבער אַלעקסאַנדער האָט איר קאָפּ אויפגעהויבן

און געלייגט אויף זיין אַקסל. פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, האָט זי נישט געהערט די קלאַנגען פון מוזיק און געזאַנג, נישט געזען וואָס עס טוט זיך אויף דער בינע. אין זאַל איז געווען שטיל. די פּאַרטיי־לייט האָבן אַרומגענומען זייערע געליבטע, עס זענען געפאַלן פרעכע קושן... אַלע געדאַנקען וועגן דער מלחמה האָבן נישט געהאַט קיין אײנטריט אין דעם זאַל אַריין. אַלעקסאַנדער האָט דאָס אַלץ געזען און פאַרביסן די ציין.

נאַטאַשאַ האָט אים ווידער דערלאַנגט אַ שטיקל שאָקאָלאַד.

— אַ דאַנק, לאָז איבער פאַר דער מאַמען.

— דו ביסט אַ גוטער, אַלעקסאַנדער. די מאַמע האָט פאַר דיר קיין ווערטער נישט. זי זאָגט, אַז דו ביסט אַזוי ווי מיין פאָטער איז געווען.

בעת דעם צווייטן אַנטראַקט האָבן אַלעקסאַנדער און נאַטאַשאַ שפּאַצירט אין פאָיע. ס'איז געווען רויִשיק ווי אין אַ בינשטאָק. מען איז געשטאַנען און געגאַפט — אַלע האָבן אָנגעקוקט די אָנוועזנדע מיט טאַקסירנדיקע בליקן.

ביים עק פון לאַנגן קאָרידאָר איז געשטאַנען דער קאָמיסאַר באַבושקין מיט אַ יונגע פרוי; ביידע האָבן פון עפּעס געלאַכט, ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אין אַ גן־עדן. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען דער טעכנאָרוק, זאַכאַרין, מיט אַ דיקע מויד און געפרעסן סענדוויטשן.

אַלעקסאַנדער און נאַטאַשאַ האָבן שפּאַצירט — אַלע האָבן זיי נאָכגעקוקט, אָבער זיי האָבן נישט געזען קיינעם — נישט די נאַטשאַלניקעס, נישט די פּאַרטיי־לייט, נישט די לייטערס פון גרויסע געשעפטן און אוניווערמאַגן, די נייע אַריסטאָ־קראַטיע פון דער פּראָווינציאָנעלער געזעלשאַפט.

זיי זענען אַריין אין זאַל. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער אַקט. פון דער בינע טראָגט זיך מוזיק, די שיינע ליבע־אַריעס, אָבער נאַטאַשאַ הערט נאָר דאָס קלאַפּן די רעדער פון וואַגאָן, וואָס פירט אַוועק פון איר איר געליבטן. ער וועט ערגעץ דאָרט פרירן, איינשטעלן זיין לעבן אין קאַמף און די דאָ וועלן לעבן אין גן־עדן פון נאַראָנים און נידערטרעכטיקע. זי ווייסט, אַז פון פראָנט קומען קיין גאַנצע און געזונטע נישט צוריק. זי האָט אַ ציטער געטאָן. טרערן האָבן זיך איר אַ שיט געגעבן פון די אויגן. זי איז געווען די איינציקע אין זאַל, וואָס איז געזעסן און געוויינט — די אַרומיקע האָבן געלאַכט... די יונגע פרויען האָבן געטראַכט, אַז מאָרגן וועט דער ליבהאָבער ברענגען אַ פּאָר שיך, אַ קליידל אָדער אַ פּעקל שאָקאָ־לאַד... נאָר זיין נאַטאַשאַ — האָט געטראַכט אַלעקסאַנדער — נעמט אויף זיך דעם עול פון ליידן, פון אויסטראָגן זיין קינד. ער אַליין איז שוין אין זיינע געדאַנקען אויפן פראָנט. ווייזט אויס, אַז נאַטאַשאַ פילט אַרויס זיינע געדאַנקען און דעריבער וויינט זי מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין זיין אַקסל.

נאַטאַשאַ ווייסט, אַז טרערן זענען די בעסטע רפואה פאַרן מענטש. ווען אַ מענטש וויינט זיך אויס, גייט אים אַראָפּ דער שטיין פון האַרץ און עס ווערט אים לייכטער.

די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט און אין זאַל איז געוואָרן ליכטיק. אַלעק־

סאַנדער מיט נאַטאַשאַן זענען פּאַוואָלינקע אַרויס פון בנין. עס האָט זיי אַרומגענומען אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט געריסן שטיקער פון דיביימער. די בענק אין שטאָטישן גאָרטן, אין די אַלייען, זענען ווי צוגעדעקט מיט ווייסע קישעלעך. עס איז שוין באַלד האַלבע נאַכט און דער שניי הערט נישט אויף צו שיטן...

אויף דער גאָרקי־גאַס האָבן זיי באַמערקט אַ ווייסן הונט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן עק. ער בילט נישט — ער האָט נישט קיין כוח דערצו. ער זוכט אַ פּעטן ביין, וואָס איז שוין לאַנג נישט בנמצא אויף דער רוסישער ערד. דער הונט גייט זיי נאָך. די גאָרקי־גאַס, איז ליידיק און שטיל. פאַרן הויז בלייבן זיי שטיין און דער ווייסער הונט נעבן זיי. נאַטאַשאַ עפנט די טיר און זיי גייען אַריין אין דער וואַרעמער שטוב. דער הונט בלייבט אין דרויסן. זי גייט אַריין אין קיך, נעמט אַ שטיקל ברויט און גייט צוריק אַרויס. דער הונט שטייט נאָך אין הויף. זי דערלאַנגט אים דאָס ברויט און גייט צוריק אין שטוב אַריין.

די מאַמע שלאָפט. נאַטאַשאַ איז אַריין אין קיך וווּ אַלעקסאַנדער האָט שוין באַוויזן אָנצוגיסן טיי. די מוטער האָט איבערגעלאָזט אַ הייסן סאַמאָוואַר. אויפן טיש איז אויך געווען ברויט און פּוטער. זיי זענען געזעסן, געגעסן ברויט מיט פּוטער און פאַרטרינקען מיט טיי.

אויף די שפּיץ פינגער, נישט אויפצוועקן די מאַמען, זענען זיי אַריין אין שלאָפצימער. אין דרויסן וואָיעט דער ווינט, די ווייסע פלאַטערלעך דרינגען אַריין דורך די לאָדנס און בלייבן אויף די שויבן.

נאַטאַשאַ פאַלט צו צו זיין מויל, קושט אים. ער נעמט זי אַרום. פון אים שלאָגט אַ כוח... זיי זענען יונג, שיין און האָבן זיך ליב. נאַטאַשאַ פאַרגעסט אין דער ווירקלעכקייט, אין דעם מאָרגן, וואָס וועט זיך אָנהייבן ווען דער זייגער וועט אויסשלאָגן זיבן און אַלעקסאַנדער וועט זי פאַרלאָזן. דערווייל טרינקען זיי פונעם ליבע־בעכער, ביי די קלאַנגען פון ווינט וואָס טרייסלט די לאָדנס.

אַ ביסל שפּעטער איז נאַטאַשאַ שנעל איינגעשלאָפן. אַלעקסאַנדער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויף די שויבן, אויף וועלכע דער פראָסט האָט געמאָלן ווינטער־מאָטיוון.

ער האָט געטראַכט: אין ווייטן וואַרשעווער געטאָ זוכן יידן שפּאַרונעס אויף אַרויסצוגנבענען זיך פון געטאָ, זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון פאָליאַקן, וועלכע גיבן זיי אָפּט איבער אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ...

דער ווייסער טאָג האָט דורך די שפּאַרונעס געגעבן אַ צייכן פון זיין עקזיסטענץ. אַלעקסאַנדער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט געהערט אַז דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן זעקס. זי איז אויפגעשטאַנען, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. אויף די שפּיץ־פינגער איז זי אַריין אין שלאָפצימער צו די קינדער. זיי זענען נאָך געשלאָפן. נאַטאַשאַ איז געלעגן מיטן קאָפּ אויף אַלעקסאַנדערס ברוסט. אַנאַ האָט זיך דערמאָנט אין אירע יונגע יאָרן ווען זי מיט פּאַוועל האָבן זיך געליבט. ווי גוט איז זיי געווען אויף דער וועלט — ביידע זענען אַרומגעגאַנגען שטראַלנדיקע פון גליק. און היינט? — שוין פינף יאָר

ווי זי ווייס נישט וועגן איר פּאַוועלן, וואָס מ׳האָט אים פון איר אַוועקגענומען, און איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אַ שטיין אין וואַסער. זי טאָר נישט פרעגן וועגן זיין גורל — אַזאַ איז די סאָוויעטישע גערעכטיקייט. זי מוז שווייגן און קאָנטראָלירן יעדן געדאַנק און יעדעס וואָרט וואָס זי וויל אַרויסרעדן.

דער זייגער האָט געקלונגען זיבן. די קינדער זענען נאָך אַלץ געשלאָפן. אַנאַ האָט געוווּסט אַז אַלעקסאַנדער דאַרף זיך שטעלן אויפן וואָקזאַל פערם־צוויי אַכט אַ זייגער, צום עקספּרעס־צוג מאָסקווע־סוויערדלאָווסק. זי איז ווידער אַריין אין די קינדערס שלאָפצימער און שטיינגעבליבן ביי זייער בעט. נאַטאַשאַ האָט געעפנט די אויגן:

— וואָס איז, מאַמע?

— שוין זיבן און אַלעקסאַנדער דאַרף זיין אויפן וואָקזאַל אַכט אַ זייגער.

— גוט, מאַמע, איך טו מיך שוין אָן.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז אַריין אין קיך גרייטן פרישטיק. נאַטאַשאַ איז מיט איין שפּרונג אַראָפּ פון בעט און זיך איבערגעבויגן איבער אַלעקסאַנדערן. ער האָט אין שלאָף דערפילט, אַז מען וואַכט נעבן אים. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען ווי נאַטאַשאַ שטייט איבער אים איבערגעבויגן. פון איר דעקאָלט האָבן אַרויסגעקוקט אירע ווייסע, פולע ברוסטן, ווי צייטיקע עפּל. ער האָט זיי אויסגעקושט. ער האָט באַמערקט די שוואַרצע רייפן אונטער אירע אויגן, און שטיל געזאָגט: טרערן ברענגען גליק... איך וועל זיי מיטנעמען מיט זיך אויף די שלאַכט־פעלדער.

די מאַמע האָט גערופן צום פרישטיק. אַלעקסאַנדער, שוין אָנגעטאָן, איז אַריין אין קיך און געזעצט זיך נעבן נאַטאַשאַן.

שטיל איז געווען ביים אַרעמען פרישטיק. מען האָט נאָר געהערט דאָס וואָיען פון ווינט און דאָס קלאַפּן פון די לאָדנס.

⁂

אויפן וואָקזאַל האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. מענטשן זענען אַריין און אַרויס. דער נאַטשאַלניק, מיטן רויטן היטעלע און מיט אַ רויט פענדל אין האַנט, איז געשטאַנען אויפן פּעראָן און געגעבן צייכנס די צוגן צום אָפּפאָרן.

די מאָביליזירטע מיטן קאָמיסאַר באַבושקין זענען געשטאַנען אין אַ זייט פון פּעראָן, און געוואַרט אויפן עקספּרעס. נעבן זיי זענען געשטאַנען די באַגלייטנדיקע פרויען. דער שניי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן. די פרויען האָבן אָנגעהויבן פרירן.

דער קאָמיסאַר באַבושקין האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. דער עקספּרעס פון סוויערדלאָווסק קיין מאָסקווע דאַרף אָנקומען אין צען מינוט אַרום. ער האָט מיט אַ בערן־שטים אַ געשריי געטאָן: רעביאַטאַ, געזעגנט זיך מיט אייערע פרויען!

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צו דער דאָק־טאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. נאַטאַשאַ האָט אים אַרומגענומען און געדריקט צו זיך,

טרערן זענען געריננען פון אירע אויגן ווי פון אַ נייעם קוואַל. די שנײ־פּלאַטערלעך זענען געפאַלן שטיל, וועבנדיק עפּעס אַ לעגענדאַרן חלום פון שלווה און... אומרו.

נאַטאַשאַ האָט געוואָלט רעדן און נישט געקאָנט: אַלע ווערטער זענען איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי האָט זיך געטוליעט צו אַלעקסאַנדערן און אירע טרערן האָבן באַדעקט זיין פּנים.

— וויין נישט, טייערע — האָט אַלעקסאַנדער שטיל געזאָגט — דו אײנע ביסט מיר געבליבן אויף דער וועלט און נאָר וועגן דיר וועל איך דענקען אויפן שלאַכט־פּעלד, וועגן דיר און וועגן אונדזער קינד וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט...

— איך וועל דיר ברענגען קינדער ווי די צייטיקע עפּל און דו וועסט זיין שטאָלץ מיט זיי... כ׳בעט דיך, אַלעקסאַנדער, שרייב מיר, יעדן טאָג, כאָטש אַ פּאָר ווערטער... דורך דיינע בריוו וועל איך דיך זען, שיינער און שטאַרקער מאַן מיינער. זיי וועלן לינדערן מיינע יסורים און העלפן איבערטראָגן די שווערע צייט וואָס דערוואַרט מיך. איך וועל דיר זיין טריי און ערלעך. איך וועל אויף דיר וואַרטן טעג און יאָרן ביז דו וועסט צוריקקומען און זיין אַ פּאָטער צו אונדזער קינד. זאָל דיין גאָט דיך שיצן פון שונאס קוילן און פון אַלעם בייזן. די ווייניקע טעג וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, זענען געווען טעג פון גליק, די ערשטע, זינט מען האָט צוגענומען מיין פאָטער. מיט דיין קומען האָט פון ס׳ניי פאַר מיר אויפגעשיינט די זון. דו האָסט געקענט רויִק דאָ בלייבן, אַרבעטן, האָסטו אָבער אויסגעוויילט צו גיין אויף דער בלוטיקער מלחמה און קעמפן קעגן די דייטשן.

— דיינע ווערטער, נאַטאַשאַ, קריצן זיך מיר איין אין זכרון און אין האַרצן — איך וועל זיי נישט פאַרגעסן. איך האָב אָבער נישט געקענט בלייבן — מיין געוויסן דערלויבט מיר נישט רויִק זיך צוצוקוקן ווי עס גייט אונטער מיין פאָלק און נישט אָפּצאָלן דעם שונא. איך וועל זיך צו דיר אומקערן, נאַטאַשאַ, דיך נעמען פאַר דער האַנט און אַוועקפירן פון דאַנען אין אַן אָרט, ווו מענטשן לעבן פריי — דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר דיר, פאַר אונדז ביידע...

נאַטאַשאַ האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיין מויל, געבענדיק אים אַ צייכן, ער זאָל שווייגן.

קאָמיסאַר באַבושקין האָט אַ פייף געגעבן און די מאָביליזירטע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. ער האָט אויסגערופן נעמען, און יעדער האָט געענטפערט מיט אַ קורצן „יעסט" (פאַראַן). נאָכן איבערציילן די מענטשן האָט ער איבערגעגעבן אַ טעטשקע דעם רעזערוו־לייטענאַנט אַנטאָנאָוו.

אַנטאָנאָוו האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביים נאָמען פון אַלעקסאַנדערן. מיט אַ רויטן בלייער האָט ער געמאַכט אַ צייכן ביי זיין נאָמען.

דער עקספּרעס־צוג סווערדלאָווסק־מאָסקווע האָט זיך אַריינגעשניטן אין פראָן מיט שטורעם. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ ווינט, ווי טויזנט גייסטער וואָלטן זיך געלאָזט אין ווילדן טאַנץ.

לייטענאַנט אַנטאָנאָוו האָט אַ געשריי געטאָן: אַלע צו מיר! די מאָביליזירטע

זענען צוגעלאָפן צו אים און איינגעשטיגן אינעם ספּעציעל פֿאַר זיי רעזערווירטן וואַגאָן. זיי האָבן פֿאַרנומען ערטער. ווען דער צוג האָט גערירט איז אַנטאָנאָוו צוגעקומען צו אַלעקסאַנדערן.

— לאָמיר זיך באַקענען — האָט ער געזאָגט. איך האָב אייך, אַלעקסאַנדער, באַשטימט צו זיין מיין פּאַרטרעטער. קאָמיסאַר באַבושקין האָט מיר דערציילט, אַז איר גייט פּריוויליק אויפֿן פֿראָנט פֿאַר אונדזער רוסיש פֿאָטערלאַנד.

— יאָ, אמת.

— גוט, דו בלייבסט מיין פּאַרטרעטער.

— וואָהין פֿאָרן מיר, לייטענאַנט?

— קיין מאָסקווע. פֿאַרנעם דאָ אַ פּלאַץ ביים פֿענצטער, נעבן מיר, איך דאַרף דיך האָבן. דו ביסט אַן עלטערער סערזשאַנט?

— יאָ, לייטענאַנט, כ׳בין אַן עלטערער סערזשאַנט.

— פֿאַרגעס איצט וועגן אַלעם וואָס דו האָסט געלאָזט הינטער זיך — דו דאַרפֿסט טראַכטן נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי צו שלאָגן זיך פֿאַר אונדזער גרויס פֿאָטערלאַנד.

די ווערטער פֿון לייטענאַנט האָבן אַלעקסאַנדערן פֿאַרדראָסן. סטאַלין און מאָלאָטאָוו האָבן דאָך היטלערן געהאָלפֿן אַריינצופֿירן די דייטשע אַרמיי אין האַרץ פֿון רוסלאַנד דורך דעם אָפּמאַך וואָס זיי האָבן געשלאָסן. נישט אַלעקסאַנדערן, נישט די אַכט־און דרייסיק מאָבילידירטע און נישט די מיליאָנען בירגער האָט מען געפֿרעגט צי זיי זענען דערויף מסכים.

נאַטאַשאַ איז אַריין אין וואַגאָן, אָפּגעזוכט אַלעקסאַנדערס קופּע, זיי זענען אַרויס אין קאָרידאָר און געשטעלט זיך ביים פֿענצטער פּנים אל פּנים. ער האָט געקוקט אויף די טונקעלע רייפֿן אונטער אירע אויגן.

— איך בעט דיך, מיין ליבע, וויין נישט, איך וועל זיך צו דיר אומקערן. אַנטאָנאָוו האָט מיך באַשטימט פֿאַר זיין פּאַרטרעטער.

— וואָהין שיקט מען אייך?

— קיין מאָסקווע.

— כ׳האָב געהערט פֿון די פֿרויען וואָס זענען געקומען באַגלייטן די מאָבילי־זירטע, אַז אויפֿן לענינגראַדער פֿראָנט איז ערגער. בעסער, אַז דו פֿאָרסט קיין מאָסקווע, מיין געבוירן־שטאָט. איך וואָלט איצט מיט דיר מיטגעפֿאָרן, נאָר איך קאָן נישט איבערלאָזן די מאַמען אַליין. אפֿשר וועסטו ערגעץ טרעפֿן מיין טאַטן אויפֿן פֿראָנט, ווייז אים אונדזער פֿאַמיליען־בילד און דערצייל אים אַלץ וועגן אונדז. מען זאָגט, אַז מען באַפֿרייט פֿון די לאַגערן די, וועלכע זענען גרייט צו גיין אויפֿן פֿראָנט קעמפֿן.

—כ׳בין נישט זיכער, צי דאָס געזעץ נעמט אַרום אויך פּאָליטישע, אָבער איך טראַכט וועגן דעם.

— זוך אים, אפֿשר וועסטו אים געפֿינען, דעם טאַטן מיינעם. כ׳האָב היינטיקע נאַכט געחלומט וועגן אים.

— גיי, נאַטאַשאַ, שוין צייט. און ווען דו וועסט זיך פאַרבענקען, נעם אַרויס מיין בילד און קוק זיך איין אין דעם. זאָלסט מיך געדענקען און טראַכטן וועגן מיר צום גוטן, כ׳וועל צוריקקומען צו דיר.

אַ שטאַרקער פייף האָט איבערגעריסן דאָס געשפּרעך. דער סטאַנציע־נאַטשאַל־ניק האָט אויפגעהויבן די האַנט מיטן פענדל און געגעבן אַ צייכן. דער צוג האָט גערירט ווען נאַטאַשאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן. אַלעקסאַנדער האָט דורכן פענצטער געזען ווי זי שטייט אויפן פּעראָן און שיקט אים לופט־קושן...

ווייסע שניי־פלאַטערלעך האָבן אויסגעפּילט דעם רוים, פאַרוועבענדיק נאַטאַ־שאַס ווייטיק...

קאָמיסאַר באַבושקין איז צוגעגאַנגען צו נאַטאַשאַן. ער האָט זי אָנגעמאָסטן מיטן בליק און געזאָגט מיט זיין טיפער בערן־שטים: קומט, דאָקטאָר, כ׳וועל אייך אָפּפירן אַהיים.

— אַ דאַנק אייך, חבר קאָמיסאַר, איך גיי איצט אין אַמבולאַטאָריע צו מיין אַרבעט.

— איך וועל קומען אייך באַזוכן.

— אַ דאַנק, אָבער איך נעם דאָרט נישט אויף קיין פּריוואַטע געסט און פּריוואַטע פּאַציענטן.

זי האָט זיך אויסגעדרייט און מיט שנעלע טריט פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל.

קאַפּיטל צוויי

דער רויטער וואַגאָן

ס׳איז געווען סוף דעצעמבער 1937. דעם מעדיצין־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו האָט מען געפירט איבער די מאָסקווער גאַסן צום מזרח־וואָקזאַל. אַן עשעלאָן מיט רויטע וואַגאָנען איז געשטאַנען שוין פול מיט פּאָליטישע־און קרימינעלע־פאַרברעכער אָפּצושיקן אין אַן אַרבעטס־לאַגער אויף אוראַל.

פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז אַ שווייגנדיקער אַריין אין רויטן פּי־וואַגאָן. אינעווייניק האָט געברענט אַן אייזערן אייוועלע. איבער מאָסקווע האָט געהאָנגען אַ פאַרנעפּלט־פּראָסטיקער הימל. קיין שטערן האָט מען נישט געזען. ס׳האָט זיך אויך נישט געוויזן די לבנה.

פּראָפ׳ מאַסלאָוו האָט פאַרנומען אַן אָרט אויף דער אויבערשטער נאַרע ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. דורך דעם פענצטערל האָט ער געזעגנט מאָסקווע, זיין מאָסקווע, ווו ער איז אין דער צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געגאַנגען מיט לענין־גוואַרדיסטן אויף די באַריקאַדן; ביי זיין זייט איז געגאַנגען זיין פרוי אַנאַ, די צאָן־דאָקטאָרין.

איצט איז ער אַ פּאָליטישער. פאַר וואָס? פאַר ווען? ווייסט ער נישט.

אַלע אין רויטן וואַגאָן שווייגן. מען הערט דאָס קנאַקן פון טרוקענעם האָלץ אינעם אייוועלע. דער לאַנגער עשעלאָן מיט די רויטע וואַגאָנעס רירט פון אָרט און פאַרלאָזט מאָסקווע. פּראָפ׳ מאַסלאָוו וויל שרייען, די וועלט זאָל אויפציטערן:

— פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט מען אים צוגענומען פון זיין שטוב, פון זיין קאַטעדרע, פון זיינע סטודענטן? ער פילט אַ ווייטיק אונטערן לעפעלע: ער ציט זיך אויס אויף דער נאַרע און שלאָפט איין; דער צוג שלעפּט זיך פון סטאַציע צו סטאַציע; שנעלע פּאַסאַזשיר־צוגן מיידן אויס דעם רויטן צוג. די פרייע רייזנדע קוקן נישט אין דער זייט פונעם רויטן צוג. זיי, די רוסישע מענטשן, ווייסן גוט וועמען מען פירט דאָרט...

מיטן געבורט פון נייעם טאָג, האָט פּרופ׳ מאַסלאָוו געעפנט די אויגן. דער באַגין האָט אַ גלאַנץ געטאָן ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטערל מיט מיליאָנען ליכט.

— ווו בין איך? — האָט מאַסלאָוו געטראַכט אַרומקוקנדיק זיך אינעם וואַגאָן. דאָס איז דאָס נייע רוסלאַנד, וואָס וויל בויען דעם קאָמוניזם?

מיטביידע הענט האָט ער זיך פאַרשטעלט די אויגן. בעסער וואָלט איך בלינד געוואָרן — האָט ער געטראַכט — נישט זען מיט די אייגענע אויגן די בראָך!

די רוסישע אינטעליגענץ האָט מען געפירט אין צוואַנגס־לאַגערן. און די וועלט האָט געשוויגן. ווו איז געווען פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע, אַמעריקע? האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד אין 1937?

דער היטלעריזם איז שוין געווען ביי דער מאַכט: ער האָט זיך שוין געגרייט צו פאַרכאַפּן די וועלט און אומקערן זי צו דער שטיין־עפּאָכע. מאַסלאָוו — פון דער אויבערשטער נאַרע האָט געוויינט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געוויינט. נישט אויף זיין אייגענעם גורל, נאָר אויפן גורל פון רוסישן פאָלק. די בעסטע זין פון רוסישן פאָלק האָט מען געפירט אין די רויטע וואַגאָנען. אין יעדן וואַגאָן צו דרייסיק־פערציק פערזאָן.

דער עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט גאָרקי, ביי דער וואָלגאַ, אויף אַ זייטיקע באַן־ליניע. זעלנער מיט ביקסן אויף די אָרעמס האָבן געעפנט די וואַגאָנען און דערלאַנגט פאַר די אַרעסטאַנטן ברויט מיט זופּ. דער וואַגאָן־עלצטער האָט אָפּגענומען פון די זעלנער דאָס ברויט מיט די שיטערע זופּ און גלייך עס צעטיילט צווישן עולם.

מאַסלאָוו האָט גענומען זיין פּאָרציע ברויט מיט די וואַסערדיקע זופּ און געגעסן גלייך מיט אַלע. אין וואַגאָן איז געווען שטיל. מענטשן האָבן זיך נאָך נישט געקענט: יעדער איז געווען פאַרזונקען אין זיינע אייגענע געדאַנקען.

נאָכן אָפּעסן דעם „רייכן" פרישטיק האָט פּראָפעסאָר מאַסלאָוו דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל געזען דעם גרויסן רוסישן טייך וואָלגאַ. אים האָט גענומען קלינגען אין די אויערן דאָס ליד: "וואָלגאַ, וואָלגאַ" ווי די יוגנט האָט עס געזונגען אויף די באַריקאַדן...

טייך, רוסישער טייך! וויפל דורות רוסישע מענטשן האָבן דיך באַזונגען!

ער האָט ווידער געוואָלט וויינען און שוין נישט געקענט. ס'האָט אים אויס־געפעלט טרערן.

לאַנג איז דער עשעלאָן מיט די רויטע וואַגאָנעס נישט געבליבן שטיין אויפן גאָרקער וואָקזאַל. די פירער פון עשעלאָן האָבן נישט געוואָלט, אַז די גאָרקער איינוווינער זאָלן זיך דערוויסן, אַז מען פירט דאָ, אין די רויטע וואַגאָנעס, די מאָסקווער אינטעליגענץ אין די צוואַנגס־לאַגערן.

פּאַוואָלינקע האָט דער עשעלאָן זיך געשלענגלט איבער דער לאַנגער וואָלגאַ־בריק. פּראָפ' מאַסלאָוו האָט געזען די וואָלגאַ אין דער לענג און אין דער ברייט. ווי נאָר דער עשעלאָן איז דורכגעפאָרן די בריק האָבן די מענטשן פון וואַגאָן גענומען קוקן איינער אויפן אַנדערן ווי אויף אַ ברודער לצרה. דאָס אייזערנע אייוועלע האָט געברענט און איינדרויסן האָט דער פראָסט געקנאַקט. ניי־יאָר — דאָס יאָר 1938.

פּאַוועל מאַסלאָוו האָט גענומען טראַכטן פון אַ פּלאַן זיך צו באַפרייען. בעסער וואָלט פאַר אים געווען ווען ער וועט באַשולדיקט אין אַ קרימינעל־פאַרברעכן קעגן די געזעצן פון דער ראַטנמאַכט, ווי מאַכן אַבאָרטן, איידער צו זיין אַ פּאָליטישער... ער האָט געוועבט פאַרשידענע פּלענער, נאָר פון אַלע פּלענער האָט

ער נישט געקענט געפונען דעם גילדענעם פֿאָדעם וואָס זאָל אים פֿירן אויפֿן ריכטיקן וועג...

אין זיין וואַגאָן איז איינער שווער קראַנק געוואָרן און באַקומען הויכע טעמפּעראַטור.

דער עשעלאָן האָט זיך געשטעלט אויף אַ קליינע סטאַציע. דער וואַגאָן־עלצטער האָט גענומען קלאַפּן אין טיר. עס זענען צו דער טיר צוגעקומען צוויי באַוואָפנטע נקוו״דיסטן מיט רעוואָלווערן ביי דער זייט.

— וואָס איז געשען? — האָט געפרעגט איינער פֿון זיי.

— פֿאַראַן אין וואַגאָן אַ שווער־קראַנקער מיט הויכע טעמפּעראַטור!

— באַלד וועלן מיר עפֿענען און נעמען אים אין שפּיטאָל־וואַגאָן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צוויי מענער מיט אַ טראָגבעטל האָבן צוגענומען דעם שווער־קראַנקן.

מאַסלאָוו האָט געוווּסט, אַז דער שווער־קראַנקער האָט אַ גריפּע. נישט מער, רעדן האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי זיך איבערצו־פּעקלען אין שפּיטאָל־וואַגאָן.

מאַיאָר טשוואַכין איז געזעסן ביי זיך אין קאַיוטע און געקוקט אין די פּאַפּירן פֿון די אַרעסטאַנטן, וועלכע ער פֿירט אין וואַגאָן. ס׳איז אַריינגעקומען זיין פּאַרטרעטער, קאַפּיטאַן סמירנאָוו און געמאָלדן: אין די וואַגאָנען זענען פֿאַראַן פֿיל קראַנקע. מען דאַרף אַלע איבערפֿירן אין שפּיטאָל־וואַגאָן, אויב נישט, קאָן ווערן שלעכט...

— נעמט מענטשן פֿון דער וואַך — האָט מאַיאָר טשוואַכין באַפֿוילן — און זאָלן זיי איבערפֿירן אַלע שווער־קראַנקע אין שפּיטאָל־וואַגאָן.

— מען דאַרף באַשעפֿטיקן דאָקטוירים פֿון די אַרעסטירטע.

— נעמט מעדיצינער בלויז פֿון די קרימינעלע; געדענקט, חבר קאַפּיטאַן סמירנאָוו, נישט צו נעמען דאָקטוירים פֿון די פּאָליטישע.

— איך ווייס, איך וויים, גיט מיר חבר מאַיאָר טשוואַכין, די נעמען פֿון די קרימינעלע דאָקטוירים.

— פֿאַראַן איין דאָקטאָר, דאָקטאָר אַרטעמאָוו; ער געפֿינט זיך אין זיבעטן וואַגאָן.

— גוט, איך גיי גלייך צום זיבעטן וואַגאָן נעמען דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זאָל ער אַרבעטן, נישט דרייען זיך אויף דער פּריטשע!

אין שפּיטאָל־וואַגאָן האָט זיך באַוויזן דאָקטאָר אַרטעמאָוו אין אַ ווייסן כאַלאַט. די וועכטער האָבן גענומען ברענגען קראַנקע מיט גרויס פֿיבער; איין רעצעפּט האָט דאָקטאָר אַרטעמאָוו געהאַט: אַספּירין. מיט דעם האָט ער געדאַרפֿט אָפּשטעלן די גריפּע־עפּידעמיע...

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט גענומען בעטן ביים קאַפּיטאַן סמירנאָוו נאָך אַ דאָקטאָר — אים איז נישט מעגלעך צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַלע קראַנקע. ער האָט גענומען דראָען, אַז די גריפּע — אויב מיר וועלן זי נישט אָפּשטעלן אין דער

ערשטער סטאַדיע — קאָן זי אַרומכאַפּן אַלע אין די וואַגאָנעס און דאַן וועט זיין צו שפּעט.

— פאַראַן צווישן די פּאָליטישע דער מעדיקער, פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו.

— אים טאָר איך נישט באַשעפּטיקן...

— איר מוזט אים באַשעפּטיקן. ער איז אַ גרויסער געלערנטער. ער קאָן אָפּשטעלן די גריפּע אין דער ערשטער סטאַדיע.

— דאָקטאָר אַרטעמאָוו, איך האָב רעכט צו באַשעפּטיקן בלויז קרימינעלע, נישט קיין פּאָליטישע.

— איך קען גוט דעם פּראָפ׳ מאַסלאָוו. ער איז אַ לייטישער מענטש!

— דאָס זאָגט איר, דאָקטאָר. אויב איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים, וועל איך אים אייך ברענגען.

— איך בין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך!

— גוט, שרייבט אייך אונטער!

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך אונטערגעשריבן.

קאַפּיטאַן סמירנאָוו איז אַוועק ברענגען דעם פּרופ׳ מאַסלאָוו.

אין וואַגאָן נומער פופצן זענען מער ווי דרייסיק מענטשן געלעגן אויף די נאַרעס און יעדער פון זיי איז געווען אַ וועלט פאַר זיך. יעדער האָט געטראַכט פון זיין גורל. די מערהייט האָט זיך אויף דער פריי פאַרנומען מיט אַרבעט לטובת דער ראַטנמאַכט. געווען צווישן זיי אינטעליגענץ פון אַלע נאַציעס, וואָס באַוווינען דאָס גרויסע רוסלאַנד. קיינער פון די מענטשן האָט נישט געטראַכט מיט כוח צו ענדערן דעם רעזשים.

אין אַ פינצטערער נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זייערע טירן און די נקוו״ד האָט זיי אַוועקגעריסן פון די משפחות און זיי איינגלאָקירט אין אַ רויטן וואַגאָן אויפן וועג אין צוואַנגסלאַגער.

פּאַוועל מאַסלאָוו, פון דער אויבערשטער נאַרע ביים פאַרקראַטעוועטן פענצ־טערל, האָט געטראַכט וועגן זיין היים, וועגן דער פרוי און טאָכטער.

אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר האָט אַלעמען אין וואַגאָן וואַך געמאַכט: צוויי באַוואָפנטע זעלנער, מיטן קאַפּיטאַן סמירנאָוו, האָבן געעפנט די טיר פון וואַגאָן:

קאַפּיטאַן סמירנאָוו האָט אַ געשריי געטאָן מיט זיין לייבן־שטימע:

— מאַסלאָוו, מאַסלאָוו צו מיר...

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. נאָך אַ מאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— מאַסלאָוו, מאַסלאָוו צו מיר!

ווידער האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. ער האָט אַ פייף געטאָן און עס זענען געקומען אַ צען־צוועלף באַוואָפנטע זעלנער. סמירנאָוו האָט געגעבן אַ באַפעל:

„אַרויספירן אַלע פון וואַגאָן!״

די זעלנער זענען אַריין און גענומען אַרויספירן די אַרעסטאַנטן. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן שניי. די דרייסיק־גראַדיקע פראָסט איז אַריין אין די ביינער פון די אומשולדיקע מענטשן. אַלע האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון קעלט.

קאַפּיטאַן סמירנאָוו האָט מיט זיינע וועלפּישע אויגן געזוכט דעם פּראָפעסאָר...

מאַסלאָוו האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און געבליבן ליגן אין ווינקל ביים פענצטער. דורך די קראַטן האָט ער געזען ווי די מענטשן שטייען אויפן פראָסט און ציטערן פאַר קעלט. אַלץ צוליב אים, אים זוכט מען. עס האָט אים גענומען פייניקן אַ געדאַנק: זיך אָפּצורופן און באַפרייען אַלע. נאָר צו דעם האָט ער נישט געהאַט קיין כוח. זאָל זיין וואָס עס וויל — ער וועט שווייגן; ער וועט מיט זיי נישט מיטאַרבעטן. זיי אַליין האָבן אים אַרויפגעפירט אויפן וועג פון ווידערשטאַנד.

קאַפּיטאַן סמירנאָוו האָט די מענטשן צוריק אַריינגעטריבן אין וואַגאָן און דעם וואַגאָן גוט קאָנטראָלירט, צי ס'איז נישטאָ אין אים קיין עפענונג דורך וועלכן מאַסלאָוו האָט געקענט נעלם ווערן. ניין, דער וואַגאָן איז גאַנץ! ווו איז פּראָפעסאָר מאַסלאָוו? ער איז אַליין אַריין אין וואַגאָן מיטן רעוואָלווער אין האַנט. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף דער אויבערשטער נאַרע.

— אַך, דו הינטישער זון! איך זוך דיך און דו ליגסט און רופסט זיך נישט אָפּ! קום מיט מיר גלייך צום מאַיאָר טשוואַכין, ער וואַרט אויף דיר!

פּאָוואָלינקע איז מאַסלאָוו אַראָפּ פון דער נאַרע און אַ שווייגנדיקער אַוועק צום מאַיאָר טשוואַכין.

**
*

פּראָפ' מאַסלאָוו איז געגאַנגען אין טיפע שנייען איבער די קני. אין זיינע קורצע שיך האָט גענומען אַריינדרינגען שניי. ער האָט ד'ערפילט אַ נעץ אין די פיס. איבערן לייב איז אים דורך אַ ציטער. זיין גאַנצער קערפּער האָט גענומען פרירן.

נישט ווייט פון דער זייטיקער ליניע ווו מען האָט אַוועקגעשטעלט די רויטע וואַגאָנען איז געווען אַ קאַלכאָז. איבערן טויער איז געהאַנגען אַ לאָזונג: „פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!" נאָכן איבערלייענען די לאָזונג האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויפן ווייסן שניי.

קליינע פויערישע הייזקעס, ווי געטשקעס זענען געשטאַנען אין שניי. מען האָט קוים אַרויסגעזען די פענצטער. אַ טייל פענצטער זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, — נישט געווען קיין גלאָז צו פאַרגלאָזן די קליינע שייבעלעך. נאָר ווייסע לייוונט אויף צו שרייבן לאָזונגען איז, זעט אויס, יאָ געווען. אויף קיין העמדער נישט!...

פון אַ טייל הייזקעס האָט געשלאָגן אַ רויך. פּראָפ' מאַסלאָוו האָט געטראַכט: ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך קען אַריינקומען, ווי אַ פרייער מענטש, אין אַ פויערים־שטוב, זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען, אויסטרינקען אַ פּאָר גלעזער טיי...

דער לאָקאָמאָטיוו וואָס האָט געשלעפּט די רויטע וואַגאָנען איז נישט געווען, ווייזט אויס, ס'איז עפּעס קאַליע געוואָרן, אַ שרייפעלע האָט געפעלט — און ער איז געשטאַנען אין רעמאָנטנעם מאַסטערסקאַי...

מאַסלאָוו איז געגאַנגען שווייגענדיק, נאָר די אויגן זיינע האָבן אַלץ געזען. ער האָט שווער געשלעפּט די פיס פון די טיפע שנייען. פון די וואַגאָנען האָט זיך געטראָגן אַ געקלאַפּערײַ. מענטשן האָבן געוואָלט וויסן זייער גורל...

איין פּאַסאַזשיר־וואַגאָן פון ערשטער קלאַס איז געשטאַנען אין שפּיץ פונעם צוג. צו אים זענען געווען צוגעטשעפּעט אַלע רויטע וואַגאָנען.

ביים פּאַסאַזשיר־וואַגאָן האָט מאַסלאָוו געהערט די שטים פון קאַפּיטאַן סמירנאָוו: „שטיינבלייבן!" ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן הינטער־ווײַלעכץ. צוויי באַוואָפנטע זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, מיט אָנגעשטעלטע אויף אים לויפעס.

מאַסלאָוו האָט געטראַכט: וואָס פאַר אַ פאַרברעכן בין איך באַגאַנגען, וואָס מען היט מיך אַזוי שטאַרק? כ'האָב געלערנט מעדיצין מיט סטודענטן; כ'האָב זיך פאַרנומען מיט פאַרשאַרבעט איבער ים־חזירלעך. כ'האָב זיי ליב, די ים־חזירלעך, ווייסע ווי שניי. אפשר האָב איך מיט זיי גערעדט פּאָליטיק — און דערפאַר האָט מען מיך דאָ פאַרשפּאַרט אין רויטן וואַגאָן און מען פירט מיך צו די ווייסע בערן, איך זאָל דאָרטן אויפן נייעם פּלאַץ, אין די ווילדע וועלדער, זיך באַקענען מיט זייער לעבן און שרייבן וועגן זיי אַ בוך?...

די וועלט וואַרט אפשר אויף אַזאַ בוך פון דער ערשטער האַנט?

— ניין! ניין! די וועלט וועט סיי ווי נישט גלויבן! אַט שטייען פיל רויטע וואַגאָנען אָנגעפּילטע מיט אינטעליגענץ. זיי קלאַפּן מיט די פיס אין פּאָל. ס'איז זיי קאַלט איבערן לייב און קאַלט אין מאָגן. זיי מעגן שרייען. ווער הערט דען זייער געשריי?... דער שניי דער לויטערער, דער הימל, די זון, וואָס האָט פאַר זיי אויפגעהערט צו שיינען? קיין שום זון־שטראַל דערגייט נישט צו זיי...

אַלע ווי איינעם האָט מען אַרויסגענומען פון זייערע וואַרעמע היימען, פאַר־שלאָסן זיי אין די רויטע וואַגאָנען, און יעדער פון זיי פרעגט: פאַר וואָס? פאַר וואָס? אַלע פירן זיי — און וויפל פון זיי וועלן נישט דערפאָרן צום געשלאָסענעם לאַגער, וואָס איז שוין פון פאַראויס צוגעגרייט פאַר זיי?

קאַפּיטאַן סמירנאָוו קומט אַרויס פון וואַרעמען פּאַסאַזשיר־וואַגאָן. ער טוט אַ קוק מיט זיינע וועלפישע אויגן אויפן מאַסלאָוון, און גיט אַ געשריי מיט זיין לייבן־שטימע: „דער וועג צום מאַיאָר טשוואַכין איז פריי. שנעלער, שנעלער אַריין! דו הינטישער זון!"

מאַסלאָוו פאַרקריצט די ציין. ער טראַכט: איר הינטישע זין, איר האָט מיך שוין געמאַכט פאַר אַן אַנטי־קאָמוניסט. מיך, דעם מעדיקער און מחבר פון ביכער, פון וועלכע עס לערנען סטודענטן פון דער גאַנצער וועלט. אין מיינע ביכער האָב איך זיך נישט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטיק נאָר מיט וויסנשאַפט...

פאַר זיינע אויגן קומען אויף בילדער פון דער רעוואָלוציע. באַריקאַדן, קאָזאַקן מיט בלאַנקע שווערדן אויף פערד. ער שיסט, וואַרפט גראַנאַטן. ער שרייט: „זאָל לעבן לענין!" בלוט גיסט זיך אויפן שטיינערנעם ברוק, לעבן אים פאַלט אַ חבר — ער הערט זיינע לעצטע ווערטער: „איך פאַל פאַר אַ שענערער וועלט..."

מאַסלאָוו שטייט אין פּאַסאַזשיר־וואַגאָן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; ער וואַרט, מאַיאָר טשוואַכין זאָל אים רופן. ער וויל שוין וויסן — וואָס וויל ער פון אים? ער טראַכט: מער אַרבעטן פאַר די היטלערישע זין וועט ער נישט. גענוג, גענוג!...

מאַיאָר טשוואַכין, אַ פולער, מיט אַ בייכל, מיט צוויי רויטע מאָרדעס, אַ ביסל שיכורלעך, עפנט די טיר.

— קומט אַריין פּראָפעסאָר מאַסלאָוו. איך וואַרט אויף אייך!

ער זעצט זיך ביים פענצטער, שפּאַרט אָן זיינע צוויי פעטע הענט אינעם טיש און מיט זיינע קעצישע אויגן מעסט ער אָפּ דעם פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו:

— כ'האָב אייך געלאָזט רופן איר זאָלט אונדז העלפן באַקעמפן די גריפּע־עפּידעמיע וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע וואַגאָנען...

ס'קומט אַריין דאָקטאָר אַרטעמאָוו. פּראָפעסאָר מאַסלאָוו הייבט אויף דעם קאָפּ — ער גלויבט נישט זיינע אייגענע אויגן! וועמען זעט ער דאָ? דאָקטאָר אַרטעמאָוו פון מאָסקווע, דער באַרימטער גינעקאָלאָג!

מאַיאָר טשוואַכין ווענדט זיך צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו: „אָט איז דאָ פּראָפעסאָר מאַסלאָוו. נעמט אים צו זיך אין שפּיטאָל־וואַגאָן, נאָר געדענקט, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, איר זייט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים. איר קענט גיין!

דאָקטאָר אַרטעמאָוו גיט אַ ווונק מאַסלאָוון. ביידע פאַרלאָזן די קאַבינע פון מאַיאָר טשוואַכין.

ביים שפּיטאָל־וואַגאָן שטייען צוויי באַוואָפנטע זעלנער. ווען זיי דערזעען דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו, עפענען זיי אויף די טיר פון וואַגאָן. ביידע געלערנטע גייען אַריין. אויף די נאַרעס ליגן עטלעכע קראַנקע, זיי קרעכצן און שרייען: וואַסער, וואַסער!... אַ טייל רעדט פון גרויס היץ...

— וועסט מיר העלפן, קאָלעגע מאַסלאָוו, צו באַקעמפן די גריפּע־עפּידעמיע?

— איך וועל דיר העלפן, נאָר פריער וועסטו מיר דערציילן, ווי קומסטו דאָ אַהער?

— דו ווייסט גוט, מאַסלאָוו, — זאָגט אַרטעמאָוו, — אויף צו מאַכן אַ לעבן דאַרף מען צו־אַרבעטן. נו, האָב איך געהיים געמאַכט אַבאָרטן... ביז איך דורכ־געפאַלן: כ'האָב געמאַכט אַן אַבאָרט אַ פרוי פון אַ גענעראַל, האָט זיך דער מאַן אירער דערוווּסט. ער האָט געוואָלט, אַז די פרוי זאָל אים ברענגען אויף דער וועלט אַ פאַרטיקן מאַרשאַל, האָב איך אים קאַליע געמאַכט... דערפאַר האָט ער אַריינגעטראָגן קעגן מיר אַן אָנקלאַגע צו דער פּאָליציי און כ'בין געשטאַנען פאַר אַ משפּט — באַקומען דריי יאָר.

— נישט מער ווי דריי יאָר — וווּנדערט זיך מאַסלאָוו — נישט מער? אַהאַ, — כאַפּט ער זיך — ביסט דאָך נישט קיין פּאָליטישער! האָסט געמאַכט אַבאָרטן... און איך — איך האָב גאָרנישט געטאָן קעגן דער ראַטנמאַכט, דערפאַר בין איך שוין אַוודאי געזיכערט מיט אַ צען — פופצן יאָר... ווען דו, אַרטעמאָוו, הערסט, ווי קאַפּיטאַן סמירנאָוו האָט מיך געזידלט: „דו היטלערישער זון", האָט ער אויף מיר געשריגן...

— נעם זיך נישט איבער, קאַלעגע מאַסלאָוו! איך וועל טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, דו זאָלסט זיין שטענדיק לעבן מיר. און ווייטער — מיר וועלן קומען אויף אַן אָרט, וועט מען אויפשטעלן אַ שפּיטאָל. דו, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, וועסט זיין דאָקטאָר אַרטעמאָווס פאַרטרעטער. נאָר פאַרגעדענק גוט מיינע ווערטער: זאָלסט שוויגן, נישט רעדן — זאָלסט שפּילן די ראָל ווי אַן אַרטיסט, וועסטו נאָך זען די פרייהייט און זיך צוריקקערן צו דיין פרוי און טאָכטער.

— דעם באַשלוס צו שוויגן האָב איך גלייך אָנגענומען, ווי נאָר זיי האָבן מיך באַזעצט אין רויטן וואַגאָן.

— איך ווייס, דו ביסט אַ קלוגער מענטש, וועסט וויסן ווי זיך צו פירן. אַצינד בעט איך דיך, קאַלעגע מאַסלאָוו, שרייב מיר אויס די נייטיקע מעדיצינען אויף אָפּצושטעלן די גריפּע.

— וועסט דען דאָ, אין דעם העק, באַקומען די נייטיקע מעדיקאַמענטן?

— כ׳וועל גיין צום מאַיאָר טשוואַכין — זאָל ער שיקן אַ מענטש. שרייב אויס. דאָ האָסטו אַ שענקעלע — דאָס געהערט דיר. נעם וואָס דו דאַרפסט...

די „נייע לאַבאָראַטאָריע"

פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז געזעסן ביים עק פון דער פּריטשע און מיטן בליק אַרומגענומען די נייע לאַבאָראַטאָריע, דעם וואַגאָן מיט די פּריטשעס, די מענטשן — ווער ס׳איז געלעגן, ווער ס׳איז געזעסן אַרום דעם אייוועלע. אין זיין דמיון איז אויפגעקומען די מאָסקווער לאַבאָראַטאָריע, די סטודענטן. עס האָט דאָרט גערוישט מיט לעבן! אַלץ אַרום אים האָט געלעבט. די ים־חזירלעך — ער האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ גלעזערנער שטייג און אויף זיי דורכגעפירט עקספּערימענטן. די שיינע סטודענטין טאַטיאַנאַ וואָלאָקוואַ! — זי איז געווען פאַרליבט אין מאַסלאָוון — אַלץ בילדער פון דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

די פּאַרציע ברויט מיט דער שיטערער זופּ וואָס ער האָט גאַנץ פרי באַקומען האָבן אים שוין איבערגעקערט די געדערעם. דער מאָגן האָט געפאָדערט דאָס זייניקע. די רעוואָלוציע, לענין, האָט אַלץ צוגעזאָגט... וואָס האָט זי געגעבן דעם אַרבעטער און פּויער? הונגער, הונגער, הונגער! צי האָט דער רוסישער מענטש וועש פאַר זיך און זיין משפּחה, זייף, וואַרעמע קליידער אויפן ווינטער?

מאַסלאָוו זעט די אַלע בילדער אין זיין לאַבאָראַטאָריע. מיט שפּאָט רופט ער דעם וואַגאָן מיט די גריפּע־קראַנקע „נייע לאַבאָראַטאָריע". ביים אַריינגאַנג אין וואַגאָן שטייען צוויי זעלנער מיט ביקסן.

זיינע אויגן טרעפן זיך אָן מיט די אויגן פון אַ קראַנקן, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעזעצט. די טעמפּעראַטור ביים קראַנקן איז אַוועק.

— פון וואַנען קומט אַ מענטש? — האָט מאַסלאָוו אים שטיל אַ פרעג־געטאָן.

— פון קיעוו. אַ יידישער שרייבער בין איך.

— האָסט באַוויזן עפּעס אָנצושרייבן פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט?

— איך האָב נישט בלויז געשריבן. כ׳בין אַליין אַדורך די גאַנצע בירגער־קריג, געשלאָגן זיך מיט דעניקינעץ, קאָלטשאַקן, וורַאנגעלן, מיט מאַכנאָס קאָזאַקן. כ׳האָב אויף באַריקאַדן געדופן: „פאָרויס, פאַר לעניניען!" און אָט האָב איך אַ מתנה: אין מיטן נאַכט האָט מען אַנגעקלאַפּט: „עפן ברודערל!" כ׳האָב געעפנט. צוויי פאַרשוינען האָבן אויפגעהויבן די קלאַפּעס: „וועסט גיין מיט אונדז!" כ׳בין שטיין געבליבן אַ פּאַראַליזירטער, נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען...

— ווי רופט מען דיך?

— פעסין מאַיסעי.

— טאָ הער אַ וואָרט פון פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

— כ׳הער, איך הער אייך!

— מיר אַלע דאָ פון די רויטע וואַגאָנען זענען דאָס קערנדל פון די סאָוויעטישע פעלקער. אַלץ וועלן זיי פאַרניכטן, נאָר דאָס קערנדל וועט לעבן! אַזוי וויל דער גאַנג פון דער געשיכטע און אַזוי מוזן מיר וועלן. די דייטשן גרייטן אַ גרויסע מלחמה. זיי, די דייטשן, זוכן לעבנס־רוים. זיי וועלן קומען זיך פאַרמעסטן מיט דער מאַכט, וואָס האָט אונדז אַוועקגענומען פון אונדזערע לאַבאָראַטאָריעס. די היינטיקע מאַכט, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ מיאוסן בלאַט אין דער וועלט־געשיכטע, וועט קומען בעטן אונדזער הילף צו ראַטעווען די רוסישע ערד...

— ווען, ווען וועט דאָס זיין?

— עס וועט זיין, דו הערסט פעסין? דו הערסט — ביסט אַ שרייבער, אַ קלוגער מענטש, וועסט דערמאָנען מיינע רייד... כ׳האָב זיך מיט פּאָליטיק נישט פאַרנומען, נאָר דאָ, אין די רויטע וואַגאָנען, האָב איך נישט קיין אַנדערע רעצעפּט פאַר די שוואַכע און קראַנקע, ווי אויפצוהאַלטן דעם גלויבן אין אַ בעסערער וועלט, אין אַ וועלט פון אמתער פרייהייט. נעם, מאַיסעי פעסין, טרינק אַ ביסל וואַרעמען קיפּיאַטאָק.

— מיט אַ ביסל וואַרעם וואַסער קאָן מען נישט שטילן דעם הונגער...

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ שטויס געטאָן די וואַגאָנען. מאַסלאָוו איז אַראָפּגעפאַלן פון דער פּריטשע. מאַיסעי פעסין האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געהאָלפן אויפשטיין.

— מיר פאָרן שוין ווידער — האָט שטיל געזאָגט מאַסלאָוו. — דאָרטן אויפן אָרט וועלן מיר אפשר קענען דענקען וועגן אַ שענערער וועלט.

— יאָ, פּראָפעסאָר, מיר פאָרן שוין. איך זע דורך די טיר־שפּאַרעס דעם שניי, דעם וואַלד, די ביימער אַנגעטאָן אין ווייסן...

— דיר איז גוט, פעסין, צו דיכטן וועגן וואַלד, וועגן ביימער אין ווייסן... וועגן וואָס קאָן איך דיכטן, אַז אָן אַ קאַטעדרע איז פאַר מיר ווי אַרויסגיין אויפן שניי באָרוועס... היינט שטיי איך נאַקעט אין רויטן וואַגאָן. איך קאָן בלויז זען די בילדער פון דער וואַרעמער היים, פון דער פרוי און טאָכטער. איך זע מיינע סטודענטן אַרום מיר — עס שניידט דאָס האַרץ ביים דערמאָנען זיך אין מיינע ים־חזירלעך — ווי ליב איך האָב זיי!

דער לאַקאַמאַטיוו האָט געגעבן פּאַרע, ער איז געלאָפן ווי אַ משוגענער. נאַטשאַלסטווע האָט געוואָלט וואָס שנעלער אָנקומען אויף אָן אָרט. די גריפּע־עפּידעמיע האָט זיך איינגעשטילט. ס׳זענען געשטאַנען שיינע, ווייסע טעג. די גריפּע־קראַנקע אין וואַגאָן האָבן צוריק באַקומען לעבן, די טעמפּעראַטור ביי די קראַנקע האָט נאָכגעלאָזט. מאַסלאָוו איז געזעסן נעבן יידישן שרייבער, פּעסין, אַ פאַרטראַכטער. ער האָט געטראַכט וועגן זיין שיינע טאָכטער, נאַטאַשאַ — וועט די מאַכט איר לאָזן שטודירן, נאָך דעם ווי זיי האָבן אים געשטעמפּלט אַלס שונא פון פאָלק? דער געדאַנק האָט אים געמאַטערט... פּעסין האָט עס אָראָפּגעלייענט פון זיין פּנים, ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט, פּראָפעסאָר?

— איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן גורל פון מיין איינציקע טאָכטער, נאַטאַשאַ.

כ׳מיין, אַז איר דאַרפט נישט איבערטראַכטן פון אייער טאָכטער. קינדער צאָלן נישט פאַר די „זינד״ פון עלטערן.

— איך האָב שוין מער נישט קיין צוטרוי צו דער מאַכט — זיי קאָנען מאַכן מיין טאָכטער שוועריקייטן ביים שטודירן.

— שרעקט אייך נישט, פּראָפעסאָר, — האָט אים פּעסין בארויקט — די סאָוויעטישע מאַכט וויל געוויגען די יוגנט; זי וויל אויך אַז די פרוי און קינדער זאָלן עדות־זאָגן קעגן מאַן און פאָטער.

— דאָס יאָ, דאָס ווילן זיי. זיי ווילן אויפשטעלן אַ וואַנט צווישן עלטערן און קינדער. איך וויל נאָר אַז מיין טאָכטער זאָל צוליב מיינע כלומרשטע „זינד״, וואָס כ׳בין קיין מאָל נישט באַגאַנגען, נישט ליידן.

— איך האָב אויך אַ פרוי און קינדער — האָט פּעסין גערעדט ווי צו זיך — איך טראַכט אויך וועגן זיי, נאָר מיין טראַכטן איז אַ יידיש טראַכטן...

— כ׳פאַרשטיי נישט, פּעסין — האָט מאַסלאָוו אים אָנגעקוקט אַ פאַרוווּנדער־טער — מיט וואָס איז אייער טראַכטן אַנדערש, יידיש?

— איך וועל אייך אויפקלערן דאָס באַזונדערע יידישע פּראָבלעם: ביי יידן אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען אָפּגענומען דאָס רעכט צו אייגענע יידישע שולן. מ׳האָט די שולן פאַרמאַכט, די לערער — וועמען מען האָט שוין פאַרשיקט און וועמען מען וועט פאַרשיקן... אַלס נאַציאָנאַל־געשטימטער ייד טאָר איך נישט האַלטן די רוסישע ערד פאַר מיין היים, מיין היימלאַנד איז ארץ־ישראל.

— ווי כ׳זע, פּעסין, ביסטו פון אַלע דיינע רעוואָלוציאָנערע וועגן אַרויף אויפן ריכטיקן וועג...

— יאָ, פּראָפעסאָר! יעדעס פאָלק האָט רעכט אויף אָן אייגן לאַנד. ארץ־ישראל איז אונדזער יידיש לאַנד.

— כ׳בין מיט אייך, יידן. איר זייט אַ פעיִק פאָלק און איר האָט רעכט צו לעבן ווי אַ נאַציע אין אייער לאַנד. כ׳פאַרשטיי שוין אַלץ. דערפאַר פירט מען אייך פאַרשפאַרט אין רויטן וואַגאָן און מען פירט אייך אין צוואַנגס־לאַגער, צום איבערדערציִען.

— אויך איך, פּראָפעסאָר, אויך אייך האָט מען פֿאַרשפּאַרט אַלס נאַציאָ־נאַליסט! די סאָוויעטישע מאַכט האָט מורא פֿאַר דער אינטעליגענץ, דערפֿאַר רייניקט זי אויס די שטעט פֿון זיי און פֿאַרשיקט זיי אַלעמען אין וויסטע געביטן, בויען פֿאַבריקן, זאַוואָדן אונטער שטעכל־דראָטן.

— איצטער זע איך, פּעסין, אַז איר זייט אַ שרייבער. איר פֿאַרשטייט אַן ענין. אויב עס איז אַזוי ווי איר דענקט, איז ווער ווייס צי מיר וועלן נאָך זען אונדזערע פֿרויען און קינדער, צי מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן אין אונדזערע אַלטע היימען.

— איר טאָרט נישט דענקען, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, וועגן צוריקקערן זיך אין אייער געבוירן־שטאָט מאָסקווע. פֿאַרגעסט אין מאָסקווע — מאָסקווער זענען געבליבן די, וואָס קענען טאַנצן לויט דער מוזיק פֿון דער צייט. צו אַלץ וואָס עס טוט די ראַטנמאַכט, דאַרף מען פּאַטשן בראַוואָ, אַז נישט — שטייען שטענדיק גרייט אויפֿן וואָקזאַל רויטע וואַגאָנען, אָפּצושיקן די אומצופֿרידענע, די מער־באַרעדעוודיקע, די מער־זעעוודיקע.

— עס פֿרייט מיך, שרייבער פּעסין, וואָס כ׳האָב אייך דאָ געטראָפֿן. כ׳וועל האָבן, מיין איך, אַ פֿריינד: מיר וועלן זיך איינער דעם אַנדערן אונטערהאַלטן, איינער דעם צווייטן אַרויסהעלפֿן...

די רוסישע ערד... וויפֿל בלוט האָט זי שוין איינגעזאַפּט אין זיך? נאָר דעם מענטש האָט זי נאָך גאָרנישט געגעבן. מיר זענען געווען יונג, מיר האָבן געגלויבט לעניגען, מיר זענען פֿאַר אים געגאַנגען אויף באַריקאַדן! היינט ביסט דו גאָר אַ נאַציאָנאַליסט, אַ פֿאַררעטער, אַ „שונא פֿון פֿאָלק”. ווער האָט עס געקענט חלומען, אַז ס׳וועלן קומען אַזעלכע טעג? די סאָוויעטן־מאַכט וועט פֿאַרשיקן אַן אַ פֿאַרוואָס די אינטעליגענץ אין צוואַנגס־לאַגערן און אַלע אונדזערע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער רעוואָלוציע, אין בירגער־קריג, צעטרעטן מיט די שטיוול פֿון דער נקוו״ד?

דער צוג מיט די רויטע וואַגאָנען האָט דורכגעשווינדלט שטעט, דערפֿער, אומבאַקאַנט פֿאַר די איינוווינער, פֿאַרן פֿאָלק. אַזוי האָט באַשטימט מאָסקווע. דער רוסישער מענטש טאָר נישט וויסן וואָס אַרום אים קומט פֿאָר.

אין רויטן שפּיטאָל־וואַגאָן האָבן מענטשן אָנגעהויבן שרייבן בריוו. אויף יעדן וואָקזאַל האָבן זיי די בריוו אַראָפּגעוואָרפֿן. יעדער האָט געטראַכט: אפֿשר וועלן זיך געפֿינען גוטע מענטשן, וועלכע וועלן די בריוו אָפּשיקן צום אַדרעסאַט?

מאַסלאָוו האָט קיין בריוו נישט געשריבן. ער האָט נישט געוואָלט אַז אומ־שולדיקע מענטשן זאָלן צוליב זיינע אַ בריוו ליידן. ס׳קען געשען, מען קאָן טרעפֿן ביי אַ מענטשן אַזאַ בריוו און אָנהויבן קעגן אים אַן אויספֿאָרשונג און דער מענטש וועט ליידן זיין גאַנץ לעבן.

דער יידישער שרייבער מאַיסיעי פּעסין האָט יאָ געשריבן בריוו. ער האָט געהאָפֿט, אַז כאָטש איין בריוו וועט דערגיין און זיין משפּחה וועט זיך דערוויסן פֿון זיין גורל.

— שרייב, פּעסין, שרייב, — האָט גוטמוטיק געזאָגט מאַסלאָוו. ביסט אַ

שרײַבער, קענסט נישט רוען, אַז דו שרײַבסט נישט. סײַ ווי איז עס אַרויס־געוואָרפענע אַרבעט און אַ שאָד דאָס פּאַפּיר...

— ס'איז נישט קיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט; מיר דאַרפן רופן, מאָנען, פֿאָדערן אונדזערע רעכט!

— דו ווילסט בײַ דער ראַטנמאַכט פֿאָדערן רעכט? דו ווייסט גוט אַז דיקטאַטור איז דיקטאַטור. ווערסט פֿון איר נישט מאַכן קיין דעמאָקראַטיע...

— אמת, פּראָפֿעסאָר, דיקטאַטור איז טאַקע דיקטאַטור, אָבער שרײַבן בריוו דאַרף מען. גוטע מענטשן זענען שטענדיק געווען און זיי וועלן שטענדיק זײַן.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּוסט פֿעלד. צוויי באַוואָפֿנטע זעלנער האָבן געעפֿנט די טיר און אַרײַנגעגעבן ברויט און זופּ. די זופּ איז געווען פֿון פֿאַרפֿוילט קרויט, נאָר וואַרעם. מאַסלאָוו האָט אַלעמען אויסגעטיילט די זופּ. פֿאַר זיך האָט ער גענומען צום סוף. מען קאָן נישט זאָגן, אַז די מענטשן האָבן מיט דער פּאָרציע שוואַרץ קלעפּיק ברויט און ביסל שיטערע זופּ געשטילט דעם הונגער. אָבער דערכאַפּט זיך די נשמה האָבן זיי יאָ.

ווי נאָר דער עולם האָט באַוויזן אָפּצועסן, האָט דער לאָקאָמאָטיוו זיך אַ שטויס געטאָן און, אַ פֿרײַכנדיקער, אַוועק. ס'האָבן זיך אים נאָכגעשלענגלט די רויטע וואַגאָנען. זיי זענען געפֿאָרן דורך וועלדער, אָן אַ שיעור וועלדער: נאָדל־ביימער אין שניי; בעריאָזעס אָנגעטאָן אין ווײַסן; דער ווינט האָט צעטראָגן דעם שניי פֿון די צווײַגן. קאַלטע, גאָלדענע זון־שטראַלן אויף ווײַסע בעריאָזעס...

דער צוג לויפֿט, ווי אַ משוגענער הונט. די ווײַסע בעריאָזעס מיט די גאָלדענע שטראַלן בלײַבן פֿון הינטן. דער שניי בײַם ראַנד פֿון וואַלד ליגט אויסגעשפּרייט ווי אַ ווײַסער טעפּעך — אָן אַ סימן פֿון מענטשלעכע טריט. ווי קומען דאָ אַהער מענטשן? — וועלדער, רוסישע וועלדער, אָן אַ סוף.

די טעג אין רויטן וואַגאָן האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן. דורך די שפּאַרונעס אין די וואַגאָנען האָט מען געזען דעם ווײַסן טאָג. ווען ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, איז אין די וואַגאָנעס געווען פֿינצטער, ווי אין וואַלד. אַלע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די נאַרעס. ווער ס'איז געשלאָפֿן, ווער ס'האָט אין חלום געזען זײַן היים, די משפּחה, די פֿרוי און קינדער: היימישע בילדער!

מאַסלאָוו איז נישט געשלאָפֿן. אין אָוונט האָט ער געשריבן וועגן זײַנע בײַע ווּיסנשאַפֿטלעכע דערפֿינדונגען. ער האָט ליב געהאַט די מעדיצינישע וויסנשאַפֿט מיט לײַב און לעבן. ער פֿלעגט אין דער היים זיצן און שרײַבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען זײַן פֿרוי, אַננאַ, האָט זיך איבערגעוועקט און געזען אַז דער מאַן זיצט נאָך בײַם שרײַבטיש פֿאַרנומען מיט זײַן אַרבעט, פֿלעגט זי אַרויסגיין פֿון בעט, און אויף די שפּיץ פֿינגער צוגיין צו אים און אים אַ קוש טאָן אין שטערן.

— קום שוין, פּאַוועל, שלאָפֿן. ווערסט מאָרגן ענדיקן...

— כ'גיי שוין, מײַן ליבע, כ'גיי שוין! נאָך אַ קלייניקייט צו פֿאַרצייכענען...

אַזוי זענען בײַם פּראָפֿ' פּאַוועל מאַסלאָוו געלאָפֿן טעג און יאָרן, ביז די

ראַטנמאַכט האָט אויף אים געלייגט אַן אויג... אַז ער, דער מעדיקער מאַסלאָוו, האָט אַרויסגעשיקט דורך פרעמדע קאַנאַלן ווערטפולע ביכער...

טאָקע דערפאַר האָט אים די מאַכט צוגענומען די פרייהייט און פאַרשפּאַרט אין רויטן וואַגאָן. ער זיצט ביים עק פון דער פּריטשע, דאָס אייזערנע ברענט אַן אויפהער און דער ווינט רייסט זיך אַריין דורך די טיר־שפּאַרעס.

ביי נאַכט איז אין וואַגאָן קאַלט. מען זיצט ביים אייזערנע אויף „זמיאַנעס״. מען לייגט צו קוילן אויפן פייער. איצט איז די ריי פון פּאַוועל מאַסלאָוו. דאָס פייער פלאַמט. מאַסלאָוו גיט אַכטונג דאָס פייער זאָל נישט אויסגיין. אין דרויסן רייסט דער ווינט שטיקער. עס ווערן געפרוירן פייגל אויף די צווייגן. דער פראָסט ווערט שטאַרקער. וואָס מער דער צוג דערווייטערט זיך פון אייראָפּעיִשן קאָנטי־נענט, אַלץ קעלטער ווערט.

עס הויבן זיך אָן די אוראַלער בערג. באַלד קומט די באַן אָן קיין אופאַ — נישט ווייט איז די גרענעץ צווישן אייראָפּע און אַזיע. מאַסלאָוו זיצט אויפן ראַנד פון דער נאַרע און טראַכט: ווו וועט מען אונדז שיקן?

די באַן שטעלט זיך אָפּ. די זעלנער קלאַפּן אין טיר:

— גיט אַרויס די קיבלעס, וועט איר באַקומען אָוונט־ברויט.

מאַסלאָוו גיט אַרויס די כלים. עס דויערט נישט לאַנג און ווידער אַ זופּ מיט אַ שטיקל ברויט. גוט איז דאָס — עס קאָן דערהאַלטן די נשמה. יעדער עסט אויף זיין פּאַרציע אין דער פינצטער. ווידער איז דער מאָגן צופרידן. ווידער זיצט מען אין דער פינצטער און יעדער טראַכט פון זיין היים... ווייט איז זי, די היים. נאָך ווייטער איז די פרייהייט...

***

אויפן אופאַ־וואָקזאַל, אויף אַ זייטיקער ליניע, שטייט דער עשעלאָן מיט די רויטע וואַגאָנען. ס׳איז נאַכט, אַ פראָסטיקער נעפּל פאַרהילט די רויטע וואַגאָנען אין ווייסן שניי. די זעלנער פון דער וואַך דרייען זיך אַרום די וואַגאָנען און קלאַפּן האַנט אין האַנט. זיי איז אויך נישט וואַרעם — ווען איז וואַרעם?

פּראָפ׳ מאַסלאָוו חלומט אין שלאָף פון דער פרייהייט: ווי גוט איז דעם מענטש אויף דער פריי!

דאָקטאָר אַרטעמאָוו דרייט זיך אויף דער נאַרע... אים איז באַזונדערס שלעכט. עס קלאַפּט אים דאָס האַרץ ווי מיט אַ האַמער. דאָקטאָר אַרטעמאָוו ליידט שוין לאַנג אויפן האַרץ, נאָך פון זיין וואַרעמער היים. צו פיל האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּרויעןן. צו אים זענען געקומען די שענסטע פרויען פון מאָסקווע, ער זאָל זיי דורכפירן אַבאָרטן. ער האָט געקוקט לענגער ווי מען דאַרף אויף זייער נאַקעטקייט. די פרויען, חווה־נאַקעט, מיט זייערע רונדיקע בריסטלעך, האָבן זיך אים לייכט איבערגעגעבן — און שפּעטער האָט ער דורכגעפירט דעם אַבאָרט.

— מאַסלאָוו, ראַטעווע מיך, ראַטעווע, כ׳גיי אויס!

מאַסלאָוו מאַכט אויף די אויגן און זעט ווי דאָקטאָר אַרטעמאָוו דרייט זיך פון וויטיק.

— לייג זיך גלייך! כ׳וועל דיר מאַכן אַ מאַסאַזש אויפן האַרץ!

פּראָפּ׳ מאַסלאָוו נעמט אַרויס פון זיין קעשענע דאָס טיכעלע, טונקט עס איין אין וואַרעם וואַסער, רייבט איין אַרטעמאָווס ברוסט און אַרום האַרץ.

— ליג גלייך, ריר זיך נישט!

— מיינע שעהען זענען געציילטע, פּראָפעסאָר!

— רעד נישט — דו טאָרסט נישט רעדן.

— פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, חבר מיינער, נייג צו דאָס אויער. כ׳וויל דיר זאָגן די לעצטע ווערטער.

— איך הער דיך — זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן.

— נעם מיינע פּאַפּירן און לעב אויף מיין נאָמען. אין דריי יאָר אַרום וועסטו זיין אויף דער פריי.

— ווי קאָן איך עס טאָן? אָפּזאָגן זיך פון מיין געבוירן־נאָמען, לעבן אויף אַ פרעמדן נאָמען?

— יאָ, חבר מאַסלאָוו, וועסט לעבן אויף מיין נאָמען; וועסט שנעל זיין אַ פרייער מענטש. ווי וועט זיין צו דיר אויב דו וועסט נישט גלייך אָננעמען מיין עצה... אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן וועלן פאַלן פון דער שווערער אַרבעט, ווי די פליגן און קיינער פון זיי וועט די פרייהייט מער נישט זען. דאָס איז אייגנטלעך דער עיקר־ציל פון דער פאַרשיקונג...

— כ׳האָב מורא פאַרן מאַיאָר טשוואַכין פון נקוו״ד. ער קען מיך שוין.

— מאַיאָר טשוואַכין איז מער נישטאָ מיט אונדז. עס זענען שוין געקומען אַנדערע, פון לאַגער, אונדז אויפנעמען. נעם מאַסלאָוו, נעם מיינע פּאַפּירן. פון איצט אָן ביסטו דאָקטאָר אַרטעמאָוו. איך גיי אויס, איך שטאַרב!

אויף די הענט פון פּראָפּ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

גאַנץ פרי איז געקומען דער נייער שעף פון עשעלאָן אין שפּיטאָל־וואַגאָן און דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט אָנגעשריבן אַן אַקט, אַז פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. פון דעם וויסן באַגינען, ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם טויטן אַרטעמאָוו פון שפּיטאָל־וואַגאָן, האָט פּראָפּ׳ מאַסלאָוו געביטן זיין נאָמען אויף ד״ר אַרטעמאָוו.

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט פון דעם געוווּסט, איז געווען דער ייִדישער שרייבער פּעסיק. פּראָפּ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז אין אַ פרעמדער מאַסקע. פּעסיק האָט נישט גערעדט. ער האָט מיט זיינע ברוינע ייִדישע אויגן געווונטשן מאַסלאָוון אַ שנעלע באַפרייונג.

דער עשעלאָן מיט די רויטע וואַגאָנעס איז געקומען קיין טאַגיל. דאָ האָט מען אָפּגעטיילט די פּאָליטישע פון די קרימינעלע.

מאַסלאָוו איז געווען צופרידן, אַז ער וועט לעבן אויפן נאָמען פון דאָקטאָר

אַרטעמאָוו. ער וועט שנעל זיין אויף דער פריי און נאָך קומען אין די פרייע, דעמאָקראַטישע לענדער. דאָרט וועט ער דערציילן דעם אמת פון דער „נייער געזעלשאַפט", ווו דער מענטש לעבט אונטער דער פערמאַנענטער אויפזיכט פון דער נקוו"ד און דער פרייער געדאַנק איז אָפגעשטאָרבן ביז צו די וואָרצלען.

בלויז איין געדאַנק האָט אים געמאַטערט: ער טאָר נישט וועלן זען די משפחה, אַז נישט איז ער, פאַרלוירן. ער האָט פון זיך פאַרטריבן דעם געדאַנק, מיטן באַשטימען אים אַלס לאַגער־דאָקטאָר. ער האָט געטראַכט, עס וועט קומען אַ טאָג און ער וועט די מאַסקע פאַרברענען אויף זיבן פייערן און מיט שטאָלץ ווידער טראָגן זיין נאָמען: פאַוועל מאַסלאָוו...

קאַפּיטל דריי

מאָסקווע — טולע

מאָסקווע איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ווייסן, פּראַסטיקן נעפּל. קיין ליכט האָט נישט געברענט אין מאָסקווע.

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו האָט געזעגנט מאָסקווע מיט דער האַנט; זײַנע אויגן האָט ער געוואָנדן צום הימל: ער האָט געוואָלט זען די לבנה. די מאַשין־ביקס האָט אים געדריקט דעם אַקסל. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט, ווי דער גאַניק אין אַלטן הויז פונעם זיידן זײַנעם אין פּולטוסק.

אין דער ווייסקייט פונעם פּראַסטיקן נעפּל האָט ער דערזען זײַן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, ווי דער דייטש פירט זיי צום טויט. באַלד וועלן זיי זיך אויפהויבן ביזן זיבעטן הימל.

— טאַטע־מאַמע מײַנע, איך גיי מיט דער מאַשין־ביקס אײַך ראַטעווען, נאָר ווער ווייסט צי איך וועל קומען צו דער צײַט...

איבערן קאָפּ האָבן דייטשן געשאָסן פון האַרמאַטן, טאַנקען און מאַשין־געווער. דייטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט דעם וועג מאָסקווע — טולע און דער שטח איז געווען איין גרויס שלאַכט־פעלד.

אַלקעסאַנדער איז געגאַנגען פאָרויס מיט זײַנע מינען־שלײַדערער. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, נאָר אַלעקסאַנדער האָט דאָס נישט געפילט. די ביקס, די גראַנאַטן, די מינען־שלײַדערער האָבן אים געוואַרעמט. ער האָט געוואָלט בעטן צו זײַן יידישן גאָט פאַר זײַן טאַטע־מאַמע, פאַר די ברידער און שוועסטער, נאָר דער ווייס־פאַרנעפּלטער הימל האָט געלאַכט פון אים.

ער האָט אַ דריק געטאָן די ביקס צום האַרץ און זיך דערמאָנט אין זײַן נײַער היים, אין דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. וואָס טוט זי איצט? שוין באַלד האַלבע נאַכט. שלאָפט זי אָדער זי ליגט אויפן בעט און לייענט אַ בוך? ער גלויבט אין איר שטאַרקע ליבע צו אים. זי וועט אויסטראָגן די פרוכט פון זייער ליבע און ער וועט אַהיימקומען שוין אַ טאַטע.

אַ סעריע קוילן זענען פאַרבײַ זײַנע אויערן. די דייטשן זענען דאָ נישט ווײַט. זיי שיסן פון מאַשין־געווער. לייטענאַנט אַנטאָנאָוו באַפעלט: לייגן זיך! אַלעקסאַנדער חזרט איבער דעם באַפעל.

ס׳איז גוט צו ליגן אויפן ווייסן שניי ווי ביי דער מאַמען אויף דער פוכענער דעק.

די מינען־שליידערער זענען גרייט, די מאַשין־ביקסן — אויך, די זעקלעך גראַנאַטן ליגן דערנעבן. אַלץ איז גרייט צום שלאַכט מיט די דייטשן.

דער ווייס־פּראָסטיקער נעפּל צעגייט זיך. אויפן הימל באַווייזט זיך אַ רויטע פולע לבנה. גרינע שטערן פינקלען כישופדיק...

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו דער־זעט ווי עס דערנעענטערן זיך דייטשע טאַנקען. ער שרייט צו זיינע סאַלדאַטן: מינעס! מינעס!

אַ פייער כאַפּט אַרום אַ דייטשן טאַנק. דער טאַנקיסט שרייט: „מאַריאַ, מאַריאַ!" ער ברענט, ער וואַרפט זיך אויפן שניי, נאָר דער ווייסער שניי קען אים שוין נישט העלפן. ער ווערט פאַרברענט אין די פלאַמען.

לייטענאַנט אַנטאָנאָוו שאַרט זיך צו צו אַלעקסאַנדערן: ביסט אַ כוואַט, סערזשאַנט אַלעקסאַנדראָוו — האָסט זיי דער ערשטער דערשנאַפּט.

די דייטשישע טאַנקען שטעלן אָפּ זייער פאַרויסמאַרש. דער פראָסט גלעט זיי, ווי מיט גליִענדיקע אייזנס...

עס הייבט אָן שנייען. שניי־פלאַטערלעך פאַלן פון הימל, דער ווייסער טעפּעך אונטער די פיס ווערט ווייכער, דיקער... ס'ווערט געבוירן אַ נייער טאָג. די זון גייט אויף. עס קומט אַ באַפעל פון באַטאַליאָן־שטאַב: מאַרשירן צום וואַלד! צום טולער וואַלד.

לייטענאַנט אַנטאָנאָוו גייט נעבן אַלעקסאַנדערן. ער זאָגט צו אים שטיל:

— אַלעקסאַנדער, ווילט זיך דיר נישט צו דיין שיינער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ?

— ווי קאָן איך איצט טראַכטן פון מיין דאָקטאָרין ווען אויף דער וואָג־שאָל וויגט זיך די מענטשלעכע ציוויליזאַציע? דער היטלעריזם וויל אונדז אַלעמען פאַר'ניכטן...

— דו, אַלעקסאַנדער, ביסט אַ ייד?

— איך בין אַ ייד. דו, לייטענאַנט אַנטאָנאָוו ביסט אויך אַ ייד?

—אַזוי העלפט מיר גאָט, ווי איך בין אַ ייד! כ'זע, אַז דו צווייפלסט אין מיין יידישקייט, אַלעקסאַנדער! איך וועל דיר ווייזן אַז כ'בין געמלהט... נאָר כ'בעט דיך אַלעקסאַנדער, מאַך אַ שוויג! מיר דאַרפן דאָ אַנגיין פאַר רוסן. נאָר אויב איך וועל אומקומען, טאָ וויס: ס'איז געפאַלן אַ ייד.

אַזוי האָבן צוויי שלאַכטלייט אַנטדעקט זייער יידישקייט אין טולער־וואַלד.

די ברוינע סאָסנעס זענען געשטאַנען אַנגעטאָן אין ווייסן ווי די כלות אין חופּה־נעכט. דער פראָסט האָט געסמאַליעט. מיט דעם האָט גאָט באַצאָלט די דייטשן פאַר די אומשולדיק־אומגעבראַכטע יידן.

אַ באַפעל: אַטאַקירן!

אין שפּיץ פון דער קאָמפּאַניע — לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. אַלעקסאַנדער, מיט די מינען־שליידערער, האָט אים געדעקט. די מאַשין־ביקסן האָבן אָן אויפהער געאַרבעט.

אַנטאָנאָוו האָט געפירט די קאָמפּאַניע. זייערע באַגנעטן האָבן זיך געשפּיגלט אין דער זון.

שנעל, גאָר שנעל איז אַנטאָנאָוו מיט זײַנע מענטשן אַרײַן אין די דײַטשישע טראַנשײען. ער האָט געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס. בײַם סוף פון שלאַכט איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

זעענדיק ווי צוויי סאַניטאַרן טראָגן אים צום פעלד־שפּיטאָל, האָט אַלעקסאַנדער געוואָלט לויפן זען וואָס ער מאַכט, נאָר צו אים איז צוגעקומען פּאָלקאָווניק יאַקאָװלעוו און באַשטימט אים אויפן אָרט פון לײטענאַנט אַנטאָנאָוו.

דער טאָג איז געווען אַ „הײסער". אַלעקסאַנדער האָט נישט געפילט דעם שטאַרקן פראָסט. ער איז געזעסן אין די דײַטשישע טראַנשײען בײַ אַ פײַער, אַרום אים — זײַנע בעסטע שלאַכטלײַט.

ער האָט אַרויסגענומען נאַטאַשאַס בילד, עס צוגעלייגט צו די ליפּן און געקושט.

פּאָלקאָווניק יאַקאָװלעוו האָט אַרויסגענומען דאָס בילד פון זײַן האַנט. ווי אַ פאָטער האָט ער אַ גלעט געטאָן אַלעקסאַנדערן איבערן קאָפּ און שטיל געפרעגט:

— דאָס איז דײַן פרוי?

— יאָ, חבר פּאָלקאָווניק, אַ דאָקטאָרין.

— ווען מיר וועלן פאַרטרײַבן די דײַטשן פון דער רוסישער ערד, וועסטו פאָרן צו איר. וווּ לעבט זי?

— אין דער שטאָט פּערם, חבר פּאָלקאָווניק.

— אַ שײנע, דײַן פרוי, אַ יונגע.

אַלעקסאַנדער האָט דאָס בילד אַרײַנגעלייגט אין טאַש. גענומען אַ פולע מענאַזשקע מיט הייסע טיי. פאַרביסן האָט ער מיט שוואַרצע סוכאַרעס.

אויף בײַ נאַכט איז באַשטימט געוואָרן ווידער צו אַטאַקירן, כּדי אַרויסצוטרײַבן די דײַטשן פון די וואַרעמע טראַנשײען אויפן פראָסט.

אַ שטילע פראָסטיקע נאַכט. ס׳פאַלט אַ שניי. ווײַסע פּערל דרייען זיך אינעם חלל און זעצן זיך פּאַוואָליע אַראָפּ אויף דער ערד.

אַלעקסאַנדער מיט זײַן חברה — גרייט צום אַטאַקירן — וואַרט אויפן באַפעל פון פּאָלקאָווניק יאַקאָװלעוו.

אַצינד איז אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו קאָמאַנדיר איבער הונדערט שלאַכט־לײַט. ווי אַ גוטער פאָטער, באַקענט ער זיך מיט יעדן פון זײַנע זעלנער.

פאַראַן צווישן די הונדערט מענער צוואַנציק פראָצענט יידן. ער פרייט זיך — מיט אַזעלכע יינגלעך קאָן מען געווינען אַ שלאַכט.

אויפן פראָנט ווײַסט מען נישט ווער ס׳איז אַ ייד. אַזוי האָט געפאָדערט די צײַט. ווען אַ יידישער סאָלדאַט איז אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, האָבן די דײַטשן פאַרענדיקט מיט אים.

יידן האָבן געוואָלט זיך שלאָגן אויך אין געפאַנגענשאַפט, נאָר זיי האָבן שוין געמוזט לעבן אַלס רוסן: אַנדערש האָט אַ ייִד נישט געקענט אָנקומען צו די פאַרטיי־זאַנער און אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע.

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוס קאָמפּאַניע האָט זיך באַוויזן פאַרויס, פון איין

שלאַכט צום צווייטן. די דייטשן האָבן גענומען אָפּטרעטן פון מאָסקווער־פראָנט. דער פראָסטיקער ווינטער פון יאָר 1942 האָט געהאָלפן דער רוסישער אַרמיי שלאָגן די דייטשן.

נאָך די גרויסע שלאַכטן וואָס דער באַטאַליאָן האָט דורכגעפירט, איז ער געוואָרן איינקוואַרטירט אין אַ פאַרלאָזענעם דאָרף אויף איבערגרופּירונג. עס האָבן געפעלט פיל מענטשן. אַ טייל איז געפאַלן העלדיש און אַ טייל איז געווען פאַרוווּנדעט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך דערוווּסט, אַז לייטענאַנט אַנטאָנאָוו — אַ שווער־פאַרוווּנדעטער — איז אַרויס פון טויט־געפאַר און מען האָט אים אָפּגעשיקט אין הינטערלאַנד צו היילן זיינע שווערע וווּנדן.

אין אַ דאָרפישער הייזקע, נישט ווייט פון טולע, איז אַלעקסאַנדער געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ מאַפּע מיט אַ בלייער אין האַנט און צוזאַמען מיטן פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון נייע שלאַכטן.

שטיל און אַנטשלאָסן האָט געזאָגט פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו: איצט איז געקומען די צייט פון פאַרטרייבן די דייטשן. גענוג, שוין גענוג פאַרגוואַלטיקט אונדזערע פרויען און טעכטער, פאַרברענט אונדזערע שטעט און דערפער! די יידן פירן זיי אין טויט־לאַגערן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסאַנדערן און פאַרגעזעצט:

— ס׳וועלן נאָך זיין פיל שלאַכטן, ביז דער זיג וועט קומען. כ׳וואָלט געוואָלט מיר זאָלן דערלעבן דעם זיג איבערן היטלעריזם.

— מיר וועלן דערלעבן! — האָט אַלעקסאַנדער שטיל געזאָגט.

— מיט אַזעלכע קאָמאַנדירן ווי דו, אַלעקסאַנדער, וועט מען דערלעבן. אַ גוטער קעמפער איז דער, וואָס האָט אַ סך מוט און אויסדויער. און ביי דיר, אַלעקסאַנדער, איז דאָ מוט און גלויבן —ביידע גוטע זאַכן...

פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פלאַש רוסישע וואָדקאַ און דערלאַנגט עס אַלעקסאַנדערן:

— נעם, אַלעקסאַנדער! וועסט טרינקען וועט דיר וואַרעם ווערן...

— מיר איז נישט קאַלט! מיך וואַרעמט דער קומענדיקער ענדגילטיקער זיג.

— כ׳בין שוין אָנגעשטעקט, אַלעקסאַנדער, מיט דיין גלויבן אין שנעלן זיג. נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ גרויסער סטראַטעג און דאָ, אויף דער רוסישער ערד, האָט ער געבראָכן דעם קאָפּ. היטלער וועט אויך ברעכן דעם קאָפּ אויף דער רוסישער ערד. מיר האָבן אים געשלאָגן אויף אַלע פראָנטן און אויך דאָ, ביי מאָסקווע, וועלן מיר אים שלאָגן... ווייז מיר דאָס בילד פון דיין שיינער פרוי.

אַלעקסאַנדער האָט אַרויסגענומען דאָס בילד פון נאַטאַשאַ מאַסלאָווא און געוויזן עס יאַקאָוולעוון.

— מיין פרוי האָט אַזוי אויסגעזען ווען זי איז געווען יונג. ס׳איז גוט, אַלעקסאַנדער, צו האָבן אַזאַ פרוי — דאָס לעבן איז שענער און עס ווילט זיך לעבן. די וועלט איז שיין! בלויז פירער משוגעים פירן פעלקער צו מלחמה.

וויפל גוטס ווערט פֿאַרניכטעט אין דער מלחמה! דורות האָרעוואַניע און מיליאָנען מענטשן קומען אום אויף די פֿראָנטן! וויפל שיפֿן מיט מאַטראָסן גייען אַראָפּ צום ים־גרונט! כ׳בין אַ פֿישערזון, אַלעקסאַנדער, אַ פֿישערזון פֿון אוליאַנאָווסק, לעני[נ]ס געבוירן־שטאָט, ביי דער וואָלגע. וויפל רוסישע דיכטער האָבן דעם טייך באַזינגען: לערמאָנטאָוו; פּושקין; יעסענין; די שרייבער לעוו טאָלסטאָי; טשערנישעווסקי; נעקראַסאָוו; גערצען. זיי האָבן אין די נעכט געשריבן פֿון בענקשאַפֿט צו דער וואָלגע; מיר וועלן די מלחמה מיט די דייטשן פֿאַרענדיקן. אַלע וועלן מיר זיך צוריקקערן אין אונדזערע היימען. די געפֿאַלענע וועלן היסטאָריקער דערמאָנען אין זייערע ביכער.

דאָס פּייערל פּונעם קליינעם לעמפּעלע האָט געצאַנקט. פֿאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז פֿון מידקייט אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

אַלעקסאַנדער איז געזעסן און געקוקט אויפֿן צאַנקענדיקן פּייערל.

פֿון צווייטן צימער איז אַריינגעקומען די טעלעפֿאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. זעענדיק ווי פֿאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו שלאָפֿט, האָט זי אַ ווונק געטאָן אַלעקסאַנדערן, ער זאָל גיין מיט איר.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איז איר נאָכגעגאַנגען. אין צווייטן צימער, ביים טעלעפֿאָן, האָט מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטול, און צוגעצויגן צו זיך אַלעקסאַנדערן:

— נאָר־וואָס איז אָנגעקומען אַ פֿאָנאָגראַמע פֿון דיוויזיע־שטאַב, אַז דיין קאָמפּאַניע מיטן באַטאַליאָן פֿון 1־טן פּאָלק בלייבט דאָ אויף אָפּרו. אין שלאַכט גייט איר נישט ביז אַ נייער מעלדונג.

— דו דאַרפֿסט זיך פֿרייען, אַלעקסאַנדער, קענסט מאַכן אַ לעבן. מיידלעך זענען דאָ שיינע; איך אַליין בין אין דיר פֿאַרליבט... מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט אים אַרומגענומען מיטביידע הענט און אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. ס׳האָט זיך געטראָגן פֿון איר אַ פֿלאַם...

— ליב מיך, אַלעקסאַנדער! — האָט זי שטיל געשעפּטשעט — ליב מיך! ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט מיט אונדז געשען? דו ביסט אַזאַ שיינער, אַזאַ שטאַרקער מאַן. פֿאַר וואָס שווייגסטו? פֿאַר וואָס ביסטו צוריקגעהאַלטן ווי דער גלח. נעם מיך אַרום, אַלעקסאַנדער! קוש מיך! זע ווי מיינע בריסטן באַוועגן זיך ווי די וואָלגאַ־כוואַליעס... כ׳בין געבוירן ביי דער וואָלגאַ, כ׳בין הייסבלוטיק! זאָג מיר נישט אָפּ! כ׳ווייס, האָסט אַ שיינע פֿרוי, אַ דאָקטאָרין, איך בין אַ טעלעפֿאָניסטין, געאַרבעט אין פּאָסט־אַמט — און אַליין, פֿרייוויליק, אַוועק אויפֿן פֿראָנט.

— דו, מאַרוסיאַ, ביסט פֿרייוויליק אַוועק אויפֿן פֿראָנט?

— יאָ, אַלעקסאַנדער, כ׳בין פֿרייוויליק געקומען זיך שלאָגן מיט די דייטשן.

— ביסט אַ גוט מיידל! איך וועל שטילן דיין פֿייער צו מיר, נאָר נישט איצט, מאָרגן, מאָרגן, מאַרוסיאַ... ער האָט איר־אָניש אַ גלעט געטאָן איר שטערן און די שפּילנדיקע בריסטן און צוריק אַריין צום פֿאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

יאַקאָוולעוו איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ שטרויזאַק און געשלאָפן.

אַלעקסאַנדער האָט דערפילט אַ מידקייט אין די פיס. אַ גאַנצן טאָג געקעמפט מיטן שונא, פאַרנומען זיינע טראַנשייען, אַרויסגעטריבן אים אויפן פראָסט. ער האָט פאַרלוירן אין די שלאַכטן פופציק פּראָצענט פון זיין מאַנשאַפט. אים האָט זיין יידישער גאָט אויסגעהיט פון די קוילן, שראַפּנעלן, באָמבעס און מינעס. די דייטשישע מאַשין־געווערן האָבן געשטעפּט אָן איבעררייס. יידישע רויט־אַרמייער זענען מיט אַ „הוראַ" געלאָפן פאָרויס און מיט זייערע קערפּערס איינ־געשטילט דאָס דייטשישע געווער. זיי האָבן געשליידערט אין די דייטשן גראַנאַטן און זיי אויסגעלייגט אויפן שניי: רויטע בלוט־פלעקן אויפן ווייסן שניי...

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ שטרויזאַק און גלייך איינגע־שלאָפן. אויפן טיש האָט געברענט אַ קליין פייערל פון אַ לאַמטערן. דאָס צימער איז געווען שוואַך באַלויכטן.

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט. זי האָט איבערגעגעבן דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט איר פאַרטרעטערין און אַליין איז זי אַריין אין גרויסן צימער, וווּ ס'איז געשלאָפן אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. אין דרויסן איז געווען — הימל עפן זיך! אַ שטאַרקער שניישטורעם האָט געשמיסן ווי מיט אייזערנע ריטער, דאָס פענצטער פון דער כאַטע איז געווען אָנגעפילט מיט שטרוי און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דער ווינט איז נישט אַריינ־געדרונגען אין צימער; דער אויוון האָט געגליט, ווי דאָס בלוט ביי מאַרוסיאַן. זי איז געשטאַנען ביי אַלעקסאַנדערן און נישט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן פון זיין ברייטן יידישן שטערן. זי האָט געטראַכט: ער איז זיכער נישט קיין רוס, נישט קיין אוקראַינער, נישט קיין ווייסרוס און נישט קיין אוזבעק. ניין, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו געהערט נישט צו די פעלקער. ער איז מער ענלעך צו איינעם פון דער היטער־גוואַרדיע פון נאַפּאָלעאָנס פראַנקרייך. זי ווייסט אַ סך וועגן יענער מלחמה, אין וועלכער די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען מאָסקווע און דער רוסישער ווינטער האָט זיי אויסגעענדיקט... מאַרשאַל קוטוזאָוו האָט זיי געטריבן ביז איבערן טייך בערעזינאַ... אַצינד וועלן די דייטשן האָבן דעם זעלבן סוף!...

מאַרוסיאַ האָט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך איר מיידלשע לעכצונג צום שיינעם אַלעקסאַנדער. נאָר אירע אויפגעברויזטע בלוטן האָבן איר קיין רו נישט געגעבן. איר גאַנצער קערפּער איז געווען איין שטיק פייער!

אַלעקסאַנדער איז געשלאָפן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט געחלומט פון זיין בייער היים, פון דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. ער האָט גערעדט פון שלאָף: נאַטאַשאַ, נאַטאַשאַ, קרוין מיינע... איך ליב דיך און קוש דיך פאַר יעדער שלאַכט...

זי איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיין ליכטיק פּנים. דאָס פלעמל פון לאַמטערן האָט געוואָרפן אַ דינע ליכטשיין אויף זיין געזיכט. זי האָט געהערט ווי ער רעדט פון שלאָף וועגן זיין געליבטער נאַטאַשאַ. מאַרוסיאַ האָט געפילט, אַז זי קאָן נישט האַמעווען אירע בלוטן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטרויזאַק,

איז צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן צו אַלעקסאַנדערס ליפּן און געשטורעמט אים מיט קושן. ווי דער ים בעת אַ טאַקוראַ־שטורעם, ווען די כוואַליעס זיינע הייבן זיך זעקס־זיבן מעטער די הויך, אַזוי האָבן זיך געהויבן אירע צוואַנציקיעריקע בריסט־לעך. דער גלוסט צו אַלעקסאַנדערן האָט איבערגעריסן אַלע צוימען. זי האָט אים אַרומגענומען. פון איר קערפּער האָט געשלאָגן אַ צייטיק־הייסער פאַרלאַנג צו דעם שיינעם מאַן, צו אַלעקסאַנדערן. זי האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אין דער מלחמה.

מאַרוסיאַ האָט צעשפּיליעט זיין גימנאַסטיאָרקע. פאַר אירע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן זיין ווייס לייב. זי איז צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן צו זיין ווייסן האַלדז און געקושט, געקושט אָן אַ סוף...

אַלעקסאַנדער האָט געעפנט די אויגן און דערזען לעבן זיך די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. אים האָט געבריט דאָס פייער וואָס שלאָגט פון איר. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און געוויזן מיט איר אין דער ריכטונג פון פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו. מאַרוסיאַ האָט זיין האַנט באַלייגט מיט קושן. ער האָט געזען, אַז דאָס פייערל פון מאַרוסיאַס אויגן וועט ער נישט קענען לעשן מיט קיין ווערטער. עס האָט געשלאָגן פון זיי, פון די אויגן אירע, און פון איר אין גאַנצן, אַ פייער־וואַלקן! זי ווערט פאַרברענט פון אירע פאַרלאַנגען צו אים. ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט, זי אַרומגענומען און זיך מיט איר פאַרוויגט...

דער פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט, כלומרשט שלאָפנדיק, געהערט און געזען וואָס די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טוט מיט אַלעקסאַנדערן. נאָר ווי אַ גוטער פאָטער האָט ער זיי פאַרגינען...

...צו זיי געהערט די וועלט — האָט ער געטראַכט, — זיי גייען אין פייער, זאָלן זיי זיך פאַרשפּילן... ער איז נישט קיין פרומער, פאַרבאַקענער קאָמוניסט... ער האָט זיך אויסגעדרייט נישט צו זען דאָס שפּיל פון די צוויי יונגע מענטשן.

אין פייער און פלאַמען פאַרלירט נישט די ליבע פון איר כוח. נישטאָ קיין אָפּהאַלט פאַר די מענטשלעכע פאַרלאַנגען. דערפאַר פאַרמערט זיך דער מענטשן־מין. דאָס איז דאָס געזעץ פון „פּרו ורבו".

פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז אויפגעשטאַנען, ווי נאָר ס'האָט אַ שפּראָץ געטאָן אויף טאָג. ער האָט אַלעקסאַנדערן געלאָזט שלאָפן און מיט זיינע פוקסענע אויגן געקוקט אויף דער טעלעפאָניסטקע מאַרוסיאַ, וואָס איז געלעגן נעבן אַלעקסאַנדערן. איר פּנים איז געווען פאַרפלאַמט און די הענט איבערגעלייגט איבער אירע פולע ברוסטן.

ער האָט אָנגעטאָן דאָס פוטערנע היטל און דאָס ווייסע פעלצל און איז אַרויס. אין דרויסן האָט ער דערהערט אַ געזאַנג טראָגט זיך פון וויַיט; ער האָט זיך דערפרייט, עס קומען אָן פרישע באַטאַליאָנען, פּאָלקן און דיוויזיעס. ער האָט זיך געריבן די הענט מיט שניי און אונטערגעזונגען אַ רוסיש לידל:

עס וועלן קומען באַטאַליאָנען און דיוויזיעס
פון אַלע נאַציאָנען — און טרייבן די דייטשן אַהיים
נאָר איבערן וועג וועלן זיי פאַרלירן די פיס, ווי
עס האָט פאַרלוירן די פיס נאַפּאָלעאָנס גוואַרדיע.

אין וואַלד איז געווען שטיל. פייגל, ווי זיי וואָלטן דערשפּירט שטורעם, האָבן זיך אַ ריס־געטאָן פון דיביימער און אַוועקגעצויגן אין די ווייטע הימלען.

דאָס געזאַנג פון די באַטאַליאָנען האָט זיך דערנענטערט. פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז אַריין אין שטוב און דערזען, ווי אַלעקסאַנדער רייבט איין זיין קערפּער מיט וואַסער.

אַלעקסאַנדער האָט זיך געגריסט. די טעלעפאָניסטין איז נאָך געשלאָפן — אַלעקסאַנדער האָט געשטילט אירע פּאַרלאַנגען... ליגט זי און שלאָפט. זי הערט נישט דאָס געזאַנג פון די דערנענטערנדיקע זיך באַטאַליאָנען. היינט, נאָך היינט, וועט זיך אָנהייבן דער מאַרש פאָרויס. די דייטשן וועלן געטריבן ווערן אויפן פראָסט.

⁂

פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אויסגעשפּרייט אַ מאַפּע. לעבן אים זענען געזעסן יינגע אָפיצירן. אַלעקסאַנדער האָט באַקומען די אויפגאַבע צו גיין מיט זיין קאָמפּאַניע דער ערשטער אין נאַכטשלאַכט.

אַ גאַנצן טאָג איז אַלעקסאַנדער אַרומגעגאַנגען אַרום זיינע זעלנער. ער האָט יעדן געקוקט אין די אויגן: ביי איינעם פון די ניי־געקומענע סאָלדאַטן איז ער שטיינגעבליבן און ווי אַ גוטער פאָטער געקוקט אויף אים ווי ער רייניקט די מאַשינביקס.

אַלעקסאַנדער האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען קומט אַ ייִד?

דער ניי־געקומענער האָט צעעפנט ברייט זיינע ברוינע יידישע אויגן און געשוויגן, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דעם לייטענאַנט. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— איך בין אַ פּאָליאַק!

— גוט, זיי דיר אַ פּאָליאַק. פון וואַנען שטאַמסטו, פרעג איך דיך?

— איך שטאַם פון וואַרשע.

— ווי רופט מען דיך?

— יאַנעק טיקולסקי.

— וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל זיך דערמאַנען. יאָ, איך האָב געהאַט אַ פריינד אין וואַרשע אויף גענשע־גאַס, טיקולסקי יוסף.

— איך האָב נישט געקענט אַזאַ איינעם.

— איך פרעג נישט ביי דיר צי דו האָסט אים געקענט, צי נישט. נאָר זע, יאַנעק טיקולסקי, ווי דאָס לעבן ענדערט דעם מענטש. נישט דו, מיין טייערער שלאַכטמאַן ביסט שולדיק וואָס דו גייסט אין שלאַכט אַלס פּאָליאַק. ביסט אַ ייִד, איך זע עס אין דיינע אויגן...

יאַנעק טיקולסקי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, איינגעטונקען אַ שטיק שוואַרצע

וואַטע אין שמירעכץ און גוט אויסגעשמירט די ביקס. אַלעקסאַנדער האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע און איז אַוועק.

דער נייער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך אַ שיין וועטער. אַ פולע זון איז געשטאַנען איבער דעם טולער וואַלד. דער שניי פון די צווייגן האָט זיך געשמאָלצן און געגאָסן, ווי רעגן־וואַסער פון דאַך. באַטאַליאָנען און גאַנצע דיוויזיעס האָבן גערייניקט זייער געווער, גרייטנדיק זיך צום שלאַכט. מער פון אַלע האָבן די יידישע זעלנער זיך געגרייט צו געבן אַ טויטקלאַפּ די דייטשן פאַרן אומזיסט־פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. פאַר טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. יעדער יידישער זעלנער האָט שוין גוט געוווּסט, אַז די דייטשן פאַרניכטן די יידן. ס׳איז פאַר דער וועלט מער קיין סוד נישט געווען, פאַר די יידישע זעלנער און אָפיצירן — אַוודאי נישט.

אַלעקסאַנדער איז אַריין אין דער כאַטע, ווו ער האָט געהאַט זיין קוואַרטיר. ער האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. דער טאָג האָט זיך פאַר אים געצויגן לענגער ווי אַלע אַנדערע טעג. די טעלע־פאַניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ איז אַריינגעקומען אין צימער; זי איז גלייך צו צו אים און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. אַ ליבע־פייערל האָט געברענט אין אירע אויגן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַלעקסאַנדערן און שטיל געזאָגט: „ס׳וועט זיין פריילעך ביי נאַכט. אונדזערע האַרמאַטן וועלן שפּילן פאַר די דייטשן שאָפּענס טרויער־מאַרש. היינטיקע נאַכט הויבט זיך אָן די שלאַכט פאַר באַפרייען די רוסישע ערד”.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— כ׳האָב געהערט אין שטאַב. דיך, אַלעקסאַנדער, וויל איך בעטן, זאָלסט דיין קאָפּ היטן ווי אַ מאַמע היט איר ניי־געבוירן קינד. דו ביסט אַ שיינער, אַ גוטער מאַן און שטאַרק, ווי אַ דעמב! איך וועל דיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב געבעטן ביי פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו ער זאָל דיך איבערלאָזן לעבן מיר אין טעלעפאָן־אַמט.

— פאַר וואָס האָסטו געבעטן פאַר מיר? איך וועל דאָ נישט בלייבן! איך וועל גיין מיט מיינע זעלנער טרייבן די דייטשן.

— דו ווילסט זיין אַ העלד, אַלעקסאַנדער? אַלע העלדן פאַלן אין שלאַכט...

— די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָט אויך אַזוי גערעדט צו מיר און איך האָב אַן אַנדערן ציל אין מיין לעבן: שלאָגן דיר דייטשן ווו נאָר איך וועל זיי טרעפן, פאַר מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, פאַר מיין יידיש פאָלק.

— דו, אַלעקסאַנדער, ביסט אַ ייד?

— יאָ, מאַרוסיאַ, איך בין אַ ייד.

מאַרוסיאַ האָט אים אַרומגענומען און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן. שטיל, מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געזאָגט:

— איך האָב דיך ליב.

ווי נאָר אויפֿן הימל האָבן זיך באַוויזן שטערן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע אויפֿן גאַנצן טולער פראָנט.

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו איז מיט זיין קאָמפּאַניע מינען־שליידערער געוועזן גרייט צו אַטאַקירן. ער האָט געוואַרט אויף אַ באַפֿעל פון שטאַב. דערווייל איז ער געזעסן אין טראַנשיי און געלייענט דעם לעצטן בריוו פון נאַטאַשאַ מאַסלאָווא. זי שרייבט, אַז איר האַרץ ווערט צעריסן פון בענקשאַפֿט. זי געפֿינט נישט קיין רו אין די לאַנגע ווינטערנעכט. ...איך וואָלט צו דיר געפֿלויגן, אַלעקסאַנדער, אויף פֿליגל פון אַן אָדלער, אַבי זיין לעבן דיר. נאָר נישטאָ אין פערם דער אָדלער וואָס זאָל מיך אַוועקטראָגן צו דיר, אין די טולער וועלדער...

אַלעקסאַנדער האָט אַ קוש געטאָן דעם בריוו און אים אַריינגעלייגט אין קעשענע. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן — לעבן אים איז געשטאַנען דער „פּאָליאַק", יאַנעק טיקולסקי, ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן זיין קאָמאַנדיר, נאָר ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי אָנצוהייבן. אַלעקסאַנדער האָט אים געוויזן אַן אָרט נעבן זיך. יאַנעק האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— איך זע אַז דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן, טאָ וואָס שווייגסטו? רעד, וואָס ווילסטו? באַלד וועלן אַ שפּיל טאָן די האַרמאַטן וועט קיין צייט נישט זיין צו רעדן.

— איך שעם זיך פֿאַר אייך, לייטענאַנט! כ'האָב געוואָלט שפּילן אַ פּאָליאַק...

— קענסט ווייטער אין די שלאַכטן אָנגיין פֿאַר אַ פּאָליאַק, נאָר דיין ייִדיש האַרץ זאָלסטו נישט פֿאַרבייטן.

— דאָס קיין מאָל נישט!

— פֿאַר וואָס ווילסטו פֿאַר מיר שפּילן אַ פּאָליאַק? מיינסט אַז כ'בין אַ רוס? ניין, כ'בין אויך אַ ייִד, נאָר דאָס לעבן האָט פֿון מיר געמאַכט אַ רוס. אַלץ צוליב דעם איך זאָל קענען שלאָגן דעם שונא פון מיין פֿאָלק ווי לאַנג מיין האַרץ וועט קלאַפּן...

אַלעקסאַנדער איז שטיל געבליבן. ווערטער נישט אַרויסגעזאָגטע האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט געזען ווי דער פּאָליאַק, יאַנעק טיקולסקי, נעמט אַרויס פון זיין „כלעבאַק" אַ תהילימל און הויבט אָן „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים..."

— ער מוז זיין אַ פֿרומער ייִד — האָט אַלעקסאַנדער געטראַכט, — בעסער, די זעלנער פֿון זיין קאָמפּאַניע זאָלן נישט וויסן אַז יאַנעק טיקולסקי איז אַ ייִד. אַמאָל קאָן געשען, אַז ער זאָל אַריין אין דייטשער געפֿאַנגענשאַפֿט... קיינער אין דער קאָמפּאַניע האָט נישט געוווסט וועגן טיקולסקיס ייִדישקייט. זיי האָבן אויך נישט געוווסט אַז זייער קאָמאַנדיר, אַלעקסאַנדער, איז אַ ייִד. געוווסט האָט בלויז דער גוטער מענטש, פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו און די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. איצט ווייסט עס שוין טיקולסקי אויך.

אויפֿן טולער הימל האָט די לבנה זיך באַוויזן אין אַ רויט קלייד. עס האָבן אויפגעלויכטן גרינע ראַקעטן.

די אַרטילעריע האָט אָנגעהויבן. פייער־פלאַמען האָבן באַלויכטן דעם הימל איבערן שונא.

אַלעקסאַנדער האָט באַקומען אַ באַפעל צו מאַרשירן. ער איז גלייך אַרויס פון טראַנשיי און אַ געשריי געטאָן: די גאַנצע קאָמפּאַניע נאָך מיר!

ער איז געגאַנגען מיט זיינע מענטשן האָרט ביים וואַלד. זיין אויפגאַבע איז געווען צו באַפאַלן די דייטשן פון הינטן און זיי אויסהרגענען ווי די הערינג.

לעבן אַלעקסאַנדערן איז געגאַנגען דער ייִדישער פּאַליאַק, יאַנעק טיקולסקי, מיט אַ מאַשינביקס אויף זיינע געזונטע פּלייצעס. איבער זייערע קעפּ האָט געשאָסן די אַרטילעריע. דער גאַנצער אַרום איז געווען איינגעהילט אין פלאַמען. די דייטשישע מאַגאַזינען האָבן געברענט. די אַרטילעריע האָט געזייעט טויט צווישן די דייטשן.

די „פּיעכאָטע" האָט זיי מיט באַגנעטן געדאַרפט טרייבן אויפן פּראָסט. אַלעקסאַנדער האָט פון זיין „כלעבאַק" אַרויסגענומען אַ פלעשל וואָדקאַ, וואָס די טעלעפאָניסטין האָט אים מיטגעגעבן. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, געגעבן אַ זופּ פון פלעשל און עס דערלאַנגט יאַנעקן: טרינק, וועסט באַקומען קוראַזש!...

יאַנעק האָט אַ ציי געטאָן פון דער פלאַש און עס אָפּגעגעבן אַלעקסאַנדערן. אַלעקסאַנדער האָט דאָס פלעשל מיט וואָדקאַ איבערגעגעבן פון איין זעלנער צום אַנדערן. ביז ס׳איז געוואָרן ליידיק. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל — דער הימל איז געווען פול מיט שטערן, ווי רוביגען.

— ווי שיין די וועלט איז! — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — און מענטשן הרגענען זיך אויס.

ער האָט זיך דערמאָנט אין די ווייסע אוראַלער נעכט, ווען ער האָט שפּאַצירט מיט נאַטאַשאַ מאַסלאָווא. די שפּאַצירן האָבן געשטאַרקט זיין גלויבן אינעם מענטש, אין דער שיינער וועלט. נאַטאַשאַ האָט זיך צו אים געטוליעט און אים ליבלעך געקושט. זי האָט נישט געוווּסט פון קיין גרענעץ, ווען זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. בלויז זייערע אויגן האָבן גערעדט. אָפט פלעגט ער זען אין אירע אויגן טרערן ווי ברילִיאַנטן...

אַלעקסאַנדער גייט אין הינטערלאַנד צו די דייטשן. ער זעט היימישע בילדער. ווי אויף אַ פילם־לענטע לויפן זיי פאַרביי זיינע אויגן. ער הערט די זיסע שטים פון נאַטאַשאַן:

...כ׳האָב דיך ליב, אַלעקסאַנדער! פאַר אונדז ביידע וועל איך ברענגען אַ נייעם דור! אונדזערע קינדער וועלן לעבן אין אַ פרייַ ייִדיש לאַנד!

— דו ווילסט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיין ייִדן?

— איך שווער דיר, אַז די קינדער און אויך איך וועלן זיין ייִדן.

די בילדער פון דער נייער היים, פון דער שטאָט פּערם, פון נאַטאַשאַ מאַסלאָווא פאַרשווינדן פון זיינע אויגן. אַלעקסאַנדער דערזעט נייע בילדער: די אַלטע היים אין חורבות, טאַטע־מאַמע אָנגעטאָן אין ווייסן, אַזוי אויך שוועסטער און ברידער...

זיי לעבן מער נישט, זיי זענען טויט! טויט! פון זיין האַלדז רייסט זיך אַ געשריי: רעביאַטאַ! אַלע נאָך מיר!

יאַנעק, מיט דער מאַשינביקס, דערלאַנגט אויפן וואַרשעווער שטייגער. די דייטשן שרייען אויף, פאַלענדיק: „מאַריאַ! מאַריאַ!"

די דייטשן זענען צעמישט. זיי ווייסן נישט וואָס דאָ געשעט. אַלעקסאַנדער שיסט אויס אַ רויטע ראַקעטע — אין שטאַב ווייסט מען שוין, אַז אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו האָט זיין ציל דערגרייכט.

פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו נעמט אַרום די שיינע טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ:

— מאַרוסיאַ, איך וועל דיר געבן זיבן קושן פאַר אַלעקסאַנדערן. דער ציל פון אונדזער דיוויזיע איז דערגרייכט. אַלעקסאַנדער שלאָגט פעסט די דייטשן.

מאַרוסיאַ זיצט ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט. איר האַרץ ווערט צעריסן פון ווייטיק: צי וועט אַלעקסאַנדער אַרויס אַ גאַנצער פון די שלאַכטן? זי קאָן נישט איינהאַלטן די טרערן. זי זיצט ביים טעלעפאָן און וויינט ווי אַ קליין קינד.

עס לויפן פאַרויס טאַנקען מיט רויט־אַרמייער. מאַרוסיאַ הערט אויף וויינען, ס'ווערט איר ליכטיק פאַר די אויגן. אַלץ גייט פאַרויס, טאַנקען, האַרמאַטן, מינען־וואַרפער, זעניט־אַרטילעריע. אויך דער הימל איז מילדער — די לבנה שפּרייט אויס איר ליכט אויף די העלדישע שלאַכטלייט...

אַ שיינע נאַכט אַרום די טולער וועלדער. מאַרוסיאַ שטייט ביי דער כאַטע — זי קוקט אין דער ווייט: אפשר וועט ער קומען, אַלעקסאַנדער, און זי אַרומנעמען און קושן, קושן ביז פאַרטאָג.

***

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. אַלעקסאַנדער האָט גערוט נאָך דער שווערער שלאַכט וואָס ער, מיט זיין קאָמפּאַניע, האָבן געפירט מיט די דייטשן.

נישט לאַנג צוריק זענען דאָ, אין דער וואַרעמער טראַנשיי, געזעסן די דייטשן. איצטער שטייען זיי אויפן פראָסט וואָס סמאַליעט ווי מיט גליִענדיקע קוילן...

אַלעקסאַנדער זעט ווי זיינע שלאַכטלייט זעצן זיך אויס אין טראַנשיי. ער קוקט אויפן „פּאַליאַק" יאַנעק: וועט ער איצטער זאָגן תהילים? יאַנעק קוקט אויף זיין לייטענאַנט, אויף אַלעקסאַנדערן, מיט ייִדישע אויגן.

אַלעקסאַנדער גיט אים אַ רוף מיט דער האַנט. יאַנעק גייט צו צום לייטענאַנט, שטעלט זיך גלייך. דער לייטענאַנט ווייזט אים אָן אָרט לעבן זיך: — זעץ זיך דאָ, יאַנעק, לעבן מיר. איך זע, אַז דיין תהילים זאָגן האָט געהאָלפן. מיר האָבן די דייטשן פאַרטריבן פון דאַנען.

— יאָ, חבר לייטענאַנט. מיין תהילים וועט שטענדיק העלפן, אין דעם גלויב איך.

— דו ווייסט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד וועט מען דיך באַשטראָפן פאַר דיין פרומקייט?

— מיין יידישער גאָט האָט מיך שוין גענוג געשטראָפט: ער האָט אויף מיין פאָלק געשיקט אַ קללה...

אַלעקסאַנדער האָט געזען, ווי ביים שטאַרקן יאַנעק טיקולסקי באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יאַנעקס אַקסל:

— יאַנעק, הער אויף! כ׳ווייס, כ׳האָב אָנגערירט אונדזערס אַן אייטערדיקע וווּנד... איך ווייס, יאַנעק, איך ווייס, לאָמיר איצט דערפון נישט רעדן. וועלנט האָבן אויערן.ביידע יידן — אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו און יאַנעק טיקולסקי — האָבן געשוויגן.

*****

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט נישט געקענט איינזיצן ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט. זי האָט נישט געוווּסט צי אַלעקסאַנדער איז געפאַלן, צי פאַרוווּנדעט — און אפשר איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ווי נאָר דער נייער טאָג האָט זיך באַוויזן און פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט זיך אויפגעהויבן, איז מאַרוסיאַ אַריין צו אים אין צימער מיט אַ ביטע:

— כ׳קען אַריין צו אייך?

— ביטע, קום אַריין, מאַרוסיאַ. ביסט אַ שיין מיידל.

— איר לאַכט פון מיר, פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו!

— איך לאַך נישט פון דיר. כ׳ווייס, ביסט פאַרליבט אין אַלעקסאַנדערן.

— יאָ, כ׳בין פאַרליבט!

— טאָ וואָס ווילסטו פון מיר?

— איך וויל אייך בעטן אַ דערלויבעניש צו גיין אין ערשטן באַטאַליאָן. איך וויל מיך טרעפן מיט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוון...

— האָסט פאַרגעסן, אַז ס׳איז מלחמה?

— כ׳האָב נישט פאַרגעסן. איך קען נישט איבערהאַלטן. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געוויינט ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט.

— כ׳ווייס, דיינע יונגע בלוטן ווילן נישט וויסן פון מלחמה. כ׳האָב געזען יענע נאַכט ווי דו האָסט געקושט אַלעקסאַנדערן.

— כ׳האָב אים געקושט, ווייל כ׳האָב אים ליב...

— טאָ ווילסטו גיין אים זען?

— יאָ, איך וויל גיין אים זען.

— טאָ גיי צום וועג 315, דאָרט זענען נאָך נעכטן געווען דייטשן. היינט איז שוין דאָרט אונדזער ערשטער באַטאַליאָן.

— איך וועל אייך דערפאַר געבן אַ קוש!

— ניין, כ׳וויל נישט פון דיר קיין קוש. איך פיל ווי דיינע בלוטן שטראָמען, ווי אַ שטורמישער טייך. איך בין צו אַלט זיי צו האַמעווען. אַלעקסאַנדער קאָן דיך איינשטילן... גיי, מאַרוסיאַ, גיי צו אַלעקסאַנדערן, דו ביסט יונג, דיר קומט... אַלעקסאַנדער וועט דיך קושן...

אויף פליגל איז מאַרוסיאַ אַרויס פון פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעווס צימער. מיט שנעלע טריט האָט זי זיך געלאָזט גיין צום וועג 315...

אויפן גאַנצן וועג האָט מאַרוסיאַ אָנגעטראָפן אָפיצירן און זעלנער, יעדער האָט צו איר געוווּנקען און געריפן. קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט טראַכטן פון דער מלחמה, אַז יעדע מינוט קאָן זיך אָנהייבן אַ גיהנום־פייער...

די זון האָט אויפגעשיינט. דער פראָסט האָט געסמאַליעט און די סאָלדאַטן האָבן געבענקט נאָך זייערע פרויען און מיידלעך.

די מלחמה האָט פון יעדן צוגענומען אַ שטיק לעבן, אויף יעדן איז געפאַלן אַ שווערע לאַסט.

מאַרוסיאַ איז געגאַנגען. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער אירע טריט. פון די סאָסנעס און בעריאָזעס האָבן פייגל זיך אויפגעהויבן צום פלי, צו די זוניקע הימלען.

ביים ערשטן באַטאַליאָן איז מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ שטיינגעבליבן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָ געפינט זיך אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו.

אַלעקסאַנדער איז שוין געווען נאָכן פרישטיק. דער גאַנצער 1־טער באַטאַליאָן האָט גערוט. אים האָט פאַרטרעטן אויף דער ערשטער ליניע דער 2־טער און 3־טער באַטאַליאָן. אַלעקסאַנדער איז נאָכן פרישטיק אַרויס פון דער טראַנשיי. אַרום איז געווען וואַלד, וואַלד. ברוינע סאָסנעס און ווייסע בעריאָזעס. אויך אַ דעמב האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט צוגעלייגט די לאָרנעטע צו די אויגן און גלייך דערזען אַ פרויען־געשטאַלט גיין אין זיין ריכטונג. ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט אויסשרייען זיין נאָמען: אַלעקסאַנדער! אַלעקסאַנדער! ער האָט דערקענט די טעלעפאָניסטין, מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ און איר געגאַנגען אַנטקעגן מיט אויפגעהויבענע הענט. פון וויטנס האָט מאַרוסיאַ אים געשיקט לופטקושן. זי איז געלאָפן צו אים ווי אַ יונגע אינדיין...

ביי אַ ווייסער בעריאָזע איז אַלעקסאַנדער שטיינגעבליבן. מאַרוסיאַ איז אַריינגעפאַלן אין זיינע שטאַרקע הענט, און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן ביז בלוט.

— נו שוין, גענוג, מאַרוסיאַ! לאָמיר הערן ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער?

— דו ווייסט נישט, אַז פאַר ליבע איז נישטאָ קיין שום צוים און קיין מלחמות?

— ביסט אַ שטיק פייער, מאַרוסיאַ! זאָג מיר פאָרט ווי אַזוי ביסטו געקומען — און ווער האָט דיר געזאָגט ווו איך בין?

— כ׳האָב געבעטן מיין פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו און ער האָט מיך פאַרשטאַנען.

— ביסט אָוודאי היינטיקע נאַכט געשלאָפן מיט אים...

מאַרוסיאַ האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש.

— פאַר וואָס האָסטו אַזוי גערעדט צו מיר?

אַלעקסאַנדער האָט דעם פּאַטש צוגענומען ווי אַ פאַרדינטן, און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט שטיל געזאָגט:

— כ׳האָב נישט געמיינט דיך מיט דעם צו באַליידיקן.

— מיר האָסטו אַזעלכעס נישט געטאָרט זאָגן. איך בין נישט קיין גאַסן־מיידל... כ׳קאָן נאָר ליגן מיט דעם וועמען כ׳האָב ליב !...

זי האָט אים אַרומגענומען און צוגעצויגן צו זיך, זאָגנדיק :

— נאָר דיך האָב איך ליב !

אַרום איז געווען שטיל. קרישטאָל־שנייעלעך האָבן זיך געשאָטן פון די צווייגן אויף מאַרוסיאַן, אויף אַלעקסאַנדערן. בלויז פייגל־סטייעס האָבן זיך געטראָגן פון בוים צו בוים. דווקא די אַבסאָלוטע וואַלד־שטילקייט האָט צעצונדן מאַרוסיאַס געבלוטן. זי האָט אויסגעשפּרייט דעם שינעל אויפן שניי, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און צוגעצויגן צו זיך אַלעקסאַנדערן. ער האָט געשוויגן. ער האָט געפילט, ווי מאַרוסיאַ צינדט אָן אין אים אַ פייער.

מאַרוסיאַ האָט אים געקושט אין דער באַק, אין ווען זי האָט אים פריער געפּאַטשט. זיי האָבן ביידע געוווסט, אַז דעם פּאַטש האָט ער פאַרדינט. מאַרוסיאַ איז געקומען אַהער נישט בלויז אויף צו באַפרידיקן אירע מיידלשע ליידנשאַפטן... האָבן דען געפעלט מענער נאָענט פון איר טעלעפאָן־צענטראַלע ?...

צום מיטאָג איז מאַרוסיאַ צוריקגעקומען. ביים איינגאַנג האָט זי באַגעגנט פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— נו, האָט ער זי פּאָטערלעך געפרעגט — האָסט זיך געטראָפן מיט דיין אויסדערוויילטן ?

— יאָ, כ׳האָב זיך מיט אים געטראָפן.

— איך זע עס אין דיינע אויגן... שפּילסט אַ ליבע...

— ס׳איז גאָר נישט שלעכט צו שפּילן אַ ליבע מיט דעם וועמען מען האָט ליב !

— וואַרט, מאַרוסיאַ, עס וועט דאָ קומען זיין פרוי, די דאָקטאָרין נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ, וועט זי דיר מאַכן שוואַרץ אונטער די אויגן.

— זי וועט מיר גאָרנישט נישט מאַכן... מיר לעבן נישט מיט הונדערט יאָר צוריק. ביי אונדז איז דאָ פרייע ליבע און איך האָב רעכט צו ליבן דעם מאַן וואָס מיר געפעלט !

— ס׳איז דאָך מלחמה, מאַרוסיאַ !

— נישט איך האָב די מלחמה געבראַכט און נישט איך קאָן זי פאַרענדיקן.

זי איז אַריין אין כאַטע. זי איז צו צו איר „פלעצאַק״, אַרויסגענומען סוכאַרעס און זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטרויזאַק עסן.

די דייטשן האָבן ווידער אָנגעהויבן זיך צו באַוועגן פאָרויס. דער שטאַרקער פראָסט האָט זיי נישט געלאָזט איינזיצן אויף אַן אָרט. ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט. די דייטשן האָבן געוואָלט אָפּנעמען די טראַנשייען וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אין דער נאַכטשלאַכט. זיי האָבן געשאָסן פון אַלע מינים געווער. אַ ברען־באָמבע איז געפאַלן אויף דער טעלעפאָן־צענטראַלע. גלייך האָט דאָס גאַנצע הויז אָנגעהויבן ברענען.

מאַרוסיאַ האָט געכאַפּט איין טעלעפאָן־אַפּאַראַט און מיט אים אַרויס אין

דרויסן. איר צו הילף זענען געקומען רויט־אַרמייער אָפּצוראַטעווען די אַנדערע פאַרבינדונגס־מכשירים.

די כאַטע איז פאַרברענט געוואָרן; מאַרוסיאַ, פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו און די איבעריקע מענטשן פון דער טעלעפאָן־צענטראַלע פון דער דיוויזיע האָבן זיך איבערגעטראָגן אין וואַלד אַריין און פאַרנומען „זעמליאַנקעס". מאַרוסיאַ האָט זיך אַ מידע אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטרויזאַק און צוגעמאַכט די אויגן.

די שלאַכט איז געוואָרן אַ פאַרביטערטע. די רוסישע אַרמיי האָט שוין מער נישט אָפּגעטראָטן. איין רויט־אַרמייער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן און יעדער האָט זיך אויף דעם אונטערגעשריבן.

גלייך ווי מאַרוסיאַ האָט געעפנט די אויגן איז זי אַרויס פון דער „זעמליאַנקע". מיטן וואַלד־וועג האָט זי דערזען פירן שליטנס פאַרוווּנדעטע. ס'האָט איר אַ פּיק געטאָן אונטערן לעפעלע. ווער ווייס צי מען פירט דאָ נישט אַלעקסאַנדערן?...
זי איז געלאָפן צו די שליטנס אים זוכן צווישן די פאַרוווּנדעטע. זי האָט אים נישט געטראָפן. זי האָט אויפגעהערט וויינען, נאָר איר האַרץ האָט איר קיין גוטעס נישט געזאָגט. זי האָט די ווערטער: אַלעקסאַנדער איז פאַרוווּנדעט, נישט געוואָלט ברענגען פאַרן מויל. זי איז אַוועק צוריק אין דער „זעמליאַנקע" און געשוויגן...

די שלאַכטן זענען אָנגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. פון ביידע זייטן זענען געווען פיל געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע. די רוסישע אַרמיי האָט זיך מער נישט צוריק־גערוקט. די שלאַכטן ביי סטאַלינגראַד האָבן עס באַשטעטיקט. די רוסן האָבן אויף אַלע פראָנטן איבערגענומען די איניציאַטיוו.

באַלד נאָך מאַרוסיעס צוריקקערן זיך פון אַלעקסאַנדערן, איז ער אַוועק צו זיך אין טראַנשיי. ער האָט עפּעס איבערגעכאַפּט פון זיין אייזערנע פּאַרציע, עטלעכע שוואַרצע סוכאַרעס, מיט אַ שטיקל ווייסן האַרטן צוקער. ער האָט דערפילט אַ מידקייט, צוגעמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן. אין שלאָף האָט ער געזען טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, ווי זיי בעטן צו גאָט נאָך הילף... די ווערטער פון זיין גוטן און ערלעכן טאַטן רייסן הימלען נאָר קיין הילף קומט נישט.

אַלעקסאַנדער איז אַזוי ווייט און ער קאָן זיי נישט העלפן. ביז דער מלחמה האָט ער זיי געשיקט פּעקלעך קיין וואַרשע און הייַנט — אַזאַ ביטערע מלחמה... ס'ציטערן די פייגל אין וואַלד. די געלע וועוויאָרקעס מיט זייערע לאַנגע ווידלען באַהאַלטן זיך אויס אין זייערעביימער־נאָרעס...

יאַנעק טיקולסקי, דער „פּאָליאַק", זיצט לעבן אַלעקסאַנדערן. ער קוקט אויף אים ווי אויף אַן עלטערן ברודער. ער זעט, אַז אַלעקסאַנדער חלומט. ער לאָזט אים שלאָפן. ער וויל אַרויסנעמען דאָס תהילימל און זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, נאָר אין טראַנשיי דרייען זיך אַרום זעלנער און ער קאָן איצט נישט זאָגן קיין תהילים.

יאַנעק איז איצט גרייט מיט כוח אויסצושרייען: גאָט, זע, ווי די דייטשן ברענען

און בראָטן מיינע ברידער און שוועסטער, מיין יידיש פאָלק און איך, מיט מיין מאַשין־געווער, בין ווייט, איך קאָן זיי נישט העלפן!

עס הייבט ווידער אָן שפּילן די אַרטילעריע. גראַנאַטן רייסן אויף נישט ווייט. יאַנעק שרייט: אַלעקסאַנדער! אַלעקסאַנדער די דייטשן! — און ער נעמט שטעפּן מיט דער מאַשינביקס ווי אַ מאָל אויף דער ניי־מאַשין אין וואַרשע.

אַלעקסאַנדער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, כאַפּט אַ גראַנאַט און נעמט לויפן. ער שרייט: אַלע נאָך מיר! די גאַנצע קאָמפּאַניע לויפט נאָך אים. ווי דער ווינט וואָלט זיי געטראָגן אויף זיינע פליגל, רייסן זיי זיך פאָרויס. אין געלויף פאַלן שלאַכטליים. זייער בלוט זאַפּט איין דער ווייסער שניי...

***

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט זיך קיין אָרט נישט געפינען אין דער זעמליאַנקע. אירע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט טרערן. דורכגייענדיק, האָט פאָלקאָווניק יאַקאָווליעוו באַמערקט ווי מאַרוסיאַ וויינט. ער איז צו איר צוגעגאַנגען; ווי אַ פאָטער, האָט ער זיין ברייטע האַנט אַרויפגעלייגט אויף איר אַקסל.

— וויין נישט, טאָכטער, וויין נישט! אַלעקסאַנדער לעבט! נאָר־וואָס האָב איך גערעדט מיט אים...

— ס'איז נישט אמת, ער לעבט נישט! אַזויפיל אונדזעריקע זענען געפאַלן. כ'האָב געזען פירן די פאַרוואונדעטע — כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן, נישט געקענט קוקן ווי דאָס בלוט אַרום זיי איז פאַרגליווערט געוואָרן.

— ס'איז מלחמה, מאַרוסיאַ!

— יאָ, ס'איז מלחמה. אָבער אַלעקסאַנדער איז דאָך נישט קיין אונדזעריקער, פאַר וואָס האָט מען אים געשיקט זיך שלאָגן?

— ער איז אַליין צו אונדז געקומען, פרייוויליק.

— איך האָב אים ליב — ער איז אַזאַ גוטער און שיינער מאַן!...

— נו, גענוג, הער אויף וויינען, דיינע טרערן רירן מיר דאָס האַרץ. כ'האָב אויך אַ פרוי מיט קינדער אין דער היים! זיי דאַרט וויינען אויך אַזוי ווי דו...

— יאָ, חבר פאָלקאָווניק! זיי וויינען אויך. אַ פרויען־האַרץ פילט די געפאַרן... דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען אין דער „זעמליאַנקע".

— חבר פאָלקאָווניק יאַקאָווליעוו, צום טעלעפאָן!

— יאָ, יאַקאָווליעוו. ווער רעדט עס? — איך הער שוואַך.

— עס רעדט טימענקאָ. גענעראַל טימענקאָ.

— איך הער אייך, גענעראַל! איך הער.

— פאָלקאָווניק יאַקאָווליעוו, באַפעלט די באַטאַליאָנען אויף דער ערשטער ליניע נישט אָפּצוטרעטן אויף קיין איין מעטער אַפילו!

— כ'באַפעל גלייך!

אַ ווײַלע איז געווען שטיל, נאָר מאַרוסיאַ האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— ווער האָט גערעדט, חבר פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו?

— גענעראַל טימענקאָ.

— איז דאָ עפּעס נייעס?

— פאַראַן נייעס. נישט אָפּצוטרעטן אַפילו אויף קיין איין שפּאַן! קענסט דאָס פאַרשטיין?

יאַקאָוולעוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטרויזאַק און לאַנג, לאַנג אַזוי געזעסן. מאַרוסיאַ האָט אויפגעקאָכט אַ טשייניק טיי און אים צוגעטראָגן אַ טעפּל טיי.

ווי נאָר ער האָט אויסגעטרונקען די טיי, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן דעם פּעלץ מיטן ווינטער־היטל און שטיל געזאָגט:

— מאַרוסיאַ, אויב עס וועט ווער קלינגען צו מיר, זאָג אַז איך בין אויף דער ערשטער ליניע, מיטן 1־טן באַטאַליאָן.

באַלד נאָכן אַרויסגיין פון דער זעמליאַנקע איז אים מאַרוסיאַ נאָכגעלאָפן:

— חבר פּאַלקאָווניק, גרוסט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָווו...

פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז געגאַנגען צום 1־טן באַטאַליאָן איבער טיפע שנייען. די זון האָט שוין געשיקט די לעצטע שטראַלן. אין וואַלד איז געווען שטיל און טונקל. די פייגל האָבן זיך פאַרנומען אין זייערע נעסטן. שנעל איז צוגעפאַלן די נאַכט.

יאַנעק טיקולסקי, דער „נייער פּאַליאַק”, איז געזעסן אין ווינקל פון טראַנשיי מיטן תהילימל אין האַנט. ער האָט גאָרנישט געזען ווי ס'איז אַריין פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— וואָס לייענסטו דאָרט, סאָלדאַט מיינער?

— דאָס איז די יידישע תורה.

— דו ביסט דאָך אַ פּאַליאַק! ווי קומט צו דיר די יידישע תורה?

— כ'האָב ליב צו קענען פרעמדע רעליגיעס.

— האָב פאַר מיר נישט קיין מורא. איך ווייס אַז דו ביסט אַ ייד. קענסט בעטן צו דיין יידישן גאָט. איך האָב מיין גאָט פאַרלוירן אין אָקטאָבער 1917. היינט האָב איך קיין גאָט נישט.

— און סטאַלין, חבר פּאַלקאָווניק?

— ווי האָסטו געזאָגט, סטאַלין? ניין, מיין גאָט איז די מאַמע־ערד, רוסלאַנד! פאַר איר גיי איך אין שלאַכט. ווו איז דער לייטענאַנט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו?

— ער איז שווער פאַרוווּנדעט. מען האָט אים אָפּגעפירט אין פעלד־שפּיטאָל.

— איצט וועסטו, יאַנעק טיקולסקי, דאַרפן פאַרנעמען זיין אָרט.

— כ'בין גרייט, חבר פּאַלקאָווניק!

— טאָ הער זיך איין. נעם צוזאַמען די גאַנצע קאָמפּאַניע און איך וועל זיי איבערגעבן דעם לעצטן באַפעל.

צווישן סאָסנעס און בעריאָזעס האָבן די סאָלדאַטן אויסגעהערט דעם לעצטן באַפעל פון פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו, און די באַשטימונג פון נייעם סערזשאַנט, יאַנעק טיקולסקי, אויפן אָרט פון שווער־פאַרוווּנדעטן לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָוו.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן וואַלד מיט אַ מאָל. סערזשאַנט טיקולסקי איז מיט זײַנע מענטשן צוריק אַרײַן אין דער טראַנשיי און געוואַרט אויף אַ באַפעל צו מאַרשירן פאָרויס. ער האָט צוגעדריקט דאָס תהילימל צום האַרץ. ער האָט געוווּסט, אַז איצט מוז ער זײַן ווי זײַן פאָרגייער, אַלעקסאַנדער. זיך שלאָגן ווי אַלעקסאַנדער — ער איז אַ ייִד!

ווען פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז צוריקגעקומען אין דער „זעמליאַנקע", איז די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ צוגעלאָפן צו אים און געפרעגט:

— וווּ איז אַלעקסאַנדער? וווּ איז מײַן אַלעקסאַנדער?

— מאָרגן גאַנץ פרי וועסטו צוגיין צום פעלד־שפּיטאָל, וועסטו טרעפן דײַן אַלעקסאַנדערן.

מאַרוסיאַ האָט געוויינט, זאָגנדיק:

— איך לויף שוין צו אים! — און ווי דער ווינט וואָלט איר געטראָגן, איז זי געלאָפן צום פעלד־שפּיטאָל, ווו איר געליבטער אַלעקסאַנדער איז געלעגן.

בײַם שפּיטאָל איז געשטאַנען אַ זעלנער מיט אַ ביקס אין האַנט. מאַרוסיאַ האָט זיך צו אים דערנענטערט.

— וווּהין ווילסטו גיין, קראַסאַוויצע?

— איך וויל אין פעלד־שפּיטאָל.

— וועסט קומען מאָרגן פרי. איצט טאָר מען שוין נישט.

— איך מוז! מײַן אַלעקסאַנדער איז פאַרווונדעט!

— גיי צוריק צום טעלעפאָן, איך וועל דיך נישט אַרײַנלאָזן, דו הערסט?

מאַרוסיאַ האָט זיך צוריקגעשלעפּט. אין אירע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן. איצט האָט איר ליבע אויפגעבליט ווי אַ רויז אין פרילינג. אַ גאַנצע נאַכט איז זי נישט געשלאָפן. זי האָט אים געזען לעבן זיך. זי האָט אים אַרומגענומען, געדריקט צום האַרצן, צו אירע פולע בריסטן. זי האָט געפילט זיך באַרירונג... זיי האָבן זיך ביידע געקושט...

***

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דעם שווער־פאַרווונדעטן לייטענאַנט, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו. זײַן אויער האָט אויפגעכאַפּט דעם ריטם פון אַלעקסאַנדערס האַרץ. ער האָט אַ ווונק געטאָן דער שוועסטער און זי האָט אָפּגעוואַשן דאָס פאַרטרוקנטע בלוט אַרום זײַן ווונד.

די שוועסטער האָט אַראָפּגעצויגן פון שווער־פאַרווונדעטן די גימנאַסטיאָרקע, אַרויסגענומען פון טאַש זײַן פאָרטפעל און דערלאַנגט אים דעם דאָקטאָר. דער פאָרטפעל איז געווען פאַרטריקנט מיט בלוט. ער האָט אים געעפנט, אַרויסגענומען אַלע פאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס, ער האָט געוואָלט וויסן, ווער עס איז דער שווער־פאַרווונדעטער און אויספילן פאַר אים אַ קאַרטאָטעקע.

ווען אַרטעמאָוו האָט דערזען די ערשטע פאָטאָגראַפיע, איז ער געבליבן ווי

געליימט: פון דער פאָטאָגראַפיע האָט צו אים אַראָפּגעקוקט זיין פרוי, אַנאַ איוואַנאָוונאַ, און זייער טאָכטער, נאַטאַשאַ... פּאַמעלעך איז ער געקומען צו זיך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן צווייטן בילד: נאַטאַשאַ מיט דעם מאַן, וואָס ליגט דאָ שווער פאַרוווּנדעט! ער איז שנעל צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט שוין געוווּסט, אַז דער פאַרוווּנדעטער איז זיין איידעם, נאַטאַשאַס מאַן!

— בלוט! בלוט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דער שוועסטער — שוין מוז מען מאַכן אַ טראַנספּוזיע! פריש בלוט פאַרן לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָוו!

באַלד האָט פריש בלוט גענומען שטראָמען אין די אָדערן פון אַלעקסאַנדער. ד״ר אַרטעמאָוו האָט גענומען אונטערזוכן דעם שווער־פאַרוווּנדעטן: די קויל איז אים אַריין אונטערן לעפּעלע און איז אַוועק רעכטס. ווען די קויל וואָלט אַוועק לינקס, וואָלט ער שוין נישט געלעבט.

ס׳איז געווען נאַכט. אין פעלד־שפּיטאָל זענען דיזשור־שוועסטער אַרומגע־גאַנגען אַרום די פאַרוווּנדעטע. דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז נישט געשלאָפן; ער איז געזעסן אויף אַ בעטל און געקוקט אויף די משפּחה־בילדער. ער האָט געלייענט די בריוו וואָס די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ שרייבט צו איר געליבטן מאַן, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו.

יאָ, דאָס איז זיין טאָכטער נאַטאַשאַ. אַ דאָקטאָרין... די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך אין איר נישט נוקם געווען, געלאָזט איר ענדיקן דעם שטודיום. גוט, זייער גוט! ער האָט זיך געפרייט, ווי מען פרייט זיך בעת מען געפינט צוריק אַ פאַרלוירן קינד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צו צום לייטענאַנט.

איז דאָס מיין איידעם? ער האָט געוואָלט אויסשרייען:

— אַלעקסאַנדער! דאָס בין איך, פּראָפ׳ מאַסלאָוו, דיין פאָטער! נאָר טרערן האָבן פאַרגאָסן זיין האַרץ און ס׳האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. די דיזשורנע־שוועסטער האָט אים צוגעפירט צו אַ בעטל און אים אַוועקגעלייגט.

קאַפּיטל פיר

בענקשאַפט

פון וואָקזאַל פּערם־צוויי איז ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ געגאַנגען גלייך צו דער אַרבעט. ביי דער אַמבולאַטאָריע האָט זי געטראָפן די אויגן־דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין.

— גוט וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן, נאַטאַשאַ! איך זע אַז דו ביסט די לעצטע טעג נישט מיט אַלעמען. דיינע אויגן, זע איך, זענען נאָך פאַרוויינט. וואָס איז מיט דיר? — האָסט געמוזט אַרויסבאַגלייטן וועמען אויפן פראָנט?

— יאָ, כ׳האָב אַרויסבאַגלייט מיין מאַן.

— דו, נאַטאַשאַ, האָסט אַרויסבאַגלייט אויפן פראָנט דיין מאַן? כ׳פאַרשטיי דיך נישט!

— וואָס איז דאָ נישט צום פאַרשטיין?

— דיין מאַן איז דאָך אין וולאַדיוואָסטאָק, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין!

— ניין, ער איז נישט מער מיין מאַן. ער האָט מיך פאַרלאָזט.

— אינזשיניער מוכין האָט דיך פאַרלאָזט?

— יאָ, פאַרלאָזט.

— נו, האָסטו עס איצטער אַרויסבאַגלייט דיין ריכטיקן מאַן?

— יאָ, עמיליאַ, איצט האָב איך אַרויסבאַגלייט מיין געליבטן מאַן.

— נאַטאַשאַ, נעם דיר נישט צו פיל צום האַרצן — מענער קען מען יעדן טאָג טוישן, ווי זאָקן...

— ווי וואַגסטו אַזוי צו רעדן צו מיר, עמיליאַ!

— דו לעבסט נאָך מיט אַלטע באַגריפן... איך לעב פריי. האָסט מיך נעכטן געזען אין אָפּערע מיט אַ מאַן, אַן עלטערן.

— כ׳האָב דיך געזען.

— ער איז אַ לייטער פון אַ גרויסער פאַבריק.

— ווילסט זאָגן אַ דירעקטאָר? — לאָמיר שוין גיין, שוין צייט צו דער אַרבעט.

— גיי, נאַטאַשאַ. היינט אָונט קום איך צו דיר אויף „פּיעראָזשקעס״.

— קענסט קומען, נאָר קיין פּיעראָזשקעס וועסטו נישט עסן.

— גוט, איך וועל שוין ברענגען עפּעס גוטס.

נאַטאַשאַ האָט געאַרבעט ווי שטענדיק, נאָר אַלעקסאַנדער איז אָן אויפהער

געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט אים געליבט אַזוי ווי אַ רוסישע פרוי קאָן ליבן...

נאַטאַשאַ האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די אַרבעט — נאָך איין פּאַציענט האָט געוואַרט.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. נאַטאַשאַ האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

— האַלאָ, ווער רעדט?

— קאָמיסאַר באַבושקין.

— איך הער אייך.

— דאָקטאָר, איך קום אייך נעמען, גייט נישט אַוועק און וואַרט אויף מיר.

— איר זאָלט נישט וואַגן צו קומען צו מיר. כ'וועל נישט וואַרטן — און זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. זי איז צוגעגאַנגען צום פּאַציענט, אַן עלטערן מאַן און אים אונטערזוכט.

— דאָס האַרץ ביי אייך איז נישט גוט. איך וועל אייך אויסשרייבן אַ באַ־פרייאונג פון דער אַרבעט אויף דריי טעג.

— אַ דאַנק, דאָקטאָרשע, זייער גוט. שוין לאַנג ווי כ'דאַרף רוען, נאָר די מלחמה...

ווי נאָר נאַטאַשאַ האָט פאַרלאָזט די אַמבולאַטאָריע, איז קאָמיסאַר באַבושקין איר אַנטקעגנגעקומען. זי איז אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג. באַבושקין איז איר נאָכגעגאַנגען ביז צו דער שטוב. ביי דער שטוב איז נאַטאַשאַ שטייענגעבליבן. דער ווייסער הונט איז איר אַנטקעגנגעלאָפן. זי האָט פון טאַש אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט און אים דערלאַנגט.

באַבושקין איז צוגעקומען און שטיל געזאָגט:

— דאָקטאָרשע, שטויס מיך נישט אָפּ. שוין לאַנג ווי איך טראַכט וועגן דיר. כ'האָב דיך געקענט שיקן אויפן פראָנט, נאָר כ'האָב זיך אָפּגעהאַלטן.

— איך וועל זיך אַליין מעלדן צו גיין אויפן פראָנט! איך וויל זיין דאָרט וווּ מיין אַלעקסאַנדער איז!

— וועסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן צו גיין אויפן פראָנט. די מלחמה ענדיקט זיך נאָך נישט מאָרגן. זי וועט דויערן יאָרן!

— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך וויל זאָלסט מיר שענקען דיין ליבע...

— איך קען נישט ליבן אַ סך מענער. מיין האַרץ איז שוין פאַרנומען מיט איין מאַן.

— וועסט מיר נישט אָפּזאָגן, נאַטאַשאַ. דו וועסט נישט ליבן פיל מענער, נאָר מיך אַליין, נאָר מיך.

— איר האָט אַ פרוי מיט קינדער. ווי וואַגט איר קומען צו מיר, ווען איר ווייסט, אַז מיין מאַן איז היינט אין דער פרי פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט!

— איך ווייס עס, איך ווייס!

— טאָ לאָזט מיך צורו, איך בעט אייך. אַז נישט וועל איך שוין מאָרגן אַוועק אויפֿן פראָנט.

קאָמיסאַר באַבושקין האָט אויפגעשטעלט דעם קאַלנער פון שינעל, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און אַוועק.

נאַטאַשאַ האָט געגלעט דעם ווייסן הונט. שנייעלעך, ווי פאַרפרוירענע טרערן, זענען געפאַלן אָן אויפהער. פון טייך קאַמאַ האָט געיאָגט אַ ווינט און נאַטאַשאַ האָט דערפילט אַ ציטער איבערן קערפּער. זי איז מיט שנעלע טריט אַריין אין שטוב.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און גלייך אָנגעשריבן אַ „זאַיאַווּלעניע" צום לעונינסקי וואָיענקאָמאַט: „איך בעט מיך שיקן אויפן פראָנט". זי האָט די ביטע אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אָנגעטאָן דעם פּאַלטן און אַרויס אויף דער גאָרקי־גאַס צום פּאָסט־קעסטל. זי האָט דעם קאָנווערט אַריינגעוואָרפן אין פּאָסט־קעסטל מיט אַ ציטערדיקער האַנט.

נאַטאַשאַ האָט זיך דערמאָנט אין דער אַלטער מאַמען: זי וועט עס נישט איבערהאַלטן; זי האָט פאַרלוירן דעם מאַן, איצט פאַרלאָזט איר די טאָכטער. זי איז געגאַנגען איבער דער גאָרקי־גאַס און געוויינט...

ביי דער שטוב איז איר ווידער אַנטקעגן געקומען דער ווייסער הונט און איר געלעקט די האַנט. זי האָט גערעדט צום הונט: דו ביסט איצט מיין אמתער פריינד, דו פאַרשטייסט מיך... זי איז אַריין אין שטוב. אין קיך איז דער מיטאָג געווען גרייט. די מאַמע, איידער זי איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט אַלץ געהאַט צוגעגרייט.

נאַטאַשאַ איז געווען הונגעריק. זי האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. ווי נאָר זי האָט איינגעביסן דאָס שטיקל שוואַרצע ברויט, האָט זי גענומען אין האַנט דאָס בילד פון אַלעקסאַנדערן. דער הונגער איז פאַרשוווּנדן. זי האָט פאַרענדיקט דאָס עסן און נאָכן אויפרוימען די קיך האָט זי גענומען אַ בוך אין האַנט. אין שטוב איז געווען וואַרעם. די מאַמע האָט געהאַט אויסגעהייצט. נאַטאַשאַ איז געלעגן אויף דער סאָפע און געלייענט דאָס בוך.

אַ קלונג — און נאַטאַשאַ האָט געעפנט די טיר.

— קום אַריין שנעלער, עמיליאַ, ס'איז אַ הינטיש וועטער. ביי מיר אין שטוב איז וואַרעם — די מאַמע מיינע היט אָפּ די שטוב. טו אויס דעם מאַנטל און קום אַריין אין סאַלאָן.

— כ'האָב דיר איבערגעריסן דאָס לייענען. וואָס לייענסטו? — אַך, גערצען. וואָלסט בעסער געלייענט אַנדערע שרייבער.

— עמיליאַ, ווילסט מיך לערנען וואָס איך דאַרף לייענען? איך ווייס עס אַליין. דערווייל האָט די רעוואָלוציע נישט געגעבן אונדז קיין טאָלסטאָי, קיין גערצען און קיין טשערנישעווסקי.

— זי וועט נאָך געבן, וואַרט צו, אַלץ ווילסטו אויף גיך?...

— דו קענסט וואַרטן, איך נישט. די רעוואָלוציע האָט מיר צוגענומען מיין פאָטער און געבראַכט די איצטיקע מלחמה.

— וואָס רעדסטו, נאַטאַשאַ? ווען פרעמדע מענטשן זאָלן דיך הערן, פאַרנעמט מען דיך גלייך אין אַן „אויסבעסערונגס־לאַגער".

— מיר איז אַלץ איינס — דעם פאָטער האָב איך פאַרלוירן, איצט, מיין געליבטן מאַן, אַלעקסאַנדער!

— יאָ, עמיליאַ, איך שוואַנגער פון אים.

— איז שוין דער נייער מענטש, אַלעקסאַנדער, דיין מאַן?

— קענסט זיך מאַכן אַן אַבאָרט, מוזט נישט היינטיקע צייטן האָבן אַ קינד.

— איך וויל אַ קינד פון אים. כ'האָב אים ליב. ער איז אַזאַ גוטער, זעלטן צו טרעפן ביי אונדזערע מענער אַזאַ...

— ווייסט, נאַטאַשאַ, נאָך וואָס כ'בין צו דיר געקומען? כ'וויל דיך מיטנעמען אין מיין געזעלשאַפט היינט אָוונט. וועסט גיין?

— ניין, עמיליאַ! כ'וועל נישט גיין זיך לייגן מיט פרעמדע מענער. איך קאָן זיי נישט פאַרטראָגן.

— זיי נישט קיין נאַנע! וועסט זיך נישט אַפּשליסן אין אַ קלויסטער און זיצן אונטער די דיקע מויערן...

— איך וועל נישט ווערן קיין נאַנע. גיי אַליין און מיך נעם נישט אין אַזאַ געזעלשאַפט.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ מאָדערנע פרוי, וועסט וועלן געניסן פון לעבן, וועסט נישט אָפּשטיין פון אַנדערע. דאָס לעבן איז אַזוי שיין און דו ווילסט וואַרטן אויף אַלעקסאַנדערן.

— אַז מען האָט ליב אַ מאַן, איז דאָס לעבן שענער און בעסער און די פרוי קען אין זיך דערשטיקן אַלע בענקענישן און פאַרלאַנגען...

— אַזוי טראַכסטו, נאַטאַשאַ? — און איך וויל אַזוי נישט טראַכטן. די רעוואָ־לוציע האָט אונדז געגעבן פרייהייט מיטן פולן בעכער...

— פאַר דיר, עמיליאַ, וועל איך אַנטפּלעקן אַ סוד: די רעוואָלוציע מיטן „פולן בעכער פרייהייט" איז אַ גרויסער ליגן. ווו איז מיין פאָטער? די פירער פון דער רעוואָלוציע האָבן אים פאַרניכטעט צוזאַמען מיט דער פרייהייט פון פשוטן מענטש.

— רעד נישט מער אַזוי, נאַטאַשאַ, מען וועט דיך אויך פאַרשיקן...

— כ'בין גרייט צו גיין ווו מען וועט מיך שיקן, נאָר פאַר דער וועלט וועל איך אויסשרייען: „ליגנער! סאַדיסטן! פעלשער פון דער רעוואָלוציע און פון מיינע יוגנט־טרוימען!" דו, עמיליאַ, וועקסט אין מיר געפילן צו אמתער פרייהייט און ווילסט מיך פירן אין דיין... געזעלשאַפט; עס גייט אַן אַ מלחמה פאַרן לעבן פון דענקענדיקן מענטשן; דער היטלעריזם פאַרניכטעט דאָס בעסטע; דיין יידיש פאָלק און אונדזערע רוסישע מענער קומען אום — און דו ביסט פריילעך!

— כ'בין נישט פריילעך... נאָר אַזאַ ווי דו קען איך נישט ווערן. איך גיי,

נאַטאַשאַ, כ'וועל דיר אָנקלינגען. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר צושיקן אַ באַקאַנטן, וועט ער דיך פירן צו אונדז...

— גיי שוין, גיי! לאָז מיך אַליין. אין סאַמע אויפשטייג פון זיין שאַפן, האָט מען מיין פאָטער פאַרשיקט. דו קענסט עס נישט פאַרשטיין און דו וועסט עס קיין מאָל נישט פאַרשטיין.

— איך פאַרגעס זיך נישט מיט קיין פאָליטיק. פאַראַן די פאַרטיי און אירע פירער — זאָלן זיי טראַכטן וועגן אונדז...

— קיינער וועט פאַר דיר נישט טראַכטן, עמיליאַ.

— דיין דענקען, נאַטאַשאַ, איז אָפּגעשטאַנען פון דער רעוואָלוציע און איך בעט דיך ווי אַ חברטע זאָלסט מער פאַר קיינעם אַזוי נישט רעדן...

⁂

מיט יעדן טאָג האָט דער פראָסט געברענט אַלץ שטאַרקער. אויך די שלאַכטן זענען געוואָרן אַלץ פאַרביסענער. נאַטאַשאַ איז געוועזן אומרויִק וועגן גורל פון איר אַלעקסאַנדער. די פרעסע האָט כסדר געבראַכט ידיעות וועגן פאַרויסגאַנג פון דער רויטער אַרמיי. די דייטשן ווערן געשלאָגן ביי מאָסקווע.

אין אַ שיינעם, פראָסטיקן יאַנואַר־טאָג האָט נאַטאַשאַ באַקומען אַ בריוו פון אַלעקסאַנדערן. זי האָט דעם בריוו געלייענט מיט טרערן. ער שרייבט איר, אַז זיין קאָמאַנדיר, לייטענאַנט אַנטאָנאָוו, איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט און מען האָט אים אָפּגעשיקט אין „טיל" (הינטערלאַנד). נאַטאַשאַ האָט מיט ציטערדיקע הענט געלייענט יעדעס וואָרט.

פאַר איר אויפנאַם־צימער האָבן יענעם טאָג געוואַרט אַ סך קראַנקע. קיין מאָל איז נאָך נישט געווען אַזוי פיל קראַנקע. נאַטאַשאַ האָט צוגערופן אַ שוועסטער:

— טאַניאַ, רופט אַריין דעם ערשטן קראַנקן!

ס'איז אַריינגעקומען אַן אַלטער מאַן, אַ נייער פּאַציענט — נאַטאַשאַ זעט אים צום ערשטן מאָל.

— ווי רופט מען איך? — האָט די דאָקטאָרשע געפרעגט. — איך דאַרף מאַכן אַ קאַרטאָטעקע, איר זייט ביי מיר דאָס ערשטע מאָל.

— מיך רופט מען אַנטאָנאָוו.

— וואַרט אַ ווײַלע, זיידע, ווי האָט איר געזאָגט? — איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן.

— האָט איר אַ זון אויפן פראָנט, זיידע?

— איך האָב דריי זין. איינעם, מיין לעצטן זון, האָט מען נעכטן געבראַכט פון מאָסקווער פראָנט אַ שווער־פאַרוווּנדעטן.

— ווו געפינט ער זיך?

— אין שפּיטאָל אויף לענין־גאַס.

נאַטאַשאַ איז געוואָרן בלייך. צו ביסלעך איז זי געקומען צו זיך.

— זיידע, איך וועל באַזוכן אייער זון.

— איך וועל אייך דאַנקען, דאָקטאָר פאַרן באַזוך.

נאַטאַשאַ האָט דעם פרימאָרגן שווער געאַרבעט. אַזויפיל קראַנקע מענטשן...

נאַטאַשאַ האָט יענעם טאָג שוין נישט געגעסן דאָס עסן וואָס די מוטער האָט פאַר איר צוגעגרייט. פאַר אירע אויגן האָט זי געזען איר אַלעקסאַנדערן. זי האָט אַרויסגענומען זיין בריוו, צוגעלייגט אים צו די ליפּן און געקושט. ווידער האָט זי גענומען וויינען. זי האָט גענומען אַ שטיקל ברויט פאַרן הונט וואָס האָט אויף איר געוואַרט אויפן הויף, דערלאַנגט אים דאָס ברויט און שנעל אַוועק אויף דער לעניך־גאַס. איר האַרץ איז געווען פאַרוויינט. וועט זי קענען רעדן מיטן לייטענאַנט אַנטאָנאָוו? וועט ער איר זאָגן דעם אמת וועגן איר אַלעקסאַנדער?

ביים אַריינגאַנג אין שפּיטאָל האָט זי געטראָפן די אויגן־דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין. עמיליאַ האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— ווּ גייסטו, נאַטאַשאַ?

— כ׳גיי באַזוכן דעם לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. מיין אַלעקסאַנדער האָט מיר וועגן אים געשריבן.

— וואַרט־צו, איך גיי מיט דיר. איך זע, דו ביסט היינט שלעכט געשטימט...

עמיליאַ האָט געפירט נאַטאַשאַן ביי דער האַנט גלייך אין צימער צום לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. זי האָט דאָ געאַרבעט יעדן טאָג, געוווסט וועגן אַלע געבראַכטע פון פראָנט.

אַנטאָנאָוו איז געלעגן אויפן בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן. עמיליאַ איז די ערשטע צו אים צוגעגאַנגען:

— אַנטאָנאָוו, האָט זי שטיל גערופן, — אַנטאָנאָוו, אַנטאָנאָוו! צו אייך איז געקומען די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

לייטענאַנט אַנטאָנאָוו האָט געעפנט די אויגן. ער האָט זיך פאַוואָלינקע דערמאָנט, אַז ער האָט געזען די דאָקטאָרין אויפן פערם־וואָקזאַל באַגלייטן אַלעקסאַנדערן. ער האָט איר אָנגעוויזן אַן אָרט אויפן בעט. נאַטאַשאַ האָט זיך צוגעזעצט. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט ביים פּולס.

...שוואַך, שוואַך! — האָט זי געטראַכט. שטיל, קוים מען האָט געקענט הערן, האָט אַנטאָנאָוו איר געזאָגט: „דיין אַלעקסאַנדער איז אַ העלד, דאַרפסט זיין שטאָלץ מיט אַזאַ מאַן...״

נאַטאַשאַס אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט זיי געשטיקט אין זיך, נישט געוואָלט מיט אירע טרערן ווייטאָן דעם פאַרוווּנדעטן לייטענאַנט.

— כ׳האָב אים ליב. איך וועל אים אַ נייעם דור ברענגען...

— אויך ער האָט דיך ליב. ער פלעגט טאָג־טעגלעך קושן דיין בילד. די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט אונדזערע טראַנשייען און אַלעקסאַנדער האָט געעפנט מיטן פייער פון זיינע מינען־וואַרפערס, אויסרופנדיק דערביי: דאָס איז פאַר מיין נאַטאַשאַן!

נאַטאַשאַ האָט שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן. אַנטאָנאָוו האָט גענומען איר האַנט אין זיינער:

— וויין נישט, נאַטאַשאַ, וויין נישט! איצט פאַרנעמט אַלעקסאַנדער זיכער מיין אָרט — ער איז שוין אַ לייטענאַנט. ער איז אַן איידעלער. אַלע האָבן אים ליב.

— כ׳וואָלט געוואָלט ער זאָל קומען צו מיר אַ גאַנצער! מיין האַרץ וועט נישט אויסהאַלטן אויב ער...

עמיליאַ האָט אַ ווונק געטאָן צו נאַטאַשאַן. נאַטאַשאַ האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געגעבן אים אַ קוש אין שטערן.

אַנטאָנאָוו האָט פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן.

ביידע דאָקטאָרשעס האָבן פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל. אויף דער גאַס האָט נאַטאַשאַ געזאָגט: ער איז אַזוי שוואַך; ווי לאַנג איז ווי איך האָב אים געזען אויפן וואָקזאַל פערם־צווי — ער האָט געלאַכט אַ פריילעכער, ער איז מיט די מאָביליזירטע איינגעשטיגן אין באַנוואַגאָן.

— ס׳איז מלחמה, נאַטאַשאַ!

— כ׳ווייס, עמיליאַ. ס׳איז מלחמה. איך וואָלט אַזוי געוואָלט אַז מיין אַלעקסאַנדער זאָל צוריקקומען, מעג זיין אַן אינוואַליד... איך וועל אים באַדינען מיין גאַנץ לעבן, נאָר זאָל ער צוריקקומען, מיין אָרעמער אַלעקסאַנדער.

ביי דער סאָוויעטסקאַיאַ־גאַס איז עמיליאַ שטיינגעבליבן:

—איך מוז שוין גיין. מען וואַרט אויף מיר. אַ גוטע־נאַכט, נאַטאַשאַ! האַלט זיך, אַז נישט — ווערסטו קראַנק ווערן און ווער וועט זיך אויף דיר אומקוקן?

— ס׳איז דיר לייכט צו זאָגן, עמיליאַ, נאָר פאַר מיר איז עס איין גרויסער ווייטיק, די מלחמה. אויב אַלעקסאַנדער וועט פאַלן, וועל איך ליידן אַ גאַנץ לעבן.

— זיי געזונט, נאַטאַשאַ! מאָרגן קום איך צו דיר, רעדן מיט דיין מאַמען, זי זאָל מיט דיר שמועסן.

— וואָס קען מיין מאַמע מיט מיר שמועסן? מיין האַרץ ווערט צעריסן פון ליבע. דאָס שענסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט איז די ליבע. ליבע צעברעכט דעם מענטש, אָבער גלייכצייטיק וואַרעמט זי אים, ווי די זון וואַרעמט די גרינע גרעזלעך, די צווייגן אויף די ביימער, דעם אַלטן זיידן...

עמיליאַ איז אַוועק מיט שנעלע טריט צו איר פריילעכער חברה. נאַטאַשאַ האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

פון טייך קאַמאַ האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט. מענטשן האָבן ווינציק שפּאַצירט. נאַטאַשאַ האָט געקוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל, די גרינע שטערן האָבן קאַלט געגליווערט...

אין שטוב איז געווען ליכטיק, נאַטאַשע איז אַריין מיט שנעלע טריט.

— עס וואַרט אויף דיר אַ גאַסט — האָט די מוטער זי באַגעגנט — קאָמיסאַר באַבושקין.

נאַטאַשאַ האָט די ידיעה אויפגענומען מיט אַ זויערער מינע. זי איז אַריין אין אויפנאַם־צימער.

— אַ גוטן אָוונט, דאָקטאָרשע! כ'האָב אייך געבראַכט אַ גרוס פון אַלעקסאַנ־דערן.

— איך האָב נאָר־וואָס אָפּגענומען אַ גרוס פון אים פון לייטענאַנט אַנטאָנאָוו.

— פון וואַנען האָט איר שוין געוווּסט וועגן לייטענאַנט אַנטאָנאָוו?

— זיין פּאַטער איז ביי מיר היינט געווען אין אַמבולאַטאָריע.

— און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל ביי אייך זיין דער ערשטער, מיט דער ידיעה.

— מיין אַלעקסאַנדער האָט שוין אויפן פראָנט באַקומען דעם גראַד לייטענאַנט!

— כ'ווייס עס. און דו, נאַטאַשאַ, ווילסט אויך גיין אויפן פראָנט?

— יאָ, קאָמיסאַר באַבושקין, איך וויל גיין.

— איך ווייס, אַז דו ווילסט גיין. איך האָב דערהאַלטן דיין „זאַיאַוולעניע״, נאָר איך וועל דיך נישט שיקן.

— דאָס איז אייער זאַך. איך בין יעדן טאָג גרייט צו גיין.

— טו זיך אָן, נאַטאַשאַ, וועסט גיין מיט מיר אין דער אָפּערע.

— איך וועל נישט גיין אין דער אָפּערע מיט אַ פרעמדן מאַן.

— בין איך פאַר דיר אַ פרעמדער?

— איר זייט אַ משפּחה־מענטש. איך האָב אַ מאַן אויפן פראָנט, אויך אַן אָפיציר. איך וועל נישט גיין.

קאָמיסאַר באַבושקין איז אַוועק אַ ברוגזער.

— וואָס איז, טאָכטער מיינע — האָט די מוטער זי געפרעגט אַריינקומענדיק — וואָס האָט דיך אַזוי אויפגערעגט? כ'ווייס אַל'ץ, כ'האָב אַלץ געהערט: ער וויל זאָלסט אים ווערן אַ געליבטע!

— יאָ מאַמע, דו ווייסט גוט, ווי עס פירן זיך אויף די שישקעס, נאָר מיר טאָרן נישט רעדן.

— דיין פּאַפּאַ האָט נישט גערעדט — נו, האָט מען אים נישט צוגענומען פון אונדז?

— היינטיקע נאַכט, מאַמע, האָב איך געהאַט אַ גוטן חלום: דער טאַטע לעבט.

— איך ווייס, טאָכטער, אַז ער לעבט, נאָר פון דאָרט קען מען זיך גאָרנישט דערוויסן. מיר איז פאַרבליבן צו וואַרטן ביז ער וועט זיך פאַר אונדז באַווייזן, ווי אַ מאָל, אומגעריכט...

— מאַמע, איך בין איצט געווען אין שפּיטאָל אויף לעניִן־גאַס ביי לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. כ'האָב אָפּגענומען אַ גרוס פון אַלעקסאַנדערן.

— ווו איז אַלעקסאַנדער, טאָכטער?

— ער איז אויפן מאָסקווער פראָנט און האָט שוין באַקומען אַ גראַד לייטענאַנט.

— בעסער עס זאָל זיין שלום אָן זייער גראַד!

— יאָ מאַמע, שלום איז אַ גוטע זאַך... נאָר מען דאַרף נישט רעדן, ווער ס'איז

שולדיק. אונדזערע וועגט, מאַמע, האָבן אויערן. כ׳האָב מורא מען וועט אונדז נאָך פאַרשיקן.

— אַלץ איינס, טאָכטער, דאָרט זענען אויך דאָ מענטשן.

נאַטאַשאַ איז געלעגן אויפן בעט און נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט געקוקט צו די פענצטער. דער ווינט האָט געקלאַפּט מיט די אַלטע לאָדנס. נאַטאַשאַ האָט געהאַלטן אַלעקסאַנדערס בילד. זי האָט זיך דערמאָנט אין די שטילע ווערטער פון לייטענאַנט אַנטאָנאָוו: „אין טראַנשיי נעמט אַלעקסאַנדער אַרויס דיין בילד און קושט עס...״

זי האָט דאָס בילד צוגעלייגט צום האַרץ און עס צוגעדריקט מיט די הענט. זי האָט געוואָלט פילן זיין באַרירונג, ווי אין יענע גוטע נעכט, ווען אַלעקסאַנדער איז דאָ געבן איר געלעגן און געקושט אירע ליפּן... נאַטאַשאַ האָט געפילט, ווי זיינע שטאַרקע הענט נעמען זי אַרום און אירע בלוטן ציינדן זיך אָן. זי באַהעפט זיך מיט אים. אירע בריסטן פילן ווי איידל אַלעקסאַנדער האָט זיי באַרירט... זי פאַרמאַכט די אויגן, זי וויל שלאָפן און קען נישט. דער ווינט אין דרויסן ווערט שטאַרקער, קלאַפּט מיט די לאָדנס. נאַטאַשאַ דרייט זיך אויס צו דער וואַנט: ביי דער וואַנט איז געשלאָפן אַלעקסאַנדער; סוף כל סוף שלאָפט זי איין אונטער דער מוזיק פון די קלאַפּנדיקע לאָדנס.

אין דער פרי איז נאַטאַשאַ אַרויס פון בעט, זיך אָנגעטאָן און געזעצט צום שרייבטיש ענטפערן אַלעקסאַנדערן אויף זיין בריוו. לאַנג איז זי געזעסן מיט דער פען אין האַנט. די האַנט האָט ביי איר געציטערט — אַ שלעכטן חלום געהאַט... אַלעקסאַנדער איז געפאַלן. ס׳קומט קאָמיסאַר באַבושקין און ברענגט איר אויף אַ קישעלע אַלעקסאַנדערס אַלע מעדאַלן. אין מיט פון קישעלע — אַ גאָלדענער שטערן: „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״! נאַטאַשאַ לייגט אַוועק די פען אויפן טיש, נעמט דעם מאַנטל און ברויט פאַרן הונט און פאַרלאָזט די שטוב. דער ווייסער הונט וואַרט שוין אויפן שטיקל ברויט. שוין פון וווייטנס דרייט ער מיטן עק. באַקומענדיק זיין פּאָרציע ברויט, דאַנקט ער איר אָפּ — ער לעקט נאַטאַשאַס הענט מיט זיין לאַנגער רויטער צונג.

דאָס וועטער, דער שטאַרקער צפון־ווינט, עסט זיך איין אין אירע ביינער. נאַטאַשאַס קערפּער הויבט אָן פרירן. זי פּרוווט גיין שנעל, נאָר דער ווינט איז שטאַרקער. מיטן לעצטן ביסל כוח קומט זי אָן אין אַמבולאַטאָריע. די שוועסטער טאַניאַ וואַרט שוין אויף איר. די וואַרעמקייט אין דער אַמבולאַטאָריע נעמט זי אַרום.

מיט יעדן טאָג קומען אין אַמבולאַטאָריע אַלץ נייע מענטשן. נאַטאַשאַ ווערט באַרימט אין שטאָט אַ דאַנק אירע ריכטיקע דיאַגנאָזן. ווידער קומט צו איר דער אַלטער אַנטאָנאָוו:

— נו, דאָקטאָרשע, געוועזן ביי מיין זון?

— יאָ, זיידע. כ׳בין געווען ביי אייער זון. ער וועט געזונט ווערן און זיין אַ מענטש מיט אַלע גלייך. זאָל אים גאָט העלפן.

— מיין אָרעמער זון, אַליין איז ער געגאַנגען אויפן פראָנט. און דאָ, אין שטאָט, שרייען אַנטיסעמיטן, אַז יידן קעמפן אין טאַשקענט...

— איז אַנטאָנאָוו אַ ייד, זיידע?

— יאָ, דאָקטאָרשע.

— מיין אַלעקסאַנדער איז אויך אַ ייד!

— גוט וועט דיר זיין מיט אים, דאָקטאָרשע, מעגסט עס וויסן.

— כ׳ווייס עס שוין, זיידע! שוין נישט לאַנג און כ׳וועל אים האָבן אַ קינד.

— זאָל דיר גאָט, דער יידישער גאָט, העלפן!

ביים אַלטן אַנטאָנאָוו האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן און ער האָט שטיל געזאָגט: אויב דו וועסט וועלן אַז דיין קינד זאָל זיין אַ ייד, וועל איך עס מאַכן פאַר אַ ייד.

— יאָ, זיידע, אַז איך וועל האָבן אַ זון, וועל איך אים יידישן.

— לאָז, וועל איך דיר דערפאַר אַ קוש טאָן... ער האָט גענומען די האַנט פון דער דאָקטאָרשע און איר אַ קוש געטאָן.

טעג, וואָכן זענען אָפּגעלאָפן, ס׳האָט געפעלט עסן. ביז אַמעריקע האָט געעפנט אירע שפּייכלער און אויפן רוסישן מאַרק האָבן זיך באַוויזן אַמעריקאַנער פּראָדוקטן. ווער ס׳האָט געהאַט רובלס האָט שוין געקענט קויפן אויפן מאַרק פּוטער, פלייש און אַנדערע פּראָדוקטן.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ מאַסלאָווא האָט געזאָרגט פאַר איר איינציקער טאָכטער. דעם מאַנס גאַנצע גאַרדעראָבע האָט זי אויסגעטוישט אויף פּראָדוקטן. זיי האָבן געלעבט מיט האָפענונג אַז פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו וועט זיך צוריקקערן. נאָר אַנדערש איז געווען דער גורל זיינער.

***

אין אַ שיינעם זונטיק־טאָג, ווען דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט, האָט ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָווא באַקומען אַן „אוקאַז״ צו פאַרלאָזן די שטאָט פּערם. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן איבער 35 גראַד. נאַטאַשאַ און די מאַמע, אַנאַ, האָבן געקוקט אויפן פּאָליציי־אוקאַז: „במשך 24 שעה פאַרלאָזן די שטאָט״.

שנעל האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אין ראַיאָן־שטאָט אָכאַנסק, ביים טייך קאַמאַ. גאַנץ פרי האָט אַנאַ מאַסלאָווא באַקומען אויף איר אַרבעטס־פּלאַץ אַ „נאַפּראַוולעניע״ קיין אָכאַנסק. אַ „קאַמיאָן״ פון געזונטהייטס־דינסט איז געקומען זיי פאַרנעמען מיט זייערע זאַכן.

יענעם פרימאָרגן האָט די זון נישט געשיינט. אַ שניי האָט אומאויפהערלעך געשיט און געשיט. מענטשן האָבן געאיילט צו דער אַרבעט.

נאַטאַשאַ האָט געוווּסט אַז נישט קיין אַנדערער ווי קאָמיסאַר באַבושקין האָט זיך עס איר צוגעדינט. אַלץ האָט זי געטנומען פאַר ליב: אין אַכאַנסק לעבן אויך מענטשן און זי מיט דער מוטער וועלן זיך דאָרטן איינאָרדענען. נאָר איין זאָרג האָט זי געהאַט: ווו וועלן אַהינקומען די בריוו פון איר געליבטן אַלעקסאַנדער? וואָס מער די באַקאַנטע און פריינד האָבן זיך פון איר דערווייטערט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן איר גייסט.

נאַטאַשאַ האָט פון פאָרויס געוווּסט אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. מיט איר גאָלדן פאַך, האָט זי מיט אָפענע אויגן געקוקט אויף דער צוקונפט. נאָר אַלעקסאַנדער איז נישט אַרויס פון איר מחשבה. זי האָט אים געליבט מיט האַרץ און נשמה. זי האָט בעסער געוואָלט גיין אויפן פראָנט צו איר אַלעקסאַנדערן איידער צו ווערן קאָמיסאַר באַבושקינס געליבטע.

באַבושקין האָט געמיינט, אַז די דאָקטאָרשע נאַטאַשאַ וועט קומען זיך בעטן ביי אים, ער זאָל אָפּרופן די גזירה פון איר פאַרשיקן. זי איז נישט געגאַנגען צו אים בעטן. זי האָט אויף גיך פאַרפּאַקט די זאַכן און געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן ווייט ווייט פון פערם. זי האָט איינגעפּאַקט דעם אַלטן זייגער. לאַנג איז זי געשטאַנען נעבן אָפענעם קויש מיט אַלעקסאַנדערס בילד אין האַנט און געוויינט. אַ ווייטיק האָט זי געפּרעסט אונטערן האַרץ — וועט אַלעקסאַנדער זיך אומקערן פון שלאַכטפעלד?

דער שאָפער איז געשטאַנען אויף דער גאַס און געוואַרט ביז די דאָקטאָרשע וועט פאַרפּאַקן אירע זאַכן; ער האָט צייט, דער טאָג איז גרויס און דער שניי הערט נישט אויף. די גאַסן אין שטאָט איז שוין נישט מעגלעך דורכצוגיין; און ער, דער שאָפער, טראַכט זיך: ווי וועט זיין דער וועג? ווער וועט אים העלפן, אויב די מאַשין וועט זיך פאַרשניידן אין טיפן שניי?

ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז אַרויסגעקומען צום שאָפער און אים שטיל געזאָגט: אַלץ איז פאַרפּאַקט, מען קאָן שוין פאַרלאָדענען די זאַכן. דער שאָפער, אַ יונג מיט צוויי שטאַרקע הענט, מיט ברייטע פּלייצעס, איז אַריין אין שטוב און אָנגעהויבן אַרויסטראָגן די זאַכן; דעם קויש מיטן זייגער האָבן נאַטאַשאַ מיט דער מאַמען אַליין געטראָגן. דער זייגער איז געווען אַן אָנדענק פון זייער פאָטער און מאַן פּראָפ׳ מאַסלאָוו, און זיי האָבן אים געהיט ווי אַ הייליקייט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט — און אַלע זאַכן זענען געווען אין קאַמיאָן. נאַטאַשאַ און די מאַמע האָבן פאַרנומען פּלאַץ לעבן שאָפער. דער שאָפער האָט זיך אָנגעשטויסן אַז די דאָקטאָרשע ווערט אַרויסגעשיקט, ווייל ער האָט געזען אַרומדרייען זיך אַ מיליציאָנער אַרום דעם הויז...

דער קאַמיאָן האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן אויפן שנייִיקן וועג. זיי זענען פאַרבייגעפאָרן די פאַבריק ווו אַלעקסאַנדער איז געווען צעך-נאַטשאַלניק. נאַטאַשאַ האָט געקוקט אויף די פאַבריקס-מויערן ביז דאָס אויג האָט זיי מער נישט דער-גרייכט. פאַרבייפאָרנדיק דעם בית-עולם האָט זי זיך דערמאָנט וואָס אַלעקסאַנדער

האָט איר דערציילט: יעדן פרימאָרגן פירט מען פון סטאַלינסקי זאַוואָד אַרויס פּולע שליטנס מתים. זיי שטאַרבן פון הונגער.

דער וועג פון מאַלאָטאָוו (פּערם) קיין אָכאַנסק איז געווען ביי אַ הונדערט קילאָמעטער. דער שאָפער, אַ גרויסער — האָט געפירט די מאַשין ווי אַ גוטער שלאַכטמאַן. נאַטאַשאַ אָבער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס אַזאַ יונגער מענטש, אין די דרייסיקער יאָרן, זאָל זיצן אין דער היים און אַנדערע זאָלן פאַר אים לייגן די קעפּ. איר טייערער אַלעקסאַנדער, אַ ייד, און נישט קיין רוסישער, געקומען פון ווייט, איז פרייוויליק אַוועק. ער האָט נישט געוואַרט מען זאָל אים רופן, נאָר אַליין איז ער אַוועק זיך שלאָגן מיטן שונא.

דער שאָפער האָט געפילט נאַטאַשאַס פרעגנדיקע אויגן אויף זיך. ער האָט אַליין אָנגעהויבן רעדן:

— איך זע, דאָקטאָרשע, עס וווּנדערט דיך, הלמאי איך פיר נישט קיין טאַנק אויפן פראָנט? ווען איר ווייסט וויפל לאַגערן און תפיסות כ׳בין שוין דורך, וואָלט איר זיך נישט געוווּנדערט.

— שוין לאַנג, ווי דו ביסט פריי?

— איצט ווערט אַ האַלב יאָר זינט כ׳בין אין דער היים.

— מיין מאַן איז אַליין געגאַנגען — מען האָט אים נישט גערופן.

— אַ קאָמוניסט אַוודאי...

— ניין, נישט קיין קאָמוניסט, נאָר אַ מענטש! איך וועל אויך גיין זיך שלאָגן פאַר אונדזער רוסלאַנד, נישט פאַר די קאָמוניסטן! גענוג שלעכטס האָבן זיי, די קאָמוניסטן אָנגעטאָן. איך וועל זיי געדענקען ווי לאַנג איך וועל לעבן... איך וועל גיין זיך שלאָגן פאַר אַ פריי רוסלאַנד.

דער קאָמיאָן האָט זיך פאַרשניטן אין טיפע שנייען און שטיינגעבליבן. דער שאָפער האָט גענומען אַ לאָפּאַטע, אַראָפּ פון דער מאַשין און גענומען אַוועקשאַרן דעם שניי פון די רעדער. נאַטאַשאַ האָט אויך גענומען אַ לאָפּאַטע העלפן אָפּ־רייניקן דעם וועג. בלויז די אַלטע מאַמע איז געבליבן זיצן אין דער קאַבינע. נאַטאַשאַ האָט געאַרבעט גלייך מיטן שאָפער. דער שניי פון איר לאָפּאַטע איז זיך צעפלויגן מיטן ווינט. זי האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין אַלע גלידער.

— איר זייט אַ כוואַט, דאָקטאָרשע — האָט דער שאָפער געשריגן — איר קענט די אַרבעט אויסגעצייכנט. איך וואָלט מיט אייך צום נאָרד־פּאָל געפאָרן! גוט איז צו זיין אַ גראַמאָטנער מענטש! מיך האָט די סאָוויעטישע מאַכט פאַר־שפּאַרט אין תפיסות, אין לאַגערן, און היינט איז שוין שפּעט צו לערנען. איך וועל גיין אויפן פראָנט. דאָרט וועל איך באַווייזן מיין העלדישקייט, נאָר פאַר אַ פריי רוסלאַנד!...

די רעדער זענען אָפּגערייניקט געוואָרן פון שניי. ווייטער איז דער קאָמיאָן אַוועק אויף זיין וועג צו דער שטאָט אָכאַנסק.

דער שניי האָט אויפגעהערט. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט. זונשטראַלן

האָבן זיך געשפּיגלט אויפן שנייִקן וועג און געבלענדט די אויגן פון שאָפער.

צום מיטאָג איז נאַטאַשאַ מיט דער מוטער אָנגעקומען קיין אָכאַנסק. דער קאַמיאָן איז שטיינגעבליבן ביי דער אַמבולאַטאָריע.

נאַטאַשאַ מאַסלאָווא איז אַריין צום דירעקטאָר וועגן אַ דירה.

— דער דירעקטאָר איז נישטאָ, ער איז אַוועק אויף יאַגד — האָט איר די שוועסטער געענטפערט.

— טאָ אפשר ווייסט איר ווו קאָן מען באַקומען אַ דירה?

— וואַרט, ווער זייט איר? לאָמיך וויסן מיט וועמען איך רעד?

— איך בין ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָווא.

— כ׳האָב געהערט פון אייך. איר זייט אַ גרויסער דאָקטאָר. וואָס דאַרפט איר, זאָגט מיר!

— כ׳בין געשיקט געוואָרן אַהער אויף אַרבעט. איך דאַרף אַ דירה.

— וואַרט, איך האָב פאַר אייך אַ דירה. מיינט נישט, אַז דער דירעקטאָר האָט אַ דירה פאַר אייך. נישטאָ ביי אונדז קיין דירות. קומט שנעל מיט מיר איך וועל אייך שאַפן אַ דירה. נישט ווייט וווינען צוויי שוועסטער אין אַ שיין הויז, זיי וועלן אייך אָפּגעבן אַ צימער. איין שוועסטער איז אַ לערערין און איינע איז קראַנק. יעדן טאָג גייט זי אין דער אַמבולאַטאָריע...

די לערערקע איז געווען אין שטוב. דערהערנדיק דעם קאַמיאָן ביי איר הויז, איז זי אַרויס פון שטוב און זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאַטאַשאַ מאַסלאָווא. די שוועסטער איז צו צו דער לערערין:

— ליזאַ, כ׳האָב דיר געבראַכט אַ קוואַרטיראַנט. זייט באַקאַנט: דאָס איז ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָווא.

— קומט אַריין אין שטוב!

ליזאַ האָט געעפנט די טיר. ס׳האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ וואַרעמקייט.

— איר זעט, דאָקטאָר, מיין דירה? עס וועט זיין פּלאַץ פאַר אייך. שפּעטער וועט איר זיך קענען אַליין אויסבויען אַ הויז.

— ביי דעם האַלט עס נאָך נישט, איך זאָל מיר אַליין בויען אַ הויז...

— איין צימער, דאָס גרויסע, קאָן איך אייך פאַרדינגען.

— גוט, איך נעם דאָס צימער. קען איך שוין אַריינגעמען די מאַמע מיט די זאַכן?

— יאָ, איר קענט זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים.

נאַטאַשאַ האָט אַ טראַכט געטאָן: ווו איז היינט מיין היים? כ׳האָב קיין היים נישט. ווי אַ הונט ווער איך געטריבן איבערן פראָסט און שטורעם!

אַנאַ מאַסלאָווא איז אַראָפּ פון קאַמיאָן און איז אַריין אין דער וואַרעמער דירה. דער שאָפער מיט נאַטאַשאַ האָבן אַראָפּגענומען די זאַכן. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און דער קאַמיאָן איז געווען פריי. נאַטאַשאַ האָט אַרויסגענומען אַ רויטן

„דרייסיקער״ און דערלאַנגט דעם שאָפער און אים געדאַנקט. אויך דער שאָפער האָט געדאַנקט דער דאָקטאָרשע און אָפּגעפאָרן.

***

טאַמאַראַ, די שוועסטער האָט גערייניקט און געלופטערט דאָס צימער, געוואַשן דעם פּאָל און געהאָלפן אויפהענגען דעם וואַנטזייגער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס גרויסע צימער איז געווען אויפגעראַמט. טאַמאַראַ האָט געבראַכט אַ צענדליק אייער און אַ טאָפּ וואַרעמע מילך פון אויוון־אַרויס. זי האָט די מילך מיט די אייער אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און געבעטן נאַטאַשאַן מיט דער מאַמען צו גיין עסן.

— דו וועסט מיר זיין אַ שוועסטער, — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט צו טאַמאַראַן. ביסט אַזאַ גוטע. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי איך וועל דיר אָפּדאַנקען.

— כ׳בין אַ רוסישע. מיין פאָטער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער. די צאַרישע מאַכט האָט אים דאָ אַהער פאַרשיקט. איז מיר פון מיין פאָטער געבליבן מיין גוט האַרץ.

— יאָ, טאַמאַראַ, פון מיין פאָטער איז מיר אויך געבליבן בלויז גוטס: די מעדיצין. מיין פאָטער, מעדיצין־פּראָפעסאָר פאַוועל מאַסלאָוו, האָט אין מיר איינגעפלאַנצט ליבע צו דער ערד. כ׳האָב אַ סך געלייענט, נאָך היינט לייען איך אַ סך.

— מיין מאַן איז דער שרייבער לאַסקאָוו. האָט איר געהערט פון אים? ער האָט מיטגעאַרבעט אין די בלעטער.

— לאַסקאָוו? כ׳האָב געהערט פון אים ווו איז ער היינט?

— פרעגט נישט, דאָקטאָר. ער איז אויפן לענינגראַדער פראָנט.

— האָט איר בריוו פון אים?

— ניין, איך האָב שוין לאַנג נישט קיין בריוו פון אים.

— מיין מאַן, אַלעקסאַנדער, איז אויך אויפן פראָנט, אויפן מאָסקווער. איך האָב באַקומען פון אים אַ בריוו.

— גוט איז אייך, אַז איר האָט אַ בריוו. איך שלאָף נישט קיין נעכט און קלער וועגן אים...

— ס׳איז מלחמה, טאַמאַראַ.

— יאָ, דאָקטאָר, ס׳איז מלחמה! און ווי שווער זי האָט אונדז געטראָפן! אין געציילטע טעג האָבן די דייטשן פאַרנומען הונדערטער קילאָמעטער פון אונדזער ערד. און אַלץ איז שולדיק די מאַכט.

— רעד נישט, טאַמאַראַ!

— וואָס האָב איך מורא — מען וועט מיך נישט פאַרשיקן. כ׳בין סיי ווי אָפּגעריסן פון דער וועלט! וואָס קען שוין זיין ערגער?

— זענען דאָ, אין דער קליינער שטאָט, אויך פאַראַן אומצופרידענע?

— ווו זענען דאָ צופרידענע? מען האָט דעם דייטש אַריינגעלאָזט ביז דער וואָלגע, ביז צו די קאַווקאַזער בערג, ביז לענינגראַד, וואָראָניעזש!

— דו, טאַמאַראַ, פאַרשטייסט אַ סך.

— וואָס איז דאָ שווער צו פאַרשטיין?

— די רעוואָלוציע האָט אונדז גאָרנישט געגעבן! מיין פאָטער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער. נישט פאַר אַזאַ רוסלאַנד האָט ער געקעמפט!

ס'איז אַריינגעקומען די לערערין ליזאַ. טאַמאַראַ און נאַטאַשאַ האָבן אויפֿגעהערט רעדן און די מאַמע האָט גערופן צום טיש מיט פרישע אייער און וואַרעמע מילך. נאַטאַשאַ האָט איצט דערפילט הונגער. אַ גאַנצן טאָג האָט זי נישט געהאַט געגעסן.

טאַמאַראַ און ליזאַ האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער. נאַטאַשאַ מיט דער מאַמען זענען געבליבן אַליין. שטיל האָט אַנאַ געזאָגט:

— זעסט, טאָכטער, גאָט אַליין פירט אונדז. אומעטום זענען דאָ מענטשן. לאָמיר האָפן אַז דאָ, אין דער קליינער שטאָט, אַכאַנסק, וועט מען האָבן רו, און מיר וועלן זיין זאַט.

— יאָ, מאַמע, מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף גוטע מענטשן.

— גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן, טאָכטער, דער טאַטע וועט אויך צו אונדז קומען און דיין אַלעקסאַנדער וועט זיך אומקערן געזונט צו דיר.

נאָכן עסן האָט נאַטאַשאַ זיך געזעצט צום טיש שרייבן אַ בריוו אַלעקסאַנדערן. זי האָט געוואָלט אַז ער זאָל וואָס שנעלער וויסן פון איר ניי וווינאָרט. די מאַמע האָט ריכטיק אָנגעשטעלט דעם זייגער, וואָס דערמאָנט איר תמיד אין איר מאַן, דעם פראָפ' מאַסלאָוו. נאָכן אָנשרייבן דעם בריוו, איז נאַטאַשאַ אַוועק אויף דער פּאָסט אים באַלייגן. איר האַרץ האָט איר נישט געזאָגט קיין גוטעס: ווער ווייס צי ער לעבט — האָט אַ מחשבה אָנגעהויבן טאָטשען איר מוח. דער געדאַנק האָט זי נישט אָפּגעלאָזט.

דער פּאָסט־אַמט איז שוין געווען געשלאָסן. זי האָט געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן מאַרק. דאָס איז דאָך געווען דאָס איינציקע אָרט ווו מ'האָט געקאָנט שפּאַצירן, ווייל דער שניי איז געליגן צעטראָטן פון מענטשלעכע פיס.

אויפן מאַרק איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. קיין איין מענטש האָט נישט שפּאַצירט. פון דער בעקעריי וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון מאַרק, האָבן זיך געטראָגן רויך־וואָלקנס גלייך צום הימל.

אין אַ זייטיק געסל האָט געאַרבעט אַ נייע פאַבריק. דאָס רוישן פון די מאַשינען האָט זיך געהערט אויפן מאַרק.

פונקט פיר אַזייגער נאָך מיטאָג האָט די ערשטע „סמיענע" געענדיקט די אַרבעט. פרויען און מיידלעך האָבן געאיילט אין זייערע היימען. נאַטאַשאַן איז געוואָרן היימלעכער. זי האָט געפילט אַז זי געפינט זיך נישט אין קיין וואַלד. דער וואַלד איז טאַקע נישט ווייט, נאָר די געגנט נעענטער צום טייך קאַמאַ איז

אַ באַווינטע. דער שווערער געדאַנק וועגן אַלעקסאַנדערן האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. נאַטאַשאַ איז צוריק אַהיים אין איר נייער דירה.

ווי נאָר זי איז אַריין צו זיך אין צימער, האָט איר די מוטער געזאָגט אַ סוד אויפֿן אויער: — מיר וועלן שנעל מוזן טוישן די דירה. די שוועסטער פֿון דער לערערין ליזאַ איז שווער קראַנק. זי הוסט שטאַרק. ביי איר מוז שוין זיין אַן אָפֿענער טובערקלאָז און פֿאַר דיר, נאַטאַשאַ, איז דאָס נישט גוט. דו ביסט יונג, קאָנסט זיך אָנשטעקן.

— יאָ, מאַמע, ביסט גערעכט. מאָרגן וועל איך זוכן אַ נייע דירה. איך וועל דאָ נישט בלייבן. לאָמיר צוערשט אַרויסגיין אויף אַרבעט, אפֿשר וועל איך געפֿינען חן ביים דירעקטאָר, וועט ער מיר אויסזוכן אַ דירה.

— כ׳בעט דיך, נאַטאַשאַ, האַלט זיך פֿון דער ווייטנס פֿונעם דירעקטאָר. ער קאָן דיך אָנהויבן פֿאַרפֿאָלגן מיט זיין ליבע, ווי באַבושקין...

— יאָ, איך וועל מאָרגן רעדן מיט דער שוועסטער טאַמאַראַ. זי וועט מיר געפֿינען אַן אַנדער דירה. דאָ, מאַמע, וועלן מיר נישט בלייבן. זיי נישט באַזאָרגט, מיר וועלן זיך איינלעבן.

— אַך, טאָכטער מיינע! ווען איך בין מיט דיין טאַטן געלאָפֿן אויף די באַריקאַדן, געשלאָגן זיך מיט די קאָזאַקן פֿאַר דער רעוואָלוציע, האָב איך נישט געקענט פֿאָרויסזען, אַז די רעוואָלוציע וועט אַוועקהרגענען די בעסטע קינדער אירע! היינט בין איך שוין אַלט, כ׳בין פֿאַר דער צייט גרוי געוואָרן. און מער ווי ליידן האָט אונדז די רעוואָלוציע נישט געגעבן. דאָס יאָר 1917 וועל איך מיטנעמען אין קבר.

— מאַמע, רעד נישט אַזוי. עס וועט פֿאַר אונדז נאָך קומען דער פֿרילינג. אַלעקסאַנדער וועט אונדז פֿירן אויף גוטע וועגן. מיר וועלן לעבן אין אַ ליכטיקער וועלט, וווּ דער מענטש איז אַ מענטש! זעסט, מאַמע, דאָ האָבן מיר אויך געטראָפֿן גוטע מענטשן. די „אובאָרשטשיצע״ איז אַ טייערע פֿרוי. זי וועט אונדז העלפֿן די ערשטע צייט. מאַמע, כ׳האָב טאַמאַרען אַ קוש געטאָן פֿאַר איר מענטשלעכקייט! ווו וואָלטן מיר זיך אַהינגעטאָן אויפֿן פֿראָסט? דערווייל זענען מיר אונטער אַ דאַך.

— טאָכטער מיינע, דאָס איז נישט קיין דאַך, ס׳איז אַ קבר!

— מיר דאַכט זיך מאַמע, אַז דאָ, אין דער שטאָט אָכאַנסק, איז דאָ אַ סך טובערקולאָז־קראַנקע.

כ׳האָב אויך געהערט, טאָכטער! מיר האָבן דאָ אַהער נישט באַדאַרפֿט פֿאָרן. אפֿשר אין אַ צווייטער שטאָט!

— מאַמע, אומעטום איז דאָס זעלבע. די ראַטנמאַכט האָט נישט געקענט שאַפֿן פֿאַר די מענטשן קיין שפּייז, ווייל זי האָט ליקווידירט דאָס פּויערטום. און ווער שאַפֿט ברויט, מילך, פֿלייש, אַז נישט דער פּויער.

— דאָס איז עס, טאָכטער! און מיר, דאָקטוירים, קענען גאָר נישט העלפֿן. דער זייגער האָט געשלאָגן זיבן. אַ קליין לעמפּל האָט באַלויכטן דאָס צימער.

נאַטאַשאַ האָט גענומען אַ בוך צום לייענען. די מאַמע, אַ מידע פון דער רייזע, האָט זיך געלייגט שלאָפן.

נאַטאַשאַ איז געזעסן ביים אָפענעם בוך, נאָר לייענען האָט זי נישט געקענט. ס׳האָט איר געמאַטערט דער געדאַנק וועגן אָפענעם טובערקאָלאָז פון ליזאַס שוועסטער — צו וואָס איז זי אַריין צו אַ קראַנקער? — מאָרגן, שוין מאָרגן, וועט זי פון דאַנען אַוועק. זי וועט דאָ מער ווי איין טאָג נישט בלייבן. אויב זי וועט נישט באַקומען צום דינגען אַ דירה, וועט זי בעטן ביי דער גוטער טאַמאַראַ זי זאָל איר אַריינגעמען צו זיך אין הויז. זי איז אַ גוטע, טאַמאַראַ, איר פאָטער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער און אַ גוטער מענטש ווי איר, נאַטאַשאַס פאָטער, פּראָפ׳ מאַסלאָוו. נאַטאַשאַ וויל לייענען, נאָר ז׳י געדאַנקען זענען ביי איר ערגעץ אַנדערש, ביי אַלעקסאַנדערן. זי נעמט אַרויס זיין בילד און קוקט אויף דעם אַזוי לאַנג, ביז די אויגן ווערן איר פאַרלאָפן מיט טרערן. זי לייגט עס צו צו די ליפּן און קושט עס. זי נעמט ציילן די חדשים — שוין דער פינפטער חודש... זי וועט זומער ברענגען אַ נייעם דור אויף דער וועלט. דער פאָטער זאָל נאָר אַהיימקומען!

נאַטאַשאַ וויינט. איר גורל איז אַ שווערער. דעם מאַן האָט די ראַטנמאַכט צוגענומען; אַלעקסאַנדער איז פּרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט. אַזאַ איז איר גורל, זי קאָן אים נישט ענדערן. זי וועט נישט גיין אויף די וועגן פון עמיליאַ לעווין. ניין, זי וועט אויף אַזאַ וועג נישט גיין... בעסער ליידן, געטריבן ווערן פון שטאָט צו שטאָט, נאָר נישט אַראָפּלאָזן זיך צום אָפּגרונט. זי פאַרמאַכט דאָס בוך און לייגט זיך שלאָפן.

די קראַנקע שוועסטער פון דער לערערין ליזאַ האָט געהוסט אָן אַן אויפהער. שפּעט, גאָר שפּעט, נאָך האַלבע נאַכט איז נאַטאַשאַ איינגעשלאָפן. זיבן אין דער פרי, ווען נאַטאַשאַ האָט געעפנט די אויגן, האָט די קראַנקע נאָך אַלץ געהוסט. — ניין, זי וועט דאָ נישט בלייבן. זי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן. דער ערשטער שריט איר׳ער איז געווען אויפן וועג צו דער שוועסטער טאַמאַראַ.

טאַמאַראַ איז געשטאַנען פאַרן הויז און פאַרקערט דעם שניי, וואָס דער ווינט האָט אָנגעטראָגן ביי נאַכט. ווי נאָר זי האָט דערזען די דאָקטאָרשע, נאַטאַשאַ מאַסלאָווא, האָט זי אַוועקגעלייגט דעם לאַנגן בעזעם און איר אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ גוטמאָרגן.

— דאָקטאָר, ווי איז זיך געשלאָפן אויף דער נייער דירה?

— נישט גוט!

— וואָס איז געשען?

— איר ווייסט, טאַמאַראַ, איך טאָר דאָרט נישט וווינען. איר שוועסטער האָט אַן אָפענעם טובערקולאָז.

— כ׳ווייס, נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן? לאָזן אייך שטיין אויפן פראָסט מיט די זאַכן איר זאָלט פרירן?

— טייערע, לאָמיר גיין זוכן אַ דירה!

— וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל זיך דערמאָנען... קומט, נאַטאַשאַ, שנעלער!

קען זיין, זי וועט אייך אַריינלאָזן. אויב יאָ, וועלן שוין אונדזערע מענער אהיימ־קומען...

אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ האָט זיך געגרייט צו גיין צו דער אַרבעט אין דער נייער פאַבריק. הערנדיק אַ קלאַפּ אין טיר איז זי צוגעגאַנגען און געעפנט.

— קומט אַריין, ס׳איז אַזוי קאַלט היינט. אַ שווערער ווינטער ביי אונדז.

— אַנאַסטאַסיאַ, כ׳האָב דיר געבערענגט אַ גאַסט, זיי באַקאַנט, אַנאַסטאַסיאַ: דאָס איז אונדזער נייע דאָקטאָרשע, נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ.

נאַטאַשאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. אויף אַנאַסטאַסיאַס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ זיס שמייכעלע. זי האָט געדריקט די האַנט פון דער דאָקטאָרשע.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— איך וויל ביי אייך דינגען אַ צימער.

— כ׳בין אייך גרייט אָפּצוגעבן אַ צימער, נאָר מיינע עלטערן זענען היינט אין פּערם. זיי וועלן קומען, וועל איך מיט זיי רעדן.

טאַמאַראַ האָט אַ ווונק געטאָן צו אַנאַסטאַסיאַ.

— נו, זאָל זיין! כ׳קען אַליין באַשליסן. איך גיב אייך אָפּ אַ צימער, דאָקטאָר, איר זייט אַליין, מיט קינדער?

— ניין, נאָר מיט דער מוטער.

— גוט, נאָט אייך די שליסלען פון שטוב. איך מוז שוין גיין צו דער אַרבעט און איר קענט אייך שוין אַריינציִען, איידער מיינע עלטערן קומען. אָפּגעטאָן, איז אָפּגעטאָן. מיין פאָטער איז אַן איידעלער מענטש. די מאַמע מיינע איז אַ ביסל נערוועיש, נאָר מען לעבט זיך דורך. איך האָב אַ יִינגעלע פון פיר יאָר און מיין מאַן איז אויפן לענינגראַדער פראָנט.

— אַלע מענער זענען אויפן פראָנט — האָט געזאָגט טאַמאַראַ. איצט, דאָקטאָר, וועל איך אייך העלפן איבערפירן די זאַכן אויף מיין שליטעלע.

אַ צופרידענע, איז נאַטאַשאַ אַוועק איבערפירן די זאַכן. — ס׳איז דאָ אַ גאָט, ער פאַרלאָזט מיך נישט — האָט זי געערעדט ווי צו זיך אַליין.

אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט נישט געוווסט וואָס איבערצוקלערן. וווהין איז נאַטאַשאַ אַוועק אַזוי פרי? בעת זי האָט זי געזען צוריקקומען, האָט זי זיך מיט איר דערפרייט.

— מאַמע — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט אַן אויפגעהייטערטע — מיר דאַרפן ווידער פאַרפּאַקן די זאַכן; כ׳האָב געפינען אַ נייע דירה.

— גוט האָסטו געטאָן, טאָכטער!

— מאַמע, מיר טאָרן דאָ נישט זיין. פּאַק שנעל איין די זאַכן און איך וועל נעמען דעם זייגער.

— נעם אים, טאָכטער, דעם זייגער. אַז איך הער אים קלינגען, מיין איך, אַז דער טאַטע קומט.

— דער טאַטע וועט קומען.

— די ראַטנמאַכט וועט אונדז פון אויג נישט אַרויסלאָזן. דו ביסט יונג,

דו וועסט נאָך דערלעבן די פרייהייט, אָבער איך, איך וועל שוין אַזוי אויסלעבן מיינע יאָרן און וואַנדערן יעדעס מאָל אויף אַ פרישן אָרט.

טאַמאַראַ איז געקומען מיטן שליטעלע. נאַטאַשאַ מיט דער מאַמען האָבן אַוועקגעלייגט אויפן שליטעלע זייער אָרעמען באַגאַזש, דעם זייגער האָט נאַטאַשאַ געטראָגן, ווי מען טראָגט אַ ניי־געבוירן קינד.

אַנאַסטאַסיאַ איז געשטאַנען ביי דער טיר און געוואָרט אויפן אָנקום פון אירע נייע קוואַרטיראַנטן. זי איז געווען צופרידן: אַ דאָקטאָרין וועט ביי איר וווינען! און אַ שיינע דאָקטאָרין! טאַמער מאַכט זיך עפּעס ביי איר, וועט איר די דאָקטאָרין העלפן.

ווי נאָר אַנאַסטאַסיאַ האָט דערהערט טריט, האָט זי ברייט צעעפנט די טיר, ווי עס וואָלט געווען פרילינג אין דרויסן. די ערשטע איז אין דער דירה אַריין נאַטאַשאַ מיטן זייגער. דער־זעענדיק די דאָקטאָרין מיטן זייגער, האָט אַנאַסטאַסיאַ זיך צעלאַכט. נאַטאַשאַ האָט פאַרשטאַנען איר געלעכטער און שטיל געזאָגט:

— העלף מיר אַנאַסטאַסיאַ אָפּרייניקן די וואַנט וועל איך אויפהענגען דעם זייגער.

— איך זע, דאָקטאָר, לויטן באַנעמען זיך מיט אים, אַז דער זייגער האָט מיט אייך אַ משפּחה־פאַרבינדונג.

— יאָ, מיין ליבע. דער זייגער איז פון פאָטער און דערמאָנט מיר מיין יוגנט און פונקט ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף איז מיין פאָטער אַוועק פון שטוב און מער זיך נישט צוריקגעקערט.

— זאָלסט דאָס נישט זאָגן ווען מיין פאָטער וועט זיין אין שטוב — ער איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד.

— טאַמאַראַ לאַסקאָוואַ האָט עס מיר געזאָגט. דיין פאָטער איז אַ פּאַרטיינער. נאָר איך פאַרנעם זיך בלויז מיט היילן מענטשן. די מעדיצין גיט מיר פרייד, ווען איך קען העלפן קראַנקע. און היינט זענען פאַראַן אַזוי פיל קראַנקע.

— ביי אונדז אין אָכאַנסק זענען אויך דאָ אַ סך אומגליקלעכע מענטשן. טובערקולאָז! די שוועסטער פון דער לערערין ליזאַ איז שוין אומהיילבאַר.

— איך בעט דיך, לאָז מיך איצט איינאָרדענען דאָס צימער. ס'איז מיר געבליבן נאָך איין שעה צייט. כ'מוז צוגיין צום דירעקטאָר, ד"ר פּעטראָוו, וועגן באַשטימען מיר די שעהען פון מיין אַרבעט. און דו, אַנאַסטאַסיאַ, פאַר וואָס ביסטו נישט אַרויס צו דער אַרבעט?

— איך גיי צו דער צווייטער „סמיענע". מיין נאַטשאַלניק וועט מיך נישט באַשטראָפן. ער ליגט ביי מיינע פיס.

— דו ביסט אַ שיינע, אַנאַסטאַסיאַ. יעדער מאַן קאָן ליגן ביי דיינע פיס.

— זאָג עס נישט, דאָקטאָר, נישט יעדער מאַן! איך האָב געליבט אַ מאַן און ער האָט מיין ליבע פאַרשוויגן. אויף מיינע קושן, האָט ער זיין מויל פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער.

— דאָס איז, אַנאַסטאַסיאַ, דער ריכטיקער מאַן. וווּ איז ער היינט?

— אויפן פראָנט. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, נאָר אין מיין

ערשטן מאַן קען איך נישט פאַרגעסן. כ׳האָב זיך אים איבערגעגעבן פרייוויליק. ער איז אַוועק אויף דער פינלענדישער מלחמה. איך ווייס נישט, צי ער לעבט. ער האָט מיר נישט געשריבן. איך בענק נאָך אים.

— און דאָ ליגן ביי דיינע פיס אַלע מענער.

— יאָ, דאָקטאָר. ס׳איז אַ קאָמעדיע: פון דירעקטאָר ביז צום מעכאַניקער — אַלע ווילן מיך גלעטן.

— און דו מיט וואָס ענטפערסטו?

— איך בין גוט צו אַלע.

— דאָס איז נישט דער ריכטיקער וועג פאַר אַ פרוי...

— איך וויל נישט טראַכטן, איך וויל לעבן, געניסן פון לעבן, נישט וואַרטן ביז די מאַכט וועט מיר צוטיילן אַ שטיק פון גן־עדן. מיין פאָטער איז אַ פאַרטיי־מיטגליד...

— און דו, אַנאַסטאַסיאַ, פאַסט זיך נישט אַריין אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט.

— איך וויל עס נישט. איך זע, ווי די פירנדיקע קאַדרען פירן זיך אויף. זיי טראַכטן נאָר וועגן זיך — פאַר וואָס דאַרף איך טראַכטן פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט?... לאָז, דאָקטאָר, איך וועל דיר העלפן אויפהענגען דעם זייגער. ער איז טאַקע אַן אַנטיק.

— דו ווייסט ווער עס איז געווען מיין פאָטער? מעדיצין־פּראָפעסאָר פאַוועל מאַסלאָוו. ער האָט דעם זייגער געקויפט פאַר דער שטוב.

— איך פריי מיך, דאָקטאָר, מיט דיר. עס וועט מיר זיין פריילעכער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. ווייז מיר אַ בילד פון דיין פאָטער.

— דאָס איז מיין פאָטער.

— כ׳זע אַז די מאַכט ליקווידירט די בעסטע מענטשן...

— כ׳בעט דיך נאַסטיאַ, לאָמיר איצט נישט רעדן — ווענט האָבן אויערן... און איך מוז שוין גיין צו מיין דירעקטאָר. אַז ער וועט מיך נישט זען, וועט ער זיין בייז.

דאָס איינאָרדענען דאָס צימער האָט זיך פאַרענדיקט. נאַטאַשאַ איז מיט שנעלע טריט אַוועק אין דער אַמבולאַטאָריע צום דירעקטאָר, ד״ר פעטראָוו.

אויף נאַטאַשאַס גוטמאָרגן, האָט דאָקטאָר פעטראָוו געענטפערט קאַלט:

— דאָקטאָרין, איך וואַרט שוין לאַנג אויף אייך.

— כ׳האָב געמוזט זען אַ דירה.

— נו, האָסט באַקומען אַ וווינונג?

— יאָ.

— איך וויל אייך בעטן, דאָקטאָר מאַסלאָוואַ: איר ווייסט, ביי אונדז אין אָכאַנסק איז דאָ אַ סך אַרבעט. איר וועט דאַרפן שווייגן, פאַרמאַכן ס׳מויל אויף זיבן שלעסער.

— וואָס רעדט איר, דאָקטאָר פעטראָוו?

— איך ווייס וואָס איך רעד. כ׳האָב אַ בריוו פון פּערם וועגן אייך. איך בעט אייך — פאַרנעמט זיך דאָ בלויז מיט מעדיצין. מיר דאַרפן טראָגן הילף קראַנקע מענטשן — דאָס איז אונדזער וויכטיקסטע פליכט.

— איך האָב זיך קיין מאָל נישט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטיק. און די וואָס האָבן געשריבן דעם בריוו זענען ליגנערס, אויסוואורפן פון דער געזעלשאַפט.

— ווייסט איר עפּעס פון אייער פאָטער?

— ניין, איך ווייס נישט. ווען איך ווייס דעם גורל פון מיין פאָטער — —

— כ׳האָב גוט געקענט אייער פאָטער, פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו. אין מאָסקווע, פלעג איך קומען אויף זיינע מעדיצינישע לעקציעס. איך קאָן נישט פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַ וועג ער איז אַוועק.

— מיין פאָטער איז אומשולדיק.

— ווען אייער פאָטער וואָלט געווען אומשולדיק, וואָלט אים די נקוו״ד נישט פאַרשיקט אין אַ צוואַנגסלאַגער.

— דאָקטאָר פּעטראָוו, איך וועל זיבן מאָל שווערן פאַר מיין פאָטערס אומשולד.

— איך בעט אייך, איר זאָלט דאָ גאָרנישט רעדן. איצט גייט אַהיים, רוט זיך אויס און פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג וועט איר זיך שטעלן צו דער אַרבעט. זאָל אויך אייער מוטער קומען — איך וועל זי באַשטימען אויף אַרבעט.

— איך דאַנק אייך, דאָקטאָר פּעטראָוו.

נאַטאַשאַ איז אַרויס פון דירעקטאָר אַ צופרידענע. ער הייסט שוויגן...

די מוטער האָט פאַרענדיקט מיטן אויפרוימען דאָס צימער. ווען זי האָט דערזען נאַטאַשאַן צוריקקומען, האָט איר געזיכט אויפגעשיינט.

— גוטע נייעס, נאַטאַשאַ?

— יאָ, מאַמע. דאָקטאָר פּעטראָוו וויל אויך דיך נעמען אויף אַרבעט — גיי שוין אַהין, מאַמע. ער זעט אויס צו זיין אַן אָנשטענדיקער מענטש — ער האָט געקענט דעם פאָטער, געקומען אין מאָסקווע אויף זיינע לעקציעס.

— כ׳האָב געהאַט די נאַכט אַ גוטן חלום: אונדזער פאָטער לעבט, ער וועט צו אונדז צוריקקומען.

— דיר מאַמע איז גוט, דו לעבסט מיט האָפענונג. און איצט גיי צו צום דירעקטאָר פּעטראָוו. רעד נישט קיין סך — ער האָט עס נישט גערן.

— איך גיי שוין, טאָכטער. אין קיך האָסטו מילך. גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אַ גוטע דירה, זע, די זון שיינט אַריין דורך אַלע פענצטער.

— מאַמע, אַלעקסאַנדער וועט אויך צוריקקומען?

— יאָ, טאָכטער, ער וועט קומען צו דיר!

***

אַנאַסטאַסיאַ איז געקומען מיטן יונגעלע פון שפּאַציר. אירע באַקן האָבן געפלאַמט פון פראָסט. דערזעענדיק נאַטאַשאַן, איז זי צוגעקומען צו איר און זי אַרומגענומען.

— לאָז מיך אָפּ, אַנאַסטאַסיאַ, דו וועסט מיך צעדריקן.

— כ׳האָב דיך ליב, דאָקטאָר. ביסט אַ שיינע. מענער ווערן מיר פאַרמיאוסט, די בעסטע זענען אויפן פראָנט.

— אַנאַסטאַסיאַ, איך דאַרף זיך צוגרייטן צו גיין צו דער אַרבעט.

— אויך איך דאַרף זיך צוגרייטן צו גיין צו דער אַרבעט. מיין בוכהאַלטער וועט מיך נישט זען, וועט ער זיין אייפערזיכטיק.

— ער האָט דיך ליב?

— ער ליגט ביי מיינע פיס ווי אַ יונג הינדעלע ביי דער קוואָקע.

— האָסט אַ שיין יינגעלע.

— דאָס איז פון מיין געליבטן וואָס איך האָב דיר דערציילט. ער איז געווען אַ שיינער מאַן.

— איך זע אין קינד.

— דערפאַר טאַקע קען איך אין אים נישט פאַרגעסן. אפשר וועט ער קומען צו זיין זון.

— ער ווייסט, אַז דו האָסט פאַרשוואַנגערט?

— יאָ, ער האָט אַלץ געוווסט און ער איז אַוועק ווי אין וואַסער אַריין.

— אפשר האָט אים די נקוו״ד צוגענומען?

— קען אויך זיין. דאָ, אין אונדזער געזעלשאַפט, קאָן מען קיין מאָל נישט וויסן, צי מען וועט זיך אויפהויבן אין דער פרי אין אייגענעם בעט, צו אין רויטן וואַגאָן.

— אַנאַסטאַסיאַ, איך בעט דיך, זאָלסט מער נישט רעדן אַזוי. אויב נישט וועל איך מוזן אַוועק פון דאַנען.

— אויב אַזוי, וועל איך נישט רעדן.

דער זייגער האָט געוויזן אַ פערטל פאַר פיר. נאַטאַשאַ האָט גענומען איר דאָקטאָר־רענצל, געזעגנט זיך מיט אַנאַסטאַסיאַן און פאַרלאָזט די שטוב.

אין דער אַמבולאַטאָריע האָבן שוין געוואַרט אַ סך מענטשן אויף דאָקטאָר מאַסלאָוואַ. פון וואַנען זיי האָבן אַזוי שנעל געוווסט צו קומען, ווייסט גאָט אַליין. אין אַ קליין שטעטל צעטראָגט זיך גיך יעדע נייעס.

זיבן אין אָוונט איז דאָקטאָר מאַסלאָוואַ אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי קאָן טראָגן הילף קראַנקע און שוואַכע מענטשן. וואָס וואָלט איצט געזאָגט קאָמיסאַר באַבושקין, ווען ער טרעפט זי איצט גיין פון דער אַרבעט מיט איר דאָקטאָרסקע רענצל? צי איז ד״ר נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ אַ שונא פון דער סאָוויעטן־מאַכט בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געוואָלט ווערן זיין געליבטע?

שוין נאָענט צו דער היים האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַלעקסאַנדערן. ער לעבט מער נישט. שוין לאַנג פון אים נישט געווען קיין בריוו. דער געדאַנק האָט איר נישט אָפּגעלאָזט ביז זי איז צוגעקומען צום הויז. די מוטער האָט שוין

געוואָרט אויף איר. ווי נאָר נאַטאַשאַ האָט געעפנט די טיר, איז איר די מאַמע אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ בריוו אין האַנט:

— פון אַלעקסאַנדערן!

— נאַטאַשאַ האָט ממש אַרויסגעכאַפּט דעם בריוו פון דער מוטערס האַנט. זי האָט דעם בריוו געקושט און געדריקט צו זיך. די אויגן זענען איר פאַרלאָפן מיט טרערן.

די מאַמע איז אַריין אין צווייטן צימער. זי האָט נישט געוואָלט זען די טרערן פון איר טאָכטער.

לאַנג איז נאַטאַשאַ געזעסן ביים קליינעם טישל מיטן בריוו אין האַנט. זי האָט זיך איינגעהערט אינעם פאַרשנעלערטן ריטעם פון איר האַרץ. עס האָט געקלאַפּט שטאַרקער. אירע הענט האָבן געציטערט — זי האָט נישט געקענט עפענען דעם בריוו. לבסוף האָט זי זיך באַהערשט, געעפנט דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען.

שוין פון די ערשטע ווערטער האָט נאַטאַשאַ פאַרשטאַנען, אַז אַלעקסאַנדער איז שווער פאַרוווּנדעט און אָנגעהויבן וויינען אויף אַ קול. די מוטער איז אַריין אין צימער.

— וואָס איז געשען, טאָכטער?

— מאַמע, אַלעקסאַנדער איז שווער פאַרוווּנדעט.

— וויין נישט, נאַטאַשאַ, ער וועט אַהיימקומען צו דיר. דו ביסט אַ דאָקטאָר, וועסט אים היילן.

— ער שרייבט, אַז אַ גוטער דאָקטאָר פאַרנעמט זיך מיט אים און אַז ער איז שוין אַרויס פון טויט־געפאַר.

— זעסט, זיין יידישער גאָט פאַרלאָזט אים נישט. ער וועט אים אויך ברענגען צו דיר.

— יאָ, מאַמע. איך וויל ענדיקן לייענען דעם בריוו.

נאַטאַשאַ האָט געלייענט דעם בריוו נאָך אַ מאָל. די מאַמע איז געזעסן דערלעבן און געהערט יעדעס וואָרט. — זע טאָכטער, דער עק פון בריוו איז געשריבן מיט בלוט — האָט אַנאַ איוואַנאָוונאַ באַמערקט.

— דעם בריוו האָט אַלעקסאַנדער אונטערגעשריבן מיט זיין אייגן בלוט. איך ווייס נישט וואָס דאָס דאַרף באַדייטן.

— איך וועל עס דיר אויפקלערן, נאָר נישט היינט. עס איז מיר שווער אויפן האַרצן. איך זע דעם בריוו פון פראָנט און דו ווייסט, אַז אַלעקסאַנדער איז אין שפּיטאָל. דאַנק גאָט, טאָכטער, אַז ער לעבט.

פון נאַטאַשאַס אויגן האָבן ווידער אָנגעהויבן פליסן טרערן. די מאַמע איז אַרויס פון צימער און זי איבערגעלאָזט מיט אירע מחשבות. — טרערן ברענגען גליק — האָט זי געטראַכט.

נאַטאַשאַ האָט זיך ניין אַזייגער געלייגט אויפן בעט. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זי געמאַטערט: אַלעקסאַנדער איז פאַרוווּנדעט, אָבער ער שרייבט נישט אין וועלכן חלק פון גוף. די הענט זענען גאַנץ — אַ סברא, ער האָט אייגנהענטיק

אַנגעשריבן דעם בריוו. זאָלן עס זיין ביי אים די פיס פאַרוווּנדעט? זאָל ער נאָר אַהיימקומען — זי וועט אים היילן און פירן, ער זאָל נאָר זיין אַ פאָטער צו זיין קינד... זי האָט נישט געקענט פאַרטרייבן די שלעכטע געדאַנקען. זי לייענט נאָך אַ מאָל דעם בריוו און פאַרשטייט, אַז אַלעקסאַנדער איז זייער שווער פאַרוווּנדעט. ווייזט אויס, אַז ביז מען האָט אים פון דער ערשטער ליניע געבראַכט אין פעלד־לאַזאַרעט איז ער אָפּגעגאַנגען אין בלוט. איצט פאַרשטייט זי קלאָרער דעם שכל פון יעדן וואָרט וואָס אין בריוו.

...מיין ליבע נאַטאַשאַ! זאָלסט נישט וויינען, וואָס איך שרייב מיט מיין אייגן בלוט. איך האָב דערמיט אָנגעשריבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. יידן זענען גוטע שלאַכט־לייט און גוטע קאָמאַנדירן. קאָנסט זיין שטאָלץ מיט מיר. נאָר ווי אַ ייד, קאָן געשען, אַז מען וועט מיר נישט געבן דאָס, וואָס עס קומט מיר אַלס העלד.

נאַטאַשאַ איז איינגעשלאָפן. צוועלף אַ זייגער האָט אויך די מוטער זיך געלייגט. אויך זי איז נישט באַלד איינגעשלאָפן — אַלעקסאַנדערס בריוו האָט ביי איר צוגענומען די רו. זי איז נאָך נישט געשלאָפן, ווען אַנאַסטאַסיאַ האָט נאָך צוועלף אָנגעקלינגען אין טיר, צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט.

צוערשט איז נאַסטיאַ אַריין אין קינדער־צימער. דאָס קינד איז האַרט געשלאָפן אין זיין בעטל. זיינע בעקעלעך זענען געווען פאַררויטלט.

אַנאַסטאַסיאַ איז צופרידן פון אירע נייע קוואַרטיראַנטן. זי האָט געכאַפּט אַ בליק אין נאַטאַשאַס צימער און דערקאַנט, אַז די דאָקטאָרין האָט געווינט פאַרן שלאָף. זי איז צו צום בעט און דערזען, אַז נאַטאַשאַ האַלט אַ בריוו אין האַנט. זי איז שטיל אַרויס פון צימער און אַריין אין קיך. אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט צוגעגרייט טיי פאַר איר. נאַסטיאַ איז פול מיט דאַנקבאַרקייט צו דער מוטערלעכער זאָרג פון אַנאַ איוואַנאָוונאַ. זי טרינקט אויס צוויי גלעזער טיי און גייט אַריין צו זיך אין צימער, טוט זיך אויס. אין שטוב איז וואַרעם, עס שלאָגט אַ וואַרעמקייט פון יעדן ווינקל.

אַנאַסטאַסיאַ שטעלט זיך ביים שפיגל. זי שטייט אין העמד. פון גרויסן דעקאָלטע זעט זי די שפיצן פון אירע בריסטן. אויפן טישל ביים שפיגל ליגט אַ בילד פון אַ יונגנמאַן. זי נעמט דאָס בילד אין האַנט, לייגט עס צו צו די ליפן און קושט עס. זי קוקט אויפן בילד. דאָס איז בראַדזקי, איר ערשטער מאַן. דער איינציקער וועמען זי האָט ליב און מיט וועלכן זי האָט זיך באַהאָפטן.

נאַטאַשאַ זאָגט, אַז איך בין שיין. זי רופט מיך די ווענוס, וואָס איז אויס־געוואַקסן צווישן וואַלד און קאַמאַ־טייך. זי גייט אַריין אין צימער פון נאַטאַשאַ און לייגט זיך נעבן איר. יענע שלאָפט געשמאַק און חלומט וועגן אַלעקסאַנדערן. זי דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ קערפער נעבן זיך. זי נעמט אים אַרום, ווי זי פלעגט אַרומנעמען אַלעקסאַנדערן. מיט אַ מאָל דערפילט זי אויף זיך אַ פרויען־בריסט — זי עפנט די אויגן און דערזעט נעבן זיך אַנאַסטאַסיען.

נאַטאַשאַ וויל נישט אויפוועקן די מוטער. אַנאַסטאַסיאַ נעמט זי אַרום און קושט זי...

מיט איין שפּרונג איז נאַטאַשאַ אויף דער פּאָדלאָגע און פאַרלאָזט דאָס צימער.

אַנאַסטאַסיאַ גייט איר נאָך אין קיך אַריין. זי נעמט אָן נאַטאַשאַן ביי דער האַנט.

— זיי מיר מוחל, נאַטאַשאַ, דו ביסט אַזוי שיין און ענלעך צו מיין מאַן, צו מיין געליבטן.

— מען טאָר אָבער נישט אַזוי, נאַסטיאַ. צוויי פרויען דאַרפן נישט פאַר־ברענגען אויף אַזאַ אופן. דו ביסט יונג און שיין, האָסט באַקאַנטע מענער — צו וואָס דאַרפסטו מיר איבעררייסן דעם שלאָף. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין מאַן, איך האָב פאַרן שלאָף אַ סך געוויינט — ער איז שווער פאַרוווּנדעט. נעם דעם בריוו און לייען.

אַנאַסטאַסיאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן צו נאַטאַשאַן און געזאָגט:

— גיי שלאָפן, כ׳וועל שוין אַזעלכעס נישט טאָן. איך וועל איבערלייענען דעם בריוו און גיין שלאָפן צו זיך אין צימער.

נאַטאַשאַ איז אַריין צו זיך און געלייגט זיך שלאָפן. אַנאַסטאַסיאַ איז געבליבן אין קיך. זי האָט געלייענט דעם בריוו פון אַלעקסאַנדערן.

נאַטאַשאַ האָט נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט געטראַכט וועגן דעם וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. נאַסטיאַ איז אַ יונגע פרוי, אירע בלוטן קאָכן אין איר — אַ ווולקאַן! נאַטאַשאַ אַליין איז געוואָרן אַ שטיק פייער — אירע בלוטן גיבן איר אויך נישט קיין רו. איז נישט קיין וווּנדער פון אַנאַסטאַסיאַן... זי וועט איר מוחל זיין. זי וועט איר נישט אויסרעדן, נאָר זי וועט נישט דערלאָזן אַז דאָס זאָל זיך איבערחזרן...

אין דער פרי איז אַנאַסטאַסיאַ אויפגעשטאַנען, ווי קיין מאָל גאָרנישט. זי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און אַרויס אין שטאָל אויסמעלקן די קו. זי איז צוריק־געקומען אין שטוב מיט אַן עמער פרישע מילך און מיט עטלעכע פרישע אייער. נאַטאַשאַ האָט איינגעהייצט דעם אויוון אין קיך. די מאַמע האָט צוגעגרייט פרישטיק פאַר אַלע. זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן.

נאָך פרישטיק האָט נאַסטיאַ געגעבן עסן דעם קינד און עס אָפּגעפירט אין קינדער־גאָרטן. נאַטאַשאַ און די מאַמע זענען אַוועק צו דער אַרבעט אין אַמבולאַטאָריע.

נאַטאַשאַ האָט פאַרגעסן פון דער נאַכט מיט נאַסטיאַ. זי איז געווען פאַרנומען מיט די פּאַציענטן. דער ראַדיאָ האָט געבראַכט גוטע ידיעות פון פראָנט: די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס. אויף די פּנימער פון די רוסישע מענטשן האָט זיך צום ערשטן מאָל זיך זינט אַ לאַנגע צייט באַוויזן אַ שמייכל.

צום מיטאָג איז נאַטאַשאַ געגאַנגען אַהיים. אין שטוב איז געווען שטיל. נאַטאַשאַ האָט זיך געזעצט שרייבן ענטפער איר געליבטן אַלעקסאַנדער.

נעמענדיק די פען אין האַנט, האָט זי אָנגעהויבן וויינען: זי האָט נישט געוווסט וואָס צו שרייבן; דער קאָפּ איז איר געוואָרן שווער; דאָס האַרץ האָט איר ווי געטאָן — זי האָט נישט געוווסט וואָס צו שרייבן אים וועגן דער סיבה פון איר פאַרלאָזן פערם; זי טאָר אים נישט שרייבן וועגן קאָמיסאַר באַבושקין; נישט אַלץ מעג מען שרייבן אַ מאַן און נישט אַלץ דאַרף אַ מאַן וויסן... ענדלעך האָט זי אָנגעשריבן דעם בריוו, אין וועלכן זי האָט אים, אַלעקסאַנדערן, געבעטן וואָס שנעלער אַהיימצוקומען. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער פּאָסט באַלייגן דעם בריוו. אויפן וועג האָט זי געטראָפן דעם דירעקטאָר, דאָקטאָר פּעטראָוו.

— נו, ווי גייט די אַרבעט, דאָקטאָר? — האָט ער געפרעגט.

— אַ דאַנק, זייער גוט.

— כ׳האָב געהערט, אַז איר האָט געירשנט אייער פּאָטערס טאַלאַנט. אין שטאָט רעדט מען שוין וועגן דעם. נאָר געדענקט וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט, איר דאַרפט שווייגן. נישט גיין אויפן וועג מיט וועלכן ס׳איז אַוועק אייער פּאָטער. די סאָוויעטן־מאַכט האָט ליב נאָר שוויגערס. אַ פינגער אויפן מויל און שווייגט — וועט אייך זיין גוט.

— יאָ, דאָקטאָר פּעטראָוו, איך טו אַזוי.

— איז גוט. איך ווינטש אייך אַלדאָס בעסטע. כ׳וועל זיין ביי אייך און ברענגען אייך אַ מתנה... איר זענט אַ שיינע, נאַטאַשאַ — האָט ער שטיל צוגעגעבן. — איצט בין איך פאַרנומען, כ׳גיי אין רייסאָוויעט, נאָר אין אָוונט וועל איך קומען צו דיר.

קאַפּיטל פיר

דער מענטש אונטער אַ מאַסקע

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געזעסן אַליין אָנגעשפּאַרט אין דער ווייסער בעריאָזע, און געציילט די טעג וואָס זענען אים געבליבן ביז דער באַפרייונג. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט שוין דאָס היימישע קלאַפּן פון וואַנטזייגער: טיק־טאַק, טיק־טאַק... די פרוי אַנאַ און די טאָכטער, נאַטאַשאַ, שטייען לעבן אים און קוקן אויף גאָטס וווּנדער... ער הערט ווי די פרוי זאָגט שטיל: צוריקגעקומען... ביסט אַ העלד, מיין מאַן. נאַטאַשאַ שווייגט, זי וויינט.

ער זעט די בילדער ווי אַ שטורעמווינט וואָלט זיי געטריבן. ער זעט זיך אַליין אונטער אַ מאַסקע — אָן דער מאַסקע, וואָלט ער איצט נישט געוואָרט, ציילנדיק די טעג אויף דער באַפרייונג.

דריי יאָר זענען אַוועק אָן וואָסערע ס׳איז פאַרשעדישע אַרבעט. בלויז דאָס טאָגבוך וועט אים בלייבן — אויב די נקוו״ד וועט אים נישט צונעמען.

ער דערזעט אַ מענטש גייט אין זיין ריכטונג. ער שטרענגט אָן די אויגן און דערקענט: דאָס איז דער יידישער שרייבער פעסין. אַ ניי בילד בליצט אויף פאַר אים; פעסין דערנענטערט זיך פּאַוואָלינקע, שלעפּנדיק קוים די געשוואָלענע פיס. — גוט, וואָס איר זייט געקומען, פעסין. איך צייל שוין די טעג צו מיין באַפרייונג. איר זייט דער איינציקער מענטש אין לאַגער, וועלכער ווייסט ווער איך בין.

— גוט, וואָס איר האָט אָנגענומען אַ גוטע עצה און שנעל זיך דעצידירט: לעבן אונטער אַ מאַסקע.

— יאָ, פעסין, איר זענט גערעכט. ווען נישט — ווער ווייס צי אויף מיין קבר וואָלט שוין נישט געוואַקסן גראָז...

— כ׳האָב מורא, פּראָפעסאָר, אַז די שוועסטער, טאַניאַ ליסענקאָ, זאָל זיך פון אייך נישט דערוויסן וועגן אייער פאַרגאַנגענהייט. איר זאָלט זיך פאַר איר אויסהיטן ווי פאַר אַ גיפטיקע שלאַנג.

— איר זענט גערעכט, פעסין. פאַר אַזאַ מויד דאַרף מען זיך אויסהיטן מיט אַ וואָרט.

— איך בעט אייך, פּראָפעסאָר, פאַרגעסט נישט צו באַזוכן מיין פרוי און

קינדער. איר וועט זיי אַלץ דערציילן וואָס עס טוט זיך מיט זייער מאַן און פאָטער. איך קאָן שוין נישט גיין אויף די פיס. איך גלויב, אַז מיינע טעג זענען געציילטע. איך פיל, ווי מיין האַרץ ווערט מיט יעדן טאָג שוואַכער.

— כ׳וועל זיך באַמיען רעדן מיט נאַטשאַלסטווע, מען זאָל אייך איבערפירן אויף אַ לייכטע אַרבעט.

— מען דאַרף נישט. איך וויל דאָ ענדיקן מיין לעבן ביים שניידן דיביימער דאָ אין וואַלד.

— און דאָך וועל איך רעדן וועגן אייך.

— אויב איר ווילט רעדן, איז נישט אין לאַגער, נאָר דאָרט, אויף דער פריי.

— כ׳מיין, כ׳וועל נישט קענען שווייגן. די וועלט דאַרף אַלץ וויסן.

— די בעסטע עצה, וואָס איך קען אייך געבן, פּראָפעסאָר, איז צו פאַרלאָזן דעם סאָוויעטישן „גן־עדן" און אַרויספאָרן אין אַ פריי לאַנד, שוועדן, איטאַליע אָדער אַמעריקע.

— איך וועל עס מוזן טאָן. אַנדערש וועט די סאָוויעטן־מאַכט, פריִער צי שפּעטער, אויפדעקן מיין מאַסקע און מיך ליקווידירן.

— איך מוז שוין גיין, פּראָפעסאָר. פאַרגעסט נישט איבערצוגעבן אַ גרוס מיין משפחה.

— איך זאָג עס אייך צו.

דער יידישער שרייבער פעסין האָט אים דערלאַנגט זיין האַנט. — אויף ווידערזען, פּראָפעסאָר, אויף דער פריי! — האָט ער געזאָגט און איז אַוועק.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געבליבן זיצן ביים אַלטן בוים. ווידער האָט ער דערזען פון דער ווייטנס אַ געשטאַלט — דאָס איז געווען די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ. מיט שנעלע טריט האָט זי זיך דערנעענטערט צו אים מיט אַ פאַר־פירעריש שמייכעלע אויף די ליפּן.

— כ׳האָב אייך געזוכט, דאָקטאָר. און איר זיצט זיך אין וואַלד ביי דער אַלטער בעריאָזע.

— איך טראַכט, אַז אָט באַלד ווער איך באַפרייט און איך וועל קומען אַהיים... נאָר דו, טאַניאַ, ווייסט, אַז איך בין אויף דער וועלט איינער אַליין.

— אויך איך באַפריי זיך אין קורצן. איך וויל אייך באַגלייטן אין אייער איינזאַמקייט אויף דער פריי. איך וועל גיין אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל ווי א קראַנקן־שוועסטער — דאָס פאַך האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען. איר האָט עס מיך אויס־געלערנט.

— וואָס האָסטו געטאָן פריִער?

— איך וועל אייך דערציילן, דאָקטאָר. פאַר אייך וועל איך נישט האַלטן קיין סוד. אין מאָסקווע בין איך געווען אַ פּראָסטיטוטקע; דערפאַר האָב איך באַקומען פינף יאָר.

— דו ביסט נישט שולדיק אין דעם. האָסט געהאַנדלט מיט דיין קערפּער, ווייל די אומשטענדן האָבן דיך געצוווּנגען דערצו.

— יאָ, דאָקטאָר, אַ פאַרפירטע ליבע פון אַ גרויסע פערזענלעכקייט — דאָס האָט מיך דערצו געבראַכט.

— ווער איז געווען דער גרויסער מאַן?

— איך וויל אים נישט דערמאָנען, אַזוי ווי די פאַרלוירענע יאָרן מײנע...

די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ האָט פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט און זיך צעוויינט.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט פאָטערלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר קאָפּ, געגלעט אירע שוואַרצע האָר. ער האָט שטיל געזאָגט:

— איך וועל דיך נישט איבערלאָזן. וווהין איך וועל גיין, וועל איך דיך מיטנעמען. וועסט ווערן מיין לאַבאַראַנטקע און איך וועל ווערן אַ מעדיצין־פאָרשער.

די שוועסטער, טאַניאַ ליסענקאָ, האָט געעפנט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. זי האָט אַרומגענומען דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

אויף די צווייגן פון דער בעריאָזע האָבן פייגעלעך געזונגען דאָס פרימאָרגן געזאַנג. גאָלדענע זונשטראַלן האָבן זיך געשטעלט אויפן שפּיץ פון אַלטן, ווייסן בוים און האָבן אָנגעצונדן די בלוטן פון דער שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ און פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם ווייסן פאַרטעך מיטן גראָבן ווייסן לייוונטענעם העמד און ווי חווה פאַר אדמען האָט זי זיך באַוויזן פאַרן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. אירע בריסטן, איר ווייסער קערפּער, האָבן דעם דאָקטאָר דערמאָנט אין די פאַרלוירענע יאָרן. די פייגעלעך האָבן געזונגען, די זון האָט געוואַרעמט; אַ גרינער פרילינג־טעפּעך איז געלעגן אויסגעשפּרייט צופוסנס פון בוים.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געשפּילט אַ ליבע מיט דער שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ. זי איז אים געווען געטריי און געהאָלפן אים אין די שווערע יאָרן פון לאַגער־לעבן. טאַניאַ האָט נישט געוווּסט, אַז דער מאַן וואָס גלעט אירע בריסטן און קושט איר שטערן איז פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

זי האָט עס נישט געקענט וויסן. זי האָט אין דאָקטאָר אַרטעמאָוו געזען אַ מענטש, וואָס אַזעלכן טרעפט מען זעלטן אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. איר איז געווען אין לאַגער גוט לעבן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. ווי אַ פאָטער אַ קינד, האָט ער זי געלערנט דאָס פאַך און טאַניאַ האָט אים אָפּגעדאַנקט ווי אַ גוטע פרוי דאַנקט אָפּ אַ מאַן...

***

עס איז געקומען דאָס יאָר 1940, די מלחמה מיט פינלאַנד. נאָך דער באַפרייונג ווערן דאָקטאָר אַרטעמאָוו מיט דער שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ מאָביליזירט אויפן פינישן פראָנט. די שוועסטער ווייסט גוט ווי צו ליבן דעם עלטערן דאָקטאָר. זי איז אים אַ גוטע פרוי און פּראָפעסאָר מאַסלאָוו הייבט אָן

צו פֿאַרגעסן אין זיין אינטעליגענטע, גוטע פֿרוי אַנאַ איוואַנאָוונאַ און אין דער טאָכטער נאַטאַליאַ.

די צייט שטייט נישט אויף קיין אָרט. יאָרן קומען און גייען אָפּ. די מלחמה מיט פֿינלאַנד ענדיקט זיך. דאָקטאָר אַרטעמאָוו ווערט געשיקט אויף די באַפֿרייטע געביטן. ער קומט קיין טשאָרטקאָוו און צוזאַמען מיט אים די קראַנקן־שוועסטער, טאַניאַ ליסענקאָ. דאָקטאָר אַרטעמאָוו אַרבעט ביים מיליטער אין דער ראַנגע פֿון אַ מאַיאָר. טאַניאַ איז צופֿרידן. פֿאַר די יאָרן פֿון ליידן האָט זי איצט טעג, וואָכן פֿון גליק. נאָר דאָס גליק דויערט נישט לאַנג. עס קומט די מלחמה פֿון יאָר 1941. דעם 22 יוני האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט די סאָוויעטישע שטעט און עס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ מלחמה. עס צינדן זיך אָן די הימלען, עס ברענען שטעט, דערפֿער, וועלדער — דער פֿלאַם פֿון מלחמה נעמט אַרום די גאַנצע וועלט.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו טרעט אָפּ מיט זיין איינהייט. דער שטאַב גיט אים איבער אַ באַפֿעל גלייך צו קומען קיין מאָסקווע. ער באַקומט די אויפֿגאַבע צו שאַפֿן פֿעלד־שפּיטעלער. ער וואַרפֿט זיך אַריין אין דער אַרבעט מיט אַלע קענטענישן. לעבן אים געפֿינט זיך די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ.

אין די שווערע טעג פֿון ליידן, טרייסט אים די שוועסטער טאַניאַ...

די דייטשן שניידן זיך אַריין אין דער סאָוויעטישער ערד אַלץ ווייטער און ווייטער. דאָקטאָר אַרטעמאָווליידט שטאַרק פֿון דעם — ער קאָן נישט באַנעמען וואָס דאָ קומט פֿאָר. די דייטשן שטייען שוין נישט ווייט פֿון מאָסקווע, וואָראָניעזש, דערנענטערן זיך צו דער וואָלגע און אויף קאַווקאַז. אין זיין מוח וואַכט אויף דאָס בילד פֿון די לאַגערן, ווו די הונגעריקע רוסישע אָפֿיצירן לאָזן אַרונטער ביימער אין וואַלד, שטאַרבן אויס פֿון הונגער און אויסמאַטערונג. די רויטע אַרמיי איז געבליבן אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון צווייפֿלהאַפֿטע צווייטראַנגיקע אָפֿיצירן און דערפֿאַר ליידט זי איין מפּלה נאָך דער אַנדערער.

די גוטע אָפֿיצירן־קאַדרען האָבן זיך געמאַטערט אין די לאַגערן און די אומדערפֿאַרענע — האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אַרמיי.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו געפֿינט זיך מיט זיין פֿעלד־שפּיטאָל אויפֿן מאָסקווער פֿראָנט. דאָ קומט פֿאָר אַן איבערברוך אין זיין ראָמאַן. דער שווער־פֿאַרוווּנדעטער לייטענאַנט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו עפֿנט אים די אויגן מיט זיינע בילדער פֿון אַנאַ און נאַטאַשאַ. ער זעט, אַז אַלעקסאַנדער איז פֿאַר אים נישט קיין פֿרעמדער. עס דערוועקט זיך ביי אים אַ פֿאָטערלעך געפֿיל פֿאַר יעדן פּרייז צו ראַטעווען דאָס לעבן פֿון דעם לייטענאַנט.

טאַניאַ זעט ווי דאָקטאָר אַרטעמאָוו ליידט, ווי ער האָט זיך געענדערט.

— בלוט, בלוט דאַרף דער לייטענאַנט! — שרייט דער דאָקטאָר און די קראַנקן־שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ זאָגט שטיל: — דאָקטאָר, איך גיב בלוט פֿאַרן לייטענאַנט.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו נעמט פֿון טאַניאַן בלוט פֿאַרן לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָוו. זי פֿירט אויס איר בירגערלעכע פֿליכט. די געוועזענע גאַסן־פֿרוי האָט געעפֿנט

איר האָרץ בכדי צו העלפן דעם שווער־פאַרווונדעטן שלאַכטמאַן — אַ דאַנק דער דערציִונג פון פּראָפעסאָר מאַסלאָוו.

איצט ווייסט שוין די שוועסטער טאַניאַ אַז דער פאַרווונדעטער לייטענאַנט איז אַ משפחה־מיטגליד פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי וויל אָבער נישט פרעגן — צו וואָס דאַרף זי עס וויסן? וואָס וועט דאָס איר געבן? בעסער נישט אָנטרעטן אויפן פוס דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

טאַניאַ זעט: זינט דער לייטענאַנט האָט זיך באַוויזן אין זייער לעבן, האָט זיך דאָקטאָר אַרטעמאָוו ווי געענדערט; ער מיידט זי אויס און רעדט נישט מיט איר; ער איז געוואָרן אַ שווייגער. שטענדיק זעט זי אים זיצן נעבן פאַרווונדעטן. תמיד איז ער אַ פאַרטראַכטער, די אויגן פאַרלויפן אים פון צייט צו צייט מיט טרערן. אַפילו אין לאַגער האָט זי אים נישט געזען אין אַזאַ מצב ווי איצט. זי זעט, ווי מיט יעדן טאָג פאַלן פון אים שטיקער. ער פלעגט אַ מאָל לאַכן, שטיפן — היינט איז ביי אים אַלץ ווי אָפּגעשטאָרבן.

ווען דער לייטענאַנט באַקומט אַ בריוו גיט ער אים דעם דאָקטאָר צום לייענען. דער לייטענאַנט קאָן נאָך נישט רעדן, נאָר די בריוו רעדן שוין פאַר אים... מיט יעדן בריוו, וואָס אַרטעמאָוו לייענט פאַר דעם קראַנקן, פילט ער, אַז עס איז געקומען די צייט צו העלפן זיין פרוי און טאָכטער.

אַלעקסאַנדער שרייבט אָן אַ פּאָר ווערטער און דער דאָקטאָר לייענט זיי איבער. דער לייטענאַנט בעט איבערשיקן זיין געלט דער פרוי, דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָווא. דאָקטאָר אַרטעמאָוו נעמט ביי אַלעקסאַנדערן זיין געלט, לייגט צו דאָס גאַנצע געלט וואָס ער פאַרמאָגט און גיט עס דער קראַנקן־שוועסטער צום באַלייגן אויף דער פּאָסט. די שוועסטער פרעגט גאָרנישט, זי גייט שנעל אויספירן דעם באַפעל פון איר קאָמאַנדיר. זי לייענט אַפילו נישט דעם אַדרעס פון אַדרעסאַט נאָר דערלאַנגט דעם בריוו און דאָס געלט דעם באַאַמטן פון דער פעלדפּאָסט און נעמט אַ קוויטונג. די קוויטונג גיט זי איבער דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו. דער דאָקטאָר קוקט איר אָן — זי שטייט נעבן אים ווי זי וואָלט אים געווען אַ פרעמדע.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו שיקט אָפּ די שווער־פאַרווונדעטע שלאַכטלייט אין הינטערלאַנד, נאָר דעם לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָוו לאָזט ער איבער אין פעלד־שפּיטאָל לעבן זיך: ער האָט אים מורא אָפּצושיקן אין היטנערלאַנד, ווייל ער קאָן שטאַרבן אויפן וועג. דאָ אין פעלדשפּיטאָל זיצט ער נעבן פאַרווונדעטן טאָג און נאַכט. פאַר יעדן פרייז מוז ער אים דערהאַלטן ביים לעבן. ער ווייסט, אַז זיין איינציקע טאָכטער נאַטאַשאַ וועט נישט איבערהאַלטן, טאָמער שטאַרבט אַלעקסאַנדער.

שפּעט ביי נאַכט, ווען אַלע אין פעלדשפּיטאָל שלאָפן שוין, זיצט דאָקטאָר אַרטעמאָוו ביי אַלעקסאַנדערן, ווי אַ גוטע מאַמע ביים בעטל פון איר קראַנקן קינד.

די שוועסטער, טאַניאַ ליסענקאָ, הויבט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט און גייט צו צום דאָקטאָר. זי זאָגט אים שטיל: — גייט, דאָקטאָר, לייגט אייך שלאָפן, איך וועל אָפּהיטן דעם קראַנקן ווי אַ גוטע שוועסטער.

— ניין, מיין ליבע, סיי ווי וועל איך נישט קענען שלאָפן. וועט אַלעקסאַנדער שטאַרבן, בלייבט מיר נישט מער ווי אַ קויל אין קאָפּ אַריין...

— וואָס רעדט איר, דאָקטאָר!

— יאָ, טאַניאַ, אַזוי האָב איך באַשלאָסן. איך מוז זיצן נעבן אים, אַז נישט וועל איך זיך פילן שולדיק, אויב ער וועט שטאַרבן.

— דאָקטאָר, איר קענט מיר פאַרטרויען דעם פּאַציענט. איך בין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך. גייט שלאָפן, דאָקטאָר, איר וועט פאַלן פון די פיס.

— איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גוטער מענטש, טאַניאַ.

— איך האָב עס געלערנט פון אייך, דאָקטאָר.

— האָב נישט קיין מורא, טאַניאַ, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן, מיין וועג וועט זיין דיין וועג.

— גייט שלאָפן, איך וועל וואַכן לעבן אַלעקסאַנדערן. זי האָט זיך איבער־געבויגן איבערן קראַנקן און געגעבן אים אַ קוש אין שטערן.

— אויב אַזוי, טאַניאַ, גיי איך שלאָפן.

דער דאָקטאָר האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין בעט. זיינע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט שוואַרצע רייפן. טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. טאַניאַ איז אונטערגעלאָפן, אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צום בעט. דערנאָך איז זי צוריק צום בעט פון לייטענאַנט און איינגעקוקט זיך אין אים. פונעם סאַמאָוואַר האָט זי אָנגעגאָסן טיי, אַריינגעשיט צוקער און איז צו צו אַלעקסאַנדערן. ווי נאָר זי האָט צוגעלייגט דאָס טעפּעלע צו זיינע ליפּן, האָט ער געעפנט די אויגן.

— טרינק, טרינק, דו דאַרפסט לעבן — איך וועל זיך הרגענען אויב דו וועסט שטאַרבן.

— איך וויל לעבן פאַר מיין שיינער נאַטאַשאַ... האָט געשעפּטשעט דער קראַנקער...

***

מיטן נייעם טאָג איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו אויפגעשטאַנען. טאַניאַ האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן געזונט־צושטאַנד פון פּאַציענט. „ער האָט עפּעס גערעדט צו מיר. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף לעבן פאַר זיין שיינער נאַטאַשאַ. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער מוז לעבן".

— אויב ער רעדט פון לעבן איז עס אַ גוטער סימן. ער איז איבערגעקומען דעם קריזיס. גיי, טאַניאַ, רוען. אַרום אַכט וועל איך דיך אויפוועקן צו באַדינען די לייכטער־פאַרוווּנדעטע.

פּראָפ' מאַסלאָוו איז איצט געזעסן לעבן אַלעקסאַנדערן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט דאָס קלאַפּן פון וואַנטזייגער אין זיין שטוב, ער זעט זיין געליבטע, צאַרטע פרוי און קוקט אויף זיין שיינער טאָכטער.

אַלעקסאַנדער האָט געעפֿנט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— דאָקטאָר, איך וויל זען די בילדער פֿון מיין פֿרוי נאַטאַשאַ.

— דו וועסט זיי צוריקבאַקומען, ווען דו וועסט זיך פֿילן בעסער.

— וועל איך בלייבן לעבן?

— פֿרעג נישט. דו ביסט איצט ווי ניי־געבוירן.

—וווּ זענען די דייטשן?

— מיר טרייבן זיי עד חורמה, זיי שמעקן ביי אונדז שוין פֿעפֿער, אויף אַלע פֿראָנטן. צו דעם העלפֿט אונדז נאָך דער רוסישער ווינטער.

— דאָקטאָר, מיין געלט האָט איר אָפּגעשיקט צו מיין פֿרוי?

— יאָ, לייטענאַנט. דיין ווילן איז אויסגעפֿירט געוואָרן. קאָנסט זיין רויק. ווי נאָר דו וועסט קומען צו די כוחות וועלן מיר כאַפּן אַ שמועס. אָבער דערווייל, גענוג גערעדט, דאָס שוואַכט אייך אָפּ.

— איך וויל צו מיין פֿרוי, צו מיין ליבע דאָקטאָרין, צו נאַטאַשאַן!

— ווי נאָר דו וועסט זיך פֿילן גענוג שטאַרק, וועל איך דיך שיקן צו איר. איך טראַכט וועגן אייך ווי אַ פֿאָטער.

פֿאַלקאָוויק יאַקאָוולעוו מיט דער טעלעפֿאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ זענען אַריין אין צימער. דערזעענדיק זיי, האָט זיך דאָקטאָר אַרטעמאָוו אויפֿגעהויבן און זיי אַנטקעגנגעגאַנגען.

— וואָס מאַכט מיין העלד? — האָט יאַקאָוולעוו געפֿרעגט.

— שוין אַרויס פֿון געפֿאַר, פֿאַלקאָווניק.

— פֿאַר וואָס האָט מען אים נישט אָפּגעשיקט אין הינטערלאַנד?

— זיין מצב האָט עס ביז איצט נישט דערלויבט.

— קען איך רעדן מיטן לייטענאַנט?

— ניין, בעסער נישט. אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום וועט איר שוין קענען רעדן מיט אים.

— קום מאַרוסיאַ.

— איך וויל דאָ אַ ביסל בלייבן, כאָטש ביז מיטאָג.

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן בעט פֿון לייטענאַנט אַלעקסאַנדער. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פֿאַרליבטע אויגן. ד״ר אַרטעמאָוו האָט איר נישט געשטערט און איז אַוועק צו אַנדערע פֿאַרוווּנדעטע.

אַלעקסאַנדער האָט געעפֿנט די אויגן. מאַרוסיאַ האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און אַ קוש געטאָן. ווי אין פֿיבער האָט זי גערעדט:

— דריי טעג האָב איך געבעטן צו מיין גאָט, אַז ער זאָל דיך ראַטעווען, דו זאָלסט בלייבן לעבן. דריי נעכט בין איך נישט געשלאָפֿן און געוואַרט ביים פֿעלדשפּיטאָל אויף אַ ידיעה פֿון דיר. כ׳האָב געוואָלט אַריינדרינגען אין שפּיטאָל, אָבער מען האָט מיך נישט געלאָזט. אַ טייך מיט טרערן האָב איך פֿאַרגאָסן צוליב דיר. היינט האָט מיך דער פֿאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו אַריינגעפֿירט צו דיר.

אַלעקסאַנדער איז געלעגן שטיל און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

ד״ר אַרטעמאָוו האָט אים פאַרבאָטן צו רעדן. מאַרוסיאַ האָט עס געוווּסט און זי האָט גערעדט פאַר ביידע...

מאַרוסיאַ איז גרייט צו זיצן ביי זיין בעט טאָג און נאַכט. זי וואָלט אים געלייענט ביכער — ווען מען זאָל זי נאָר לאָזן...

אַלעקסאַנדער האָט געקוקט דורכן פענצטער. אין דרויסן איז געווען אַ שניי־שטורעם. די לאָדנס האָבן געהאַקט אַזוי ווי אַ מאָל אין פּערם, אין דער היים פון זיין נאַטאַשאַ. דאָרט האָט אויך געקלאַפּט דער וואַנטזייגער. דאָ ווייסט ער נישט, צי עס איז פאַר מיטאָג, צי עס פאַלט שוין צו דער אָוונט. ווי אין חלום, זעט ער דעם קאָמיסאַר באַבושקין אין דער אָפּערע, מיט אַ דיקער מויד. ער זעט דעם טעכנאָרוק פון זיין פאַבריק, וואַסיל זאַכאַרין, דעם געהילף־אַרבעטער מישאַ, די בריגאַדירין ליזאַ וואָראָנאָוואַ. ער הערט אירע ווערטער: קום, אַלעקסאַנדער, צו מיר אין שטוב — ביסט אַ שיינער, שטאַרקער מאַן... ער זעט דאָס וועגעלע וואָס פירט אַרויס די מתים פון סטאַלינסקי אַוויאָנען־פאַבריק, אויסגעגאַנגענע פון הונגער.

ער דרייט זיך אויס אויף זיין בעטל און דערפילט אַ שטאַרקן שטאָך אין דער רעכטער זייט. דער ווייטיק דרייט אים אויס ס׳פּנים, ער פאַרמאַכט די אויגן.

מאַרוסיאַ האָט זיך דערשראָקן. זי האָט אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען: אַלעקסאַנדער שטאַרבט! דאָקטאָר, שנעל! ראַטעוועט אים!

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז צוגעלאָפן אַ דערשראָקענער.

— וואָס האָסטו מיך אַזוי איבערגעשראָקן? אַלעקסאַנדער לעבט און וועט לעבן.

— דערלויבט מיר דאָקטאָר צו בלייבן נאָך אַ ביסל לעבן אים.

— ניין מיידל, גענוג, מוזט שוין גיין.

מאַרוסיאַ האָט געגעבן אַלעקסאַנדערן אַ קוש אין שטערן און מיט שטילע טריט, מיט טרערן אין די אויגן, פאַרלאָזט דאָס צימער. אַ גאַנצע צייט אויפן וועג צום שטאַב פון דער דיוויזיע האָט זי געוויינט. דער ווינט האָט איר געשליידערט שניי אין פּנים אַריין און געריסן איר שינעל.

אַלעקסאַנדער האָט ווידער געעפנט די אויגן. נעבן אים איז געשטאַנען ד״ר אַרטעמאָוו און די שוועסטער טאַניאַ. ביידע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער קראַנקער האָט אויפגעהויבן די האַנט און געוויזן דעם דאָקטאָר פון וואַנען עס קומט דער ווייטיק. דער דאָקטאָר האָט אויפגעהויבן די קאָלדרע. די קראַנקן־שוועסטער האָט אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש וואָס האָט אַרומגענומען אַ האַלבן קערפּער און פריי געמאַכט די רעכטע זייט. דער דאָקטאָר האָט מיט זיינע איידעלע פינגער אויס־געטאַפּט נאָך אַ קויל אין קערפּער פון אַלעקסאַנדערן.

— מען וועט דאַרפן מאַכן אַן אָפּעראַציע — האָט ער באַשלאָסן.

— מאַכט עס, דאָקטאָר, וואָס שנעלער, איך וויל זען מיין פרוי, מיין שיינע נאַטאַשאַ...

— וועסט איר זען, און מיר וועלן נאָך אויסטרינקען אַ גלאָז רוסישע וואָדקאַ.

דער דאָקטאָר האָט געגעבן אַ ווונק דער שוועסטער און זי איז גלייך אַוועק צוגרייטן די כלים צו דער אָפּעראַציע.

***

אין דרויסן האָט דער שניישטורעם געריסן שטיקער פון די אַלטע לאָדנס. מענטשן האָבן נישט געדענקט אַזאַ שווערן ווינטער. עס איז שוין געווען סוף פעברואַר. דאָרט, ווו עס איז נישט געווען קיין מלחמה, האָט מען געפּראַוועט דעם קאַרנאַוואַל.

אַלעקסאַנדער איז געלעגן און געוואַרט אויף דער אָפּעראַציע. איין געדאַנק האָט אים געמאַטערט: צי וועט זיין האַרץ איבערטראָגן די שמערצן? צוויי סאַניטאַרן האָבן אים אַוועקגעלייגט אויפן אָפּעראַציע־טיש, נעבן וועלכן ס׳זענען געשטאַנען אין ווייסע מאַסקעס ד״ר אַרטעמאָוו און די שוועסטער טאַניאַ. דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעגאָסן עטלעכע טראָפּן נאַרקאָז אויף אַ שטיקעלע מאַרליע און צוגעלייגט צו דער נאָז פון פּאַציענט. אַלעקסאַנדער איז באַלד איינגעשלאָפן.

***

די אָפּעראַציע האָט זיך אָנגעהויבן. דורכן פענצטער האָבן אַריינגעלויכטן גאָלדענע זונשטראַלן. דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. די פּראָסטיקע ווינטערזון האָט ווידער געשיינט אויפן מאָסקווער פּראָנט.

פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז געקומען אויף אַ באַזוך אין פעלדשפּיטאָל. דער אַלטער מיליטערמאַן, אַ ליבעראַלער קאָמוניסט, איז געווען פריינטלעך צו יעדן. ווי אַ פאָטער האָט ער פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. ד״ר אַרטעמאָוו איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— וואָס מאַכט מיין העלד, אַלעקסאַנדער? — האָט דער פּאָלקאָווניק געפרעגט.

— ער לעבט, אויסגעהאַלטן די אָפּעראַציע. ער וועט שוין נישט קענען גיין אויף דער ערשטער ליניע — צופיל בלוט און כוחות פאַרלוירן. ער וועט דאַרפן האָבן אַ יאָר רו.

— שיקט אים אָפּ, דאָקטאָר, אין הינטערלאַנד, דאָרט וועט ער קומען צו זיך.

— איצט וועל איך אים שוין אָפּשיקן און איך אַליין וועל מיט אים מיטפאָרן. דער לייטענאַנט איז מיר ליב ווי אַן אייגענער.

— אויב אַזוי, וועל איך אייך געבן צען צען טעג פריי און איר וועט קענען מיט אים מיטפאָרן. מיין טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ איז אין אים פאַרליבט. זי זיצט ביים טעלעפאָן און וויינט. ס׳איז מלחמה — מען קאָן זיך נישט שפּילן אין קיין ליבעס.

— זאָל זי אַהערצו נישט קומען — אַלעקסאַנדער מוז האָבן רו.

אַ מידער פון דער אָפּעראַציע איז אַרטעמאָוו אַריין צו זיך אין צימער. ער האָט אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט זיינע הענט און פאַרשידענע געדאַנקען

האָבן אים אָנגעהויבן צו מאַטערן. ער האָט איצט צען טעג פרײ. ער קען מיטפאָרן מיט אַלעקסאַנדערן קײן פערם, זען זײן פרוי און טאָכטער. זײ װעלן זיך פרײען מיט אים.

נאָר אײן געדאַנק האָט אים געמאַטערט: װאָס װעט זאָגן די נקװ״ד אױב זי װעט פון אים אַראָפּרײסן די מאַסקע אונטער װעלכער ער באַהאַלט זיך אױס. זי װעט אַנטדעקן אין אים דעם פּראָפעסאָר פּאַװעל מאַסלאָװ; װידער װעט זי אים פאַרנעמען און אַװעקשיקן אין אַ רױטן װאַגאָן אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער — פון דאָרט װעט ער מער נישט קומען צוריק. אײן מאָל קאָן אַ מענטש געלינגען — האָט אים געמאַטערט אַ געדאַנק — און אין מוח איז בײ אים אױפגעקומען אַ נײער פּלאַן: ער אַלײן װעט נישט פאָרן, ער װעט שיקן אַלעקסאַנדערן מיט דער קראַנקן שװעסטער קײן פערם (מאַלאָטאָװ). ער װעט בלײבן אין פעלדשפּיטאָל ביזן סוף פון דער מלחמה. דאַן װעט ער זען זיך צו טרעפן מיט זײן פרוי, אַנאַ, און טאָכטער, נאַטאַאַשאַ. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, װעט ער באַשליסן װאָס װײטער צו טאָן.

דאָס בעסטע אָרט װעט זײן אין אַ פרײ לאַנד, װײט פון קאָמוניסטישן „גן־עדן״. ער דאַרף אַראָפּרײסן די מאַסקע פון זײן פּנים און קומען אין דער װעלט אַלס פּראָפעסאָר פּאַװעל מאַסלאָװ.

ס׳איז געװען ענדע טאָג. אױפן הימל האָט די זון איבערגעלאָזן רױטע פײער־פּאַסן. מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט פאַרענדיקט איר טאָגדיזשור און איבערגעגעבן דאָס טעלעפאָן־טרײבל איר פאַרטרעטערין. אַלײן איז זי אַװעק אין איר זעמליאַנקע, אָנגעטאָן זיך דעם שינעל און מיט שנעלע טריט אַרױס. די נאַכט האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אױפן טולער װאַלד פּריִער װי אין מאָסקװע.

אַרום איז געװען נעפּלדיק. טראָץ דעם האָט זיך דורכגעריסן דאָס ליכט פון די שטערן.

מאַרוסיאַ האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געהערט פון אַלעקסאַנדערן. זי האָט געװוּסט, אַז מען װעט אים אָפּערירן. צי װעט דער אָרעמער לײטענאַנט אױס־האַלטן די אָפּעראַציע אין די באַדינגונגען פון פעלדשפּיטאָל? — האָט זי געטראַכט.

פון װײטן פראָנטאָפּשניט האָבן זיך געהערט די „קאַטיושעס״. שװערע שלאַכטן זענען נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אױפן מאָסקװער פראָנט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געפירט פאַרװונדעטע רױט־אַרמײער. זי האָט פון דער פראָנטליניע אָפּגענומען ראַפּאָרטן. זי װײס גוט װי שװער עס איז צו טרײבן די דײטשן. זײ שלאָגן זיך פאַר יעדן שפּאַן ערד. דער פירער האָט געהײסן נישט אָפּטרעטן און זײ װערן דאָך געצװוּנגען אָפּצוטרעטן אונטער די שװערע קלעפּ פון דער רױטער אַרמײ.

מאַרוסיאַ גײט אין פעלדשפּיטאָל זען איר געליבטן, דעם שײנעם לײטענאַנט אַלעקסאַנדראָװ. װי גוט זענען געװען די מינוטן אין זײנע אָרעמס. זי האָט געקושט זײנע ליפּן, געגלעט זײנע הענט. זי קוקט אױפן הימל: פון דאָרט װינקען צו איר שטערן, װי זײ װאָלטן געװאָלט איר צוגעבן מוט, צוזאָגן, אַז באַלד װעט

אַלעקסאַנדער אויפּשטיין פון זיין קראַנקן־געלעגער און זי אַרומנעמען מיט זיינע שטאַרקע הענט און זי קושן, קושן...

ביים פעלדשפּיטאָל שטייט אַ זעלנער מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ווען מאַרוסיאַ האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער זי פאַרהאַלטן:

— וואַרט, „קראַסאַוויצע", וווהין גייסטו?

— איך וויל צום לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָוו.

— וואַרט צו, איך וועל פרעגן, צי מען קאָן דיך אַריינלאָזן צו אים. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט אָנגעזאָגט קיינעם צום קראַנקן נישט אַריינצולאָזן.

— מיר וועט ער דערלויבן, — האָט מאַרוסיאַ געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט, שמייכלענדיק צום זעלנער, אַז יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט: גיי! נאָר אַז מען וועט דיך פרעגן, זאָלסטו מיך נישט פאַרשיטן.

פאַר פרייד האָט זי אים אַ קוש געטאָן און אַריין אין שפּיטאָל.

פאַר ליבע זענען נישט מאַראָן קיין גרענעצן און באַריערן... קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי מאַרוסיאַ איז אַריין אין צימער, וווּ עס איז געלעגן דער פאַרוווּנדעטער לייטענאַנט.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג נאָך דער אָפּעראַציע איז אַלעקסאַנדער געשלאָפן. ווען די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ איז אַריין אין זיין צימער, האָט ער צום ערשטן מאָל זיך איבערגעוועקט נאָך דער נאַרקאָזע און געעפנט די אויגן. זיין פּנים איז געווען געל, ס'האָט זיך אים געוואָלט ברעכן.

מאַרוסיאַ איז געשטאַנען לעבן אים. זי האָט נישט געוויינט. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געציטערט פון מיטלייד, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויף אַ פראָסט. אין צימער איז אָבער געווען וואַרעם. זי האָט בוכשטעבלעך געציטערט פאַרן לעבן פון אַלעקסאַנדערן. ווען די שוועסטער, טאַניאַ ליסענקאָ, איז אַריין אין צימער און דערזען מאַרוסיאַן, האָט זי געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן. זי האָט איר אַ ווונק געטאָן, זי זאָל אַרויסגיין. מאַרוסיאַ איז געהאָרכזאַם אַרויס. איר האַרץ איז געווען פול מיט האָפענונג: אַלעקסאַנדער לעבט, זי האָט געזען אים עפענען די אויגן. איצט קאָן זי צוריקגיין אין דער זעמליאַנקע, אַ באַרויִקטע. ער לעבט, איר געליבטער.

ווען דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אַריין אין צימער האָט אים מאַרוסיאַ אַרומגענומען און ווילד אָנגעהויבן קושן. זי האָט געשעפּטשעט: ער לעבט, ער לעבט, אַ דאַנק אייך, דאָקטאָר...

— יאָ, מיידל, איצט וועט ער שוין לעבן... און איצט גיי צוריק און קום נישט אַהער פריִער ווי אין דריי טעג אַרום. איך וועל אָנזאָגן, מען זאָל דיך נישט אַריינלאָזן פריִער.

— דאָקטאָר, זייט נישט אַזאַ שלעכטער, איך בעט אייך, עס גייט אָן אַזאַ שרעקלעכע מלחמה, מיר ווייסן נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען — לאָזט מיך זען מיין געליבטן, מיין האַרציקן...

אָבער אַרטעמאָוו איז באַשטאַנען אויף זיינס: דו וועסט קומען ערשט אין

דריי טעג אַרום, און נישט פריִער. טעלעפאָניר אָן, איך וועל דיר איבערגעבן וועגן זיין צושטאַנד. איך ווייס וואָס דאָס איז ליבע — אויך איך בין אַ מאָל געווען יונג און פאַרליבט... און איצט שטער דאָ נישט, מיר האָבן היינט אַ סך פאַרוווּנדעטע און מיר דאַרפן זיי אָפּשיקן אין הינטערלאַנד.

— צי וועט איר אויך אַלעקסאַנדערן שיקן אין הינטערלאַנד?

— יאָ, אויך אים, איך טאָר אים דאָ נישט פאַרהאַלטן.

— פאַר וואָס האָט איר אים פריִער נישט אָפּגעשיקט אין הינטערלאַנד?

— ער וואָלט נישט אויסגעהאַלטן דעם טראַנספּאָרט און איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבן לעבן. אויפן וועג וואָלט ער געווען געשטאָרבן...

מאַרוסיאַ איז אַוועק.

ווען די שוועסטער טאַניאַ איז אַריין אין צימער פון אַלעקסאַנדער, האָט זי באַמערקט, אַז דער דאָקטאָר אַרטעמאָוו שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט אומעטיק. זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט, אַריינגעפירט אין זיין צימער און אים געלייגט אויפן בעט.

מאַרוסיאַ איז אַרויס פון פעלדשפּיטאָל אַ הייטערע: דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געווען גוט צו איר, מאָרגן וועט זי טעלעפאָנירן, פרעגן אויף אַלעקסאַנדערס מצב — דער דאָקטאָר איז אַ גוטער, ער וועט איר ענטפערן. זי האָט געזען, אַז ער באַציט זיך צו אַלעקסאַנדערן מיט האַרץ און זאָרג. ער האָט געראַטעוועט אַלעקסאַנדערן, אַ דאַנק אים לעבט ער, איר געליבטער!

מאַרוסיאַ איז געגאַנגען אויפן שניי. די לבנה האָט באַלויכטן איר וועג. פון דער ריכטונג פון פראָנט האָט זיך געהערט דאָס שטעפּן פון מאַשין־געווער, דאָס קלאַפּן פון די מינען־וואַרפער; אויפן אויסגעשטערנטן הימל האָבן פון צייט צו צייט זיך באַוויזן אַעראָפּלאַנען. שוין נישט לאַנג וועט מען באַזיגן די דייטשן, פאַרטרייבן זיי פון דער רוסישער ערד. קומענדיק אין דער זעמליאַנקע האָט זי דערפילט, אַז זי האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. זי האָט גענומען קייען די שוואַרצע זעלנערישע סוכאַרעס, פאַרטרינקענדיק מיט הייס וואַסער. אַ מידע, האָט זי זיך געלייגט אויף איר שטרויזאַק און נאָך לאַנג געטראַכט וועגן איר געליבטן, ביז זי איז ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן.

***

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז די לעצטע טעג אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. ער האָט אַריינגעקלערט ווי אַזוי זאָל ער רעדן מיט אַלעקסאַנדערן וועגן זיין אייגן לעבן אונטער אַ מאַסקע. „וווּנט האָבן אויערן" און ביזן סוף פון דער מלחמה קאָן ער נישט אויפדעקן זיין סוד. ביז עס וועט קומען דער אויסגעבענקטער שלום, טאָר קיינער נישט וויסן, אַז ער לעבט, אַפילו נישט זיין געליבטע פרוי אַנאַ און נישט די טאָכטער נאַטאַשאַ. ער וועט בעטן אַלעקסאַנדערן זיי געבן נאָר

אַנצוגעהערן, אַז ער לעבט. די נקוו״ד האָט שפּיציקע אויערן. זיי זענען דאָ אומעטום און אין יעדער צייט. מען קאָן זיך פאַר זיי נישט אויסהיטן. און טאָמער זאָלן יענע אַנטדעקן אַז ער, פּאַוועל מאַסלאָוו, לעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען, איז זיין לעבן קיין שמעקטאַביק נישט ווערט. דער טאָג פון אַלעקסאַנדערס אָפּפאָרן האָט זיך דערנענטערט און דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט נאָך אַלץ נישט באַשלאָסן ווי־אַזוי צו געבן אַ לעבנס־צייכן זיין פרוי און טאָכטער.

אין איינעם אַ שטילן אָוונט, שוין אַ וואָך נאָך אַלעקסאַנדערס אָפּעראַציע, האָט ער זיך שוין אויפגעזעצט אין בעט און מיט זיינע ברוינע יידישע אויגן געזען מיט אַן אַויסטערלישער שאַרפקייט אַלץ וואָס טוט זיך אַרום אים. די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ האָט אים אַריינגעבראַכט אַ בריוו פון זיין געליבטער פרוי, דאָקטאָר נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געעפנט דעם בריוו און אָנגעהויבן אים לייענען. אין דעם בריוו האָט ער געזען זיין נייע היים. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זיין אַלטע היים ליגט אין חורבות, אַז זיין ערלעכער טאַטע און גוטע יידישע מאַמע, זיינע ברידער און שוועסטער לעבן שוין נישט. גאָט האָט זיי אַרויפגענומען צו זיך דורך די רויכן פון די קרעמאַטאָריעס אין טרעבלינקע. איצט איז אים געבליבן די נייע היים מיט נאַטאַשאַן. זי וואַרט אויף אים און איז אים געטריי. ער ווייס עס און פילט עס — נאַטאַשאַ וועט קיין זייטנשפּרונג, ווי ער מיט מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ, די טעלעפאָניסטין, נישט מאַכן. נאָר גאָט אַליין ווייסט, אַז ער איז אומשולדיק — די מויד האָט אים כמעט פאַר־גוואַלדיקט און ער האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך קעגנצושטעלן. אויך איצט קומט זי דאָ, קושט זיינע הענט, די ליפּן... אָבער ער פאָרט אַוועק און מאַרוסיאַ וועט זיך געפינען אַן אַנדערן און ער, אַלעקסאַנדער, וועט זיין ווידער מיט זיין געליבטער נאַטאַשאַ.

פון בריוו האָט ער פאַרשטאַנען, אַז נאַטאַשאַ מיט דער מוטער וווינען שוין אין דער שטאָט אָכאַנסק. נאַטאַשאַ שרייבט גאָרנישט פאַר וואָס זי און די מוטער זענען אַוועק אין אַ שווערן ווינטער פון זייער וואַרעמע שטוב אין מאָלאָטאָוו. ער האָט געטראַכט: עפּעס איז די זאַך נישט גלאַטיק...

ס'איז אַריינגעקומען דאָקטאָר אַרטעמאָוו און זיך אַוועקגעזעצט ביי אים אויפן בעט:

— האָסט אַ בריוו פון דער היים? פון דיין פרוי? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— יאָ, דאָקטאָר, כ'האָב אַ בריוו, נאָר עפּעס פיל איך, אַז עס איז דאָרט נישט מיט אַלעמען. פריִער האָבן זיי געוווינט אין פּערם (מאָלאָטאָוו) און איצט וווינען זיי אין דער שטאָט אָכאַנסק — קאָן זיין, אַז איצט איז בעסער צו לעבן אין אַ קליינע אָרטשאַפט, כ'טראַכט אָבער, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. עס זאָל נאָר נישט האָבן געווען די אַרבעט פון דער נקוו״ד, זיי זאָלן זי מיט דער מוטער נישט האָבן אַרויסגעשיקט.

— אַלץ איז מעגלעך, אַלעקסאַנדער. איצט בעט איך דיך, זאָלסט מיך אויס־

הערן. איך האָב דיר געראַטעוועט ס׳לעבן און דו וועסט וויסן ווי צו האַנדלען. זאָלסט וועגן מיר נישט דערציילן נישט נאַטאַשאַן און נישט איר מוטער. עס איז נאָך נישט געקומען די צייט — די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך אַליין אַראָפּנעמען די מאַסקע, וועלכע די נויטווענדיקייט האָט מיר אַרויפגעלייגט אויפן פּנים. גיב זיי בלויז אָנצוגעהערן, אַז איך לעב, נאָר דעם סוד וועל איך אַליין פאַר זיי אַנטדעקן.

— גוט, פּאָטער, איך וועל האַנדלען אַזוי, ווי איר ווילט.

— דו מוזט פאַרשטיין, אַלעקסאַנדער, אין וואָסער וועלט איך לעב...

— עס וועט קומען אַ צייט און מיר וועלן דאָס דערמאָנען ווי אַ בייזן חלום.

— איך וואָלט אויף פליגל געפלויגן צו מיין ליבער פרוי. מיר, אַנאַ און איך, זענען צוזאַמען געגאַנגען אויף די באַריקאַדן אין ניינצן־זיבעצן. מיין געראָטענע טאָכטער, נאַטאַשאַ, גיב צען קושן פון מיר, זייער מאַן און פּאָטער, וואָס טאָר איצט נישט רעדן צו זיי, נישט זען און אפילו נישט שרייבן זיינע טייערסטע.

— פּאָטער, איך וויים און פאַרשטיי אייער לאַגע. דורך די עטלעכע וואָכן וואָס איך בין דאָ זענט איר גרוי געוואָרן... איך בעט אייך, שטאַרקט אייך און איך וועל זען אַז אַלץ זאָל זיך ווענדן צום גוטן.

— דו ביסט אַ ייד, זיי־זשע קלוג און אויסגעהיטן פאַר די אויערן פון דער נקוו״ד. דאַרפסט אַזוי האַנדלען, אַז אַנאַ און נאַטאַשאַ זאָלן זיין רויִק וועגן מיין גורל און גלייכצייטיק נישט אַרויסגעבן דעם סוד... האָסט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, פּאָטער, כ׳האָב אייך פאַרשטאַנען. כ׳האָב געזען אייערע טרערן בעת איר האָט דערזען דאָס בילד פון נאַטאַשאַן מיט דער מוטער. כ׳האָב נישט געפרעגט, אָבער אין איין אויגנבליק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר זענט פּראָפעסאָר מאַסלאָוו.

— ליידן מאַכן דעם מענטשן דענקען... ביז איך בין נישט געוואָרן אַ קרבן פון דער נקוו״ד האָב איך נישט געוואָלט טראַכטן אַז אַזעלכעס קאָן פּאַסירן בכלל — און מיר בפרט. ס׳האָט מיר נישט געהאָלפן מיין אָנטייל אינעם קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע. כ׳האָב געאַרבעט טריי און שעפעריש פאַר דער נייער געזעלשאַפט וואָס האָט געזאָלט געשאַפן ווערן... ווען מען פלעגט מיר דערציילן, אַז מען אַרעסטירט אומשולדיקע מענטשן, האָב איך נישט געוואָלט און נישט געקענט גלויבן, אַז די אויסגעקעמפטע מיט בלוט און טרערן אַרבעטער־מאַכט זאָל זיך אַוועקלאָזן אויף די וועגן און מעטאָדן פון צאַריזם! און אָט איז עס געשען מיט מיר אַליין. אַ געוויסע נאַכט זענען צו מיר געקומען צוויי מענטשן פון נקוו״ד און מיר באַפוילן צו גיין מיט זיי. אויף דער מינוט האָב איך נישט געקענט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען: דער מוח איז מיר געוואָרן ווי פאַראַליזירט. כ׳האָב נאָר געטראַכט: ס׳אַ טעות! מיר, אַן עָרלעכן סאָוועטישן בירגער אַ גע־וועזענעם רעוואָלוציאָנער — זאָל דאָס פּאַסירן? ניין, ס׳אַ טעות!

און איצט גייט אָן אַ פּאַטערלענדישע מלחמה מיטן פאַשיזם. ס׳איז נישט די צייט אויף אויפדעקן די מאַסקע, אונטער וועלכער איך לעב. איך מוז לעבן און אַרבעטן פאַרן זיג איבערן שונא. שפּעטער וועט זיין אַ מעגלעכקייט אויסצוגלייכן

אַלץ און פריי אַרומנעמען מיין פרוי און טאָכטער. פאַרגעס נישט, מיין זון, אַז אַ מענטש וואָס ווערט באַשולדיקט אין כלומרשטע פּאָליטישע פאַרברעכנס, ווערט דער רעזשים קיין מאָל נישט רעהאַביליטירן. אייביק וועל איך דאַרפן זיין נישט איך — און לעבן אונטער דער מאַסקע פון אַ פרעמדן נאָמען. דו, אַלעקסאַנדער, ביסט דאָ אַ נייער מענטש. ביסט געקומען אויפן פּראָגנט פּריוויליק, אָבער וויפל „שישקעס״ דרייען זיך איצט אַרום פּוסט־און־פּאַס אין הינטערלאַנד ?

— כ׳האָב זיי געזען, פאָטער, ווען כ׳בין מיט נאַטאַשאַן געווען אין דער אָפּערע אין פּערם. נאָר איך, אַלס ייד, האָב אַ חשבון מיט די דייטשן.

— כ׳ווייס וואָס די דייטשן טוען צו דיין פאָלק. איך האָב איבערגעלאָזט אין לאַגער אַ פריינד, אַ ייד, וואָס די מאַכט האָט אים באַשולדיקט אין נאַציאָ־נאַליזם.

— איך, פאָטער, האָב באַשלאָסן דאָ אויף דער רוסישער ערד צו שווייגן. פאַר מיין קורץ לעבן האָב איך אַ סך דערפאַרן און מיט מיין שווייגן גרייט איך מיר צו דעם וועג אויף צוריק.

— ביסט אַ קלוגער מענטש. מיך האָט מיין אַרבעט אַבסאָרבירט אַן אַ רעשט און כ׳פלעג מיט קיינעם נישט רעדן וועגן פּאָליטיק. און דאָך איז מיט מיר געשען דאָס וואָס ס׳איז געשען. דאָס קאָן ביי דעם סאָוויעטישן רעזשים טרעפן יעדן בירגער, דעריבער וואָרן איך דיך: היט זיך, ווייל דו קענסט קיין מאָל נישט וויסן, ווער ס׳איז דיר אַן אויפריכטיקער פריינד — און ווער נישט.

— אמת, פאָטער, איך פאַרשטיי.

— און נאָך אַ זאַך וויל איך וויסן: די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ — זי גייט אויס נאָך דיר...

— זי איז פאַר מיר גאָרנישט — נאָר אַ מאַן בלייבט אַ מאַן. נישט ווילנדיק, האָב איך געמאַכט אַ זייטנשפּרונג — און דאָס איז אַלץ.

— איך קען דאָס פּראָנט־לעבן — ס׳איז נישט זיס. כ׳האָב די מויד נישט געוואָלט צולאָזן צו דיר, איז זי נישט אָפּגעשטאַנען, געוויינט...

— זי וועט שנעל פאַרגעסן אין מיר, ווי נאָר איך וועל זיך פון איר דער־ווייטערן. איך האָב איר גאָרנישט צוגעזאָגט — זי ווייסט אַז איך האָב אַ משפּחה. און וואָס קאָן שוין אַ שלאַכטמאַן צוזאָגן אַ מיידל, אַז היינט לעבט ער און מאָרגן — ווער ווייסט — אפשר וועט אויף אים וואַקסן גראָז ?...

— איך וואָלט אַזוי מיט דיר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און עס וואָלט אונדזביידע נישט געפעלט קיין טעמעס. געדענק, ווען אַהיימקומען צו נאַטאַשאַן, פאַרגעס נישט, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט: קיינער טאָר נישט וויסן אַז איך לעב, אַנדערש — בין איך פאַרלוירן.

— איך גלויב, אַז איך וועל געפינען אַ פאָרם, ווי אַזוי צו געבן צו וויסן אַנאַ איוואַנאָוונאַן און נאַטאַשאַן אַז איר לעבט. און איך וויל אייך בעטן, פאָטער, זאָגט מיר דעם אמת: ווער איז פאַר אייך די קראַנקן־שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ ?

— איך וועל דיר דערציילן: ווען כ׳בין געקומען אין לאַגער, האָט מען מיך

געשיקט צו דער אַרבעט ווי אַ געוויינלעכן פֿאַרברעכער. כ׳האָב געהאַט אַ קליינעם אורטייל — דריי יאָר — און געאַרבעט ביים אויסהאַקן ביימער אין וואַלד. כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד — טאַקע אונטער אַ פֿאַלנדיקן בוים... איז לעבן מיר, ווי פֿון דער ערד אויסגעוואַקסן אַ מויד, געזונט און שיין — די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ. דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט זי געשיקט מיך רופֿן. כ׳בין געגאַנגען. דער נאַטשאַלניק האָט מיך נאָר געפֿרעגט, צי איך וויל אַרבעטן אין לאַגער אַלס דאָקטאָר. איך האָב געטראַכט: זאָל איך בלייבן ביים האַקן די ביימער, אָדער מיט מיין מעדיציניש וויסן ברענגען הילף ליידנדיקע? דאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען טאַניע ליסענקאָ און שטיל געזאָגט: דאָקטאָר, איך וועל זיין אייער קראַנקן־שוועסטער. כ׳האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ״ און דער נאַטשאַלניק האָט מיין „יאָ״ אָנגענומען.

אין אַ נייעם באַראַק, וועלכן די לאַגערניקעס האָבן נאָר־וואָס אויפֿגעשטעלט, האָב איך אָנגעהויבן מיין מעדיצינישע טעטיקייט אין לאַגער. נעבן מיר איז געשטאַנען די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ.

— ווער איז געווען טאַניאַ ליסענקאָ? ווי קומט זי אין לאַגער אַריין?

— איך וועל דיר דערציילן איר לעבנס־געשיכטע. טאַניאַ איז געבוירן אין מאָסקווע. איר פֿאָטער איז אומגעקומען אין דער מלחמה מיט די פּאָליאַקן און די מוטער איז געבליבן מיט פֿינף פּיצלעך קינדער. זי האָט ווידער געהייראַט. טאַניאַס שטיפֿפֿאָטער איז געווען אַ שיכור, געשלאָגן די קינדער, געטריבן זיי פֿון שטוב. אין די באַדינגונגען איז טאַניאַ דאָך געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט ווי אַ בלום אין פֿרילינג. דער שול־לערער האָט זי פֿאַרנאַרט און פֿאַרפֿירט. זי איז דאַן אַלט געווען פֿערצן יאָר. צו פֿופֿצן יאָר איז זי אַרויס פֿאַרדינען מיט איר אייגענעם קערפּער.

טאַניאַ ווערט אַ פּראָסטיטוטקע. זי אַרבעט נעבן קיעווער וואָקזאַל ביז די מאַכט האָט אויף איר געלייגט אַ האַנט און געשיקט אין אַן אויסבעסערונגס־הויז. זי איז פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן, צוריקגעקומען קיין מאָסקווע און אָנגעהויבן צו „אַרבעטן״ ביים האָטעל „מעטראָפּאָל״. זי נעמט אָן בלויז אויסלענדער. ווידער כאַפּט מען זי און מען ברענגט זי אין לאַגער, שוין אַלס רייפֿע פֿרוי. זי איז דאַן אַלט געווען צוואַנציק יאָר...

— ווי קומט זי, טאַניאַ, די גאַסן־מויד, צו ווערן אַ קראַנקן־שוועסטער?

— דאָס האָב איך זי געלערנט. איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל האָבן אַ בכבודיקן פֿאַך און נישט דאַרפֿן, נאָך דער באַפֿרייונג, אומקערן זיך אויפֿן גאַס... אויך איצט איז זי אונטער מיין האַנט. די גאַנצע צייט איז זי מיר געווען טריי און איבערגעגעבן און אָפּגעהיטן מיך ווי אַ ברודער.

— איך האָב געזען, אַז די שוועסטער טאַניאַ איז צום פּראָפֿעסאָר נישט גלייכגילטיק.

— אמת. זי איז מיר אין לאַגער געוואָרן זייער נאָענט. ווען נישט זי, ווער ווייסט, צי כ׳וואָלט נאָך געלעבט.

— און איר האָט אײַך ליב?

— יאָ, מיר ליבן זיך.

— איר וועט מסתמא בלײַבן מיט איר.

— ניין, אַלעקסאַנדער. ווי האָסטו געזאָגט וועגן מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ: בלויז געמאַכט אַ זײַטנשפּרונג. אויך בײַ מיר איז עס אַזוי: נאָר אַ זײַטנשפּרונג.

— אָבער דער „שפּרונג" געדויערט שוין יאָרן...

— נישט איך בין שולדיק אין דעם, נאָר די צײַט, דאָס לעבן אונטער אַ מאַסקע. וועט זיך ענדיקן די מלחמה, וועט זיך אויך ענדיקן דער ראָמאַן און איך וועל נעמען צו זיך מײַן אַנאַ איוואַנאָוונאַ. וווּהין — ווייס איך נאָך נישט. מעגלעך, אַז עס וועט מיר אויסקומען צו וואַנדערן ביז איך וועל ווידער זיך אומקערן צו מײַן פאַרשערישער אַרבעט. דאָ, אויף דער ערד, וווּ מען האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ רויטן וואַגאָן און די ראַטנמאַכט האָט באַשלאָסן מיך צו ליקווידירן, וועל איך נישט קענען אַראָפּנעמען די מאַסקע.

**
*

ס'איז אַרײַנגעקומען די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געגעבן אַ ווונק אַלעקסאַנדערן און זיי זענען שטיל געבליבן. די שוועסטער האָט די מענער אַרומגענומען מיט אַ פאַרשערישן בליק. זי האָט געוואָלט וויסן, וועגן וואָס זיי האָבן אַזויפיל גערעדט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— אַרײַן! — האָט אויסגערופן דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

אין צימער איז אַרײַן די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. זי האָט זיך באַגריסט מיט אַ הויכן „גוטנאָוונט" און צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדערן. פון אַ רויט טיכל האָט זי אַרויסגענומען דעם תהילים.

— דאָס האָב איך דיר, אַלעקסאַנדער, געבראַכט אַ מתנה.

אַלעקסאַנדער האָט פון איר האַנט אַרויסגענומען דאָס פאַרבלוטיקטע תהילימל, אָנגעהויבן עס צו בלעטערן און דערזען דעם נאָמען משה טוקאַלסקי. דאָס איז דאָך דער „יידישער פּאַליאַק", וואָס האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער קאָמפּאַניע נאָך דעם ווי ער, אַלעקסאַנדער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, ער האָט מער מיט די אויגן — געפרעגט מאַרוסיאַן:

—ווו האָסטו דאָס גענומען?

— פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט עס מיר געבראַכט פון דער ערשטער פראָנט־ליניע און געבעטן כ'זאָל עס דיר איבערגעבן.

— און וואָס איז מיטן פּאָליאַק יאַנעק טוקאַלסקי?

— ער איז געפאַלן אין שלאַכט.

אַלעקסאַנדערס קאָפּ איז אַ פאַל געטאָן אויפן קישעלע. דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז שנעל צו אים צוגעלאָפן.

— שטאַרק זיך, אַלעקסאַנדער. ס׳איז טראַגיש, ווען עס פאַלט אַ חבר אין קאַמף. אָבער ס׳איז מלחמה...

מאַרוסיאַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים בעט.

— זעץ זיך, — האָט דער דאָקטאָר איר פאַרגעלייגט שטיל. — איך ווייס אַז דו האָסט אים ליב, אָבער פאַרגעס נישט, אַז ער איז שווער פאַרוווּנדעט און דערשעפּט. מאָרגן פאָרט ער שוין אָפּ פון דאַנען אין הינטערלאַנד. בלייב דאָ מיט אים, און איך דאַרף שוין גיין.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אַרויס אין די שוועסטער טאַניאַ נאָך אים. מאַרוסיאַ האָט זיך געזעצט אויפן בעט נעבן אַלעקסאַנדערן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— דו ווייניסט מיין ליבער? שטאַרק זיך. דיין חבר יאַנעק טוקאָלסקי וועסטו שוין נישט לעבעדיק מאַכן...

— ווען דו ווייסט, מאַרוסיאַ, וואָס פאַר אַ טייערער בחור ער איז געווען... אָפט פלעגט ער אַריינקוקן און פאַרטיפן זיך אין זיין ספר׳ל. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ, וואָס פון די ווייניקע פון אונדזער פאָלק וואָס זענען געבליבן, פאַלן יעדן טאָג די בעסטע.

— וויין נישט, דו ביסט קראַנק, דאַרפסט זיך היטן... ס׳איז מלחמה... דאָס האָבן סטאַלין און זיינע מענטשן דערפירט צו איר...

— רעד נישט אַזוי, מאַרוסיאַ, מען וועט דיך פאַרשיקן אין אַ לאַגער.

— מיר איז שוין אַלץ איינס. אַלץ בונטעוועט זיך אין מיר. איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן און דיינע טרערן צענעמען מיך אין גאַנצן.

אַלעקסאַנדער האָט אַ קוש געטאָן דאָס תהילימל און אַרונטערגערוקט עס אונטערן קישעלע. מאַרוסיאַ האָט אָנגענומען אַלעקסאַנדערס האַנט און זי שטאַרק געקושט.

— איך האָב דיך ליב, אַלעקסאַנדער. דו האָסט מיינע בלוטן אָנגעצונדן — און מיין בלוט איז שטורמיש, ווי די וואָלגאַ־מאַטושקאַ. כ׳האָב געהערט וואָס דו האָסט גערעדט מיט דאָקטאָר אַרטעמאָוו און כ׳ווייס אַלץ — אַלץ ווייס איך...

— וואָס ווייסטו, מאַרוסיאַ?

— איך ווייס, מיין ליבער, איך דאַרף שווייגן.

— ביסט קלוג, מאַרוסיאַ, שווייגן איז גאָלד, זאָגן די אַמעריקאַנער.

— נאָר כ׳בעט דיך, אַלעקסאַנדער, פאַרגעס נישט אין מיר, שרייב מיר אָן אַ בריוו.

— האָסט נישט געדאַרפט שטיין הינטער דער טיר און אונטערהערן — מען טאָר נישט.

— דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, מעג מען אונטערהערן, אַזוי איז שוין אָנגענומען.

— איך האָב עס נישט געוווּסט.

— דו ווייסט אַ סך זאַכן נישט. דיין לעבן האָט געראַטעוועט דאָקטאָר אַרטעמאָוו, ער איז אַ וווּנדערלעכער מענטש, אים האָט ליב די גאַנצע דיוויזיע

און פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו רעדט וועגן אים ווי פון אַ גואל. איך ווייס, אַז ער איז דיין נאַטאַשאַס פאָטער.

— אויב דו האָסט מיך ליב, רעד נישט דערפון, רעד נישט וועגן דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— בלויז פאַר דיר דערצייל איך עס, מער פאַר קיינעם נישט, האָב נישט קיין מורא, אַלעקסאַנדער. איך שווער דיר, אַז איך וועל נישט אונטערטראָגן דער נקוו״ד וועגן אייער געשפרעך. און אויב דו ווילסט וועל איך די באַגלייטן אין הינטערלאַנד — דו ביסט נאָך אַזוי שוואַך, אַלעקסאַנדער, דאַרפסט אַ מענטש לעבן זיך. איך וועל בעטן דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו ער זאָל עס מיר דערלויבן.

— מיר איז אַלץ איינס...

— דו ביסט צו מיר גלייכגילטיק, ווילסט נישט אַז איך זאָל מיט דיר פאָרן.

— איך בין נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע און דו ביסט פול מיט לעבן און טעמפּעראַמענט און איך קען נישט שטילן דיינע פאַרלאַנגען.

— איך ווייס אַז דו דאַרפסט זיין אַליין און האָבן גוטע פלעגע.

— איך וועל דיר שרייבן, ווי נאָר איך וועל קומען צו זיך.

— דיינע בריוו וועל איך קושן און אָפּהיטן, ווי דו, דאָס קליינע הייליקע ספרל.

— עס ווערט שפּעט, גיי צוריק, מאַרוסיאַ.

— איך וועל די נאַכט בלייבן דאָ לעבן דיר. איך וועל שלאָפן מיט דער שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ.

— בעט דעם דאָקטאָר, אפשר וועט ער עס דיר דערלויבן.

— איך וועל דיר נאָר אַ קוש טאָן אין שטערן. זעסט, מיינע בלוטן צונדן זיך אָן נעבן דיר! איך וואָלט דיך איצט איינגעשלאָסן אין מיינע אָרעמס, ווי דו האָסט עס געטאָן אַ מאָל מיט מיר — דו ביסט אַ גוטער מאַן, איך האָב געפילט דיין שטאַרקייט.

— עס וועט מיר צוריקקומען דאָס בלוט און דער כוח.

— דו האָסט פאַרלוירן אַ סך בלוט. ווען דו וואָלסט געווען אַ שוואַכער מענטש וואָלסטו עס נישט אויסגעהאַלטן.

מאַרוסיאַ איז אַוועק. אַלעקסאַנדער איז געבליבן אַליין. ער האָט געבלעטערט דאָס תהילימל מיט די פאַרבלוטיקטע טעוועלעך. ווידער האָט ער געזען די היימישע בילדער: דייטשן טרייבן זיינע עלטערן און געשוויסטער צום לעצטן וועג...
דורכן קליינעם פענצטערל האָט אַריינגעשיינט די לבנה.

ער פילט, ווי שוואַך ער איז נאָך דער אָפּעראַציע. ער ליגט מיטן תהילימל אין דער האַנט און טראַכט וועגן זיין געפאַלענעם פריינד יאַנעק טוקאַלסקי, וואָס איז געפאַלן ווי אַ העלד. צי וועט די וועלט אַ מאָל אָפּשאַצן דעם קרבן פון די יונגע יידישע בחורים, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ שאַנס איבערצולעבן, אָבער זיי האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון קאַמף און מקריב געווען זייערע לעבנס פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק?

מאַרוסיאַ איז צוריק אַריינגעקומען.

— איך קען נישט געפינען דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו און איך וועל מיט דיר דאָ בלייבן. ער וועט מיך נישט אַרויסטרייבן.

— פאַר מיין געזונט וואָלט געווען בעסער ווען דו ביסט ווייטער פון מיר.

— איך וועל דיך צורו לאָזן, איך וויל נאָר זיין נאָענט נעבן דיר, דיך קושן. מאָרגן וועסטו זיין ווייט פון מיר...

זי איז געזעסן נעבן אים און דערציילט אים פון איר קינדהייט, פון אירע עלטערן, פון דער היים ביי דער וואָלגע. די לבנה האָט געשפּרייט אַ בלייך ליכט איבערן צימער. עס האָט געשמעקט מיט מעדיקאַמענטן. אַלעקסאַנדער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן. מאַרוסיאַ האָט אויסגעטאָן דעם שינעל, דעם פּאַס מיטן רעוואָלווער, געזעצט זיך נעבן אַלעקסאַנדערס פיס און זיך איינגעקוקט אין אים. אין אירע אויגן איז ער געווען דער שענסטער מאַן וואָס זי האָט ווען עס איז געטראָפן. — ער חלומט — האָט זי געטראַכט — וועגן זיינע נאָענטע, וואָס ווערן געפייניקט און אָוועקגעשיקט צו זייער יידישן גאָט. אַ ציטער איז איר דורך פון דעם געדאַנק.

אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע וואָלקנס. זיי האָבן אַרומגענומען די לבנה ווי מיט אַ טונקעלער רייף. די לאָדנס האָבן געקלאַפּט, אין צימער איז געווען טונקל. דאָס קליינע נאַכטלעמפּל האָט קוים באַלויכטן דאָס צימער. מאַרוסיאַ האָט זיך געלייגט לעבן אַלעקסאַנדערן, צוגעדעקט מיט איר שינעל און שנעל איינגעשלאָפן.

אַרטעמאָוו האָט פאַרענדיקט דאָס צוגרייטן די שווער־פאַרוווּנדעטע צום מאָרגנדיקן טראַנספּאָרט. אַ מידער, האָט ער אָבער געוואָלט זען וואָס עס מאַכט אַלעקסאַנדער און איז אַריין אין דער פּאַלאַטע. ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, נישט גלויבנדיק זיינע אויגן. מאַרוסיאַ איז געלעגן נעבן אַלעקסאַנדערן —ביידע זענען געשלאָפן. אין שלאָף איז איר געזיכט געווען פאַררויטלט, אַנטשפּאַנט, גליקלעך, קינדעריש צעשמייכלט. — דאָס איז די ליבע — האָט אַרטעמאָוו אַ טראַכט געטאָן. זיי האָבן אים דערמאָנט וועגן ראָמעאָ און יוליאַ. ער האָט באַשלאָסן זיי נישט צו וועקן. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום בעט און איינגעהערט זיך אין שווערן אָטעם פון אַלעקסאַנדערן, דערנאָך איז ער מיט שנעלע טריט אַרויס. ער האָט דערפילט אַ מידקייט און אַריין אין זיין צימער.

די שוועסטער טאַטיאַנאַ איז שוין געשלאָפן. ער איז געבליבן שטיין נעבן בעט און געקוקט אויף איר. עס זענען אים באַפאַלן זכרונות פון לאַגער. טאַניאַ, דאָס גאַסן־מיידל, מיט איר ברייטן געלעכטער — זי האָט אים געראַטעוועט ווען ער איז געווען גרייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד דורך וואַרפן זיך אונטער אַ פאַלנדיקן בוים אין וואַלד.

אויסטוענדיק דעם כאַלאַט, האָט ער באַמערקט, אַז ער איז פאַרבלוטיקט. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, וועמענס בלוט דאָס האָט געקאָנט זיין. אָ, יאָ — האָט ער זיך דערמאָנט — דאָס איז געווען אַן אַכצן־יאָריקער בחורל, אַ פרייוויליקער, וואָס איז געשטאָרבן ווי נאָר די סאַניטאַרן האָבן אים געבראַכט אין

פעלדשפּיטאָל. אַרטעמאָוו האָט אויסגעשריגן: פאַרשאָלטענע מלחמה! פון זײַן געשריי האָט די שוועסטער טאַניאַ זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— וואָס איז געשען, דאָקטאָר?

— גאָרנישט, מײַן ליבע. די מלחמה איז מיר שוין אַרײַן אין די ביינער. מײַן כאַלאַט איז פאַרבלוטיקט מיטן בלוט פון אַ יינגן קעמפער און דאָרט בײַ אַלעקסאַנדערן שלאָפט די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. וועסט איר מיט צען טראַקטאָרן נישט אָוועקרײַסן פון אים.

דער דאָקטאָר האָט געמורמלט: אויף די שלאַכטפעלדער גיסט זיך יונג בלוט פון רוסן, יידן און אַנדערע פעלקער.

— פאַר וואָס? — האָט טאַניע געפרעגט.

— פרעג מיך נישט, איך בין אַ מעדיקער און נישט קיין פּאָליטיקער. איך דאַרף שווייגן.

— מען טאָר אָבער נישט שווייגן.

— וועל איך שרײַען, וועט מען פון מיר לאַכן, מען וועט זאָגן אַז כ׳בין משוגע און פאַרמאַכן אין אַן אַנשטאַלט.

— איך וועל דיך ראַטעווען...

— אין לאַגער האָסטו מיך געראַטעוועט און איך פאַרדאַנק דיר מײַן לעבן. איך בין צופרידן, וואָס מײַן לעבן איז נוצלעך, איך קאָן העלפן ראַטעווען אַנדערע מענטשן.

— איך גיי, דאָקטאָר, זען וואָס עס מאַכט דער פּאַציענט אַלעקסאַנדראָוו.

— גיי, נאָר וועק אים נישט אויף. עס איז מיר אויך אַ רחמנות אויף דעם מיידל, זאָל זי שלאָפן לעבן אים. זי וועט אים נישט טאָן קיין שלעכטס.

טאַניאַ איז אַרויס פון שלאָפצימער און געגאַנגען צו אַלעקסאַנדערן. שוין לאַנג ווי עס ציט זי צום שיינעם לייטענאַנט. ער איז אַן אויסלענדער און דאָס האָט פאַר איר אַ ספּעציעלן רייץ. זי האָט געקענט אויסלענדער... זיי זענען גוטע, די אויסלענדישע מענער.

פּאָוואָלינקע האָט זי געעפנט די טיר. די בלוטן האָבן בײַ איר זיך אָנגעצונדן. זי איז געווען גרייט צו פאַרטרײַבן מאַרוסיאַן און לייגן זיך נעבן דעם שיינעם מאַן. זי האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פון דאָקטאָר: לאָז זיי צורו, ער איז סיי ווי צו שוואַך...

טאַניאַ האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שפּיגעלע. זי האָט דערזען איר צעפלאַמט פנים. אירע פאַרלאַנגען צום שיינעם פּאַציענט זענען געוואָרן שטאַרקער. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און איבערגעבויגן זיך איבער אַלעקסאַנדערן, זי איז צוגעפאַלן צו זײַנע ליפּן און זיך אײַנגעביסן אין זיי.

אַלעקסאַנדער האָט געעפנט די אויגן. מען טאָר נישט, מען טאָר נישט, שוועסטער... האָט ער געשעפּטשעט. זי האָט אים נישט געהערט נאָר ווילד געקושט. זי האָט אַרײַנגענומען זײַן האַנט צו זיך אין בוזעם און געגלעט מיט איר אירע שפּיציקע בריסטן. ער האָט געקוקט אַ פאַרצוויבערטער אויף די

באַוועגונגען אירע — זי איז געווען איין שטיק פייער, וועלכן ער איז נישט געווען אומשטאַנד צו לעשן.

מאַרוסיאַ האָט דערהערט אַלעקסאַנדערס רעדן. זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און דערזען די קראַנקן־שוועסטער מיט אַן אָפענעם דעקאָלט. מיט איין שפּרונג איז זי אַראָפּ פון בעט, אָנגענומען טאַניאַן שטאַרק ביי דער האַנט און אַרויסגעפירט זי פון צימער.

אַלעקסאַנדער איז געזעסן מיט אָפענע אויגן און זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. מאַרוסיאַ איז צוגעגאַנגען צו אים, געגעבן אים אַ קוש אין שטערן און ווידער זיך געלייגט נעבן אים.

נאָר שלאָפן האָט זי מער נישט געקענט. זי האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. צי ווייסט נישט די קראַנקן־שוועסטער אַז דער שווער־פאַרוווּנדעטער איז נאָך אַן אָפּעראַציע... זי האָט באַשלאָסן צו דערציילן וועגן דעם נאַכט־בילד דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זאָל ער וויסן ווער עס איז זיין געליבטע. פאַר אויפרעגונג האָט זיך מאַרוסיאַ צעוויינט.

— פאַר וואָס וויינסטו? — האָט זי אַלעקסאַנדער געפרעגט.

— די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ איז געקומען צו דיר און דיך געוואָלט פאַרגוואַלטיקן...

— נאַרישקייטן. אַראַבישע מענער האָבן אַ סך פרויען און קיין איינע וויינט נישט אויף איר גורל — האָט ער געפרווּווט צו פאַרוואַנדלען דעם פאַל מיט טאַניאַן אין אַ שפּאַס. זי איז יונג און דער דאָקטאָר קאָן נישט שטילן אירע פאַרלאַנגען, זוכט זי פרעמדע מענער.

— זי איז געווען אַ גאַסנפרוי און אַזאַ איז זי פאַרבליבן. איר ציט צו דיר, אַלעקסאַנדער.

— וויין נישט, מאַרוסיאַ, גענוג שוין אָנגעזען זיך טרערן. כ'האָב פאַרדרוס אַז דו וויינסט...

— איך וועל שוין נישט וויינען... איך קאָן נישט פאַרגעסן, ווי זי האָט זיך אומפאַרשעמט אויפגעשפּילעט און געוויזן אירע פולע ווייסע ברוסטן... איך פאָלג אויס די אָנווייזונגען פון דאָקטאָר דיך נישט צו רייצן, און די קראַנקן־שוועסטער רעכנט זיך נישט מיט דעם, אַז דו ביסט קראַנק און שוואַך.

דער ווינט אין דרויסן האָט זיך געשטאַרקט. פון דער ריכטונג פון פראָנט האָט זיך געהערט די מלחמה־מוזיק: אַ שיסעריי, באָמבאַרדירונג.

אַלעקסאַנדער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און נישט געקענט מער איינשלאָפן. טאַניאַ האָט ביי אים אָפּגענומען דעם שלאָף. דאַקעגן מאַרוסיאַ איז איינגעשלאָפן. מאָרגן פרי האָט זי געדאַרפט צוריקגיין צו איר דינסט, צו די טעלעפאָן־אַפּאַראַטן.

אַלעקסאַנדער האָט ווידער אַרויסגענומען דאָס תהילימל פון אונטערן קישן. דאָס פאַרטרוקנטע בלוט פון יאַנעק טוקאַלסקי אויף די טאָוולען פון ספרל,

האָט אים קיין רו נישט געגעבן. צו וואָס האָט דער געפּאַלענער געדאַרפט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון אַ פּאָליאַק? און ער אַליין, אויך ער האָט געענדערט זיין נאָמען. צו וואָס?

דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון די לאַדנס האָט אים דערמאָנט אין דער וואָרעמער שטוב ביי נאַטאַשאַן אין פּערם. גוטע, שיינע נעכט האָט ער פאַר־בּרענגט מיט דער שיינער נאַטאַשאַ. זי האָט אים געליבט מיט האַרץ, אַזוי ווי עס האָט ליב אַ רייפע פרוי און אַ גוטער מענטש. זי האָט אים אַלץ דערציילט, געהאָט צו אים צוטרוי. פאַר איר האָט ער געקענט עפענען זיין האַרץ, וואָס איז איבערגעפולט מיט טרערן — זי האָט אים פאַרשטאַנען. זי איז אַ קלוגע פרוי, אַ געבילדעטע. עס וועט זיין גוט צו לעבן מיט איר, היילן די וואונדן פון זיין לייב און פון זיין האַרץ. ערשט איצט באַנעמט ער, אַז זיין לעבן האָט געהאַנגען אויף אַ האָר. די קויל איז דורך נעבן האַרץ און אַוועק אויף דער רעכטער זייט. מסתמא האָט זיין יידישער גאָט געוואָלט, ער זאָל בלייבן לעבן און זיין אַן עדות פונעם העלדישן קאַמף פון יידן קעגן די דייטשן, פאַרן קיום און פאַרן כבוד פון זיין פאָלק.

ער ווייסט נישט ווען ער וועט ווידער קומען צו די כוחות.

די אויגן האָבן זיך אים ווידער פאַרמאַכט, נאָר ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן. נעבן אים איז רויק געשלאָפן מאַרוסיאַ. איר בלוזקע איז געווען אויפגעשפילעט. אויך זי האָט געוואָלט ווייזן אירע קליינע, ווייסע בריסטלעך.

אַלעקסאַנדער האָט געפילט איר וואַרעמקייט. די שלעכטע געדאַנקען זענען פון אים אַוועק. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט און איר אַרומגענומען...

מאַרוסיאַ האָט דערפילט זיין האַנט אויף זיך. ווי אַ שיכור, וואָס פאַלט צו צום פלעשל, אַזוי איז זי צוגעפאַלן מיט אירע ליפן צו אַלעקסאַנדערן. זי האָט זיך איינגעביסן אין זיינע ליפן... און דער ווינט האָט געקלאַפּט מיט די לאַדנס טיק־טאַק, טיק־טאַק.

פון מידקייט איז ער איינגעשלאָפן. מאַרוסיאַ האָט געוואַכט איבער אים. אין צימער איז געווען אַ שוואַך ליכט, די לבנה האָט זיך שוין באַהאַלטן אין שוואַרצע וואָלקנס. מאַרוסיאַ האָט אין זיי געזען אַן אָנזאָג פון שווערע טעג אַן אַלעקסאַנדערן, וועלכער פאַרלאָזט זי שוין מאָרגן...

עס וועלן קומען אַנדערע אויף זיין אָרט — טראַכט מאַרוסיאַ, — נאָר אין איר האַרץ וועט אים קיינער נישט פאַרטרעטן. נאָך לאַנג וועט זי אין אירע שענסטע חלומות זען דעם שיינעם לייטענאַנט. טרערן שטיקן זי אין האַלדז. זי וויל וויינען, בעטן צו גאָט — האָט זי אָבער קיין גאָט נישט — די סאָוויעטישע מאַכט האָט אויך דעם גלויבן ביי איר צוגענומען.

אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמע, זענען אויף די ווענט נישט געהאַנגען קיין איקאָנעס און ס'האָט נישט געברענט קיין ליכטל. דער פאָטער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, געקעמפט אין טשאַפּאַיעווס דיוויזיע. שפּעטער האָט אים דער קאָלכאָז אַנטוישט און זיין רעוואָלוציאָנערער חלום איז אַנטרינען. די

סאָוויעטן־מאַכט האָט אים גאָרנישט געגעבן, ער האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט, ווי מיליאָנען אַנדערע...

דורכן פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן אַן אָנזאָג אויף טאָג. דער ווינט האָט זיך נאָך אַלץ נישט איינגעשטעלט.

מאַרוסיאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זעקס אַ זייגער דאַרף זי איבערנעמען די דינסט ביי די טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, אַז נישט וועט איר פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו די הויט שינדן. ער איז אַ גוטער, דער פּאָלקאָווניק, נאָר ער האָט נישט ליב אַז עמעץ פון זיינע מענטשן פאַרנאַכלעסיקט זיינע פליכטן.

מאַרוסיאַ איז אַראָפּ פון בעט. שנעל האָט זי אָנגעטאָן דעם שינעל, פאַרצויגן דעם פּאַסיק, פאַרלייגט דעם רעוואָלווער, גרייט צום אַוועקגיין. ס׳איז אַריין דאָקטאָר אַרטעמאָוו מיט אַ ברייטן „גוט מאָרגן״.

— ווי איז זיך דיר געשלאָפן מיט אַלעקסאַנדערן — האָט ער גוטמוטיק געפרעגט.

— אַ דאַנק, גוט. איך וועל אייך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז איר האָט מיר דערלויבט די נאַכט דאָ צו פאַרברענגען. איר זענט גוט ווי אַ פאָטער.

גיי שוין, מאַרוסיאַ, גיי. קום אַהער מיטאָגצייט וועסטו זיך געזעגענען מיט אַלעקסאַנדערן. איך ווייס אַז דו האָסט אים ליב, אָבער פאַרגעס נישט, אַז ער האָט אַ פרוי, אַ דאָקטאָרין. אַ גוטע פרוי, אַ שיינע...

— איך ווייס עס.

— פון וואַנען ?

— ער האָט עס מיר געזאָגט.

— זעסטו, ער איז אַ ריינער מענטש, ער האָט עס פאַר דיר נישט אויסבאַהאַלטן.

— דערפאַר האָב איך אים ליב. ער זאָגט וואָס ער טראַכט, ער קאָן נישט אָפּנאַרן און אייך, דאָקטאָר, וויל איך נאָך אַ מאָל דאַנקען פאַר דער נאַכט וואָס כ׳האָב דאָ פאַרברענגט.

אַרטעמאָוו איז צו צו אַלעקסאַנדערן, אָנגענומען זיין האַנט, און געציילט זיין פּולס. — עס בעסערט זיך, ער וועט צוריק אַריין אין מאַרש... דערווייל האָט ער באַשלאָסן אים צוריקצושיקן קיין פּערם (מאָלאָטאָוו) ביים טייך קאַמאַ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, אַרויסגענומען דאָס בילד פון זיין פאַמיליע, און זיך איינגעקוקט אין די געשטאַלטן פון זיין פרוי, פון זיין טאָכטער און אויך אין אַלעקסאַנדערן. ער האָט געטראַכט, וואָס זאָל ער זאָגן אַלעקסאַנדערן פאַרן אָפּפאָר. באַלד אָבער איז ער געקומען צום אויספיר, אַז אַלעקסאַנדער ווייסט אַלץ און ער וועט וויסן ווי צו רעדן מיט אַנאַן און נאַטאַשאַן.

אַלעקסאַנדער האָט געעפנט די אויגן און דערזען דעם דאָקטאָר.

— גוט מאָרגן, דאָקטאָר — האָט ער אים באַגריסט.

— גוט מאָרגן, אַלעקסאַנדער. דיר איז גוט, דו קענסט שלאָפן. וועסט צוריק אַ מענטש... געדענק, וואָס מיר האָבן גערעדט. דערצייל זיי וועגן מיר. איך וועל אין זיי נישט פאַרגעסן און זאָל זיך די מלחמה ענדיקן וועל איך באַשליסן...

— איך וועל זיי איבערגעבן.

— גיב די האַנט, אַלעקסאַנדער. שפּעטער וועלן מיר זיך נישט קענען פריי געזעגענען...

— און נאָך אַ זאַך, פאָטער... באַרעכנט זיך, צי לוינט זיך צו האָבן אַ געליבטע וואָס זוכט אין די נעכט ליבע פון אַנדערע מענער ?...

— וואָס האָסטו געזאָגט ? ווער זוכט אין די נעכט אַנדערע...

— די שוועסטער טאַניע ליסענקאָ. זי זוכט אַנדערע און זי פאַרראַט אייך.

— פון וואַנען האָסטו עס גענומען ?

— די לעצטע נאַכט איז זי צו מיר געקומען, מיך געקושט און נישט אויס־באַהאַלטן איר חשק...

— איז דאָס אמת ?

— יאָ. איר ציט צו מענער, צום אַלטן פאַך — זי וועט קיין מאָל נישט זיין קיין געטרייע פרוי.

— און דאָך האָט זי מיר געראַטעוועט ס׳לעבן, אומגעקערט מיר דעם ווילן צום לעבן.

— דאָס איז געווען אין לאַגער. דאָ זייט איר פרייע מענטשן. אייער אַנטייל אין דער מלחמה וועט פאַרווישן אייערע אמתע, צי כלומרשטע „זינד" און איר וועט קענען אַראָפּנעמען די מאַסקע אונטער וועלכער איר לעבט.

— דו ביסט אַ נייער אין רוסלאַנד... פאַר אַזעלכע ווי איך איז נישטאָ קיין רעהאַביליטאַציע.

— עס וועט מיר נישט זיין לייכט איבערגעבן אַנאַן און נאַטאַשאַן דאָס וואָס איר האָט מיר באַפוילן.

— כ׳ווייס אין וואָסער וועלט איך לעב, איך ווייס וועגן טאַניען אויך. נאָר איך מוז נאָך אַלץ שווייגן. עס וועט קומען אַ טאָג, און איך וועל קענען ענדלעך אַראָפּ־רייסן די מאַסקע...

— יאָ, די ווערטער וועל איך זיי יאָ איבערגעבן.

— זאָג זיי נאָר איין זאַך: איך האָב אין זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

די שוועסטער טאַניע ליסענקאָ איז אַריין מיט פרישטיק פאַר אַלעקסאַנדערן.

— כ׳האָב דיר געבראַכט אַ שטאַרק פרישטיק. מיטאָג, קאָן זיין, וועסטו שוין פרישטיקן, אין צוג. זעץ זיך אויף.

— העלפט מיר, שוועסטער, וועל איך זיך אויפזעצן.

— לאָז, איך וועל דיך נעמען אונטער די אָרעמס.

— לאָז מיך, טאַניאַ, כ׳וועל אים אויפזעצן.

אַרטעמאָוו האָט געהאָלפן אים זיך אויפזעצן אין בעט. ער האָט אים אויך דערלאַנגט דאָס פרישטיק. אַלעקסאַנדער איז שוין געווען הונגעריק. ער האָט געגעסן שווייגנדיק. דער דאָקטאָר איז אַרויס פון צימער. די שוועסטער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול, ביים בעט. אירע אויגן האָבן געמאָסטן און געוויגן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און שטיל געזאָגט:

— דו, אַלעקסאַנדער, ביסט אַ שיינער מאַן. נישט אומזיסט לויפט צו דיר די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. אויך איך וואָלט צו דיר געלאָפן איבער פייער און וואַסער.

— דו ביסט דאָך די געליבטע פון דאָקטאָר, צו וואָס בין איך דיר נויטיק?

— דו ביסט יונג, פול מיט לעבן, און דער דאָקטאָר איז שוין אַן אַלטער מאַן.

— פאַרלאָז אים און נעם דיר אַ יונגן געליבטן. און איך — איך בין פאַרהייראַט.

— איך ווייס, דיין פרוי איז אַ דאָקטאָרין...

— גוט, וואָס דו ווייסט עס. סיי־ווי פאַר איך שוין אַוועק פון דאַנען.

— ווו דו זאָלסט נישט זיין, גיב צו וויסן פון זיך. דו ביסט נאָך שוואַך. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין קענען מיך נעמען אין די אָרעמס...

— מיר וועלן זיך נאָך טרעפן. ווי נאָר מיינע ווונדן וועלן זיך פאַרהיילן און איך וועל צוריקקומען צו די כוחות, וועל איך קומען אויפן פראָנט שלאָגן די דייטשן.

— ביז דאָס וועט געשען, ביז דו וועסט געזונט ווערן, וועט שוין זיין נאָך דער מלחמה — מען טרייבט דאָך די דייטשן פון אונדזער רוסישער ערד. און איצט קומט פרילינג...

— איי, דער פרילינג, דער פרילינג... צוזאַמען מיט די שווימן וועט אַ שפּראָץ טאָן שלום אויף דער וועלט, שלום פאַר אַלע פעלקער און אויך פאַר מיין פאַר־פייניקט פאָלק...

— יאָ... און איצט, גיב מיר די כלים און רו זיך אָפּ...

— ווען פאָרן מיר אָפּ?

— באַלד וועלן קומען אויטאָס און נעמען די קראַנקע צום וואָקזאַל. פון דאָרט וועט איר פאָרן אין פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען. דיין מאַרוסיאַ, די טעלעפאָניסטין, האָט געבעטן ביים פּאָלקאָווניק ער זאָל איר דערלויבן פאָרן מיט דיר. ער האָט איר נישט דערלויבט. „סאיז מלחמה, האָט ער געזאָגט, — און נישט קיין צייט אויף ליבע".

— זי וויל נאָר באַגלייטן אַ קאַמפּס־חבר אין שפּיטאָל אַריין.

— און ווער וועט זיצן ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט, איבערגעבן באַפעלן און אָפּנעמען ידיעות פון דער ערשטער קאָמפּסליניע? די דאַמען פון די גרויסע שטעט, וועלכע ווייסן נישט וואָס ס'איז אַזוינס מלחמה? זאָג מיר, אַלעקסאַנדער, דו גלויבסט אין גאָט?

— איצט, שוועסטער טאַניאַ, בין איך נישט אויפגעלייגט צו טראַכטן און רעדן וועגן דעם. די קריג וועט זיך ענדיקן, מיר וועלן זיך טרעפן, וועלן מיר רעדן וועגן דעם.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אַריינגעקומען.

— ביסט נאָך דאָ, שוועסטער? גיי צוגרייטן די פּאַציענטן, וועלכע ווערן עוואַקויִרט אין הינטערלאַנד, העלף זיי איינפּאַקן זיך און גרייט אויך צו זייערע דאָקומענטן.

— איך גיי, דאָקטאָר.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין האָט דער דאָקטאָר געפרעגט: — וועגן וואָס האָט איר אַזוי לאַנג גערעדט?

— זי איז אַן אינטערעסאַנטע פרוי — האָט אַלעקסאַנדער געענטפערט, אויסמיידנדיק.

— איך מוז שוין גיין, די אויטאָס וועלן באַלד קומען נאָך די קראַנקע און מיר מוזן דאָס מאַכן שנעל, בכדי די דייטשע אַעראָפּלאַנען זאָלן נישט אַ מאָל באָמבאַרדירן דעם טראַנספּאָרט. איך וועל צוקומען צום אויטאָ זיך געזעגענען מיט דיר.

אַלעקסאַנדער איז געבליבן אַליין אין צימער. איצט האָט ער געפּרוווט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען וואָס האָבן אים געמאַטערט. ער האָט ווידער געטראַכט וועגן זיין אַלטער היים. די מחשבה האָט אים קיין רו נישט געגעבן.

די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער אין איר פולן גלאַנץ. אירע שטראַלן האָבן געבלענדט די אויגן. ער האָט געוואָלט זען דעם ליכטיקן טאָג, אין וועלכן ער פאַרלאָזט די פראָנט־ליניע, דאָס פעלדשפּיטאָל און דעם פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, וואָס האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. טרערן זענען פאַרלאָפן זיינע אויגן, ווען ער האָט איינגעפּאַקט דאָס פאַרבלוטיקטע תהילימל, די איינציקע ירושה נאָך זיין געפאַלענעם חבר יאַנעק (משה) טוקאַלסקי.

פאַר צוועלף אַ זייגער זענען אַריינגעקומען צוויי סאַניטאַרן מיט אַ טראָגבעטל און אים צוגעטראָגן צום אויטאָ. די שוועסטער האָט איינגעדעקט די פאַרוווּנדעטע אין וואַרעמע דעקן. אַלעקסאַנדער האָט אויסגעדריקט זיין דאַנק דער שוועסטער מיט די אויגן. ביים אויטאָ איז געשטאַנען אַ קאָמיסאַר מיט אַ רויט פענדל אין האַנט. ער האָט געשריגן אויף די סאַניטאַרן: שנעלער, רעביאַטאַ (יאַטן), שנעלער, די דייטשן קאָן נאָך איינפאַלן צו באַשיסן און באָמבאַרדירן אונדז...

ד״ר אַרטעמאָוו איז צו צום אויטאָ ווו עס איז געזעסן אַלעקסאַנדער:

— ס׳איז דיר גענוג וואַרעם? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, אַ דאַנק.

אַרטעמאָוו האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן און אים געגעבן אַ קוש אין שטערן. ער איז געווען טיף גערירט, נישט געקענט רעדן — די ווערטער האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. אָן ווערטער, האָט ער געדריקט אַלעקסאַנדערס אויסגעדאַרטע האַנט און מיט טרערן אין די אויגן פאַרלאָזט דעם קאַמיאָן.

פינף מינוט פאַר צוועלף איז אָנגעקומען די טעלעפאָניסטין, מאַרוסיאַ, מיטן אַלטן פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו. שוין האָט דער קאָמיסאַר מיט רויטן פענדל געוואָלט געבן אַ צייכן צום לאָזן די מאָטאָרן, נאָר דער פאַלקאָווניק האָט געגעבן אַ צייכן מען זאָל צוואַרטן.

— ווו איז דער לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָוו? האָט ער אַ געשריי געגעבן.

— אין ערשטן קאַמיאָן — האָט אים שטיל געענטפערט דער קאָמיסאַר.

מיט שנעלע טריט האָבן יאַקאָוולעוו מיט מאַרוסיאַן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון ערשטן קאַמיאָן און ביידע זענען אַרויף אויפן אויטאָ.

דערזעענדיק אַלעקסאַנדערן, האָט זיך מאַרוסיאַ צעוויינט. זי איז צוגעפאַלן צו אים און געקושט אים. פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט געקוקט ווי אַ פאָטער, אַליין אויך טיף גערירט. שטיל האָט ער געזאָגט צו מאַרוסיאַן: מען טאָר מער נישט אויפהאַלטן דעם טראַנספאָרט... ער האָט דערלאַנגט זיין האַנט אַלעקסאַנדערן:

— זיי געזונט! — האָט ער נאָר געזאָגט...

מען האָט זיך געווונטשן: צום ווידערזען נאָך אונדזער זיג. דער קאָמיסאַר האָט געגעבן אַ צייכן מיטן רויטן פענדל און די אויטאָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג, פירנדיק די פאַרוווּנדעטע צו דער באַנסטאַנציע.

קאַפּיטל פינף

דער זייגער האָט נאָך נישט געשלאָגן צוועלף

אַנאַ מאַסלאָוואַ איז געזעסן ביים טיש איבערגעבויגן איבערן בוך: „די מעדיצין און דער מענטש", פון פּראָפ' פּאַוועל מאַסלאָוו — איר מאַן. זי איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין לייענען, אַז זי האָט נישט באַמערקט אַז איר טאָכטער, נאַטאַשאַ, איז נאָך נישט אַהיימגעקומען. דאָס קלאַפּן פון וואַנט־זייגער האָט איר איבערגעריסן דאָס לייענען.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איר בליק איז געפאַלן אויפן זייגער. שוין באַלד צוועלף און נאַטאַשאַ איז נאָך נישטאָ... ווו איז זי? ס'האָט נאָך מיט איר נישט פּאַסירט, זי זאָל אַזוי שפּעט אַהיימקומען.

אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט שוין מער נישט געקענט לייענען. זי האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. ס'איז געשטאַנען אַ לבנה־נאַכט. דער הימל איז געווען אויסגעזעצט מיט שטערן. אַזאַ ליכטיקע נאַכט האָט אַנאַ נישט געזען זייט מען האָט פאַרנומען איר מאַן, פּראָפ' פּאַוועל מאַסלאָוו. זי איז געשטאַנען און אַרויסגעקוקט אויפן צוריקקומען פון דער טאָכטער.

די ליכטיקע לבנה־נאַכט האָט באַרויִקט אירע נערוון. די שטערן אויפן הימל האָבן איר דערמאָנט אירע מיידלשע יאָרן, ווען זי פלעגט זיך אין אַזעלכע ליכטיקע נעכט טרעפן מיטן סטודענט פּאַשאַ מאַסלאָוו און לאַנגע שעהען שפּאַצירן מיט אים איבער די מאָסקווער גאַסן.

זי האָט זיך דערמאָנט אין אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ, און זי איז געגאַנגען זען צי נאַסטיאַ איז שוין אין דער היים. נאַסטיאַ איז נאָך נישט געווען אין דער היים. אַנאַ האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט — קאָן זיין, אַז נאַטאַשאַ איז געגאַנגען ערגעצוו פאַרברענגען מיט נאַסטיאַן.

אַנאַ איז צוריק אַריין אין איר צימער. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט און נאַטאַשאַ איז נאָך נישטאָ. ווו און מיט וועמען איז זי איצט, האָט איר געקומען מאַטערן אַ געדאַנק? צי וועט ווידער נישט קומען אין זייער לעבן עמעצער ווי קאָמיסאַר באַבושקין און זיי באַוועלן?

זי האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ. איר מוטערלעך האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פרייד — יאָ, ס'איז געווען נאַטאַשאַ.

שטיל האָט נאַטאַשאַ געעפנט די טיר און אַריין אין איר צימער. זי האָט דערזען אַז די מוטער שטייט נאָך אין פענצטער און שטיל געפרעגט:

— מאַמע, פאַר וואָס שלאָפסטו נאָך נישט?

— איך האָב נישט געקענט איינשלאָפן זעענדיק, אַז ס׳איז שוין צוועלף און דו האָסט נישט פאַרזאָגט אַז דו וועסט קומען שפּעט...

— איך ווייס, דו ביסט אַ גוטע, ליבע מאַמע... דעם טאַטן האָסטו אויך אַזוי ליב געהאַט און געציטערט פאַר יעדן טריט זיינעם?

— יאָ, טאָכטער. איך האָב ליב באַקומען פאַוולען ווען כ׳בין נאָך געווען זייער יונג. די סטודענטישע יאָרן האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען, ביי וויסנשאַפטלעכע ביכער. דיין טאַטע איז צו מיר געווען גוט און האָט מיך טיף געליבט...

אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטול און אָנגעהויבן וויינען. נאַטאַשאַ איז צו איר צוגעגאַנגען:

— וויין נישט, מאַמע, דער פאָטער לעבט און וועט זיך צו אונדז אומקערן. כ׳האָב געהערט, אַז אַלע אַרעסטאַנטן פון די לאַגערן קאָנען אויסקויפן זייערע זינד, מעלדנדיק זיך פריייוויליק אויפן פראָנט.

— אויך איך האָב וועגן דעם געהערט. נאָר דיין פאָטער איז שוין נישט קיין יונגער מענטש.

— אָבער ער איז אַ מעדיקער און אויפן פראָנט דאַרף מען איצט אַ סך מעדיקער...

— זאָל זיין גוט, טאָכטער. אָט איז דער פרילינג אויף דער שוועל. מיר וועלן פאַרזעצן קאַרטאָפל — מיר דאַרפן אַליין פאַרזאָרגן זיך מיט שפייז. קיינער וועט אונדז אין דעם נישט העלפן.

יאָ, אויף אַלע פאַבריקן טיילט מען צו די אַרבעטער ערד צו פאַרזעצן קאַר־טאָפל פאַר זייערע משפחות. אויך מיר וועלן באַקומען. און איצט, מאַמע, לאָמיר שלאָפן.

דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעשלאָגן איינס.

— פאַר וואָס דערציילסטו נישט דער מאַמען, ווו דו האָסט פאַרבראַכט ביז אַזוי שפּעט?

— איך וועל דיר אַלץ דערציילן, אָבער איצט לאָמיר שלאָפן, עס איז שוין זייער שפּעט.

אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט זיך געלייגט שלאָפן. נאַטאַשאַ איז צו צום פענצטער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין אַזאַ אָוונט האָט זי באַקענט אַלעקסאַנדערן... ווו איז ער איצט, פאַר וואָס שרייבט ער נישט? שוין לאַנג נישט געהאַט קיין בריוו פון אים. נאַטאַשאַ האָט גענומען דעם לעצטן בריוו, אים צום הונדערטסטן מאָל איבערגעלייענט אויפמערקזאַם און צוגעלייגט צו די ליפּן.

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט זי געקוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל. די פינקלדיקע, רירעוודיקע שטערן האָבן צוגעשמידט איר בליק. ס׳איז איר געווען אַ שאָד צו גיין שלאָפן — אין אַזאַ שיינער נאַכט.

סוף כל סוף איז זי אַוועק שלאָפן, אָבער לאַנג נאָך געלעגן מיט אָפענע אויגן און אירע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום דער שטוב פון דאָקטאָר פּעטראָוו, ווו

עס קומט זיך צונויף די „סמעטענע״ פון שטעטל, מען עסט געבראָטענע האָזן און מען פּאַרטרינקט מיט וואָדקע. אַלע האָבן רויטע, אויסגעפּרעסענע פּיסקעס, לאַכן, פאַרברענגען פריילעכע נעכט מיט יונגע פרויען, און דאָרט, אויפן פּראָנט, בלוטיקן די בעסטע, די ערלעכסטע...

זי האָט זיך אַליין געיאַדעט. צו וואָס האָט זי זיך געלאָזט איבעררעדן פון אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ? צו וואָס איז זי מיט איר געגאַנגען פאַרברענגען אין אַזאַ געזעלשאַפט? וואָס וועט זאָגן אַלעקסאַנדער אַז ער וועט זיך דערוויסן פון איר אויפפירונג? ניין, מער וועט זי נישט פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט. גוט האָט זי געטאָן וואָס זי איז אַוועק אין דער מיט, אַרויסשאַרנדיק זיך ווי אַ גנבֿ...

ווידער האָט נאַטאַשאַ אַרויסגעצויגן אַלעקסאַנדערס בריוו, געהאַלטן אים אַ ווײַלע אין האַנט, דערנאָך, אַ באַרויִקטע, אים געלייגט אונטערן קישן און אײַנגעשלאָפן.

ווען נאַסטיאַ איז אַהיימגעקומען, האָט דער זייגער שוין געהאַט אויסגעשלאָגן צוויי. זי איז אַרײַן צו זיך אין צימער און געוואָלט זיך לייגן.

— בעסער, אַז איך זאָל זיך לייגן מיט נאַטאַשאַ — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. ס'האָט איר געצויגן צו נאַטאַשאַן ווי צו אַ מאַן.

די מענער־געזעלשאַפט האָט נישט באַפרידיקט אירע פאַרלאַנגען. זיי האָבן געפרעסן און געזויפט איבער דער מאָס, אַזוי, אַז אויף צו באַפרידיקן אַ יונגע פרוי איז זיי נישט געבליבן קיין כּוח.

נאַסטיאַ איז אַהיימגעקומען אַ צערייצטע, איר צעהיצטער טעמפּעראַמענט האָט איר קיין רו נישט געגעבן. מיט איין שפּרונג איז זי געווען נעבן נאַטאַשעס בעט. זי האָט געקוקט אויף די שיינע, יונגע דאָקטאָרין און געווען צופרידן וואָס זי האָט זי אַרײַנגענומען אין דער דירה. זי האָט זיך אויסגעטאָן חוה־נאַקעט און געלייגט זיך נעבן נאַטאַשאַן. זי האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון נאַטאַשאַס קערפּער און איז געוואָרן איין שטיק פייער. זי איז געלעגן ווי אַ צערייצטע חיה, אירע ברוסטן האָבן באַרירט נאַטאַשאַס פּלייצע, זי האָט די שלאָפנדיקע אַרומגענומען און גע־דריקט זיך צו איר.

ס'האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע: אין טיפן שלאָף, האָט נאַטאַשאַ געמיינט אַז דאָס איז אַלעקסאַנדער, אָבער נאָכן באַרירן מיט דער האַנט נאַסטיאַס פולע ברוסטן, האָט זי ברייט געעפנט די אויגן — און ווידעראַמאָל דערזען לעבן זיך נאַסטיאַן. שרייען פון בעט אַרויס האָט זי נישט געוואָלט — די מוטער וואָלט זיך איבערגעוועקט און דערשראָקן. האָט זי מיט דער האַנט געוויזן איר די טיר. אָבער נאַסטיאַ האָט זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך. נאַטאַשאַ האָט געשפּירט דעם גלי פון נאַסטיאַס קערפּער, זי האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס. די שיכּורע מענער, אויפן פריילעכן אָוונט, האָבן זי נישט באַפרידיקט, איז זי געקומען שטילן אירע צעברויזטע בלוטן ביי נאַטאַשאַן. וואָס מער די דאָקטאָרשע האָט זיך אָפּגערוקט, אויסגעדרייט צו איר מיט דער פּלייצע, אַלץ מער האָט יענע זיך צעהיצט און זיך געצויגן צו איר. אַזוי האָט עס אָפּגעהאַלטן ביי אַ שעה צייט.

ווען דער וואַנטזייגער האָט אויסגעשלאָגן דריי, איז נאַטאַשאַ אַרויס פון איר בעט און אַריין צו דער מוטער. דאָרט איז זי ענדלעך איינגעשלאָפן.

פאַרטאָג איז נאַטאַשאַ אַרויס פון דער מוטערס בעט און אַריין צו זיך. נאַסטיאַ איז שוין געשלאָפן אין איר אייגן בעט, מיט דער פלייצע אַרויף.

עס איז געווען זונטיק. דער אָנקומענדיקער פרילינג האָט שוין געגעבן די ערשטע צייכנס. נאַטאַשאַ האָט זיך מיט פאַרגעניגן אַרויסגעלאָזט אויף אַ לענגערן שפּאַציר צום טייך קאַמאַ.

דאָס אייז אויפן טייך איז שוין געשפּאָלטן. נאַטאַשאַן איז געווען אָנגע־זאָלצן אויפן האַרצן. זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין בריוו פון אַלעקסאַנדערן. אין לעצטן בריוו האָט אַלעקסאַנדער געהאַט געשריבן, אַז ער דאַרף דורכגיין אַן אָפּעראַציע — מען מוז אַרויסנעמען פון זיין קערפּער אַ קויל, וואָס איז געבליבן שטעקן אין זיין רעכטער זייט.

נאַטאַשאַ האָט שפּאַצירט איינע אַליין ביים ברעג פון טייך. זי האָט נאָכגעטראַכט צי די אָפּעראַציע איז געלונגען, צי חלילה נישט ?... דאָס ליימיקע וואַסער אונטער דעם אייז האָט איר אַ בלישטש געטאָן אין די אויגן... עס האָט איר גענומען מאַטערן אַ געדאַנק : אפשר מיט איין מאָל פאַרענדיקן אין דעם ליימיקן שטראָם מיט אַלע אירע ליידן ? מען האָט ביי איר צוגענומען איר טייערן און ליבן פאָטער, דערנאָך איר געליבטן אַלעקסאַנדער, זי ווערט געטריבן פון איין אָרט אויפן צווייטן, מען וואַרפט איר פאָר, אַז איר פאָטער איז געווען אַ פאָלקס־שונא. זי ווייס, אַז איר פאָטער איז געווען אַן ערלעכער מענטש און גוטער בירגער, אַן איבערגע־געבענער פאָרשער, מחבר פון וויסנשאַפטלעכע ווערק... ווען איז ער געווען צו גרויס אין די אויגן ? — האָט זי געטראַכט.

נאַטאַשאַ הערט ווי דאָס אייז שפּאַלט זיך מיט אַ קלאַנג פון אַ דונער. אויפן ברעג שטייט אַן איינזאַמער פישער און פאַרוואַרפט זיין נעץ. זי דערקענט דעם פישער — דאָס איז דער שאָפער וואָס האָט זיי געבראַכט מיט אַ קאַמיאָן קיין אַכאַנסק.

— אַ גוט מאָרגן אייך, דאָקטאָרין — האָט ער זי באַגריסט פון דער ווייטנס. אַזוי פרי געקומען צום טייך

— כ׳האָב ליב די רוסישע טייכן און וועלדער — פּושקין, לערמאָנטאָוו און יעסענין האָבן זיי אַזוי שיין באַזונגען.

— דו ביסט גראַמאָטנע, דאָקטאָרין, איך האָב פּושקינס און לערמאָנטאָווס פערזן נישט געלייענט, נאָר פון יעסענינען האָב איך יאָ געהערט. אייך דאָקטאָר, איז גוט, איר זייט גראַמאָטנע און איך בין אַ פּראָסטער שאָפער. היינט איז מיין רו טאָג בין איך געקומען כאַפּן פיש. זעט, דאָקטאָר, ווי די זון־שטראַלן שפּאַלטן דאָס אייז. אויף אַלעם קומט אַ צייט. זאָג, מיר, דו ביסט דאָך אַ געלערנטע, צי וועט צו אונדזער געמיין לעבן אויך קומען אַ סוף ?

— איך ווייס נישט.

— דו ווייסט שוין יאָ, נאָר דו ווילסט נישט רעדן, און איך ווייס נישט און קען נישט רעדן, און דו האָסט אויך מורא צו רעדן...

כ׳בעט איך, גולייעוו, רעדט נישט מיט מיר וועגן די זאַכן, זאָגט מיר בעסער וואָס איז געווען נייעס אין קאָמוניקאַט פון פראָנט?

— אַ גוטער קאָמוניקאַט געווען — אונדזערע גייען פאָרויס. די רוסישע ערד וועט אין קורצן זיין פריי. איך וויל דיך איינלאַדן קומען צו מיר היינט אין אָוונט אויף געפּרעגלטע פיש מיט וויין. וועסט זיך באַפרייען פון דיינע זאָרגן.

— וווּ וווינט איר, גולייעוו?

— דאָ, אין דעם הויז מיט די גרינע לאָדנס.

— איך וועל קומען צו אייך — כ׳וויל זען ווי דער פאָלקסמענטש פרייט זיך.

— וועסט זען, נישט אַזוי ווי נאַשאַלסטווע. ביין, דאָקטאָרשע, נישט אַזוי...

— איר גייט שוין אַהיים, דאָקטאָר? איך וועל אייך געבן פיש פאַר דער מוטער.

— אַ דאַנק, מען דאַרף נישט.

— נעם אַ באַשיידענע מתנה פאַר דיין מוטער. דו ווייסט דאָך, אַז פאַר געלט איז דאָס אַרטיקל שווער צו קריגן. אַזויפיל טייכן האָבן מיר, דיכטער האָבן זיי באַזינגען, האָסטו געזאָגט, דאָס פאָלק איז הונגעריק, און קיין פיש זענען נישט בנמצא. זע, ווי די פיש בעטן זיך, ממש, מען זאָל זיי אַרויסציען פון קאַלטן טייך, זיי בעטן זיך, כמעט, אַ שווים טאָן אין אַ מענטשלעכן מאָגן...

דו האָסט געזאָגט אַז דו ביסט נישט קיין געלערנטער און רעדן רעדסטו ווי אַן אמתער שפראַך־פאָרשער.

—זע, דאָקטאָרשע, וויפל פיש עס זענען פאַראַנען און אויפן מאַרק זענען די וואַנעס ליידיק.

— איך גיי שוין, איך וויל נישט הערן קיין פּאָליטיק.

— וואַרט צו, איך וועל אייך אָנלייגן אַ כלעבאַק מיט פיש, זאָל אייער מאַמע האָבן פון זיי הנאה. איך האָב געהערט די געשיכטע פון אייער פאָטער...

— כ׳בעט אייך, גולייעוו, רעדט נישט, שיט נישט קיין זאַלץ אויף אונדזערע וווּנדן. איך בין אייך דאַנקבאַר, וואָס איר האָט אונדז מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט און גוטהאַרציקייט געבראַכט פון פערם אַהערצו.

— אויך איך בין געווען אין לאַגער און ווייס גוט וואָס עס מאַכט דאָרט אייער געלערנטער פאָטער.

— איך מוז שוין גיין, די מאַמע וועט איבערקלערן.

— נעם די פיש און קום אין אָוונט. איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. קיין בראָנפן טרינק איך נישט און שיכור בין איך אויך קיין מאָל נישט. איך וויל פון דיר הערן, דאָקטאָר, די לידער פון פושקין לערמאָנטאָוו און יעסענין.

— איך וועל קומען. זייט געזונט.

מיט פרייד איז נאַטאַשאַ אַריין אין שטוב.

— מאַמע, כ׳האָב דיר געבראַכט אַ מתנה פון שאָפער גולייעוו, פיש. אַ פולן קלעבאַק מיט פיש.

— ווו האָסטו געטראָפן דעם שאָפער גולייעוו ?

— ביים טייך. ער איז אַ גוטער פישער.

— און דו ביסט אַליין געגאַנגען צום טייך ? איך בעט דיך נאַטאַשאַ, טו עס נישט מער. איך האָב מורא, טאָכטער...

— דו ביסט גערעכט, מאַמע...

— איך קלער איבער, אַז דו גייסט אַוועק. נעכטן ביסטו אַזוי שפּעט אַהיימ־געקומען.

— איך וועל דיר דערציילן ווו כ׳בין געווען. אַנאַסטאַסיאַ האָט מיך מיטגע־נומען אויף אַן אָוונט — עס איז דאָרט געווען די גאַנצע „סמעטענע״ פון שטעטל.

— נו, און וואָס האָסטו דאָרט געזען ?

— אַ סך, זייער אַ סך. האָסט געדאַרפט זען ווי זיי האָבן געפרעסן געבראָטענע האָזן און געטרינקען בראַנפן. אַלע זענען געווען טויט־שיכור.

— און דו, טאָכטער, האָסט אויך געטרינקען ?

— כ׳האָב בלויז באַנעצט די ליפּן

— איך האָב געזען די נאַכט, ווי אַנאַסטאַסיאַ איז צו דיר געקראָכן אין בעט אַריין. וואָס וויל זי פון דיר ?

— זי איז געקומען אַ צעפלאַמטע און דער טעמפּעראַמענט האָט איר נישט געגעבן קיין רו, איז זי געקומען צו מיר זוכן אַ וואַרעמען קערפער.

— דאָס אַנדערע מאָל טרייב זי אַרויס.

— איך האָב דיך נישט געוואָלט ביינאַכט איבערשרעקן און אויפוועקן. אַחוץ דעם קאָן זי אונדז אָפּזאָגן פון דער דירה...

— יאָ, אָן אַ דירה קאָן זיין שלעכט... לאָמיר האָפן, אַז די מלחמה וועט זיך גיך ענדיקן, דער טאַטע וועט אַהיימקומען און אַלעקסאַנדער וועט זיך אומקערן — וועלן מיר פאַרלאָזן אַכאַנסק, ווו מען טאַפּטשעט אין די בלאָטעס ביז די קני. די זון וועט נאָך פאַר אונדז אויפשיינען און מיר וועלן מער נישט ווערן געטריבן ווי די ציגיינער.

אַנאַ האָט די פיש אַריינגעלאָזט אין אַ גרויסן שיסל וואַסער. אין קאַלטן וואַסער האָבן די פיש אויפגעלעבט. אַנאַ האָט זיך צוגעקוקט ווי די פיש שלינגען גייציק דאָס וואַסער און שווימען אַרום אין דער שיסל. דאָס האָט איר דערמאָנט די צייט, ווען זי מיטן מאַן זענען אַרויסגעפאָרן אויף זומער־אָפּרו אין אַ דאָרף ביי דער וואָלגאַ. זי האָט דאַן ליב באַקומען דעם גרויסן טייך, — פאַוועל פלעגט גאַנצע טעג פאַרברענגען אויפן ברעג ביים פישפאַנג.

פון די זכרונות האָט זיך ווידער אַרויסגעוועבט דער מאָטערנדיקער געדאַנק: פאַר וואָס האָט מען אים, איר מאַן, דעם גוטן בירגער, דעם איבערגעגעבענעם מעדיצין־פאָרשער, פּראָפ׳ פאַוועל מאַסלאָוו, אָפּגעריסן פון זיין אַרבעט, פון זיין היים, פון זיינע נאָענטסטע ? פאַר וועלכע זינד האָט מען אים פאַרשפּאַרט איז אַ

לאַגער? ער איז געווען אַ שטילער מענטש; וועגן סאָוויעטישן רעזשים האָט ער מיט קיינעם נישט דיסקוטירט און בכלל אויסגעמיטן דיסקוסיעס אויף פּאָליטישע טעמעס; ער האָט נישט גערעדט וועגן דער לאַגע פון אַרבעטער און פּויערים, וואָס הונגערן און קענען פאַר זייער האַרעוואַניע נישט קויפן קיין העמד אויפן לייב — אים איז אָנגעגאַנגען נאָר זיין געביט — די מעדיצין. ער איז געווען אַ שווייגער — פאַר וואָס זשע האָט ער פאַרלוירן דעם חן אין די אויגן פון די פּאַרטיי־אָנפירער?

מיט נאַטאַשאַס אַריינקומען האָבן זיך איבערגעריסן אירע שווערע מחשבות. — לאָז מאַמע, וועל איך דיר צוהעלפן צוגרייטן די פיש צום פּרעגלען.

— ווייסט וואָס, נאַטאַשאַ, מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, זאָלסט אָנשרייבן אַ בריוו צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו און פרעגן אים אויף אַלעקסאַנדערס צושטאַנד.

— מאַמע, פאַר דעם געדאַנק ביסטו ווערט אַ קוש. איך גיי שוין אָנשרייבן אַ בריוו צו דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי איז טאַקע גלייך אַריין אין איר צימער און געזעצט זיך שרייבן.

אין שטוב איז געווען פריילעך:

די גרינע קאַנאַריקלעך אין שטייגל זענען געשפּרונגען אויף די לייטערלעך; זיי האָבן אויף אַ ווײַלע פאַריאָגט פון נאַטאַשאַן די שווערע געדאַנקען וועגן איר מאַן, דעם העלדישן אַלעקסאַנדער.

עס איז שוין געווען מיטאָגצייט. אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ איז נאָך געשלאָפן. אינעם שלאָף האָט זי דערפילט דעם גערוך פון געפּרעגלטע פיש. זי איז אויפגעשטאַנען פון בעט און אַריין אין קיך.

— אַך, אַנאַ איוואַנאָוונאַ, ווו האָט איר באַקומען אַזעלכע פיינע פיש?

נאַטאַשאַ האָט באַקומען די פיש אַלס מתנה פון שאָפער גולייעוו.

— ווער איז דער גולייעוו?

— גיי אַריין צו נאַטאַשאַן, זי וועט דיר געגוי זאָגן; גרייט זיך צו, מיר וועלן באַלד עסן פריש־געפּרעגלטע פיש פון דער קאַמאַ.

נאַטאַשאַ איז געזעסן און געשריבן אַ בריוו צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו. די פייגעלעך אין שטייגל האָבן געזונגען, זונשטראַלן האָבן אויסגעטריקנט די לעצטע טראָפּנס פייכטקייט פון די פענצטער; נאַטאַשאַ האָט נישט באַמערקט נאַסטיאַס אַריינקומען אין צימער. אויפהייבנדיק די אויגן, האָט זי דערזען נעבן זיך נאַסטיאַן אַ פאַרשלאָפענע, רייבט זיך די אויגן.

— צו וועמען שרייבסטו, נאַטאַשאַ?

— צו אַלעקסאַנדערן.

— כ׳זע דאָך, אַז דו שרייבסט צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— כ׳וויל ביי אים פרעגן אויף אַלעקסאַנדערן — אַ דאָקטאָר דאַרף וויסן וועגן צושטאַנד פון זיין פּאַציענט. איך מוז וויסן וואָס אַלעקסאַנדער טוט, צי לעבט ער נאָך...

— זאָרג נישט, אַלעקסאַנדער לעבט און ער וועט צו דיר צוריקקומען, נאָר מיין מאַן לעבט נישט און ער וועט זיך קיין מאָל שוין נישט אומקערן...

— זאָג נישט אַזוי, נאַסטיאַ. אפשר האָט ער זיך געראַטעוועט, אפשר איז ער מיט די וואָלאָסאָווצעס, און אפשר איז געפאַנגענשאַפט ?...

— אויב אַזוי, וויל איך אים מער נישט קענען ?

— גיי, נאַסטיאַ, טו זיך אָן, דו מאַמע גרייט מיטאָג, וועסט היינט עסן מיט אונדז פריש־געפּרעגלטע פיש.

— אַ דאַנק דיר, נאַטאַשאַ. דו ביסט אַ גוטער מענטש. ווייזט אויס, אַז דאָרט ווו ס'איז פאַראַן וויסן, איז אויך פאַראַן מענטשלעכקייט.

— איך וועל אייך היינט אויך איבערראַשן ביים מיטאָג. אויך איך וועל עפּעס ברענגען.

נאַטאַשאַ האָט פאַרענדיקט דאָס שרייבן דעם בריוו. זי האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַוועק צו דער פּאָסט באַלייגן דעם בריוו. אויפן גאַס האָבן דער ווינט און די זון געטרוקנט די בלאָטע, פאַרבליבענע נאָכן ווייסן שניי־טעפּעך.

ביים פּאָסט־קעסטל איז נאַטאַשאַ שטיינגעבליבן. אירע בלויע אויגן האָבן צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויפן בריוו — מיט אַ ציטער האָט זי אים אַרויס־געלאָזט פון האַנט. איר מוח איז געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק: צי לעבט ער נאָך, מיין גוטער, שטילער אַלעקסאַנדער?

צוריק אַהיים איז נאַטאַשאַ געגאַנגען מיט פאַרווייניטע אויגן. זי האָט נישט געמערקט, ווי באַקאַנטע גריסן זיך צו איר. די שיינע דאָקטאָרין נאַטאַליאַ פּאַוולאָוונא מאַסלאָווא, האָט שוין דעמאָלט געשמט ווי אַ גוטער דאָקטאָר און האַרציקער מענטש. זי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרטראַכטע וועגן דער גרויסער מלחמה, וואָס פירט זיך אויף דער וועלט.

שוין נישט ווייט פון דער היים, האָט איר אָפּגעשטעלט דער אַמבולאַטאָריע־דירעקטאָר, דאָקטאָר פּעטראָוו.

— וואַרט אַ רגע, נאַטאַשאַ, כ'זע דו וויינסט, פאַרוואָס וויינסטו ? דערצייל מיר. וואָס איז די סיבה פון דיינע טרערן ?

— ס'איז גאָרנישט, דאָקטאָר. כ'האָב איצט אַוועקגעשיקט אַ בריוו אין פעלדשפּיטאָל, ווו מיין מאַן אַלעקסאַנדער, איז געוואָרן אָפּערירט. איך ווייס נישט צי די אָפּעראַציע איז געלונגען, צי ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער — דערפאַר האָב איך געוויינט.

— נאָר דערפאַר האָסטו געוויינט ? ס'פעלן נישט קיין מענער! וועסט באַקומען אַ צווייטן מאַן — ביסט יונג און שיין און אַ גוטע ספּעציאַליסטין. די איינוווינער פון שטאָט ליובן דיך; לעבן דיר באַקום איך אויך ליובוועריטער פון פאַרטיי־סעקרעטאַר. נאָר נעכטן אין אָוונט האָסטו געהאַנדלט נישט שיין — ביסט אַוועק אין מיטן...

— נישט פאַר מיר זענען אַזעלכע אָוונטן מיט וואָדקאַ און פרעמדע מענער.

— דו וועסט זיך צוגעוווינען, נאַטאַשאַ, וועסט פאַרגעסן אין דיין אַלעקסאַנדער.

— קיין מאָל נישט! און אויפן אָוונט צו אייך, דאָקטאָר, בין איך אַרייַנ־געפאַלן צופעליק.

— דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל. כ'האָב געבעטן דיין באַלעבאָסטע אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ זי זאָל דיך ברענגען.

— אַלץ איינס, מער וועל איך שוין אויף אַזעלכע אָוונטן נישט קומען.

— אַ מענטש דאַרף גיין זען און הערן אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט ער איז.

— איך האָב שוין געזען און געהערט — און דווקא נישט קיין שיינע ווערטער וועגן דער סמעטענע פון שטאָט. די מענטשן דאָרט זענען געווען שיכור און איבערגעפרעסן...

— קום היינט צו, נאַטאַשאַ, וועסט זיין צופרידן...

— איך וועל נישט קומען!

— וועסט יאָ קומען.

— ניין, איך וועל נישט קומען. און מיט שנעלע טריט האָט זי זיך דער־ווייטערט פונעם נישט־סימפּאַטישן דאָקטאָר פּעטראָוו.

די פרישע פיש האָבן פאַרשמעקט די שטוב. דער טיש איז געווען סערווירט יום טובדיק. ס'איז געשטאַנען אַ פלאַש וואָדקאַ מיט דריי שטערנדלעך, פרישע אייער פון הינערשטייג, האָט געבראַכט נאַסטיאַ. די מאַמע איז געווען אויפ־געלייגט — שוין לאַנג נישט צוגעגרייט אַזאַ קעניגלעכן מיטאָג.

אין שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט. מען האָט נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון זייגער: טיק־טאַק, טיק־טאַק... די איינזאַמע דריי פרויען האָבן זיך געזעצט צום זונטיקדיקן מיטאָג. די קאַנאַריקלעך האָבן געזונגען פרילינגדיק. אויך די זון האָט אַרייַנגעשיינט דורכן פענצטער, באַלייכטנדיק דאָס צימער. אַנאַ און נאַסטיאַ האָבן געמאַכט אַ לחיים, נאָר נאַטאַשאַ האָט נישט מיטגעהאַלטן. זי האָט געגעסן די אייער און די פיש, שווייגנדיק. אירע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט נאָר אַרום איין טעמע: צי לעבט ער נאָך, איר אַלעקסאַנדער?...

נאַסטיאַ האָט איבערגעריסן די שטילקייט. זי האָט אָנגעהויבן זינגען. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די קאַנאַריקלעך האַלטן אונטער איר ליד. אין שטוב איז געוואָרן פריילעך.

אָפּגעגעסן, איז נאַטאַשאַ אַריין אין איר צימער און זיך געלייגט אויפן בעט. איר האָט זיך געוואָלט שלאָפן, פאַרשלאָפן די זאָרגן, נאָר זי האָט נישט געקענט איינדרימלען. דער ווינט האָט געריסן די לאָדנס און אַ ווילע האָט זיך נאַטאַשאַן אויסגעדאַכט, אַז זי געפינט זיך אויף דער גאָרקי־גאַס אין פּערם...

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן זיבן און דערמאָנט נאַטאַשאַן, אַז זי האָט צוגעזאָגט דעם שאָפער גולייעוו צו קומען היינט אָוונט. נאַטאַשאַ האָט זיך צוגעקעמט, גענומען דעם מאַנטל און זיך געגרייט אַרויסצוגיין, ווען אין צימער איז אַריין נאַסטיאַ.

— ווו גייסטו נאַטאַשאַ, וואַרט אַ ווילע, איך מוז דיר דערציילן. עס איז

ביי מיר געווען דאָקטאָר פּעטראָוו. ער האָט געבעטן מיר ביידע זאָלן היינט קומען צו אים אַהיים — ס׳וועט זיין אַ פריילעכער אָוונט.

— גיי אָן מיר, נאַסטיאַ, איך וועל שוין מער נישט גיין אויף אַזעלכע אָוונטן. בעסער לייענען אַ גוט בוך. דאָס פאַרשאַפט מיר מער פאַרגעניגן, ווי צוקוקן זיך צו די שיכורע מענער מיט מיידלעך אויף דער שויס.

— אויב דו וועסט נישט גיין, וועל איך אויך נישט גיין. זאָג מיר אָבער, ווּהין האָסטו זיך געגרייט איצט אַרויסצוגיין?

— אויב דו ווילסט, קום מיט. דער שאָפער און פישער גולייעוו האָט מיך איינגעלאַדן כ׳זאָל קומען צו אים.

— דער, וואָס האָט דיר געשאָנקען די פרישע פיש היינט?

— יאָ, דער.

— אויב אַזוי, גיי איך מיט דיר.

— מאַמע, האָט נאַטאַשאַ זיך געווענדן צו דער מוטער, — זאָלסט נישט איבערקלערן. איך גיי צום שאָפער גולייעוו.

— געזונטערהייט, טאָכטער, נאָר קום נישט שפּעט.

פריילעכע זענען נאַטאַשאַ און נאַסטיאַ אַרויס פון דער היים און געלאָזט זיך אין דער ריכטונג פון טייך קאַמאַ, ווו עס האָט געוווינט דער שאָפער.

דער ווינט האָט פונאַנדערגעטריבן די וואָלקנס. דער הימל איז געוואָרן לויטער און עס האָבן פון אים אַראָפגעגלאַנצט רויטלעכע פינקלענדיקע שטערן.

שוין פון דער ווייטנס האָבן זיי געהערט דאָס קראַכן פונעם זיך־שפּאַלטנדיקן אייז אויפן טייך. דאָס האָט אָנגעזאָגט דאָס דערנענטערן זיך פון פרילינג.

אין הויז מיט די גרינע לאָדנס איז געווען ליכטיק. גולייעוו האָט צוגעגרייט אַ שיינע אויפנאַמע. ער אַליין האָט געשפּריזט איבערן צימער און אויסגעשפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָניקע „וואָלגאַ־וואָלגאַ״.

נאַטאַשאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט גלייך באַמערקט אַ ביכער־פּאָליצע, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט. זי האָט זיך געווענדן צום גאַסטגעבער:

פאַראַן דאָ ביי אייך, גולייעוו, אַ גאַנצע ביבליאָטעק.

— איך האָב ליב ביכער — זיי קלערן אויף דעם מענטש די לעבנס־וועגן.

— אָבער וואָס וועלן מיר ריידן וועגן ביכער — האָט נאַטאַשאַ זיך געכאַפּט

— זייט באַקאַנט מיט מיין יונגער באַלעבאָסטע, אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ.

— אַ שיינע באַלעבאָסטע ביי אייך.

נאַסטאַסיאַ האָט זיך פאַררויטלט.

— זעצט זיך צום טיש און מיר וועלן אויסטרינקען צו גלעזלעך שוואַרצן וויין, ער איז נישט שטאַרק — און איר וועט פון אים נישט שיכור ווערן. גולייעוו האָט אָנגעגאָסן צו גלעזלעך און נאַטאַשאַ האָט די ערשטע אויפגעהויבן איר גלעזל מיט אַ טאָאַסט:

— לאָמיר טרינקען פאַרן באַפרייען אונדזער רוסישע ערד פון דייטשן אָקופּאַנט!

אַלע האָבן אויסגעטרונקען. נאַסטיאַ האָט געקוקט אויף גולייעוון — דער מאַן איז איר געפעלן פון ערשטן בליק.

אַנאַסטאַסיאַ האָט זיך אַליין אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און אויסגערופן:

—און איצט טרינק איך פאַר מיין נייער באַקאַנטשאַפט — גולייעוו!

— גולייעוו האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר. נאַטאַשאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דער ביבליאָטעק. זי האָט אַראָפּגענומען אַ בוך — ס'איז געווען לעוו טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום". זי איז געשטאַנען מיטן בוך אין האַנט און געטראַכט: ווען לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי זאָל היינט לעבן, וואָס וואָלט ער געשריבן וועגן דעם רעזשים? ווי אַזוי וואָלט ער געשילדערט די איצטיקע מלחמה? גולייעוו האָט איר איבערגעריסן די געדאַנקען.

— קומט צום טיש, דאָקטאָר, איר וועט טרינקען נאָך אַ גלעזל ווייַן.

— איך טרינק נישט מער ווי איין גלעזל. מיך אינטערעסירט אייער ביבליאָטעק. איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט נישט גראַמאָטנע, נישט געלערנט. און ביי אייך אין שטוב געפינט זיך אַזאַ ביבליאָטעק?

— זעצט זיך צום טיש, איך וועל אייך אַלץ אויפקלערן. איך בין געווען אַ גאַסן־ייִנגל — וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן די הענט גענומען. די סאָוויעטישע מאַכט האָט מיך אַריינגעגעבן אין אַן אויסבעסערונגס־לאַגער. כ'בין פון דאָרט אַנטלאָפן. שפּעטער בין איך אַריין אין אַ לאַגער פון עלטערע און דאָ האָב איך אַליין אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מען מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין.

— און איר האָט אָנגעהויבן לערנען...

— יאָ, כ'האָב אַליין אָנגעהויבן לערנען און לייענען ביכער, אפילו אַליין אָנגעהויבן שרייבן.

— איר האָט מיר גאָר נישט געזאָגט, אַז איר זענט אַ שרייבער אויך.

— קיין שרייבער בין איך נאָך נישט, נאָר איך גלויב, אַז כ'וועל דערגיין צום ציל, וועלכן כ'האָב מיר אָנגעצייכנט. איך לעב איצט ערלעך, אַרבעט, עס זאָל געפעלן מיין דירעקטאָר...

— דאָס איז גוט פאַר אייך, גולייעוו. די סאָוויעטישע מאַכט און די נקוו"ד וועלן אייך צורו לאָזן.

— כ'האָב געוואָלט פרייוויליק גיין אויפן פראָנט — נעמען זיי מיך נישט. דער דירעקטאָר איז צופרידן פון מיין אַרבעט. כ'בין נישט קיין שיכור, ווי די אַנדערע — און אין די ביכער געפין איך חכמה.

— איר וועט נאָך זיין דער צווייטער גאָרקי.

— איך ווייס נישט צי איך וועל זיין ווי גאָרקי, נאָר יעדן טאָג אין מיין פרייער צייט, שרייב איך.

— און ווי האַלט עס מיט ליבע צו אַ פרוי?

— איך האָב נישט קיין געליבטע. דאָס וועט מסתמא נאָך קומען. דערווייל קען איך נאָך נישט קיין פרוי, פאַר וועלכער איך זאָל קענען עפענען מיין ביטער האַרץ, דערציילן וועגן מיינע לײדן, וועגן די לאַגערן...

— זייט פּאַרזיכטיק מיט אַ וואָרט — „ווענט האָבן אויערן”...

— איך האָב היינט נישט קיין מורא פאַר זיי — ווי באַלד וואָס, גיי איך אויפן פראָנט.

אַנאַסטאַסיאַ איז געזעסן ביים טיש און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך. זי האָט געקוקט אויף גולייעוון — ער איז אַ שטאַרקער מאַן — האָט זי געטראַכט — און אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל.

נאַטאַשאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף נאַסטיאַן. זי האָט דערקאָנט אַז אין דער יונגער פרוי קומט עפּעס פאָר. זי האָט אָבער גאָרנישט געפרעגט. זי האָט זיך אַליין אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווייַן און מיט איין שלוק עס אויסגעטרונקען.

גולייעוו איז אַריין אין קיך, אַרויסגעשאַרט פון אויוון אַ גרויסן טאָפּ מיט פיש, פאַרבראָטענע מיט קאַרטאָפל. ווי אַ געניטער באַלעבאָס, האָט ער דאָס עסן אַרויפגעלייגט אויף די טעלער. די פרויען האָבן זיך איבערגעוווּנקען. ביים טיש איז געוועזן שטיל.

גולייעוו האָט זיך געזעצט צום טיש.

— נו, איצט וועט איר, מיינע ליבע געסט, עסן אַ רוסישן בראָטן פון פיש — פיש פון טייך קאַמאַ און קאַרטאָפל פון קאַלכאָז.

נאַסטיאַ האָט די ערשטע אָנגעהויבן עסן. זי האָט זיך ממש באַלעקט:

— די פיש זענען אויסגעצייכנט — דער בעסטער קוכער אין מאָסקווע, וואָלט זיי נישט געמאַכט בעסער.

— ווען איך וואָלט נישט געקענט קאָכן, וואָלט איך נישט איבערגעלעבט אין לאַגער. און כ'האָב געוואָלט לעבן, ליבן און זיין געליבט. די וועלט איז שיין און דער קאַמאַ איז רייך מיט פיש — ער וואָלט געקענט אויסקאָרמען אַ גרויסע שטאָט מיט זיינע אוצרות. טאָר מען אָבער נישט אַנטוויקלען קיין פּריוואַטע איני־ציאַטיוו און די געזעלשאַפלעכע — זעט איר דאָך אַליין...

— רעדט נישט אַזוי, גולייעוו, מען וועט אייך ווידער פאַרשיקן אין לאַגער אַריין.

— מיר איז אַלץ איינס. איך פאָר מיט מיין לאַסט־אויטאַ איבער די וועגן און זע ווי דאָס פאָלק ליידט. איך נעם אויף מענטשן אויפן וועג און פיר זיי אומזיסט. איך ווייטיק מיט די ליידן פון פאָלק.

— נאַטאַשאַ האָט זיך צוגעהערט צו די קלוגע רייד פון גולייעוון. אויך נאַסטיאַ האָט מיט אַן אָפן מויל געשלונגען זיינע ווערטער. דאָס ערשטע מאָל הערט זי זיך איין אין די קלוגע קריטיק־ווערטער פון אַ רוסישן פאָלקסמענטש. אין איר קרייז איז זי נישט געווינט געווען צו הערן אַזעלכעס. זי ווייסט, אַז ערגעץ ווייט גייט אַן אַ מלחמה, אָבער דאָ לאָזן זיך די נאַטשאַלניקעס און דירעקטאָרן ווילגיין...

נאַטאַשאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — עס איז געווען שוין צען.

— פאַר מיר איז שוין צייט צו גיין, די מאַמע וועט איבערקלערן. דו, נאַסטיאַ, קאָנסט נאָך בלייבן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געזעגנט, און אַוועק.

אַנאַסטאַסיאַ האָט דעם גאַנצן אָוונט כמעט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון

גולייעווו. זײַנע וווּרטער האָבן איר געעפֿנט די אויגן אויף זאַכן, וועלכע זי האָט נישט געוואָלט זען. אין איר האַרץ האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ ליבע צו דעם שײנעם און אינטערעסאַנטן מאַן.

גולייעוו האָט אַראָפּגערוימט פֿון טיש. דורכן פֿענצטער האָט אַרײַנגעשײַנט די לבֿנה. דער הימל איז געווען אויסגעזעצט מיט שטערן.

אַנאַסטאַסיאַ איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. פֿון דער קאַמאַ האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דער געדונער פֿון פּלאַצנדיקן אײַז. זי האָט געמיינט, אַז גולייעוו וועט גלײַך צו צו איר, איר אַרומנעמען, אַזוי ווי זי איז עס שוין געווען געוווינט. ער האָט אָבער געהאַנדלט אין גאַנצן אַנדערש. ער האָט גענומען אַ בוך און באַקוועם זיך אַוועקגעזעצט, נישט קוקנדיק אויף זײַן גאַסט. אַנאַסטאַסיאַ איז אַוועק פֿון פֿענצטער, צוגעגאַנגען צו דער ביבליאָטעק, גענומען ס׳ערשטע בעסטע ביכל און זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דעם באַלעבאָס. לייענען האָט זי אָבער נישט געקענט. איר איז אײַנגעפֿאַלן, אַז דער מאַן וואָס זיצט קעגן איר אַזוי גלײַכ־גילטיק, איז אוודאי קיין מאַן נישט. זי האָט גענומען קלאַפּן מיטן פֿינגער אין בוך, ביז ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן אויף איר.

זיי האָבן אַ ווײַלע גערעדט וועגן בוך וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. דערנאָך האָט איר גולייעוו פֿאָרגעלייגט אַן אַנדער בוך, אָבער נאַסטאַסיאַ האָט נישט מסכּים געווען.

— טאָ לייג זיך צו, — האָט גולייעוו איר פֿאָרגעלייגט. איך וועל שפּעטער אויך זיך צושפּאַרן.

— איך וויל נישט, און אײדער ער האָט באַוויזן צו פֿאַרמאַכן דאָס בוך, איז שוין זי געשטאַנען נעבן אים, אים אַרומגענומען און געקושט אים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גאָט אַלײן האָט אים צוגעשיקט אין איר פּערזאָן די פֿרוי, בײַ וועלכער ער וועט קאָנען אָנוואַרעמען זײַן פֿאַרביטערטע נשמה, אַ באַלוינונג פֿאַר אַלע יאָרן פֿון שווערע לײדן. נאַסטיאַ האָט אָנגעצונדן אין אים אַ פֿײַער, כאָטש זײַן האַרץ האָט זיך געצויגן צו דער אײדעלער דאָקטאָרשע נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ. מיט זײַנע שטאַרקע הענט האָט ער אויפֿגעהויבן די ערשטע פֿרילינג־רויז, וואָס האָט זיך אויסגעצייטיקט פֿאַר זײַנע אויגן, אַוועקגעלייגט זי אויפֿן בעט. נאַסטיאַ האָט אים געצויגן צו זיך...

אַ גאַנצע נאַכט האָט געקראַכט דאָס אײַז אויף דער קאַמאַ. דאָס ליימיקע וואַסער האָט געבראָדזשעט ווי די געבלוטן פֿון אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ. גולייעוו האָט געשטילט אירע ליבע־פֿאַרלאַנגען. זי האָט אין אים דערשמעקט אַ חוץ דעם גוטן, געזונטן מאַן אויך דעם דענקענדיקן מענטשן. ביז שפּעט האָט זי זיך אײַנגעקוקט אין זײַן אָפּגעבערענט פֿון זון און ווינט פּנים. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער מאַן עפּנט אַ נײַ בלאַט אין איר לעבן. זי האָט באַשלאָסן, אַז נאָר דעם מאַן וועט זי ליבן און זײַן אים געטרײַ. עס האָט איר נאָר פֿאַרדראָסן, אַז צו אָפֿט דערמאָנט ער דעם נאָמען פֿון איר פֿרײַנדין, נאַטאַשאַ. זי האָט געזען אין זײַנע אויגן, אַז ער ליבט יענע, נאָר זי האָט באַשלאָסן צו געווינען זײַן ליבע.

ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן סימנים אויף טאָג, איז גולייעוו אויפגעשטאַנען, געמאַכט פֿייער אין קיך, צוגעשטעלט אַ טאָפּ מילך און גענומען זיך גרייטן פֿרישטיק. ער האָט זיך געאײַלט צו דער אַרבעט. אים האָט דערוואַרט אַ רייזע מיטן לאַסטאויטאָ קיין פּערם. ער האָט געוווּסט, אַז דער וועג וועט זײַן אַ שווערער, אַ בלאָטיקער, נאָר פֿאָרן מוז מען. ער האָט דערלאַנגט נאַסטיאַן ברויט און מילך אין בעט אַרײַן. זי האָט אים געדאַנקט מיט די אויגן, אָן ווערטער. ער האָט איר אַ קוש געטאָן און איז אַרויס צום אויטאָ. נאַסטיאַ איז געבליבן אַליין. זי איז געוווּען מיד, אָבער באַפֿרידיקט און זאַט. זי האָט זיך דערפֿילט אַ רײַפֿע. ביי אירע צוויי און צוואַנציק יאָר וועט איר שוין קיינער נישט אָפּנאַרן — זי ווייסט שוין וואָס אַ מאַן באַדייט, וואָס צערטלעכקייט און ליבע איז. דאָס אַלץ האָט זי דערפֿאַרן ביים שאָפֿער גולייעוו. און ווי מאָדנע ער רעדט: „איך אַלע תפֿיסות און לאַגערן בין איך אויסגעוווּנען" — האָט ער געזאָגט, — „נאָר איין איין לאַגער נישט: אין לאַגער פֿון פֿרייהייט"...

ווען נאַטאַשאַ איז אַהיימגעקומען האָט זי געטראָפֿן די מוטער לייענען אַ בוך. זי האָט זיך שנעל אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפֿן. זי האָט אָבער נישט געקענט איינדרימלען. זי האָט געזען, אַז דער שאָפֿער גולייעוו איז אין איר פֿאַרליבט. זי וועט צו אים מער נישט גיין — האָט זי באַשלאָסן. זאָס נאַסטיאַ האָבן אַ גוטן מאַן, עס קומט איר — האָט זי אָפּגעמאַכט ביי זיך.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוויי, ווען זי איז ענדלעך אײַנגעשלאָפֿן. עס האָט זיך איר געחלומט, אַז אַלעקסאַנדער איז געקומען, זי אַרומגענומען און אויף ברייטע פֿליגל זענען זיי אַוועק אויף אַ רויקן אינדזל, וווּ זיי וועלן לעבן גליקלעך.

גאַנץ פֿרי איז זי אַוועק צו דער אַרבעט. ביים שוועל האָט זי באַגעגנט דאָקטאָר פּעטראָוו.

— נישט שיין, נאַטאַשאַ, כ'האָב נעכטן אָוונט געוואַרט אויף אייך, און אויף אייער שיינער באַלעבאָסטע, און איר זענט נישט געקומען.

— דאָקטאָר פּעטראָוו, איך בעט אייך, לאָזט מיך צורו. די פֿאַרוויילונגען זענען נישט אין גייסט פֿון מיין דערציִונג.

— איך ווייס, אַז דו האָסט געהאַט אַ גוטע דערציִונג. אָבער מיט דעם אַלעם איז דיין פֿאָטער אין לאַגער און וועט קיין מאָל פֿון דאָרט נישט אַרויס...

— שיט מיר נישט קיין זאַלץ אויף די וווּנדן, דאָקטאָר פּעטראָוו. מיין פֿאָטער איז אומשולדיק...

— איך בין איבערצייגט, אַז די ראַטנמאַכט ווייסט וואָס זי טוט... און דו, נאַטאַשאַ, הער אויף צו גיין אין די דרכים פֿון דיין פֿאָטער, ווען נישט וועל איך דיך נישט קענען דעקן.

— כ'האָב נישט קריטיקירט די מאַכט, כ'האָב נאָר פֿאַרטיידיקט מיין פֿאָטער.

— אַז מען האָט אַ שלעכטן פֿאָטער, זאָגט מען זיך אָפּ פֿון אים. און דו האָסט עס נישט געטאָן.

— איך וועל זיך נישט אָפּזאָגן פון מיין פאָטער. ער איז אומשולדיק.

— פאַרגעס פון דיין פאָטער און לאָמיר זיך טרעפן היינט אין אָוונט ביי מיר אין הויז.

נאַטאַשאַ האָט זיך אויסגעדרייט און אַריין אין איר אַרבעטס־צימער. ביי דער טיר זענען געשטאַנען אַ סך מענטשן — קראַנקע, וואָס האָבן זיך געגוויטיקט אין איר הילף. זי האָט געוווסט, אַז זיי האָבן צו איר צוטרוי און באַציִען זיך צו איר מיט פריינדשאַפט פאַר איר גוטער און געדולדיקער באַהאַנדלונג...

צום מיטאָג איז זי אַהיימגעקומען. די מוטער איז נאָך נישט געווען אין שטוב. נאַטאַשאַ איז אַריין אין קיך און געטראָפן דאָרט נאַסטיאַן.

— נו, ווו איז דיר געפעלן גולייעוו?

— איך דאַנק דיר נאַטאַשאַ, וואָס דו האָסט מיך באַקענט מיט אַ מענטש, וואָס פאַרדינט מיין ליבע.

— שוין ביסטו אין אים פאַרליבט?

— זעט אויס, אַז יאָ. ער קאָן שטילן מיינע פרויען־פאַרלאַנגען און איז דערביי נישט קיין עגאָיסט. ער איז אַ וווּנדערבאַרער מענטש — די ביכער האָבן אויסגעבילדעט זיין כאַראַקטער. ער טרוימט וועגן פרייהייט, פון אַוועק אין ווייטע, פרייע ערטער.

— און דו, נאַסטיאַ, וועסט מיט אים מיטפליִען אין יענע אויסגעחלומטע מקומות.

— יאָ, איך בין גרייט אים נאָכצוגיין אויף אַלע זיינע וועגן.

— איך פריי מיך, וואָס ער געפעלט דיר — וועסט אין אים האָבן אַן איבערגעגעבענעם פריינד אויף דיין גאַנץ לעבן.

— כ׳האָב אָבער געטראַכט, געמערקט, אַז ער האָט ליב דיך, נאַטאַשאַ!

— איך האָב ליב מיין אַלעקסאַנדערן.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, ס׳איז געווען דער בריווטרעגער. ער האָט דערלאַנגט אַ בריוו פאַר דאָקטאָר נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ.

נאַטאַשאַ איז אַריין צו זיך אין צימער, זי האָט שנעל געעפנט דעם בריוו און געלייענט:

„איך קאָן אייך מיטטיילן, אַז אַלעקסאַנדער קומט קיין פערם. איך האָב פון וועג דערהאַלטן זיין בריוו. ער שרייבט מיר, איך זאָל אייך, דאָקטאָר, באַזוכן. די טעג וועט מען מיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל, וועל איך צו אייך קומען אויף אַ באַזוך.
אַנטאָנאָוו״

פון נאַטאַשאַס האַרץ איז אַראָפּ אַ שווערער שטיין. אַלעקסאַנדער לעבט, זיין פראָנט־חבר וועט קומען זי באַזוכן. נאַטאַשאַס אויגן האָבן אויפגעלויכטן און זי איז אַריין אין צימער צו נאַסטיאַן:

— פון וועמען איז דער בריוו?

— אַלעקסאַנדער איז אויפן וועג קיין פערם...

— מיר וועלן פֿאָרן אים באַזוכן...

— דו ביסט אַ גוטע, נאַסטיאַ. האָסט אונדז אַריינגענומען אין דיין דירה, האָסט מיר אומגעקערט דעם גלויבן אין מענטש.

— דו רעדסט ווי גולייעוו, אָבער פֿאַר וואָס וויינסטו, נאַטאַשאַ?

— איך ווער געטריבן צוליב מיין גרויסן פֿאָטער, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק — ער האָט קיינעם נישט באַוווּלט — אין דעם בין איך איבערצייגט. און דאָ פֿאַרלאַנגט דער דאָקטאָר פּעטראָוו איך זאָל צו אים היינט אָוונט קומען...

— לאָז עס איבער פֿאַר מיר... איך וועל אַליין צו אים היינט גיין און ער וועט באַקומען פּעטש, אַז ער וועט עס האָבן צו געדענקען. איך וועל גיין צום נאַטשאַלניק פֿון דער נ.ק.וו.ד. און אים דערציילן.

— וואָס גייסטו טאָן? ווייסטו דען נישט, אַז איינער איז דאָ נישט בעסער פֿון אַנדערן? לאָמיר בעסער שווייגן ביז אַלעקסאַנדער וועט צוריקקומען. איך וועל מיט אים אַוועק אין אַ קאָלכאָז. דאָרט וועלן מיר געפֿינען אַ רויִק לעבן. דערווייל זאָרגט די מאַמע, ווו נעמט מען קאַרטאָפֿל צו זעצן.

— זאָל זי נישט טראַכטן וועגן דעם — איך וועל איך באַזאָרגן קאַרטאָפֿל צום זעצן. דער טאַטע האָט געבראַכט פֿון אַ קאָלכאָז צוויי זעקלעך אַזעלכע קאַרטאָפֿל, וועל איך איין זעקל אויסבאָרגן.

— דו ביסט אַ גוטער מענטש און דו ביסט ווערט גולייעווס ליבע.

☆

עס זענען געקומען די ערשטע פֿרילינג־טעג. עס האָבן אויסגעטרוקנט אויף די פֿעלדער די לעצטע ריטשקעלעך. די פֿאַבריק אַרבעטער האָבן געוואַרט אויף די צוגעטיילטע גערטנער צו זעצן קאַרטאָפֿל.

זונטיק, דעם רו־טאָג האָט די זון געשיינט. נאַטאַשאַ האָט אויף די פּלייצעס געטראָגן אַ זעקל קאַרטאָפֿל. מיט אַ מאָל איז זי געוואָרן ווייס אויפֿן פּנים און זי האָט אָנגעהויבן צו בלוטיקן. די מוטער האָט שנעל אַראָפּגענומען פֿון איר דאָס זעקל און אַ דערשראָקענע געפֿרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, נאַטאַשאַ?

— מאַמע, איך האָב פֿאַרלוירן דאָס קינד.

— לייג זיך אויף דער ערד. עס פֿאָרט אַ קאָלכאָזנע וואָגן, וועל איך בעטן דעם פֿורמאַן ער זאָל דיך צופֿירן אַהיים.

אויפֿן רוף פֿון אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך דער קאָלכאָזניק אָפּגעשטעלט.

— איך בעט איך, מיין טאָכטער האָט געמפּילט, פֿירט אונדז אָפּ אַהיים...

— גוט, אַלטע, איך וועל עס טאָן פֿאַר דיר.

ער איז אַראָפּ פֿון קאַזיאָל און געהאָלפֿן דער מוטער אַוועקלייגן נאַטאַשאַן אויפֿן וואָגן. דערנאָך האָט ער זיי אָפּגעפֿירט אַהיים.

די מוטער אַליין האָט זיך פאַרנומען מיט נאַטאַשאַן. אין דער יוגנט האָט זי געלערנט אַקושעריע און זי האָט געוווּסט וואָס צו טאָן אין אַזאַ פאַל.

ווען נאַסטיאַ איז אַהיימגעקומען פון פעלד האָט זי שוין געוווּסט, אַז נאַטאַשאַ האָט פאַרלוירן ס׳קינד. זי איז געשטאַנען נעבן נאַטאַשאַן און געוויינט.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אַרום נאַטאַשאַן איז זי צו צו נאַסטיאַן און זי געבעטן: „קום, העלף מיר זעצן די קאַרטאָפל״. נאַסטיאַ האָט גערן איינגעשטימט.

נאַטאַשאַ איז געלעגן אויפן בעט און איינגעהערט זיך אין קלאַפּן פון זייגער. דורכן פענצטער האָט די זון באַלויכטן דאָס צימער. האַלב אין חלום האָט זי געהערט אַלעקסאַנדערן רעדן מיט איר פאָטער...

— זיי לעבן — האָט זי געטראַכט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן.

צום מיטאָג זענען אַנאַ איוואַנאָוונאַ און נאַסטיאַ צוריקגעקומען אַהיים. זיי האָבן אָפּגעוואַשן די הענט פון דער ליימיקער ערד. אַנאַ האָט געגרייט מיטאָג. נאַסטיאַ איז צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— היינט האָבן מיר נישט קיין פיש צו מיטאָג. גולייעוו איז נישט אַהיימגעקומען, געבליבן, ווייזט אויס, שטעקן ערגעץ אונטערוועגנס.

— זאָרג נישט, נאַסטיאַ, ער וועט מאָרגן קומען. איך האָב אים גערן — ער איז אַ גוטער מענטש. ער איז ווערט דיין ליבע, אויך דו האָסט אַ גוט האַרץ. פאַר דיין הילף היינט וועט דיר נאָר גאָט אַליין קענען באַצאָלן. און ביי אונדז אַזאַ אומגליק: נאַטאַשאַ האָט פאַרלוירן ס׳קינד. אַלעקסאַנדער וועט אַהיימקומען, וועט ער נישט גלויבן, אַז דאָס איז געווען אַ צופאַל... ער האָט אַזוי געבעטן נאַטאַשאַן זי זאָל אויסטראָגן, ברענגען אַ נייעם דור — און דאָ אַזאַ אומגליק...

נאַטאַשאַ האָט זיך איבערגעוועקט. זי האָט געבעטן די מוטער זאָל צו איר צוגיין. אַנאַ האָט זיך געזעצט ביי נאַטאַשאַס בעט, אָנגענומען איר האַנט און מיט שטילע ווערטער זי באַרויקט. דערנאָך איז זי צו צום פענצטער און באַמערקט, אַז גולייעוו דערנענטערט זיך צום הויז. זי איז געגאַנגען אָנזאָגן די בשורה נאַסטיאַן. נאַסטיאַ איז אַרויס אין גאַס אַנטקעגן דעם „גאַסט״ און אים אַריינגעפירט צו נאַטאַשאַ.

— וואָס איז דיר, דאָקטאָר?

— איך האָב פאַרלוירן מיין קינד — האָט נאַטאַשאַ געוויינט.

— וויין נישט, דאָקטאָר! — האָט איר געטרייסט גולייעוו — דו ביסט נאָך יונג, עס וועט קומען פרידן און דו וועסט האָבן קינדער... וועסט נישט דאַרפן שלעפּן אויף די פּלייצעס קיין קאַרטאָפל... שווער איז היינט דער רוסישער פרוי... אָבער ווען איז דער גורל פון דער רוסישער פרוי געווען לייכט?...

אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט איינגעלאַדן גולייעוון:

— יאָ, אַ דאַנק. איך האָב געבראַכט פיש — דעם כלעבאַק מיט די פיש האָב איך איבערגעלאָזט אין פאָדערהויז.

נאַסטאַסיאַ איז אַרויס ברענגען די פיש.

— זי איז אַזוי גוט און האַרציק — האָט אַנאַ געזאָגט. מיר זענען נאָרוואָס געקומען פון פעלד, זי האָט מיר געהאָלפן זעצן קאַרטאָפל.

— אַלץ איבער די קאַרטאָפל! איך וועל אייך דערציילן נייעס פון אונדזער אַלטער שטאָט פערם. מען האָט געבראַכט צו אונדז אַ סך שווער־פאַרווונדעטע פון פראָנט.

— איך בעט אייך, גולייעוו, — האָט שטיל געזאָגט נאַטאַשאַ, — גייט צו צום גרויסן שטאָטישן שפּיטאָל אויף קויבישאָוואַ־גאַס. איר וועט דאָרט טרעפן דעם לייטענאַנט אַנטאָנאָוו — איר וועט אים בעטן אין מיין נאָמען, ער זאָל אָפּזוכן מיין אַלעקסאַנדערן.

— באַלד מאָרגן וועל איך גיין אַהינצו, ווי נאָר איך וועל קומען קיין פערם. איך אַליין וועל אים אויך זוכן. פאַר אייך, דאָקטאָר מאַסלאָוואַ, בין איך גרייט איבערצושווימען ימען.

— ס'איז אַריינגעקומען אַנאַ איוואַנאָוונאַ — דו, נאַטאַשאַ, וועסט עסן אין בעט און איר, גולייעוו, זייט אַזוי גוט, קומט אַריין אין קיך — איר וועט זען, ווי געשיקט אונדזער באַלעבאָסטע האָט געמאַכט די פיש.

ביים טיש איז געווען שטיל. אַלע דריי זענען געווען גוט הונגעריק. מען האָט נאָר געהערט דאָס זינגען פון די קאַנאַריקס. נאַטאַשאַ האָט גערופן די מוטער זי זאָל זיצן נעבן איר.

— די טעג, מאַמע, דאַרף קומען דער ענטפער אויף מיין בריוו צו דאָקטאָר אַרטעמאָוו. איך פיל, אַז דער בריוו וועט אונדז ברענגען אַ סך נייעס.

— איך ווייס נישט, ווער דאָס איז. אין מאָסקווע האָב איך געקענט אַ דאָקטאָר אַרטעמאָוו — ער איז געווען אַ פּריוואַט־דאָקטאָר. צי איז דאָס דער זעלבער דאָקטאָר אַרטעמאָוו, ווייס איך נישט. און וואָס קאָן ער וויסן פון אונדזער פאָטער? דאָס לאַנד איז גרויס... מען האָט טאַקע געקענט דעם פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו, דעם גרויסן געלערנטן און פאָרשער, אָבער נאָך זיין אַרעסט, נאָך אַזויפיל יאָרן, ווער וויל און קען אים געדענקען... מיר אַליין לעבן אונטער פּערמאַנענטער קאָנטראָל — זיי ווייסן וועגן אונדז אַלץ: וואָס מיר עסן און מיט וועמען מיר טרעפן זיך — נישטאָ פאַר זיי קיין סודות... און נישט נאָר מיר זענען אין אַזאַ לאַגע...

— מאַמע, כ׳האָב אַ פאָרגעפיל, אַז דער בריוו פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו וועט ברענגען אַ ווענדונג אין אונדזער לעבן.

— הלוואי, טאָכטער, זאָל עס אַזוי זיין. איך אַליין וויל נאָר איינס אין לעבן: טרעפן זיך מיט דיין פאָטער, אים אַרומנעמען...

— וועסט זען, מאַמע, ער וועט קומען צוזאַמען מיטן פרילינג.

— איך בין מיד, נאַטאַשאַ. נאָך דער היינטיקער אַרבעט טוען מיר ווײ

אַלע ביינער. איך גיי זיך צולייגן. מאָרגן פרי דאַרף איך ווידער זיין אין דער אַמבולאַטאָריע.

נאַטאַשאַ איז געבליבן אַליין. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט, ווי דער דעמער דרינגט אַריין אין איר צימער — עס גייט אַוועק אַ ליכטיקער פרילינג־טאָג...

נאַסטיאַ האָט גלייך נאָכן מיטאָג געגומען גולייעזן פאַר דער האַנט, אים אַריינגעפירט צו זיך אין צימער און געצויגן אים צום ברייטן ניקעלנעם בעט. זי האָט געוואָלט אַריינכאַפּן פון דער ליבע וויפל עס לאָזט זיך, שוין, איצט, ווייל קיינער ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען... אפשר וועט מען אים מאָביליזירן און שיקן אויפן פראָנט אין אַ שטראָף־אָפּטיילונג?

נאַטאַשאַ האָט געהערט זייער געלעכטער און זי האָט זיי פאַרגינען: זאָלן זיי געניסן פון לעבן. די נאַכט האָט געבראַכט אַ מזרח־ווינטל. נאַטאַשאַ האָט זיך איינגעהערט אין די קלאַפּנדיקע לאָדנס, געקוקט אין די ליכטער פון די פאַראַנקערטע אין פאָרט שיפן — אַ סימן, אַז דער טייך האָט זיך שוין באַפרייט פון די אייזפּענטעס. דער קאַמאַ האָט געטראָגן אויף זיין רוקן האָלצקלעצער. קיינער פון דער נאַטשאַלסטווע האָט פון דעם איצט נישט געטראַכט — זיי זענען געווען פאַרנומען, יעדער אויף זיין שטייגער, מיטן געניסן פון עולם־הזה. וועגן דער מלחמה האָבן זיי ווייניק געטראַכט. אין אַלע וויכטיקערע ענינים האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף מאָסקווע, טעגהענדיק, אַז זיי זענען נאָר קליינע מענטשעלעך... מען האָט מורא געהאַט פאַר יעדע איניציאַטיוו, פאַר יעדן זעלבשטענדיקן געדאַנק...

דער מזרח־ווינט האָט גוט אויסגעטריקנט דעם וועג. גולייעוו איז געפאָרן מיט זיין לאַסטאויטאָ שנעל: ער האָט געוואָלט זיין אין שטאָטישן שפּיטאָל אין פערם נאָך איידער ער וועט אָנהייבן אויספילן זיין אַמטלעכע אַרבעט. ס'איז שוין געווען פאַר אַכט, ווען ער איז געגאַנגען מיטן לאַנגן קאָרידאָר צום לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. אין שטאָטישן שפּיטאָל איז געווען שטיל. היינט זענען דאָ געלעגן נאָר פאַרוווּנדעטע זעלנער. אַ יונגע שוועסטער האָט אים אָפּגעשטעלט:

— וווּהין גייט איר, בירגער?

— איך זוך מיין ברודער, דעם לייטענאַנט אַנטאָנאָוו.

— איר זעט נישט אויס צו זיין אַנטאָנאָווס ברודער... יענער איז אַ ייד.

— איך בין אויך אַ ייד.

— איר לאַכט פון מיר... קומט צווי אַ זייגער, וועל איך אייך אַריינלאָזן צום לייטענאַנט אַנטאָנאָוו.

— ווי רופט מען אייך, שוועסטער?

— זאָיאַ.

— איך בעט אייך, שוועסטער זאָיאַ, לאָזט מיך איצט זען דעם לייטענאַנט.

— ער ליגט אין צימער 14. נאָר זאָגט קיינעם נישט אויס, אַז איך האָב אייך אַריינגעלאָזט.

גולייעוו האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אַריין אין צימער. אַנטאָנאָוו איז געלעגן אויפן בעט ביים פענצטער און געלייענט אַ בוך. דערזעענדיק דעם פרעמדן, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בוך און געפרעגט:

— וועמען זוכט איר?

— איך דאַרף רעדן מיטן לייטענאַנט אַנטאָנאָוו.

— איך בין אַנטאָנאָוו. זיצט. באַלד וועל איך שוין אַליין גיין. פון וואַנען קומט איר, ווער האָט אייך געשיקט צו מיר?

— דאָקטאָר נאַטאַליאַ פּאַוולאָוונאַ מאַסלאָוואַ פון אָכאַנסק האָט מיך געבעטן אייך צו באַזוכן — איך בין אַ שאָפער און איך קום מיט מיין לאַסטאויטאָ פון אָכאַנסק.

— דערציילט, ווי לעבט עס זיך דאָרט דער דאָקטאָרין און איר מוטער?

— זי האָט נעכטן ביים אויפהויבן אַ שווערן זאַק פאַרלוירן איר קינד און זי איז אין שטוב צו בעט.

— אַ שאָד, אַלעקסאַנדער וועט עס שווער איבערלעבן. ער איז אַ ווילער מענטש, אַ מלחמה־העלד. ס'קאָן זיין, אַז ער איז דאָ אין שפּיטאָל — נעכטן האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געבראַכט פאַרוווּנדעטע פון פראָנט. איר וועט צוואַרטן, איך וועל אָנקלינגען צו דער הויפּטשוועסטער — זי וועט וויסן.

אַנטאָנאָוו האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל און ס'איז אַריינגעקומען די שוועסטער זאָיאַ.

— איך האָב אייך געבעטן, שוועסטער, ווייל דאָ איז צו מיר געקומען אַ פריינט פון ד"ר נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ — איר קענט זי מסתמא. צי איז פאַראַן צווישן די נעכטן אָנגעקומענע פאַרוווּנדעטע, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו?

— איך וועל עס באַלד אויפקלערן.

— באַלד וועט איר וויסן צי אַלעקסאַנדער איז שוין דאָ. ער האָט מיר געהאַט געשריבן פון פעלדשפּיטאָל, אַז מען שיקט אים קיין מאָלאָטאָוו. עס פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס מען האָט די דאָקטאָרין נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ אַרויסגעשיקט פון פּערם.

— וואָס קאָן מען טאָן? מיר לעבן נישט לויט אונדזער ווילן, און נישט דאָרט, וווּ מיר ווילן. מען דיריגירט מיט יעדן שריט אין אונדזער לעבן. איך בין אַ שרייבער און וועגן די ליידן פון אונדזער פאָלק. טראַץ דעם, וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאַר די גרויע ווענט און פאַר די לאַגערן, בעט איך אייך איר זאָלט וועגן מיין שרייבערי קיינעם נישט דערציילן.

— זייט איר שוין, גולייעוו, געווען אויפן פראָנט?

— מען וויל מיך נישט שיקן. שוין דריי מאָל אָפּגעלייגט „זאַיאַוולעניעס"...

— מען וועט אייך שיקן שפּעטער אין אַ שטראָף־אָפּטיילונג.

— איך שרעק זיך אויך פאַר דעם נישט.

— איר זייט אַ ייד?

— איך בין נישט קיין ייד, נאָר איך וויל פאַרטיידיקן די רוסישע ערד.

— אַלעקסאַנדער און איך, ביידע זענען מיר יידן. און מיר קעמפן נישט נאָר פאַרן קיום און כבוד פון אונדזער פאָלק...

— און מיר רוסן, פירן די קריג נאָר צוליב סטאַלינען — ער האָט אָפּגע־וואָרפן די פריינדשאַפט פון ענגלאַנד און פאַרבונדן זיך מיטן פאַררעטערישן היטלער־פאַשיזם...

עס איז אַריינגעקומען די שוועסטער זאָיאַ און איבערגעריסן דאָס געשפּרעך:

— מען האָט געבראַכט אַ יונגן לייטענאַנט, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו. ער געפינט זיך אין אַ שווערן צושטאַנד. זיין לעבן איז אין געפאַר. מען לאָזט צו אים קיינעם נישט צו.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, שוועסטער. דאָקטאָר מאַסלאָווא וועט אייך באַלוינען.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— לאָזט אונדז, שוועסטער, איבער אַליין.

אַנטאָנאָוו האָט זיך געריבן דעם שטערן, טראַכטנדיק, מיט וואָס ער קאָן העלפן אַלעקסאַנדערן, ער זאָל שנעלער קומען צו זיך.

— זאָג דער דאָקטאָרין נאַטאַליאַ מאַסלאָווא, אַז גלייך ווי נאָר זי וועט זיך אויפהייבן פון בעט, זאָל זי קומען אַהערצו.

— אפשר קענט איר אָנשרייבן נאַטאַשאַן אַ בריוול, וועל איך עס נאָך היינט אָוונט איר איבערגעבן.

אַנטאָנאָוו איז געווען אין פאַרלעגנהייט, צי זאָל ער שרייבן נאַטאַשאַן דעם אמת, ווי עס האָט דערציילט די שוועסטער זאָיאַ, צי מילדערן די ווירקלעכקייט? ער האָט פאַרגעלייגט אין בריוו, אַז דערווייל זאָל אַהערקומען נאַטאַשאַס מוטער. אַנאַ מאַסלאָווא איז דאָך אויך אַ דאָקטאָר. וועט זי דאָ אויפן אָרט אויך קאָנען העלפן אַלעקסאַנדערן.

גולייעוו האָט גענומען דעם בריוו.

☆

פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן טיש, מיט אַ בריוו אין האַנט. דער בריוו איז געווען פון זיין טאָכטער נאַטאַשאַ. נאַטאַשאַ בעט בייט דאָקטאָר אַרטעמאָוו ער זאָל איר מיטטיילן וועגן געזונט־צושטאַנד פון איר מאַן אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו.

דער בריוו פון דער טאָכטער האָט טיף גערירט זיין ערלעכער נשמה. ער האָט געטראַכט: צי זאָל ער אַראָפּנעמען די מאַסקע אונטער וועלכער ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן צי נישט ריזיקירן אַזאַ געוואַגטן שריט? צי זאָל ער זיך מודה זיין, אַז דער אמתער דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געשטאָרבן איידער די רויטע וואַגאָנען זענען אַריינגעפאָרן אין טאַגילער לאַגער, און ער, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, האָט איבערגענומען זיין נאָמען?

און אָט זיצט ער און דאַרף אָנשרייבן אַ בריוו זיין טאָכטער... אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף נאַטאַשאַס בריוו.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס איז געווען די קראַנקנשוועסטער טאַניאַ.

— דאָקטאָר, עס איז געקומען דער פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו — ער וויל מיט אייך רעדן.

— זאָג אים, אַז איך בין פאַרנומען, אפשר אַ ביסל שפּעטער.

טאַניאַ איז אַרויס. דער פּראָפעסאָר האַלט דעם בריוו פון זיין טאָכטער און די הענט ציטערן אים. ער לייענט נאָך אַמאָל דעם בריוו.

אין צימער קומט ווידער אַריין די שוועסטער טאַניאַ: דער פּאָלקאָווניק בעט זייער איר זאָלט אים אויפנעמען. ער מוז רעדן מיט אייך.

— זאָל ער קומען. פּאַוועל מאַסלאָוו לייגט אַריין דעם בריוו אין טיש־שופלאָד.

ס'האָט זיך ד'ערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אין צימער איז אַריין דער פּאָלקאָווניק און נאָך אים די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ.

— איז פאַראַן עפּעס נייעס?

— יאָ. איך בעט אייך, דאָקטאָר, צוגרייטן דאָס פעלדשפּיטאָל צום פאַרויס־מאַרש.

— לויטן באַפעל!

— גלייך דאַרף מען אַלץ אָרגאַניזירן צום פאַרויסמאַרש פון שפּיטאָל, מיטן גאַנצן אינווענטאַר און פּערסאָנאַל, דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— נאָך היינט וועט אַלץ זיין גרייט!

ווידער איז מאַסלאָוו געבליבן אַליין מיט זיינע מחשבות. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו פון זיין טאָכטער און גענומען שרייבן ענטפער.

אים, דעם געלערנטן, קלוגן פּראָפעסאָר איז נישט איינגעפאַלן, אַז די פרוי און טאָכטער וועלן דערקענען זיין האַנטשריפט. ער האָט געענטפערט זאַכלעך אויף די פראַגן פון נאַטאַשאַן. ווען ער האָט אַדרעסירט דעם בריוו, האָט ער אים אונטערגעשריבן „ד"ר אַרטעמאָוו"... ער האָט זיך געפילט, ווי אַ גנב, אונטערשרייבנדיק דעם פרעמדן נאָמען... ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, דערלאַנגט דעם בריוו אַ סאַניטאַר און געבעטן אים צו באַלייגן.

די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ איז אַרומגעגאַנגען נעבן דאָקטאָר אַרטעמאָוו אַ ברוגזע — ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק. זי האָט געוווסט פון דעם בריוו, נאָר איר איז געווען מאָדנע, פאַר וואָס דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער, ענטפערנדיק אויף עפּעס אַ בריוו. — דער דאָקטאָר ליבט מיך נישט מער — האָט זי געטראַכט.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן דעם פּערסאָנאַל זיך צו גרייטן צום פאַרויסמאַרש. די פאַרוווּנדעטע בלייבן אויפן אָרט מיט אַ שוועסטער און איין דאָקטאָר. דער רעשט פּערסאָנאַל גייט איבער אויף אַן אַנדער אָרט.

אַרטעמאָוו האָט געטראַכט איבערצולאָזן דאָ די שוועסטער טאַניע ליסענקאָ — סיי ווי האָט ער באַשלאָסן זיך צו שיידן מיט איר. פאַרט איז אים די משפחה

געווען טייערער ווי טאַניע. טאַניע האָט דאָס אויסגעפילט, נאָר זי האָט געוואָלט וויסן ווער איז געווען דער דאָקטאָר אַרטעמאָוו? אין די לאַגערן פלעגט אָפט טרעפן, אַז מענטשן פלעגן לעבן אונטער פרעמדע נעמען. — סיי־ווי, — האָט זי געטראַכט, — איז דער דאָקטאָר פאַר איר צו אַלט — זי דאַרף האָבן אַ יינגערן. דאָ, אויפן פראָנט, פעלן נישט קיין יונגע מענער.

אַרטעמאָוו האָט געוואַרט אויפן לאַסטאויטאָ, וואָס האָט געזאָלט אָפפירן דעם פעלדשפּיטאָל אויפן נייעם אָרט. דער פראָנט האָט זיך איבערגערוקט אויף מערב. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק ביים שפּיטאָל־אַריינגאַנג. ווידער האָט ער אַרויסגענומען נאַטאַשאַס בריוו און זיך איינגעקוקט אין דער שיינער האַנטשריפט פון זיין טאָכטער. ווי לאַנג איז, — האָט ער געטראַכט — ווי זי איז געווען אַ קליין מיידעלע? ער פלעגט איר העלפן מאַכן די לעקציעס. ער האָט דערפילט אַ טיפע בענקשאַפט נאָך זיין פרוי און טאָכטער.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געזעסן איינגעזונקען אין זיינע מחשבות. ס'האָט אים אָנגעהויבן מאַטערן דער געדאַנק וועגן אַראָפּנעמען די מאַסקע און ווידער ווערן פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו. זאָלן זיי מיך אפילו צוריקשיקן אין די לאַגערן, פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז, ער וויל זען זיין פרוי און טאָכטער. ער באַמערקט נישט, אַז עס דערנענטערט זיך צו אים פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

יאַקאָוולעוו זעצט זיך נעבן אַרטעמאָוון.

— וואָס איז מיט אייך, דאָקטאָר? איר האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז איך האָב זיך געזעצט נעבן אייך. כ'זע, אַז איר לעבט עפּעס איבער — איז אין דער משפחה עפּעס געשען?

— כ'ווייס נישט, פאָלקאָווניק, וואָס עס הערט זיך מיט מיין משפחה. איך ווייס נישט ווער איך אַליין בין...

מיט אַ מאָל האָט זיך אַרטעמאָוו געכאַפּט און דערשראָקן פאַר די אייגענע ווערטער. ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש נאַטאַשאַס בריוו און אים דערלאַנגט יאַקאָוולעוון:

— נאָט, לייענט דעם בריוו, פאָלקאָווניק, וועט איר פאַרשטיין מיין צע־טראָגנקייט...

— אַלץ די מלחמה, דאָקטאָר! אַ שאָד, וואָס מען האָט גאָר נישט געטאָן איר אויסצומיידן.

— אויך איך טראַכט אַזוי... יאָ, טייכן בלוט וועלן נאָך פאַרגאָסן ווערן ביז מיר וועלן באַפרייען די רוסישע ערד. איך האָב צו אייך אַ ביטע, פאָל־קאָווניק — האָט זיך מיט אַ מאָל אַרטעמאָוו געווענדן צום פאָלקאָווניק.

— איר קאָנט זאָגן פריי וואָס אייך דריקט, דאָקטאָר.

איך וויל זיך באַפרייען אויף צען טעג און מאַכן אַ רייזע אין הינטערלאַנד איך וויל פאָרן קיין פּערם.

— וועמען האָט איר דאָרט?

— איך וויל זיך טרעפן מיט מיין פּאַציענט, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו,

זען, ווי די אָפּעראַציע איז מיר געלונגען, ווי פילט זיך דער פאַרוווּנדעטער...

— איר האָט שוין פאַרדינט אויף אַ ביסל אָפּרו. איך וועל עס פאַר אייך טאָן... נאָר נישט מער ווי צען טעג. מיר וועלן קומען אויפן נייעם אָרט, וועל איך אייך געבן אַ קאָמאַנדיראָווקע און איר וועט קענען פליען פון מאָסקווע גלייך קיין פּערם. אייערע נערוון זענען אָנגעצויגן... נאָר איך האָף, אַז די רייזע וועט אייך ברענגען אַ באַרויִקונג.

— איך וועל פאָרן זען, ווי עס לעבן אונדזערע מענטשן אין הינטערלאַנד.

יאַקאָוולעוו האָט זיך אויפגעשטעלט. — איך מוז שוין גיין. מאָרגן, גלויב איך, וועלן מיר שוין זיין אויפן נייעם פּלאַץ, — קומט דאַן צו מיר, וועל איך אייך אויסשטעלן אַ באַפרייונג און אַ קאָמאַנדיראָווקע אויף צען טעג.

צום שפּיטאָל זענען צוגעפאָרן עטלעכע לאַסטאויטאָס. סאַניטאַרן און קראַנקן־שוועסטערס האָבן אָנגעהויבן אַרויפצולאָדן די אויסשטאַטונג. די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ איז צוגעקומען צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו:

— אַלץ איז שוין גרייט צום פאָרן, קומט, דאָקטאָר.

— גיי, ביטע, זאָג די שאָפערן, זיי זאָלן אויסוואַרטן ביז עס וועט ווערן נאַכט — מיר דאַרפן נישט ווערן אַ ציל־ברעט פאַר די דייטשע אַעראָפּלאַנען.

— די שאָפערן ווילן פאָרן...

— זיי וועלן נישט פאָרן אָן מיין באַפעל; גיי, זאָג זיי, אַז דאָקטאָר מאַיאָר אַרטעמאָוו הייסט אויסוואַרטן ביז נאַכט...

טאַניאַ איז אַוועק. דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געבליבן זיצן אַליין אויף דער הילצערנער באַנק.

די אונטערגייענדיקע זון האָט איבערגעלאָזט אויפן הימל רויטע פלעקן. פון מזרח האָט געטריבן אַ שטיל ווינטל. אַרום האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרינער פרילינג־טעפּעך. בלומען האָבן געעפנט זייערע קנאָפּסן. פייגל האָבן געזונגען.

נאָר איין מענטש איז געזעסן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און געטראַכט פון זיין משפּחה. פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו האָט געטראַכט: ווי וועט ער זיך באַווייזן פאַר זיין פרוי אַנאַ און דער טאָכטער נאַטאַשאַ? איז ער דאָך נישט מער ער, ער איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו און אַלס דער מוז ער שוין אויסלעבן זיינע יאָרן. אַזוי וויל דער גורל — ער קאָן נישט פון זיך אַראָפּוואַרפן די מאַסקע...

פּאַוועל מאַסלאָוו דערמאָנט זיך אין יענער צייט, ווען ער האָט געשאַפן פאַר דער וועלט וויסנשאַפטלעכע ביכער. נישט געקוקט וואָס ער האָט מיט זיין שאַפן און מחשבה באַרייכערט די סאָוויעטישע מעדיצין, איז ער געוואָרן „גרויס אין די אויגן" פון די פירער פון נייעם רעזשים. זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען אין אַכט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער ראַטנמאַכט. זיי האָבן פאַרגעסן אַז ער האָט אַלס סטודענט געקעמפט אויף די באַריקאַדן, געשלאָגן זיך מיט די צאַרישע קאָזאַקן. און היינט — מוז ער לעבן אונטער אַ מאַסקע... פּראָפ' מאַסלאָוו לעבט נישט מער...

ס׳איז שוין געווען נאַכט. די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ איז צוגעקומען צום דאָקטאָר, אים לייכט אָנגערירט דעם אַקסל און געזאָגט:

— דאָקטאָר, הייבט אייך אויף, ס׳איז שוין נאַכט, מיר דאַרפן שוין פאָרן.

— דו, טאַניאַ, וועסט פאָרן מיטן אויטאָ — איך פיל זיך היינט עפּעס נישט גוט. דער בריוו פון לייטענאַנט אַלעקסאַנדראָווס פרוי האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם. מיר האָבן נישט געטאָרט אים לאָזן פאָרן — ער האָט נאָר געדאַרפט אַ צייט בלייבן דאָ. איך האָב מורא, אַז דער וועג וועט שלעכט ווירקן אויף אים.

— אויך איך מיין אַזוי — איז מסכים געווען טאַניאַ.

— מיט וואָס וועל איך זיך פאַרענטפערן פאַר אַלעקסאַנדראָווס פרוי, אַז איך אַליין האָב אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט אים אָפּצושיקן אין הינ־טערלאַנד...

— ערגערט אייך נישט, דאָקטאָר... עס איז מלחמה...

— ווען איך וואָלט אפילו געוואָלט, קאָן איך וועגן דעם נישט פאַרגעסן...

עס איז שוין געווען גוט נאַכט. ווען דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך אַריינ־געזעצט אין דער קאַבינע פון ערשטן אויטאָ. דער הימל איז געווען אויסגעזעצט מיט שטערן. דער ווינט האָט פאַרקערט דעם שטויב פון וועג.

— ס׳וועט קומען אַ רעגן — האָט דער שאָפער שטיל געזאָגט.

— יאָ, ס׳וועט באַלד רעגענען. פאָר שנעלער, מיר זאָלן אָנקומען פאַר האַלבע נאַכט.

— מיר וועלן יאָ אָנקומען פאַר האַלבער נאַכט... נישט לאַנג האָב איך געפירט אַ טאַנק און היינט מוז איך זיין אַ שאָפער...

— פאַר וואָס?

— נישטאָ גענוג טאַנקען פאַר אַלע טאַנקיסטן... מיר האָבן זיך יאָרן געגרייט צו דער מלחמה און האָבן גאָר נישט צוגעגרייט. מיט איין קלאַפּ האָבן אונדז די דייטשן אָוועקגעלייגט... און איצט ווער ווייסט צוריק אויפבויען דאָס לאַנד — זעט, דאָקטאָר, די גאַנצע צייט פאָרן מיר צווישן חורבות...

— יאָ, די דייטשן טרעטן אָפּ און לאָזן הינטער זיך נאָר פאַרברענטע ערד און חורבות.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער שוועסטער טאַניאַ זי האָט גענומען זיין האַנט אין אירע, זי געגלעט, דערנאָך צוגעלייגט צו אירע ליפּן. טאַניאַ האָט ליב געהאַט דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו, כאָטש ער איז געווען צוויי מאָל עלטער פון איר. ער האָט זי דערהויבן: זי איז היינט אַן עלטערע קראַנקן־שוועסטער און מען רופט זי „פרוי דאָקטאָר". אַלע ווייסן, אַז זי, די פרוי פון מאַיאָר אַרטעמאָוו, האָט ליב אַ זייטנשפּרונג. זיי ווייסן, אַז דעם אַלטן דאָקטאָר אַרט עס נישט. זי איז צופרידן אַז ער לאָזט איר לעבן פריי, מיט וועמען איר געפעלט. טיילמאָל וווּנדערט עס אים, פאַר וואָס ער זעט זי נישט ביי זיין זייט אין בעט, אָבער ער שווייגט — אים אַרט עס נישט.

טאַניאַ ווייסט, אַז עפּעס קומט פאַר מיטן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי האָט נאָך עפּעס געהערט אין לאַגער, נאָר זי וועט נישט פרעגן — זאָל ער זיך לעבן אויף זיין אופן... איר גייט עס נישט אָן. די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט מען זען וואָס ווייטער וועט זיין. וועט ער וועלן אַוועק — זאָל ער גיין, דער אַלטער...

ס'איז געשטאַנען אַ פולע לבנה. דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. זיין קאָפּ איז געווען אַנגעשפּאַרט אויפן אַקסל פון דער שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ. די שוועסטער האָט אויף אים רחמנות געהאַט: זי האָט מיט אים מיטגעליטן. זי האָט נישט געוואָלט פרעגן וועגן דעם בריוו, וואָס האָט געבראַכט אַ ווענדונג אין זיין פירונג און, ווייזט אויס, אין זיינע מחשבות.

די קאַמיאָנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ וואַלד. פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז צוגעקומען צום ערשטן אויטאָ אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער דאָקטאָר.

— ער שלאָפט — האָט די שוועסטער טאַניאַ געזאָגט.

— וועק אים אויף, מיר זענען שוין אָנגעקומען.

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, מיר זענען שוין אָנגעקומען. פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו רופט אייך..

— ווו זענען מיר? — האָט זיך אַרטעמאָוו אויפגעכאַפּט.

— מיר שטייען ביי אַ גרויסן וואַלד.

— ביי אַ וואַלד וועט זיין גוט פאַר די רעקאָנוואַלעסצענטן... זאָג דעם פאָלקאָווניק אַז איך קום גלייך.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. לעבן וואַלד איז געשטאַנען אַן אַלטע שולע מיט אויסגעהאַקטע פענצטער, דורכגע־לעכערטן דאַך — דאָ האָט דאָקטאָר אַרטעמאָוו, לויטן באַפעל, געדאַרפט אויפ־שטעלן דאָס פעלדשפּיטאָל.

די דאָקטוירים, שוועסטער און סאַניטאַרן האָבן די רעשט נאַכט געאַרבעט. אין דער פרי איז אַלץ געווען גרייט אויפצונעמען די ערשטע פאַרוווּנדעטע.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז גאַנץ פרי אַוועק אין וואַלד. די פייגעלעך זענען שוין געשפּרונגען פון צווייג צו צווייג, פאַרהילכנדיק דעם וואַלד מיט זייער מאָרגן־געזאַנג. געלע וויעוויאָרקעס האָבן זיך געדראַפּעט אויף די ביימער, אַראָפּגעקוקט מיט קיילעכיקע אויגן פון די ברוינע סאָסנעס. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן אַ סאָסנע. ער האָט געטראַכט: וויפל שטורעמס, וויפל מלחמות האָבן שוין איבערגעלעבט די דאָזיקע ביימער?... ער וועט אויך איבער־לעבן די מלחמה; דעם דיקטאַטור־רעזשים; ער וועט ווידער זיך ווידמען זיינע פאָרשונגען. די פייגעלעך האָבן זינגענדיק זיך געלאָזט זוכן שפּייז אין גראָז און צווישן די בלעטער. ער האָט זיך אומגעקוקט און נישט זעענדיק קיין פאַרדעכטיקס האָט ער אַרויסגענומען דעם בריוו פון נאַטאַשאַן.

ווי די צייט לויפט — האָט ער געטראַכט, ערשט נעכטן איז זיין טאָכטער געוועזן קוים אַ קליין מיידעלע און היינט אַ דאָקטאָרין. ווי לאַנג איז ווי ער האָט מיט איר שפּאַצירט איבער די מאָסקווער גאַסן און גערטנער...

איצט זיצט ער, אַן עלטערער מאַן אין וואַלד, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין אַן אַלטע סאָסנע און לייענט אַ בריוו און דער בריוו וועקט אַ בענקשאַפט צו זיין משפּחה... די איבערלעבונגען האָבן אין אים אָפּגעטעמפּט דאָס געפיל און אָט האָט עס זיך ווידער דערוועקט... ווידער טראַכט ער וועגן דער קאַשמאַרער נאַכט, ווען עס זענען אַריינגעקומען צוויי מענער און באַפוילן אים תיכף מיט זיי מיטצוגיין... ער האָט נישט באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך קיין זאַך, געזעגענען זיך מיט דער פרוי און טאָכטער — די צוויי מענער האָבן אים אַרויסגעפירט פון שטוב און פאַרמאַכט די טיר...

ער געדענקט גוט דעם רויטן וואַגאָן וואָס האָט זיך געשלעפּט פון סטאַנציע צו סטאַנציע, ווי אַ הונגעריקער אויף געשוואָלענע פיס. דעם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט מיט דעם אַלעם פאַרענדיקן אונטער אַ פאַלנדיקן בוים... די בילדער לויפן פאַרביי אין זיין זכרון. ער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע אין דער מלחמה, וואָס פירט זיך דאָ איצט אַרום אים אויף לעבן און טויט.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו ווייסט גוט, ווער עס איז שולדיק אין דעם, וואָס די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן די טראַגישע מלחמה, וואָס זיי האָבן אַזוי טיף אַריינ־געדרונגען אין דער הייליקער רוסישער ערד. די זעלבע האָבן אים אַוועקגעריסן פון זיין משפּחה, פון זיין שעפערישער אַרבעט — אַוועקגענומען ביי אים די שענסטע יאָרן אין לעבן און פאַרשיקט אין די לאַגערן צו שניידןביימער און שטאַרבן פון הונגער.

די רעוואָלוציע האָט נישט געבראַכט דעם יחיד קיין פּערזענלעכע פרייהייט. דער מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומבאַוווסט שרייפעלע אין דער דיקטאַטאָריש־אָנגעפירטער מאַשין. אויף וועמען עס פאַלט דער גורל, דער פאַלט אַרויס פון נאָרמאַלן לעבן, איז פאַרמשפּט צו אַרבעטן ווי אַ שקלאַף אין אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען און שטאַרבן פון דערשעפּונג און הונגער.

גרויס זענען געוועזן די האָפענונגען, פאַרבונדענע מיט דער רעוואָלוציע — און וואָס איז פון זיי געבליבן?

אַרטעמאָוו לייגט אַוועק דעם בריוו וואָס האָט אים געבראַכט אַזוי פיל פרייד און גלייכצייטיק דערוועקט די איינגעשלאָפענע אויפן פראָנט מחשבות. די פלאַמען אַרום ברענגען אים צוריק אויפן רעאַלן גרונט. די דייטשן טרעטן אָפּ און זיי פאַרברענען נאָך זיך אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. באַלד וועט מען ברענגען אין פעלדשפּיטאָל פאַרוווּנדעטע, — עס וועט ווידער זיין אַרבעט אויף אַרבעט... ער דערמאָנט זיך: נעכטן האָט אים דער פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו צוגעזאָגט אויף היינט אַ „קאָמאַנדיראָווקע” און אַ באַפרייונג אויף צען טעג, צו פאָרן אין הינטערלאַנד אויף אָפּרו. איצט טראַכט אַרטעמאָוו: זאָל ער פאָרן, צי זאָל ער בלייבן אין וואַלד, וווּ עס לויערט דער טויט און עס שמעקט גלייכצייטיק מיט

פרייהייט?... ער באַשליסט נישט צו פאָרן. ס׳קאָן זיך מאַכן, אַז אין מאָסקווע וועט ער טרעפן דעם נאַטשאַלניק פון נקוו״ד מיט די געלע טיגער־אויגן... ניין, ער וועט מער נישט גיין אין רויטן וואַגאָן אַריין... נאָך דער מלחמה וועט ער באַשליסן, צי זאָל ער אַראָפּרייסן די מאַסקע און צוריק זיין פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

אַ פאַרטראַכטער, האָט ער נישט באַמערקט דאָס דערנענטערן זיך פון פּאָל־קאָווניק יאַקאָוולעוו.

— נו, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, איר זייט צופרידן פון נייעם פּלאַץ?

— איך בין שטאַרק צופרידן. פאַר די קראַנקע און אויך פאַר מיר איז דער וואַלד בעסער און געזונטער פון אַ סך מעדיקאַמענטן — מען פילט זיך אין אַ געוויסער מאָס פריי...

— און איך האָב אייך געבראַכט אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ מיט אַ באַפרייונג אויף צען טעג.

— איך דאַנק אייך, פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, אָבער איך וועל איצט נישט פאָרן, איך בלייב דאָ.

— וואָס רעדט איר, דאָקטאָר? יעדער פון די פראָנטקעמפער שטרעבט צו פאָרן אין הינטערלאַנד, טרעפן זיך מיט פרוי און קינדער — און איר ווילט גאָר נישט אויסנוצן אַזאַ געלעגנהייט?

— ניין, כל־זמן עס גייט אָן די מלחמה איז מיין אָרט דאָ, אין פעלד־שפּיטאָל. איך פאַרטראָג נישט די אַלע וואָס רעדן שיינע ווערטער און זיצן אין הינטערלאַנד.

— איך פאַרשטיי אייך, נאָר מיר זענען קליינע מענטשעלעך און נישט אונדז פרעגט מען, ווי צי פירן אפילו אונדזער אייגן לעבן. מיר זענען נאָר קליינע שרייפעלעך אין דער גרויסער מאַשין... זאָגט איר, דאָקטאָר, אַז איר ווילט נישט פאָרן?

— ניין. אויף מיר וואַרט קיינער נישט — בעסער וועל איך דאָ העלפן די וועלכע דאַרפן מיין הילף.

— איר זענט אַן אמתער רוסישער פּאַטריאָט, נישטאָ היינט אַ סך אַזעלכע הילפסגרייטע מענטשן, ווי איר...

— דאָס לעבן אַליין האָט מיך אין די לעצטע יאָרן געלערנט אויסצושטרעקן אַ האַנט צו העלפן אַ מענטשן...

ביידע האָבן זיך געגעבן די הענט און יעדער איז אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג צום אויספילן זיין אויפגאַבע.

אַרטעמאָוו איז געווען הונגעריק. ער איז אַריין אין קיך. די שוועסטער טאַניאַ ליסענקאָ איז אים אַנטקעגנגעקומען.

— ווו זייט איר געווען? איך האָב אייך צוגעגרייט פרישטיק אין אייער צימער. קומט עסן — אין קיך איז איצט גאָרנישט נישטאָ.

אַ שווייגנדיקער איז אַרטעמאָוו געגאַנגען לעבן דער קראַנקנשוועסטער צו

זיך אין צימער. אויפן טיש איז געשטאַנען דער גאַנצער פרישטיק. אַרטעמאָוו האָט זיך געזעצט צום טיש און אָנגעהויבן עסן. טאַניאַ האָט אויף אים געקוקט — זי האָט נישט געוואָלט פרעגן, ווו ער איז געווען דעם גאַנצן פרימאָרגן. דער דאָקטאָר האָט געענדיקט דאָס פרישטיק.

— פאַר וואָס שטייסטו? — האָט ער זי געפרעגט — האָסט געמיינט, אַז איך פאָר אין הינטערלאַנד צו אַנדערע פרויען? ניין, איך פאָר נישט, עס איז מיר דאָ גוט, אַ פרייער מענטש צווישן ברוינע סאָסנעס...

— פאַרגעסט, דאָקטאָר, פון יענער צייט...

— איך קאָן נישט פאַרגעסן... איך האָב אויך נישט פאַרגעסן, אַז דו האָסט אין מיר דערוועקט דעם ווילן צום לעבן, ווען איך האָב באַשלאָסן זיך אומצוברענגען אונטערן פאַלנדיקן בוים...

— און איר האָט געהיילט מיינע ווונדן...

— כ'וועל דיך נישט פאַרלאָזן. איך פאָר נישט אין הינטערלאַנד.

— איר דאַרפט יאָ פאָרן, אָפּגעפינען די משפחה — טאָמער זענען זיי אין אַ נויט און דאַרפן אייער הילף...

— און די, וואָס האָבן מיך פאַרשיקט? — זיי וועלן מיר נישט מוחל זיין די עוולה וואָס כ'האָב זיי געטאָן מיט מיין בלייבן לעבן, אַזוי ווי איך וועל זיי נישט מוחל זיין. דערווייל טאָר איך נישט און איך וועל נישט פאָרן. דו ביסט די איינציקע דאָ וואָס קען מיין פאַרגאַנגענהייט... איך וועל אויסוואַרטן אויף בעסערע צייטן... צוויי מאָל וועסטו מיך נישט קענען אומקערן צום לעבן...

— איך וועל זיין מיט אייך, דאָקטאָר, אייער פרוי, אייער שוועסטער...

— אַ דאַנק דיר, טאַניאַ...

☆

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען דער שאָפער גולייעוו איז אַריינגעפאָרן אין דער שטאָט אָכאַנסק. ער האָט זיך געאײלט איבערצוגעבן דעם בריוו פאַר דער דאָקטאָרין נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ. ביים אַריינגאַנג אין הויז האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף דער באַלעבאָסטע, נאַטאַליאַ ניקיטינאַ. זי האָט אים אַרומגענומען און איינגעביסן זיך אין זיינע ליפּן.

לאָז מיך גיין צו דער דאָקטאָרין, — האָט ער געזאָגט.

— איך ווייס, דו האָסט זי ליב, נאַטאַשאָן.

— איך האָב איר געבראַכט אַ בריוו פון לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. ער בעט די דאָקטאָרין אָדער די מוטער זאָל קומען אין שפּיטאָל אַריין. מיט אַלעקסאַנדערן האַלט עס שלעכט...

נאַטאַשאַ איז געלעגן אויפן בעט און געקוקט אויף די קאַנאַריקלעך אין די שטייגלעך. דערהערנדיק טריט, האָט איר אַ פּיק געגעבן דאָס האַרץ. נאַסטיאַ און גולייעוו זענען אַריין אין צימער.

— וואָס הערט זיך נייעס, — האָט זי שטיל געפרעגט.

— כ'האָב אייך געבראַכט אַ בריוו...

— קום גולייעוו צו מיר אין צימער — האָט נאַסטיאַ געזאָגט, — נאַטאַשאַ וויל מסתמא אַדורכלייענען רויִק דעם בריוו. זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַרויסגעפירט פון צימער.

נאַטאַשאַ האָט געעפנט דעם בריוו און שנעל אָנגעהויבן לייענען. ווען זי האָט געענדיקט לייענען, האָט זי שווער אָפּגעזיפצט: מיין אָרעמער אַלעקסאַנדער... און דאָ קאָן איך נאָך נישט אַראָפּ פון בעט... און ווי אַזוי וועל איך דיר דערציילן,

— האָט זי געשעפּטשעט, — אַז איך האָב פאַרלוירן אונדזער קינד...

זי האָט אָנגעהויבן וויינען. באַלד אָבער האָט זי צוגעטראַכט אַן עצה: איך וועל בעטן מיין מאַמען, זי זאָל פאָרן קיין פּערם, אויפזוכן אַלעקסאַנדערן אין שפּיטאָל און זען, מיט וואָס קאָן מען אים העלפן...

נאַסטיאַ און גולייעוו זענען נאָך אַ ווײַלע אַריין צוריק אין צימער. זיי האָבן געהערט, אַז זי מורמלט עפּעס, ווי אין פיבער...

— האָסט עפּעס גערעדט, נאַטאַשאַ?

— כ'האָב געבעטן גאָט, ער זאָל מיר אָפּהיטן מיין אַלעקסאַנדערן. גענוג יידן אומגעקומען פון די דייטשע הענט. ווען די מאַמע וועט קומען וועל איך זי בעטן פאָרן קיין פּערם און זיך פאַרנעמען מיט אַלעקסאַנדערן, ביז איך וועל קאָנען פאָרן. גולייעוו, נעמט מאָרגן מיט מיין מאַמען קיין פּערם — מען דאַרף ראַטעווען אַלעקסאַנדערן. אויב ער וועט שטאַרבן, וועל איך זיך וואַרפן אין דער קאַמאַ אַריין...

נאַסטיאַ האָט זיך באַמיט זי צו באַרויִקן, זי האָט געגלעט נאַטאַשאַס האַנט, געשעפּטשעט איר טרייסטווערטער, נאָר נאַטאַשאַ האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז געקומען שפּעט. דערזעענדיק די טאָכטער שלאָפן מיט אַ בריוו אין האַנט, האָט זי אַרויסגענומען דעם בריוו פון נאַטאַשאַס הענט און אָנגעהויבן לייענען — האַלט עס אַזוי שלעכט מיט אים — האָט זי געטראַכט... ער איז אַזאַ גוטער מענטש, ער מוז לעבן...

זי האָט שנעל באַשלאָסן — זי פאָרט קיין פּערם.

אין שטוב איז געווען שטיל. נאַסטיאַ איז אַוועק מיט גולייעוון און נאַטאַשאַ איז געשלאָפן. אַנאַ האָט צוגעגרייט אַ פּעקעלע שפּייז אויף דער צומאָרגנדיקער רייזע און זיך געלייגט שלאָפן. זי האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפן — אירע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט אַלעקסאַנדערן.

גאַנץ פרי איז גולייעוו געקומען איר מיטנעמען קיין פּערם. אַנאַ איז שוין געווען גרייט אין וועג אַריין. זי האָט געבעטן גולייעוון פאָרן ווי אַמשנעלסטן — מיין אָרעמע נאַטאַשאַ וועט עס נישט איבערהאַלטן, זי האָט אים אַזוי ליב... האָט זי געדערט ווי אין פיבער.

— דער וועג איז היינט גלאַט ווי דער טיש, אין צוויי שעה אַרום וועלן מיר זיין אין שפּיטאָל ביי אַלעקסאַנדערן — האָט געזאָגט גולייעוו.

— יאָ, און איר זענט אַ גוטער מענטש... אַנאַסטאַסיאַ איז אין אייך פֿאַרליבט. איר וועט חתונה האָבן און...

— איך ווייס נישט, — האָט גולייעוו איבערגעריסן און דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען צוליב די לעכער אין שאָסיי.

גולייעוו האָט אַ שווייגנדיקער געפֿירט די מאַשין. אַ גאַנצן וועג האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט. קאָלכאָזניקעס האָבן געטראָגן אין שטאָט אַריין זייערע פּראָדוקטן, געגעבן אים צייכנס זיך אָפּצושטעלן, נאָר היינט איז ער נישט געווען אויפֿגעלייגט. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער ברענגען אַנאַ איוואַנאָוונאַ אין שפּיטאָל אַריין.

☆

דריי טעג איז אַלעקסאַנדער געלעגן אין פֿיבער. אויפֿן דריטן טאָג האָט ער געעפֿנט די אויגן און דערזען בײַם בעט אַנאַ איוואַנאָוונאַ. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און צוגעלייגט צו זיינע ליפּן. אַנאַס אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. אין האַלדז האָבן איר געשטיקט ווערטער, וועלכע זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען. ענדלעך האָט אַלעקסאַנדער שטיל געפֿרעגט: ווו איז נאַטאַשאַ?

— זונטיק וועט זי צו דיר קומען... דו ווייסט דאָך די סאָוויעטישע געזעצן וועגן אַרבעטס־דיסציפּלין... איך וועל אַהיימפֿאָרן שבת און נאַטאַשאַ וועט צו דיר קומען זונטיק. זאָג מיר, אַלעקסאַנדער, האָסט אַמאָל נישט געטראָפֿן ערגעץ דעם פּראָפֿעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו?

— יאָ, מוטער, כ'האָב אים געטראָפֿן... ווען איך וועל אַרויס פֿון קריזיס וועל איך אַלץ דערציילן...

— אפשר קאָנסטו מיר דאָך זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער, דערצייל...

— איך מיין אַז די אָפּעראַציע בײַם באַזייטיקן די קויל איז נישט געלונגען און אויפֿן וועג האָב איך, ווייזט אויס, באַקומען אַן אינפֿעקציע אין דער וווּנד. די דאָקטוירים האַלטן אָבער, אַז די אָפּעראַציע איז יאָ געווען אַ געלונגענע... דורכגעפֿירט די אָפּעראַציע האָט פּראָפּ׳ מאַסלאָוו... באַרויִקט אייך, מוטער... ער לעבט! אַלץ וועט זיין גוט, נאָר דערווייל מוזן מיר שווייגן בכדי די נקוו״ד זאָל אים נישט אויסשפּירן... מיר מוזן דערווייל שווייגן, אָבער ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן זאַלבע־פֿיר זיצן ביי איין טיש...

— גלויבסט אין דעם?

— מוטער, טייערע, לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן, ווענט האָבן אויערן...

— איז דאָס אמת, וואָס דו זאָגסט, נאַרסט מיך נישט?

— איך נאַר קיינעם נישט און אייך אַוודאי און אַוודאי נישט.

— זאָגסטו, אַז מיין פּאַוולושאַ לעבט?

— פֿאַר דער מאַכט איז ער טויט. דערווייל פֿרעגט נישט מער, נאַטאַשאַ וועט קומען זונטיק וועל איך איר אַלץ דערציילן...

— דריי טעג בין איך מיט דיר... מיין מוטער־האַנט האָט דיך געראַטעוועט, ווען די דאָקטוירים האָבן דיך שוין אויפגעגעבן. דיין יידישער גאָט האָט אויס־געהערט נאַטאַשאַס הייסע תפילות פאַר דיין לעבן...

אַנאַ איז געזעסן ביי אַלעקסאַנדערס בעט מיטן קאָפּ אונטערגעשפּאַרט. זי האָט געטראַכט: צי זאָל זי גלויבן, אַז איר מאַן לעבט, צי איז עס נאָר אַלעקסאַנדערס אַ קרענקלעכער חלום... ניין, ער איז אָבער קלאָר ביי די געדאַנקען, ער ווייסט וואָס ער רעדט, ער נאַרט מיך נישט.

— נעמט ארויס, מוטער, פון דער לעדערנער טאַש, אַ מתנה פאַר אייך... פון פאָטער. אַנאַ האָט אים דערלאַנגט די טאַש און אַלעקסאַנדער האָט פון איר אַרויסגענומען אַ פּאַק גרינע און רויטע טשערוואָנצעס.

— דאָס האָט דער פאָטער אייך איבערגעשיקט.

— איז דאָס נישט דיין געלט?

— ניין.

— ס'קומט אין אַ ריכטיקער צייט. נאַטאַשאַ און איך האָבן שוין אַלע קליידער אויסגעטוישט אויף שפּייז. איך הויב אָן צו גלויבן, אַז דו נאַרסט מיך נישט. איך פאַר אַהיים אָנזאָגן נאַטאַשאַן וועגן דעם גליק...

— אַחוץ ביידע, דאַרף קיינער מער נישט וויסן פון דעם סוד...

— איך פאַרשטיי. קיינער וועט עס פון מיר נישט אַרויסבאַקומען, אפילו מיט כוח...

— זייט פאַרזיכטיק מיטן געלט.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט און אַ קוש געטאָן אַלעקסאַנדערן אין שטערן.

קאַפּיטל זעקס

דער וועג צו אַלעקסאַנדערן

דער ערשטער פרילינג־שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן מיט דונערן און בליצן אין האַלבע נאַכט. נאַטאַשאַ האָט נישט געקענט שלאָפן — אַזאַ שטורמישער רעגן איז שוין פון לאַנג נישט געווען. זי איז געלעגן אויפן בעט מיט אָפענע אויגן און געטראַכט וועגן מאָרגנדיקן טאָג. מאָרגן וועט זי זיך טרעפן מיט אַלעקסאַנדערן, זי וועט צולייגן זיין האַנט צו איר ברוסט — זאָל ער פילן איר ערלעכע ליבע. יעדער בליץ האָט באַלויכטן דאָס צימער. נאַטאַשאַ האָט זיך געדרייט אויפן בעט. די קאַנאַריקלעך זענען איצט געווען שטיל... נאַסטיאַ האָט היינט אַריינגעלאָזט אַ צווייט קאַנאַריקל צו דער פּאָר — זאָלן זיי זיך פּאָרן. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן צוצוגעבן אַ קיישעלע מיט היי פאַר די אייעלעך.

נאַטאַשאַ איז אַראָפּ פון בעט, צו צום פענצטער — וועט זי באַלד פרי קאָנען צוגיין צום פּאָרט און פאָרן מיט דער שיף קיין פערם? — כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז דאָס וועטער וועט זי נישט אָפּהאַלטן פון פאָרן זען איר אַלעקסאַנדערן.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן איינס. זי איז אַוועק פון פענצטער און ווידער זיך געלייגט אויפן בעט. זי האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן, ס׳זאָל שוין זיין זעקס פרי, ווען די שיף גייט אָפּ פון אָכאַנסק.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז געשלאָפן און נאַטאַשאַ האָט געהערט איר אָטעם. זי איז צופרידן די מוטער: איר מאַן, דער גרויסער פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו לעבט! נאָר זיי מוזן שווייגן, זיי טאָרן נישט אַרויסווייזן זייער פרייד — וועט האָבן אויערן! קיינער טאָר נישט וויסן, אַז זייער מאַן און פאָטער לעבט אונטער דער מאַסקע פון אַ פרעמדן נאָמען.

ענדלעך איז זי איינגעשלאָפן. דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט און ס׳האָט זיך געשטעלט אַ נייער, ליכטיקער טאָג. נאַטאַשאַ איז אַ פריילעכע געגאַנגען צום פּאָרט. אירע אויגן האָבן געפינקלט פון פרייד.

נאָכן קויפן דעם בילעט, איז זי גלייך אַרויף אויפן דעק פון דער שיף און זיך געזעצט אויף דער לאַנגער באַנק. זי האָט געקוקט אויף די שטורמישע קאַמאַ־וואַסערן, ערשט נישט לאַנג האָט זי געוואָלט זיך וואַרפן אין זיינע כוואַליעס, אַנטלויפן פון אַלע צרות — און היינט וויל זי לעבן!

ס׳האָט זיך דערהערט די הילכיקע שיף־סירענע. די שיף האָט אַ ציטער

געטאָן, אַרויסשווימענדיק אויפן ברייטן טייך־שטראָם. אויפן דעק זענען קאָלכאָזני־קעס געפאָרן טוישן זייערע פּראָדוקטן אויף הערינג און מלבושים. פון ביידע זייטן טייך צי׳ען זיך אַלטע אורוועלדער.

נאַטאַשאַ איז שוין מיט אירע געדאַנקען אין פערם. זי האָט דאָרט פאַר־בראַכט אַ סך יאָרן, זי האָט דאָרט אַ סך פריינד און באַקאַנטע. נאָר היינט וויל זי נישט טרעפן קיינעם פון אירע באַקאַנטע. קיינער פון זיי האָט פאַר איר נישט אונטערגעשטעלט קיין פּלייצע, ווען זי איז געווען איינזאַם און פאַרפאָלגט. זי ווייסט גוט, אַז איר שולד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט נישט געוואָלט ווערן די געליבטע פון קאָמיסאַר באַבושקין. ער האָט זיך אין איר נוקם געווען: אין אַ פראָסטיקן טאָג האָט זי מיט דער מוטער געמוזט אין משך פון עטלעכע שעה פאַרלאָזן זייער היים אין דער שטאָט פערם. גוט, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שאָפער מיט אַ גוט, מענטשלעך האַרץ, וועלכער האָט זיי איבערגעפירט קיין אָכאַנסק און זיי געהאָלפן געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די קאָלכאָזניקעס זעצן זיך אויס צום פרישטיק. איינער פון זיי, אַן אַלטער פויער, דערלאַנגט נאַטאַשאַן אַ שטיקל ברויט מיט קעז.

— מער האָבן מיר נישט — אַנטשולדיקט ער זיך פאַר נאַטאַשאַן. די אייער און פּוטער זענען פאַר די שטאָטישע... דער פויער איז פאַרשקלאָפט און קאָן נישט געניסן די פּראָדוקטן, וואָס ער אַליין שאַפט... פריער זענען מיר געווען שקלאַפן ביי די פּריצים און איצט ביי די קאָלכאָזן... מיר האָבן נישט קיין העמד אויפן לייב. זע, דאָרט זיצן צוויי פרויען און לויזן זיך... נישטאָ קיין זייף...

— רעדט נישט אַזוי, זיידע, איך בעט אייך, מען קאָן אייך נאָך, חלילה, אַרעסטירן.

— פאַר וועמען האָב איך מורא? אויסגעלעבט שוין מיינע יאָרן! און איצט איז מיר שווער צו שווייגן, און פאַר דיר, זע איך, קאָן איך מיר אַראָפּרעדן פון האַרצן. די רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט אַ סך און דער רוסישער פויער גייט אַרום אין שמאַטעס. זע, ווי רייך און שיין די רוסישע ערד איז! — און ווער הערשט איבער איר? די נקוו״ד! מען האָט געלאָזט די דייטשן פאַרנעמען אונדזער לאַנד און פאַר דער באַפרייונג צאָלן מיט זייערע לעבנס די בעסטע זין אונדזערע. פרויען בלייבן אָן מענער, קינדער אָן פאָטערס, מאַמעס באַוויינען זייערע זין... איך זע אין דיינע אויגן, אַז אויך דיר איז נישט לייכט אויף דער נשמה. וווהין פאָרסטו?

— קיין פּערם, באַזוכן מיין אויפן פראָנט פאַרוווּנדעטן מאַן. ער איז אין מי־ליטערישן שפּיטאָל.

— גאָט זאָל דיך פירן — האָט דער אַלטער געזאָגט — אויפהייבנדיק די האַנט ווי ער וואָלט זי געוואָלט בענטשן.

נאַטאַשאַ האָט געקוקט אויפן אַלטן און האָט געטראַכט: אַט וואָס די סאָוויע־טישע מאַכט האָט געגעבן דעם רוסישן פויער? אַן אַ שיער ליידן...

ווען דער אַלטער האָט זיך איבערגעשלאָפן, האָט ער ווידער דערזען די יונגע

שטאָטישע פרוי. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פֿאָטערישן פֿאַרזאָרגטן בליק, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיקל צוקער פֿון דער טאָרבע און דערלאַנגט עס דער אומבאַקאַנטער יונגער פרוי.

—ווי רופֿט מען דיך? — האָט ער געפֿרעגט.

— נאַטאַליאַ מאַסלאָווא. איך בין אַ דאָקטאָרין.

— דו ביסט אַ גראַמאָטער מענטש, זאָג מיר, צי ערגעץ אַנדערש איז דאָס מענטשלעכע לעבן אויך אַזוי שווער ווי ביי אונדז? דו שווייגסט, אַלע אינטעליגענטן שווייגן... נאָר מיר, די רוסישע פּויערים, קאָנען מער נישט שווייגן...

— עס וועט קומען אַ טאָג, זיידע, די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און די רוסישע אינטעליגענץ וועט אויפהייבן איר שטים.

— וווּ וווינסטו אין אָכאַנסק?

— ביי דער משפחה ניקיטין. ער אַרבעט אין ראַיאָן־קאָמיטעט.

— איך קען אים — ער קומט צו אונדז אין קאָלכאָז.

— איך וועל צו דיר, דאָקטאָר, קומען, זאָלסט מיך באַהאַנדלען און געבן אַן עצה. איך וועל דיר ברענגען פֿרישע אייער און פּוטער.

— מען דאַרף נישט, זיידע.

— איך וועל קומען דעם אַנדערן זונטיק. וועסט זען וואָס פֿאַר אַ מין מענטש עס איז אַ רוסישער פּויער. איך וועל דיך באַגלייטן אין שפּיטאָל אַריין — כ'האָב מורא ס'זאָל דיר אונטערוועגנס נישט געשען קיין עוולה.

— מען דאַרף נישט, זיידע, איך האָט געוווינט אין פֿערם לאַנגע יאָרן און איך קען די שטאָט. מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פֿון דאָרט...

— זאָל דיך גאָט בענטשן, זאָלסט טרעפֿן דיין מאַן אַ געזונטן. נאָר געדענק, אויב מען האָט דיך אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט, טאָרסטו דאָרט אַהין מער נישט קומען. אַזעלכע זענען די סאָוועטישע געזעצן. מען קאָן דיך אַרעסטירן און ווער ווייס וואָס ס'קאָן אַלץ געשען... איך וועל דיך באַגלייטן ביז אין שפּיטאָל אַריין.

— מיין מאַן איז אַ ייד, — האָט דערציילט נאַטאַשאַ. ער איז געקומען פֿון ווייט און אַוועק אויפֿן פֿראָנט פֿרייוויליק. ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן... מיין אַלעקסאַנדער איז אַ גוטער, ערלעכער מענטש. ער האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין די דייטשן פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די יידן...

זיי האָבן נאָך געשמועסט ווען די שיף איז מיטאָג צייט אָנגעקומען קיין פֿערם. די פּאַסאַזשירן זענען אַראָפּ פֿון שיף און יעדער האָט זיך געלאָזט גיין אין זיין ריכטונג.

נאַטאַשאַ איז געגאַנגען מיטן אַלטן פּויער.

— ווי רופֿט מען אייך, זיידע? — האָט נאַטאַשאַ געפֿרעגט.

— ביעלייעוו, איוואַן ביעלייעוו.

— גייט אייך, זיידעניו, דערליידיקט איירע ענינים, און נאָך מיטאָג וועלן מיר זיך טרעפֿן ביים פּריסטאַן.

— זאָל זיין ווי דו ווילסט.

ביעלייעוו האָט זיך פאַרנומען צום מאַרק און נאַטאַשאַ איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל. גייענדיק דורכן שטאָטישן גאָרטן האָט זי באַמערקט דעם קאָמיסאַר באַבושקין. ס׳האַרץ האָט זיך אין איר אָפּגעשטעלט פאַר שרעק. זי איז געבליבן שטיין און באַבושקין האָט זיך דערווייטערט אין דער ריכטונג צו דער סאָוויעטסקאַיאַ־גאַס. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, בכדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן איז צו איר צוגעקומען אַ מאַן, אויפגע־הויבן די קלאַפּע און געהייסן גיין מיט אים.

— וווהין פירט איר מיך?

— אין שטאַב פון נקוו״ד.

— איך בין גישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן.

— ביים נאַטשאַלניק וועט זיך אַלץ אויפקלערן.

נאַטאַשאַ איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס איז באַבושיקנס אַרבעט — האָט זי געטראַכט. זי האָט באַשלאָסן זיך צו שטאַרקן און שווייגן. זי וועט בעטן דעם נאַטשאַלניק ער זאָל איר נאָר לאָזן זיך טרעפן מיט אַלעקסאַנדערן אין שפּיטאָל — דערנאָך...

דער נאַטשאַלניק מאַראַזאָוו איז געזעסן אין זיין אַרבעטס־צימער און געוואַרט אויף די דאָקטאָרין נאַטאַליאַ מאַסלאָוואַ. זיינע קליינע אייגעלעך אונטער די דיקע ברילן האָבן געמרוגעט: ער איז דעם טאָג נישט געווען מיט אַלעמען. אין מויל איז אים געווען ביטער פון דער ביינאַכטיקער שיכרות. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— אַריין! ביטע, דאָקטאָר, זעצט אייך. איר קענט שוין גיין — האָט ער זיך געוואָנדן צום אַגענט. יענער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער.

— איר ווייסט, דאָקטאָר, ווו איר געפינט זיך?

— יאָ, איך ווייס. וואָס ווילט איר פון מיר, איך בין אַזוי שוואַך, ערשט היינט אויפגעשטאַנען פון קראַנקנבעט.

— וואָס איז אייך?

— איך האָב פאַרלוירן מיין קינד.

— אייער מאַן איז אינזשיניער אַלעקסיי מוכין.

— דאָס איז נישט ריכטיק. מיין מאַן איז אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו.

— מיר האָבן אייער טעטשקע — פאַר אונדז קאָנט איר גאָרנישט אויסבאַ־האַלטן. ווער עס איז אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו, וועל איך אייך אַ צווייט מאָל זאָגן.

— וואָס רעדט איר! אַלעקסאַנדראָוו ליגט אין שפּיטאָל אַ שווער־פאַרוווּנ־דעטער פון מאָסקווער פראָנט.

— מען ווייסט שוין אַלץ... און איר, דאָקטאָר מאַסלאָוואַ, וועט איצט גיין אין תפיסה פאַר עובר זיין דאָס געזעץ. מען האָט אייך אַרויסגעשיקט פון פּערם און איר האָט נישט קיין רעכט דאָ זיך צו געפינען.

— כ׳האָב עס נישט געוווּסט, ס׳איז דאָס ערשטע מאָל...

— איך גלייב אייך... איך האָב געהערט אַז אין אָכאַנסק האָט איר דערפּאָלג אין אייער אַרבעט. אָבער איצט וועט איר מוזן גיין אין תפיסה...

— אין אַלעם איז שולדיק קאָמיסאַר באַבושקין... איך האָב נישט געוואָלט ווערן זיין געליבטע, פאַרפאָלגט ער מיך. ער האָט מיך דערזען אין שטאָטישן גאָרטן, אויפן וועג אין לאַזאַרעט, איז ער גלייך געקומען צו אייך... כ׳בעט אייך, נאַטשאַלניק, שיקט מיך בעסער אויפן פראָנט. אין תפיסה וועט דאָס לאַנד נישט האָבן פון מיר קיין נוצן — אויפן פראָנט וועל איך קענען העלפן די פאַרוווּנדעטע...

— דערווייל גייט אין תפיסה. פון דאָרט וועט איר זיך קאָנען ווענדן מען זאָל אייך שיקן אויפן פראָנט. איך פאַרנעם זיך נישט דערמיט. איר האָט איין מעג־לעכקייט: איר זענט יונג און שיין, באַבושקין וועט אייך ליבן און געבן אַ סאָוויעטישע דערציִונג...

— איך וועל אייך איצט נישט ענטפערן אויף דעם... אָבער לאָזט מיך דערווייל פריי...

ס׳איז אַריינגעקומען אַ מאַן אין ציווילע קליידער.

— חבר מאָראָזאָוו, — האָט ער זיך געוואָנדן צום אָפיציר, — עס איז געקומען אַן אַלטער פויער פון אָכאַנסק און ער וויל מיט אייך רעדן.

— לאָזט אים אַריין.

עס איז אַריינגעקומען איוואַן ביעלייעוו. נאַטאַשאַ איז געוואָרן ליכטיק פאַר די אויגן, דערזעענדיק אים.

— זעצט זיך, ביעלייעוו. מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— נאַטשאַלניק, דו קענסט מיך זייט יאָרן. איך בין געקומען בעטן דו זאָלסט באַפרייען די דאָקטאָרין מאַסלאָווא. איך קען זי גוט — דאָס איז אַ גוטע נשמה, אַלע האָבן איר גערן. איך שרייב זיך פאַר איר אונטער...

נאַטאַשאַ האָט אָנגעהויבן וויינען. מאָראָזאָוו איז ווייכער געוואָרן.

— גוט, ביעלייעוו, אויב איר שרייבט זיך אונטער צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר, נעמט זי גלייך צו דער שיף און פאָרט באַלד מיט איר אָפּ קיין אָכאַנסק. איך וועל מיט אייך מיטשיקן אַ מענטשן, ער זאָל צוהיטן, איר זאָלט גלייך פאַרלאָזן פּערם. שרייבט אונטער, ביעלייעוו, דעם פּראָטאָקאָל.

ביעלייעוו האָט אונטערגעשריבן און ביידע זענען אַרויס צום פּאָרט מיט אַ „באַגלייטער", אויפגעזעצט זיך אויף דער שיף קיין אָכאַנסק. ער איז געשטאַנען, דער אַגענט, ביז די שיף איז אָפּגעשווימען.

נאַטאַשאַ איז אַרויף אויפן דעק, ווו עס האָט זיך שוין געראָיעט מיט אַהיימ־פאָרנדיקע קאָלכאָזניקעס. ס׳האָט געשמעקט מיט בראָנפן. נאַטאַשאַ און ביעלייעוו האָבן זיך געזעצט אַזוי ווי פריער. נאַטאַשאַ האָט זיך איינגעקוקט אין די כוואַליעס — און ווידער איז איר געקומען אויפן רעיון דער געדאַנק אַ שפרונג טאָן און פּטור צו ווערן פון אַלע ליידן... ס׳האָט זיך איר דערמאָנט דער אָוונט פונעם פאָטערס אַרעסט, דאָס געוויין פון דער מאַמען...

זיי זענען פאַרבייגעשווומען די רוסישע אורוועלדער. די זון האָט פאַרשפּינט

די ווייסע בעריאָזעס מיט אירע שטראַלן, פייגל האָבן געצוויטשערט. נאַטאַשאַ האָט דערפילט הונגער — דער לעבנס־אינסטינקט האָט געזיגט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף ביעליייעוו און ס'איז איר פריילעכער געוואָרן אויפן האַרץ.

— אַמאָל, אַמאָל — האָט דער אַלטער דערציילט — האָט מען אויף דער קאַמאַ דערלאַנגט אַ גוט מיטאָג מיט אַ גלאָז בראָנפן און היינט ?...

ביעליייעוו איז אַוועק אין קיך. נאַטאַשאַ איז געבליבן זיצן אַליין, פאַרזונקען אין אירע מחשבות. דער פויער איז צוריקגעקומען מיט אָפּגעקאָכטע אייער. ער האָט אויסגעשפּריט אַ רויט טיכל און אויף דעם אַרויפגעלייגט שוואַרץ ברויט, געבאַקן אויף קרויט־בלעטער, און פּוטער.

— לאָמיר בעסער עסן, דאָקטאָרין, נעם אייער, עס !

נאַטאַשאַ האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. אויפן דעק איז געווען שטיל. די קאָלכאָזניקעס האָבן זייערע איינגעקויפטע סחורות אונטערגעלייגט צוקאָפּנס און איינגעשלאָפן. ביעליייעוו האָט דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע : געקעמפט ביי דער־זייט פון טשאַפּאַיעוון אין די רעוואָלוציע־יאָרן ; היינט אַרבעט ער אַ ביסל אין קאָלכאָז און אין דער „פרייער" צייט — אויף דער אייגענער ווירטשאַפט. „אָט, אַ לעבן, מיט וועלכן עס לעבן מיליאָנען קאָלכאָזניקעס אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד".

אַ ווייסע טויב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שיף־דעק, זוכנדיק קרישקעס. ביעליייעוו איז איינגעשלאָפן און נאַטאַשאַ האָט זיך ווידער פאַרטראַכט איבער איר גורל, וואָס וועט צו דער היינטיקער געשיכטע זאָגן די מוטער, וואָס וועט טראַכטן אַלעקסאַנדער, זעענדיק, אַז זי איז נישט געקומען... און אפשר זאָל זי גאָרנישט דערציילן ? פאַרשווייגן ? נישט אָנטאָן קיין צער אירע נאָענטסטע ? ווער ווייסט וויפל צייט עס וועט נעמען, ביז זי וועט קומען מיט אַלעקסאַנדערן ערגעץ, ווו זי וועט קענען אַרויס פון קרייז פון שווייגן ? דערווייל דאַרף זי זיצן אין אָכאַנסק און וואַרטן אויף דעם, וואָס די צוקונפט וועט ברענגען.

ביעליייעוו האָט זיך איבערגעוועקט :

— איך מוז שוין גיין, דאָקטאָרין, מיין אַלטע וואַרט שוין אויף מיר. די טעג וועל איך מיט איר קומען דיך באַזוכן. איך ווייס ווו דיך צו זוכן. און טראַכט נישט וועגן דעם שלעכטס וואָס אַרום אונדז — טראַכט פון דעם בעסערן מאָרגן, וואָס מוז ענדלעך קומען. און דער עיקר : שווייג... דאָס מאָל האָבן זיי דיך פריי געלאָזט, אָבער היט דיך...

— איר זענט פאַר מיר געווען אַ מלאך, אַן אויסלייזער... גרוסט אייער פרוי און פאַרגעסט נישט אין מיר...

אין אָכאַנסק איז נאַטאַשאַ אַראָפּ די לעצטע. ווען זי איז געגאַנגען איבערן בריקל וואָס האָט געפירט פון דער שיף אַראָפּ, האָט זיך צו איר געוואַנדן דער שיפס־קאַפּיטאַן : — קאָן איך אייך באַגלייטן אין שטאָט אַריין ?

— אַ דאַנק, כ'וועל טרעפן אַליין.

— איך האָב געמיינט אַז דער אַלטער איז אייער פאָטער, בין איך צו אייך נישט צוגעגאַנגען...

— איך בין נישט אַליין, כ׳האָב אַ מאַן, געווען ביי אים אין פערם, ער ליגט דאָרט אין שפּיטאָל. ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן מאָסקווער פראָנט.

— אויב אַזוי, דערלויבט מיר אייך אָפּפירן ביז אַהיים.

— כ׳וועל אַליין טרעפן. לאָזט מיך, איך בעט אייך, צורו... מיט שנעלע טריט איז זי אַוועק פון שיינעם קאַפּיטאַן.

נאַטאַשאַ איז פאַרביי דאָס הויז מיט די גרינע לאָדנס, וווּ עס האָט געוווינט גולייעוו. — ער האָט צו איר אַזוי נישט גערעדט — ער האָט קיין מאָל נישט פאַרגעלייגט זי זאָל זיך אים איבערגעבן... זי איז אַהיימגעגאַנגען. אַלעקסאַנדערן האָט זי נישט געזען, די רייזע קיין פערם איז געווען אַן אומזיסטע.

אַנאַ, די מוטער, איז געשטאַנען אין פענצטער. דערזעענדיק די טאָכטער, איז זי שנעל אַרויס פון שטוב, איר אַנטקעגנגעלאָפן.

— אַזוי גיך צוריקגעקומען? כ׳האָב געמיינט אַז דו וועסט קומען שפּעט ביי נאַכט.

— קום, מאַמע, מיר וועלן אַריין אין וואַלד, וועל איך דיר אַלץ דערציילן. אין שטוב האָב איך מורא צו רעדן.

לעבן אַן אַלטער ווייסער בעריאָזע האָט זיך נאַטאַשאַ אַראָפּגעלאָזט אַ מידע פון דער רייזע און איינדרוקן... דעם קאָפּ האָט זי אָנגעשפּאַרט אין דער מוטערס אַקסל. אַנאַ האָט געגלעט אירע האָר.

— דערצייל, נאַטאַשאַ, וואָס מאַכט אַלעקסאַנדער?

— איך האָב אַלעקסאַנדערן נישט געזען... ביי די ווערטער האָט פון אירע אויגן אַ פלייץ געטאָן אַ קוואַל טרערן.

— וויין נישט, מיין קינד, גאָט שטראָפט נישט מיט ביידע הענט. אַלעקסאַנדער וועט צו דיר אַליין קומען. דערצייל מיר, וואָס האָט מיט דיר היינט פּאַסירט אין פערם?

— באַלד, מוטער, איך וועל דיר אַלץ דערציילן...

— ס׳איז אָנגעקומען פאַר דיר, נאַטאַשאַ, אַ בריוו פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— גיב מיר דעם בריוו.

נאַטאַשאַ האָט גענומען דעם בריוו אין האַנט און אָנגעהויבן אים לייענען. מיט אַ מאָל איז זי אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס געטאָן, און אויסגעשריגן:

— מאַמע! דעם בריוו האָט געשריבן דער פאָטער! דאָס איז זיין האַנטשריפט! אונדזער פאָטער לעבט! איך מיין, אַז ער לעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען!...

— מעגלעך, טאָכטער, אַז ער לעבט... איך האָב נישט געגלייבט דיין אַלעקסאַנדערן, אָבער איצט הויב איך אָן אין דעם צו גלייבן. ווייזט אויס, אַז זיין לעבן איז אַזוי פאַרקנופּט, פאַרבונדן, אַז מיר מוזן שווייגן, אַז נישט קאָן נקוו״ד קומען אויף זיינע שפּורן...

— איצט דערצייל מיר, טאָכטער, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט אין שטאָט. ביסט געפאָרן באַזוכן אַלעקסאַנדערן און דו זאָגסט, אַז דו האָסט אים נישט געזען.

— באַלד מאַמע וועל איך דיר דערציילן. לאָז מיך קומען צו זיך. איך בין געקומען קיין פּערם אַ פריילעכע. ווען כ׳בין דורכגעגאַנגען דעם שטאָטישן גאָרטן — כ׳ווייס נישט פון וואַנען — איז אויסגעוואַקסן קאָמיסאַר באַבושקין. ער האָט מיך דערזען און איז גלייך אַוועק אויף דער סאָוויעטסקאַיאַ־גאַס צו דער נקוו״ד און, דערציילט זיי, ווייזט אויס, אַז איך געפין זיך אין פּערם. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס זענען צו מיר צוגעקומען צוויי אַגענטן און מיך מיטגענומען צום נקוו״ד־נאַטשאַלניק מאַראַזאָוו. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך ווייס נישט אַז איך טאָר זיך נישט געפינען אין אַן אָבלאַסט־שטאָט, צו וועמען איך בין געקומען און צוליב וואָס? און נישט אַנדערש, ווי גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ מלאך. עס איז געקומען אַן אַלטער פויער, איוואַן ביעלייעוו, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַקענט אין וועג, אויף דער שיף, און ער האָט מיך ממש אַרויסגעריסן פון זייערע נעגל... זייערס אַן אַגענט האָט מיך אָפּגעפירט אויף דער שיף און געוואַרט ביז זי וועט אָוועקשווימען.

— כ׳האָב דיר נישט געזאָגט, טאַכטער, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט אַרויסצופאָרן פון אָכאַנסק? מיר מוזן דאָ ווינען — אפשר וועט אונדז דיין אַלעקסאַנדער אַ מאָל אַרויסרייסן פון דאַנען...

— איך טראַכט אויך אַזוי, מאַמע! דערוויל מוז מען האָבן כוח איבערצוטראָגן אַלע ליידן, ביז עס וועט קומען אַן ענדערונג. ווייזט אויס, אַז אויך אונדזער פאָטער טראַכט אַזוי. אויב ער איז צו אונדז נישט געקומען איז אַ סברא, אַז ער קאָן נישט קומען...

איבערן וואַלד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט, און נאָר די ווייסע בעריאָזע האָט אַרויסגעשיינט פון דער אַרומיקער פינצטערניש. נאַטאַשאַ און אַנאַ האָבן זיך אויפגעשטעלט און פּאַוואָלינקע געגאַנגען אַהיים.

☆

אַלעקסאַנדער איז געלעגן אויפן שפּיטאָלבעטל מיט אָפענע אויגן און געקוקט דורכן פענצטער אויפן שיינעם פרילינגטאָג. ביים פענצטער האָבן פייגעלעך געבויט זיך אַ נעסטל. אַ שווערער געדאַנק האָט אים געגומען מאַטערן: וואַרט נישט אויף נאַטאַשאַן, זי וועט נישט קומען. אומזיסט דיין וואַרטן... ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן די שלעכטע מחשבות און געגומען דאָס בילד אירס: — ווי שיין זי איז!... קיין שום פרוי אין דער וועלט קאָן דיך נישט פאַרבייטן אין מיין לעבן — האָט ער געערדעט צום בילד... ער פילט, אַז ער איז אין איר פאַרליבט ביז צום שטאַרבן. שוין לאַנג אַוועק דער פרימאָרגן, באַלד וועט זיין מיטאָג און זי איז נאָך אַלץ נישט געקומען...

אין צימער איז אַריין די קראַנקן־שוועסטער, זאָיאַ.

— זאָגט מיר, שוועסטער, איז צו מיר קיינער נישט געקומען?

— ניין, קיינער האָט זיך היינט נישט געפרעגט אויף אייך. ווער דאַרף דען

צו אייך קומען? איר זענט אַ נייער אין רוסלאַנד, אייער משפּחה איז אויף יענער זייט פראָנט־ליניע און מען הערט וואָס די דייטשן טוען אָפּ מיט די יידן...

— איך ווייס, שוועסטער... איך האָב צו אייך אַ ביטע: זוכט אויף דעם לייטענאַנט אַנטאָנאָוו, און זאָגט אים, ער זאָל צו מיר אַריינקומען.

ווידער איז אַלעקסאַנדער אַליין און ווידער האָט ער געגומען טראַכטן פון נאַטאַשאַן. זאָל זי אים האָבן פאַרביטן אויף אַן אַנדערן? ער נעמט אַ בריוו וואָס זי האָט אים געהאַט געשריבן אויפן פראָנט: ווי שיין, ווי שטאַרק שרייבט זי וועגן איר ליבע צו אים... און דאָ, נאַדיר, נישט געקומען אין שפּיטאָל אים באַזוכן... ער לייענט די בריוו איינעם נאָכן אַנדערן... די שוועסטער זאָיאַ האָט אים אַריינגעברענגט מיטאָג.

— עסט, אַלעקסאַנדער, נעמט זיך אָן מיט כּוח... איר זענט שטאַרק אָפּגע־שוואַכט... אַזוי האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. ער האָט געהייסן אויף אייך אַכטונג געבן.

— בין איך טאַקע אַזוי שוואַך?

— ווען דו וואָלסט געווען שטאַרקער, וואָלט איך געקושט דיינע ליפּן — דו ביסט אַ שיינער מאַן...

— איך ווייס נישט, שוועסטער...

— דו ביסט דאָך אַ קלוגער מענטש... צו אַ פרוי, דאַרף אַ מאַן האָבן כּוח, און דו ביסט דערווייל שטאַרק אָפּגעשוואַכט...

— יאָ, שוועסטער! אַזוי זעט אויס אַ פאַרוווּנדעטער זעלנער אין די אויגן פון אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל. נאָר שפּילן ליבעס ליגט אייך אין זינען און דאָרט, אויפן פראָנט, פאַלן די בעסטע מענער... האָט איר איבערגעגעבן דעם לייטענאַנט אַנטאָנאָוו מיין ביטע?

— יאָ, ער וועט צו אייך קומען אין אָוונט.

אַלעקסאַנדער האָט אָפּגעגעסן מיטאָג. די שוועסטער זאָיאַ האָט צוגענומען די כּלים און פאַרלאָזט דאָס צימער. ווידער האָט אַלעקסאַנדער געקוקט אין ברייטן פענצטער. די פייגעלעך זענען שוין, ווייזט אויס, געווען מיד פון טראָגן שטרוי און בלאָטע פאַר זייער נעסט. — ער וועט נישט מיד ווערן צו ליבן נאַטאַשאַן. זי איז נישט געקומען — אפשר איז זי קראַנק? די מוטער האָט געזאָגט, אַז נאַטאַשאַ האָט שטאַרק געבלוטיקט נאָכן פאַרלירן דאָס קינד...

דער זונטיקדיקער פרילינגטאָג איז שנעל פאַרביי, איבער פערם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט. ביי אַלעקסאַנדערן זענען אויפגעקומען בילדער פון דער אַלטער היים. פון זיינע אויגן האָבן אַ פלייץ געטאָן טרערן.

אַ קלאַפּ אין טיר — און ס׳איז אַריין דער לייטענאַנט אַנטאָנאָוו. זיי האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען

— איך פריי זיך, אַלעקסאַנדער, וואָס דו ביסט אַרויס פון געפאַר, דו לעבסט. ס׳איז געפאַלן יאַנעק טוקאַלסקי, דער „נייער פּאַליאַק". זע דאָס תּהילימל — אויף די טעוועלעך איז געבליבן זיין בלוט. איך בין ווייט פון יידישקייט. מיין

זיידע איז געווען דאָ אין פּערם אַ קאַנטאָניסט, געדינט דעם צאַר 25 יאָר. מיין פֿאָטער און איך — מיר זענען דאָ געבוירן.

— איך וויל דיך בעטן, אַנטאָנאָוו, זאָלסט אָנקלינגען קיין אָכאַנסק צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— איך האָב נאָר־וואָס געהערט פון קאָמיסאַר באַבושקין אַז נאַטאַשאַ איז געווען היינט אין דער פרי אין פּערם.

— זי איז צו מיר נישט געקומען.

— זי האָט נישט געקענט קומען. נקוו״ד האָט זי פֿאַרנומען אין שטאָטישן גאָרטן — זי איז געווען אויפֿן וועג צו דיר.

— וואָס איז געשען?

— איך וועל עס דיר אויפקלערן. דער סאָוויעטישער רעזשים דערלויבט נישט זיינע בירגער, וועלכע גייען אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג, צו וווינען אין די גרויסע שטעט. די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ איז ווייזט אויס אַוועק אויף שלעכטע וועגן...

— עס קאָן נישט זיין, אַז זי האָט פאַר דער צייט געענדערט איר מיינונג וועגן סאָוויעטישן רעזשים.

— אַלץ איז מעגלעך... דו, אַלעקסאַנדער, שוייג בעסער. געווען אין דיין לעבן אַ נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ און זי איז נישטאָ.

דערפאַר בין איך אַוועק פריייוויליק אויפֿן פראָנט, איינגעשטעלט מיין לעבן, אַז מען זאָל דאָ אַרויסשיקן מיין פרוי פון פּערם?

— אויב דו ווילסט מיט מיר רעדן, קאָנסטו רעדן וועגן אַלעם, חוץ פון פּאָליטיק. לאָמיר רעדן וועגן פראָנט. וואָס מאַכט דער אַלטער פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו?

— ער איז אַ נאָבעלער מענטש, נישטאָ אַ סך אַזעלכע אין רוסלאַנד.

— איך וועל שוין גיין... זיי געזונט, אַלעקסאַנדער, און נעם זיך נישט איבער. געווען ביי דיר אַ נאַטאַשאַ און זי איז נישטאָ מער...

— איך וועל זוכן גערעכטיקייט.

— גערעכטיקייט וועסטו געפינען אויף יענער וועלט. דו מוזסט זיך צוגעוווינען צו די קאַלטע און וואַרעמע שטראָמען. אַזוי וויל דער רעזשים. אונדזער לאַנד איז גרויס, און אומעטום קאָנסטו געפינען פרויען און אַ משפחה. נאַטאַשאַ איז געווען נאָר אַ חלום...

— איך הויב דיך אָן צו פֿאַרשטיין, אַנטאָנאָוו. איך דאַרף זיין געזונט...

— גוט, וואָס דו האָסט מיך פֿאַרשטאַנען...

— איך האָב קיין ברירה נישט, איך מוז... דאָס וואָס עס איז אויפגעשריבן אויף די רויטע פאָנען, איז ווייט פון דערווירקלעכקייט...

לייטענאַנט אַנטאָנאָוו איז אַוועק. אַלעקסאַנדער איז געלעגן אויפֿן שפּיטאָל־בעטל און אַרויפגעקוקט צום הימל.

— גאָט מיינער! — האָט ער שטיל געזאָגט, — ווו ביסטו? האָסט מיין

פּאָלק, מיין משפחה פאַרמשפּט צום אומקום און איצט נעמסטו ביי מיר צו נאַטאַשאַן. זי איז אַ גוטער מענטש און ווערט געררודפט...

ער איז איינגעשלאָפן. די שוועסטער זאָיאַ איז אַריינגעקומען, זיך געשטעלט לעבן זיין בעט און לאַנג זיך איינגעקוקט אין דעם שלאָפנדיקן, שווער־פאַרווונדעטן לייטענאַנט. דער קראַנקער האָט געעפנט די אויגן און דערזען נעבן זיך די קראַנקן־שוועסטער זאָיאַ.

— ביסט נישט אַהיימגעפאָרן, שוועסטער?

— ניין, מיר איז דאָ גוט צו זיצן לעבן אייך... מיין היים איז אויסגעליידיקט. דער פאָטער איז אַ שיכור, די מאַמע אין שוין לאַנג געשטאָרבן...

— זאָגט מיר, שוועסטער זאָיאַ, האָט קיינער צו מיר נישט טעלעפאָנירט?

— ניין, קיינער נישט.

— אויך נישט די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ?

— ניין, לייטענאַנט, איר זענט איצט קיינעם נישט נויטיק. ווען איר זענט געווען גאַנץ, געזונט, איז געווען עפּעס אַנדערש. אַזאַ איז זי, די וועלט... זעט, ס׳איז פרילינג, די בלומען גיבן נישט קיין רו — און דו ביסט שוואַך... איך וואָלט אַזוי געוואָלט דיך אַרומנעמען, צודריקן צו מיינע ברוסטן, פילן אַ שטאַרקן מאַן אויף זיך... עס וועט נעמען אַ לאַנגע צייט ביז דו וועסט קאָנען ליבן אַ פרוי...

— איך ווייס עס, שוועסטער!

— איך ווייס, מיר זענען קליינע מענטשעלעך... וואָס די גרויסע ווילן, טוען זיי מיט אונדז. דיר איז גוט, דו ביסט אַ פרעמדער, — די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועסטו קאָנען אַוועק פון אונדזער גן־עדן... און איך וועל בלייבן דאָ. טראָץ מיין שווערע אַרבעט וועל איך ווייטער נישט האָבן קיין קליידל, קיין פּאָר שיך... דער טייוול וועט מיך אַרויסטרייבן פון שטוב... כ׳בין גרייט מיט דיר צו וואַנדערן אין אַ מדבר, אַבי פאַרזוכן אַן אַנדער לעבן...

— שיינע ווערטער הער איך פון אייך, שוועסטער זאָיאַ...

— וואָס איז דער וווּנדער? די רעוואָלוציע האָט מיר געגעבן מלחמות און נויט. פוןביידע קומען אום מיליאָנען מענטשן, די בעסטע מענער...

— מער פעלט דיר נישט ווי אַ מאַן?

— אַז עס איז דאָ אַ מאַן איז דאָ אַ משפחה, ס׳זענען דאָ קינדער און ס׳איז פריילעך. און אַזוי ביסטו ווי אויפן ווינט — אַלע רייסן פון דיר שטיקער.

— ס׳איז שוין שפּעט, גייט שוועסטער אַהיים.

— לעבן דיר, אַלעקסאַנדער, פיל איך זיך גוט, דאָס קליינע צימערל איז גענוג פאַר מיין ליבע.

— דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז איך קאָן דיר איצט קיין ליבע נישט געבן.

— וואַרט, די כּוחות וועלן זיך צו דיר אומקערן און דעמאָלט וועל איך דיר שענקען מיין ליבע...

— דו האָסט מיר געהאָלפן ראַטעווען דאָס לעבן און איך וועל דיך לאַנג געדענקען.

זאָיאַ האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אַלעקסאַנדערן, אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און מיט שטילע טריט אַרויס פון צימער.

שוואַרצע כמאַרעס האָבן באַדעקט דעם הימל, די לבנה איז פאַרשוווּנדן, ס׳איז געקומען אַ שאַרפער פרילינג־רעגן מיט אַ שטורעם. דער לאָדן האָט געקלאַפּט און אַלעקסאַנדער האָט נאָך לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן.

ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און געעפנט די אויגן. ס׳איז אַריינגעקומען גולייעוו, מיט אַ ברייטן גוטמאָרגן. אויף זיין געזיכט איז פאַרקריצט געווען יאָרן פון לאַגערן און תפיסות.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ בריוו פון דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָווא.

— וואָס מאַכט זי, מיין שיינע ?...

— זי ליבט אייך ביז צום שטאַרבן.

— פאַר וואָס איז זי נישט געקומען ?

— פרעגט נישט פאַר וואָס. דאָ פרעגט מען נישט אַזעלכע שאלות. איר זייט ביי אונדז, ווי די אַמעריקאַנער זאָגן, אַ גרינער.

— זאָל זיין אַ גרינער, אַבי נאַטאַשאַ ווייסט, אַז איך לעב און בין געבליבן אַ מענטש.

— איך בין דורכגעגאַנגען די סאָוויעטישע לאַגערן און תפיסות און אויך געבליבן אַ מענטש... מיר מוזן, אַז נישט, וועט די גרויסע מאַשין, וואָס רופט זיך סאָוויעטן־מאַכט צעמאָלן אונדז אויף שטויב... איך שרייב פון לעבן אין די לאַגערן און תפיסות, נאָר איין זאַרג מאַטערט מיך: ווי־אַזוי שיקט מען איבער מיינע מאַנוסקריפּטן צו די וואָס ווילן וויסן ?

— נאָך דער מלחמה וועלן זיין וועגן. דאַן וועט איר קענען אַרויסשיקן אייערע מאַטעריאַלן.

— כ׳האָב מורא, אַז אויך נאָך דער מלחמה וועט זיך דאָ גאָרנישט ענדערן. איר מיינט, אַז נאָך דער מלחמה וועט מען אונדז געבן פרייהייט ? איך גלויב נישט אין דעם... נו, איך מוז שוין גיין. כ׳וועל צו אייך קומען נאָך מיטאָג נעמען אַן ענטפער פאַר דער דאָקטאָרין מאַסלאָווא.

— כ׳נעם זיך שוין צום שרייבן...

ווידער איז אַלעקסאַנדער געבליבן אַליין. ער האָט גענומען לייענען נאַטאַשאַס בריוו. אין קליינעם צימער איז געווען שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן דאָס זשומען פון אַ פליג. אַלעקסאַנדער האָט געוויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט. נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַרויסשיקן נאַטאַשאַן מיט דער מאַמען פון פּערם איז די אַרבעט פון קאָמיסאַר באַבושקין. נאַטאַשאַ האָט נישט געוואָלט ווערן די געליבטע זיינע און דערפאַר איז זי באַשטראָפט געוואָרן.

אַלעקסאַנדער האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין תהילימל. דאָס איז דער איינציקער גלויבן וואָס איז אים געבליבן: דאָס ספרל און דער בריוו... אַלע

אַנדערע גלויבנס און האָפענונגען, זענען בײַ אים, אין דער סאָוויעטישער ווירק־לעכקייט, אויסגערונען. ער האָט זיך דערפילט גייסטיק נאַקעט.

נאַטאַשאַ און אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָבן געלעבט אין דערוואַרטונג, אַז עס וועט קומען דער טאָג און זייער פאָטער, פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו, וועט זיך צו זיי אומקערן. אַזוי האָבן זיי געטראַכט, נאָר ווי זאָגט מען: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... פּראָפעסאָר מאַסלאָוו איז נישט צוריקגעקומען. ער איז געווען גענוג דערפאַרן, נישט צו קריכן דעם רויטן בער אין פּיסק אַריין, וועגן דער פרוי און טאָכטער האָט ער געוווּסט פון אַלעקסאַנדערן און געווען גרייט צו וואַרטן ביז נאָך דער מלחמה, רעכענענדיק, אַז דאַן וועלן קומען אַנדערע, פרייערע ווינטן.

נאַטאַשאַ האָט נישט דערמאָנט דעם פאָטער. זי האָט געלעבט איר שטיל לעבן און געוואַרט אַז אַלעקסאַנדער זאָל זיך אומקערן.

דער שיינער אוראַלער פרילינג האָט זיך געענדיקט. נאַטאַשאַ האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח און אירע בלוטן האָבן גערופן צו ליבע און גענוס. זי האָט געציילט די טעג ביז אַלעקסאַנדער וועט קומען פון שפּיטאָל און איר לעבן וועט זיך אָנהייבן פון ס׳נײַ. יעדן זונטיק פלעגט זי גיין שפּאַצירן בײַם קאַמאַ־ברעג, אַרײַנגיין צום שאָפער גולייעוו זעען זײַנע פאַרליבטע אויגן. טייל מאָל איז זי שוין גרייט געווען אַרײַנצופאַלן אין זײַנע אָרעמס, קושן זײַנע ליפּן, נאָר אין דער לעצטער רגע זיך באַזינען... אַלעקסאַנדער וועט צוריקקומען — און ער דאַרף זי זעטיקן מיט ליבע, ווי אַ מאָל...

אַזוי זענען געלאָפן טעג, וואָכן, חדשים. אַלעקסאַנדער איז נישט געקומען. דער זומער איז געווען אין פולן ברען. נאַטאַשאַ האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זיך באַהעפטן מיט איר געליבטן, ווי אַ מאָל, ווען זי האָט געטראָגן זײַן קינד... אָפט האָט זי געזען, ווי איר יינגע באַלעבאָסטע אַנאַסטאַסיאַ און גולייעוו פאַרמאַכן זיך אין נאַסטיאַס צימער... זי איז געווען בייז אויף זיך אַליין. זי איז געווען נײַגעריק צו וויסן ווי עס האַלט מיט אַלעקסאַנדערס געזונט — אפשר וועט זי דאָס גאַנצע לעבן דאַרפן זײַן אַ קראַנקנשוועסטער?

איין מאָל, ווען זי האָט אין אַ שפּעטן אָוונט שפּאַצירט איבער דער שטאָט, האָט זי זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן בײַ דער שטאָטישער תּפיסה. דער אײַזערנער טויער איז געווען פאַרהאַקט. די קליינע, פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך זענען געווען שוואַרץ... דאָרט, אינעווייניק, זיצן מענטשן... זי האָט אַ טראַכט געטאָן: ס׳האָט געפעלט, אַז אויך זי זאָל דאָרט זיך געפינען — און קיינער וואָלט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, קיינער וואָלט פון איר נאָמען נישט געוואָלט הערן; אַלץ צוליב דעם קאָמיסאַר באַבושקין, וועלכער האָט געוואָלט לייגן אויף איר זײַנע גראָבע הענט.

זי האָט דערהערט דאָס פײַפן פון דער שיף־סירענע. ס׳איז איר דורך אַ געדאַנק: אפשר קומט אַלעקסאַנדער?... זי האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צום פּאָרט, פאַרבײַ די נײַ־פאַבריק, געזען די אַרבעטער איבערגעבויגענע איבער די נײַ־מאַשינען, געהערט דער מאַשינען־רויש. אין שרײַב־צימער, אויבן, זיצט איר

יונגע באַלעבאָסטע, אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ, און מאַכט חשבונות. איר איז גוט: ביי איר איז נישטאָ קיין אַרבעטס־נאָרמע, ווי ביי די נייערינס... דעם פאַבריקס־דירעקטאָר וויזט זי אירע ווייסע ציין...

פאַרזונקען אין מחשבות, דערזעט נאַטאַשאַ מיט אַ מאָל גיין אַ מאַן, אין מיליטערישע קליידער און מיט אַ טאַש אין האַנט. איר דאַכט זיך אויס, אַז ס'איז אַלעקסאַנדער. זי הייבט אָן גיין שנעלער, איר האַרץ נעמט קלאַפּן שטאַרקער, דערקענענדיק דעם מאַן, וועלכן זי האָט אַזוי ליב און אויף וועמען זי וואַרט אַזוי לאַנג... זי שרייט אויס: אַלעקסאַנדער! — און פאַלט אַנידער.

אַלעקסאַנדער לויפט שנעל צו, הייבט זי אויף און טרייסלט זי:

— וואָס איז דיר, האָסט געחלשט, נאַטאַשאַ?...

נאַטאַשאַ עפנט די אויגן.

ער נעמט זי צערטלעך אויף די הענט און טראָגט זי. נאַטאַשאַ לייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. נאָך אַ ווײַלע שטעלט זי זיך אויף די פיס.

— לאָז מיך גיין, — זאָגט זי. זי קוקט אים אַריין אין די אויגן.

— דו ביסט עס, מיין ליבער! לאָז, איך וועל דיר אַ קוש טאָן! זי פאַלט צו צו אים און בייסט זיך איין אין זיינע ליפּן... — קום שנעלער אַהיים, אַלעקסאַנדער, כ'האָב אויף דיר געוואַרט אַ גאַנצן פרילינג. איצט איז שוין זומער און דו ביסט ענדלעך געקומען. אויף לאַנג?

— פרעג ביי גאָט, נאַטאַשאַ, נישט ביי מיר. איך האָב געגעבן מייןביישטייער פאַרן זיג און איצט וויל איך זיין מיט דיר צוזאַמען.

— אויף לאַנג?

— דערווייל בין איך פריי אויף אַ חודש. סיי ווי וואָלט איך נישט געקענט דאָ זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. דער פראָנט גייט פאָרויס.

— איצט וועסטו זיין מיט מיר. איך וועל דיך איינהאַלטן. וועסט מער נישט אַוועק פון מיר...

— גלויב מיר, טייערע, איך וואָלט געוואָלט נישט מער, ווי אויפבויען דאָ, ביי דער אַלטער ווייסער בעריאָזע אַ היים פאַר אונדז, ווען איך ווייס, אַז מיר וועלן דאָ געפינען רו... איך וויל האָבן רו. נאָר איך גלויב נישט אַז דער רעזשים אונדזערער וועט מיך לאָזן צורו.

— דו האָסט אַזוי נישט גערעדט, בעת דו ביסט פרייוויליק אַוועק אין שלאַכט...

— דערווייל זיצט נאָך קאָמיסאַר באַבושקין אין פערם און ער האָט דיך געוואָלט צווינגען צו ווערן זיין געליבטע.

— פון וואַנען ווייסטו אַלץ?

— איך ווייס. איך ווייס אַ סך. קום, מיר וועלן נאָך רעדן אַ גאַנצן חודש. וואָס מאַכט די מאַמע?

— זי פילט זיך נישט גוט, ווער ווייסט, צי זי וועט נאָך זען דעם פאָטער.

— וואָס איז מיט איר?

— דאָס האַרץ איז אָפּגעשוואַכט.

— נישט קיין ווונדער... אַז דער גורל האָט באַשטימט פאַר דער קלוגער און איידעלער אַנאַ מאַסלאָוואַ בלויז פּיין.

נאַטאַשאַ איז צוריק אַריין אין כּוח. אירע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד. זיי זענען אַריין אין שטוב.

אַנאַ איז אָנגעקומען, זי איז אַריינגעפאַלן אין אַלעקסאַנדערס אָרעמס... זי האָט געוויינט פאַר גליק.

☆

די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז ביים אָונטברויט געזעסן אַ פאַרחלומטע. זי האָט נישט געגלויבט אירע אייגענע אויגן: אַלעקסאַנדער זיצט אַנטקעגן איר... זי זעט זיין לויכטנדיק פּנים. זי האָט אַראָפּגענומען די כּלים פון טיש און זיך אויפגעשטעלט.

— קום, לאָמיר אַ ביסל אַראָפּגיין... דער וואַלד איז דאָ תּיכּף, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

דער זייגער האָט געשלאָגן צען. נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער זענען אַריין אין וואַלד. אַרום איז געווען שטיל. ליכט־ווערעמלעך האָבן געגליט. זיי האָבן זיך געזעצט ביי אַ ווייסער בעריאָזע.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, ווען די גראָזן זענען נאָך גרין... — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט.

— וועסט מיר איצט דערציילן פאַר וואָס דו האָסט פאַרלוירן אונדזער קינד. איך וויל זאָלסט עפענען פאַר מיר דאָס האַרץ ווי אַ מאָל. אויב נישט, בין איך גרייט שוין איצט אַוועקצוגיין און לאָזן פריי דעם וועג פאַר אַ צווייטן מאַן — אויב דו ווילסט אַזוי...

— צוליב דיר בין איך נאָך נעכטן געלעגן און געוויינט. כ׳האָב געבעטן גאָט ער זאָל דיר געבן געזונט און לעבן. דו ביסט געקומען און איך וועל דיר ברענגען קינדער אויף דער וועלט... ווילסט וויסן ווי אַזוי כ׳האָב דאָס קינד פאַרלוירן? כ׳בין נישט די איינציקע. כ׳האָב געמיינט אַז איך מעג אויפהייבן אַ זאַק קאַרטאָפל... האָט זיך אַרויסגעוויזן אַנדערש — און כ׳האָב פאַרלוירן אונדזער קינד...

— האָסט עס געטאָן מיט כּוונה?

— ניין, כ׳האָב געוואָלט געבוירן, אָבער אַזאַ איז דער גורל פון דער סאָוויעטישער פרוי: זי מוז טאָן אַלץ, אָפט איבער די כּוחות...

— איך ווייס, אַז דו זאָגסט מיר דעם אמת, ביסט מיר געטריי און דו ליבסט מיך. איך בין צו דיר ווי געווען — איך האָב זיך לגבי דיר נישט געענדערט. דיין פאָטער ווייסט אַלץ... עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט מער נישט דאַרפן הייבן קיין זעק קאַרטאָפל און נישט פאַרלירן צוליב דעם קיין קינד... איך ווייס, אַז אין דעם לאַנד איז דאָס לעבן פון דער פרוי שווער און די פּראָפּאַגאַנדע וועגן פאַרלייכטערן איר דאָס לעבן איז אַ ליגנערישע...

— רעד נישט אַזוי, אַלעקסאַנדער. אַ מאָל האָסטו געשוויגן, וואָס איז מיט דיר היינט געוואָרן?

— כ׳האָב איינגעזען, אַז די מלחמה האָט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, מיין פּאָלק האָט נישט געדאַרפט באַצאָלן מיט מיליאָנען לעבנס, ס׳האָט נישט געמוזט פאַלן די קרוין פון רוסישן פאָלק, זיינע בעסטע זין. ווי קאָן מען שוויגן, וויסנדיק וועגן דעם און צוזעענדיק דאָס?... און דאָ, אין הינטערלאַנד, פּאַראַזיטעווען אַזעלכע באַבושקינס... כ׳האָב דיך ליב, נאַטאַשאַ, כ׳האָב געבענקט נאָך דיר אויפן פראָנט, מיט דיין נאָמען אויף די ליפּן בין איך אין שלאַכט געגאַנגען.

— כ׳ווייס עס, אַלעקסאַנדער, כ׳האָב דיך ליב, אַזוי ווי אַ רוסישע פרוי קאָן ליבן... נעם, קוש מיך, לאָמיר זיך פאַרווייגן, לאָמיר פאַרגעסן פון דעם אַלעם... כ׳האָב דיך נישט גענאַרט, כ׳האָב אויף דיר געוואַרט...

— איך גלויב דיר נאַטאַשאַ...

די ליכט-ווערעמלעך האָבן אַרומגעקרייזט אַרום זיי. נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן זיך באַהאַפטן אונטער דער וויסער בעריאָזע, אין שיין פון דער לבנה. דער הימל האָט געשוויגן. אַ נאַכט-פויגל איז דורכגעפלויגן מיט אַ געפלאַטער.

עס זענען געקומען טעג פון גליק פאַר נאַטאַשאַן און אַלעקסאַנדערן, טעג פון שניט און גערעטעניש. אין אַ זונטיק-טאָג זענען אַלע דריי, אַנאַ, נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער אַוועק אין פעלד אויסגראָבן די נייע קאַרטאָפל. דאָס גערעטעניש איז געווען אַ גוטס — גאָט האָט זיי געגעבן מיט פולע עמערס. פון די פינף סאָטקעס ערד האָבן זיי אַראָפּגענומען ביי די צען זעקלעך קאַרטאָפל. אַלעקסאַנדער האָט אַליין געהויבן די זעק קאַרטאָפל — נישט דערלאָזט אַז נאַטאַשאַ אָדער די מוטער זאָלן טראָגן די שווערע זעק. נאַסטיאַ האָט זיי אָפּגעגעבן אָרט אין קעלער אויף אַוועקצולייגן ביזן ווינטער די קאַרטאָפל, דער כמעט איינציקער שפּייז-זאַפּאַס וואָס די איינוווינער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן געקענט זיך פאַרגרייטן.

פאַר דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָבן אויפגעלויכטן שטראַליקע טעג פון פרייד. אויך אַלעקסאַנדער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח. יעדן טאָג האָבן זיי שפּאַצירט אין וואַלד. זיין שווערע וווּנד האָט זיך פאַרהיילט. בלויז ווען ער האָט געקוקט אויפן פאַרבליבענעם שראַם, האָט ער דערפילט אַ ציטער — זיין לעבן איז געווען אַ געשאַנק פון גאָט. יעדן טאָג פלעגט ער מיטן תהילימל אין האַנט דערמאָנען דעם וואָס שענקט דאָס לעבן. אין די מאָמענטן פלעגט ער זיך דער-מאָנען יענע וואָס האָבן נישט זוכה געווען...

עס איז געקומען דער לעצטער זונטיק. מאָנטיק האָט אַלעקסאַנדער געדאַרפט זיך שטעלן אין פערם צו אַ קאָמיסיע. נאַטאַשאַ האָט אים אָוועקגערופן און געזאָגט:

— מיין ליבער, מאָרגן פאַרלאָזטו מיך. איך וויל מיט דיר מאַכן אַ שפּאַציר אין קאָלכאָז „1־טער מאַי” צו דעם אַלטן פויער, איוואַן ביעלייעוו. איך וויל אים אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט. ווען נישט ער, וואָלט איך היינט געזעסן אין תפיסה און ווער ווייס צי מיר וואָלטן זיך אַ מאָל אין לעבן געטראָפן.

— דאָס לעבן פון מענטשן איז נישט מער ווי אַ צופאַל. איך ווייס נישט

צי מיט אונדזער לעבן קערעוועט דער גורל, צי מיר אַליין. איך בין דורכגעגאַנגען איבער פייערן, געבן מיר זענען געפאַלן גוטע מענטשן און בראַווע זעלנער — און איך בין געבליבן לעבן. איך קאָן נישט פאַרגעסן די פראַסטיקע טעג, ווען מיר האָבן געשטורעמט און פאַרנומען די דייטשע טראַנשייען. די פראָסט איז געפאַלן ביז פערציק גראַד, און מיר איז געווען וואַרעם, פאַר מיינע אויגן פלעג איך זען מיינע ליבסטע: די עלטערן, געשוויסטער און אויך דיך, נאַטאַשאַ... כ'בין גרייט מיט דיר צו גיין אין קאָלכאָז „1־טער מאַי" צו ביעלייעוו און דאַנקען אים פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַר דיר, פאַר אונדז געטאָן...

— איך האָב אַזוי ליב צו הערן דיך רעדן, אַלעקסאַנדער... אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס רעדט צו מיר מיין פאָטער. אַזעלכע ווערטער קאָן מען הערן נאָר פון די, וואָס זענען פון גאָט באַשאָנקען מיט מענטשלעכקייט. לאָמיר איצט גיין אין קאָלכאָז און אין אָוונט וועלן מיר באַזוכן דעם שאָפער גולייעוו. וועסט זען אַ מענטש, ביי וועלכן נישט די לאַגערן און נישט די תפיסות האָבן צוגענומען דעם צלם אלוקים — ער איז געבליבן אַ גוטער, גלייכער מענטש.

דער וועג פון אָכאַנסק אין קאָלכאָז איז נישט געווען ווייט. נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער זענען געגאַנגען ווי צוויי פאַרליבטע — זיך געהאַלטן ביי די הענט און געלאַכט. די וועלט האָט איצט געהערט צו זיי. אַ וואַלד־פויגל האָט אַ פלאַטער געטאָן איבער זייערע קעפּ. כאָטש ס'איז געווען זונטיק, האָבן די פויערים געאַרבעט. יעדער האָט געאיילט אַראָפּצונעמען דאָס גערעטעניש פון זיין אייגענעם גאָרטן.

קליינע יאַטלעך האָבן געפּאַשעט די קי אויף די לאָנקעס און געבראָטן אויפן פייער נייע קאַרטאָפל. די געבראָטענע קאַרטאָפל האָבן פאַרשמעקט דעם אַרום.

— זעסט, אין דעם ווייס־געקאַלעכטן הויז וווינט ער, איוואַן ביעלייעוו — האָט געזאָגט נאַטאַשאַ. וועסט זען ווי ברייטהאַרציק עס זענען די רוסישע מענטשן. אויך מיין פאָטער איז געווען אַזאַ — ער איז גרייט געווען אָוועקצוגעבן דאָס לעצטע העמד, די לעצטע פאַר שיך.

— איך ווייס, אַז די רוסישע מענטשן זענען ברייטהאַרציק... כ'וועל קומען נאָך דער קריג אין דער פרייער וועלט, וועל איך האָבן צו דערציילן נישט בלויז דאָס נעגאַטיווע וואָס איך האָב דאָ געזען און געהערט...

איוואַן ביעלייעוו איז געשטאַנען פאַרן הויז. שוין פון ווייטנס האָט ער דערזען די געסט און זיי אַנטקעגנגעגאַנגען. נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן צוגעאיילט זייערע שריט.

— גאָט זאָל אייך בענטשן, מיינע ליבע געסט! — האָט זיי באַגריסט דער אַלטער. איך פריי זיך מיט אייך ווי מיט אייגענע אייניקלעך. ווען דו ווייסט, דאָקטאָר, ווי איך האָב איבערגעלעבט יענע שעה ביים נאַטשאַלניק — מיין האַרץ האָט געציטערט פון צער און אויפרעגונג. איר, יונגע מענטשן, ווייסט נישט וואָס דאָס איז סאָוויעטישע תפיסה... ווער ס'וועט זיצן אין אַ סאָוויעטישע תפיסה וועט פון גיהנום נישט ליידן... דו, אַלעקסאַנדער, ביסט ביי אונדז אַ נייער מענטש — דיין נאַטאַשאַ האָט מיר אַ סך וועגן דיר דערציילט. היט זיך די ביינער זאָלסט

נאָך אַרויס אויף דער פרייער וועלט און קאָנען דערציילן פון אונדזער לעבן דאָ. זע, איך, אַן אַלטער מאַן, אַרבעט אויף צוויי ווירטשאַפטן: פאַרן קאָלכאָז און פאַר זיך... ווי לאַנג קאָן מען אַזוי לעבן?... מיר זענען שוין געוווינט צו דעם אָרעמען לעבן און איך בין שוין צו אַלט אויף אָנצוהייבן פון ס'ניי. דערצו, ווייסטו אַליין — די בעסטע קינדער אונדזערע קומען אום אויף די פראָנטן — נישט פאַר סטאַלינען, פאַר דער רוסישער ערד קומען זיי אום... מיינע זין זענען אויף אַלע פראָנטן — פון פינלאַנד ביז צו דער וואָלגאַ... איך האָף, די מלחמה וועט זיך ענדיקן, די קינדער מיינע וועלן צוריקקומען און עס וועט קומען אַן ענדערונג — דער מענטש וועט קאָנען פריי שאַפן און פריי לעבן...

דער לאַנגער מאָנאָלאָג האָט דעם אַלטן, ווייזט אויס, אָפּגעשוואַכט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרשוויגן געוואָרן. ער איז אַזוי געבליבן זיצן, אויף דער באַנק פאַר זיין הויז, מיטן קאָפּ אונטערגעשפּאַרט אויף די דלאָניעס, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות... נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן אים געלאָזט צורו.

די באַבושקע ביעלייעוואַ איז געקומען מיט דער קו פון פעלד. דערזעענדיק די געסט, האָט זי שטיל געזאָגט: זיצט, מיינע געסט, איך גיי אויסמעלקן די קו וועט איר טרינקען פרישע מילך... נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן זיך איבער־געקוקט און געשמייכלט.

איוואַן האָט זיך אויפגעוועקט. — כ'האָב אייך מיד געמאַכט מיט מיין רעדן... באַלד ברענג איך אַריין אַ הון און לכבוד דעם ליבן גאַסט, לייטענאַנט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו, וועלן מיר היינט פראַוועון אַ יום־טובדיק מיטאָג.

דער אַלטער האָט ווידער אָנגעהויבן דערציילן: די אַרבעט הויבט זיך אָן מיטן זונאויפגאַנג, פאַרשטייט זיך, אין אייגענעם גאָרטן. ווען דער גלאָק רופט צו דער אַרבעט אין קאָלכאָז, שלייכט זיך דער פויער מיט קורצע טריט — ער איילט זיך נישט, די אַרבעט דאָרט וועט אים נישט אַנטלויפן... סיי ווי וועט ער פון דער אַרבעט, פון די פאַרדינסטן נישט קענען לעבן... ער גייט צו דער קאָלכאָזישער אַרבעט, ווייל ער מוז, אַז נישט וועט מען אים פאַרשיקן אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער, פון וואַנען ער וועט זיך אַזוי שנעל נישט אומקערן...

געקומען אין קאָלכאָזנע הויף, גיט דער בריגאַדיר יעדן אָן זיין אויפגאַבע; די פויערים נעמען עס אָן שווייגנדיק. איידער זיי הייבן אָן די אַרבעט, זעצט מען זיך אַוועק אויף אַ „פריקורקע", מ'פאַרדרייט אין ציישונג־פּאַפּיר אַ ביסל „סאַמאָ־סעיקע" (אייגענעם טאַבאַק), מ'פאַרציט זיך פּאַוואָלינקע... און אַזוי גייט אָן די אַרבעט אויף די קאָלכאָזנע פעלדער — אָן ווילן, נאָר פון פחד פאַר נקוו"ד. און די רעזולטאַטן פון אַזאַ אַרבעט זענען נעבעכדיקע: נישטאָ קיין העמד אויפן לייב; קיין ברויט צו דער זעט. זעט, די קינדער גייען אום באָרוועסע, אפילו זונטיק, די לייבער קרעציקע פון לייז — נישטאָ קיין זייף.

דער אַלטער איז מיד געוואָרן — מען האָט געזען, אַז ער לעבט איבער דעם מצב, צו וועלכן ער האָט קיין עצה נישט... ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אין שטוב העלפן גרייטן דאָס מיטאָג. — די הענט ציטערן — האָט ער זיך פאַר־

ענטפערט, נאָר דאָס האַרץ איז שטאַרק. פון זיין צעאַקערט פון קנייטשן פּנים איז נישט אַראָפּ דער שמייכל. — אַזעלכע טייערע געסט ! — האָט ער געשעפּשעט...

נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן געמאַכט אַ קורצן שפּאַציר און צוריקגעקערט זיך צום מיטאָג. זיי האָבן געשמייכלט, זעענדיק דעם געגרייטן טיש, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ שיסל מיט געקאָכטע הון, פיש, גרינצייג. דער אַלטער ביעלייעוו האָט אויפגעהויבן די ברעמען, אַ ווונק געטאָן צו אַלעקסאַנדערן — אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש אויף טאַבאַרעטן פון אייגענער אַרבעט. די באַבקע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש סאַמאַגאָן. איוואַן האָט אַלעמען אָנגעגאָסן צו ביסלעך. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אויפגעהויבן דאָס טעפּעלע מיטן געטראַנק און שטיל געזאָגט: לאָמיר טרינקען פאַר שלום אויף דער זינדיקער וועלט; זאָלן אונדזערע זעלנער אַהיימקומען גאַנצע און געזונטע: — עס וואַרטן אויף זיי די עלטערן, זייערע פרויען און קינדער... לאָמיר אויסטרינקען — און ער האָט דער ערשטער איבערגעקערט דאָס טעפּעלע מיטן געטראַנק אין האַלדז אַריין. אויך די אַלטיטשקע האָט אויסגעטרונקען איר חלק — אין שטוב איז געוואָרן פריילעכער.

ביים עסן איז געווען שטיל. ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס עסן איז אָנגעקומען דער בריווטרעגער: ער האָט געבראַכט אַ דעפּעשע — דער עלטסטער זון איוואַנס, אַנאַטאָל, איז געפאַלן אויפן לענינגראַדער פראָנט...

די אַלטע מוטער האָט אָנגעהויבן יאָמערן — דער אַלטער האָט געשוויגן. ער האָט ווי פריער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק פאַרן הויז, אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט די הענט און געבליבן ווי פאַרשטיינערט...

נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן געפּרוווט טרייסטן די אַלטיטשקע. דעם אַלטן, נאַטאַשאַ האָט עס געפילט, זענען איבעריק געווען ווערטער. די באַבושקע האָט זיך די ערשטע געכאַפּט: — איר דאַרפט שוין גיין, מיינע ליבע...

איוואַן האָט זיך ווי איבערגעוועקט, איז צוגעגאַנגען צום קאַסטן און אַרויס־גענומען אַ פון פריער צוגעגרייט פּעקעלע.

— דאָס איז פאַר דער דאָקטאָרין אַנאַ מאַסלאָוואַ, נעמט עס מיט פאַר איר. איר, אין שטאָט, זענט הונגעריק און מיר דאָ, אין דאָרף, לעבן ווי־נישט־איז...

אַלעקסאַנדער האָט אַרויסגענומען זיין בייטעלע און געוואָלט באַצאָלן.

— מען דאַרף נישט, גאָט וועט אונדז שוין באַצאָלן... איר זעט, קינדער, די מלחמה, דער טרויער און די פאַרלוסטן מיידן נישט אויס קיינעם. אין אייער פריינדשאַפט, יונגעלייט, וועלן מיר אַ ביסל טרייסט געפינען... פאַרגעסט נישט אין אונדז, קומט אָפּטער אויף באַזוך...

— ווי נאָר אַלעקסאַנדער וועט דורך די קאָמיסיע, וועלן מיר וויסן אויף וואָסערער וועלט מיר זענען, וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן.

— קומט, איך וועל אייך באַגלייטן ביז צום וועג.

פון דער הייזקע ביז צום שליאַך איז נישט געווען ווייט. איוואַן ביעלייעוו האָט נאָך אַ מאָל געוואָרנט אַלעקסאַנדערן:

— מיין יונגער פריינד, איך בעט דיך, היט זיך מיט אַ וואָרט — דו ווייסט קיין מאָל נישט ווער דער מענטש, צו וועלכן דו רעדסט, איז, דו קענסט נישט זיינע כוונות. היט דיין געזונט, זאָלסט קאָנען נאָך דער מלחמה זיך אומקערן און דערציילן דער פרייער וועלט וועגן לעבן ביי אונדז...

— איך וועל זיך היטן, זיידע.

ביים דאָרפישן וועג איז ביעלייעוו געבליבן שטיין. ער האָט דערלאַנגט זיין אויסגעהאָרעוועטע האַנט דער דאָקטאָרין.

— זיי מיר געזונט, נאַטאַשאַ, ליב זיך מיט דיין אַלעקסאַנדערן, ווי גאָט האָט געבאָטן...

ער האָט דערלאַנגט די האַנט אַלעקסאַנדערן, זיך אויסגעדרייט און מיט שנעלע טריט געלאָזט זיך אויף צוריק.

נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדערן האָט דער טרויער און אומגליק פון די ביעלייעווס באַגלייט דעם גאַנצן וועג. קומענדיק אין שטאָט, זענען זיי פאַרביי די שטאָטישע תפיסה. נאַטאַשאַ האָט אַ ציטער געטאָן.

— כ׳האָב געקענט היינט געפינען זיך דאָרט צוליב דעם נידערטרעכטיקן קאָמיסאַר באַבושקין, ווען נישט איוואַן ביעלייעוו...

— לאָמיר נאָר איבערלעבן די מלחמה, וועלן מיר אַרויספאָרן פון דאַנען אין דער פרייער וועלט אַריין...

— און ווער וועט דאָ קעמפן פאַר גערעכטיקייט?

— דאָס וועלן טוען די פראָנט-קעמפער, ווען זיי וועלן זיך אומקערן פון דער מלחמה. זיי זענען באַרופן אַלץ צו ענדערן צום גוטן.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז שוין געשטאַנען ביים פענצטער און געוואַרט אויף זיי. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בריוו:

— פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו, נאָר וואָס אָנגעקומען — האָט זי אויפגעקלערט.

— דאָס איז אַ בריוו פון פאָטער — האָט נאַטאַשאַ שטיל געזאָגט צו אַלעקסאַנדערן.

— איך בין צופרידן, וואָס ער פאַרגעסט נישט אין דער מוטער...

— ווי קאָן ער זי פאַרגעסן? זייער ליבע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ווען זיי זענען געווען יונג, כמעט אויף דער שול-באַנק.ביידע האָבן האַנט-ביי-האַנט געקעמפט פאַר דער רעוואָלוציע — דער פאָטער פלעגט מיר דערציילן ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט די צאַרישע קאָזאַקן אויף באַריקאַדן.

— שיין האָט אים די רעוואָלוציע אָפּגעדאַנקט דערפאַר! ער לעבט אונטער אַ פרעמדער מאַסקע און ווער ווייסט, ווי אַזוי דאָס וועט זיך ענדיקן.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן, אַלעקסאַנדער?

— ווען איך וועל צוריקקומען פון דער קאָמיסיע, וועל איך דיר דערציילן. איך האָב מיט דיין פאָטער גערעדט ווי אַזוי ער קאָן זיך באַפרייען פון דער מאַסקע, אונטער וועלכער ער לעבט.

— האָסט מיר גאָרנישט דערציילט וועגן דעם.

— אַזוי איז געזונטער. ס'וועט קומען די ריכטיקע צייט, וועט זיך אַלץ אַליין אויפקלערן. די צייט איז שטאַרקער ווי דער שטורעם. דער רוסישער צאַריזם האָט געדויערט הונדערטער יאָרן און איז געפאַלן און דער סאָוויעטישער סיסטעם וועט אַזוי לאַנג נישט אויסהאַלטן — דער גאַנצער סיסטעם איז דאָך איין גרויסער ליגן...

נאַטאַשאַ מיט אַלעקסאַנדערן זענען אַריינגעקומען אין שטוב. די מוטער אַנאַ האָט אַ קוק געטאָן דעם בריוו פון ד״ר אַרטעמאָוו. זי האָט געשטראַלט פאַר פרייד.

— נעם, טאָכטער, דעם בריוו, לייען!

נאַטאַשאַ האָט גענומען דעם בריוו אין האַנט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל. זי האָט געוואָלט לייענען דעם פאָטערס בריוו און נישט געקענט. זי האָט די ווערטער נישט געזען.

זי האָט געזען לאַגערן און תפיסות און איר גרויסן פאָטער אין דער מיט... אַ פּאָליטישער קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים איז ער, אַזוי וויל מען אים איינרעדן...

פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פון די עקספּערימענטן, ווי איר גרויסער פאָטער, מעדיצין־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו, מאַכט עקספּערימענטן אויף ים־חזירלעך. די רוסישע חזירימלעך שפּרינגען אין זיינע הענט און ער לאַכט...

ענדלעך האָבן אירע אויגן גענומען שלינגען יעדעס וואָרט וואָס דער פאָטער שרייבט, אין דעם בריוו ווי אין ערשטן בריוו, איז קיין נייעס נישט געווען. דער פאָטער בעט אַ ביסעלע אויסדויער און כּוח פאַר זיך און פון דער משפּחה. אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט ער קומען...

דער וואַנטזייגער האָט אויסגעשלאָגן פינף. אַלעקסאַנדער איז צוגעגאַנגען צו נאַטאַשאַן:

— מיר וועלן גיין צום שאָפער גולייעוו...

נאַטאַשאַ האָט אַ שפּרונג געטאָן פון בענקל:

— יאָ, שוין צייט צו גיין!

ביי די הייזער זענען געזעסן מענטשן און גערוט. אַלע האָבן געגריסט צו דער דאָקטאָרין. אַלעקסאַנדער — אַ יונגער לייטענאַנט — איז געגאַנגען לעבן איר אין מיליטערישן אוניפאָרם. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דער ניי־פאַבריק. די מאַשינען האָבן געשטומט. אַן אַלטער סטרוזש איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. ווידער זענען זיי דורכגעגאַנגען ביי דער תפיסה. נאַטאַשאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן גרויען טויער מיט די קליינע פענצטערלעך, פאַרקאָוועטע מיט בלעך.

די גרינע ביימער האָבן זיך געבאָדן אינעם זונליכט און אירע שטראַלן האָבן געבלענדט די אויגן. זיי האָבן זיך ביידע גענומען ביי די הענט און געגאַנגען צום הויז מיט די גרינע לאָדנס, ביים טייך קאַמאַ.

פון וויטן האָט אַלעקסאַנדער דערזען דעם שאָפער גולייעוו. ער איז געלעגן ביים טייך מיט אַ בוך אין האַנט.

— זע, נאַטאַשאַ, דער מיטן בוך איז גולייעוו?

— יאָ מיין ליבער, ס׳איז גולייעוו. ווערסט אים מיט אַ טראַקטאָר נישט אַוועקרייסן פון די ביכער, אַזוי ליב האָט ער זיי. אַ דאַנק די ביכער לעבט ער, אָן זיי, וואָלט ער שוין לאַנג נישט געלעבט. אין די לאַגערן און תפיסות וווּ ער האָט געשמאַכט יאָרן, האָבן אים די ביכער געגעבן כוח אויסצוהאַלטן.

נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער האָבן זיך דערנענטערט צו אים. גולייעוו איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין פושקינס פערזן, אַז ער האָט נישט געזען די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ מיטן יונגן לייטענאַנט.

— אַך וואָס פאַראַ געסט! — האָט גולייעוו שטיל געזאָגט צו נאַטאַשאַן

— כ׳האָב זיך אַריינגעלאָזט אין פושקינס פערזן און אייך נישט באַמערקט. קומט אין שטוב, אַנאַסטאַסיאַ גרייט אָונטערוויט. אַט ווערט איר זען ווי זי מאַטערט זיך מיט אַ גרויסן פיש... מיר איז היינט גוט געגאַנגען. שוין לאַנג ווי כ׳האָב נישט געהאַט אַזאַ טאָג אויפן טייך. די פיש האָבן אַליין זיך געבעטן... נו, פרעגט נישט וויפל פיש כ׳האָב געבראַכט. כ׳האָב פאַר דער מוטער אַנאַ צוגעגרייט אַ גאַנצן עמער מיט פיש...

— דו ביסט אַ גוטער, גולייעוו, מיין מוטער האָט דיך ליב...

— דערפאַר ווייל אין מיר דערמאָנט זיך די מוטער אַנאַ איר גרויסן מאַן, פּראָפ׳ פאַוועל מאַסלאָוו. כ׳בין געווען אין יענעם לאַגער ווו דער פאָטער איז געווען. דער טאַגיל־לאַגער איז מיר אַריין אין די ביינער. כ׳בין דאָרט שיר נישט אומגעקומען. ס׳איז איינער פון די ערגסטע לאַגערן אין רוסלאַנד.

— האָסט אויך דאָרט געלייענט פושקינען?...

— יאָ, אומעטום האָב איך געלייענט, דאָס האָט מיר געגעבן כוח איבער־צוטראָגן די ליידן...

— קום, גולייעוו, אין שטוב! אַלעקסאַנדער וויל זען דיין רייכע ביבליאָטעק!

אויפן שוועל פון קליינעם הויז מיט די אויף גרין געפאַרבטע לאָדנס איז געשטאַנען די יונגע באַלעבאָסטע אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ. ווי נאָר זי האָט דערזען די דאָקטאָרין מיט אַלעקסאַנדערן האָט זי אויסגערופן:

— קומט אַריין, שיינע געסט!... גולייעוו האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל צוגרייטן אַן אָונטערוויט פאַר אייך פון בעסטן! — אַזוי האָט ער אייך ליב... אין אייך זעט ער די נייע רוסישע מענטשן, איר זייט פאַר אים די פּאָזיטיווע העלדן פון די דערציילונגען פון די רוסישע קלאַסיקער. היינט לייענט ער פושקינס פערזן, מאָרגן וועט ער לייענען לערמאָנטאָוון, אַזוי האָט ער ליב די ביכער...

— און דיך אַנאַסטאַסיאַ האָט ער ליב?

—, יאָ, ער האָט מיך ליב!

— און דו אים אויך?

— יאָ דאָקטאָרשע, מיר האָבן זיך ליב.

— וועט איר חתונה האָבן?

— היינט טאָר מען נישט רעדן פון קיין חתונה. מען קאָן אים יעדן טאָג נעמען און שיקן אויפן פראָנט... ער וויל אַזוי גיין אויפן פראָנט, ווי דיין אַלעקסאַנדער האָט עס געוואָלט, נאָר מען שיקט אים נישט. ווייזט אויס, זיי קוקן אויף אים מיט חשד... פאַרן גענעראַל וולאַסאָוו האָבן זיי נישט מורא געהאַט, אָבער פאַר אים האָבן זיי מורא. ער ווייסט אַ סך פון די לאַגערן און תפיסות!..

— קומט אַריין, שטייט נישט אויף דער שוועל — האָט גולייעוו גערופן פון שטוב — איר ווילט זען מיינע ביכער, קומט, זעט ווער עס איז דער שאַפער גולייעוו. געווען אין אַלע לאַגערן און תפיסות און נישט פאַרלוירן די מענטש־לעכע צורה. נקוו״ד האָט מיך נישט איינגעבראָכן! זי וועט עס נאָך פּרווון טאָן... עס דאַרף ווער אויפהויבן די שטים פון רוסישן פאָלק — און איך נעם מיר די דאָזיקע רעכט!

— איך זע דערוויל נישט איר זאָלט עפּעס קענען געווינען... — האָט באַמערקט אַלעקסאַנדער.

— די רעוואָלוציאָנערן פון יאָר זיבעצן האָבן אויך נישט געזען דעם זיג און דאָך האָבן זיי געקעמפט קעגן צאַריזם...

— איך ווייס נישט, כ׳בין דאָ אַ פרעמדער...

— כ׳ווייס, איר זייט אַ פרעמדער, אָבער איר פאַרשטייט גוט די לאַגע פון רוסישן אַרבעטער און פויער.

— כ׳פאַרשטיי.

די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע וואָלקנס. פון טייך האָט געבלאָזן יאָגן אַ שטאַרקער ווינט. ס׳האָט אַ גאָס געטאָן ווי פון עמערס. קרומע רעגן־טראָפּנס האָבן געוואַשן די שויבן. לעצטע פייער־בליצן פון סוף זומער האָבן אויפגעלויכטן ווי די רויטע רעפלעקטאָרן אויפן פראָנט, ערב אַ שטורעם. ביים טיש זענען געזעסן גולייעוו, אַלעקסאַנדער, נאַטאַשאַ און די יונגע באַלעבאָסטע אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ.

די פרישע פיש האָבן אַרויסגעשמעקט פון די טעלער. אַלע פיר זענען געווען פאַרנומען מיטן עסן. די בליצן מיט די דונערן זענען זיי נישט אָנגעגאַנגען. דער ווינט האָט געטרייסלט צום טאַקט די גרין געשמירטע לאָדנס: טיק, טאַק, טיק, טאַק. די ביכער אויף די פּאָליצעס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט ווי זעלנער צום אַפּעל.

אַלעקסאַנדער הייבט אויף דעם קאָפּ פון איבערן טעלער. ער ציילט נאָך אַ מאָל די ביכער. אַזוי פיל ביכער — וווּנדערט ער זיך. אין אַזאַ צייט האָט גולייעוו דעם קאָפּ צו ביכער? יאָ, ער האָט דעם קאָפּ דערצו. אַלעקסאַנדער זעט די פולע ביכער־פּאָליצעס און טראַכט: דאָס העלדישע, שעפערישע רוסישע פאָלק שלאָפט נישט, עס וועט פריער צי שפּעטער אויפשטיין און אַ טרייסל טאָן דעם רעזשים וואָס

האָט אויפֿן פֿאָלק געבראַכט הונגער און מלחמות. ער שטעלט זיך אויף און גייט צו נעענטער צו די ביכער־פּאָליצעס. ער דערזעט דאָרט דאָס בוך פֿון מאַקסים גאָרקי: „די מוטער״. ער קוקט אויפֿן בוך און שווייגט. פּונקט אַזוי האָט דער גרויסער שרייבער פֿאַרשוויגן די ליידן פֿון רוסישן פֿאָלק אונטערן סאָוויעטישן רעזשים.

אין דרויסן האָט דער שטורעם־רעגן נישט אויפֿגעהערט. בליצן האָבן אויפֿגעהעלט, באַלויכטן מיט זייערע פֿייער־צונגען דעם שטורמישן קאַמאַ.

גולייעוו האָט געקוקט אויף נאַטאַשאַן מיט פֿאַרליבטע אויגן. שוין לאַנג ווי ער ליבט זי און מיט יעדן טאָג ווערט ביי אים די ליבע שטאַרקער.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס, דאַן, ווען ער האָט נאַטאַשאַן מיט דער מוטער געפֿירט פֿון פֿערם קיין אַכאַנסק און וואָס מער ער זעט די דאָקטאָרין, אַלץ שטאַרקער וואַכט אויף אין אים די ליבע. נאַטאַשאַ פֿילט זיינע ברענענדיקע אויגן אויף זיך. זי וויל אַוועקנעמען אירע אויגן און קאָן נישט. ביי איר הויבט אָן זיך פּיקן אַ ליבע צום גוטן מענטש, צו גולייעוון.

אַ שטאַרקער פֿייער־בליץ לויכט אויף, עס גיט אַ זעץ אַ דונער, דאָס גאַנצע שטיבל טוט אַ ציטער.

אַנאַסטאַסיאַ מאַכט ריין דעם טיש. אַלעקסאַנדער בלעטערט די ביכער. אויך אים ציט צום בוך. שוין לאַנג ווי ער האָט קיין בוך נישט געהאַלטן אין האַנט. דאָס יידישע תהילימל האָט אים פֿאַרטרעטן אַלע ביכער. ער האָט עס געבראַכט פֿון פֿראָנט מיט פֿאַרבלוטיקטע טאָולען. ער ווייסט, שוין מאָרגן דאַרף ער צוריקפֿאָרן אין שפּיטאָל. ווו ער וועט דורכגיין אַ קאָמיסיע.

ער זעט ווי גולייעוו זיצט שטיל ווי פֿאַרחלומט. זיינע אויגן מעסטן נאַטאַשאַן. אַלעקסאַנדער זעט, אַז גולייעוו האָט ליב די דאָקטאָרשע, צי אויך זי שענקט אים ליבע — דאָס ווייס ער נישט און וויל עס נישט וויסן. די סאָוויעטישע „פֿרייע ליבע״ האָט אַרונטערגעריסן די משפּחה־זיילן...

ביי דער טיר שטייט אַ פּולער עמער פֿיש. די פֿרישע פֿיש שווימען אין דעם עמער. זיי זענען באַשטימט פֿאַר דער מוטער אַנאַ. אַלעקסאַנדער זעט, אַז די פֿייער־בליצן הערן נישט אויף. ער טראַכט, אַז עס וועט נישט זיין מעגלעך צו גיין אַהיים אין אַזאַ גאָס רעגן. דאָ טאָר ער נישט בלייבן שלאָפֿן מיט נאַטאַשאַן.

ער וועט נישט געבן קיין געלעגנהייט דעם שאָפֿער גולייעוון... ער גייט צו צו נאַטאַשאַן:

— מיר וועלן גיין, נאַטאַשאַ!

— יאָ, אַלעקסאַנדער, מיר וועלן גיין...

זי האָט געפֿילט אויף זיך גולייעווס ברענענדיקע אויגן. זי האָט געוווּסט, אַז זי טאָר דאָ נישט בלייבן.

ווו וועט איר גיין אין אַזאַ שטאַרקן רעגן — האָט גולייעוו שטיל געזאָגט?...

— מיר וועלן גיין — האָט נאַטאַשאַ געענטפֿערט.

גולייעוו איז געבליבן זיצן ביים טיש. ער האָט גאָרנישט געזען ווי די געסט פאַרלאָזן די שטוב.

אַלעקסאַנדער האָט גענומען נאַטאַשאַן ביי דער האַנט. זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. דער רעגן האָט אַ ביסל אויפגעהערט, נאָר די בליצן האָבן כסדר זיי געבלענדט. ביידע האָבן גשוויגן.

שוין ביי דער שטוב האָט נאַטאַשאַ שטיל געזאָגט:

— דו ווייסט, אַלעקסאַנדער, גולייעוו איז אין מיר פאַרליבט, איך האָב געזען, און דו...

— איך ווייס נישט. אַ פרוי מוז אַוודאי פילן דעם שטורעם וואָס רוקט זיך אָן אויף איר...

— יאָ, איך זע! כ׳וועל דאַרפן אויסמיידן די געזעלשאַפט פון גולייעוון, אַז נישט, ווייס איך נישט וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען?...

— מאָרגן וועל איך זיין אין פערם ביים קאָמיסאַר באַבושקין און אים בעטן ער זאָל ביי נקוו״ד אָפרופן דעם בילבול וואָס ער האָט אויף דיר אויסגעטראַכט.

— איך וואָלט וועלן דו זאָלסט מיך פון דאַנען אַרויסנעמען.

— איך וועל טאָן אַלץ דיך אַרויסצונעמען פון אַכאַנסק. דערווייל האַלט זיך שטאַרק און מייד אויס דעם שאָפער גולייעוו.

קאַפּיטל זיבן

דער וועג צו דער פרוי

דער פּאַסאַזשיר־צוג האָט מיט געדויש זיך אָפּגעשטעלט אויפן וואָקזאַל פּערם צווײ. פּאַסאַזשירן האָבן פּאַרלאָזט די וואַגאָנען און געאײלט צום אַרויסגאַנג.

אינזשיניער מוכין איז געגאַנגען פאַרטראַכט. — צי וועט ער טרעפן זײן פרוי, די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ אין שטוב? אַזוי פיל יאָרן זענען דורך און ער ווייסט נישט, צי וווינט זי נאָך אויף דער גאָרקי־גאַס, אָדער זי איז אויפן פראָנט?... און אפשר האָט זי אים פאַרטוישט אויף אַ צווייטן מאַן? אַלץ איז מעגלעך... יאָרן, מײנע יאָרן, וויפל ביטעס האָב איך געשריבן, אַז מען זאָל מיך איבערשיקן אויף אַרבעט אין דער שטאָט פּערם, וווּ עס וווינט און אַרבעט מײן פרוי? אויף אַלע מײנע „זאַיאַוולעניעס" האָב איך קײן ענטפער נישט באַקומען!...

אינזשיניער מוכין איז גלײך פון וואָקזאַל געגאַנגען צו דער גאָרקי־גאַס, צו זײן געליבטער פרוי נאַטאַשאַ. איר האָט ער געשענקט זײן יוגנט־ליבע. נאָך אויף דער שול־באַנק האָט זיך די ליבע צווישן זיי אָנגעהויבן.

ער דערמאָנט זיך די ערשטע נאַכט ווען נאַטאַשאַ האָט שטיל געזאָגט: „עס טוט ווײ!" — וויפל יאָרן זענען שוין אַוועק פון יענע זיסע נאַכט מיט דער שײנער נאַטאַשאַ אין דער גרויסער דירה ביים פאָטער, דעם מעדיצין־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

אַ שטאַרקער ווינט פון טײך קאַמאַ שמײסט אים דאָס פּנים. אויף די גאַסן איז שטיל. מען זעט קײן מענטש נישט. אַ ווײסער הונט קומט אים אַנטקעגן מיט אַ געביל. ער דרייט מיטן קורצן עק און בעט ביי אים עסן. ער נעמט אַרויס פון טאַש אַ שטיקל ברויט און וואַרפט עס צו דעם הונט. דער הונט כאַפּט דאָס שטיקל ברויט און מיט איין שלונג לאָזט ער עס אַראָפּ אין מאָגן.

אינזשיניער מוכין קומט אַרויס אויף דער גאָרקי־גאַס. ס'איז שטיל. דער זייגער ווייזט שוין צען. דער ווינט שמײסט אים איבערן פּנים און רײסט אים די פּאָלעס פונעם מאַנטל.

ער קומט צו צום הויז. יאָ, דאָ וווינט זײן פרוי. ער בלײבט שטיין. ער זעט ווי דער ווייסער הונט שטייט לעבן אים מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ.

ער גייט צו צו דער טיר אויפן אונטערשטן שטאָק און קלאַפּט אָן. עס קומט אַרויס אַן עלטערע פרוי.

— צו וועמען דאַרפט איר ?

— איך זוך די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ — ענטפערט ער.

די עלטערע פרוי גייט אַריין אין שטוב און פאַרקלאַפּט די טיר.

אינזשיניער מוכין בלייבט שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער גייט אַרויף אויפן אויבערשטן שטאָק און קלאַפּט אָן אין טיר. עס קומט אַרויס אַן עלטערער מאַן.

— צו וועמען דאַרפט איר — האָט דער מאַן געפרעגט ?

— איך זוך די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ...

— דאָ אין דעם הויז וווינט נישט קיין שום דאָקטאָרין...

דער עלטערער מאַן גייט אַריין אין שטוב און פאַרמאַכט די טיר.

דער ווייסער הונט הייבט אָן בילן צו דער לבנה. אינזשיניער מוכין גייט אַראָפּ. אויף דער גאַס בלייבט ער שטיין און טראַכט : — ווו וועל איך זי געפונען ?...

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ בריוו פון דער אויגן דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין. ער וועט גיין צו איר. זי וועט אים שוין זאָגן ווו עס געפינט זיך זיין געליבטע פרוי נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ...

ער גייט איבער די גאַסן פון שטאָט פערם און טראַכט : — וואָס וועט זיין אויב די פרוי זיינע האָט אַ צווייטן מאַן ? פאַרשידענע געדאַנקען און פלענער קומען אים אין קאָפּ אַריין. ער וועט צוריקפאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק ער וועט נעמען אַ כינעזיש מיידל און מיט איר חתונה האָבן...

אויף דער קיראָוו־גאַס האָט ער אַרויסגענומען דעם בריוו פון דער דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין. יאָ, דער נומער שטימט. ער גייט צו צו דעם הויז און קלאַפּט אָן אין דער ערשטער טיר :

— צי וווינט דאָ די דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין ?

— יאָ, גייט אַרויף אויפן צווייטן שטאָק — הערט ער אַ שטים פון יענער זייט טיר.

ער גייט אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און קלאַפּט אָן אין דער ערשטער טיר. עס עפנט זיך די טיר און ער דערקענט די דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין.

— דו ביסט געקומען, אינזשיניער מוכין, קום אַריין... האָסט דערהאַלטן מיין בריוו — האָט די דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין אויסגעשריגן.

— יאָ, איך האָב דיין בריוו דערהאַלטן, זאָג מיר, עמיליאַ, ווו איז מיין פרוי ?

— פאַרגעס דיין פרוי, דערמאָן זי נישט...

— וואָס איז געשען, איז זי געשטאָרבן ?...

— נאָך ערגער...

— שוין זאָלסטו מיר דערציילן וואָס איז געשען מיט איר — האָט מוכין אַ דערשראָקענער אויסגעשריגן.

— װעסט צװאַרטן, איך װעל שטעלן דעם סאַמאָװאַר, ביסט זיכער הונגע־ריק, שפּעטער װעל איך דיר אַלץ דערציילן.

— איך װעל גיין צו איר!...

— װעסט דאָ בלייבן, זי איז נישט אין פּערם!

— װוּ דען?

— װאַרט, האָב איך דיר געזאָגט. װאָס איז, די יוגנט־ליבע האָט זיך אין דיר אָנגעצונדן?...

כ׳האָב זי ליב! — האָט מוכין אויסגעשריגן.

— און זי ליבט אַ צװייטן!

— װער איז ער, דער צװייטער, װאָס זי האָט אים ליב?...

— אַ מענטש פון דער גאַנצער װעלט, װער װייסט װער ער איז?...

— האָט זי מיך פאַרראַטן מיט אַ צװייטן מאַן?!...

— יאָ, זי האָט דיך פאַרראַטן — און דו האָסט דאָרט נישט געהאַט אַ צװייטע פרוי?...

—ניין, איך האָב דאָרט, אין װלאַדיװאָסטאָק, נישט געהאַט דעם קאָפּ צו קיין צװייטער פרוי...

— איצט װעסטו שוין האָבן דעם קאָפּ?...

— איך װייס נישט.

— טאָ װער זאָל װיסן, אויב דו אַליין װייסט עס נישט...

לאָז מיך קומען צו זיך, עמיליאַ, װייסט, װיפל יאָרן כ׳האָב געבעטן מען זאָל מיך לאָזן פאָרן, זיך באַזעצן און אַרבעטן, װוּ מיין פרוי װוינט און אַרבעט — און קיין ענטפער נישט באַקומען...

— דו דאַרפסט װיסן װי אַזוי צו לעבן און געניסן פון לעבן און — נישט טראַכטן פוסטע זאַכן...

— דו, עמיליאַ, ביסט נאָך אַזאַ װי געװען, דו טראַכסט גאַרנישט...

— צו װאָס טראַכטן, אַז מיר איז גוט אַזוי װי ס׳איז... דיין נאַטאַשאַ װיל ענדערן דעם רעזשים!

— אַזוי גאָר?!...

— יאָ, אַזוי. מען האָט זי אַרויסגעשיקט פון פּערם. זי איז געװאָרן אַ „פייגעלע״. מען דאַרף זי פאַרשליסן אין שטייג.

— מיינסט אין תפיסה?...

— כ׳װייס נישט. נקוו״ד װייסט. גיי צו זיי װעלן זיי דיר דערציילן אַלץ װעגן דיין פייגעלע, נאַטאַשאַ. זי האָט היינט אַ פרעמדן מאַן, אַלעקסאַנדער, און דו טראַכסט פון איר. מעגסט צוריקפאָרן און דאָרט זיך נעמען אַ כינעזערין װעסטו האָבן אַ צופרידן לעבן...

— איך װעל עס נישט טאָן! איך מוז רעדן מיט נאַטאַשאַן! זאָג מיר אין װעלכער שטאָט האָט מען זי פאַרשיקט!...

— אין אַכאַנסק.

— מאָרגן וועל איך צופאָרן צו איר.

— קאָנסט פאָרן, אָבער ס'איז אומזיסט. בלייב דאָ מיט מיר. איך וועל דיר זיין אַ גוטע פרוי. עמיליאַ האָט דיך אַ מאָל געליבט און דו האָסט זיך געריסן צו נאַטאַשאַן ווי אַ יונגער אָגער...

— כ'בין נישט שולדיק, עמיליא, מיין ליבע צו נאַטאַשאַ איז פון מיין פריִער יוגנט. דו ביסט געווען אַ גוט מיידל, האָסט זיך געלאָזט קושן פון אַלע יינגלעך דערפאַר האָב איך דיך אויסגעמיטן.

— היינט וועל איך ליבן נאָר דיך אַליין, אויב דו וועסט דאָ פאַרבלייבן.

— כ'ווייס נישט, כ'וועל זען...

— קום, לאָמיר טרינקען טיי. ביסט הונגעריק, איך וועל דיר, מאַכן עסן.

— האָסט פראָדוקטן?

— איצט הייבט מען שוין אָן צו קריגן אַמעריקאַנער פראָדוקטן... איך האָב אַמעריקאַנער וורשטלעך.

— טאָ גיב צום טיש, כ'בין הונגעריק...

— איך וועל דיך זאַט מאַכן. כ'ווייס, אַז דו ביסט אַ גרויסער פרעסער נאָך פון אַ מאָל, אָבער היינט מוז מען אַ ביסל איינציען דעם פאַסיק.

אינזשיניער מוכין האָט אָפּגעגעסן און געבליבן זיצן ביים טיש. עמיליאַ איז אַריין אין קיך. איצט האָט ער גענומען טראַכטן וועגן נאַטאַשאַן. צי טראָגט ער נישט די שולד דערפאַר וואָס זי האָט גענומען אַ צווייטן מאַן?

ער פילט איצט די שולד. דאָס גאַנצע לעבן וועט ער זיין אומגליקלעך אויב נאַטאַשאַ וועט אים אָפּזאָגן. ליבע איז נישט קיין קינדערשפּיל. אין האַרץ וועט טאָטשען אַ וואָרעם און פרעסן דאָס לייב ביז ער וועט אים אין גאַנצן אויפפרעסן.

פאַר וואָס האָט ער איבערגעריסן מיט נאַטאַשאַן? צוליב דער אַרבעט. יעדן טאָג נייע אַרבעטס־פּלענער, טאָג און נאַכט אַרבעט... און וואָס האָט ער דערפאַר באַקומען? איצט פילט ער אַז ער האָט פאַרשפּילט זיין פרוי. אירע בלויע אויגן וועלן מער נישט קוקן אויף אים... ער איז אַליין שולדיק! ער זיצט ביים טיש, דעם קאָפּ אַריינגענומען אין די הענט — און ווי אַ בליץ שלאָגט אים אַ נייער געדאַנק אין קאָפּ:

ער וועט דאָ אין פּערם נישט בלייבן אַרבעטן אויפן סטאַלינסקי זאַוואָד. ער וועט אַוועק פּרייוויליק אויפן פראָנט. זאָל זי זען נאַטאַשאַ, אַז ער איז נישט קיין לעמעשקע. ער קאָן אויך שלאָגן די דייטשן.

עמיליאַ קומט אַריין פון קיך און גייט צו צו אים. זי גיט אים אַ קוש אין שטערן.

— דו ביסט אַזוי פאַרטראַכט ווי די וועלט וואָלט דיר אונטערגעגאַנגען. פאַרגעס נאַטאַשאַן. בלייב דאָ. איך וועל דיר זיין אַ גוטע פרוי...

— גלויב מיר, איך קאָן דאָ נישט בלייבן. דאָס האַרץ טוט וויי. איך אַליין בין שולדיק אין דעם וואָס נאַטאַשאַ האָט זיך גענומען אַ צווייטן מאַן. פּלענער, נאָר פּלענער האָבן פאַרנומען מיינע געדאַנקען — און איך האָב פאַרגעסן מיין פרוי.

— האָסט געאַרבעט און געשאַפן פאַר דער ראַטנמאַכט.

— אָבער פאַר מיר האָב איך גאָרנישט געשאַפן און פאַרלוירן אַלץ.

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט. פאַרגעס נאַטאַשאַן! איך בין אויך אַ דאָקטאָרין, איך קען אויך ליבן אַ מאַן.

— דאָס ווייס איך. דו קענסט ליבן. ביסט געווען פול מיט פייער אַלס סטודענטין און איך האָב נישט ליב געהאַט אַזאַ מיידל. נאַטאַשאַ איז געווען מיין בלויער שטערן...

— און היינט איז זי פאַרלאָשן פאַר דיר ווי אַן אָפּגעברענטע גלאָוניע. הער אויף טראַכטן פון איר, קענסט פון זינען אַראָפּ...

— כ׳האָב באַשלאָסן צו גיין פרייוויליק אויפן פראָנט. אַזוי וועל איך כאָטש בלייבן ביי איין וועלט... אין פערם, נישט ווייט פון נאַטאַשאַן, וועל איך סיי ווי סיי נישט קענען בלייבן... דער וואָרעם פון ליבע וועט מיך אויפפרעסן...

— מען וועט דיך אויפן פראָנט נישט שיקן. וועסט אַרבעטן אויפן סטאַ־לינסקי אַוויאָגען־זאַוואָד. וועסט שאַפן נייע פּלענער, וועסט באַקומען דעם לענין־אָרדער און איך וועל דיך ליבן און זיין אַ גוטע פרוי...

— ניין, עמיליאַ, ניין! כ׳וועל דאָ נישט בלייבן, איך קען נישט.

— וועסט מוזן בלייבן דאָ, אַזוי וויל די פּאַרטיי!

— איך בין אומפּאַרטייאיש.

— דאָס איז גאָרנישט, וועסט ווערן אַ פּאַרטייער, איך וועל זיך אונטער־שרייבן פאַר דיר.

—איך וויל נישט זיין קיין פּאַרטייער. איך פיל זיך גוט אָן דער פּאַרטיי.

— וועסט זיך פילן שטאַרקער און גרעסער מיט דער פּאַרטיי. לאָמיר דערווייל דערפון נישט רעדן.

— מאָרגן גאַנץ פרי פאָר איך צו נאַטאַשאַן... איך וועל זען ווי זי וועט מיך אויפנעמען און דאַן וועל איך דיר געבן אַן ענטפער אויף אַלע דיינע פראַגן.

— גוט־אַזוי, פאַר מאָרגן!... אויב דו ווילסט וועל איך דיך באַגלייטן אויף דיין רייזע..

— ניין, ניין, כ׳וועל פאָרן אַליין. נאַטאַשאַ טאָר נישט וויסן, אַז כ׳בין ביי דיר געווען...

— בעסער זי זאָל יאָ וויסן. זיי אַ מאַן מיט שטאָלץ און נישט קיין אויס־געקוועטשטע לימענע...

— די אַרבעט, די פּלענער, דאָס צייכענען טאָג און נאַכט האָט מיר צוגע־נומען מיין פּריוואַט־לעבן. כ׳בין געוואָרן אַ שרייפל פון אַ גרויסער מאַשין וואָס מען רופט אין דער וועלט „דער ראַטנפאַרבאַנד״.

— ביסט אַ שותף צו אַלץ וואָס ווערט געשאַפן — האָט עמיליאַ געזאָגט.

— לאָז מיך אָפּ, עמיליאַ. איך וויל האָבן אַ ביסל אייגן גליק...

— וועסט עס האָבן אין מיינע אָרעמס, וועסט שטענדיק פילן מיין ליבע־בליק.

— נײן עמיליאַ, נאָר נאַטאַשאַ קען מיך ליבן! איך בין גרייט צו דער־הרגענען זיך און זי אויך — און בײדע װעלן מיר אַרויף צום בלאָען הימל...

— ביסט פון זינען אַראָפּ. דו װײסט, װאָס דו האָסט געזאָגט? קום, לאָמיר גײן שלאָפן. װעסט זיך איבערשלאָפן מיט עמיליאַ װעסטו באַקומען קלאָרע געדאַנקען. איך װעל דיך נישט לאָזן פאָרן אַלײן צו נאַטאַשאַן. איך װעל דיך באַגלײטן. דײנע לעצטע װערטער האָבן מיך דערשיטערט. װעסט דערהרגענען זיך און נאַטאַשאַן... דאָס זענען װערטער נישט פון קײן מיושבן מענטש... אַזוי האָט דיך דערצויגן די ראַטנמאַכט?

— פאַר װאָס האָט זי מיך צעשײדט מיט דער פרוי, געשיקט מיך אַרבעטן אין פאַרט װלאַדיװאָסטאָק און נאַטאַשאַן — קײן פּערם?

— פרעג נישט פאַר װאָס? דו װײסט, אַז עס פעלן נישט אױס קײן פרויען אין ראַטנפאַרבאַנד. אַזוי װי נאַטאַשאַ האָט זיך גענומען אַ צװײטן מאַן, האָסטו זיך געקענט נעמען אַ צװײטע פרוי. קײנער האָט דיר נישט געשטערט צו האָבן אַ געליבטע... מיר שטערט אויך נישט קײנער צו ליבן אַ מאַן װאָס מיר געפעלט. היינט געפעלסטו מיר, װײל איך שלאָף מיט דיר, מאָרגן, װײס איך נישט...

— האָסט געזאָגט, אַז דו װילסט איך זאָל דאָ בלײבן װעסטו מיר זײן אַ גוטע פרוי, װעסט מיך ליבן — און שוין איצט זאָגסטו, אַז דו קענסט מאָרגן ליבן אַ צװײטן.

— איך האַלט פון פרײע ליבע. כ'װעל דיך מיט קײן קײטן נישט צובינדן צו מיר. װילסטו בלײבן דאָ, בלײב! װילסטו נישט, פאָר מאָרגן צו נאַטאַשאַ.

אינזשיניער אַלעקסײ מוכין האָט געװאָלט צוריקציען די לעצטע װערטער, אַז ער איז גרייט צו הרגענען זיך און נאַטאַשאַן, נאָר עמיליאַ האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים, װי אויף נישט קײן נאָרמאַלן מענטשן. פאַר איר האָט קײן ליבע נישט עקזיסטירט, זי האָט װעגן ליבע געלײענט נאָר אין ראָמאַנען.

זי האָט זיך אויסגעטאָן און זיך געלײגט שלאָפן. אַלעקסײ מוכין האָט זיך געלײגט לעבן איר און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. דורך דעם פענצטער האָט די לבנה באַלויכטן די פינצטערניש.

מוכין איז אײנגעשלאָפן מיט נאַטאַשאַס נאָמען אויף די ליפּן. לעבן אים איז געלעגן די אויגן דאָקטאָרין עמיליאַ לעװין.

גאַנץ פרי, װען די סירענעס פון די פאַבריקן האָבן גערופן די אַרבעטער צו דער אַרבעט, איז אינזשיניער מוכין אויפגעשטאַנען און זיך שנעל אָנגעטאָן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף עמיליאַ. זי איז געשלאָפן אַן אָפּגעדעקטע. ער איז געשטאַנען אַ רגע, געקוקט אויף אירע נאַקעטע ברוסטן און דערזען נאַטאַשאַן, זײן ערשטע ליבע. שנעל האָט ער פאַרלאָזט דאָס צימער און אַװעק — אַ פאַר־בענקטער, נאָך יאָרן פון צעשײדונג — צו דער שיף, װעלכע װעט אים פירן קײן אָכאָנסק, צו זײן געליבטער נאַטאַשאַן.

אַ נײער, זוניקער טאָג האָט אַ בלענד געטאָן די אויגן פון אַלעקסײ מוכין. די שיף סװאָראָװ שװימט אויפן טײך קאַמאַ. אַלעקסײ זיצט און קוקט אויף די

כוואַליעס, וועלכע וואַשן די שיף. ס'קומען אים אַנטקעגן טויזנט יאָריקע וועלדער, געבויגענע צום טייך קאַמאַ. אויף דעם טייך איז אַמאָל געשוווּמען טורגעניעוו, שרייבנדיק זיינע פּרעכטיקע ליבע־דערציילונגען. אויך לעוו טאָלסטאָי, גערצען, טשערנישעווסקי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין, לערמאָנטאָוו האָבן זייערע פּערל געש־ריבן, פאַרנדיק אויף דעם טייך. היינט פאָרט דאָ אינזשיניער אַלעקסיי מוכין.

זיינע אויגן זענען פול מיט בענקשאַפט. ער בענקט צו זיין פרוי. די מאַכט האָט אים צעריסן זיין פאַמיליען־גליק, זיין ראָמאַן מיט דער יונגער דאָקטאָרין.

ס'לויפן דורך בילדער פון פאַרגאַנגענע יאָרן. אָט איז נאַטאַשאַס גרויסער פאָטער, פּראָפ' פאַוועל מאַסלאָוו. ווו איז ער היינט? לעבט ער נאָך דער גרויסער געלערנטער?... ער ווייסט נאָר אַז די ראַטנמאַכט האָט אים פאַרשיקט.

ער זעט זיין געליבטע — אַ ברילִיאַנט, אַ פלאַם וואָס לעשט זיך קיין מאָל נישט אויס. ווער איז שולדיק אין זייער צעשיידונג?

ער קוקט אויף די כוואַליעס פון טייך און ס'הייבט אים אָן פּיקן דער געדאַנק: אפשר זאָל ער זיך וואַרפן אין די שטורמישע, רוישיקע כוואַליעס און מאַכן אַ סוף צום שווערן לעבן?! — צום לעבן וואָס עס האָט געשאַפן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי — די פאַנען־טרעגערין פון „פרייהייט"... ער זעט אַז אַלץ איז איין גרויסער ליגן. אויך עמיליאַ לעווין איז בלויז ליגן, צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי — די פּאַרטיי וואָס האָט געוואַגט צו לייגן די הענט אויפן גרויסן געלערנטן פאַוועל מאַסלאָוו!...

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף סוואָראָוו, מיטן לאַמטערן אין האַנט, קוקט אויף אים; וואָס וויל ער פון אים? מוכין דרייט אַוועק דאָס פּנים. ער וויל נישט זען דעם שיפס־קאַפּיטאַן. ער הויבט איצט אָן זען אַלץ מיט אָפענע אויגן: די פלענער, וועלכע ער האָט געשאַפן זענען נישט פאַר אים און נישט פאַרן לאַנד. ווער זענען די, וועלכע פירן אָן מיט זיין פאָטערלאַנד, רוסלאַנד? לעניץ האָט געשאַפן שיינע ווערטער, אויסגעמישט מיט אַ סך סם. סטאַלין האָט די דאָזע סם טויזנט פאַכיק פאַרגרעסערט... ער זיצט אָן איינגעבויגענער אויף דער גרויסער באַנק. זיינע געדאַנקען גייען אַוועק ווייט... ער איז גרייט אויף אַלץ, ער איז גרייט צו גיין מיט דעם וועג אויף וועלכן ס'איז אַוועק דער גרויסער פאַוועל מאַסלאָוו.

עס קומט צו אים צו אַ מיליציאָנער:

— בירגער, אייערע דאָקומענטן, ביטע...

ער דערלאַנגט דעם שטייפן מיליציאָנער זיינע פּאַפּירן.

— אייער קאָמאַנדעראָווּעטשנע איז קיין פּערם, ווו פאָרט איר, בירגער?

— איך פאָר קיין אַכאַנסק.

— צו וועמען?

— צו מיין פרוי, די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

דער מיליציאָנער גיט אים אָפּ די פּאַפּירן און גייט אַוועק.

אַלעקסיי מוכין פאַרשטייט — דאָס האָט אים אַוודאי דער קאַפּיטאַן פון שיף אונטערגעשיקט דעם מיליציאָנער. אַלע לעבן אונטער אַ פּערמאַנענטער אויפזיכט.

ער פּילט, אַז ער האָט ביי דער ראַטנמאַכט פאַרלוירן נישט נאָר די פרייהייט, נאָר אויך זיין משפּחה־גליק.

ער הויבט זיך אויף און גייט אַראָפּ צום בופעט.

— וואָס ווילט איר, בירגער? — פרעגט אים די בופעטשיצע.

— גיט מיר אַ גלאָז וואָדקע.

— באַלד וועט איר קריגן, איר ווילט מיט פאַרבייסן?

— קען זיין מיט פאַרבייסן.

— די פרייזן זענען ביי אונדז „קאָמערטשעסקע"...

— זאָל זיין, כ'האָב צו באַצאָלן!

ער נעמט דאָס פולע גלאָז, טראָגט עס צו צום מויל און לאָזט עס מיט איין מאָל אַראָפּ אין האַלדז. ער גיט אַ שפּיי אויפן פּאָל, נעמט אַ שטיקל קאָלבאַס און פאַרבייסט.

אַ באַרוישטער גייט ער צוריק אַרויף אויפן דעק פון דער שיף. דער קאָפּ הויבט זיך אים אָן דרייען. ער זעט דעם וואַלד, די פעלדער ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. די זונשטראַלן לאַכן פון אים: „וווהין פאָרסטו? קלוגער אינזשיניער... קאָנסט בויען גוטע פּלענער, נאָר נישט קיין פאַמיליע פאַר זיך...

צום מיטאָג איז ער אָנגעקומען אין שטאָט אַכאַנסק. ער גיט אַ שפּיי אויס אַ רוסיש זידל־וואָרט.

— ווו ביסטו פאַרפאַרן, קלוגע נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ — כ'בין געקומען דיך זוכן...

ער גייט פאַרביי דער גרויסער ניי־פאַבריק און הערט דעם געוויש פון די מאַשינען. ביי דער תּפיסה בלייבט ער שטיין: דאָ זיצן מענטשן... איצט זעט ער, אַז ס'האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. אונטערן צאַרישן רעזשים זענען דאָ געזעסן מענטשן אוןביים איצטיקן רעזשים זיצן דאָ מענטשן. ער זעט קלאָר, אַז אַלץ איז איין גרויסער ליגן, אַלץ וואָס עס זאָגט עמיליאַ לעווין וועגן דער פּאַרטיי איז גאָרנישט ווערט. זי איז געשאַפן געוואָרן צו שליסן די מיילער ביי מענטשן זיי זאָלן זיין גוטע שקלאַפן. שוין זעקס יאָר האָט ער אָפּגעשמאַכט אין פּאָרט וולאַדיוואָסטאָק: פּלענער, פּלענער, אַ סך פּלענער מישן זיך אים אין קאָפּ — און אויפן האַרצן ברענט, ס'ברענט, ס'ברענט...

ער בלייבט שטיין ביים מאַרק און קוקט אויס אַ מענטש, וועלכן ער זאָל פרעגן, ווו עס וווינט די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ. עס קומט אָן אַ יונגע דאַמע. זי גייט אַרויס פון דער ניי־פאַבריק.

— בירגערין, איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווו וווינט די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— קומט מיט מיר, איך וועל אייך אַריינפירן צו איר אין שטוב.

— האָב איך, הייסט עס, גוט געטראָפן.

— ווער זייט איר, בירגער?

— איך בין אַלעקסיי מוכין, דער מאַן פון דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— איר זייט איר מאַן? איך קאָן גוט איר מאַן. ער האָט היינט פּרי פּאַרלאָזט אונדזער שטאָט.

— כ׳בין איר ערשטער מאַן, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין, איך קום פון פּאַרט וולאַדיוואָסטאָק.

— אַזוי, זייט איר איר ערשטער מאַן...

— יאָ, בירגערין, איך בין איר ערשטער און געזעצלעכער מאַן.

— איר זעט, בירגער מוכין, די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ גייט צו זיך אַ היים. דאָרט גייט זי. איר האָט גוט געטראָפן.

— אַ דאַנק אייך, בירגערין.

מוכין האָט גענומען גיין מיט שנעלע טריט צו דער באַגעגעניש מיט זיין פרוי. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, ער האָט פאַר די אויגן גאָרנישט געזען, נישט געזען די זונשטראַלן, נישט געהערט דעם געזאַנג פון די פייגל. ער האָט נאָר געזען פאַר זיך די שיינע נאַטאַשאַ, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט מיט זעקס יאָר צוריק.

ער האָט אויסגעשריגן:

— נאַטאַשאַ, מיין שיינע בלום... איך דיין מאַן אַלעקסיי בין געקומען, שטיי אַ ווײַלע...

נאַטאַשאַ האָט נישט געהערט זיין רוף. מיט שנעלע טריט איז זי אַריין צו זיך אין הויז. זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך אויף אַ ריגל.

ער איז שטיינגעבליבן ביים הויז ווי אַן אָפּגעשמיסן נאַריש יינגל. ער האָט געקוקט אויפן מאַרק. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין מלחמה, עלטערע מענער און פרויען האָבן געאיילט אויף מיטאָג. ער איז אַריין אין וואַלד און זיך אַראָפּ־געלאָזט לעבן אַ ווייסער בעריאָזע. מיט דער פּלייצע האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין אַלטן ווייסן בוים. די וואָדקע האָט אים געבערענט די ברוסט, דאָס האַרץ האָט אים וויי געטאָן.

פאַר וואָס האָט זיך נאַטאַשאַ נישט אָפּגעשטעלט? אפשר האָט זי מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן מיט אַ פרעמדן מאַן? זאָל ער אפשר גיין קלאַפּן אין איר טיר? זי וועט אים אויפנעמען, ער איז דאָך איר ערשטער מאַן! ס׳האָט אים געצויגן אַ ריזיקער כוח צו זיין פרוי. ער האָט איר קוים דערקענט. זי האָט זיך שטאַרק פאַרעלטערט במשך די זעקס יאָר. ער נעמט אַרויס אַ שפּיגעלע און קוקט זיך אָן. יאָ, ער איז אויך עלטער געוואָרן, אָבער זיין שטים האָט זיך נישט געענדערט. פאַר וואָס האָט זי אים נישט דערקאָנט.

אַ גרין קאַנאַריקל האָט לעבן אים אַ פלאַטער געטאָן. געלע וועווערקעס מיט לאַנגע ווײַדלען האָבן צו אים אַראָפּגעקוקט פון די ווייסע בעריאָזעס. זיי האָבן ווי געלאַכט פון אים: „איצט ביסטו געקומען?" און דו האָסט געוואָלט, אַז די שיינע דאָקטאָרין נאַטאַשאַ זאָל אויף דיר וואַרטן?! פאַר קיין מאָסקווע,

אין דיין געבוירן שטאָט, פּרעג דאָרט די פּירער פון גרויסן רוסישן לאַנד, פאַר וואָס מען האָט דיך צעשיידט מיט דיין געליבטער פרוי?... ליבן קאָן דער מענטש נאָר איין מאָל, דאָס איז די יוגנט ליבע...

ער שטעלט זיך אויף און הויבט אָן גיין אין וואַלד. די ברוינע סאָסנעס פאַרשטעלן אים דעם וועג. די זונשטראַלן בלענדן אים די אויגן. דער קאָפּ טוט אים וויי. ער ציט זיך אויס אונטער אַ גרינער סאָסנע און שלאָפט איין.

אין שלאָף זעט ער קלאָר בילדער פון די סטודענטישע יאָרן. ער זעט די נאַכט, זיין ערשטע נאַכט מיט נאַטאַשאַן: „ס'טוט וויי" — האָט זי געזאָגט. די ווערטער זענען אים פאַרבליבן טיף אין זכרון. ער זעט אין חלום ווי זי בעט אים: „נישט איצט, מאָרגן, די מאַמע קאָן קומען, איך וויל נישט"...

לאַנג איז ער אַזוי געשלאָפן אונטער דער גרינער סאָסנע. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין, האָט זיך שוין די נאַכט אַראָפּגעלאָזט. דער קאָפּ איז געוואָרן ניכטער. ער איז שוין נישט געווען שיכור.

ער איז אַרויס פון וואַלד צום מאַרק. אויפן הימל האָבן זיך געוויזן ערשטע שטערן. אַ שטיק רויטער הימל פּאַס, ווי אַ פאַרבלוטיקטער רויטער פליגל, איז געווען אַראָפּגעלאָזט אויפן טייך קאַמאַ.

אַלעקסיי איז געשטאַנען אויפן מאַרק און אומזיסט זיך באַמיט צו דערקענען דאָס הויז אין וועלכן נאַטאַשאַ איז אַריין.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט. ס'איז געוואָרן נאַכט. אויפן מאַרק איז געוואָרן שטיל. מען האָט מער קיין מענטש נישט געזען. מוכין האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן אַלטן אַכאַנסקער מאַרק אַ פרעמדער. ער איז געוואָרן הונגעריק. ער האָט געזוכט אַ רעסטאָראַן, געוואָלט אָפּעסן אַ גוטן אָונטברויט.

אָבער אין אַכאַנסק האָט ער קיין רעסטאָראַן נישט געפונען. אין דער שטאָט אַכאַנסק האָט געבליט טובערקולאָז, וועלכע האָט פאַרשלונגען אַ סך קרבנות. קיין אָרט אָפּצועסן האָט ער נישט געפונען און אַ הונגעריקער געזוכט נאַטאַשאַס הויז... פאַרבייגייענדיק די שטאָטישע בעקעריי, האָט דאָס פרישע ברויט אים אַ קיצל געטאָן די נאָזלעכער, ער איז אַריין אין בעקעריי. ביים אויוון איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי מיט אַ פאַרמעליקט פּנים. אויך איר קלייד איז געווען פאַרפרושעט פון מעל. זי איז אָבער זייער אַ שיינע געווען.

— וואָס ווילט איר בירגער? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך זוך אַ רעסטאָראַן אָפּצועסן אַ גוטן אָונטברויט — האָט אַלעקסיי איר געענטפערט.

— איך זע, אַז איר זייט נישט קיין היגער, איר זייט אַ צוגערייזטער?

— יאָ, איך בין אַ פרעמדער.

— צו וועמען זייט איר געקומען?

— צו מיין פרוי.

— קאָן איך נישט אייער פרוי?

— איך ווייס נישט? מיין פרוי איז די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.
— די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז אייער פרוי?
— יאָ בירגערין.
— איר נאַרט אָפּ. ד״ר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָט אַ מאַן, אַ מיליטער־מאַן. כ׳האָב זי די טעג געזען אין שטאָט ביים טייך שפּאַצירן מיט אים... און מען שמועסט, אַז דער שאָפער גולייעוו ליבט איר אויך...
אַלעקסיי איז בלייך געוואָרן.
— און איר, פון וואַנען קומט איר? — האָט זי אים געפרעגט.
— איך קום פון פאַרט וולאַדיוואָסטאָק.
— פון אַזוי ווייט געקומען דאָ קיין אָכאָנסק?
— פאַר ליבע איז נישט פאַראַן קיין ווייטע שטרעקע...
— יאָ, מיין ליבער, כ׳אָב אויך געליבט און געוועזן געליבט, נאָר די מלחמה האָט מיין געליבטן פאַרשלונגען. שוין דריי יאָר ווייס איך נישט, ווו ער איז. זאָגסטו, אַז דו ווייסט וואָס ליבע איז? כ׳זע דיין פּנים איז ווייס ווי מילך.
— נישטאָ קיין מאַן, ער זאָל מיין פּנים רויט מאַכן, לייגן זיין קאָפּ אויף מיין ברוסט. וואַרט אַ ווײַלע — האָט זי צוגעגעבן, איך ענדיק שוין מיין אַרבעט, וועל איך דיך פירן אין אַ רעסטאָראַן. אויב דו ביסט הונגעריק, נעם ברויט און עס וויפל דו ווילסט.
— ניין, איך וויל נישט עסן דאָ אין בעקעריי...
— פאַרגעס נישט, אַז ס׳איז מלחמה. יעדער לעבט ווי ער קען...
— און איך האָב יאָרן געלעבט מיט פלענער, נאָר פלענער.
— ביסט אַן אינזשיניער?
— יאָ.
— כ׳האָב גלייך דערקענט, אַז דו ביסט אַן אינטעליגענט. צוערשט האָב איך געמיינט, אַז דו ביסט אַן נקוו״דיסט, נאָר איצט זע איך, אַז דו ביסט אַן אינטעליגענט. דיינע אויגן זאָגן אַ סך...
— וואָס זאָגן מיינע אויגן?
— וואַרט, ביים אָוונטברויט וועל איך דיר אַלץ זאָגן. כ׳בין אַ יונגע פרוי, נאָך קיין פינף און צוואַנציק יאָר נישט. ווען דו ווייסט ווי מיין לייב פייניקט מיך, גיט מיר קיין רו נישט...
— כ׳זע עס אויף דיין פּנים. ענדיק שנעל די אַרבעט, מיר׳ן גיין צוזאַמען. דו געפעלסט מיר מיט דיין אָפנהאַרציקייט...
— און דו געפעלסט מיר אויך. דיין דאָקטאָרין איז היינט הויט און ביין. זי האָט אַ קינד פאַרלוירן.
— פאַרלוירן אַ קינד?... זי האָט פאַרשוואַנגערט?
— יאָ, זי האָט אויפגעהויבן אַ זעקל קאַרטאָפל און דאָס קינד פאַרלוירן.
פון טייך קאַמאַ האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל. דער מאַרק איז געווען שוואַך באַלויכטן. דער הימל — פאַרוואָלקנט.

די בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאָ און אַלעקסאַנדער מוכין זענען געגאַנגען פּאַרטראַכטע און געשוויגן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליין הייזל, ביים בעריאָזעווע וואַלד. טאַמאַראַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— דאָ וווין איך. קום אַריין אין מיין רעסטאָראַן וועסטו אָפּעסן אַ זאַטן אוונטברויט.

אַלעקסיי איז אַריין אין קליינעם הויז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טאַמאַראַ האָט אָנגעצונדן ליכט. עס האָט אַ שלאָג געטאָן מיט וואַרעמקייט פון יעדן ווינקל האָט אַרויסגעשמעקט די ריינקייט.

— זאָג אַלעקסיי, געפעלט דיר מיין דירה?

— יאָ, טאַמאַראַ, עס שמעקט מיט היימישקייט, און מיט ברויט... און מילך.

— אַזוי לעב איך אָן אַ מאַן זינט דעם ערשטן מלחמה־טאָג. ווען מיינע בלוטן גיבן מיר נישט קיין רו און מיין לייב ווערט צעפּרעסן פון בענקשאַפט, כאַפּ איך זיך צו צו מיינע פייגעלעך. איך שטיי ביים שטייגעלע אַזוי לאַנג ביז מיינע פיס ווערן מיד. דאַן לייג איך מיר אויפן בעט און קוק אין פענצטער צו דער לבנה, צו די שטערן, צום גרויען הימל...

— איך זע איצט טאַמאַראַ דיין פּנים, ס'איז פלאַמיק רויט. ס'איז פאַר־שוווּנדן דאָס ווייסע מעל פון דעם...

— יאָ, אַלעקסיי, דאָס האָסטו אָנגעצונדן אין מיר אַ פייער. אַ פרוי קאָן נישט לעבן אָן אַ מאַן. דער סאָוויעטישער רעזשים גיט רעכט דער פרוי, נאָר קיין משפּחה־גליק גיט ער נישט, און אויך קיין ליבע...

— אמת, אמת, איך פיל דאָס אויף דער אייגענער הויט.

— זעץ זיך, אַלעקסיי, איך גיי צוגרייטן אָוונטברויט. דו ביסט הונגעריק, כ'ווייס, כ'וועל דיר געבן עסן פון מיין רעסטאָראַן.

טאַמאַראַ איז אַרויס אין דרויסן. מוכין האָט אויפגעהויבן די אויגן צום שטייגל. — ווי גוט זיי איז, די פייגעלעך! — האָט ער געטראַכט. ער האָט אויף דער וואַנט דערזען אַ בילד פון אַ יונגן, שיינעם, מאַן. — ווו איז ער איצט? לעבט ער נאָך? אפשר גאָר ליגט ער שוין ערגעץ אין אַ וואַלד אָדער אויף אַ פעלד מיט אַ שטיין צוקאָפּנס — האָט ער געטראַכט — און דאָ חלומט וועגן אים די שיינע בעקערין, טאַמאַראַ ליסענסקאָ...

— יאָ, ס'איז מלחמה און די מלחמה שלינגט איין מיליאָנען לעבנס. ווען איז די מלחמה נויטיק, דער מענטשהייט זיכער נישט... טאָ פאַר וואָס פירן די מענטשן מלחמות?...

טאַמאַראַ איז אַריין, אויף איר פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ זיס שמייכעלע. זי האָט געמאַכט פייער אין קיך און אָנגעגאָסן צוויי טעפּלעך מיט פריש געמעלקטע מילך. זי איז אַריין אין אויפנאַם־צימער.

— נאַ, טרינק דערווייל — האָט זי אים דערלאַנגט די מילך — באַלד וועל איך פאַרטיק ווערן מיטן צוגרייטן דאָס אָוונטברויט. אין אַ פאַריזער רעסטאָראַן מוז מען אויך וואַרטן.

אַלעקסיי האָט געטרונקען די פרישע, וואַרעמע מילך און געפילט ווי די בלוטן צינדן זיך אין אים אָן. ער האָט דאָס לײדיקע טעפּעלע אַרײַנגעטראָגן אין קיך, צוגעגאַנגען צו טאַמאַראַן און איר געגעבן אַ קוש אין שטערן.

— ביסט אַ גוטע פרוי, דערפאַר האָב איך דיר אַ קוש געגעבן. זעלטן קאָן מען געפונען אַזאַ פרוי ווי דו ביסט. אין דײַן וואַרעמער שטוב געפין איך רו. יאָרן בין איך געווען פאַרנומען מיט פּלענער, געאַרבעט טאָג און נאַכט. איך האָב פאַרגעסן, אַז כ׳האָב אַ פרוי. און איצט האָט זי אַ צווייטן מאַן. איך בין איר נישט נויטיק.

— דו וועסט אויך געפינען אַ צווייטע פרוי, ווי זי האָט געפונען אַ צווייטן מאַן.

— איך ווייס נישט.

— פאַר וואָס ווייסטו נישט. ביסט אַ קלוגער מענטש, אַן אינזשיניער, נעם זיך נישט איבער... דאָס לעבן פאָדערט זײַנס. דער סאָוויעטישער רעזשים האָט אונדז קיין גליק נישט געבראַכט. רויטע פאַנען, טראַנספּאַראַנטן מיט פאַלשע צוזאָגן. זיי האָבן אונדז געבראַכט די מלחמה. איך גלויב נישט מער אין דעם... ווען כ׳פיר נישט קיין פּריוואַטעווירטשאַפט וואָלט איך נישט געהאַט אָפּצועסן. דו ביסט געגאַנגען זוכן אין אָכאַנסק אַ רעסטאָראַן. גוט, אַז דו האָסט מיך געפונען. באַלד וועסטו עסן פון מײַן רעסטאָראַן. אויך מיט ליבע וועל איך דיך זאַט מאַכן... מײַנע פּײַגעלעך איז בעסער ווי אונדז, פאַר זיי זאָרג איך. פאַר אונדז זאָרגט נישט קיינער.

— ביסט אַ קלוגע פרוי, כ׳האָב נישט געטראַכט דאָ אין דער קליינער שטאָט צו טרעפן אַזאַ קלוגע פרוי.

— דאָס שווערע לעבן מאַכט קלוג, די פרוי, די סאָוויעטישע פרוי, איז אַ מוטער און אַ פיזישער אַרבעטער.

דער אָוונטברויט איז געווען גרייט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל וואָדקע, פרישע אייער און אַ „שטשי״ (זופּ). אַלעקסיי האָט געעפנט דאָס פלעשל וואָדקע, אָנגעגאָסן צוויי האַלבע גלעזער, איינס דערלאַנגט טאַמאַראַן.

ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלאָז:

— לאָמיר טרינקען פאַרן שלום אויף דער וועלט און פאַר אונדזער פרײַנדשאַפט. — מיט איין מאָל האָט ער אַרײַנגעגאָסן אין האַלדז דאָס האַלבע גלאָז וואָדקע.

— און איך טרינק פאַר מײַן ליבע צו דיר, אַלעקסיי.

— וועסט זײַן גרייט מיך צו ליבן ווען איך וועל וווינען אין פאָרט וולאַדי־וואָסטאָק און דו וועסט לעבן און אַרבעטן אין דער שטאָט אָכאַנסק?

— איך וועל אַלץ איבערלאָזן און גיין מיט דיר. ווו דו וועסט לעבן וועל איך זײַן מיט דיר.

— דער רעזשים וועט דיר נישט דערלויבן פאָרן.

— מיר וועט ער לאָזן פאָרן, אויף מיין לערע האָט ער נישט געלייגט קיין איין רובל. כ׳בין נישט קיין דאָקטאָר, איך לעב אָן אַ דיפּלאָם.

— קאָן זיין, אַז איך וועל דיך מיטנעמען, נאָר דערווייל נאָכן אָונטבערויט וועל איך מאַכן אַ שפּאַציר צו מיין פרוי.

— קענסט גיין, וועסט וועלן קומען צו מיר וועל איך פאַר דיר עפענען ברייט די טיר, נאָר איך זאָג דיר פריער, אַז דיין ליבע צו דער דאָקטאָרין איז שוין אַ פאַרשפּילטע.

— קאָן זיין, נאָר רעדן מיט איר מוז איך. נאַטאַשאַ איז מיין ערשטע ליבע נאָך פון דער שול־באַנק. צוזאַמען האָבן מיר זיך געשפּילט אין שטיינדלעך, צוזאַמען געטרוימט פון פאַמיליען־גליק און צוזאַמען געשווּומען אויפן טייך וואָלגאַ.

— האָסטו באַקומען פון לעבן עפּעס פון דיינע חלומות.

— ניין כ׳האָב גאָרנישט באַקומען. גלייך נאָכן באַקומען מיין אינזשיניער־אַטעסטאַט האָט מען אונדז צעשיידט. מיט אַ ווייטיק אין האַרצן האָב איך זי פאַרלאָזט. איר באַרימטן פאָטער, מעדיצין־פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו האָט מען אין זיבן און דרייסיקסטן יאָר פאַרשיקט אין אַ לאַגער.

— איך ווייס, ביי אונדז אין שטאָט ווייסט מען אַלץ וועגן דער פאַמיליע מאַסלאָווא. דיין פרוי, די דאָקטאָרין, האָט מען פון פּערם אַרויסגעשיקט. דער שאָפער גולייעוו האָט זיי דאָ געבראַכט. גוטע מענטשן האָבן זי און איר מוטער אַריינגענומען.

— איך בין שולדיק, איך. איך האָב זיך פאַרנומען מיט פלענער. איך האָב געדאַרפט רייסן קייטן און קומען זי נעמען אונטער מיינע פליגל... איך בין שולדיק, נאָר איך אַליין.

— האָסט נישט געקאָנט פאַרלאָזן די אַרבעט. מען וואָלט דיך פאַרשיקט צו איר פאָטער אין לאַגער. דאָרט וואָלסטו נישט געמאַכט קיין פלענער פון נייע עראָפּלאַן מאָטאָרן און מאַשינען נאָר וואָלסט אין לאַגער אַראָפּגעלאָזטביימער און געשטאָרבן פון הונגער. דיין קבר וואָלט שוין געווען פאַרוואַקסן מיט גראָז.

— אַזוי לעבן מיר אָפּגענאַרטע. אידייען, רויטע פענער און אַנדערע ליגנס. דערפאַר האָט דער דייטש געקענט דערגיין ביז מאָסקווע, ביז די קאווקאַזער בערג, ביז דער וואָלגאַ, וואָלגאַ.

— איך טראַכט איצט צו גיין פרייוויליק אויפן פראָנט.

— ניין, גיי נישט, זאָלן גיין די פּאַרטייצעס. ווען דו ווייסט ווי זיי לעבן. אַלץ פרעסן זיי אויף, פאַרן פאָלק בלייבט גאָרנישט.

— איך גיי פאַר מיין לאַנד, פאַר רוסלאַנד. אפשר וועט דער זיג ברענגען אַ בעסער, שענער און פריי לעבן.

— אויב דו וועסט גיין, נעם מיך מיט.

— דו ביסט אַ פרוי, ווו וועסטו גיין אויפן פראָנט צו די מענער? זיי וועלן דיך דערשטיקן פאַר ליבשאַפט.

—איך האָב נישט קיין מורא.

— דערפֿאַר וועסטו דאָ בלייבן. אויב איך וועל זיך צוריקקערן פֿון דער מלחמה וועל איך קומען צו דיר.

טאַמאַראַ האָט מיט אירע לאַנגע הענט אַרומגענומען דעם פֿרעמדן מאַן און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן ביז בלוט.

— איך האָב דיך ליב — האָט זי שטיל געזאָגט.

טאַמאַראַ ליסענסקאַ איז געלעגן אויפֿן ניקל־בעט אַ צעפֿלאַמטע. שוין לאַנג, גאָר לאַנג האָט זי אויף אירע ווייסע, פֿולע ברוסטן נישט געפֿילט דעם טעם פֿון אַ מאַנס באַריר. זי האָט צו זיך געצויגן מוכינען, באַדעקט אים מיט קושן. איינגעשלאָסן אין אירע לאַנגע הענט דעם מאַן, וואָס איז איר פֿון הימל געשיקט געוואָרן.

אַ זאַטע פֿון ליבע, האָט טאַמאַראַ געעפֿנט די אויגן. איר פּנים איז געווען ראָז, צעפֿלאַמט. אַלעקסיי איז געלעגן לעבן איר אַ באַרויִקטער.

ער איז שוין דעם אָוונט נישט געגאַנגען צו זיין פֿרוי.

טאַמאַראַ האָט דערפֿילט די אמתע פֿרייד פֿון לעבן. זי איז אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, אַרויסגעטריבן די קי צום פּאַסטעך. זי האָט אַריינגעטראָגן די פֿרישע מילך אין שטוב. אַ פֿול טעפּל מילך האָט זי אַוועקגעשטעלט ביים בעט.

מוכין איז געשלאָפֿן. ער איז געלעגן, אַ זאַטער פֿון טאַמאַראַס ליבע, אויפֿן ריינעם בעט. זיינע גערערעם האָבן נישט געשפּילט קיין הונגער מאַרש. ער האָט איצט געחלומט פֿון דער נייער היים און דער נייער, גוטער פֿרוי.

טאַמאַראַ האָט זיך אָנגעטאָן די פֿון מעל פּאַרווייסטע קליידער, זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק צום בעט, ווו עס איז געשלאָפֿן אַלעקסיי, צו די גרינע קאַנאַריקלעך און אַ צופֿרידענע אַוועק צו דער אַרבעט.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג ווען מוכין איז אויפֿגעשטאַנען. ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן איז שוין דאָס צימער געווען פֿול מיט זונליכט.

אויפֿן טיש איז געווען צוגעגרייט פֿרישטיק. אין קיך — אַ שיסל מיט ריין וואַסער. ער האָט אויסגעטאָן דאָס העמד און איינגעריבן דאָס לייב מיטן פֿרישן,

ווי אַ פֿרוי קאָן מאַכן לייכט און ליב דאָס לעבן — האָט ער געטראַכט. נאָכן וואַשן זיך, האָט ער זיך געזעצט צום טיש עסן פֿרישטיק.

ער האָט באַוווּנדערט די פֿרוי וואָס האָט זיך אַזוי שיין איינגעאָרדנט דאָס לעבן אָן איר מאַן. זי אַרבעט אין בעקעריי, פֿירט אַ פּריוואַטעווירטשאַפֿט... זיינע געדאַנקען האָט איבערגעריסן דער האָן, מיט זיין הילכיקן: קו־קו־קו!...

אַלעקסיי האָ אַראָפּגענומען די כלים פֿון טיש, זיי אָפּגעוואַשן און אַוועקגעשטעלט אויפֿן אָרט. איצט האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו נאַטאַשאַן.

דער מאַרק אין אַכאַנסק איז געווען פּוסט, אויסגעליידיקט. ס׳איז אים אַנטקעגנגעקומען אַן אַלטער פּויער. זייערע אויגן האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן.

— ביסט מיר באַקאַנט, יונגער מענטש, ערגעץ האָב איך דיך געזען?

— כ׳ווייס נישט, אַלטער מאַן, ווו דו האָסט מיך געטראָפֿן, כ׳בין דאָ אַ נייער — האָט אַלעקסיי געענטפֿערט.

— וואָס טוסטו דאָ אין אַכאַנסק.

— געקומען צו דער פרוי, די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— אַט גיי איך פון איר... זי איז בלויז גוטסקייט. אירע ווערטער זענען פערל. ביסט איר מאַן?

— יאָ, כ'בין איר מאַן. כ'בין געקומען פון ווייטן מזרח, פון וולאַדיוואָסטאָק — האָט אַלעקסיי דערציילט דעם אַלטן...

— אַזוי ווייט ביסטו געווען פאַרשיקט?

— יאָ. געווען אויף אַרבעט, נישט פאַרשיקט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט געווען פאַרשיקט, אין אַ לאַגער... גיי נישט איצט צו איר, זי וועט דיך נישט אויפנעמען. עס וואַרט אויף איר אַ גרויסע ריי פאַציענטן...

— איך גיי צו איר אין שטוב!

— יאָ, דו קענסט גיין צו איר אין שטוב. די מוטער אַנאַ איז דאָ.

— דו אַלטער מאַן, קאָנסט די מוטער?...

— יאָ, איך קאָן די גאַנצע משפּחה. איך האָב דיך געזען אויף אַ בילד.

— געזען מיך אויף אַ בילד?...

— יאָ, יאָ, געזען דיך אויף אַ בילד. ביסט אַן אינזשיניער, מאַכסט פּלענער, איך ווייס...

— ווייז מיר דאָס הויז, וווּ זיי וווינען?...

— דאָרט אין יענעם הויז מיט די בלויע לאָדנס.

— אַ דאַנק, אַלטער מאַן, זאָל דיר גאָט געבן אַ סך געזונטע יאָרן — ביי אַ בעסערער מאַכט — האָט דער אַלטער אַ וווּנק געטאָן און אַוועק מיט שנעלע טריט.

אַלעקסיי איז געשטאַנען און פאַרחידושט נאָכגעקוקט דעם אַלטן פויער: ס'האָט אים אַ צי געטאָן ביים לעפעלע, ווער ווייסט ווער דער פויער איז? צו וואָס האָט ער מיט אים גערעדט — האָט ער זיך נישט געקאָנט מוחל זיין. ער איז געווען בייז אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט. נאַטאַשאַ האָט אַ צווייטן מאַן. וואָס וועט ער איצט רעדן מיט איר? עס איז שוין סיי ווי סיי צו שפּעט. ער וועט איר ליבע שוין נישט צוריקקריגן. פאַרלוירן, איז פאַרלוירן...

ער האָט געקוקט אויפן הויז מיט די בלויע לאָדנס און אָנגעהויבן גיין אין יענער ריכטונג. די זון האָט געשיינט מיט ליבע און גליק, אָבער ער האָט ביידע זיי פאַרלוירן, סיי די ליבע און סיי דאָס גליק.

ער איז שטיין געבליבן ביים הויז מיט די בלויע לאָדנס און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען דעם אַלטן אָכאַנסקער מאַרק. סע האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. אַזוי האָט ער אויסגעזען מיט הונדערט יאָר צוריק, ביים צאַריזם, און אַזוי זעט ער אויס ביים סאָוויעטן־רעזשים.

פרויען און מענער עלטערע אין קליידער פון פאַר דער רעוואָלוציע גייען אים פאַרביי, קוקן אויף אים. ער נעמט צונויף די כּוחות און גייט צו צו דער טיר.

— ווער איז דאָרט — הערט ער אַ שטים פון אינעווייניק. די שטים איז אים באַקאַנט. דאַכט זיך, ס'איז די שטים פון דער מוטער אַנאַ.

זי עפנט די טיר און בלייבט שטיין ווי פאַראַליזירט. זי קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

— מוטער אַנאַ, איך בין אינזשיניער אַלעקסאַנדער מוכין.

— איצט ביסטו געקומען. גיי, גיי פון דאַנען. האָסט מיין קינד געלאָזט וואַרטן יאָרן, לאַנגע יאָרן און איצט רופסטו מיך מוטער אַנאַ. איך וועל דיך נישט אויפנעמען גיי צו נאַטאַשאַ, אפשר וועט זי דיך אויפנעמען, ביי מיר האָסטו אַלץ פאַרלוירן.

— איך בין נישט שולדיק...

— רעד גאָרנישט, מענטשן קענען הערן. קום אין וואַלד וועסטו רעדן מיט מיר !...

ביי דער ווייסער בעריאָזע איז די מוטער אַנאַ שטיינגעבליבן :

— דאָ קענסטו מיט מיר רעדן, נאָר מיך וווּנדערט. ביסט אַ גראַמאָטנער מענטש, אַן אינזשיניער, האָסט דיין גליק מיט אייגענע הענט געלייגט אויפן פייער. האָסט זעקס יאָר פון זיך נישט געלאָזט הערן.

— כ׳בין געווען פאַרנומען מיט פלענער און מיט שרייבן „זאַיאַוולעניעס״ צו דער מאַכט, אַז מען זאָל מיר דערלויבן זיך פאַראייניקן מיט מיין פרוי, נאָר אויף אַלע מיינע בקשות האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען.

— האָסט נישט געקאָנט שרייבן ?...

— איך בין אַריין אין מיינע פלענער ווי אַ שיכור אין פלעשל. איך האָב געזען נאָר מיינע אַוויאַנען־פלענער, מאָטאָר־מאַשינען אדג״ל. איצט נאָך זעקס יאָר האָב איך ענדלעך באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין פערם.

— האָסט פאַרשפעטיקט, מיין ליבער אַלעקסיי, האָסט פאַרשפעטיקט. נאַטאַשאַ וועט מיט דיר נישט וועלן רעדן. טאָרסט זיך פאַר איר אַפילו נישט ווייזן. ווו ביסטו, דערווייל ...

— כ׳בין ביי אַ באַקאַנטער פרוי.

— האָסט שוין באַוויזן צו באַקענען אַ פרוי ?

— צופעליק האָב איך באַקענט אַ גוטע פרוי...

— טאָ וואָרט אויס ביי איר. איך וועל אַליין רעדן מיט נאַטאַשאַ. אפשר וועט זי דיך וועלן אויפנעמען. גיי איצט אין דער דירה פון דער גוטער פרוי און קום אין אָוונט. דו ווייסט, נאַטאַשאַ איז אַ דאָקטאָרין און איצט אַרבעט זי. אַז זי וועט אַהיימקומען פון דער אַרבעט וועל איך מיט איר רעדן.

אַלעקסיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביי דער בעריאָזע, זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט שוואַרצע רייפן. ער האָט מער נישט געזען די מוטער אַנאַ.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז אַנאַ שוין נישט געווען. ער איז געבליבן זיצן אַליין. פאַר זיינע אויגן האָט אַ פלאַטער געטאָן אַ פייגעלע. ...דו פייגעלע קענסט פליען ווי דו ווילסט, דו ביסט פריי, דו ביסט נישט קיין מענטש... — האָט ער געטראַכט אַ טרויעריקער — כ׳בין געבונדן מיט פלענער און מיטן סאָוויעטן־רעזשים.

ער האָט דערהערט אַ געזאַנג פון קינדער, וועלכע זענען געגאַנגען אַהיים פון שול. רע אָהט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס׳איז געווען שוין מיטאָג צייט. טאַמאַראַ

ליסענסקאַ וועט אויף אים שוין וואַרטן מיטן מיטאָג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט גיין צו דער בעקערין.

ווידער איז ער געגאַנגען איבערן אָכאַנסקער מאַרק. ווידער האָט ער געקוקט מיט באַדויער אויפן הויז מיט די בלויע לאָדנס. ער האָט געטראַכט, ס'איז אפשר בעסער, וואָס די מוטער אַנאַ וועט צוערשט רעדן מיט נאַטאַשאַן. אפשר וועט זי דערגרייכן ביי דער טאָכטער אַ הסכמה, אַז זי זאָל צוריק ליבן איר ערשטן מאַן. ווידער האָבן אים די זונשטראַלן פאַרבלענדט די אויגן...

— טאַמאַראַ איז געשטאַנען ביים הויז. דערזעענדיק אַלעקסייען, האָט זי זיך צעשטראַלט פאַר פרייד:

— קום אַריין, אַלעקסיי, דאָס מיטאָג איז גרייט — האָט זי אים געבעטן

— איך זע, אַז דו האָסט געוויינט...

— ניין, איך האָב נישט געוויינט נאָר שוואַרצע רייפן זענען מיר פאַרלאָפן אַרום די אויגן.

— פאַר וואָס ?

— איך בין געווען אין וואַלד מיט דער מוטער אַנאַ. זי איז אַ טייערע פרוי. פאַר איר האָב איך געעפנט מיין האַרץ און דערציילט דעם אמת.

— האָסט נאָך מיט נאַטאַשאַן נישט גערעדט ?

— ניין...

— ביסט ווי אַ יינגל, נישט קיין מאַן, ביסט זיכער אַז די דאָקטאָרין וועט קומען צו דיר ?

— יאָ, כ'בין זיכער. ווילסט טאַמאַראַ, אַז איך זאָל ביי דיר וואַרטן ביז זי וועט צו מיר קומען.

— איך ווייס נישט, טו ווי דו ווילסט. ווילסט קענסטו בלייבן מיט מיר, ווילסטו גיין, איז דער וועג פריי.

— איך וועל נישט גיין. איך וועל וואַרטן ביי דיר אין הויז און הערן די נייעס, וועלכע עס וועט מיר ברענגען די מוטער אַנאַ.

— דאָס איז אַ ריכטיקער וועג. איך פאַרלאַנג פון דיר אַלעקסיי זאָלסט זיין אַ מאַן, נישט קיין לעמעשקע. איך בין אַ בעקערין, אין מיין „רעסטאָראַן" וועסטו נישט זיין הונגעריק.

— איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גוטע פרוי. וועסט מיך ליבן אָבער איך בין נישט גרייט דאָ צו בלייבן. די מאַכט וועט מיך דאָ נישט לאָזן בלייבן און וועט מיך ווידער אַוועקשיקן אין אַ וויטער שטאָט, וויט פון באַקאַנטע און פריינד. איך וועל וויטער מוזן אַרבעטן טאָג און נאַכט ביי די פלענער.

— האָסט געוואָלט זיין אַ געלערנטער, אַ גראַמאַטנער, וועסטו מוזן זיין שטענדיק אונטערן אויג פון דער נקוו"ד, וועסט נישט קענען אָפּווייכן פון דער אָנגעצייכנטער פאַרטיי־ליניע. וועסט גיין אין שפאַן ווי אַ פערד.

— יאָ, יאָ. האָסט ריכטיק אַרויסגעזאָגט דיינע געדאַנקען. וואָס קאָן איך איצט טאָן ?...

— בלייב דאָ מיט מיר...

— מען וועט מיך נישט לאָזן. עס גייט אָן אַ באַפרייאונגס־מלחמה און איך וועל דאָ זיצן לעבן דיר... מאָרגן, שוין מאָרגן גיי איך אויפן פראָנט, דאָס וועט זיין פאַר מיר אַן אויסלייזונג, אַ טרייסט פאַרן פאַרלוירענעם גליק.

— קענסט גיין אַלעקסיי, נאָר שרייב מיר פון פראָנט. לאָז מיך האָבן גוטע מינוטן, וואָס דיינע בריוו וועלן מיר ברענגען.

— כ׳וועל דיר שרייבן, טאַמאַראַ, דו ביסט אַ גוטע. קענסט מיר געבן גליק.

— קום אַריין עסן מיטאָג, אַלעקסיי, כ׳דאַרף באַלד גיין צו דער אַרבעט.

— כ׳ווייס. כ׳גיי שוין עסן.

דער האָן אין הויף האָט ווידער געקרייעט. די קאַנאַריקלעך אין שטייגל האָבן פאַרבענקטע געזונגען, זונשטראַלן האָבן באַלויכטן דאָס הויז.

אַלעקסיי איז געזעסןביים טיש. דאָס עסן איז אים געפעלן און נישט געפעלן. ער איז געווען אין גאַנצן צעטראָגן. מיט די געדאַנקען איז ער געווען ביי נאַטאַשאַן, זיין ווייטיק האָט זיך נישט געשטילט.

— פאַר וואָס עסט דו נישט, אַלעקסיי ?... האָסט זיך אַזוי פאַרטראַכט ווי די וועלט וואָלט דיר אונטערגעגאַנגען. עס מיט אַ גוטן אַפּעטיט, טרינק אַ ביסל בראָנפן וועט דיר ווערן לייכטער אויפן האַרצן. אַז דו וועסט צו פיל טראַכטן וועגן דער דאָקטאָרשע, וועסטו ענדיקן אין אַ משוגעים־הויז...

— איך אין אַ משוגעים־הויז ! — אויב אַזוי וועל איך אויסטרינקען.

ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז בראָנפן און עס, מיט איין מאָל אַראָפּ־געשלונגען.

— איצט פריי איך מיך, אַלעקסיי. דו קענסט טרינקען וועסטו אויך קענען ליבן אַ פרוי.

— איך בין אַ שלעכטער מאַן...

— ניין, ביסט אַ גוטער מאַן, דאַרפסט זיך נאָר באַפרייען פון שלעכטע געדאַנקען.

— מיינסט פון דער דאָקטאָרין ?...

— יאָ, מיין ליבער אַלעקסיי.

טאַמאַראַ האָט זיך אויפגעשטעלט. זי איז צו צו מוכינען און אים אַ קוש געגעבן אין שטערן.

— איך גיי שוין צו דער אַרבעט: מענטשן דאַרפן ברויט, וואַרטן אויף מיר.

אַלעקסיי איז געבליבן אַליין אין שטוב. אין קאָפּ האָט אים אַ ביסל געערוישט. נאָכן אָפּעסן האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. ווידער האָט ער דערזען, בילדער פון זיין יוגנט: אָט שווימט ער מיט נאַטאַשאַן אויף דער וואָלגאַ; אָט ליגט ער זיך מיט איר אונטער אַ ברוינער סאָסנע; ווי גוט זי איז געווען צו אים! און היינט האָט די מוטער אַנאַ נישט געוואָלט מיט אים רעדן...

די בילדער זענען שנעל פאַרשוווּנדן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גרינע פייגעלעך אין שטייגל לאַכן פון אים: „ביסט זיך אַליין שולדיק, האָסט מורא

געהאַט פאַר דער מאַכט; האָסט זיך געלאָזט צעשיידן מיט דיין געליבטער פרוי; האָסט אפילו קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט. האָסט זיך געלאָזט פאַרפירן אין וויטן וולאַדיוואָסטאָק און ווי אַ פערד — אַריין אין שפּאַן פון דיינע פּלענער...״

ער האָט גענומען אַ שטיקל גאַזעטן־פּאַפּיר, פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, זיך פאַרצויגן און אַרויסלאָזנדיק דעם רויך, געקוקט אויף דעם, ווי אַ קינד אויף אַ זייפן־באַלאָן.

ער האָט ברייט געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. קיינער הערט אים נישט, האָט ער פעסטגעשטעלט; ער האָט אַ שפּיי געטאָן פון צווישן די ציין אַ זידל וואָרט אויפן רעזשים.

מיט נאַטאַשאַס נאָמען אויף די ליפּן איז ער איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט אויפגעוואַכט איז שוין געווען נאַכט. לעבן אים איז געשטאַנען טאַמאַראַ.

— האָסט געשריגן פון שלאָף.

— איך? קאָן זיין, אַז דיין בראָנפן האָט מיך געמאַכט שרייען...

— איך וועל דיר מער קיין בראָנפן נישט געבן. קענסט מיר נאָך דאָ מאַכן אַן אַוואַנטורע און אַלץ קען דאָ נעמען פליִען ווי בעת אַ טאַקוראַ־שטורעם...

— האָב נישט קיין מורא פאַר אַוואַנטורעס. איך וועל שוין מער נישט זיין קיין נאַר און אַרבעטן ווי אַ פערד אין שפּאַן. שוין מאָרגן גיי איך טרייבן די דייטשן פון אונדזער רוסישער ערד.

— נעם מיך מיט, אַלעקסיי — האָט טאַמאַראַ זיך געבעטן.

— ניין, דו טאָרסט נישט גיין! איך וועל צו דיר קומען עסן אין דיין גוטן רעסטאָראַן. ביסט מיר שוין אַריין אין אויג ווי די זון... ביסט מיר געוואָרן נאָענט ווי אַ שוועסטער. דו פאַרשטייסט מיך און דו וועסט מיך נישט אויסגעבן צו דער נקווי״ד.

— איך, איך וועל דיר אויסגעבן צו דער נקווי״ד? — ווען דו ווייסט ווי שווער איך אַרבעט, וואָס פאַראַ שווערע זעק מעל איך טראָג, איז עס אַן אַרבעט פאַר אַ פרוי? כ׳וואָלט בעסער געוואָלט טראָגן אַ זון פון דיר און מיט ליבע אים ברענגען אויף דער וועלט...

— ווילסט אַ קינד?!...

— יאָ, איך וויל אַ קינד!

— עס וועט דיר זיין שווער דאָס לעבן מיט אַ קינד.

— אַליין איז לייכטער

— יאָ, אַליין איז לייכטער!

— אָן אַ קינד איז אָבער דאָס לעבן קיין לעבן נישט...

— איך וועל צוריקקומען פון דער מלחמה וועלן מיר זיך איינאָרדענען אונדזער לעבן.

— איך וויל איצט!

— דו ווילסט איצט. איצט איז אוממעגלעך! ביי אונדזער רעזשים, ווייס איך נישט, וואָס עס וועט געשען מיט מיר מאָרגן.

— איך פאַרשטיי דיך, אַלעקסיי, נאָר דו פאַרשטיי אויך מיך, איך וויל אַ קינד פון דיר.

— און שפּעטער — אַלימענטן?...

— ניין, שפּעטער גאָרנישט...

— מען טאָר נישט, טאַמאַראַ, מען טאָר נישט... איך ווייס, דו ביסט פייער. דיינע בלוטן גיבן דיר קיין רו נישט. ביסט יונג און ווילסט משפּחה־גליק; ווילסט אַ מאַן; אויסטראָגן קינדער און ברענגען אויף דער וועלט נייע דורות.

— יאָ, דאָס וויל איך...

— בעט ביי „נאַטשאַלסטוואָ״.

— לאַכסט פון מיר, אַלעקסיי?...

— ניין, איך לאַך נישט. האָסט אַ סך ביכער, פאַרנעם זיך מיט לייענען און נישט מיט ברענגען קינדער, זיי זאָלן זיין שקלאַפן פאַר דיקטאַטאָרן. מען טאָר נישט, מען טאָר נישט!

— איך וויל, אַלעקסיי!

— און איך וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין שקלאַפן ביי נאַטשאַלסטוואָ, ביי דער פּאַרטיי, ביים קאָמוניזם. פאַרגעס, טאַמאַראַ, פון משפּחה־גליק, פאַרגעס! איך וויל נישט אָנפילן די לאַגערן מיט מיינע קינדער, נקוו״ד זאָל זיך וואַרפן מיט זיי, בריען זיי מיט גליענדיקע אייזנס... נעם און שנייד בעסער אָפּ דיינע ברוסטן און פאַרשעלט דעם טאָג פון דיין געבוירן...

— ניין, אַלעקסיי, ביסט נישט גערעכט! איך וועל געבוירן קינדער און זיי וועלן זיין העלדן, קעמפן פאַר אַ שענערער וועלט — אַ וועלט פון פרייהייט און משפּחה־גליק.

— איך מיט נאַטאַשאַ האָבן אויך אַזוי געוואָלט און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון אונדזערע טרוימען? — מען האָט אונדז אָפּגענאַרט. צי איז פּראָפּ' פּאַוועל מאַסלאָוו געווען פּאָליטיש אַקטיוו? ער האָט געאַרבעט פאַרן מענטש... ווי אַזוי צו פאַרלענגערן זיין לעבן. וואָס האָט ער פון רעזשים באַקומען — אַן אָרט אין לאַגער, וווּ מען לאָזט אַראָפּ ביימער און ס'וואַקסט אויס אַ גרויסער בית־עולם.

— איך בעט דיך, אַלעקסיי, רעד נישט אַזוי פיל. וועגט האָבן אויערן. איך פאַרשטיי דיך. אין דיינע אויגן לייען איך אַלץ וואָס דו ווילסט מיר זאָגן. טרינק מילך, וועט דיר דער בראָנפן אַרויס פון קאָפּ.

אַלעקסיי האָט אויסגעטרונקען די מילך און געגרייט זיך צום גיין

— דו גייסט, אַלעקסיי?

— איך גיי צו דער מוטער אַנאַ. זי האָט באַשטימט איך זאָל קומען אין אָוונט.

—קענסט נישט פאַרגעסן נאַטאַשאַן?

— איך פֿאַרשטיי דיך, טאַמאַראַ, ווילסט איך זאָל אָן איר פֿאַרגעסן. איך קאָן נישט. סיידן, זי וועט מיר אָפּזאָגן...

— טאָ גיי, איך וואַרט אויף דיר מיטן אָונטבררויט...

— קענסט וואַרטן, איך וועל קומען...

— איך מיין, אַז דו וועסט קומען. מיין הויז איז פֿאַר דיר אָפֿן, קענסט שטענדיק קומען. ביסט אַ גוטער מאַן.

— ביסט אַ גוטע פֿרוי, טאַמאַראַ, אַ שאָד דיך צו פֿאַרלאָזן. קענסט אַ מאַן גליקלעך מאַכן, געבן אים פֿרייד מיטן פֿולן בעכער.

אויפֿן אָכאַנסקער מאַרק איז געווען שטיל. מוכין איז געגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און געקוקט צום הויז מיט די בלויע לאָדנס. וואָס נענטער ער איז צוגעקומען, אַלץ שטאַרקער האָט אים געקלאַפּט דאָס האַרץ. פֿאַרשידענע חרטה־געדאַנקען האָבן אים גענומען פּייניקן — חרטה פֿאַרן שטיין הינטער דער טיר, פֿאַרן בעטן זיך נאַטאַשאַ זאָל אים אויפֿנעמען... ביים הויז מיט די בלויע לאָדנס איז ער שטיינגעבליבן.

אַלץ האָט אין אים געציטערט. ער האָט נישט געקאָנט אויפֿהייבן די האַנט און אָנקלאַפּן אין טיר. ער האָט דערפֿילט ווי די בלוטן הויבן ווידער אָן צו פּולסירן אין די אָדערן.

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.

— כ׳גיי שוין — האָט ער דערהערט דער מוטער אַנאַס שטים. באַלד האָט זיך פֿאַר אים ברייט צעעפֿנט די טיר.

— עס טוט מיר לייד, אַלעקסיי, נאַטאַשאַ איז נישט געקומען אַהיים...

— ווּ איז זי?

— איך ווייס נישט. אפֿשר איז זי אין קליניק, אָדער אין באָלניצע...

— איך וועל דאָרט צוגיין, אפֿשר וועל איך זי טרעפֿן?

אַלעקסיי האָט פֿאַרלאָזט אַנאַס שטוב. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן הויז מיט די בלויע לאָדנס, איצט האָט זיך אים געדאַכט אַז די לבנה ווייזט אים אַ לאַנגע צונג און די שטערן טאַנצן אים אַנטקעגן אַ ווילדן חוזק־טאַנץ...

ער האָט גענומען גיין אָן אַ ציל. ער האָט נישט געוווּסט ווּ דער קליניק און די באָלניצע איז און ווּ ער קאָן טרעפֿן נאַטאַשאַן. ער האָט געשפּיגן און געשאָלטן דעם רעזשים...

ער איז פֿאַרביי די תּפֿיסה, אַ מיליציאָנער האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן. אַלעקסיי האָט זיך שנעל דערווייטערט פֿון דאָרט און געגאַנגען ווייטער. ער האָט געוווּסט, אַז נאַטאַשאַ איז שוין נישט ביי דער אַרבעט, שוין לאַנג ווי דער אַרבעטס־טאָג איז פֿאַרענדיקט.

ער איז אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צום טייך קאַמאַ. די לבנה האָט זיך געשפּיגלט אין זיינע שטורמישע כוואַליעס. ס׳האָט אים

געגומען מאַטערן אַ געדאַנק: אפשר מאַכן אַ סוף צו די ליידן אין די רוישיקע כוואַליעס?

צום ברעג האָט זיך דערנענטערט אַ פישער־שיפל. אַלעקסיי האָט אויס־געשריגן צום פישער:

— אפשר פאַרקויפסטו מיר אַ גוט פישל?...

— וואַרט צו, כ'וועל נאָר צובינדן דאָס שיפל — האָט ער דערהערט אַן ענטפער.

— קען איך וויסן ווער דו ביסט?

— איך בין אַ נייער אין שטאָט אָכאַנסק.

— וווּ אַרבעטסטו?

— כ'בין נישט קיין אַרבעטער, כ'בין אַן אינזשעניער.

— איז וואָס טוסטו דאָ אין שטאָט?

— געקומען צו דער פרוי...

— צו דער פרוי געקומען? — ווער איז דיין פרוי?

— די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— דו ביסט געקומען פון וולאַדיוואָסטאָק?

— זי האָט אַ מאַן, אַ מיליטער־מאַן.

— כ'ווייס.

— איז וואָס טוסטו דאָ?

— איך וויל רעדן מיט איר.

— ביסט געקומען רעדן מיט נאַטאַשאַן. זי איז נישט ביי מיר. זי קומט נישט צו מיר...

— דו ביסט עס דער שאָפער גולייעוו?

— יאָ, איך בין דער שאָפער גולייעוו.

— אַזוי, אַזוי?

— וווּנדער זיך נישט, כ'האָב געקאָן גוטס פאַר איר און איר מוטער. כ'טו זיי כסדר גוטס. קום אַריין, אַלעקסיי, צו מיר אין שטוב — האָט גולייעוו אים פאַרבעטן — מירן רעדן, וועסט דערציילן וואָס מען הערט אין אונדזער גרויסן לאַנד.

—איצט וועל איך נישט גיין, מאָרגן וועל איך קומען צו דיר.

—קום איצט, מיין נישט, כ'בין נאָר אַ שאָפער. קאָנסט אפשר ביי מיר געפונען וואָס דו זוכסט.

ביידע מענער זענען אַריין אין שטוב. גולייעוו האָט אָנגעצונדן ליכט. אַלעקסיי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַריין אין אַ שטאָטישער ביבליאָטעק.

— אַזוי פיל ביכער, ברודער גולייעוו? פון וואַנען קומען זיי צו דיר?

— איינער האָט ליב שיינע פרויען און איך האָב ליב שיינע ביכער.

— זאָג מיר, גולייעוו, צי קענסטו דעם מאַן וואָס מיין פרוי האָט זיך מיט אים פאַרבונדן.

— איך קען אים יאָ — און כ׳קען אים נישט! ער זעט אויס אַ פראַנצויז אָדער אַ פּאָליאַק און אפשר גאָר אַ ייד. איך ווייס נישט. ער איז אַ שיינער, אַ קלוגער. ער רעדט נישט, אַ שווייגער איז ער. ער שטייגט אונדז ביידע איבער.

— ווו האָט זי אים באַקענט?

— אויף דער ערשטער נייפאַבריק אין פּערם.

— וואָס האָט ער דאָרט געטאָן?

— ער האָט געאַרבעט אַלס צעך־נאַטשאַלניק. די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ איז געקומען אָפּט אין דער פאַבריק צו די אַרבעטער, וואָס זענען געפאַלן ביי די מאַשינען פון הונגער. נו, האָט זי דערזען דעם שיינעם, קלוגן צעך־נאַטשאַלניק און זיך אין אים פאַרליבט. מיט צען טראַקטאָרן וועסטו זי נישט אָוועקרייסן פון אים.

— אַזוי גאָר? פאַרליבט?...

— יאָ, יאָ. מוזט שלום מאַכן און זיך זוכן אַ צווייטע פרוי...

— דו ווייסט ווער נאַטאַשאַ איז פאַר מיר געווען?...

— איך ווייס, נאַטאַשאַ האָט דערציילט. דער רעזשים האָט אייך צעטיילט. דיך געשיקט אויפן וויטן מזרח, קיין וולאַדיוואָסטאָק און איר — קיין פּערם.

גולייעוו איז צו צום שענקל, אַרויסגענומען אַ פלאַש בראָנפן און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— מיר וועלן טרינקען.

— ניין, כ׳האָב שוין היינט געטרונקען.

— ווו?

— ביי דער בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאַ.

— איך קען זי. זי איז אַ ווילע פרוי און פירט אַ גוטע ווירטשאַפט. ווי קומסטו צו איר?

— כ׳האָב געזוכט אַ רעסטאָראַן און בין פאַרקראָכן איר דער שטאָטישער בעקעריי.

— אין אַכאַנסק האָסטו געזוכט אַ רעסטאָראַן? האָסט געמיינט אַז אַכאַנסק איז פּאַריז. אַ שאָד וואָס ס׳לעבן נישט לעוו טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, באַלזאַק און אונדזער טייערער דערציילער אויז ראָמאַניסט טורגעניעוו. זיי וואָלטן היינט געהאַט וואָס צו שרייבן. מיר לעבן אין אַ צייט ווען אַ שטיקל ברויט איז טייערער פון גאָלד.

— יאָ, גולייעוו, אמת. מיר האָבן גאָרנישט. נאַקעטע זענען מיר. די רעוואָלוציע האָט אונדז אָפּגענאַרט. די דיקטאַטור איז גרויזאַם, דער רעזשים האָט נאָר תפיסות און לאַגערן.

— איך בין געווען אין אַ סך תפיסות און לאַגערן... דערפאַר ווילן זיי מיך נישט שיקן אויפן פראָנט.

— און איר טראַכט מאָרגן זיך צו מעלדן פרייוויליק אויפֿן פראָנט. ס׳איז מיר מער גאָרנישט נישט פֿאַרבליבן. די פרוי האָב איך פֿאַרלוירן, כ׳האָב זי געלאָזט צו לאַנג וואַרטן. זעקס יאָר — גאָט אַליין ווייסט, אַז איך בין נישט שולדיק.

— דיין נאַטאַשאַ, איז אַ שיינע. איך האָב זי ליב. נאָר זי ליבט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש. ער איז געווען אויפֿן מאָסקווער פראָנט און ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. איצט איז ער אין פערם אויף אַ קאָמיסיע.

— ער האָט אַ „זוואַניע?"

— יאָ, ער איז אַן אינפֿאַנטעריע־לייטענאַנט. ער האָט זיך גוט געשלאָגן, געפֿירט אין שלאַכט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געווען שוין מער אויף יענער־וועלט, ווי אויף אונדזערער. כ׳בין געווען ביי אים אין שפּיטאָל מיט אַ בריוו פֿון דער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ.

— מיט אַ בריוו אין שפּיטאָל? פֿאַר וואָס איז זי אַליין נישט געפֿאָרן?

— מען האָט איר אַרויסגעשיקט פֿון פערם. זי טאָר דאָרט נישט קומען.

— פֿאַר וואָס?...

— גיי פֿרעג ביי נקוו״ד...

— זעסט, גולייעוו, אונדזער לעבן איז אַרומגענומען מיט שווערע קייטן. יאָרן וועלן דורך ביז מיר וועלן קאָנען צערייסן די קייטן.

— טרינק אַלעקסיי...

— איך וועל מיט דיר אויסטרינקען. איך זע ביסט אַ שרייבער אויך.

— יאָ, כ׳שרייב.

— צופֿעליק האָב איך זיך מיט דיר באַקאַנט. איך וועל קומען צו דיר. איצט מוז איך שוין גיין.

— לאָמיר טרינקען פֿאַרן באַפֿרייען דאָס לאַנד פֿון די דייטשן און פֿון דער היימישער דיקטאַטור.

די נייע פֿריינד האָבן געטרונקען, און אָנגעקלאַפּט די גלעזער. נאָכן אויסטרינקען האָט אַלעקסיי זיך אויפֿגעשטעלט:

— איך מוז שוין גיין.

— פֿאַרגעס נישט מיין אַדרעס, אַלעקסיי.

— איך וועל נישט פֿאַרגעסן. דיינע ביכער וועלן מיך אָן דיר דערמאָנען.

— גייסט אויפֿן פראָנט, צי אין פֿאַבריק?

— איך גיי בעסער אויפֿן פראָנט. כ׳האָב שוין גענוג די פּלענער. מען דאַרף העלדיש פֿאַרטיידיקן אונדזער רוסישע ערד.

— טאָ גיי, זיי אַ העלד. איך וועל אויך גיין.

ווידער דערנענטערט ער זיך צום טייך. און ווידער האָט אים גענומען מאַטערן דער געדאַנק וועגן פֿאַרענדיקן מיט דער פֿאַסקודנער וועלט. דער הימל איז אויסגעשטערנט. די וואַסער־כוואַליעס רוישן אויף עפּעס אַן אומ־באַקאַנטער שפּראַך. ווער קען די שפּראַך פֿון די כוואַליעס און שטורעמס?

אַ לייכט ווינטל בלאָזט פון דער צווייטער זייט טייך, פון וואַלד. די ביימער וויגן זיך פרום און נאָר די ווייסע בעריאָזע שטייט גלייך און שטייף, ווי אַ כלה חופּה־נאַכט... ער קוקט אין די ווייטע, בלויע הימלען. די רויטע און גרינגע רובינען איבער זיין קאָפּ בלענדן אים די אויגן. ער שפּייט אויס אַ רוסיש זידלוואָרט ווי מען וואַרפט אַ שווערן שטיין אין טייך אַריין.

און אַט לאָזט ער זיך צום מאַרק. ער גייט פאַרביי דער נייפאַבריק. די אַרבעטער זיצן געבויגענע ביי די מאַשינען, שטילע, ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין מלחמה. ער גייט ווידער פאַרביי דער תּפיסה. ער זעט איצט נישט דעם מיליציאָנער וואָס האָט דאָ פריער געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן... און אַט איז ער שוין אויפן מאַרק. פון ווייטנס זעט ער שוין די בלויע לאַדנס... ער פאַרטראַכט זיך אַ ווייל: זאָל ער גיין אַהין?

אַט איז ער שוין ביים הויז מיט די בלויע לאַדנס. איבער אים — אַ לויטערער הימל מיט אַ פולע, רויטע לבנה. שוין לאַנג האָט ער נישט געזען אַזאַ לויטערן הימל, מיט אַזוי פיל גרינגע און רויטע שטערן...

ער קלאַפּט אָן און וואַרט. ווידער הערט ער אַנאַ איוואַנאָוונאַס שטים:

— נאַטאַשאַ איז נישט אַהיימגעקומען. איך קלער איבער...

— אַ גוטע נאַכט, אַנאַ איוואַנאָוונאַ — האָט אַלעקסיי געזאָגט און איז אַוועק צו דער בעקערין, טאַמאַראַ ליסענסקאַ.

פון וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ בילעריי פון הינט און דאָס האָט אים צערייצט די נערוון. ער האָט פאַרשנעלערט די טריט.

טאַמאַראַ איז געשטאַנען פאַרן הויז און געוואַרט אויף אים. זי איז אים אַנטקעגנגעקומען.

— קום אַריין, כ׳וואַרט אויף דיר מיטן עסן.

ווי צוויי פאַרליבטע, האָבן זיי זיך גענומען פאַר די הענט און אַריין אין שטוב. די גרינגע קאַנאַריקלעך האָבן געזונגען.

— קום, אַלעקסיי, וואַש זיך אָפּ. דאָס אָוונטברויט איז גרייט אויפן טיש. ב׳האָב פאַר דיר היינט געמאַכט אַ ניי מאכל. וועס עס אין רוסלאַנד נישט באַקומען.

— כ׳ווייס, דו ביסט אַ בריה... מיט דיר קאָן מען נישט פאַרלוירן גיין אין דער טייגע.

טאַמאַראַ האָט אַרויסגענומען פון אויוון אַ געבראָטענע הון און זי געשטעלט אויפן טיש.

— קיין בראָנפן גיב איך דיר נישט היינט...

— כ׳האָב נישט לאַנג צוריק געטרונקען.

— וווּ?

— ביים שאָפער גולייעוו.

— ווי קומסטו צו אים?

— איך בין געווען ביים טייך זוכן נאַטאַשאַן.

— איך גלויב דיר נישט. דו מיינסט, אַז די דאָקטאָרין קריכט צום שאָפער גולייעוו? ניין. אין שטאָט ווייסט מען נישט דערפון. נאַטאַשאַ איז אַן ערלעכע פרוי.

— דערפאַר ליב איך זי.

— זי ליבט אָבער דיך נישט מער. זי איז נישטאָ אין שטאָט. זי איז אַרויסגעפאָרן.

— פון וואַנען ווייסטו?

— כ׳ווייס. ביי אונדז אין בעקעריי ווייסט מען אַלץ. מען ווייסט אפילו מיט וועמען עס שלאָפט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. איצט, מיין ליבער — האָט טאַמאַראַ געזאָגט מיט אַ שמייכל — לאָמיר עסן אין מיין „פּאַריזער" רעסטאָראַן און זיך ליבן ווי די פראַנצויזן.

שוין יאָרן איז אַלעקסיי מוכין נישט געזעסן ביי אַזאַ געדעקטן טיש. שוין יאָרן האָבן זיינע הענט נישט געשניטן אַ געבראָטענע הון.

זיי האָבן געגעסן. טאַמאַראַ האָט געגעסן און זיך געררויטלט. איר ווייסע בלוזקע איז געווען פונאַנדערגעשפּילעט און מען האָט אַרויסגעזען אירע ווייסע ברוסטן. אַלעקסיי האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע. דורכן פענצטער האָט מען געזען דעם ווייסן לבנה־טעפּעך. די פייגעלעך אין שטוב האָבן געזונגען.

גלייך נאָכן עסן איז אַלעקסיי צו צו טאַמאַראַן און איר אָנגענומען ביי די ווייסע ברוסטן.

— נאַטאַשאַ איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט — האָט ער שטיל געזאָגט — זי וויל מיך נישט טרעפן. דו, בעקערין מיינע, מיין רעסטאָראַן־באַלעבאָסטע, וועסט אין מיין האַרצן פאַרנעמען איר אָרט. מאָרגן פאָר איך אַוועק...

— ווו פאָרסטו אַלעקסיי?

— אויפן פראָנט...

— פאַר וואָס נישט אין פאַבריק, מאַכן פלענער?

— כ׳האָב שוין גענוג די פלענער. זיי קאָנען מיר ווידער צונעמען דאָס נייע, אָפּגעפּוניעטע גליק...

— טאָ גיי אויפן פראָנט, זאָל דיר גאָט העלפן.

— יאָ, איך גיי אויפן מאָסקווער פראָנט, טאַמאַראַ.

— פאַר וואָס אויפן מאָסקווער?

— ווילסט וויסן, אַלעקסאַנדער איז אויך געווען אויפן מאָסקווער פראָנט און איז צוריקגעקומען.

— אַלעקסאַנדער? דו מיינסט דער דאָקטאָרשעס איצטיקער מאַן?

— יאָ, אים מיין איך.

— מיין הויז איז פאַר דיר שענדיק גרייט, כ׳וועל דיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, כ׳וועל דיך קאָרמען ווי מיינע פייגעלעך.

— דו ביסט אַ גוטע, טאַמאַראַ.

— אַזוי דאַרפן מענטשן זיין.

— אָבער דער רעזשים מאַכט אונדז פאַר אויס מענטשן, פאַר אויס חברים...

— איך בעט דיך אַלעקסיי, רעד נישט. ווענט האָבן אויערן. מיר בײדע קאָנען גאָרנישט אויפטאָן. ס'איז אַ קאַמף אויף יאָרן און מיליאָנען וועלן פריער אומקומען, אײדער די הימלען וועלן זיך צעשטראַלן...

— כ'האָב דיך ליב, טאַמאַראַ. ביסט אַ קלוגע פרוי. האָסט נישט געלערנט אין לענין־אוניווערסיטעט און פאַרשטייסט מער ווי די וואָס האָבן זיך געלערנט צו פאַרשקלאַפן פעלקער.

— איך ווייס, אַלעקסיי, איך ווייס, נאָר דערווייל מוז מען שווייגן...

— דו וואָלסט נישט געגלויבט, טאַמאַראַ, וואָס איך האָב געזען ביים שאָפער גולייעוו. אַ גאַנצע ביבליאָטעק, ביכער פון די בעסטע שרייבער, ס'ווערט ליכטיק אין די אויגן, ווען מען זעט די ביכער.

— איך האָב געהערט, אַז ער איז אַ פאַרבאָרגענער וואָלקאַן. ער וועט מיט זײנע ביכער אויפרייסן דעם סאָוויעטישן רעזשים, נאָר מיין נישט, אַז שוין מאָרגן. עס וועלן נאָך דורך יאָרן...

די נאַכט איז געווען צו קורץ פאַר זיי...

☆

אין טאַמאַראַס האַרץ איז געווען פאַרבאָרגן אַ ווייטיק: וועט אַלעקסיי צוריקקומען פון פראָנט, אָדער פאַרבלייבן אין איר זכרון בלויז אַ שיינער חלום?...

טאַמאַראַ איז געגאַנגען לעבן מוכינען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ווי נאָר זי האָט דערזען דעם קאַמאַ און די שיף ביים ברעג, האָט זי דערפילט אַ שטאָך אונטערן לעפעלע. אָט באַגלייט זי אַ גוטן מענטש, וואָס וויל קעמפן פאַר פרייהייט.

זיי האָבן זיך צעקושט און אַלעקסיי איז אַרויף אויף דער שיף.

טאַמאַראַ האָט געוויינט. פון אירע אויגן זענען געפלאָסן טרערן — זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט ביז די שיף איז נישט אַוועקגעשוווּמען ווייט, ווייט.

אויפן וועג אַהיים האָט איר אָפּגעשטעלט גולייעוו.

— ווו ביסטו געגאַנגען אַזוי פרי? — האָט ער געפרעגט.

— אינזשיניער אַלעקסיי מוכין איז איצט אָפּגעפאָרן...

— ער איז נעכטן אָוונט געווען ביי מיר. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט הײנט פאַרלאָזן אָכאַנסק. נו, דו ביסט צופרידן פון אים.

— יאָ, כ'האָב אים ליב.

— קאָנסט אים ליב האָבן. די דאָקטאָרשע מאַסלאָווא וועט שוין צו אים צוריק נישט גיין. די ליבע צו אַלעקסאַנדערן ברענט ביי איר...

— כ'ווייס. אין בעקעריי ווייסט מען אַלץ. איך וועל צו דיר קומען נעמען ביכער צום לייענען.

— קאָנסט קומען. איך וועל דיך אויפנעמען. ביסט שיין, טאַמאַראַ, געפעלסט מיר...

— שוין הויבסטו אָן, וועל איך נישט קומען. ס'איז דיר וויניק די שיינע באַלעבאָסטע אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ?...

יאָ, זי איז שיין, נאָר ביי דיר זע איך עפּעס אזעלכעס וואָס ביי איר קאָן איך נישט געפונען.

— וואָס מיינסטו דערמיט.

—ווּעסט קומען, וועל איך דיר אַלץ זאָגן. נישט דאָ אויף דער גאַס איז דאָס אָרט צו רעדן.

טאַמאַראַ און גולייעוו זענען אַוועק יעדער אין זיין ריכטונג.

זיצנדיק אויפן דעק פון שיף, זענען אַלעקסיי מוכינס געדאַנקען געווען ווייט אין דאָרף, ביי זיין פרוי נאַטאַשאַ מאַסלאָווא. ער האָט זי נישט געקאָנט פאַרגעסן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט זי פאַרלאָזט די שטאָט, כדי זיך מיט אים נישט צו טרעפן. אַנאַ איוואַנאָוונאַ, איר מוטער, האָט אים אַפילו נישט פאַרבעטן אין שטוב אַריין. אַלע זענען מיט אים ברוגז.

ס'זענען אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק די פּלענער... ביי דעם רעזשים, האָט דער מענטש נישט קיין טראָפּן פּערזענלעך גליק! זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די צעשטורעמטע וואַסער־כוואַליעס. אַזוי זעט אויס דאָס לעבן אין לאַנד פון לענינען; קיין עסן איז נישטאָ; קיין העמד אויפן לייב האָט מען נישט; וואָס איז יאָ פאַראַן? — תפיסות און לאַגערן — אָט דאָס פעלט נישט אויס אינעם לאַנד פון... סאָציאַליזם.

אויף דער שיף האָבן זיך צעקלונגען די גלאָקן. אַלעקסיי איז אַראָפּ פון דעק. ער האָט באַמערקט, אַז דער קאַפּיטאַן קוקט דורך דער לאָרנעטע גלייך צו אים. ער איז אַריין אין עסזאַל. טיי האָט מען געקאָנט באַקומען וויפל מען האָט נאָר געוואָלט. ער האָט אָבער נישט געקענט אָפּשטופן פון זיך די געדאַנקען וועגן זיין פאַרשפּילט לעבן. איצט וועט ער גיין אויפן פראָנט און אויסקעמפן אַ שענערע וועלט.

אין פערם איז ער אַראָפּ פון שיף און גלייך גענומען טראַכטן וועגן דער אויגן דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין. ס'איז געווען רואָג, מענטשן האָבן געאיילט אויפן באַזאַר קויפן אַמעריקאַנער פּראָדוקטן, וועלכע האָבן זיך לעצטנס געוויזן אויפן מאַרק.

דאָקטאָר עמיליאַ לעווין האָט, דערזעענדיק דורכן פענצטער מוכינען, זיך צעשטראַלט פאַר פרייד! דער עפּל וועט אַ צייטיקער אַריינפאַלן איר אין מויל אַריין. אַלעקסיי האָט איר דערזען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און זיך צעלאַכט. מיט שנעלע טריט איז ער אַריין אין הויז. עמיליאַ איז אים געפאַלן אין די אָרעמס.

— ביסט צוריקגעקומען — האָט זי געזאָגט — האָסט גוט געטאָן. איך ווייס, אַז נאַטאַשאַ האָט נישט געוואָלט מיט דיר רעדן...

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— אַזוי מיין איך, פון דיין שנעלן צוריקקומען.

— יאָ, עמיליאַ, איך האָב פאַרלוירן נאַטאַשאַן. זי האָט אַ צווייטן מאַן. מיך וועט זי שוין קיין מאָל נישט ליבן און איך מוז אָנהויבן זי פאַרגעסן.

— גוט אַז דו פאַרשטייסט. דאָס לעבן גייט זיך זיין וועג. די פּאַרטיי פירט מיט אונדז...

— וואָס האָסטו געזאָגט? עמיליאַ: די פּאַרטיי פירט מיט אונדז! מיט מיר נישט! איך גיי איצט גלייך אַוועק צום קאָמיסאַר באַבושקין, ער זאָל מיך שיקן אויפן מאָסקווער פראָנט.

— גיי בעסער אויפן סטאַלין־זאַוואָד מאַכן פלענער פון נייע אַעראָפּלאַן־מאָטאָרן, וועסטו ברענגען מער נוצן דער פּאַרטיי און דעם סאָוויעטישן פאָטערלאַנד.

— ניין, עמיליאַ ניין! — האָט אַלעקסיי אַן אויפגערעגטער גענומען רעדן — זעקס־זיבן יאָר האָב איך אָפּגעגעבן פאַרן לאַנד און פאַר מיר נישט געשאַפן קיין איין פריילעכן טאָג. כ׳האָב עס שוין גענוג!

— רעד נישט אַזוי. די נקוו״ד וועט דיך שיקן צום פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו.

— מיר איז אַלץ איינס. זאָל זי מיך שיקן. איך האָב מיין ערשטע פרוי פאַר־לוירן. איצט ליגט זי אין פרעמדע אָרעמס.

— איז וואָס ווילסטו, עס פעלן דיר אַנדערע פרויען? דאַרפסט שלאָפן מיט דער טאָכטער פון אַ פאַררעטער...

— וואָס זאָגסטו — האָט זיך אַלעקסיי אָנגעצונדן — פּראָפעסאָר מאַסלאָוו איז ביי דיר אַ פאַררעטער? ס׳אַ ליגן, עמיליאַ, אַ גרויסער ליגן, ער האָט זיך אויסגעטײַלט פון מיליאָנען. די וועלט וועט אים נישט פאַרגעסן. זיינע ביכער זענען אַביישטייער צום געזונט פון דער מענטשהייט.

— לאָז מיך אָפּ, אַלעקסיי, איך וויל דערפון נישט רעדן. דו ווילסט בלייבן אַרבעטן אויפן סטאַלינסקי אַוויאָנען־זאַוואָד?

— ניין! איך וויל דאָ נישט בלייבן, איך גיי אויפן פראָנט!

— וועסט נישט גיין, כ׳וועל רעדן מיט קאָמיסאַר באַבושקין — ער וועט דיך פאַרהאַלטן. דו קענסט געבן מער נוצן דעם לאַנד מיט דיינע פלענער, איידער מיטן גיין אויפן פראָנט.

— ווילסט, עמיליאַ, איך זאָל ווערן דיין געליבטער?

— איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט. צו מיר האָסטו אַ פרייען צוטריט. די נקוו״ד שטייט נישט אין דער מיט.

— האָסט ריכטיק געזאָגט, ווילסט איך זאָל דאָ בלייבן אַרבעטן אין פערם? כ׳וועל זען. דערווייל בעט איך דיך נישט רעדן מיט באַבושקין.

— כ׳וועל נישט רעדן — אויב דו בלייבסט. זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירע לאַנגע הענט און אים געדריקט צו אירע פולע ברוסטן.

— גענוג, עמיליאַ, גיי מאַך פרישטיק!

— איך וועל גיין צום דירעקטאָר פון סטאַלינסקי אַוויאָנען־זאַוואָד...

— מאַך פרישטיק, איך בין הונגעריק!

עמיליאַס פרישטיק: האָט זיך נישט געקענט גלייכן צו דעם פון דער בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאָ אין אָכאַנסק. נאָכן אָפּעסן דעם מאָגערן פרישטיק, האָט מוכין

אַ קוש געטאָן עמיליאַן אין אירע דיקע ליפּן און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט אויף דער לעגינסקאַ — צום קאָמיסאַר באַבושקין.

באַבושקין איז געזעסן איבערגעבויגן איבער זיין שרייבטיש און געזוכט אין די ליסטעס אַ פּאַסיקן אָפיציר, וועמען ער זאָל קענען אָנפאַרטרויען אַ הונדערט מענטשן צו שיקן זיי מיט אים אויפן פראָנט.

דערהערנדיק אַ קלאַפּ אין טיר, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן.

— זיצט — האָט ער זיך העפלעך געוואָנדן צום אַריינגעקומענעם — מיט וואָס קאָן איך אייך דינען ?...

— חבר קאָמיסאַר — האָט אַלעקסיי שטיל געזאָגט — איך וויל גיין אויפן פראָנט.

— ווער זייט איר, חבר ?

— איך בין אינזשיניער אַלעקסיי מוכין. כ׳בין געקומען פון וולאַדיוואָסטאָק צו מיין פרוי. איצטער וויל איך גיין פרייוויליק אויפן פראָנט.

— ווער איז אייער פרוי ?

— דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— כ׳ווייס. שרייבט אָן אַ „זאַיאַוולעניע” און גיט מיר אַלע דאָקומענטן.

אַלעקסיי האָט גלייך אויפן אָרט אָנגעשריבן די „זאַיאַוולעניע” און דערלאַנגט דעם קאָמיסאַר די דאָקומענטן.

— איר זייט מיר היינט פּרי געקומען צו דער ריכטיקער צייט. כ׳האָב געזוכט אַן אָפיציר צו קאָנען שיקן מיט אים די מאָביליזירטע. איר זייט גוט אַריין צו מיר. איך דערפיל אייער ביטע און איר האָט צייט איין שעה. איך וועל אייך אַלע צופירן צום וואָקזאַל פּערם—צווי.

— גוט, כ׳וועל זיין גרייט אין אַ שעה, חבר קאָמיסאַר.

— טאָ גייט, געזעגנט זיך מיט דער משפחה.

מוכין איז אַרויס פון קאָמיסאַר באַבושקין. ער איז אַוועק אויפן באַזאַר און זיך איינגעקויפט אַלץ וואָס אַ זעלנער דאַרף האָבן אויפן פראָנט : זייף, צאָן־פּאַסטע, צוויי נייע האַנטעכער, זאָקן, אַ נאָדל מיט פאָדעם.

די שעה איז אָפּגעלאָפן — און אָט גייט ער דער ערשטער אין ריי לעבן דעם קאָמיסאַר באַבושקין. הינטער אים אַ הונדערט פריש־מאָביליזירטע און זייערע עלטערן. די זון שיינט אים אַנטקעגן. ער גייט אַ פריילעכער : ענדלעך האָט ער פאַרענדיקט מיט די פּלענער וואָס האָבן אים צעשטערט זיין משפחה־גליק.

דער עקספּרעס־צוג פון סווערדלאָווסק קומט אָן אויפן וואָקזאַל מיט אַ שטורעם. קאָמיסאַר באַבושקין דערלאַנגט דעם אינזשיניער־לייטענאַנט, אַלעקסיי מוכין, די ליסטע פון די מאָביליזירטע.

אַלעקסיי שרייט אויס : — „רעביאַטאַ, זאַמנאָי !”

אַלע גייען הינטער אים. זיי גייען אַריין אין אַ גרויסן, רעזערווירטן וואַגאָן און זעצן זיך אויס. אויפן פּעראָן וויינען פרויען, ער שטייט ביים ברייטן פענצטער

און הערט זיך איין אינעם געוויין. צוליב אים וויינט נישט קיין שום פרוי. עו דערמאָנט זיך אָן דער בעקערין. זי האָט יאָ געוויינט, ווען ער האָט זי פאַרלאָזט אין אַכאַנסק.

דער נאַטשאַלניק־סטאַנציע, אין רויטן היטעלע, טוט אַ פייף, דער צוג רירט. הייבט אָן פאָרן. אַלעקסיי גייט אַרום איבערן וואַגאָן, ער באַקענט זיך מיט די מענטשן און באַשטימט זיינס אַ פאַרטרעטער. ער גייט אַריין צו זיך אין קופּע און זעצט זיך שרייבן אַ בריוו צו דער גוטער טאַמאַראַ, וואָס האָט אים געשענקט אַזוי פיל וואַרעמקייט און געגעבן אים דאָס געפיל, אַז ער איז נישט אַליין. די דאָקטאָרין, עמיליאַ לעווין, וויל ער אַפילו נישט דערמאָנען. ער שרייבט דעם בריוו מיט האַרץ, ווי אַ מאַן וואָס האָט ביי איר זיין גליק געפונען.

אויף דער ערשטער סטאַנציע איז ער אַראָפּ אַריינוואַרפן דעם בריוו אין פּאָסט־קעסטל. עס ווערט אים לייכטער אויפן האַרצן. ער איז שוין נישט אַליין. נאַטאַשאַ וועט שוין נישט מוזן אַנטלויפן פאַר אים. ער האָט אַ פרוי וואָס ליבט אים. נישט וויכטיק וואָס זי האָט נישט קיין אוניווערסיטעט־בילדונג, זי קאָן זיין אַ בעקערין — און ליבן אים ערלעך און טריי.

ער נעמט אַרויס איר בילד און קושט עס. לאַנג זיצט ער אַזוי ביים ברייטן פענצטער און קוקט אויפן בילד. אָט איז זי, די בעקערין, פון אַכאַנסק. זי האָט אים גענומען צו זיך אין „רעסטאָראַן” אַ הונגעריקן, געגעבן אים עסן און אויך געשאָנקען אים איר ליבע. אים דאַכט זיך, אַז ער הערט די פייגעלעך זינגען, זיי לאַכן מער נישט פון אים. ער שלאָפט איין אויף דער באַנק מיט אַ זיסן חלום אויף די ליפּן.

☆

די דאָקטאָרין עמיליאַ לעווין האָט איינגעקויפט אַמעריקאַנער פּראָדוקטן און צוגעגרייט אַ פיינעם מיטאָג. זי האָט געוואַרט אויפן ליבן גאַסט. די צייט איז אָבער נישט געשטאַנען און עמיליאַ איז געוואָרן הונגעריק און בייז. ס׳איז איר איינגעפאַלן אַנצוקלינגען צום קאָמיסאַר באַבושקין, פרעגן צי ביי אים איז נישט געווען דער אינזשיניער מוכין. זי האָט שוין לענגער נישט געקאָנט וואַרטן מיטן מיטאָג.

— יאָ, עמיליאַ, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין איז געווען ביי מיר. ער איז צו מיר אַריינגעפאַלן אין דער ריכטיקער מינוט. כ׳האָב אים גלייך געשיקט אויפן פראָנט.

דאָס טרייבל איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען וואָס ער האָט איר אַזוי אָפּגעדאַנקט. פון כעס האָט זי אַראָפּגעוואָרפן אַלע כלים פון טיש. איבער דער שטוב האָט זיך צעטראָגן אַ געבראָזג פון צעבראָכענע טעלער. זי האָט זיך געוואָרפן אויפן בעט און זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. זי האָט געפרווט שלאָפן און נישט געקאָנט — דער הונגער האָט

איר נישט געלאָזט איינשלאָפֿן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אין קיך. דאָס עסן איז געווען קאַלט. זי האָט עס פֿונסניי אָנגעוואַרעמט און אָפּגעגעסן אין קיך.

טאַמאַראַ ליסענסקאַ איז יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט ביים איבערטרעטן די שוועל פֿון איר וווינונג גלייך צו צום בילד פֿון אַלעקסייען און געקוקט אויף אים. זי האָט שוין געוווּסט, אַז זי טראָגט אַ קינד פֿון אים. זי האָט אַזוי געוואָלט עס אויסטראָגן, געבוירן אַ לעבעדיק קינד און נישט פֿאַרלירן עס ביים אויפהייבן אַ זעקל קאַרטאָפֿל, אַזוי ווי די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ...

טאַמאַראַ האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף קיין בריוו פֿון אַלעקסייען. זי האָט דעם בריוו געהאַלטן ווי אַ צירונג. יעדן אָוונט פֿלעגט זי לייענען דעם בריוו און באַגיסן מיט טרערן יעדעס וואָרט.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען זי איז געזעסן מיטן בריוו אין האַנט, האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. זי האָט דעם בריוו פֿאַרשטעקט אין בוזעם און געגאַנגען עפֿענען די טיר. ביי דער טיר איז געשטאַנען דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— קום אַריין, דאָקטאָר. כ׳בין אַליין.

— אַ גוטן אָוונט — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט.

— אַ גוט יאָר — האָט טאַמאַראַ געענטפֿערט. — זעצט זיך צום טיש, איר וועט טרינקען מילך.

— ניין, אַ דאַנק. איך האָב נאָר וואָס אָפּגעגעסן אָוונטברויט.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, דאָקטאָר?

— כ׳בין געקומען צו דיר, טאַמאַראַ, פֿרעגן, צי אינזשיניער אַלעקסיי מוכין טראָגט נישט אויף מיר קיין בייז האַרץ?

— איך ווייס נישט, טייערע! ער האָט דיך ליב... און צוליב דיר איז ער אַוועק אויפֿן פֿראָנט.

— זעקס יאָר האָב איך אויף אים געוואַרט און ער האָט מיר אַפֿילו קיין בריוו נישט געשריבן...

— ער איז נישט שולדיק, דער אָרעמער, וואָס מען האָט אייך צעשיידט. אונדזער רעזשים איז שולדיק! ער איז שלעכט...

— איך וויל נישט וויסן ווער ס׳איז שולדיק, נאָר אַז מען ליבט, רייסט מען קייטן און מען שרייבט צו אַ פֿרוי און מען קומט צו איר...

— אויב אַזוי, האָט דיין גרויסער פֿאָטער, פּראָפֿ׳ מאַסלאָוו אויך באַדאַרפֿט אַזוי טאָן, אַנטלויפֿן פֿון לאַגער און קומען צו זיין פֿרוי און טאָכטער.

— מיין פֿאָטער איז אין די הענט פֿון נקוו״ד...

— און אינזשיניער מוכין האָט פֿאַר אַזאַ זאַך ווי וואַרפֿן די אַרבעט געקאָנט זיין אין די זעלביקע הענט...

— איך ווייס עס...

— און ביסט אַוועק פֿון שטאָט און מיט אים זיך נישט געוואָלט טרעפֿן...

— כ׳האָב זיך מיט אים נישט געקאָנט טרעפֿן, עס וואָלטן מיר אויסגעפֿעלט כוחות...

— דו וועסט זיין די שולדיקע, אויב ער וועט פאַלן אויפן פראָנט...

— ניין, נישט איך וועל זיין די שולדיקע, נאָר דער רעזשים. נו, לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן. קען זיין, אַז איך וועל זיין שולדיק...

— איז וועגן וואָס ביסטו געקומען צו דער בעקערין טאַמאַראַ ליסעגסקאַ?

— כ׳בין געקומען צו דיר אָראָפּרעדן זיך פון האַרצן...

כ׳ווייס, אַז דו ביסט נישט שולדיק. האָסט אַ צווייטן מאַן, ליבסט אים. קענסט נישט ליבן צוויי מענער פאַר איין מאָל...

— אָט דאָס איז עס, מיין טייערע. מיין מאַן, אַלעקסאַנדער האָט זיך פאַרדינט מיין ליבע — און איך ליב אים.

— ווילסט לייענען אַ בריוו פון אינזשיניער מוכין, נאַ לייען.

— איך וויל נישט לייענען יענעמס בריוו. זאָל דיר זיין צום געזונט מיט אַלעקסייען, איך ווינטש אייך פון טיפן האַרצן. דו ביסט אַן אַרבעטס־פרוי און ביסט ווערט זיין ליבע.

— איך וועל דיר דאָקטאָרשע אויסזאָגן אַ סוד... איך שוואַנגער פון אים. יאָ, פון אַלעקסיי מוכין...

— איך וועל דיר העלפן טאַמאַראַ.

— איך דאַנק דיר דאָקטאָרין.

— ווי אַזוי האָסטו אים באַקאַנט?

— ער איז צו מיר אַריינגעקומען אין בעקעריי פרעגן, וווּ עס איז דאָ אַ גוטער רעסטאָראַן, ווייל ער וויל אָפּעסן אַ גוטן אונטערברויט. כ׳האָב מיך פונאַנדערגעלאַכט. אויך ער האָט געלאַכט. ער האָט געמיינט אַז אַכאַנסק איז פּאַריז און ער וועט געפינען וואָס ער זוכט. ער האָט פאַרגעסן, אַז אונדזער רעזשים נייטיקט זיך נישט אין קיין רעסטאָראַנען, קאַפעען, נאָר אין לאַגערן...

— רעד נישט אַזוי טאַמאַראַ...

— איך בין אַן אַרבעטס־פרוי. כ׳האָב פאַר זייערע לאַגערן נישט קיין מורא. שווערער אַרבעטן, ווי הייבן זעק מיט מעל, וועל איך אין ערגעץ נישט. מיין האַרץ שטייט שוין אָפּ און עס נעמט קיין סוף נישט צו דער האַרעוואַניע...

— האָסט ברויט ביי דער שווערער אַרבעט.

— ניין דאָקטאָרשע, ניין. כ׳האָב דאָס זעלבע ווי אַן אַרבעטער אין דער ניי־פאַבריק! נישט מער. נאָר די שווערע זעק מוז איך טראָגן. נישטאָ קיין מענער צו דער שווערער אַרבעט, אַלע זענען אויפן פראָנט מיט די דייטשן. אונדזער פאָטערל האָט געוואָלט אַן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד...

— רעד נישט, מיין ליבע. איך בעט דיך... לייג אַרויף אויפן מויל אַ פינגער און שוויַיג...

— כ׳וועל שווייגן. ווען ביי מיר וועט דער בויך זיך הייבן, וועל איך גיין צום פאַרטאָרג, ער זאָל מיר געבן אַ לייכטע אַרבעט?...

— ער וועט דיר געבן אַ לייכטע אַרבעט?...

— כ׳מיין אַזוי. אויב נישט, וועל איך אים דערמאָנען זיינע געליבטע, וואָס קומען אין בעקעריי נעמען ברויט...

די גרינע קאַנאַריקלעך האָבן געזונגען. די לבנה האָט געשפּריט אַ ווייכן, בלייכן סאַמעט־טעפּעך. שטערן מיט שטערן האָבן זיך איבערגעוווּנקען...

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז געזעסןביים טיש, דעם קאָפּ אַריינגענומען אין די הענט. זי האָט געוויינט. לעבן איר איז געזעסן די בעקערין, מיטן ברייוו אין האַנט, לייענענדיק וואָרט ביי וואָרט.

— ער האָט דיך ליב! — האָט נאַטאַשאַ שטיל געזאָגט.

— ער האָט מיך ליב! — האָט טאַמאַראַ באַשטעטיקט.

— איצט איז ער שוין וויט, ווייט אויפן פראָנט — האָט טאַמאַראַ גערעדט מיט בענקשאַפט — ער גייט שוין אין שלאַכט. איך וועל בעטן צו גאָט פאַר זיין לעבן. ער איז אַ גוטער מאַן, אַ קלוגער. אין ווייטן וולאַדיוואָסטאָק האָט ער זיך פאַרנומען נאָר מיט פּלענער — און דו האָסט געמיינט, אַז ער האָט דאָרט אַנדערע פרויען...

— כ׳ווייס נישט, טאַמאַראַ. פאַר מיר איז ער מער נישט קיין מאַן. איך ליב אַלעקסאַנדערן...

— איך ווייס, דו האָסט ליב אַלעקסאַנדערן. דער שאָפער גולייעוו האָט מיר אַלץ דערציילט, אָבער אַנטלויפן פון אַ מענטש, וואָס איז געווען דיין ערשטער מאַן, האָסטו נישט באַדאַרפט...

— קאָן זיין, כ׳האָב שלעכט געהאַנדלט, נאָר זאָל ער וויסן, אַז ער האָט מיך צו דעם דערפירט.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז ער איז נישט שולדיק. שולדיק זענען די פּלענער...

— ביסט אַ קלוגע פרוי, טאַמאַראַ!

— וואָס האָב איך פון מיין חכמה, טראָג איך נישט קיין שווערע זעק מעל. די אַרבעט איז פאַר אַ מאַן אויך אַ שווערע.

— קום צו מיר אין פּאָליקליניק (אַמבולאַטאָריע) וועל איך דיך אונטערזוכ

— איך וועל קומען, ווי נאָר מיין בויך וועט זיך אַ הייב טאָן און איך וועל דערפילן דאָס קינד אונטערן האַרץ.

— קאָנסט קומען פריער...

— ניין, איך וויל נישט. פריער וועל איך גיין צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר מיטן בריוו פון אַלעקסיי מוכין — מיין געליבטן מאַן אויפן פראָנט. זאָל ער וויסן ווער איך בין היינט.

— טו, ווי דו פאַרשטייסט. איך וועל שוין גיין...

— קום צו מיר, דאָקטאָרין, האַלט זיך נישט גרויס!

— ניין! ניין! איך האַלט מיך גלייך מיט אַלע. אַזוי האָט מיין גרויסער פאָטער מיך געלערנט.

— ער האָט דיך גוט געלערנט. אַז עס וועט קומען דיין אַלעקסאַנדער זאָלסטו מיט אים קומען.

— ער קומט זונטיק...

— איז קום זונטיק, איך וועל פאַר אייך אין מיין „רעסטאָראַן" צוגרייטן אַ מיטאָג.

— גוט! איך וועל קומען מיט אַלעקסאַנדערן.

שוואַרצע כמאַרעס האָבן אָפּגעווישט יעדן ליכט־סימן פון הימל; אַ רעגן האָט געשמיסן דאָס פּנים פון דער דאָקטאָרשע; אירע אויגן זענען נאָך געווען פאַרגאָסן מיט טרערן. דער מאַרק איז געווען ליידיק. אַ ווייסער הונט איז איר אַנטקעגנגעקומען. נאַטאַשאַ האָט זיך דערמאָנט אינעם ווייסן הונט פון פערם.

— קום — האָט זי געזאָגט — כ'וועל דיר געבן ברויט. דער הונט איז געגאַנגען לעבן איר מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

נאַטאַשאַ איז שטיינגעבליבן ביים הויז מיט די בלויע לאָדנס. לעבן איר האָט זיך אָפּגעשטעלט דער הונט.

דער רעגן האָט גענומען גיסן שטאַרקער. זי איז שנעל אַריין אין הויז. נאַטאַשאַ האָט גענומען אַ שטיקל ברויט און עס אַרויסדערלאַנגט דעם הונט. זי איז צוריק אַריין אין הויז. אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז שוין געשלאָפן. אַ בליץ האָט אַ לויכט געטאָן און אַ רגע פאַרבלענדט איר די אויגן. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. דער רעגן האָט געוואַשן די שויבן. די לאָדנס האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פונעם אַלטן וואַנטזייגער.

נאַטאַשאַ האָט זיך געוואָלט באַפרייען פונעם פאַרדרוס, פאַר וואָס זי האָט נישט אויפגענומען איר ערשטן מאַן, פאַר וואָס האָט זי אים געטריבן אין פרעמדע אָרעמס. די בעקערין איז אַ גוטע, זי איז אים ווערט. אָבער צי וועט ער צוריקקומען פון דער שווערער מלחמה? אויב ער וועט נישט צוריקקומען, וועט זי זיין די שולדיקע אין זיין טויט. אָט דער שווערער געדאַנק האָט איר נישט געלאָזט איינשלאָפן. וויפל זי האָט נישט פרובירט פאַרטרייבן אים פון זיך, איז עס איר נישט געלונגען.

זי איז אַראָפּ פון בעט — אַ בליץ האָט ווידער באַלויכטן דאָס צימער. זי האָט געוואָלט גיין נעמען דעם אַלבאָם מיט די בילדער און אַ קוק געבן אויף אַלעקסייען. ווי שיין ער איז געווען אין יענע יאָרן, אין מאָסקווע, און ווי גוט ער איז געווען צו איר... ווי ער האָט זי געליבט!..

זי איז שטיינגעבליבן אין מיטן שטוב. ווידער האָט א דונער באַגלייט פון אַ בליץ אַ שלאָג געטאָן. נאַטאַשאַ איז צו צום שענקל, אַרויסגענומען דעם אַלבאָם און זיך געלייגט מיטן אַלבאָם אין בעט.

...יאָרן, מיינע סטודענטישע יאָרן, ווו זייט איר? — האָט זי געטראַכט מיט בענקשאַפט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר גרויסן פאָטער. אַך, ווי ער האָט געהאַלטן דאָס אויג אויף איר — זי זאָל זיך גוט לערנען. ווו איז ער היינט, איר פאָטער?

זי האָט גענומען אַלעקסייס בילד אויפן טייך אָקע — ביידע שווימען זיי אויף די כוואַליעס זיינע. ווי שנעל מען האָט אונדז צעשיידט! מען האָט צעשיידט צוויי

הערצער וואָס האָבן געקלאַפּט אין איין ריטעם. מען האָט צעריסן דאָס משפּחה־גליק פון צוויי יונגע, פאַרליבטע מענטשן!

נאַטאַשאַ איז געלעגן אויפן בעט און געקוקט אויף די בילדער פון יענער גליקלעכער צייט.

...ווו איז ער היינט, דער אָרעמער אַלעקסיי — האָט זי געטראַכט מיט ווייטיק — ער איז אויפן פראָנט, אין טראַנשיי, ער טרייבט די דייטשן פון דער רוסישער ערד. דאָס פאָטערל האָט די דייטשן אַריינגעלאָזט — און איצטער מוזן די בעסטע זין פון אַלע פעלקער זיי אַרויסטרייבן. טויזנטער, מיליאָנען פאַלן אין שלאַכט. זי האָט פאַרמאַכט דעם אַלבאָם. ווידער האָט אַ בליץ געטאָן און דאָס מאָל איז דער הימל געוואָרן צונטער רויט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. אַ מידע, פון לאַנגן טראַכטן וועגן די פאַרלוירענע גליקלעכע יאָרן, איז זי איינגעשלאָפן.

אויפשטייענדיק גאַנץ פרי, האָט נאַטאַשאַ זיך געוווּנדערט פון וואַנען האָט זיך דאָ גענומען דער אַלבאָם? זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אַז ביי נאַכט האָט זי געזוכט אין דעם אַלבאָם די פאַרלוירענע שיינע יוגנט־יאָרן.

עס זענען אָנגעקומען טעג פון טרויער און ליידן. אויף די פראָנטן האָט זיך געגאָסן בלוט און אין הינטערלאַנד האָט געמאַטערט דער הונגער. די פאַבריקס־אַרבעטער פלעגן פון נויט ווערן געל, און פאַלן ביי דער אַרבעט, אָן אַ פּיפּס.

— גאָט, ווו ביסטו?! — פלעגט אַ זיפץ זיך אַרויסרייסן פון נאַטאַשאַס מויל, און פון אירע אויגן — שטראָמען טרערן... אַלעקסיי וועט נישט צוריקקומען און איך וועל זיין די שולדיקע.

דער זייגער האָט געשלאָגן אַכט. נאַטאַשאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די גרינע פייגעלעך, וועלכע האָבן איצט פריילעך געזונגען. זי האָט אויסגעווישט די פאַרוויינטע אויגן און אַוועק צו דער אַרבעט.

☆

די בעקערין, טאַמאַראַ ליסענסקאַ, איז געווען צופרידן פון דער דאָקטאָרשעס באַזוך. נאַטאַשאַ וועט איצט וויסן, אַז זי טאַמאַראַ איז די געליבטע פרוי פון אינזשיניער מוכין. נאָך נאַטאַשאַס אַוועקגיין האָט טאַמאַראַ גענומען דעם בריוו און אים גענומען לייענען אויפן קול. יעדעס וואָרט האָט פאַר איר געקלונגען ווי דאָס שענסטע געזאַנג. זי האָט באַשלאָסן צו גיין מיטן בריוו צום סעקרעטאַר פון שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט און בעטן אים אַ לייכטערע אַרבעט. זי האָט באַשלאָסן אויסצוטראָגן אַלעקסייס קינד.

אין דער פרי איז זי גלייך אַוועק צום סעקרעטאַר. אַ יונגע סעקרעטאַרשע האָט איר קאַלט אַ פרעג געטאָן צו וועמען זי דאַרף.

— איך וויל צום סעקרעטאַר גאָרקי — האָט טאַמאַראַ געזאָגט.

— ער איז נישטאָ. ער איז אַרויסגעפאָרן אויפן דאָרף.

— ווען קומט ער צוריק?

— אין דריי טעג אַרום.

— גוט, איך וועל קומען אין דריי טעג אַרום.

טאַמאַראַ איז אַרויס פון דער סעקרעטאַרין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ווער ווייסט — האָט זי געטראַכט — ווען ער וועט קומען און צי ער וועט זיך צוהערן צו אירע רייד.

זי איז אַריין אין בעקעריי. ווידער האָט זי געשלעפּט פולע זעק מיט מעל. זי האָט געטאָן די אַרבעט מיט פאַרביסענע ליפּן. זי האָט געשוויגן. די אַרבעטער אין פאַבריק האָבן געזען אין איר אַן ענדערונג, אָבער קיינער האָט זי גאָרנישט נישט געפרעגט. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט אייגענע דאגות. דער טרויער האָט דערגרייכט יעדער משפּחה. טאָג־טעגלעך זענען אין שטאָט אָנגעקומען טרויער־מעלדונגען נאָך געפאַלענע. דער טויט האָט נישט אויסגעמיטן קיין איין הויז.

טאַמאַראַ האָט געאַרבעט ווי פריער, זי האָט אָנגעהויבן זיך אויסהיטן. זי האָט נישט געוואָלט פאַרלירן ס׳קינד. זי איז ווידער געגאַנגען צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר. יעדעס מאָל האָט איר די יונגע סעקרעטאַרקע משלח געווען מיט אַן אַנדערן תירוץ: ער איז אין אַ קאָלכאָז; אויף אַ ראַיאָן־זיצונג; אין אָבלאַסט אדג״ל.

אויף די קאָלכאָזנע פעלדער האָבן די פויערים געאַרבעט שוואַך; אויפן אייגענעם שטיקל גאָרטן — פלייסיקער. דער אָכאַנסקער שטאָט־סעקרעטאַר האָט געמוזט מאָביליזירן די קאָלכאָזניקעס. אים האָבן צוגעהאָלפן די נאַטשאַלניקעס פון נקווד און פּאָליציי. די קאָלכאָזניקעס האָבן געאַרבעט אונטער דראָונגען פאַרשיקט צו ווערן אין לאַגערן און תפיסות.

טאַמאַראַ ליסענסקאַ האָט אויפגעהערט צו גיין צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר. זי האָט באַשלאָסן צו גיין אויף אַן אונטערזוכונג צו דער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ אין פּאָליקליניקע. נאַטאַשאַ האָט איר אויפגענומען זייער פריינדלעך.

— טו זיך אויס, טאַמאַראַ — האָט זי איר געזאָגט.

טאַמאַראַ האָט זיך אויסגעטאָן, זי איז שטיינגעבליבן אַ נאַקעטע.

— ביסט געזונט, טאַמאַראַ! — האָט נאַטאַשאַ איר געזאָגט נאָך דער אונטערזוכונג — מען הערט שוין ביי דיר דאָס קינד. ער רירט זיך ווי די גרינע קאַנאַריקלעך.

— כ׳האָב מורא דאָקטאָרשע, אַז כ׳זאָל עס נישט פאַרלירן ביים הייבן די זעק.

— איך וועל דיר געבן אַ בריוו צום דירעקטאָר פון דער בעקעריי, ער זאָל דיר געבן אַ לייכטערע אַרבעט.

— גוט־אַזוי. איך דאַנק דיר. כ׳האָב דיך געבעטן קומען מיט אַלעקסאַנדערן — און איר קומט נישט.

— טייערינקע, אַלעקסאַנדער איז שוין לאַנג, גאָר לאַנג נישט געווזען ביי מיר. ווי נאָר ער וועט קומען, וועלן מיר קומען עסן מיטאָג אין דיין „פּאַריזער רעסטאָראַן״.

— גוט, איך וואַרט אויף אייך.

— אפשר וועט ער קומען דעם זונטיק. איך וועל דיר געבן צו וויסן ווי נאָר ער וועט קומען. זעץ זיך, איך וועל דיר אָנשרייבן דעם בריוו צו דיין נאַשטאַלניק, וועסט מיט דעם בריוו גיין גלייך צו אים. איך וויל אַז דו זאָלסט אויסטראָגן דאָס קינד. אַלעקסיי איז אין פייער. ווער ווייסט, צי מיר וועלן אים נאָך זען. זאָל בלייבן נאָך אים אַ נייער דור.

מיט טרערן אין די אויגן איז טאַמאַראַ אַוועק צום דירעקטאָר.

— חבר דירעקטאָר, איך בעט מיך אויפנעמען.

— וואָס איז געשען מיט דיר, טאַמאַראַ — האָט ער געפרעגט אַ דערשטוינטער.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ בריוו פון דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

ער האָט גענומען לייענען דעם בריוו מיט זיינע קליינע אייגעלעך:

— אַט אַזוי, האָסט זיך פאַרבאַרעט מיט וועלכן ווערדיטעל...

טאַמאַראַן האָט אַ שטאָך געטאָן אונטערן האַרצן. זי האָט אויסגעצויגן איר שטאַרקע האַנט, דערלאַנגט אים אַ פּאַטש — און איז אַרויס פון צימער.

די טעג האָבן זיך באַוויגן שווערע, ווי די כוואַליעס אויפן קאַמאַ.

איוואַן שעווטשענקאָ דער בעקעריי־דירעקטאָר, האָט טאַמאַראַס פאַטש נישט פאַרגעסן. יעדן טאָג האָט ער געפּרוווט מיט איר רעדן. ס׳האָט אים ווי געטאָן איר שווייגן... זיין באַציונג צו דער אַרבעטערין טאַמאַראַ ליסענסקאַ האָט ער אַוודאי אויסגעלערנט פון די קאָמוניסטישע ביכער. ער האָט זי באַליידיקט. זי האָט דאָך שוין דעם צווייטן מאָן געהאַט אויפן פראָנט. דער ערשטער — איז נישט צוריקגעקומען. איצטער ווייסט זי נישט, צי דער צווייטער, דער אינזשיניער מוכין, וועמענס קינד זי טראָגט אונטערן האַרצן, וועט זיך אומקערן.

די שיף פון פערם איז אָנגעקומען גאַנץ פרי. אויפן טייך האָבן זיך שוין געוויזן סימנים פון אָנקומענדיקן ווינטער. פון די ביימער זענען געפאַלן לעצטע געלע בלעטער.

אַלעקסאַנדער איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין. פאַרבייגייענדיק דאָס הויז מיט די גרינע לאָדנס, האָט ער זיך דערמאָנט: דאָ וווינט דער שאָפער און שרייבער גולייעוו.

ער איז פאַרביי דער ניי־פאַבריק. ס׳איז געווען שטיל, עס איז געווען רוטאָג און מען האָט נישט געהערט דעם מאַשינען־רויש. ביי דער תפיסה, האָט געקוקט אויף אים אַ מיליציאָנער. ער איז געגאַנגען מיטן גלייכן וועג צום מאַרק, צום הויז מיט די בלויע לאָדנס, ווו עס האָט געוווינט די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ. אין שטעטל איז געווען שטיל, אויפן מאַרק — פוסט. אָנקלאַפּנדיק אין טיר, האָט ער דערהערט נאַטאַשאַס שטים:

— שוין גיי איך עפענען. זי איז אים געפאַלן אין די אַרעמס. אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— וויין נישט מיין ליבע, ס׳איז מלחמה. כ׳האָב נישט געקאָנט קומען... די אַרבעט לאָזט נישט פריי.

— קום אַרויף. די מוטער וויל שוין וויסן, צי דו האָסט נישט קיין בריוו פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— איך האָב יאָ בריוו, זייט נאָר רואיק, וועט אַלץ זיין גוט...

— די מאַמע קלערט שוין איבער וועגן פאָטער.

אַנאַ מאַסלאָוואַ האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט אַלעקסאַנדערן ווי מיט אַן אייגענעם זון.

— גיב מיר די בריוו פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— דאָ מוטער האָט איר בריוו, נאָר לייענט פאַר זיך, מוטער...

— איך ווייס מיין טייערער, איך ווייס אין וואָס פאַראַ וועלט איך לעב...

נאַטאַשאַ איז אַריין מיט אַלעקסאַנדערן אין צווייטן צימער. ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

— האָסט דערהאַלטן מיינע בריוו, נאַטאַשאַ?

— יאָ כ׳האָב דערהאַלטן דיינע בריוו. זעסט אויס שלעכט, מיין ליבער, דאָס לעבן איז אַזוי שווער. איך ווייס נישט ווי מיר וועלן עס איבערהאַלטן...

— נו, שטאַרק זיך, מירן איבערלעבן די מלחמה. שפּעטער וועט די וועלט זיין פריי פאַר אונדז — האָט אַלעקסאַנדער באַמיט זיך זי צו טרייסטן.

— יאָ, פאַר דיר יאָ, נאָר פאַר מיר — ווער ווייסט?

— רעד נישט אַזוי, מיינע וועגן זענען דיינע וועגן.

— זיי וועלן מיך נישט אַרויסלאָזן. — מיר וועלן מיט דיין גרויסן פאָטער צוטראַכטן אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרלאָזן דעם „גן־עדן".

— ווי פילסטו זיך, אַלעקסאַנדער, מיטן געזונט?

— עס גיט נאָך אַ ריס ביי די שניטן, נאָר דער כירורג האָט מיר געזאָגט אַז דאָס וועט אַוועק מיט דער צייט.

— כ׳האָב דיך געבעטן, נישט צו לויפן פרייוויליק אויפן פראָנט — און דו ביסט געלאָפן ווי דער ווינט.

— יאָ מיין ליבע — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט אַ פאַרטראַכטער — גיי נישט, ס׳איז לייכט צו זאָגן. ווער דען וועט טרייבן די דייטשן צום ריין, אַז נישט אַזעלכע זעלנער ווי איך.

— דו ווייסט, אַלעקסאַנדער, — האָט נאַטאַשאַ גענומען דערציילן מיט אַ ציטערדיקער שטימע — ס׳איז דאָ אין אַכאַנסק געקומען מיין ערשטער מאַן.

— נו, האָסט גוט פאַרבראַכט מיט אים?...

— איך, איך בין אַרויסגעפאָרן אין דאָרף צו איוואַן בעלייעוו. כ׳האָב אים נישט געוואָלט זען... האָב איך גוט געהאַנדלט?...

— איך ווייס נישט, נאַטאַשאַ; ס׳איז דיין זאַך, איך לאָז עס איבער פאַר דיר; דו ווייסט אַליין ווי אַזוי צו האַנדלען...

— דו ביסט מיד, ווּעסט גיין פרישטיקן?...

— יאָ, כ׳בין הונגעריק. אויף דער שיף איז גאָרנישט געווען...

— קום אין קיך, וועסטו עסן.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגענומען נאַטאַשאַן ביי דער האַנט און מיט איר אַריין אין קיך. פון זיין טאָרבע האָט ער אַרויסגענומען אַ פּושקע אַמעריקאַנער פּוטער און אַ פּושקע קאָנסערווירטע פיש און דאָס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— ביסט אַ גוטער, כ׳האָב דיך ליב. דו ווייסט וואָס די היים דאַרף, נאָר ווי קאָן איך זיך שוין מיט דיר פאַראייניקן! זעסט אין וואָס פאַראַ רעזשים מיר לעבן! שטענדיק צעשיידט...

— וועסט זען, נאַטאַשאַ, די פרייהייט וועט אונדז נאָך דערלאַנגט ווערן מיט פולע עמערס: פּאַריז, לאָנדאָן, מאָנטעווידעאָ, ניו־יאָרק: מיר וועלן אויסצירן אונדזערע טריט מיט פרייהייט.

— ווען אַלעקסאַנדער, ווען שוין?

— ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און ווייסע טויבן וועלן אונדז ברענגען אַ בריוועלע פון דיין גרויסן פאָטער, אַז ער איז גרייט אונדז אויפצונעמען...

— און דו גלייבסט, אַז אַזוי וועט עס זיין?...

— יאָ, מיין ליבע, איך גלויב! אויב נישט, וועל איך אַליין אַלס פּוילישער בירגער פאַרלאָזן דעם סאָוויעטישן „גן־עדן" און דיך נעמען אויף מיינע פליגל.

— לאָז מיך פאַר די ווערטער דיך אויסקושן. ווי איך האָב נאָך דיר געבענקט!..

— איצט וועל איך שוין אפשר קענען קומען צו דיר אָפטער. די אַרבעט אין פאַבריק גייט שוין אויפן גלייכן וועג. און אפשר וועל איך קענען נעמען דיך קיין פּערם?

— ווי גוט עס וואָלט געווען, אַלעקסאַנדער, ווען דו נעמסט מיך ערגעץ ווייט...

— כ׳ווייס עס, מיין ליבע. דאָס לעבן דאָ איז איינגעהילט אין אַ שלייער.

— דו האָסט עס נישט געוווּסט? — האָט נאַטאַשאַ געפרעגט.

— ניין, כ׳האָב עס נישט געוווּסט. מיליאָנען מענטשן ווייסן עס נישט... און גלויבן דעם רעזשים...

— אַלעקסאַנדער, איך האָב שוין מורא פאַר דיר, הייבסט אָן רעדן. וועגט האָבן אויערן!..

— און דו, נאַטאַשאַ, מיינסט, אַז שטענדיק קאָן דער מענטש אין זיך דער־שטיקן דאָס אויפגעבערויזטע געמיט!

— זעסט דאָך, סאָוויעטישע מענטשן ליידן און שווייגן...

— זיי ווייסן, נאַטאַשאַ, סאָוויעטישע מענטשן וועלן אויפשטיין! נישט שטענדיק וועט די נקווו״ד קאָנען איינהאַלטן דעם שטורעם וואָס וועט סוף־סוף קומען.

— גיי, אַלעקסאַנדער, לייג זיך אָפּרוען. איך וועל צוגיין צו דער בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאָ.

— יאָ, מען דאַרף זיך אָפּרוען. איך פיל נאָר דעם ווייטיק פון מיינע וווּנדן.

— וועסט עס פילן ביי יעדער וועטער־ענדערונג.

— איז נישטאָ דערצו קיין שום מעדיצין?

— ניין, אַלעקסאַנדער, ס׳איז נישטאָ!...

טאַמאַראַ ליסענסקאַ האָט געריניקט די שטייגלעך, אין וועלכע ס'זענען אַרומגעשפּרונגען די קאַנאַריקלעך. זי האָט זיי אָפּגעהיטן. זיי זענען געווען זייער באַליבט אויף איר מאַן.

דערהערנדיק אַ קלאַפּ אין טיר, איז טאַמאַראַ אַוועק זי עפענען. זי איז געפאַלן דער דאָקטאָרין אין די אָרעמס:

— איך פריי מיך מיט דיין קומען!

— מיין אַלעקסאַנדער איז געקומען...

— כ'וועל זיך פרייען אים צו באַקענען, כ'וועל צוגרייטן מיטאָג פאַר אייך...

— כ'בין דיר טאַקע געקומען זאָגן, אַז מיר קומען צו דיר אויף מיטאָג.

— גוט, גוט, איך גיי שוין נעמען די בעסטע הון.

נאַטאַשאַ איז צו צו די קאַנאַריקלעך. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אין צערקווע בעת עס שפּילט דער אָרגל, אָבער דורכן פענצטער האָט זי געזען דעם וואַלד, די ווייסע בעריאָזעס, אויף וועלכע ס'איז געווען צעגאָסן אַ פרומע ליכטיקייט, ווי גאָט אַליין וואָלט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד. וואָס מער זי האָט געקוקט אויף די קאַנאַריקלעך, אויף די בעריאָזעס אין וואַלד, אַלץ מער איז זי אַריין ווי אין אַ טראַנס... ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט דינגע פידל־טענער פון אַנדערע וועלטן. אַז זי האַלט איר קאָפּ אויפן אַקסל פון איר ליבן אַלעקסאַנדער — אַ פאַרטראָגענע אין זיסע חלומות... נאַטאַשאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און לאַנג־לאַנג געשטאַנען ביי די פייגעלעך, נישט קאַנענדיק זיך אָפּרייסן פון אָרט... זי האָט אַפילו נישט געהערט טאַמאַראַס אַריינקומען, און ווי פריער געשטאַנען ביים שטייגל אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרטראָגענע...

— כ'האָב נישט געהערט דייַן אַריינקומען, טאַמאַראַ — האָט זי זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ געטאָן ווי אַן איבערגעוועקטע פון אַ טיפן שלאָף.

— די פייגעלעך מיט זייער געזאַנג האָבן דיך אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט — האָט טאַמאַראַ געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, טאַמאַראַ, אמת. ווי נאָר איך וועל האָבן אַן אייגענע היים, וועל איך צום ערשטן אריינגעמען קאַנאַריקלעך.

— קענסט קומען צו מיר ווען דו ווילסט. מיין שטוב איז שטענדיק אָפן פאַר דיר. כ'בין אַליין, ווי דער שטיין אָט דאָ ביים וואַלד. איך האָב קיינעם נישט.

— איך וועל קומען צו דיר, טאַמאַראַ, אויך איך בין דאָ אַ פרעמדע, אַ פאַרשיקטע...

— דיך, דאָקטאָרין, האָט מען פאַרשיקט?...

— יאָ, נקוו"ד האָט מיך אַרויסגעשיקט פון פערם דאָ אַהער...

— מיין פאָטער איז אויך דאָ געווען אַ פאַרשיקטער און יונגערהייט דאָ געשטאָרבן אויף טובערקולאָז. — אַ סך מענטשן אין אַכאַנסק שטאַרבן אויף טובערקולאָז — האָט טאַמאַראַ געזאָגט מיט אומעט.

— איך ווייס, טאַמאַראַ, כ'ווייס, ווו מען האָט אונדז פאַרשטופּט צו לעבן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען. יאָ, איך וועל שוין גיין.

— איך וואַרט אויף דיר מיט אַלעקסאַנדערן — האָט טאַמאַראַ דערמאָנט. מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען דעם טאָג.

נאַטאַשאַ איז געגאַנגען אַהיים דורכן מאַרק. דער ווינט האָט געריסן די געלע בלעטער פון די האַלב־נאַקעטעביימער. נאָר דער וואַלד, דער איינציקער וואָס האָט נישט מורא פאַרן ווינטער, איז געשטאַנען שטאַר און גלייכגילטיק. אַלע פון שטאָט מוזן קומען צו אים נעמען האָלץ, כדי נישט פאַרפרוירן צו ווערן...

נאַטאַשאַ איז אַריין אין שטוב. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט לעבן אַלעקסאַנדערן וועלכער איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. איר בליק האָט אים אַרומגענומען מיט ליבשאַפט. זי האָט ווידער געקומען טראַכטן וועגן איר פאָטער, וועלכן מען האָט אַרויסגענומען פון שטוב און אַרויסגעפירט אין רויטע וואַגאָנען אין וועלכע מען פלעגט אַמאָל פירן נאָר בהמות...

— ביסט שוין צוריקגעקומען — האָט אַלעקסאַנדער זי געפרעגט נאָכן אויפ־כאַפּן זיך...

— יאָ, כ׳וויל איצט האָבן אַ פּאָר שעה פון גליק און ליבע...

— וועסט האָבן, וועסט האָבן, יאָרן גאַנצע — האָט ער איר געטרייסט — נאָר געדולד, נאַטאַשאַ, איך האָב שוין געעפנט דעם פאַרהאַנג, איינגעצוימט די דייטשן, איצט וועט קומען דער זיג... איך וועל דיך נעמען אין דער גרויסער, ברייטער וועלט. וועסט זען נייע מענטשן מיט פריילעכע פּנימער, וואָס שפּייען נישט מיט בלוט...

— הער אויף, אַלעקסאַנדער, אַז נישט — זענען מיר פאַרפאַלענע:...

— עס האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט, איך קאָן שוין נישט האַלטן דעם ווייטיק אין זיך. אין פערם האָט ביי מיר געאַרבעט אַ פרוי וואָס האָט געהאַט אַ זונעלע פון אַ יאָר זעקס. כ׳האָב געזען ווי פון קינדס מויל האָט זיך געגאָסן בלוט...

— פאַר דיר איז עס אַ נייעס, פאַר מיר נישט. יעדן טאָג האָב איך אַזעלכע שווערע קראַנקע. און וואָס זאָל איך זיי געבן, אַז עס איז גאָרנישט נישט דאָ, אַז מען האָט דעם דייטש אַריינגעלאָזן ביז מאָסקווע, ביז דער וואָלגע, ביז צו די קאַווקאַזער בערג... טו זיך אָן, אַלעקסאַנדער, מירן מאַכן פאַרן מיטאָג אַ שפּאַציר אין וואַלד.

— כ׳בין שוין גרייט — ער האָט זי גענומען ביי דער האַנט און ביידע זענען אַרויס פון שטוב.

זיי האָבן שפּאַצירט צווישן ווייסע בעריאָזעס, ברוינע סאָסנעס און שטאַרקע דעמבעס. אויף צווייגן זענען אַרומגעשפּרונגען וועווערקעס, מיט לאַנגע, געלע ווידלען, פריילעכע און געשיקטע, באַגאָסענע מיט זונליכט. דער טיף־בלויער הימל — קלאָר, אויסגעוואַשן פון יעדן פלעק.

אַלעקסאַנדער איז שטיינגעבליבן ביי אַ ברוינער סאָסנע. ער האָט זיך דער־מאָנט דעם טולער־וואַלד, ווו ער האָט געפירט זיינע זעלנער אין שלאַכט קעגן שונא קודם כל פון זיין יידיש פאָלק. דער פראָסט האָט געקנאַקט אונטער זייערע טריט. די דייטשן זענען געלעגן אין די וואַרעמע טראַנשייען און ער, מיטן פייער

פון מאַשין־געווער, האָט זיי אַרויסגעטריבן אויפן ווייסן שניי, פאַרגאָסענע אין זייער אייגן בלוט.

זיי האָבן זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז ביי אַ סאָסנע.

די געלע וועווערקעס האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּרינגען אויף די צווייגן. אַן אָדלער פון מרחקים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ דעמב. ער האָט צעשפּרייט זיינע פליגל, פאַרבאַהאַלטן אין זיי דעם קאָפּ און אַזוי איינגעשלאָפן.

נאַטאַשאַ האָט אַרומגענומען אַלעקסאַנדערן:

— נעם מיך, אַלעקסאַנדער, צום טייך קאַמאַ קיין פּערם, איך וויל זיין לעבן דיר, היילן דיר דיינע שווערע ווונדן.

— בעט דעם אָדלער אויפן דעמב, ער האָט ברייטערע פליגל, ער וועט דיך נעמען שנעלער ווי איך. אים וועט נקוו״ד נישט פאַרשיקן אין לאַגער. איך וועל דיך נעמען, מיין ליבע — האָט ער ווייטער געצויגן — מעג דער וועג זיין שווער. כ׳וועל דיך נישט איבערלאָזן! ווער עס האָט געלעבט פריי, קאָן זיך נישט אָפּשליסן אויף זיבן שלעסער...

— כ׳פאַרשטיי דיך, אַלעקסאַנדער, ביסט צו אונדז געקומען פון דער פרייער וועלט. די מענטשן פון דער פרייער וועלט ווייסן נישט ווי מיר לעבן. מיט יעדן טאָג ווערט שווערער. פרויען זענען איינגעשפּאַנט ביי שווערער אַרבעט... און וויפל פרויען גייען אָפּ אין אייגן בלוט און פאַרלירן די קינדער... איך אַליין האָב פאַרלוירן מיין קינד.

— צו וואָס וויינסטו, נאַטאַשאַ. זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן וועסטו גיין מיין וועג.

— מען וועט דיך נישט אַרויסלאָזן, אַלעקסאַנדער.

— דאָס וועט מען שפּעטער זען! — קוק אָן דעם אָדלער, קאָן אים די נקוו״ד אָפּהאַלטן פון פליען? און מיך וועט זי נישט אָפּהאַלטן. ווען דו, נאַטאַשאַ, ווייסט ווי שווער ס׳איז איצט די אַרבעט אין פאַבריק: מען פאָדערט פון מיר דעם פּלאַן — און מיט וועמען אים אויספירן, דעם פּלאַן? אַז דער הונגער מאַטערט דעם אַרבעטער — דרייען זיך נישט די רעדלעך פון די מאַשינען...

דער אָדלער האָט אַ פלאַטער געטאָן מיט זיינע ברייטע פליגל און אַוועק אין דער ריכטונג פון קאַמאַ. אַלעקסאַנדער האָט אים נאָכגעקוקט. נאַטאַשאַ האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַלעקסאַנדערס אַקסל און איינגעשלאָפן. ווען זי האָט געעפנט די אויגן, איז שוין געווען מיטאָגצייט.

— מיר זענען איינגעלאַדן צו דער בעקערין, טאַמאַראַ ליסענסקאַ, אויף מיטאָג — האָט נאַטאַשאַ, אויפשטעלנדיק זיך, געזאָגט — וועסט באַקענען אַ פרוי פון רוסישן פאָלק וועלכער דאָס שווערע לעבן האָט פאַרגרעסערט דעם מוח און זי פאַרשטייט מער פון אונדזערע פירער.

— אַלע זייט איר קלוג. איין מאָן פירט מיט אייך און איר שוויגט, ווי די פיש.

טאַמאַראַ ליסענסקאַ האָט געוואַרט אויף אירע געסט פאַרן הויז.

— קומט אַריין אין שטוב! — האָט זי זיי העפלעך פאַרבעטן, ווען זיי

זענען צוגעקומען נעבעטער — דו ביסט אַ שיינער מאַן, אַלעקסאַנדער, פון גאָט געשיקט צו אונדזער דאָקטאָרין.

— אויף דער רוסישער ערד איז נישטאָ קיין גאָט.

— לאָך נישט, מיין ליבער, מיר וועלן נאָך טרינקען פונעם פולן פרייהייטס־בעכער, אַלעקסיי מוכין וועט די פרייהייט ברענגען...

— שוין, איר האָט שוין אָנגעהויבן רעדן...

— מיר הערן שוין אויף — האָט טאַמאַראַ שטיל געזאָגט — זעצט זיך צום טיש.

אַלעקסאַנדער האָט געקוקט אויף די קאַנאַריקלעך און זיך דערמאָנט אָן זיין תהילימל, פאַרבלוטיקט מיטן בלוט פון משה טוקאַלסקי פון וואַרשע. ווי שטיל עס איז אין שטוב, האָט ער געטראַכט, דאָ זינגען פייגעלעך און אויף די פראָנטן הרגענען זיך מענטשן אויס... די דייטשן פירן יידן אין די לאַגערן און הונגערן זיי אויס... פאַר וואָס ? פאַר וואָס ?

טאַמאַראַ האָט סערווירט דעם טיש. זי האָט דערלאַנגט אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט. נאַטאַשאַ האָט איר געהאָלפן. אַלעקסאַנדער האָט דערפילט איר האַנט אויף זיין אַקסל.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט — האָט זי אים געפרעגט.

— איך האָב זיך דערמאָנט אין די יידישע צרות.

— וואָס עפּעס איצט ?..

— דאָס געזאַנג פון די קאַנאַריקלעך האָט מיך אין דעם דערמאָנט.

טאַמאַראַ האָט אַרויסגעשטעלט אויפן טיש אַ געבראָטענע הון.

— מיינע ליבע געסט, לאָמיר פאַרגעסן אין אַלע מענטשלעכע ליידן און איין מאָל אָפּעסן אַ גוטן מיטאָג.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגעגאָסן דריי גלעזלעך מיט וואָדקע און פאַר יעדן אָוועקגעשטעלט אַ גלעזל. ער האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל, און געזאָגט מיט אַ שווערער שטים.

— איך טרינק פאַרן שלום אויף דער וועלט און פאַרן צוריקקער פון אינזשיניער אַלעקסיי מוכין.

טאַמאַראַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן זיך פאַרטרערט. נאַטאַשאַ האָט צוגעדריקט טאַמאַראַן צו זיך :

— טרינק, טאַמאַראַ, וועט דיר ווערן בעסער !...

אַלע האָבן אויסגעטרונקען.

אַרום איז געווען שטיל. אַלע האָבן געגעסן דעם געשמאַקן מיטאָג.

טאַמאַראַ האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אַלעקסאַנדערן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ערגעץ שוין געזען אַזאַ שיינעם מאַן. יאָ, דאָס איז געווען אַ פילם. נאָכן אויסטרינקען צוויי גלעזלעך האָט זי באַקומען צו אים חשק און אירע בלוטן האָבן גענומען קאָכן. ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. אַלע ביים טיש זענען געבליבן ווי פאַראַליזירט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעשטעלט און געעפנט די טיר.

— דו ביסט עס, גולייעוו, קום אַרייַן, וועסט אויסטרינקען, האָט טאַמאַראַ אים איינגעלאַדן.

— אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט געגאַנגען עסן מיטאָג.

— האָסט היינט געהאַט אַ גוטן פיש־פאַנג?

— יאָ, היינט זענען מיר די פיש אַליין אַריין אין דער נעץ.

— מיר ברענגסטו נישט קיין פיש — האָט טאַמאַראַ געזאָגט אויפשטייענדיק פון אָרט.

— אויב דו וועסט פאָדערן, וועל איך דיר ברענגען.

— זי קען צוגרייטן — האָט אַלעקסאַנדער באַשטעטיקט.

— ברענג, איך וועל זיי צוגרייטן וועט זיין וואָס צו עסן.

— כ׳ווייס, אַז זי קען, איך וועל אין אָוונט ברענגען פיש מיט וואָדקע.

— גוט אַזוי — האָט טאַמאַראַ גענומען פּאַטשן מיט די הענט — וועסט ברענגען פיש, וועלן מיר זיך אַלע אין אָוונט טרעפן. די פּאַרטייליייט מעגן, פאַר וואָס זאָל דאָס פאָלק נישט טאָרן...

— מיר וועלן שוין אין אָוונט רעדן, ווער עס מעג. איצט גיי איך שוין, כ׳בין געקומען זיך זען מיט אַלעקסאַנדערן.

— איך דאַנק דיר, גולייעוו, ווי גייט עס מיטן שרייבן?

— נישט שלעכט, כ׳ווייס נאָר נישט, וווּ וועל איך לאָזן דרוקן מיינע ביכער.

— וועגן דעם קלער נישט, זאָל דער שלום קומען אַזוי שנעל ווי שנעל מען וועט דרוקן דיינע ביכער. שוין לאַנג וואַרט די וועלט אויף צו דערוויסן זיך דעם אמת...

— לאָמיר עס לאָזן אויפן אָוונט — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט — איצט וועט מען גיין אַהיים זיך אָפּרוען. זי האָט זיך געוואַנדן צו אַלעקסאַנדערן:

— מאָרגן פרי פאָרסטו אַוועק?

— יאָ, איך פאָר.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צו צו טאַמאַראַן און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן:

— זאָלסט נישט וויינען, טאַמאַראַ! אינזשיניער אַלעקסיי מוכין וועט זיך צוריקקערן פון פראָנט און דאָ ביי דיר אין שטוב וועט מען טרינקען... ער האָט גענומען נאַטאַשאַן ביי דער האַנט און זי צוגעפירט צו טאַמאַראַן זיך געזעגענען.

— איך דאַנק דיר פאַר דער אויפנאַמע — האָט נאַטאַשאַ זי האַרציק אַרומגענומען — מיר וועלן זיך דיר אָפּדינען...

אויפן מאַרק איז געווען שטיל. מענטשן זענען געזעסן אין שטוב אין דעם רוטאָג. אַלעקסאַנדער האָט געקוקט אויפן הויז מיט די בלויע לאָדנס.

— די בלויע לאָדנס וועלן מיך נישט לאָזן פאַרגעסן אין מיין בלאָנדער שיינקייט — האָט ער געשמייכלט צו נאַטאַשאַן...

— הויבסט שוין אָן מיט מיר טשעפּען?...

— מיט וועמען דען זאָל איך?... האָסט געזען ווי טאַמאַראַ האָט זיך אָנגעצונדן...

— דיר דאַכט זיך, ניין, אַלע מענער זענען אַזוי, אַז אַ פּרוי קוקט אויף אייך מיינט איר אַז זי איז פאַרליבט.

— זאָל זיין אַז נישט, אָבער זי איז שיין און פולבלוטיק...

— איך פריי מיך, אַלעקסאַנדער, אַז ביי דיר רופט זיך שוין אָפּ דער מאַן.

— יאָ, נאַטאַשאַ, איך נעם שוין אָן מוט און כוח.

— דו ביסט שוין געווען מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער...

— אַלץ מיין יידישער גאָט.

— גוט, אַז דו האָסט אַ גלויבן, איך האָב דאָס אויך נישט...

— מיין גלויבן, נאַטאַשאַ, איז דיין גלויבן!

☆

אַנאַ איוואַנאָוונאַ איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אויפן לייזיקן מאַרק. דערזעענדיק די קינדער אירע, האָט זי זיך צעשמייכלט. אַלץ וואָס איר איז פאַרבליבן איז די טאָכטער נאַטאַשאַ און אַלעקסאַנדער. פון מאַן האָט זי יאָ־ און נישט־ געטראַכט. די צייט האָט איר שוין געמאַכט פאַרגעסן.

נאַטאַשאַ מיט אַלעקסאַנדערן זענען אַריין אין שטוב פריילעכע.

— נו, מיינע קינדער — האָט זיך די מוטער אָנגערופן — איר זייט הונגעריק, איך קען אייך מאַכן פיש. גולייעוו האָט מיר געבראַכט אַ סך פיש. ער איז אַ גוטער מענטש, ער פאַרגעסט אונדז נישט. גאָט זאָל אים באַצאָלן.

— דאָס שווערע לעבן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די לאַגערן האָט אים געמאַכט גוט — האָט אַלעקסאַנדער באַטאָנט.

— לאָמיר איצט נישט רעדן, אַלעקסאַנדער, קום מיר וועלן גיין שלאָפן — האָט זיך נאַטאַשאַ אַריינגעמישט. זי האָט אָנגענומען אַלעקסאַנדערן פאַר דער האַנט און אַריין מיט אים אין שלאָפצימער.

☆

טאַמאַראַ איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב אַ צופרידענע. זי האָט געזונגען ליבע־לידער. זי האָט זיך איצט נישט געפילט איינזאַם. מיט איר איז איצט געווען אַלעקסיי.

זי איז געווען צופרידן מיט אירע נייע פריינד. נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ, אַלעקסאַנדער און גולייעוו זענען איר געווען זייער נאָענט.

זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער שטוב־אַרבעט, אָנגעקאָרמעט די פייגעלעך און אַרויס אין גאַס. דער מאַרק, ווי שטענדיק, איז געווען ליידיק פון מענטשן,

זי האָט באַמערקט, אַז אין איר ריכטונג גייט דער סעקרעטאַר פון שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט, גאַרקי

זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ שמייכל. אירע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זיינע. ביידע זענען שטיין געבליבן.

— מיטן זיג פון דער רויטער אַרמיי באַגריס איך אייך, חבר סעקרעטאַר, גאַרקי, איך האָב וואָס צו רעדן מיט אייך — האָט זי אים געזאָגט.

— נישט דאָ אויפן מאַרק איז דאָס אָרט צום רעדן...

— איך בין שוין אַ סך מאָל געווען ביי אייך, אָבער איך קיין מאָל נישט געטראָפן.

— קום מאָרגן מיטאָג־צייט, וועל איך זיין אין מיין אַרבעטס־צימער.

— ניין, חבר גאַרקי, איר נאַרט מיך אָפּ, איר וועט נישט זיין, איך וויל איר זאָלט מיך אויסהערן אויפן מאַרק, דאָ.

— טאַמאַראַ, דו ביסט משוגע ?...

— איך משוגע ! איר אַליין זייט משוגע. איך בין אַ פרוי פון אַ פראָנטאָוויק !

— איך ווייס...

— טאָ פאַר וואָס ווילט איר מיך נישט אויסהערן.

— איך ווייס וואָס דו ווילסט מיר זאָגן. מיר האָט שוין דערציילט וועגן דעם דיין דירעקטאָר, איוואַן שעווטשענקאָ.

— דער אידיאָט ?...

— מען טאָר אַזוי נישט רעדן !

— איר לערנט מיך בעסער נישט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. איך קאָן שוין מער נישט טראָגן קיין זעק מעל, אונטערן האַרץ טראָג איך אַ קינד.

— איך וועל רעדן מיט דיין דירעקטאָר, ער זאָל דיר געבן אַ לייכטע אַרבעט — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט — און אַוועק מיט שנעלע טריט.

ווי נאָר אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן שטערן, האָט דער שאָפער גולייעוו גענומען די גרעסטע פיש, אַריינגעלייגט זיי אין טאָרבע און זיך געלאָזט גיין צו דער בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאַ. ער האָט אייניקע מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. באַלד איז אָנגעקומען נאַטאַשאַ מיט אַלעקסאַנדערן. אַלע דריי האָבן געוואַרט. אויפן קלאַפּן אין דער טיר, האָבן די פייגעלעך געענטפערט מיט געזאַנג.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. נאַטאַשאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און שטיל געזאָגט :

— ס׳האָט מיט טאַמאַראַן עפּעס פּאַסירט, ווער ווייס, צי מען האָט איר נישט אַרויסגערופן אין נקווד ?

— ווי קומט זי אין נקווד ? — האָט גולייעוו איר געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— פרעג נישט, גולייעוו, די זאַך איז נישט גלאַטיק, קומט לאָמיר אַוועקגיין פון דעם הויז, עס זאָגט מיר נישט אָן קיין גוטס.

— קומט צו מיר, צום טייך.

שווייגנדיקע זענען זיי אַוועק צום הויז מיט די גרינע לאַדנס, אויפן בערגלביים טייך קאַמאַ. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אויפן הימל האָבן זיך שטערן איבערגעוואונקען, אָפּשלאָגנדיק זיך אין די קאַמאַ־כוואַליעס.

אַלעקסאַנדערס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, דערזעענדיק די ביכער־פּאָליצעס ביי גולייעוו אין הויז. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע און גענומען דאָס ערשטע בוך: פּושקינס פּערזן. מיטן בוך אין האַנט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

ס׳איז אַריין די יונגע באַלעבאָסטע, אַנאַסטאַסיאַ ניקיטינאַ, און אָנגעהויבן רעדן מיט איר קלינגענדיק קול:

— כ׳האָב געזען די בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאַ. איינער פון דער נקוו״ד האָט זי געפּירט.

אַלע האָבן אויסגערופן: פאַר וואָס?...

— איר פרעגט אַלע פאַר וואָס? ווייסט איר נישט, ווו מיר לעבן? דאָס וואָרט, וואָס מיר רעדן אַרויס, דאַרף ווערן געוואויגן און געמאָסטן...

גולייעוו איז צוגעגאַנגען צו נאַסטיאַן:

— נעם, נאַסטיאַ, די פיש און גרייט צו פאַר די געסט אָונטערבראָיט. זעסט, מיר האָבן איין מאָל געוואָלט אַ ביסל פאַרגעסן פון דער שווערער צייט, באַפרייען זיך פון אַרום און אָפּעסן אַ גוטן אָונטערבראָיט ביי דער בעקערין ליסענסקאַ, האָבן מיר עס נישט דערגרייכט.

— איר וועט גאָרנישט פאַסירן. זיי דאַרפן זי האָבן אין דער בעקעריי. דער נאַטשאַלניק וועט איר מאַכן אַ פאַרוואורף, ער וועט זי וואָרענען זי זאָל אַרבעטן — אַזוי ווי זיי טוען עס מיט די קאָלכאָזניקעס.

אַנאַסטאַסיאַ האָט גענומען די טאָרבע מיט די פיש און איז אַריין אין קיך. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. גולייעוו איז צו זי עפענען.

— ביסט געקומען, טאַמאַראַ, האָט ער געזאָגט מיט אַ פרייד — לאָמיך דיר דער פאַר געבן אַ קוש...

— קום שוין — האָט די דאָקטאָרשע אויסגערופן — דערצייל וואָס עס האָט מיט דיר פאַסירט.

— היינט ביי טאָג האָב איך אויפן מאַרק געטראָפן דעם סעקרעטאַר פון שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט, איוואַן גאָרקי. כ׳האָב אים אָפּגעשטעלט, געוואָלט מיט אים רעדן, אָבער ער האָט מיך געלאָזט שטיין און איז אַוועק. אין אָוונט איז געקומען אַ מענטש פון נקוו״ד און מיך גענומען צום נאַטשאַלניק מאַראָזאָוו. כ׳האָב געלאַכט, אָבער ער האָט געקוקט אויף מיר אַ בייזער און געזאָגט: „טאַמאַראַ, דו ביסט דאָ אין שטאָט אויסגעוואַקסן, איך וויל דו זאָלסט אַרבעטן ווי פריער.״ כ׳האָב אים געענטפערט: „כ׳קאָן נישט אַרבעטן אַזוי ווי פריער, ווייל איך שוואַנגער.

איך קען נישט הייבן קיין זעק, איך וויל בעסער גיין אויפן פראָנט, צו מיין מאַן, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין".

— ביסט די בעסטע בעקערין אין שטאָט — האָט ער מיר געזאָגט און דער־מאָנט נישט צו רעדן קיין נאַרישקייטן. ביסט אַ שטאַטישע און נישט קיין קאָל־כאָזניצע און מען דאַרף ברויט פאַר די אַרבעטער און פאַר דער אַרמיי. איך האָב אים געזאָגט: כ'וויל נישט פאַרלירן מיין קינד ווי אַן סדרע יונגע פרויען, כ'וויל האָבן אַ לעבעדיקס — די פרוכט פון מיין ליבע...

— טאַמאַראַ באַדענק זיך, אַרבעט ווי דו האָסט געאַרבעט. איך וועל רעדן מיט דיין דירעקטאָר, ער זאָל דיך באַפרייען פון טראָגן זעק... גיי איצט אַהיים און מאָרגן פרי גיי אַרויס צו דער אַרבעט...

טאַמאַראַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאַטאַשאַ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף טאַמאַראַס אַקסל:

— הער מיך אויס, טאַמאַראַ, גיי מאָרגן צו דער אַרבעט. הייב נישט אָן מיט זיי. די מלחמה וועט זיך ענדיקן און אַלעקסיי וועט אַהיימקומען.

— יאָ, ער וועט אַהיימקומען פון אַזאַ פייער? מיין ערשטער מאַן איז נישט אַהיימגעקומען, ער וועט אויך נישט קומען. אַזוי גייט מיר נאָך מיין גורל.

— רעד נישט אַזוי, מען טאָר נישט. ער וועט יאָ אַהיימקומען. אַלעקסיי איז אַ גוטער, איך קען אים, ער איז געווען מיין ערשטער מאַן.

— כ'ווייס, נאַטאַשאַ, איך ווייס! אַלעקסיי האָט מיר דערציילט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן און דערציילט פון זיינע סטודענטישע יאָרן, פון זיין ערשטער ליבע. דו ביסט געווען ביי אים די ערשטע פרוי, ווי אַ בריליאַנט האָט ער דיך געהיטן. נאָר אַז אונדזער רעזשים האָט אייך צעשיידט, האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין זיינע פּלענער.

— זעסט טאַמאַראַ, ווי שווער מיר לעבן, יעדער פון אונדז טראָגט אויף די פּלייצעס אַ שווער פּעקל. לאָמיר דערלעבן דעם זיג, וועט זיך אונדזער שווער לעבן ענדערן.

— איך גלייב נישט, נאַטאַשאַ, אַז אונדזער לעבן ביים סאָוויעטישן רעזשים וועט זיך ענדערן צום גוטן. איך וועל דאַרפן טראָגן אויף די פּלייצעס שווערע זעק מעל, אַז נישט וועט מען מיך פאַרשיקן אין לאַגער אָדער אין תפיסה.

— אַזוי איז עס! — האָט גולייעוו באַשטעטיקט — דאָס ערשטע מאָל, אַז זיי רופן אַ מענטש רעדט מען צו אים דורך אַ זיידן טיכל, נאָר דאָס צווייטע מאָל וועט ער שוין שטיין ביים אויספאַרשער אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס, ביז ער וועט זיך איינברעכן.

אַלעקסאַנדער איז געזעסן מיט פּושקינס בוך אין האַנט און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך; אַליין האָט ער קיין מאָל נישט אָנטיילגענומען אין אַזעלכע געשפּרעכן. ער האָט געוווּסט, אַז זיי ברענגען נישט קיין גוטס.

אַנאַסטאַסיאַ האָט געגרייט אָוונטברויט. אין שטוב האָט געשמעקט מיט געפּרעגלטע פיש... נאַטאַשאַ האָט זיך געזעצט לעבן אַלעקסאַנדערן. אַלע מאָל

האָט זי אים אַ קוש געטאָן, דאָ אין ברייטן שטערן, אַ מאָל אין די ליפּן, אַ מאָל אין די באַקן. אירע בלוטן האָבן געדופן צו ליבע און גענוס. מאָרגן פרי פאָרט ער שוין אַוועק... זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין פוס. זי האָט דערפילט אין אים דעם אויפוואַכנדיקן מאַן. גולייעוו האָט פאַר יעדן פון זיינע געסט אָנגעגאָסן צו גלעזלעך בראָנפן.

אַלעקסאַנדער האָט אַוועקגעלייגט פּושקינס בוך, אויפגעהויבן דאָס פולע גלעזל וואָדקע:

— לאָמיר טרינקן פאַרן שלום אויף דער וועלט, און פאַר ליבע פון מענטש צו מענטש!

— און איך טרינק — האָט גולייעוו אויסגערופן — פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד!

אַלע האָבן אויסגעטרונקן זייערע גלעזלעך ביז צום דנאָ.

טאַמאַראַ האָט געגעסן די פּיש אָן אַפּעטיט. זיי האָבן איר נישט געשמעקט. נישט אַזוי מאַכט מען פּיש — האָט זי געטראַכט. רעדן האָט זי נישט געוואָלט. אויף אַלץ וואָס מען דערלאַנגט אים מוז אַ גאַסט שטענדיק זאָגן: „גוט און ווויל". זי האָט געגעסן, אָבער מיט די געדאַנקען איז זי געווען ביי אַלעקסיי מוכין, אויפן פראָנט. וועגן וויזיט אין נקוו"ד האָט זי נישט געטראַכט. אַלץ איינס מוז מען אַרבעטן, ווער זי אַרבעטן אין אַרבעטס־לאַגער אָדער אין תפיסה.

אַנאַסטאַסיאַ האָט געקושט גולייעוון און נאַטאַשאַ — אַלעקסאַנדערן. טאַמאַראַ איז געזעסן אַליין. נישט געווען קיין מאַן וואָס זאָל איר אַרומנעמען און קושן. זי האָט אַזוי געוואָלט ווערן געליבט, באַגערט, אַז אַ מאַן זאָל זי אַרומנעמען. אירע אויגן האָבן געקוקט אויף די יונגע פּרויען, ווי זיי קושן זייערע מענער. נאָר זי איינע איז געזעסן אַליין ביים טיש.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט: כ׳וועל שוין גיין אַהיים. מאָרגן וואַרט אויף מיר אַ שווערע אַרבעט אויסצולאָדענען אַ גאַנצן קאַמיאָן מיט מעל.

— וואַרט טאַמאַראַ — האָט זיך אָנגערופן נאַטאַשאַ — איך און אַלעקסאַנדער וועלן דיך אַהיימפירן.

אַלעקסאַנדער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו גולייעוון:

— איך דאַנק דיר פאַרן אָוונטברויט און נאָך מער פאַר דיינע ביכער. געקומען בין איך צו דיר, און אַריין, ווי אין אַ צווייטער וועלט...

— דו ביסט אַ שווייגער, אַלעקסאַנדער, אָבער יעדעס וואָרט דיינס פאַר־שטאַרקט מיין ווילן צום לעבן, צום קאַמף פאַר פרייהייט. ווי די שרייבער, פּאָעטן וויל איך אויף מיין שטייגער אַרויסברענגען די ליידן פון מיין פאָלק און זיך באַווייזן פאַר דער וועלט ווי אַ פויגל — ערב־פרילינג.

פון קאַמאַ האָט געיאָגט אַ קאַלטער ווינט. אַלעקסאַנדער האָט געפירט ביי די האַנט צוויי פרויען. טאַמאַראַ, אַ צעפלאַמטע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אים. זי האָט געוואָלט פילן די וואַרעמקייט פון אַ מאַן און איז גרייט געווען אים זיך איבערצוגעבן... זי האָט אָבער געוווּסט, אַז נאַטאַשאַ שטייט איר אין

וועג און ער, אַלעקסאַנדער, איז נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, פון וועלכער ער איז אַרויס מיט ניסים... אַ קויל איז אים אַריין אונטערן לעפּעלע, לעבן האַרץ און געבליבן שטעקן אין דער רעכטער זייט. טאַמאַראַ האָט אַלץ געוווּסט...

ביי טאַמאַראַס הויז האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַלעקסאַנדער האָט באַפּרייט זיינע הענט. טאַמאַראַ האָט אויף אים געקוקט. ענדלעך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און שטיל געזאָגט:

— נאַטאַשאַ, קום אַריין צו מיר אין שטוב. וועסט די נאַכט שלאָפן מיט אַלעקסאַנדערן ביי מיר אויפן ברייטן בעט. עס וועט זיין פּלאַץ פאַר אונדז אַלע.

— האָסט געהערט, אַלעקסאַנדער, טאַמאַראַ וויל מיר זאָלן היינטיקע נאַכט שלאָפן ביי איר.

— לאָמיר שלאָפן ביי טאַמאַראַן, וועלן מיר נישט שטערן דער מוטער.

— יאָ, אַלעקסאַנדער, לאָמיר אַריינגיין.

טאַמאַראַ האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ פולן סאַמאָוואַר טיי. זי האָט שיינעם אַלעקסאַנדער.

די גרינע קאַנאַריקלעך, אין די שטייגלעך זענען געזעסן אויף די לייטערלעך, די קעפּלעך אַרונטערגענומען אונטער די פליגל. זיי זענען געשלאָפן.

טאַמאַראַ האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ פולן סאַמאָוואַר טיי. זי האָט אָנגעגאָסן די גלעזער און געשטעלט אויפן טיש האַרטן צוקער.

אַלעקסאַנדער האָט געטרונקען טיי און זיינע געדאַנקען זענען שוין געווען אין פּערם, אין דער פאַבריק. אים איז איצט איינגעפאַלן ווי אַזוי צו מאַכן דעם פּלאַן. ער האָט נישט געזען ווי די צוויי יונגע פרויען באַגערן אים, רעדן צו אים מיט זייערע מיט ליבע פאַרלאָפענע אויגן.

טאַמאַראַ איז צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדערן:

— גיי לייג זיך שלאָפן, מאָרגן פרי פאָרסטו אָפּ פון אונדז.

זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און ער האָט זיך געלייגט אויפן ברייטן פאַמיליעבעט.

לעבן אים, לינקס, איז געלעגן נאַטאַשאַ. טאַמאַראַ האָט זיך געלייגט פון דער רעכטער זייט. אַלעקסאַנדער איז געלעגן אין דער מיט, אָבער ער האָט נישט געטראַכט און נישט געזען די צוויי פאַרליבטע פרויען. ער האָט געזען דעם פראָנט, די דייטשן, ווי זיי מאַכן „יודענריין" יעדעס שטעטל פון זיין געבוירן־לאַנד.

דורכן פענצטער האָט אַריינגעשיינט די לבנה. אַלעקסאַנדערן האָט געמאַ־טערט איין געדאַנק— צי וועט ער טרעפן עמעצן פון זיין גרויסער משפחה אַ לעבעדיקן. צי וועט זיין קלוגער טאַטע, מיטן ברייטן שטערן, אַרויפלייגן זיין האַנט אויף זיין אַקסל, זאָגנדיק: „זון מיינער, די וועלט האָט נישט די ווערט קיין שמעק־טאַבאַק. גאָט איז דער הערשער און נישט קיינער..."

יאָ, גאָט איז דער הערשער! אָבער פאַר וואָס גיסט זיך אַזוי פיל יידיש בלוט?...

ער האָט געוואָלט פֿאַרטרייבן פֿון זיך די שלעכטע געדאַנקען. ער איז איצט נישט געווען גרייט צו אַ חשבון מיט גאָט וועגן שולד פֿון דער בלוט־פֿאַרגיסונג. ער האָט געפֿילט ווי טאַמאַראַ נעמט אים אַרום, ווי גוט זי איז, טאַמאַראַ; זי עפֿנט איר הויז פֿאַר יעדן מענטשן און גיט אַוועק אַלץ וואָס זי פֿאַרמאָגט...

טאַמאַראַ האָט גענומען אַלעקסאַנדערס האַנט און אַרויפֿגעלייט אויף אירע ברוסטן. זי האָט צוגעהאַלטן זיין האַנט, אַז דער טייערער אוצר זאָל פֿון איר נישט אַוועק.

נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז געשמאַק געשלאָפֿן. טאַמאַראַ האָט עס געפֿילט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך דערמאָנט דעם מאָסקווער פֿראָנט און די שיינע טעלעפֿאָניסטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ: זי האָט זיך געלייגט לעבן אים אויף אַ שטרויזאַק אין זעמליאַנקע; זי האָט אים געליבט און געוווּנטשן געזונט, און אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן. די שטערן אויפֿן הימל האָבן זיך איבערגעוווּנקען. די האַרמאַטן האָבן אַ גאַנצע נאַכט געקנאַקט. אַלץ אַרום האָט געברענט, אָבער מאַרוסיאַ האָט זיך געוואָלט ליבן מיטן שיינעם לייטענאַנט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו.

טאַמאַראַ האָט מיט אירע שטאַרקע הענט אַרויפֿגעצויגן אַלעקסאַנדערן אויף זיך. ער האָט ווי אין חלום געפֿילט אַז ער שווימט אויף אַ יונגע צעגליטע פֿרוי. זיינע הענט האָבן געגלעט אירע פֿולע ברוסטן, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט דער יונגער טעלעפֿאָניסטן מאַרוסיאַ. יענע איז אויך געווען פֿול מיט גלוסטונג צו אַ מאַן. ער האָט געוווּסט, אַז ער מוז די גוטע פֿרוי אָנזעטיקן מיט ליבע.

נאַטאַשאַ האָט דאָס אַלץ געפֿילט אין שלאָף אָבער זי האָט געלאָזט אַז די גוטע טאַמאַראַ זאָל זיך אָנזעטיקן מיט ליבע. זי האָט געוווּסט, אַז זי מוז זיך טיילן מיטן מאַן מיט אַ צווייטער פֿרוי. נישטאָ קיין מענער און ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן וויל יעדער מענטש לעבן. אויף דעם שטייט די וועלט. עס גייען דורות עס קומען דורות און וועלט — בלייבט וועלט.

קאַפּיטל אַכט

דאָקטאָר אַרטעמאָוו און די מאַסקע

אויף די פראָנטן זענען אָנגעגאַנגען שווערע קאַמפן. די דייטשן האָבן זיך געקלאַמערט אין יעדן וועלדל, אין יעדן שטעטל און דאָרף. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די גוטע רוסישע ערד.

דער היטלעריזם האָט געוואָלט אויסשפּרייטן זיינע ברוינע פליגל איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער די פרייע וועלט האָט זיך פאַראייניקט אים צו פאַרניכטן און אויפן קבר זייגעם אויפבויען אַ נייע, אַ שענערע וועלט.

אינזשיניער אַלעקסיי מוכין איז אָנגעקומען אויפן מאָסקווער־פראָנט אין די טעג ווען די קאַמפן זענען שוין אָנגעגאַנגען ווייט, ווייט פון טולע.

פּולקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט אים באַשטימט אַלס פאַרבינדלער אין דער טעלעפאָן־אָפּטיילונג; ער האָט באַדינט די ערשטע פראָנט־ליניע. מוכין איז נישט געווען קיין דערפאַרענער זעלנער.

ער איז אַריין ווי אין אַ פרעמדער וועלט: יעדע מינוט האָבן דאָ אויפגעבליצט באָמבעס; אַחוץ שווערע אויפרייסן איבער די קעפּ האָט זיך געהערט דאָס כסדר־דיקע שטעפּן פון מאַשין־געווער; אין די גרעסטע שלאַכטן האָט ער זיך געמוזט רוקן פאָרויס מיט די טעלעפאָן־אַפּאַראַטן; די פאַרבינדונג האָט געמוזט אָנגעהאַלטן ווערן פאַר יעדן פרייז; אין דעם איז געווען אָפּהענגיק דער אויסגאַנג פון דער שלאַכט.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט אין וואַלד, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט ביי אַ ברוינער סאָסנע. דעם אַפּאַראַט האָט ער אַוועקגעלייגט ביי דער זייט. ער האָט געמוזט זיין וואַך, אָבער דער שלאָף איז אים באַפאַלן און ער איז איינגעשלאָפן.

אַ דייטשישער פּאַטראָל האָט געמאַכט אַן איבערזיכט איבערן וואַלד. די דייטשע זעלנער האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שלאָפנדיקן רוס. זיי האָבן אים מיט די ביקסן דערלאַנגט איבערן קאָפּ און צוגענומען דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט.

די רוסישע סאַניטאַרן האָבן צוזאַמענגענומען די פאַרוואונדעטע און זיי אָפּ־געפירט אין פעלד־שפּיטאָל.

ביים אינזשיניער אַלעקסיי מוכין האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו מאַכן מיט אים — איבערלאָזן, צי נעמען און אָפּפירן אים אין

פעלדשפיטאָל. איינער פון די סאַניטאַרן האָט אויפגעהויבן אַלעקסייס האַנט און אויסגעשריגן: „ער לעבט!״.

— דער פּולס אַרבעט, לאָמיר אים נעמען אין שפּיטאָל!

☆

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט ליב געהאַט דעם וואַלד. ווי נאָר ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט אין פעלדשפּיטאָל, פלעגט ער אַרויסגיין אויף אַ לאַנגן שפּאַציר אין וואַלד.

דאָ, אין וואַלד, האָט ער זיך געפילט פריי. פייגל האָבן געזונגען, וועווערקעס זענען אַרומגעשפּרונגען אויף די צווייגן, אַלץ אַרום איז געווען פריי.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געטראַכט ווי־אַזוי אַראָפּצוואַרפן די מאַסקע און ווערן צוריק דער אַמאָליקער: מעד.־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

ער האָט וואָס אַ מאָל מער גענומען טראַכטן פון זיין פרוי און טאָכטער. אַלעקסאַנדער האָט אים דערמאָנט זיין משפּחה. איצט האָט ער נאָך מער געבענקט נאָך זיי.

ער איז געוואָרן מיד פון שפּאַציר און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ ווייסער בעריאָזע. פייגל האָבן אויסגעזונגען זייער פרימאָרגן־שירה, אַ כמאַרע בינען האָט זיך דורכגעטראָגן מיט רעש...

ער האָט געזען ווי פון ווייטן לויפט צו אים אַ סאַניטאַר — נייעס — האָט ער פאַרשטאַנען. דער סאַניטאַר האָט שנעל געמאָלדן: „פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו בעט אייך שנעל קומען. מען האָט געבראַכט אַן אָפיציר פון פאַרבינדונגס־דינסט, אַ שווער פאַרוווּנדעטן אינזשיניער. מען דאַרף אים ראַטעווען דאָס לעבן.״

— כ׳קום גלייך!

מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין צום פעלדשפּיטאָל. דאָרט איז געשטאַנען די שוועסטער טאַניאַ. זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָרטפעל מיט בילדער פון דעם שווער פאַרוווּנדעטן אָפיציר.

ער האָט דעם פּאָרטפעל מיט די בילדער אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און צוגעגאַנגען גלייך צום פאַרוווּנדעטן.

ווי נאָר ער האָט אָנגעקוקט דעם פאַרוווּנדעטן אָפיציר, האָט ער גלייך דערקענט דעם אינזשיניער אַלעקסיי מוכין, דעם ערשטן מאַן פון זיין נאַטאַשאַ.

ער האָט גענומען אים ראַטעווען, אָבער יעדע הילף איז שוין געווען צו שפּעט. אינזשיניער אַלעקסיי מוכין איז געשטאָרבן אויף זיינע הענט.

די סאַניטאַרן האָבן צוגענומען דעם טויטן קערפּער פון מוכינען און געטאָן אים זיין רעכט. ווידער איז אויסגעוואַקסן אַ בערגל פרישע ערד אין דעם וואַלד.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אַריין צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אייזערנעם בעטל און אַרויסגענומען דעם פאַרבליבענעם פּאָרטפעל פונעם טויטן.

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן באַקאַנטע, היימישע בילדער: אַלעקסיי

און נאַטאַשאַ, ביידע סטודענטן, האַלטן זיך אַרומגענומען; נאַטאַשאַ האַלט דעם קאָפּ אָנגעלעגט אויף אַלעקסייס אַקסל; אירע אויגן זענען ברייט צעעפנט.

יאָרן, גוטע יאָרן, פול מיט משפחה־גליק. אָט איז זיין פרוי אַנאַ אין דער מיט פון אַ בילד. לעבן איר, איז ער אַליין, פּאַוועל, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. וויפל יאָרן זענען שוין דורך? אויף זיין פּנים, אין דער פרעמדער מאַסקע, איז געווען אויסגעגאָסן באַדויער, צער און ווייטיק.

ס'איז אַריינגעקומען די עלטערע שוועסטער טאַניאַ. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. דער פּאָרטפעל מיט די בילדער איז אַרויסגעפאַלן פון דאָקטאָרס האַנט. די בילדער זענען איצט געלעגן אויף דער ערד. די שוועסטער האָט זיי אויפגעהויבן צוזאַמען מיטן פאַרבלוטיקטן פּאָרטפעל.

— זעסט, טאַניאַ, די בילדער. עס זענען אַ מאָל געווען גוטע יאָרן, ווען קינדער האָבן געלערנט און איך בין געווען אַ מעדיצין־פאָרשער. היינט איז אַ גרויסע מלחמה: ווער האָט געבראַכט די מלחמה, אַז נישט דער סאָוויעטישער רעזשים, מיטן פּאָטערל, דעם גרויזאַמען דיקטאַטאָר? ביידע דיקטאַטאָרן האָבן זיך צוזאַמענגערעדט... און עס גיסט זיך אומשולדיק בלוט. זענען די ענגלענדער, די פראַנצויזן נישט געווען פאַר אונדז קיין בעסערע קאַמעראַדן, ווי די דייטשן? יאָ, מיין ליבע טאַניאַ, די ענגלענדער און די פראַנצויזן זענען גרויסע דעמאָק־ראַטן. זיי זענען געווען אונדזערע פריינד און נישט די דייטשן, וואָס האָבן ביי אונדז געזוכט לעבנסרוים.

— זעסט, טאַניאַ — האָט דער דאָקטאָר גערעדט מיט צער — עס פאַלן אונדזערע בעסטע זין... אַלעקסיי איז געוואָקסן אויף מיין שויס לעבן מיין טאָכטער, נאַטאַשאַ. כ'האָב פון זיי דערוואַרט גליק און וואָס האָב איך באַקומען? מיך האָט מען פאַרשפּאַרט אין די רויטע וואַגאָנען און געפירט, ווי מען פירט פי, אין טאַגילער לאַגער. איז דער לאַגער דיר באַקאַנט, קענסט די בילדער פון דאָרט! מיר ווען זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן... מיין אָרעם לעבן האָב איך דיר צו פאַרדאַנקען, נאָך איין מינוט — און כ'וואָלט אונטערן בוים געבליבן טויט. נאָר דו, געשיקט פון גאָט, האָסט מיר צוריקגעגעבן מיין לעבן...

— ווי איך באַדויער אָפּט וואָס איך לעב! אפשר וואָלט מיר בעסער געווען אין די הימלען? דאָרט וואַקסן נישט אויס אַזוי פיל בערגלעך אין וואַלד...

— דאָקטאָר, וואָס איז אייך היינט? כ'האָב מורא פאַר אייך. איר דאַרפט נישט רעדן, אויב איר ווילט נישט צוריק אין די לאַגערן, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק...

— איך ווייס, איך ווייס, נאָר היינט האָט מיר דער יונגער מענטש, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין, דערמאָנט יענע יאָרן ווען עס האָט זיך געלוינט צו לעבן, ווען די זון איז געשטאַנען ביי מיין פענצטער... קינדער האָבן זיך געשפּילט און גע־טאַנצט און היינט... קינדער וויינען נאָך זייערע פאָטערס און פרויען באַוויינען זייערע מענער און פון די הימלען פאַלן אייזערנע פייער־רייפן און דו זעסט נישט קיין פרילינג־זון נאָר אַ הימל רויט פון בלוט...

— שוין נישט לאַנג, דאָקטאָר וועט דויערן די מלחמה. אונדזערע טרייבן די דייטשן פון דער רוסישער ערד. מיר וועלן צוריק אַריין אין ציווילן לעבן. מיר וועלן פאַרגעסן פון טאָגילער לאַגער. קינדער וועלן זיך ווייטער שפּילן אין די גערטנער און אויף די גאַסן...

— און דער רעזשים וועט אַזוי בלייבן, מיט די פאַלשע צוזאָגן?...

— איך ווייס נישט, איך האָב נישט צופיל געלערנט, איך פאַרשטיי זיך נישט אויף לעניניזם.

— האָסט ריכטיק געזאָגט, דו ווייסט נישט! — איך ווייס יאָ, נאָר וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין וויסן, אַז כ׳בין נאָר אַ שקלאַף ביים סאָוויעטישן רעזשים. די שוואַרצע אין אַפריקע האָבן מער פרייהייט ווי מיר. זיי האָבן דעם וואַלד, מיטן דזשונגל. מיר האָבן דאָס אויך נישט. וואָס האָבן מיר יאָ? — לאַגערן מיט משוגעים־הייזער.

— דאָקטאָר, איר זייט מיר טייער. הערט אויף צו רעדן. ווענט האָבן אויערן. לאָמיר לעבן און זען וואָס וועט זיין נאָך דער מלחמה.

— דו ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין? די סאָוויעטישע דיקטאַטור וועט ווערן שטאַרקער און מיר וועלן ווערן עלטער און שוואַכער. מיליאָנען מענער וועלן פעלן. זעסט, עס וואַקסן אויס בערגלעך אין וואַלד, ס׳איז אַ שרעק צו קוקן, שוין באַלד נישטאָ קיין אָרט אין די וועלדער פאַר די געפאַלענע.

— אָבער ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו וועט אַ שליידער טאָן די מאַסקע און טרעפן דעם טיראַן אין פּנים...

— עס איז נישט מער ווי שיינע ווערטער!

— דו גלויבסט אין גאָרנישט...

— איך מוז קוקן מיט אָפענע אויגן אויפן לעבן. אויב עס וועלן פאַרקומען ענדערונגען אויף אונדזער רוסישער ערד, וועט עס געשען נישט היינט און נישט מאָרגן. יאָרן וועט עס דויערן. קום, לאָמיר ביידע אַרויס צום פרישן בערגל אין וואַלד. לאָמיר לייגן אים אַ שטיין צוקאָפּנס. ער האָט זיך עס ביי מיר פאַרדינט, מיין אָרעמער אַלעקסיי...

אין וואַלד, צווישן צוויי אַלטע סאָסנעס, אונטערן פריש־אָנגעשיטן בערגל, איז געלעגן אינזשיניער אַלעקסיי מוכין. פּראָפעסאָר מאַסלאָוו איז געשטאַנען אַ געבויגענער איבערן קבר און פון זיינע אויגן האָבן געפלאָסן טרערן. טאַניאַ האָט געבראַכט אַ גרויסן שטיין. דער דאָקטאָר האָט דעם שטיין אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס.

אַ ווילדע פייגל־סטייע האָט אַ פלאַטער געטאָן מיט אַ געקראַקערײַ, פון הימל האָט געגומען זיך זיפּן אַ דראָבנער רעגן. קיין גלאָקן האָבן נישט געקלונגען, קיין גלח האָט נישט געערדט.

האַרמאַטן האָבן געשפּיגן מיט פייער און זעלנער זענען געפאַלן, געפאַלן...

טאַניאַ ליסענסקאַ, די עלטערע שוועסטער, האָט אָנגענומען דעם דאָקטאָר און שפּאַצירט מיט אים צווישן דיביימער אונטערן דראָבנעם רעגן. שפּאַצירנדיק־אַזוי, האָט דאָקטאָר אַרטעמאָוו דערזען ווילדע בלומען. מיט שנעלע טריט, האָט

ער זיך צו זיי דערנענטערט און גענומען זיי רייסן. ווען ער האָט אָנגעריסן אַ סך בלומען, איז ער צוריק צו צום קבר און זיי דאָרט אַוועקגעלייגט.

דער וועג צום פעלדשפּיטאָל איז געווען פאַר אים אַ גיהנום. ווידער האָט מען געבראַכט פון דער ערשטער ליניע אַ סך שווער־פאַרוווּנדעטע. די זעלנער זענען געלעגן אין שווערע שמערצן און געשוויגן. דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אַרומ־געגאַנגען לעבן די פאַרוווּנדעטע און געהאַט פאַר יעדן אַ גוט וואָרט.

פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער, גלייך צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו:

— גוט, וואָס כ׳האָב אייך געטראָפן, דאָקטאָר אַרטעמאָוו. מען האָט מיר געקלונגען פון דער ערשטער ליניע אַז עס איז געטראָפן געוואָרן מאַיאָר טשוואַכין, קאָמאַנדיר פון אַרטילעריע־פּאָלק. שוין ברענגט מען אים, דאָקטאָר, גרייט צו בלוט...

— ס׳איז אַלץ גרייט. ביי מיר זענען דאָ אַלע גלייך. ווי זאָגט זיך עס אין מאַניפעסט פון קאַרל מאַרקס, אַלע גלייך...

— ניין, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, ער איז אַ גרויסער מאַן ביים רעזשים, געדינט דער נקוו״ד.

— מיר איז אַלץ איינס, ווו ער האָט געדינט. כ׳בין אַ דאָקטאָר און כ׳וועל אים היילן גלייך ווי אַלע.

— איר זענט היינט, דאָקטאָר, אויפגערעגט.

— ווייסט איר, פּאַלקאָווניק, פאַר וואָס איך בין אויפגערעגט. איך קום נאָר פון פרישן קבר פון אָפיציר אינזשיניער אַלעקסיי מוכין. ער איז מיר געווען אַ נאָענטער מענטש, ער איז געוואַקסן אויף מיינע קני. ער איז געווען דער בעסטער סטודענט אין טעכניקום און היינט ליגט ער שוין אונטער אַ פריש בערגל אין וואַלד.

— דערפאַר זייט איר היינט נישט מיט אַלעמען. נו, לאָמיר געדענקען, דאָקטאָר, אַז די וואָס לעבן דאַרפן מיר העלפן.

— יאָ, אָבער אָן אויסנאַם. נישטאָ ביי מיר אין שפּיטאָל קיין אויסנאַמען. אַלע זענען גלייך. ווי עס זאָגט זיך אין אינטערנאַציאָנאַל.

— אָט קומט די מאַשין מיט אים. קומט דאָקטאָר.

— איך מוז נישט גיין. די סאַניטאַרן וועלן אים צוברענגען. גיי טאַניאַ גרייט צו בלוט! מיט מיין גאַנצן וויסן, וועל איך אים ראַטעווען. איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיר

— איך דאַנק אייך, דאָקטאָר.

מאַיאָר טשוואַכין איז געלעגן אויפן אָפּעראַציע־טיש. לעבן אים, דאָקטאָר אַרטעמאָוו און די עלטערע שוועסטער טאַניאַ — אין מאַסקעס. דער פאַרוווּנדעטער איז געלעגן שוין אין שלאָף. מען האָט קוים געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געעפנט זיין בויך, אַרויסגענומען אַ שפּליטער פון אַ באָמבע — און צוריק אים פאַרנייט.

נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער זיך אָפּגעוואָשן די הענט מיט ספּירט און אַרויס אין וואַלד. דער רעגן האָט אויפגעהערט צו גיסן, אַ בלויער הימל האָט זיך באַוויזן. ער האָט איצט געוואָלט זיין אַליין מיט זיך נאָך דעם שווערן טאָג, ווען ס׳איז געפאַלן זיין ליבער אַלעקסיי.

ער האָט שפּאַצירט אין וואַלד און פּרובירט זיך דערמאָנען — ווער איז עס דער מאַיאָר טשוואַכין.

יאָ, ער האָט זיך דערמאָנט. מאַיאָר טשוואַכין איז געווען קאָמענדאַנט פון עשעלאָן מיט די רויטע וואַגאָנען, וועלכע האָבן אים געפירט אין לאַגער.

האָב איך געדאַרפט ראַטעווען אַזאַ מענטש ? — ער האָט מיך געפירט אויף אומקום...

די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מאַיאָר טשוואַכין וועט צוריק אַרבעטן אין נקוו״ד. ער וועט ווייטער פירן אָנשטענדיקע מענטשן אין די רויטע וואַגאָנען...

טאָניאַ איז געקומען שנעל צו לויפן :

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, קומט שנעל ! ס׳איז שלעכט מיטן מאַיאָר טשוואַכין.

— בעסער ווען ער שטאַרבט.

— פאַר וואָס, דאָקטאָר ?...

— ער האָט מיך געפירט אין די רויטע וואַגאָנען קיין טאַגיל, כ׳זאָל דאָרט שטאַרבן. נאָר דו, טייערע, האָסט מיר געגעבן דעם ווילן צום לעבן.

— קומט, דאָקטאָר, איך בעט אייך, גיט אים צוריק דאָס לעבן...

— איך קאָן אים זיין לעבן נישט צוריקגעבן. זיין לעבן איז אין גאָטס הענט.

— איך קאָן אים זיין לעבן נישט צוריקגעבן. זיין לעבן איז אין גאָטס הענט.

איך קאָן אים נאָר העלפן.

— טאָ העלפט אים.

— כ׳גיי שוין.

מיט שטילע טריט האָט זיך דער דאָקטאָר צוריקגעקערט אין פעלדשפּיטאָל. ער איז גלייך צו צום אָפּערירטן, געגעבן אים פריש בלוט. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער און ער האָט געעפנט די אויגן. דער דאָקטאָר האָט איצט דערקענט דעם מענטש.

פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז אַריין צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אייזערנעם בעטל. עס האָט אים געגומען מאַטערן דער געדאַנק, אַז איצט וועט דער מאַיאָר טשוואַכין אַראָפּרייסן די מאַסקע פון זיין פּנים און וועט אים איבערגעבן צו נקוו״ד. מען וועט אים געבן טויטשטראָף.

דער טרויעריקער געדאַנק האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. דער מוח איז ביי אים געוואָרן שווער און פאַר די אויגן האָט ער דערזען די בילדער פון יענע יאָרן.

מאָסקווע. נקוו״ד פירט אים צום וואָקזאַל, צו די רויטע וואַגאָנען. ער הערט דעם טומל פון דער מענטשן־מאַסע. אויפן וואָקזאַל ראַיעט מיט נקוו״ד־לייט מיט פאַרשטעקטע רעוואָלווערן אַרום די פּאַסן.

פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו וויל פאַרטרייבן די שלעכטע מחשבות, אָבער זיי לאָזן אים נישט אָפּ. זיין לעבן איז דאָך איצט אין געפאַר — און ער וויל איבערלעבן די מלחמה, ארויס אין דער פרייער וועלט, אַרבעטן ביי זיינע מעדיצין־פאַרשונגען און זען זיין פרוי אַנאַ, די טאָכטער, נאַטאַשאַ מיט איר מאַן, אַלעקסאַנדער.

ער האָט באַשלאָסן נישט געבן מער קיין הילף דעם פאַרוואונדעטן מאַיאָר טשוואַכין. זאָל ער שטאַרבן, ווי עס שטאַרבן מיליאָנען אין די אָפּגעצוימטע לאַגערן.

עס קומט אַריין די שוועסטער, טאַניאַ, אַ פאַרזאָרגטע:

— קומט, דאָקטאָר, מיטן מאַיאָר טשוואַכין איז שלעכט.

— טאָ וואָס ווילסטו פון מיר. וואָס, זאָל איך אים געבן אַ ניי לעבן? אויב ער וועט ווערט זיין, וועט עס אים גאָט געבן.

— כ׳האָב געזען, דאָקטאָר, ווי דער אָרעמער מאַיאָר טשוואַכין האָט אויף אייך געקוקט מיט אויגן פול מיט געבעט: „ראַטעוועט מיר דאָס לעבן״.

— דו, טאַניאַ, ביסט אַ קראַנקן־שוועסטער און ווייסט גוט, וואָס אַ דאָקטאָר קאָן געבן אָן אָפּערירטן.

— כ׳וויס, דאָקטאָר, כ׳וויס. איך בעט אייך, דאָקטאָר, קומט צו אים, איך וויל אַז מאַיאָר טשוואַכין זאָל לעבן.

— ביסט פאַרליבט אין אים?...

— איך ווייס נישט.

— גוט, קום; איך וועל פאַר אים טאָן אַלץ וואָס ס׳איז מעגלעך...

מאַיאָר טשוואַכין איז געלעגן און געשריגן פון יסורים. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט אים געמאַכט אַ מאָרפיום־איינשפּריצונג, אַז ער זאָל קאָנען איינשלאָפן. ער איז טאַקע גלייך איינשלאָפן.

טאַניאַ האָט אַ קוש געטאָן דאָקטאָר אַרטעמאָוו אין שטערן.

— זאָל ער שלאָפן דער אָרעמער. איצט גלויב איך וועט ער לעבן.

— דאָס לעבן פון מענטש איז ביי גאָט אין האַנט, דו ווייסט עס, טאַניאַ.

— איך ווייס נישט. אויף די מאָסקווער גאַסן האָב איך עס נישט געלערנט. דאָרט, אין דער רוישיקער שטאָט, האָב איך זיך פאַרווײַלט מיט שיינע מענער, געטרונקען וויפל עס איז אַריין.

— קענסט נישט פאַרגעסן דאָס געמיינע לעבן.

— מאַיאָר טשוואַכין האָט עס מיר דערמאָנט.

— אַזוי גאָר? ער איז מיט דיר געשלאָפן?

— ווער איז דען נישט געשלאָפן מיט מיר. איך בין געווען אַ גאַסן־פרוי פאַר אַלע...

— אויך איך האָב זיך אַ סך דערמאָנט, דערזעענדיק דעם מאַיאָר טשוואַכין.

— איז ער געווען אייער עשעלאָן־נאַטשאַלניק?

— יאָ, געווען. ער איז געפאָרן איז אַ פאַסאַזשיר־וואַגאָן און מיר אַלע אין די פי־וואַגאָנען. ער האָט אונדז, אַרעסטירטע, אויסגעהונגערט, נישט געגעבן קיין האָלץ און קוילן אויסצוהייצן, דער פראָסט האָט געברענט, געסמאַליעט. מיר

זענען געלעגן אויף די נאַרעס איינגעקורטשעטע פון קעלט און הונגער און דער פאַן מאַיאָר טשוואַכין איז זיך געזעסן אין ברייטן וואַרעמען פאַסאַזשיר־וואַגאָן, אַ זאַטער, איבער די אויערן... אין גאַרקי האָט ער מיך אַריינגערופן. איך האָב געפרעגט, וואָס איז געשען, האָט ער מיר געזאָגט, ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גריפּע־עפּידעמיע און די מענטשן אין די רויטע וואַגאָנען שטאַרבן אויס. אַזוי האָב איך געראַטעוועט מענטשן פון אומקום.

— איצט איז דער פאַן מאַיאָר טשוואַכין מיין פּאַציענט. ער ליגט ביי מיר אין פעלדשפּיטאָל און איך דאַרף אים געבן הילף. יאָ, שוועסטער טאַניאַ, דאָס לעבן פון מענטש דרייט זיך, ווי אונדזער ערד. איצט פאַרשטייסטו פאַר וואָס מאַיאָר טשוואַכין האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן ?... ער האָט זיך זיכער דערמאָנט יענע צייט, ווען איך בין פאַר אים נישט ווערט געווען קיין שוועבעלע...

— דאָקטאָר, לאָמיר פאַרגעסן פון יענער צייט. לאָמיר האָפן, אַז יענע צייט וועט זיך מער נישט צוריקקערן.

— איך ווייס נישט. עס קאָן זיין יאָ און נישט. איך האָב מורא, טאַניאַ, פאַר די מענטשן פון נקווי״ד.

— און ווער האָט נישט מורא פאַר זיי ? זיי האַלטן אויף דעם רעזשים, וואָס ברענגט אונדז נישט קיין גליק.

— ביסט אַ גוטע, טאַניאַ. ביסט געווען גוט צו מיר אין טאַגילער לאַגער און אויך דאָ, אויף דער פראָנטליניע, פאַרשטייסטו מיך. דערפאַר וועסטו ביי מיר שטענדיק זיין די גוטע טאַניאַ.

— נאָך דער מלחמה וועט איר מיך אָוועקוואַרפן און פאָרן צו דער משפחה.

— איך וועל דיך מיטנעמען אויף אַלע מיינע וועגן. דו וועסט זיין מיין עדות, וועסט מיר העלפן ציען דעם פאָדעם פונעם לאַגער. דו האָסט מיר געבראַכט דאָס לעבן אויף אַ גאָלדן טעלערל. דער בוים איז געפאַלן און איך לעב און דו לעבסט — און מיר וועלן ווייטער לעבן. נאָר אַזעלכע מענטשן ווי מאַיאָר טשוואַכין דאַרפן נישט זיין צווישן אונדז.

— זאָל ער לעבן און זען, ווער עס האָט אים צוריקגעבראַכט צום לעבן.

— ביסט גערעכט, טאַניאַ. זאָל ער לעבן און קומען אויף אַנדערע הענט נישט אויף די הענט פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

מאַיאָר טשוואַכין האָט נאָך עטלעכע שעה שלאָפן אויפגעוואַכט... עפענענדיק די אויגן, האָט ער דערזען לעבן זיך דעם פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו.

דער דאָקטאָר האָט אים געגעבן אַ לייכטן פּאַטש אין באַק :

— איצט, מאַיאָר טשוואַכין, וועסטו שוין לעבן. ביסט שוין אַרויס פון געפאַר, כ׳האָב מורא, אַז דו וועסט מיך וועלן צוריקפירן אין די רויטע וואַגאָנען אינעם טאַגילער לאַגער.

מאַיאָר טשוואַכין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ניין — האָט ער געזאָגט שטילערהייט — מיר זענען אַלע געוואָרן אָפּגעניאַרט. די רוסישע ערד איז דורכגעווייקט מיט אומשולדיק בלוט. די מלחמה

האָט עס באַוויזן, אַז מיר זענען נישט געווען גרייט. די בעסטע זין פֿאַלן אויף די פראָנטן.

— איצט ביסטו ווערט מאַיאָר טשוואַכין, אַז איך זאָל דיר דריקן די האַנט. איצט זעסטו וויפֿל אומשולדיקע מענטשן דער רעזשים האָט אומגעבראַכט: מאַרשאַלן, גענעראַלן, פּראָפעסאָרן, אינזשיניערן, טעכניקער און אַרבעטער. פֿאַר דער קלענסטער סתירה האָט מען מענטשן צוגענומען פֿון זייערע, וואַרעמע היימען און פֿאַרשיקט אין לאַגערן אויף אומקום.

— איך באַדויער זייער מיין אַרבעט, פּראָפעסאָר...

— איך בין נישט מער פּראָפעסאָר. איך בין דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי אַלץ!

פּראָפֿ׳ מאַסלאָוו האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פֿול מיט זאָרג. ער האָט נישט געגלויבט טשוואַכינען, אַז ער וועט שווייגן און אים נישט אויסגעבן פֿאַר דער מאַכט. מענטשן וואָס דינען דעם טייוול טאָר מען נישט גלויבן.

דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן אַוועקצושיקן טשוואַכינען מיטן ערשטן טראַנס־פּאָרט אין הינטערלאַנד. ער טאָר דאָ נישט זיין אין פֿעלדשפּיטאָל. נאָך עטלעכע טעג אָפּליגן אין בעט האָט מאַיאָר טשוואַכין שוין געקאָנט אַראָפּגיין. ער איז אַרויס אין וואַלד אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן.

פּולקאָווניק יאַקאָוולעוו איז אים אַנטקעגנגעקומען.

— עס פֿרייט מיך אַזוי אַז איך זע דיך אַ גייענדיקן. דאָס אַלץ אַ דאַנק דאָקטאָר אַרטעמאָוו — האָט יאַקאָוולעוו אַקצענטירט. ער האָט עס פֿאַר דיר געטאָן.

— יאָ ער האָט פֿאַר מיר געטאָן פֿיל און איך פֿאַר אים — אַזוי ווייניק

— כ׳פֿאַרשטיי דיך נישט, מאַיאָר טשוואַכין. רעד, איך זאָל דיך פֿאַרשטיין.

— איר ווייסט, פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, ער איז פּראָפֿ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו.

— כ׳פֿאַרשטיי דיך ווידער נישט. ביסט אָפּגעשוואַכט נאָך דער אָפּעראַציע. איינער פֿון הונדערטער בלייבט לעבן אין דעם צושטאַנד. דיין מזל, אַז דו ביסט געבליבן לעבן. דיין גאַנץ לעבן וועסטו דאַרפֿן דאַנקען אונדזער גרויסן דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אַז דאָס איז נישט דאָקטאָר אַרטעמאָוו, נאָר פּראָפֿ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו.

— לאָמיר אַ קוק טאָן, צי דו האָסט נישט קיין היץ. דו זעסט אויס ווי דו וואָלסט גערעדט נישט גלייך.

— איך רעד וואָס איך ווייס.

— וואָס ווייסטו, לאָמיר הערן.

ס׳איז געווען אין יאָר 1937, ווינטער. איך האָב געפֿירט דעם עשאַלאָן מיט די רויטע וואַגאָנען פֿול מיט (ווערדיטעלעס) קעגנער פֿון סאָוויעטישן רעזשים. אין איינעם פֿון די וואַגאָנען איז געזעסן פֿאַרשפּאַרט מעד.־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו — דער פּאָליטישער פֿאַרברעכער.

— נו, עס ווערט אינטערעסאַנט. לאָמיר הערן...

— איך האָב געפירט דעם עשעלאָן מאָסקווע — טאַגיל. דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געווען מיין אַרעסטאַנט.

— דו פלאָנטערסט. דו פאַרדרייסט מיך ווידער און איך קאָן שוין ווידער נישט פאַרשטיין.

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין. דאָקטאָר אַרטעמאָוו לעבט אונטער אַ מאַסקע.

— דאָס איז אַלץ? — און איך וואָלט געוואָלט, אַז אונדזער לאַנד זאָל האָבן טויזנטער אַזעלכע דאָקטוירים, ווי עס איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— אָבער אַ מענטש מיט אַזאַ פאַרגאַנגענהייט טאָר נישט זיין צווישן אונדז.

— איך פאַרשטיי דיך איצט ווידער נישט. וועסט מיר מוחל זיין, איך זע נישט קיין שום שלעכטס פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. איך בין מיט אים געווען אויפן פינישן פראָנט, אין יאָר 1940, און איצט גיי איך מיט אים האַנט־ביי־האַנט אין דער פאַטערלענדישער מלחמה מיט די דייטשן. ער אַרבעט טאָג און נאַכט ביים ראַטעווען דאָס לעבן פון אונדזערע רויט־אַרמייער. אויך דיין לעבן האָט ער געראַטעוועט.

— איינס האָט נישט צו טאָן מיטן צווייטן. דאָקטאָר אַרטעמאָוו לעבט אונטער אַ מאַסקע.

— איז וואָס ווילסטו פון אים. זאָל ער לעבן אונטער צען מאַסקעס, אַבי ער גיט לעבן אונדזערע סאָלדאַטן.

ניין, ניין. ער טאָר דאָ נישט זיין. דאָ איז נישט זיין אָרט.

— טאָ ווו איז זיין אָרט?

— אין לאַגער!

— איך בעט דיך, מאַיאָר טשוואַכין, לאָז אָפּ. איצט איז מלחמה. מיר דאַרפן אים האָבן דאָ אין פעלדשפיטאָל, אַזוי ווי אַ מענטש דאַרפט לופט — און אויב מען וועט אים פון דאַנען צונעמען, גיי איך מיט אים.

— וואָס האָט איר געזאָגט, פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו?..

— איך האָב געזאָגט, זאָלסט זיך אַ קניפּ טאָן אין באַק, אַז די פאַרב זאָל שטיין. ער האָט ביי דיר פאַרדינט זיין לעבן. איצט נעמט מען אַרויס מענטשן פון די לאַגערן און מען שיקט זיי אין שטראָף־באַטאַליאָנען אויפן פראָנט.

— אָבער ער איז אַ געפערלעכער מאַן פאַר אונדזער רעזשים.

— לאָמיר איצט וועגן דעם נישט רעדן.

— איך ווייס נישט, צי וועט זיך מיר איינגעבן צו האַלטן דעם סוד. אויף אונדזער סאָוויעטישער ערד זאָל לעבן אַ מענטש אונטער אַ מאַסקע?...

— איך בעט דיך נאָך אַ מאָל: רעד נישט מער וועגן דעם. וועסט קומען אין הינטערלאַנד זאָלסטו אים נישט אויסגעבן, אַז נישט, וועט אונדזער פעלד־שפיטאָל פאַרלירן אַ גרויסן מענטש... מיר האָבן שוין גענוג מיליאָנען מענטשן פאַרלוירן, איצט איז נישט די צייט צו קאָנטראָלירן „ווער איז ווער"...

— איך שעץ אייך, פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו... איך וועל שווייגן — אויב איר ווילט אַזוי...

— יאָ, איך וויל עס. ער איז אונטער מיין קאָמאַנדע און איך בין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך. איך אַליין זע נישט גאָר קיין שלעכטס אין אים קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים.

— די מענטשן גראָבן אונטער דער ערד, ווי ווערעם...

— לאָז מיך שוין אָפּ מאַיאָר טשוואַכין מיט דיין פילאָזאָפיע. מיין פילאָזאָפיע איז צו טרייבן די דייטשן אַ היים צוריק צו געטען, און וואָס שנעלער באַפרייען אונדזער רוסישע ערד פון די פאַרכאַפּער...

— איך וועל שווייגן, אַזוי לאַנג ווי איך וועל קאָנען...

— איך פאַרשטיי דיך ווידער נישט ?

— מיין אַרבעט דערלויבט נישט צו לאָזן אויף דער פריי אַ מענטש אין אַ מאַסקע.

— טו ווי דו ווילסט. איך מוז שוין גיין.

מאַיאָר טשוואַכין איז צוריק אַריין אין זיין צימער און זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז אַריין אין שפּיטאָל. ער האָט געזוכט דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו. ער האָט געוואָלט ווי אַ פריינד וואָרענען דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו, דערציילן וואָס עס גרייט זיך אויף אים.

אין לאַנגן קאָרידאָר האָט ער געטראָפן די שוועסטער טאַניאַ. ער האָט איר אָפּגעשטעלט.

— איך בעט דיך, שוועסטער טאַניאַ, ווו איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו ?

— ביי זיך אין צימער.

מיט שנעלע טריט איז פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו אַוועק צום דאָקטאָר.

די שוועסטער טאַניאַ איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט געפילט לויט די רייד פון פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַט... ווי נאָר ער איז אַריין צום דאָקטאָר איז זי געבליבן שטיין הינטער דער טיר. זי האָט צוגעלייגט אַן אויער כדי צו הערן דעם געשפּרעך.

— גוט, וואָס כ׳האָב אייך געטראָפן, דאָקטאָר אַרטעמאָוו...

— וואָס איז געשען ?

— דערווייל נאָך גאָרנישט, נאָר עס קאָן געשען.

— עס ווערט אינטערעסאַנט. איך הער אייך.

— נאָר וואָס האָט מיט מיר גערעדט מאַיאָר טשוואַכין. ער האָט מיר דערציילט פון אייך, דאָקטאָר, נישט קיין אָנגענעמע זאַכן, אַז איר לעבט אונטער אַ מאַסקע. איז עס אמת, אַז איר, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, לעבט אונטער אַ מאַסקע ?

— יאָ, מיין בעסטער פריינד. איך לעב אונטער אַ מאַסקע. אַזוי האָט געוואָלט דער סאָוויעטישער רעזשים. דאָס איז נישט מיין שולד. דאָס לעבן איז מיר אַזוי געגאַנגען, אַז אויפן וועג אין לאַגער איז געשטאָרבן דאָקטאָר אַרטעמאָוו, דער

באַרימסטער פּרויען־דאָקטאָר פון מאָסקווע — און איך האָב אָנגעטאָן זיין מאַסקע.

— איך האָב אייך ליב, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, פאַר אייער אמת. איר רעדט צו מיר פריי, ווי אַ מענטש צו אַ מענטש. איצט טאָרן מיר נישט פאַרלירן קיין איין מינוט. איר, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון מאַיאָר טשוואַכין און ער, אַזאַ „סוואָלאָטש", וויל אייך אומברענגען. ער וויל אייך איבער־געבן דעם נקוו״ד. — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט.

— מיין ליבער פריינד, מיר האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט שווייגן, אַז קיינער וועט פון מיין סוד נישט וויסן און ווי נאָר ער איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט, האָט ער שוין אויסגעפּלאַפּלט פאַר אייך, פאָלקאָווניק יאַקאָווליעוו.

— יאָ, פּראָפ׳ מאַסלאָוו, איך וויל אייך אויסהיטן. וואָס טוט מען?

— מאָרגן שיק איך אים אָפּ אין הינטערלאַנד.

— מיינט איר, פּראָפעסאָר, אַז ער וועט דאָרט שווייגן?

— זאָל ער דאָרט טאָן וואָס ער וויל. כ׳בין שוין גרייט אויף אַלץ.

— רעדט נישט אַזוי. איך וועל אייך פון דאַנען נישט אָפּלאָזן. כ׳בין גרייט מיט מיינע אייגענע הענט אים צו דערהרגענען... אַבי איר זאָלט לעבן. וואָס פאַראַ נוצן קאָן איצט פון אים האָבן דער פראָנט? גאָר נישט! איר זייט דער גרויסער געלערנטער. פאַר אייך וועל איך גיין אין פייער.

— אַ סך, גאָר אַ סך גרויסע מענטשן האָט דער סאָוויעטישער רעזשים אומ־געבראַכט און אויף מיר לויערן זיי אויך. איך האָב נישט קיין רו. איך האָב אים דאָס לעבן געראַטעוועט און ער וויל מיך אומברענגען...

— לאָמיר איצט וועגן דעם נישט רעדן. עס בלייבט, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, אַז מאָרגן וועט איר אים אָפּשיקן אין הינטערלאַנד.

— יאָ, אַזוי איז עס. מאָרגן וועט ער פאַרלאָזן אונדזער שפּיטאָל.

פאָלקאָווניק יאַקאָווליעוו האָט פאַרלאָזט דאָס צימער פון פּראָפ׳ מאַסלאָוו מיט אַ שווער האַרץ.

די עלטערע שוועסטער טאַניאַ איז געשטאַנען הינטער דער טיר און אַלץ אויסגעהערט. פאַר איר איז איצט געווען קלאָר, אַז מאַיאָר טשוואַכין האָט דערקענט דעם דאָקטאָר און ער וועט אים איבערגעבן אין די הענט פון דער נקוו״ד. זי האָט באַשלאָסן צו האַנדלען שנעל. זי האָט גענומען גרייטן עסן פאַרן מאַיאָר טשוואַכין. זי האָט אין זיין זופּ אַריינגעטאָן אַ שלאָף־פּראָשעק, אַז ער זאָל שלאָפן און געבן רו דעם גוטן דאָקטאָר. זי האָט קיינעם גאָרנישט דער־ציילט. אַלץ האָט זי געטאָן אויף דער אייגענער האַנט...

אין אָוונט ווען דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געמאַכט אַ באַזוך ביי די פאַרווונ־דעטע איז ער שטיינגעבליבן ביים בעט פון מאַיאָר טשוואַכין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. ער האָט אין זיין פּנים דערקענט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים אָפּגע־שטעלט. ער האָט גערופן די עלטערע שוועסטער טאַניאַ. זי איז גלייך געקומען אויף זיין רוף.

— וואָס איז געשען — האָט זי געפרעגט.

— מאַיאָר טשוואַכין לעבט נישט מער. גיי רוף די סאַניטאַרן זיי זאָלן אים טאָן זיין רעכט...

איצט האָט די שוועסטער טאַניאַ אָפּגעאָטעמט. נישטאָ שוין די זאָרג, אַז מען וועט ביי איר צונעמען איר דאָקטאָר אַרטעמאָוו. איין מאָל האָט זי אים געראַטעוועט דאָס לעבן אין לאַגער, ווען ער האָט זיך געוואָלט וואַרפן אונטער אַ פאַלנדיקן בוים. איצט, ווען עס האָט געדראָט אַ סכנה דעם גוטן מענטש און גרויסן דאָקטאָר ווידער פאַרשיקט צו ווערן אין אַ לאַגער פון וואַנען מען קומט מער נישט צוריק, האָט זי נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק.

די סאַניטאַרן זענען געקומען, זיי האָבן צוגענומען טשוואַכינס טויטן קערפּער און אים געטאָן זיין רעכט.

ביי נאַכט, ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, האָט דאָקטאָר אַרטעמאָוו באַקומען אַ באַפעל פון שטאַב פאַרויסצוגיין מיטן פאָלק, ווייל די רויטע אַרמיי האָט זיך גערוקט שנעל פאָרויס.

צו מאָרגנס איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו מיט זיין פעלדשפּיטאָל אָנגעקומען אויף אַ נייעם פּלאַץ.

ווידער אַ שול לעבן אַ וואַלד. די ביימער אין וואַלד זאָגן עדות, אַז דאָ זענען פאָרגעקומען שווערע קאַמפן. זיי שטייען אָפּגעסמאַליעטע, שוואַרצע ווי קויל. שוואַרץ איז די ערד אַרום. אַלץ איז אָפּגעברענט. דאָקטאָר אַרטעמאָוו גיט אַרויס באַפעלן און ווידער שטעלט מען אויף בעטן אין דער האַלב־חרובער שול. פון פראָנט ברענגט מען פאַרוואונדעטע. די אַרבעט הייבט זיך אָן ווי ביי די פויערים — פון זונאויפגאַנג. די שוועסטער טאַניאַ גייט אַרום דאָקטאָר אַרטעמאָוו ווי אַ פאַרליבט קינד. אין איר האַרץ איז פאַרבאָרגן אַ גרויסער סוד. זי וועט דעם סוד פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן. זי האָט זיך געגנוג אָנגעליטן אין די לאַגערן פון די מענטשן פון נקוו״ד. זי וועט דעם סוד נישט דערציילן אַפילו פאַרן דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

פון אַלע פראָנטן קומט אָן גוטע נייעס. די דייטשן ווערן געטריבן, די רוסישע ערד ווערט פריי.

מענטשן מיט פרייע געדאַנקען, מיט אַ ווילן צו אַ דעמאָקראַטיש לעבן — לעבן אויף. שוין נישט לאַנג — טראַכטן זיי — וועט שלאָגן די שעה און די וועלט וועט באַפרייט ווערן פון נאַציזם און פון דיקטאַטאָרן — רעכטע, און לינקע.

פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז געקומען באַגריסן דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו אויפן נייעם אָרט. ווען ער האָט אים געטראָפן, אין דער דאָקטאָר געווען מיד פון די אָפּעראַציעס, וואָס ער האָט שוין געהאַט באַוויזן דורכצופירן ביי די פאַרוואונדעטע זעלנער.

— זייט באַגריסט דאָקטאָר אַרטעמאָוו אויפן נייעם אָרט — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק — האָט איר אָפּגעשיקט טשוואַכן אין הינטערלאַנד?

— יאָ, ער איז נעכטן אָוונט געשטאָרבן.

— אָ, וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר ?...

— יאָ, ער איז געשטאָרבן נעכטן אָוונט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל נישט אַראָפּגיין פון בעט, ווייל ער האָט געמוזט ליגן, אָבער ער איז געקראָכן מיט אַ שטעקן אין האַנט... האָט זיין האַרץ נישט אויסגעהאַלטן...

— בעסער אַזוי, זאָל אים די ערד גרינג זיין. מיר דאַרפן לעבן, העלפן דעם פראָנט. סיי ווי סיי וואָלט אונדזער לאַנד פון אים קיין שום נוצן נישט געהאַט. אַזעלכע מענטן לעבן אויפן חשבון פון אונדז אַלעמען. ווי האָט איר זיך איינגעאָרדנט אויפן נייעם אָרט ?

— איר זעט, פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו, דעם וואַלד ? אַלץ אַרום איז שוואַרץ ; וואָס ווייטער, אַלץ מער חורבות ; די דייטשן פאַרברענען אַלץ ביים אָפּטרעטן. זיי זענען ערגער פון די ווילדע אין דזשונגל. זיי האָבן פאַרניכטעט אַלע יידן. מען טרעפט נישט קיין איין ייד אויף די באַפרייטע וועגן.

די טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ מאַטאַרינאַ איז געקומען צו לויפן אַ פריילעכע גלייך צום דאָקטאָר.

— דאָקטאָר, כ׳האָב נאָר וואָס דערהאַלטן אַ בריוו פון אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו, ער בעט אייך אויפזוכן און איבערגעבן אַ גרוס.

— איך דאַנק דיר פאַרן גרוס, מאַרוסיאַ — אַלעקסאַנדער איז אַ פיינער מענטש.

— אָ יאָ, ער איז אַ לייטישער מענטש. כ׳האָב אים ליב...

— ווער נאָך האָט אים ליב ?...

— ווי איך ווייס, די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— אָ יאָ, יאָ. אמת... וועט אירביידע ליב האָבן איין מאַן.

— איז וואָס ?... די אַראַבער האָבן צו פיר ווייבער.

— אין סאָוויעטנפאַרבאַנד טאָר מען נישט האָבן קיין צוויי ווייבער.

— און האָבן פינף געליבטע מעג מען יאָ ?

— וואָס שרייבט ער, אַלעקסאַנדער ?

— נעמט דעם בריוו און לייענט.

— מען טאָר נישט לייענען קיין פרעמדע ליבע־בריוו.

—אַלעקסאַנדער שרייבט נישט וועגן ליבע, נאָר וועגן אַרבעט. ווידער אַרבעט ער אין פאַבריק און ער גלויבט, אַז די מלחמה וועט שוין לאַנג נישט דויערן. ער שרייבט, אַז מען עסט אַמעריקאַנער פּראָדוקטן, מען טראָגט אַ קיטל פון אַמעריקאַנער שטאָף. די אַמעריקאַנער זענען רייך, זיי האָבן אַלץ.

פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט גענומען דאָס וואָרט :

— מיר זענען אויך רייך, נאָר אונדזערע פירער ווילן מיט צוואַנג בויען סאָציאַליזם און מיט צוואַנג קאָן מען קיין לעבן נישט בויען.

עס איז אַריינגעקומען טאַניאַ און שטיל געזאָגט צום דאָקטאָר :

— דאָס עסן איז גרייט, גייט עסן, דאָקטאָר.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט דערלאַנגט די האַנט דעם פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו און דער טעלעפאָניסטין, מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ — אַ קניפּ געטאָן אין בעקל ער האָט זיי פאַרלאָזט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

דאָס קליינע צימער, אין וועלכן ס׳איז אַ מאָל געזעסן דער שול־דירעקטאָר און געקנעלט מיט די שילער מאַרקסיזם־לעניניזם און וועלט־קאָמוניזם, איז געווען האַלב־חרוב, אָן פענצטער. דער ווינט האָט דאָ געבאַלעבאַטעוועט. ס׳איז שווער געווען פאַרן דאָקטאָר דאָס זיצן ביים קליינעם טישל און עסן פרישטיק. גאָר שנעל, האָט אַרטעמאָוו אָפּגעגעסן פרישטיק און אַרויס אין וואַלד. ער האָט ליב געהאַט דעם וואַלד. דאָס געזאַנג פון די פייגל האָט אים דערמאָנט זיין היים, די פרוי און טאָכטער. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין אַלעקסייען, אינעם בריוו וואָס אַלעקסיי האָט געלאָזט פאַר זיין צווייטער פרוי, דער בעקערין טאַמאַראַ ליסענקאָ. שפּאַצירנדיק, איז ער צוגעגאַנגען צום שטאַב און דעם בריוו אָפּגעשיקט קיין אָכאַנסק. איצט איז ער שוין רויק אַוועק אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר. ער האָט זיך באַוויגן לאַנגזאַם צווישן אָפּגעסמאַליעטע ביימער און גראָזן. פון אַלץ האָט זיך געטראָגן דער ריח פון שוואַרצן טשאַד. בלויז דער בלויער הימל האָט אים דערמאָנט אין דער לעבעדיקער וועלט. זונ־שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די אָפּגעברענטע צווייגן. ער האָט מער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין געלע וועווערקעס מיט די לאַנגע וויידלען, נישט געהערט קיין געזאַנג פון וואַלד־פויגל. אַפילו קיין ווערעמל האָט ער נישט געזען אויף די ביימער. אַלץ, אַלץ האָבן די דייטשן פאַרברענט, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט די יידן.

זיין געדאַנק האָט זיך „פאַרטשעפּעט״ אינעם טויטן מאַיאָר טשוואַכין.

זיין געדאַנק האָט זיך „פאַרטשעפּעט״ אינעם טויטן מאַיאָר טשוואַכין.
בעסער, אַז ער איז געשטאָרבן — האָט דאָקטאָר אַרטעמאָוו געטראַכט — ער וואָלט מיך געווען צוריק אַריינגעפירט אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער. גייענדיק, איז ער געוואָרן מיד. אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרהאַלטן לעבן אַן אָפּגעסמאַליעטן בוים. ביי זיינע פיס איז דורכגעלאָפן אַ קליין מייזל. אָט, דאָס לעבט. עס האָט זיך זיכער באַהאַלטן אונטער דער ערד.

די זון האָט געשיט גאָלדענע שטראַלן. אין אָפּגעסמאַליעטן וואַלד איז געוואָרן ליכטיק און וואַרעם. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געזוכט אַן אָרט אָפּצורוען זיין מידן גוף. נישט ווייט פון אַן אָפּגעסמאַליעטן בוים, איז געליגן אַ גרויסער שטיין. דער שטיין, ווי דער גאַנצער וואַלד, איז געווען שוואַרץ. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געמוסטערט די וועבן פלענער. ווי־אַזוי וועט ער זיך טרעפן מיט דער משפחה? עס האָט אים אַ צי געטאָן ס׳האַרץ. אַזוי פיל יאָרן שוין נישט געזען די פרוי און די טאָכטער. נאָך גוט, אַז די טעלעפאָניסטין האָט אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון אַלעקסאַנדערן. אפשר זאָל ער אַוועק פון פעלדשפּיטאָל? איך וועל בעטן מיך אָפּצושיקן אין הינטערלאַנד — האָט ער ווייטער פּלאַנירט — איך בין

שוין געוועזן געגנוג אויף דער ערשטער פראַנטליניע, זאָלן קומען יונגערע שמעקן פולווער.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געוועזן אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי ס׳איז צו אים צוגעקומען די טעלעפאָניסטן, מאַרוסיא טאַטאַרינאַ. זי איז שטיינגעבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ ביסל אַ פאַרשעמטע. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זי דערזען לעבן זיך. די שיינע טעלעפאָניסטן האָט געהאַט גרינע אויגן וואָס האָבן אים דערמאָנט אין זיין פרוי אַנאַ.

— דאָקטאָר — האָט זי קוים אַרויסגערעדט — כ׳בין איך געקומען בעטן אַ באַפרייונג אויף צען טעג. כ׳וויל פליען צו אַלעקסאַנדערן.

— איך קאָן דיר נישט געבן אַזאַ באַפרייונג. דו ביסט נישט אונטער מיין קאָמאַנדע, דו אונטערליגסט די קאָמאַנדע פון פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— ער וועט מיר קיינמאָל נישט געבן אַזאַ באַפרייונג...

— פאַר וואָס, מאַרוסיאַ ?...

— ער קריכט צו מיר ביי נאַכט. אַלע גרויסע האָבן ליב צו קריכן צו יונגע מיידלעך...

— איך וואָלט דיך גערן באַפרייט אויף אַ גאַנצן חודש, נאָר איך בין נישט דיין קאָמאַנדיר.

— אפשר איז מעגלעך, אַז איר, דאָקטאָר זאָלט מיר געבן אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין קראַנק.

— איך קאָן דיר נישט געבן אַזאַ באַשטעטיקונג. נאָך דאָס פעלט מיר צו, אָנצוהויבן מיטן רעזשים. היינט איז מלחמה.

— טאָ וואָס זאָל איך טאָן? איך גיי אויס פון ליבע צו אַלעקסאַנדערן.

— איך ווייס, מיידל, אַז ליבע איז נישט קיין שפּיל, אַז מען האָט ליב טוט דאָס האַרץ ווי. נאָר איך, וואָס קאָן איך דיר העלפן? איך האָב אויך ליב געהאַט אַ פרוי און שוין יאָרן ווי איך קען צו איר נישט קומען.

— פאַר וואָס, דאָקטאָר?

— זעץ זיך דאָ לעבן מיר, איך וועל דיר דערציילן. איך ווייס, אַז דו ביסט אַ געבילדעט מיידל, אַ סטודענטין. איך בין געוועזן געליבט און כ׳האָב געליבט, איז געקומען דער שטורעם...

— וועלכער שטורעם?...

— וואַרט אויס! איך מיין די מלחמה...

— איר האָט נאָר וואָס געזאָגט, אַז עס איז געקומען דער שטורעם?...

— יאָ, דער שטורעם פון 1937...

— און מען האָט זי צוגענומען?...

— ביסט גערעכט, האָסט געטראָפן.

— ווו איז זי היינט?

— כ׳ווייס נישט! איין גאָט ווייסט!

— און איר, דאָקטאָר, ליבט נאָך די פרוי?...

— אַוודאי ליב איך זי נאָך און איך וועל זי ליבן מיין גאַנץ לעבן.

— איר קאָנט דאָך פאָרן זי אָפּזוכן...

— דו ביסט נאָך אַ קינד. ווי זאָל איך פאָרן זי זוכן? אין די לאַגערן? פון דאָרט קומט מען שוין נישט צוריק... זי איז געווען אַ שיינע אַזוי ווי דו — האָט ווייטער דערציילט דער דאָקטאָר — זי האָט געהאַט גרינע אויגן, אַ פאַרריסן נעזל, אַזוי ווי דו. אַזוי האָט זי אויסגעזען אין די סטודענטישע יאָרן, ווען מיר זענען אין יאָר 1917 געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט אויף די באַריקאַדן קעגן די קאָזאַקן.

— פאַר וואָס האָט מען זי פאַרשיקט אין לאַגער?

— איך ווייס נישט:

— האָט איר נישט געפרעגט?

— טייערינקע, פרעג נישט. דאָס האַרץ טוט וויי...

— איך פאַרשטיי שוין אַלץ, דאָקטאָר. ביי אונדזער רעזשים טאָר דער מענטש נישט רעדן. מען דאַרף שטענדיק האַלטן אַ פינגער אויפן מויל און פאַרשליסן עס אויף זיבן שלעסער.

— האָסט ריכטיק געזאָגט, עס קומט דיר אַ קוש פאַר די גאָלדענע ווערטער...

— יאָ, דאָקטאָר, דאָס לעבן אונדזערס איז זייער שווער. איך מיין, אַז נאָך דער מלחמה וועט זיך אַלץ ענדערן...

— דו ווילסט זאָגן, מאַרוסיאַ, אַז נאָך דער מלחמה וועט זיין בעסער! ניין, עס וועט בעסער נישט ווערן. פון דיקטאַטור קאָן מען קיין גוטס נישט דערוואַרטן. פאַלקאָוויניק יאַקאָוולעוו זאָגט, אַז עס וועט זיין גוט. וואָס קאָן ער דיר מער זאָגן. מיר אַלע ווילן עס זאָל זיין גוט.

— צי וועט מען ביי אונדז פרעגן?

— ניין, קיינער וועט אונדז נישט פרעגן! דיקטאַטור בלייבט דיקטאַטור. מען וועט אונדז באַגליקן מיט פרישע לאָזונגען, נאָר אויפן טעלער וועט נישט זיין וואָס צו לייגן און דער טיש צום עסן וועט ווי פריער זיין ליידיק.

— טאָ וואָס דאַרפן מיר טאָן, דאָקטאָר? איר זייט דאָך אַ געלערנטער מאַן.

— היינט בין איך נישט מער קיין געלערנטער מאַן. איך בין נאָר דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— איך זע אין אייערע אויגן, אַז איר זייט נישט געווען דער וואָס איר זייט איצט.

— איך קאָן נישט זיין אַנדערש. אַ דאָקטאָר בלייבט אַ דאָקטאָר און נישט מער..

— איר האָט גאָלדענע הענט. פאַלקאָוויניק יאַקאָוולעוו האָט פאַר אייך נישט קיין ווערטער...

ער איז אַ גוטער מענטש. מיר פאַרשטייען זיך. גיי צו אים און בעט אַ באַפרייונג אויף צוויי וואָכן און כאַפּ אַ פלי צו אַלעקסאַנדערן.

— איך גיי.

— זיי געזונט. הערסט ווי די דייטשן הערן נישט אויף צו שיסן... דאָס קלאַפּט אַזוי זייער אַרטילעריע. גיי געזונט, מאַרוסיאַ. דיינע גרינע אויגן האָבן מיר איצט געעפנט דאָס האַרץ צו מיין אַנאַ.
— איך ווונטש אייך איר זאָלט זיך נאָך דער מלחמה טרעפן מיט איר.
— אַ דאַנק דיר, מאַרוסיאַ. דו ביסט אַ וווּיל מיידל. דערפאַר קריכט ער צו דיר, דער אַלטער היגער־פּראָפעסער.
— יאָ, יאָ דאָקטאָר, ווי קאָן איך פון אים אַוועק?
דורך די אָפּגעבערענטע צווייגן, האָבן זונשטראַלן געבלענדט אַרטעמאָווס אויגן. מאַרוסיאַ איז אַ פריילעכע אַוועק צו איר קאָמאַנדיר פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו, וואָס האָט ליב געהאַט וואַרעמען זיינע אַלטע פינגער אין איר פולן מיידלשן בוזעם.
די שוועסטער טאַניאַ האָט געזוכט אַרטעמאָוון אין נייעם פעלדשפּיטאָל. ווו איז ער איצט? — האָט זי זיך אין צימער איז ער נישטאָ... זי איז אַרויס אין וואַלד. ווייט, גאָר ווייט האָט זי געזען אַ מענטשן זיצן אַליין. זי איז געגאַנגען אין יענער ריכטונג. די פאַרסמאַליעטע ביימער און צווייגן האָבן געטריבן פון זיך. קיין שום לעבן האָט זי אין וואַלד נישט געזען. אַלץ איז דאָ אָפּגעשטאָרבן, מען האָט קיין פייגעלע נישט געזען. וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט צום זיצנדיקן מענטשן, איז זי געוואָרן פריילעכער, זי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו אַז זי איז צוגעקומען, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, אַנגענומען זיין האַנט, זי צוגעלייגט צו אירע ליפּן און אַ קוש געטאָן.
— האָסט מיר געבערענגט נייעס?
— גאָר נישט, דאָקטאָר
— איך דערקען אין דיר, אַז עפּעס קומט מיט דיר פאָר. קיין מאָל האָב איך דיך נישט געזען אין אַזאַ שטימונג.
— מיר זענען אויף אַ נייעם פּלאַץ, קאָן זיין, אַז דער מענטש ענדערט זיך מיטן אָרט.
— ביסט אַ קלוגע, טאַניאַ. אַזוי איז עס, דער מענטש ענדערט זיך מיט דער סביבה. זעסט, דאָ האָט אַלץ געברענט, אַלץ איז פאַרקוילט, זעסט נישט קיין פייגעלע, קיין וועווערקע. אַ מייזל האָב איך יאָ געטראָפן ביי אַן אָפּגעסמאַליעטן בוים. זעסט, טאַניאַ, די זון נאַרט אונדז אויך, אַלץ נאַרט אונדז...
— און מאַיאָר טשוואַכין האָט אייך, דאָקטאָר, נישט אָפּגענאַרט?
— פאַר וואָס דערמאָנסטו אַ טויטן, אַ מת?...
— אָט אַזוי...
— וואָס הייסט עס אָט אַזוי. זאָג מיר, איך פאַרשטיי דיך נישט?
— נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין. געשטאָרבן, באַגראָבן און געענדיקט מיט אים. ער איז ווערט געווען די ערד זאָל אים צודעקן.
— דו האָסט אים געקענט?
— יאָ, נאָך פון מאָסקווע. איך האָב אים געקענט, ער איז געווען מיין אויס־

פאַרשער. גאַנצע נעכט האָט ער מיך געלאָזט שטיין אינעם קאָרידאָר ביז כ׳בין געפאַלן...

— האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, נאָר מיך גערופן איך זאָל אים שנעל אָפּעריר̈ן.

— כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז אַ מענטש, נאָר אַז איינער איז קיין מענטש נישט, קאָן שוין גאָרנישט נישט העלפן.

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט. קענסט מיר דאָ אין וואַלד אַלץ דערציילן. די פאַרסמאַליעטע ביימער שוויגן, זיי האָבן נישט קיין אויערן...

— בעסער וועט זיין, דאָקטאָר, אים נישט דערמאָנען. זאָל זיין נשמה פליען צום זיבעטן הימל. זאָל גאָט אַליין אים משפטן.

— פאַר וואָס וויינסטו, טאַניאַ, וויין נישט.

— כ׳האָב מיך דערמאָנט יענע צייט, דערפאַר וויין איך.

— אַ שאָד יעדע טרער. מיר האָט אויך מאַיאָר טשוואַכין נישט געטאָן קיין גוטס. ער האָט מיך פון מאָסקווע געפירט קיין טאַגיל אין לאַגער.

— ווייסט איר גוט, דאָקטאָר, ווער דער מענטש איז געווען און דאָך האָט איר אים אָפּערירט און געגעבן אַ ניי לעבן.

— אַ דאָקטאָר טאָר זיך נישט רעכענען, צי דער מענטש איז ווערט, אָדער נישט ווערט צו לעבן. אַ דאָקטאָר טוט זיין זאַך און נישט מער...

☆

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ איז געזעסן ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט און אויפגענומען די נייעסן פון דער פראָנטליניע. אין זעמליאַנקע איז געווען קאַלט. אַ מזרח־ווינט האָט געריסן שטיקער פון אָנשיט ביים אַריינגאַנג.

מאַרוסיאַס געדאַנקען זענען געווען ווייט אין פערם, ביים שיינעם לייטענאַנט, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָ. זי איז געווען מיד פון זיצן אַ גאַנצע נאַכט ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט. די נאַכט איז פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו נישט געווען לעבן איר. ער איז אַוועק אויף דער פראָנט־ליניע.

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין געווען טאָג. ער האָט זיך אַוועקגע־לייגט אָפּרוען זיינע אַלטע ביינער.

מאַרוסיאַ האָט פאַרענדיקט איר נאַכט־דיזשור ביים טעלעפאָן. זי איז צוגע־גאַנגען צו איר קאָמאַנדיר פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— קען איך איצט מיט אייך רעדן, פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו ?

— קענסט מיט מיר רעדן, ווען דו ווילסט נאָר. אַזאַ שיינע מויד ווי דו ביסט, דו דערוואַרעמסט מיינע ביינער. אַז איך קוק אויף דיר, קומען מיר צוריק יענע יאָרן, ווען כ׳בין געווען יונג און ס׳לעבן איז געווען געלעבט.

— ביסט געקומען צו מיר, מאַרוסיאַ — האָט ווייטער גערעדט דער פּאָל־

קאָוניק — אַך, דײַנע גרינע אויגן, ווי איך בין אין זיי פאַרליבט! נו, לאָמיר הערן וואָס דו ווילסט.

— איך וויל בעטן אַ קאָמאַנדעראָווקע אויף צוויי וואָכן קיין פּערם.

— היינט איז מלחמה־צייט און דו ווילסט פאָרן קיין פּערם? וועמען האָסטו דאָרט?...

— איך האָב דאָרט אַלעקסאַנדערן...

— אַך, איך ווייס שוין, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו, ווילסט פאָרן צו אים כאַפּן אַ פלירט? כ׳ווייס נישט, כ׳וועל זען. לאָז מיך דערווײַל באַטראַכטן דײַן בקשה... איצט, איז מײַן קאָפּ פאַרנומען מיט וויכטיקע זאַכן. דאָקטאָר אַרטעמאָוו ליגט מיר אין קאָפּ, אַ גוטער מענטש און נאָך אַ בעסערער דאָקטאָר, נאָר וואָס ער באַהאַלט מיט זיך אויס, ווייסט איין גאָט?

— איך פאַרשטיי איך נישט, פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו?

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? דאָקטאָר אַרטעמאָוו לעבט אונטער אַ מאַסקע! ער איז נישט דאָקטאָר אַרטעמאָוו, נאָר מעד.־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו! גיי ווייס ווער ער איז?...

— ער איז אַ פיינער מאַן, אַ גוטער דאָקטאָר. וואָס האָט איר זיך איצט דערמאָנט אָן אים.

— ס׳איז אַ פאַרבאָרגענע געשיכטע. גיי ווייס וואָס עס קומט פאָר ביי אונדז. מענטשן בייטן זייער פעל, פאַרשטייסט, מאַרוסיאַ?...

— איר ווילט זאָגן, אַז דאָקטאָר אַרטעמאָוו לעבט אונטער אַ מאַסקע?

— יאָ, מײַן גרין־אויגיקע!

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— מאַיאָר טשוואָכין האָט עס מיר געזאָגט פאַרן טויט... און איך טראַכט, צי דאָקטאָר אַרטעמאָוו זאָל אים נישט האָבן איבערגעשיקט אויף יענער וועלט...

— עס הייבט אָן ווערן וואָרעם פון אייער געשיכטע..

— איך טראַכט אַזוי, אַז עפּעס איז מיט זיין טויט נישט גלאַטיק, נאָר גיי טו אים עפּעס, אַז ער איז אַזאַ גוטער מענטש. איך שעץ אים שטאַרק.

— איך מיין, אַז קיין געשטאָרבענעם דאַרפט איר מער נישט דערמאָנען. זאָל אים די ערד גרינג זיין. איך ווייס אַז אַ דאַנק דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו לעבט לייטענאַנט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו און איך האָב אים ליב און וויל פאָרן צו אים.

— וועסט פאָרן צו אים. איך וועל דיך שיקן צו אים מיט די פאַרוואונדעטע. דו וועסט זיין פראָוואָדניק פון עשעלאָן. ווי נאָר מיר וועלן אָפּשיקן די ערשטע פאַרוואונדעטע — האָט ווייטער גערעדט פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו — וועסטו זיין זייער פירערקע און איך וועל בעטן דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו, ער זאָל די פאַרוואונדעטע שיקן קיין פּערם.

— דערפאַר זייט איר ווערט זיבן קוש!

— דו, גרין־אויגיקע, גיב מיר דערווײַל דריי קוש. עס איז מיר נישט

וואַרעם, דער ווינט רייסט שטיקער און דער ווינטער איז שוין אויף דער שוועל. מיר וועלן טרייבן די דייטשן, אַז אַ רויך וועט גיין...

— איר האָט שוין היינט באַגאָסן דעם האַלדז מיט וואָדקע?

— דו פּילסט?

— אַוודאי פּיל איך.

— וואָס האָב איך מער דאָ ווי אַ ביסל וואָדקע און דיך גרין־אויגיקע. ביסט שיין ווי די ציגיינערינס. וועקסט אין מיר אויף די בלוטן צום לעבן... זעץ זיך לעבן מיר!

— נישט איצט, איך גיי מיך איצט אָפּרוען נאָך אַ נאַכט דינסט.

— ווו גייסטו?

— איך גיי אין פעלדשפּיטאַל.

— גיב אָפּ אַ גערוס דעם פּראָפ׳ מאַסלאָוו, וואָס רעד איך... דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו!

מיט שנעלע טריט איז די טעלעפאָניסטקע, מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ, אַרויס פון דער זעמליאַנקע און איז מיטן עק וואַלד אַוועק צום פעלדשפּיטאַל. אירע געדאַנקען זענען געווען אָנגעפּילט מיט ווייטיק פון די ווערטער וואָס זי האָט געהערט פון פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוויס מויל:

„דאָקאָטר אַרטעמאָוו איז נישט דער, ער לעבט אונטער אַ מאַסקע. ער איז גאָר דער מעדיצין־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו". זי מוז אים שוין איצט דערציילן אַלץ, וואָס זי האָט ערשט געהערט. מיט שנעלע טריט איז זי געגאַנגען לעבן די אָפּגעסמאַליעטע ביימער ביים וואַלדראַנד. אויף די אָפּ־געבראָכענע צווייגן זענען געשטאַנען שוואַרצע וואָראַנעס. מאַרוסיאַ האָט מיט אירע גרינע אויגן געזען אין דעם אַ שלעכטן סימן. זי מוז שנעל אַלץ דערציילן דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו, דעם רעטער פון „איר" אַלעקסאַנדער.

ווען מאַרוסיאַ איז געקומען אין פעלדשפּיטאַל האָט זי געטראָפן דאָקטאָר אַרטעמאָוו ביי דער אַרבעט. ער איז געשטאַנען אין אַ מאַסקע, איבערגעבויגן איבער אַ שווער־פאַרוווּנדעטן זעלנער, מיט אַ שער אין האַנט. לעבן אים איז געווען טאַניאַ. מאַרוסיאַ האָט באַשלאָסן וואַרטן ביז דער דאָקטאָר וועט ווערן פריי. זי האָט געוואָלט אים אַלץ דערציילן, כדי ער זאָל גרייט זיין אויס־צוהיטן זיך פון שלעכטס.

ווי גאָר דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, איז ער אַוועק אין זיין צימער זיך אָפּרוען. מאַרוסיאַ איז אים נאָכגעגאַנגען און שטיין געבליבן ביי זיין טיר. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. דאָס האַרץ האָט איר אַ ציטער געטאָן — צי וועט זי האָבן גענוג מוט צו דערציילן דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו אַלץ וואָס זי ווייסט.

— אַריין — האָט זי דערהערט פון יענער זייט טיר די שטים פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי האָט געעפנט די טיר.

— דו, מאַרוסיאַ, ביסט געקומען אַזוי פרי צו מיר?...

— יאָ, דאָקטאָר כ׳בין געקומען אייך וואָרענען, אַז אויף אייך רוקט זיך אָן אַ שטורעם מיט דונערן און פייער־בליצן...

— וואָס זאָגסטו ?... „אַ שטורעם מיט דונערן און פייער־בליצן רוקט זיך אָן אויף מיר ?!״...

— יאָ, דאָקטאָר, איך האָב נאָר וואָס געהערט פון פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו...

— וואָס זאָגסטו ?... „אַ שטורעם מיט דונערן און פייער־בליצן רוקט זיך ביים טיש. דערצייל מיר אַלץ, לאָמיר וויסן וואָס מענטשן רעדן וועגן מיר ?

— פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז גאַנץ פרי געקומען פון דער פראָנט־ליניע אַ שיכורער. דעם בראָנפן האָט מען געפילט אַ מייל פון דער ווייטנס. האָט ער מיר אַלץ אויסגעפלאַפלט.. אַז מאַיאָר טשוואַכ׳ין איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט ?״...

— אַזוי האָט ער געזאָגט ? אַז „טשוואַכין איז נישט געשטאָרבן מיט זיין מיט אַ נאַטירלעכן טויט ?״..

— יאָ, דאָקטאָר, מיינע אויערן האָבן דאָס געהערט... און נאָך האָט ער געפלאַפלט, אַז איר דאָקטאָר אַרטעמאָוו לעבט אונטער אַ מאַסקע... אַז איר זייט פראָפ׳ פאָועל מאַסלאָוו...

— דאָס האָסטו געהערט מיט דיינע אויערן ?

— יאָ, דאָס האָב איך געהערט מיט מיינע אויערן.

— ער זעט אויס צו זיין אַ פיינער מאַן, פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו און אַ גרויסער ליבעראַל.

— איך ווייס נישט, דאָקטאָר, אַזוי זעט עס אויס צו זיין, אָבער אַ מענטש אונטערן פלעשל, קאָן אַלץ אויספלאַפלען און זייט־קע מענטשן קענען דאָס איבערגעבן דער נקוו״ד.

— יאָ, מאַרוסיאַ, ביי אונדזער סאָוויעטישן רעזשים איז אַלץ מעגלעך. דו ווייסט גאָר נישט ווער איז ווער... לייגסט זיך שלאָפן, ווייסטו נישט צי דו וועסט אויפשטיין אין דיין בעט, צי גאָר אין אַ רויטן פאַרמאַכטן וואַגאָן...

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט גענומען זיין קאָפּ אין די הענט און לאַנג אַזוי געזעסן. אַנטקעגן אים איז געזעסן די טעלעפאָניסטן מאַרוסיאַ. זי האָט אירע אויגן נישט אָוועקגענומען פון דאָקטאָר. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט. ער האָט שטיל געזאָגט :

— האָסט געזאָגט, אַז אויף מיר רוקט זיך אָן אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן...

— יאָ, אַלץ איז מעגלעך... מאַרוסיאַ האָט געקוקט אויפן דאָקטאָר.

— האָסטו מיר נאָך עפּעס צו זאָגן ?

— יאָ.

— נו, לאָמיר הערן !

— פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט מיך באַשטימט פאַר פּראָוואָדניצע פונעם עשעלאָן. איך דאַרף פאָרן מיט די פאַרוווּנדעטע, וועלכע איר, דאָקטאָר, וועט

איצט אָפּשיקן אין הינטערלנאַד. ער האָט אייך געהייסן בעטן איר זאָלט די פאַרוואונדעטע אָפּשיקן קיין פּערם.

— איך פאַרשטיי. ווילסט קומען קיין פּערם צו אַלעקסאַנדערן. גוט, איך וועל עס טאָן פאַר דיר, אָבער דו וועסט מיר מיטנעמען אַ בריוו צו אַלעקסאַנדערן.

— יאָ דאָקטאָר, איך דאַרף אייך אָפּדאַנקען פאַרן נייעם לעבן וואָס איר האָט אים געגעבן.

— איך האָב אַלעקסאַנדערן קיין נײַ לעבן נישט געגעבן. דאָס לעבן פון מענטש איז ביי גאָט אין האַנט. איך האָב נאָר געטאָן מיין אַרבעט אַלס כירורג און די אָפּעראַציע איז געלונגען.

— דאָקטאָר, זייט איר פרום, גלויבט איר אין גאָט.

— איך ווייס נישט, דאָס איז אַ דעליקאַטע פראַגע היינט אויף דער רוסישער ערד... ס'איז מלחמה. לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן דעם. אויב ס'איז דאָ גאָט, וועט ער דאָס רוסישע פאָלק באַפרייען און מער וועלן די דייטשן אונדזער ערד נישט באַפאַלן, אויך נישט אַנדערע פעלקער...

— קאָן איך אייך, דאָקטאָר, נאָך עפּעס פרעגן?

— וואָס ווילסטו פרעגן?

— איך וויל וויסן, צי איז עס אמת וואָס פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט געפּלאָפּלט, אַז איר, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, לעבט אונטער אַ מאַסקע, אַז איר זייט דער גרויסער מעד.־פּראָפעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו?

— וואָס וועסטו האָבן דערפון, אַז איך וועל דיר זאָגן יאָ אָדער ניין?...

— איך וועל האָבן דערפון אַ סך...

— וואָס אַזעלכעס וועסטו האָבן?...

— איך וועל אייך פאַרטיידיקן מיט מיין לעבן קעגן בייזע אויגן און רכילותניקעס.

— גוט, איך וועל עס דיר זאָגן. גיי איצט און רו זיך אָפּ. האָסט אַ גאַנצע נאַכט באַדינט דעם טעלעפאָן. איך וועל גיין מאַכן אַ שפּאַציר אין וואַלד און דיך צופירן צום שטאַב.

דער ווינט האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויף מזרח איז די זון אַרויס אין איר פולער פּראַכט.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געגאַנגען לעבן דער טעלעפאָניסטן און געשוויגן. ס'האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז מען קאָן אים באַשולדיקן אין טויט פון מאַיאָר טשוואַכין. אין אַזאַ פאַל האָט ער געוווּסט, איז ער אַ פאַרלוירענער, ער וועט די פרייהייט און זיין משפּחה שוין מער נישט זען.

ער איז שטיינגעבליבן ביי אַן אָפּגעברענטן בוים.

— ווייטער קאָן איך שוין נישט גיין מיט דיר, מאַרוסיאַ — האָט ער געזאָגט מיט אַ געדריקטער שטים — וועסט שוין גיין אַליין צום פּאָלקאָווניק. אויב ער וועט אונדז טרעפן צוזאַמען קען ער אונדז באַשולדיקן אַז מיר זענען אין אינטימע באַציונגען — און דאָס וועט זיין שלעכט פאַר אונדז ביידע.

— דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט איר געגעבן אַ קוש אין שטערן. מאַרוסיאַ האָט דעם דאָקטאָרס האַנט צוגעלייגט צו אירע ליפּן און זי אַ קוש געטאָן.

— גיי שוין, מאַרוסיאַ. נעם אַלע פּאַפּירן צו דער רייזע. מאָרגן וועל איך דיר אָפּשיקן מיט די פאַרוואונדעטע. זיי גרייט.

— איך וועל נעמען אַלע פּאַפּירן. כ'וועל אייך העלפן זיך באַפרייען פון דער מאַסקע.

— ניין, ניין. איך וויל זיך נישט באַפרייען דערפון. דערווייל איז מיר גוט אַזוי. און איך וויל נישט ברענגען קיין שטורעם אויף זיך.

מאַרוסיאַ איז אַוועק אַליין אין שטאַב. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך אומגעקערט צום שפּיטאָל. ס'איז אים אַנטקעגנגעקומען די שוועסטער טאַניאַ.

— דאָקטאָר, כ'האָב אייך געזוכט אין שפּיטאָל. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַוועק מיט אַ זעלנערקע...

— אמת, איך האָב באַגלייט די טעלעפאָניסטן, מאַרוסיאַ. נישט קיין פריילעכע נייעס האָט זי מיר געבראַכט.

— איז עפּעס געשען, דאָקטאָר?

— איך מיין, אַז עס קאָן עפּעס געשען...

— וואָס איז, דאָקטאָר? פאַר מיר, בעט איך אייך, זאָלט איר נישט האַלטן קיין סודות.

— ווי קאָן איך האַלטן פאַר דיר סודות? דו האָסט מיר שוין איין מאָל אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, מיין לעבן... און איצט... איצט רוקט זיך אויף מיר אָן אַ שטורעם...

— וואָס אַזעלכעס, דאָקטאָר?...

— פרעג נישט, טאַניאַ... פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז געווען שיכור און האָט אויסגעפּלאַפּלט, אַז מאַיאָר טשוואַכין איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט...

— און איר דאָקטאָר, הערט זיך צו צו די רייד?...

— אַ ברירה האָב איך? און נאָך עפּעס האָט ער געפּלאַפּלט... אַז איך לעב אונטער אַ מאַסקע...

— דאָס איז נישט גוט... דאָס זעט איר, דאָקטאָר, הויבט מיר אָן נישט צו געפעלן... ווידער הוידעט זיך אייער פרייהייט אויף דער וואָגשאָל...

— איז וואָס זאָגסטו, טאַניאַ. דו ביסט אַ קלוגע און האָסט געלעבט אַ סך יאָרן אין די לאַגערן...

— פאַר אַזאַ בלבול האָב איך מורא, אָבער איך בין דאָ מיט אייך און איך וועל אייך אָפּהיטן פון יעדן שלעכטס.

— און דו וועסט עס קאָנען...

— יאָ, דאָקטאָר, נאָך היינטיקע נאַכט וועל איך עס טאָן!

— זאָג מיר, וואָס דו טראַכסט צו טאָן?

— אַ נאַר ווייזט מען נישט קיין האַלבע אַרבעט. מען דאַרף פּאַרווישן יעדן שפּור פון דעם מת, פון מאַיאָר טשוואַכין.

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט, טאַניאַ?..

— איר, דאָקטאָר דאַרפט עס נישט פאַרשטיין און איך מוז אייך נישט אויפקלערן. ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק און איך וועל אים אויספירן ביזן סוף.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז צוריקגעגאַנגען אין שפּיטאָל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. לעבן אים איז געגאַנגען טאַניאַ.

די שוועסטער טאַניאַ האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיקן פּלאַן. זי מוז אָפּמעקן פון דער ערד טשוואַכינס קבר, אַז עס זאָל נישט בלייבן פון אים קיין סימן. ווי נאָר די נאַכט וועט צופאַלן, וועט זי גיין אין וואַלד, וווּ ער רוט און פאַר־ניכטן זיין קבר. זי וועט האָבן רו און אויך געבן פרייהייט דעם דאָקטאָר. אַ גאַנצן טאָג האָט זי מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן מאָמענט ווען זי וועט קאָנען אויספירן דעם פּלאַן...

ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן די נאַכט האָט זי זיך איבערגעטאָן פאַר אַ קאָלכאָזניצע און גענומען גיין צום וואַלד, וווּ עס איז געווען דער קבר פונעם מאַיאָר טשוואַכין.

עס איז נישט געווען ווייט, אין גאַנצן אַ צען, פופצן קילאָמעטער. גייענדיק שנעל האָט עס געקענט געדויערן אַ צוויי, דריי שעה אָבער טאַניאַ איז געגאַנגען מיט אַלע כוחות. זי האָט וואָס שנעלער געוואָלט אָפּווישן יעדן שפּור פון דעם מענטש, וואָס האָט קיינעם קיין גוטס נישט געטאָן. דער הימל איז געווען אויסגעזעצט מיט שטערן, אַ פולע לבנה האָט באַלויכטן דעם וואַלדיקן וועג. מיט ציטער אין האַרצן איז די גוטע פרוי געגאַנגען אויספירן אַן אַרבעט, וואָס האָט באַדאַרפט ראַטעווען דאָס לעבן פונעם גרויסן געלערנטן.

שוין איין מאָל האָט זי, דאָס געוועזענע גאָסן מיידל, געראַטעוועט זיין לעבן. פון דעמאָלט אָן טיילט זי מיט אים איר לעבן און היט אים אָפּ.

אויפן קבר פון מאַיאָר טשוואַכין איז געלעגן אַ שטיין, מיט זיין נאָמען. די קראַנקן־שוועסטער האָט גענומען דעם שטיין, אַריינגעוואָרפן אים טיף אין וואַלד און אים צעקלאַפּט אויף דראָבנע שטיקלעך, אַז מען האָט אים מער נישט דערקענט. זי איז צוריק צום קבר און אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שטיין פון אַן אַנדערן זעלנער. זי האָט זיך נאָך אַ ביסל אַרומגעפּאַרעט — און טשוואַכינס קבר איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן...

אַ צופרידענע האָט זי פאַרלאָזט דעם וואַלד. עס האָט איר איצט געטריבן פון דאָרט. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די מתים הייסן זי וואָס שנעלער אַנטלויפן, ווייל עמעץ קאָן זי טרעפן און אַלץ וועט זיך ענדיקן שלעכט.

זי האָט זיך באַוועגן שנעל, ווי אַ שטורעם וואָלט איר געטריבן. זי האָט שוין געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון טשוואַכינס קבר. זי איז געלאָפן מיט אַלע

כוחות. אַ מידע איז זי אָנגעקומען אין שפּיטאָל. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין טיפן שלאָף.

זי איז אַריין צום דאָקטאָר און געלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. פון אירע אויגן האָבן אַ פלייץ געטאָן טרערן ווי פון אַ פרישן קוואַל.

— טייערע טאַניאַ, ווו ביסטו געווען? פאַר וואָס וויינסטו? האָט מיט דיר עפּעס פּאַסירט? אפשר האָבן דיר זעלנער שלעכטס געטאָן, זאָג מיר, כ׳וועל דיר העלפן — האָט דאָקטאָר אַרטעמאָוו פּרובירט זי צו באַרויִקן.

— גאָרנישט, דאָקטאָר, ס׳האָט מיט מיר גאָרנישט נישט פּאַסירט. קיין שום זעלנער האָט מיר קיין בייז נישט געטאָן.

— וואָס דען?...

— גאָרנישט, איך קאָן נישט רעדן, וועגט האָבן אויערן...

— אַזוי גאָר, זאָגסט, אַז „ווענט האָבן אויערן". איך ווייס דען נישט? כ׳ווייס מיין ליבע, איך ווייס, איך לייען דיינע געדאַנקען, טאַניאַ, דו קומסט איצט פון אַ וויטן וועג. ביסט אַוודאי געווען אויפן קבר פון מאַיאָר טשוואָכין.

— יאָ, דאָקטאָר... איך בין געווען... אַלץ האָב איך געטאָן פאַר אייך, כדי אייך צום צווייטן מאָל ראַטעווען ס׳לעבן.

— וואָס האָסטו געטאָן?

— כ׳האָב אָפּגעמעקט דאָס קבר פון דער ערד, קיינער זאָל נישט וויסן, ווו זיין געביין איז.

— ביסט געגאַנגען אַזוי וויט?

— יאָ, אַזוי וויט, פאַר אייך, דאָקטאָר, בין איך גרייט צו גיין אין זיבעטן הימל און בעטן ביי גאָט אַליין פאַר אייער לעבן.

— לייג דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט. דו ביסט געשיקט צו מיר אין לאַגער טאָגיל פון גאָט אַליין. דו ביסט מיין באַגלייטעריך, נאָר דיר, טאַניאַ, האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין אָרעם לעבן. ביים דאָזיקן רעזשים האָב איך נישט געהאַט קיין שום פרייד, נאָר בלויז טרערן. אַ שטורמישער ים וויל מיך פאַרשלינגען. נאָר גאָט, גאָט אַליין קאָן מיר געבן דעם ריכטיקן וועג, ווי אַזוי צו דערגרייכן די פרייהייט... אַזוי אויך האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אויף דער סאָוויעטישער ערד זענען נישטאָ קיין פריינד. איך האָב געמיינט, אַז פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז מיר אַ פריינד?...

— ניין, ניין — האָט אַרטעמאָוו אויסגעשריגן מיט צאָרן — אַלע, אַלע זענען זיי מענטשן אָן געוויסן, אָן מענטשלעכקייט. אַלע, אַלע האָט דער רעזשים פאַר־וואַנדלט אין שקלאַפן. מיר ביידע מוזן זיך האַלטן פאַר יעדן פּרייז. וויין נישט, מיין ליבע, דיין יוגנט איז נישט געווען באַצירט מיט רויזן, מענטשן האָבן דיך אויסגענוצט, געוואָלט פון דיר הנאה האָבן און דו ביסט געווען יונג און נאַיוו... ס׳איז זיכער נישט געווען דיין ווילן.

— ניין, דאָקטאָר, ס׳איז נישט געווען מיין ווילן. מיין שול־לערער האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם... אַרויסקריכן — איז מיר געווען שווער... ביז כ׳האָב

איך געטראָפן, דאָקטאָר, און איר האָט פאַר מיר געעפנט אַ נײַ בלאַט אין מײַן לעבן און איך שוער בײַ גאָט, אַז מײַן גאַנץ לעבן וועל איך אײַך אָפּהיטן.

— נישט דו אַליין ביסט געוואָרן פאַרפירט. מיר אַלע זענען געוואָרן אָפּגע־נאַרט און אויסגעשטעלט אויף שיכורע מיילער. לייג זיך שלאָפן לעבן מיר טאַניאַ, דער זייגער שלאָגט שוין צוועלף. מאָרגן קומט פאַר אונדז אַ נייער טאָג — אפשר וועט ער אונדז ברענגען אַ ביסעלע רו?

— ווען דו, טאַניאַ ווייסט, ווי איך בענק נאָך אַ ביסעלע רו! — האָט אַרטעמאָוו געזאָגט אַ פאַרטראַכטער — צי וועל איך נאָך דערלעבן צו האָבן אַ ביסל רו, און לעבן אויף דער רוסישער ערד אָן אַ מאַסקע?... ניין, טאַניאַ. זיי וועלן מיך אַרײַנגעבן אין אַ משוגעים־הויז — אויב זיי וועט געלונגען אַראָפּצורייסן פון מיר די מאַסקע.

— דאָס וועט זיי קיין מאָל נישט געלונגען, דאָקטאָר. נאָר מיר ווייסן דעם אמת — און פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו וועט שווייגן, אַז נישט בין איך גרייט זיין מויל צו פאַרשליסן אויף אייביק.

— ניין, טאַניאַ, מען טאָר אַזוי נישט רעדן...

— דאָקטאָר, פאַרן לעבן מעג מען אַלץ טאָן. וועט עס גוט זיין, אַז מען וועט אײַך פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז?

— ניין, עס וועט נישט גוט זיין...

— טאָ פאַר וואָס, דאָקטאָר, טאָרן מיר זיך נישט פאַרטיידיקן קעגן שלעכטס.

— אין מיינע יונגע יאָרן, אַלס סטודענט, בין איך געווען פאַר דער רעוואָ־לוציע. כ׳בין געגאַנגען מיט מיין אַנאַ אויף די באַריקאַדן, געשלאָגן זיך מיט די קאָזאַקן פאַרן אמת, פאַרן פאָלק.

— און וואָס האָט איר באַקומען פאַר דעם דאָקטאָר?

— דו פרעגסט מיך וואָס פאַראַ באַלוינונג כ׳האָב באַקומען? דו ווייסט אַליין — דעם טאַגילער לאַגער. נאָר דו האָסט מיר צוריקגעגעבן דאָס לעבן...

— איך וויל גלויבן, דאָקטאָר, אַז איך וועל גיין מיט אײַך אויף יעדן וועג.

— די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיר דאַרפן אָנהייבן אַ נײַ לעבן, פול מיט געראַנגל פאַר פרייהייט. דו, טאַניאַ, ביסט באמת קלוג. כ׳האָב דיך ביז היינט נישט דערשאַצט. נו, און איצט לאָמיר שלאָפן. כ׳וואָלט נאָך געוואָלט ווידער אָנהייבן מיין פאָרשונגס־אַרבעט. אָ, מיין ליבע, דו וועסט מיר העלפן זיך באַפרייען פון דער מאַסקע.

— יאָ דאָקטאָר. כ׳שווער אײַך! ווער עס וועט זיך אונדז שטעלן אין וועג וועט אַרויסגעריסן ווערן דורך מיר מיטן וואָרצל.

טאַניאַ איז אײַנגעשלאָפן בײַ דער זייט פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

גאַנץ פרי, ווען דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געמאַכט זיין שפּאַציר אין וואַלד, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויפן פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— איך גיי צו אײַך, דאָקטאָר... כ׳האָב אײַך געבראַכט אַ מתנה.

— מיר, אַ מתנה?...

יאָ, אײַך אַ מתּנה, דאָקטאָר. איר האָט זיך עס זיכער פֿאַרדינט בײַ דער סאָוויעטישער מאַכט.

— איך וואָלט נישט וועלן קיין מתּנות, נאָר אַ לעבן אין שלום און פֿרײַהייט, צוזאַמען מיט מײַן משפּחה.

— מיר וועלן עס האָבן נאָך דער מלחמה... אַלץ וואָס מיר ווינטשן זיך... נעמט דאָס בוך, דאָקטאָר, עס איז פֿאַר אײַך.

דער דאָקטאָר האָט גענומען דאָס בוך אין האַנט. ער האָט עס אַ בלעטער געטאָן און עס האָבן אים גענומען שווינדלען די אויגן. איז דאָס זײַן בוך? „די מעדיצין צום דינסט פֿון מענטש". יאָ, ס'איז זײַן בוך. איצט זעט ער שוין גוט, פּראָפֿ' פּאַוועל מאַסלאָוו, אַז דאָס בוך איז זײַנס, אַרויסגעגעבן נאָך אַנהויב דרײַ־סיקער יאָרן. אַ ווײַלע שטייט ער מיטן בוך אין האַנט. ער הייבט אויף די אויגן און טרעפֿט זיך מיטן בליק פֿון פֿאָלקאָוניק יאַקאָוולעוו.

— ווו האָט איר גענומען דאָס בוך?

— ווי כ'האָב גענומען דאָס בוך... ווי איך האָב גענומען דאָס בוך — האָט לאַנגזאַם אונטערגעשטראָכן דער פֿאָלקאָוניק — בײַ אַ געהרגעטן דײַטשישן דאָקטאָר...

— האָבן די דײַטשן געלערנט פֿון מײַנע ביכער?

— יאָ, פּראָפֿעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו

— רופֿט מיך, דאָקטאָר אַרטעמאָוו. כ'בין מער נישט פּראָפֿעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

— פֿאַר וואָס?!

—— איר פֿרעגט מיך פֿאַר וואָס? קומט, מיר וועלן זיך צוזעצן בײַ אַ בוים און איך וועל אײַך אויפֿקלערן.

ביידע האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַן אָפּגעסמאַליעטן בוים.

— איך הער אײַך דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— גוט אַזוי, אַז איר רופֿט מיך בײַ מײַן ריכטיקן נאָמען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַ צופֿרידענער! — און איצט הערט מיך אויס.

— יעדער מענטש דאַרף אַ מאָל עפֿענען זײַן האַרץ און געדאַנקען פֿאַרן מיטמענטש. אין אײַך, פֿאָלקאָוניק יאַקאָוולעוו, זע איך מײַן מיטמענטש. דערפֿאַר וועל איך נאָך יאָרן זײַן ווײַט פֿון פּראָפֿעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו. דאָס יאָר 1937 — האָט ווײַטער דערציילט דער דאָקטאָר — ווּעט פֿאַרשריבן ווערן בײַ אונדז, ווי דאָס יאָר פֿון אומגליק פֿאַרן רוסישן מענטש. רויטע פּי־וואַגאָנען, אָנגעפּאַקטע מיט די בעסטע מענטשן פֿון דער סאָוויעטישער פֿעלקער־משפּחה, האָבן טאָג און נאַכט געפֿירט זייער „באַגאַזש" אין די לאַגערן אויף הונגער און טויט. די בעסטע זענען דאָרט געוועןן. די וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשאַרבעט און זענען ווײַט געווען פֿון פּאָליטיק — מאַרקסיזם־לעניניזם, סאָציאַליזם, סאָוויעטיזם, מענשעוויזם, באָלשעוויזם, און קאָמוניזם. איך בין געווען איינער פֿון די מיליאָנען, וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים האָט אָן אַ משפּט פֿאַראורטיילט צום טויט, דורך

צוואַנגס־לאַגערן. איך האָב געאַרבעט אין מיין לאַבאָראַטאָריע, געשאַפן וווּנדער אין דער מעדיצין צום נוצן פון מענטשן — זענען געקומען צו מיר אין מיטן נאַכט צוויי ציווילע מענטשן און מיך פאַרבעטן מיטצוגיין מיט זיי אין נקוו״ד.

— נישט גאָט האָט באַשטימט פאַר מיר אַזאַ טויט, נאָר די גרויסע „פּ״ש״ פון סאָוויעטישן שמוציקן וואַסער — איך זאָל אין טאַגילער לאַגער געפינען מיין טויט.

— פאַרן אָנקומען אין לאַגער איז אינעם וואַגאָן געשטאָרבן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. כ'בין מגולגל געוואָרן אין דאָקטאָר אַרטעמאָוו. אַ דאַנק דעם בין איך געוואָרן אויס פאָלקס־שונא, ווייל דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז נישט געווען קיין פּאָליטישער, נאָר סתם אַ פאַרברעכער. ער האָט דורכגעפירט אַבאָרטן ביי מאָסקווער פרויען. אָבער איך, דער מעד.־פאַרשער, בין געווען פאַר די סאָוויעטישע פירער אַ פּאָלי־טישער פאַרברעכער, אַ קעגנער פון רעזשים. אָט אַזוי האָב איך מיך איינגעלעבט אין מיין נייער ראָל, ווי אַן אַרטיסט, וואָס מוז וויינען און לאַכן — און איך וויין טאַקע אויפן גורל פון רוסישן פאָלק.

— עס שניידט מיך דאָס האַרץ... כ'בין אין גאַנצן אויפגעציטערט, כ'האָב נישט קיין ווערטער פאַר איך — האָט פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו גענומען רעדן מיט אַ ציטערדיקער שטים — איך בין אַ מיליטערמאַן... איך האָב יאָ געהערט פון יאָר 1937, נאָר ווער האָט עס געקאָנט גלויבן, אַז אַזעלכעס קומט פאָר ביי אונדז? אָט דאָס האָבן די דייטשן אויסגענוצט און אונדז אַוועקגעלייגט מיט איין קלאַפּ. די געשיכטע וועט משפטן די מענטשן וואָס האָבן מיט זייערע הענט צוגעלייגט ברענשטאָף צום פייער פון דער גרויזאַמער מלחמה. איך, אַ מעד.־פאַרשער האָט מען פאַרמאַכט אין אַ פּי־וואַגאָן און פאַרשיקט אויף אומקום. אייערע גאָלדענע הענט זענען דאָך באַצירט מיט הייליקער טאַט. די פאַרוווּנדעטע זעלנער און אָפּיצירן דערמאָנען אייך גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. איצט הויב איך אָן צו פאַרשטיין וואָס מאַיאָר טשוואַכין האָט געוואָלט אויפדעקן פאַר מיר... אַז איר זייט נישט דאָקטאָר אַרטעמאָוו נאָר פּראָפ' פּאַוועל מאַסלאָוו. ער האָט געוואָלט אייך מאַכן פאַר זיין אַרעסטאַנט און ווידער אייך פאַרפירן — דאָס מאָל שוין אפשר נישט אין לאַגער נאָר אין אַ הויז פאַר פּסיכיש־קראַנקע.

— יאָ, איר האָט עס ריכטיק באַנומען. מען פאַרשפאַרט געזונטע מענטשן אין הייזער פאַר פּסיכיש־קראַנקע...

פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט גענומען דעם קאָפּ אין זיינע הענט און איז אַזוי געזעסן און געשוויגן. ער האָט שוין נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן. דער דאָקטאָר האָט דערקענט, אַז דער פאָלקאָווניק לעבט איבער אַ גרויסע אויפטרייסלונג. ער האָט פאַר אים אַנטפּלעקט אַ וועלט פול מיט רציחה.

דער פאָלקאָווניק איז אויפגעשטאַנען.

— איך מוז שוין גיין, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, אָט איז אייער בוך, געדענקט, אַז היינט פרי האָבן מיר גאָרנישט נישט גערעדט — און ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט.

דאָס בוך האָט אַרטעמאָוו צוריקגעברענגט צו יענע יאָרן, ווען דאָס לעבן

האָט געהאַט אַ ווערט, ווען ער, פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז געווען אַ געשעצטער מענטש...

אויפֿן וועג צוריק אין שפּיטאָל אַריין, זענען זיינע געדאַנקען געווען פֿאַרנומען מיט פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו: וועט ער שווייגן, אָדער ער וועט אַלץ דערציילן דער נקוו״ד?

טאַניאַ, ווי תּמיד איז אים אַנטקעגן געקומען. ער האָט זי אַרומגענומען און געדריקט צום האַרץ.

— דאָקטאָר, וואָס איז מיט אייך געשען, איר נעמט מיך פּלוצעם אַרום, וואָס קושט איר מיך?...

— קום, לאָמיר גיין אין וואַלד. עס איז נאָך אַזוי פֿרי.

— איר זעט מיר אויס ווי אַ פֿאַרליבט יינגל...

— ניין, נישט אַזוי ווי אַ פֿאַרליבט יינגל, נאָר ווי אַ מענטש וואָס וויל דיר אָפּדאַנקען פֿאַר זיין לעבן — האָט ער כּמעט ווי געשעפּטשעט — נאַ, זע וואָס כ׳האָב באַקומען פֿון פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— דאָס בוך איז פֿון פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו?

— יאָ, פֿון פּראָפֿעסאָר פּאַוועל מאַסלאָוו.

— ווו איז ער איצט?

— דאָ, לעבן דיר.

— שוין צייט איר זאָלט אַראָפּנעמען די מאַסקע.

— מען טאָר נישט, מיין ליבע... מיטן נאָמען אַרטעמאָוו לעב איך. נישט איך האָב מיר אָנגעטאָן די מאַסקע, נאָר דער רעזשים. פֿאַרן לעבן טוט דער מענטש אַלץ, ווייל דאָס לעבן באַקומט דער מענטש פֿון גאָט נאָר איין מאָל.

— דאָס זענען פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען, דאָקטאָר!

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט! איך בלייב דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— און איר גלייבט אַז פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו וועט אייך נישט איבערגעבן דעם סאָוויעטישן רעזשים.

— איך גלויב שוין לאַנג קיינעם נישט!

— מיר גלייבט איר אויך נישט, דאָקטאָר?

— איך ווייס נישט, טאַניאַ. קינדער זאָגן אויף זייערע עלטערן, אַז זיי זענען ווערדיטעלעס. מען צווינגט זיי דערצו, אָבער זיי זאָגן. יאָ, אַזוי לעבן מיר ווי אין דער שטיין־עפּאָכע, דער שטאַרקער הרגעט דעם שוואַכן. ביי אונדז איז מען שוין דערגאַנגען דערצו, אַז קינדער טראַכטן אויס אַלדאָס בייזס אויף טאַטע־מאַמע.

— קומט, דאָקטאָר, לאָמיר צוריקגיין אין שפּיטאָל. באַלד הויבט זיך אָן די אַרבעט.

— ביי מיר איז נישטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף פֿון אַרבעטס־טאָג. כ׳בין שטענדיק צום דינסט פֿון די קריגס־געליטענע. עס הויבט זיך איצט אָן אַ מאַרש פֿאָרויס אויף אַלע פֿראָנטן. מיר האָבן געקאָנט אויסמיידן די מלחמה, ווען מיר

וואַלטן זיך צוזאַמענגערעדט מיט די ענגלענדער, פראַנצויזן און די אַנדערע אַליִירטע.

— איר זייט היינט געשטימט פילאָזאָפיש, דאָקטאָר.

— די מתנה וואָס כ'האָב היינט באַקומען פון פאַלקאָוניק יאַקאָוולעוו האָט מיר דערוואַרעמט מיינע בלוטן.

— איך זע, אַז איר פרייט זיך מיט אייער בוך?...

— אַזוי ווי אַ מאַמע, וואָס געפינט איר פאַרלוירן קינד. טאָג און נאַכט בין איך געזעסן און געאַרבעט איבערן בוך. איצט האָב איך טאַקע צוריקגעפונען מיינע פאַרלוירענע יאָרן — און מיטן בוך וועט מיר זיין לייכטער צו שטאַרבן.

— וואָס רעדט איר עפּעס, דאָקטאָר, פון שטאַרבן. איר וועט נאָך אָנפירן מיט אַ קאַטעדרע. די סטודענטן וועלן אייך אַכטן. מען וועט אייך ליבן און איר וועט ליב האָבן.

— דו רעדסט ווי אַ ציגיינערין. דו זאָגסט מיר פאָרויס זאַכן וואָס קאָנען נישט געשען. אַז מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין די רויטע וואַגאָנען איז געענדיקט מיט דער קאַריערע.

— איך ווייס, איך מיין אָבער, אַז נאָך דער מלחמה וועט זיך אַלץ ענדערן.

— עס וועט זיך גאָרנישט ענדערן. די דיקטאַטור וועט ווערן שטאַרקער.

— איך גלויב נישט, דאָקטאָר.

— איך האָב אויך נישט געגלויבט, ביז מען האָט מיך איבערצייגט. גוט, וואָס מאַיאָר טשוואַכין לעבט נישט און איך קאָן לעבן מיט דער מאַסקע.

— און פאַלקאָוניק יאַקאָוולעוו וועט זי אייך נישט אַראָפּרייסן, די מאַסקע, איך גלויב אים נישט...

— ער וועט עס מיר נישט טאָן. ער ליידט אויך פון דעם רעזשים. אַלע ליידן און אַלע שווייגן. איך וועל דיר אַלץ דערקלערן, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיטן זיג פון דער דעמאָקראַטיע.

☆

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ די טעלעפאָניסטין איז געקומען אין שפּיטאָל מיט אַלע פאַפּירן. איר פּנים האָט געלויכטן. זי וועט פאָרן צום שיינעם לייטענאַנט וואָס האָט אין איר אָנגעצינדן די בלוטן און עס איז נישט געווען קיין מאָן וואָס זאָל זיי קאָנען לעשן.

מאַרוסיאַ איז געפאָרן אַלס פּראָוואָדניצע פון עשעלאָן מיט די פאַרוואונדעטע קיין פערם, ביים טייך קאַמאַ, דאָרט וווּ די זון גייט אויף אין אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.

פאַרן אָפּפאָר פון דער באַן איז צו איר צוגעגאַנגען דער דאָקטאָר.

— נעם, מאַרוסיאַ, דעם בריוו און גיב אים איבער אַלעקסאַנדערן.

— איך וועל אים דעם בריוו אָפּגעבן, זייט זיכער, דאָקטאָר!

— גיב מיר דיין האַנט. לאָמיר דיר אַ קוש טאָן.

אַרטעמאָוו האָט גענומען מאַרוסיאַס האַנט און איר אַ קוש געטאָן. פאַר זײַנע אויגן האָבן אַ פלאַטער געטאָן זײַן פרוי און טאָכטער. שוין יאָרן ווי ער האָט זיי פאַרלאָזט — האָט אים אַ שטאָך געטאָן אונטערן האַרץ... ווען וועט ער שוין קאָנען פאָרן צו זײַן משפחה אַלס פרייער מענטש? ער האָט געהאַלטן זײַן בוך אונטערן אָרעם און זיך מיט דעם נישט געשיידט, געהאַלטן עס ווי אַ צירונג.

מאַרוסיאַ האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן אַקסל.

— דאָקטאָר, מיר דאַרפט איר דאַנקען פאַר אײַער בוך. איך האָב עס געגעבן דעם פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו...

— ווו האָסטו עס גענומען?

— אונדזער סערזשאַנט האָט עס געפונען ביי אַ דײַטשן דאָקטאָר און ער האָט עס מיר געגעבן. אָבער ווען איך האָב געהערט פון פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, אַז איר זײַט פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אײַער בוך.

— איך פריי מיך מיטן בוך ווי אַ קליין קינד ווען עס געפינט זײַן מוטער.

— איך זע עס, דאָקטאָר. זאָל אײַך די פרייד באַגלייטן אויף אַלע אײַערע וועגן. איך וועל וועגן אַלעמען דערציילן אַלעקסאַנדערן.

— קענסט אים דערציילן אַלץ וואָס דו ווייסט וועגן פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, מיך אַרט עס נישט. ער איז אַ גוטער מענטש, מיר פאַרשטייען זיך...

— און איך בין אַ שלעכטע?

ניין מאַרוסיאַ, דו ביסט אויך אַ גוטע, נאָר שווייגן איז גאָלד. נאָך אַ יאָר און די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דאַן וועט מען זען מען זען ווי מיר זענען אין דער וועלט.

דער לאַקאָמאָטיוו האָט אַ פייף געטאָן, די וואַגאָנען האָבן גענומען זיך טרייסלען. מאַרוסיאַ האָט אַ שטאַרקן קוש געטאָן דעם דאָקטאָרס האַנט און איז אַריינגעשפרונגען אין וואַגאָן.

ביי אַן אָפּגעברענטער סטאַנציע אין וואַלד איז ד״ר אַרטעמאָוו געשטאַנען איינער אַליין ביז די באַן איז פאַרשוווּנדן. אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אין שפּיטאָל אַ פאַרזאָרגטער. צו פיל מענטשן ווייסן שוין פון זײַן מאַסקע... ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, איז ער אַרײַן צו זיך אין צימער און זיך אָוועקגעלייגט אויפן בעט. דאָס בוך האָט ער געלייגט צוקאָפּנס. פון מידקייט איז ער גלייך איינגעשלאָפן. ווען ער האָט זיך גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער געזען לעבן זיך די שוועסטער טאַניאַ.

— איז דאָ עפּעס נייעס — האָט ער גלייך געפרעגט.

— פאַראַן, דאָקטאָר, פאַראַן אַ סך נייעס. די אַמעריקאַנער האָבן אַרויסגעזעצט אַ דעסאַנט אין אַפריקע. זאָל גאָט העלפן און די מלחמה זאָל זיך שנעל ענדיקן.

— איצט וועט די מלחמה אָנהייבן גיין אויף אַנדערע רעלסן...

— יאָ, דאָקטאָר... און מיר דאַרפן שוין הײַנט ווידער אַריבערפאָרן אויף אַ צווייטן פּלאַץ.

— בעסער אַזוי, שוועסטער, דאָ האָב איך מיך נישט גוט געפילט, אַלץ איז אָפּגענאַרט...

— און איר מיינט, אַז ווייטער וועט זיין בעסער. קאָן זיין אַז ערגער. איך מיין, אַז מיר וועלן נישט געפינען קיין איין גאַנץ הויז.

— מיינסט צו זאָגן, שוועסטער, אַז אומעטום איז איין גרויסער חורבן...

— יאָ, דאָס וויל איך זאָגן

— איך מיין אויך אַזוי.

— קומט, דאָקטאָר, נאַטשאַלסטוואָ איז געקומען — עפּעס אַ גענעראַל!

—צו מיר אַ גענעראַל?!

— יאָ, אַ גענעראַל. ער פרעגט זיך אויף אייך, דאָקטאָר.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— אַריין — האָט געזאָגט דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

ס׳איז אַריין גענעראַל איוואַנאָווסקי. הינטער אים איז געגאַנגען פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— אַ גוט מאָרגן אייך, דאָקטאָר אַרטעמאָוו. איך בין געקומען אייך איבערגעבן דעם אָרדן „די רויטע פאָן" פאַר אייערע פאַרדינסטן אין פעלדשפּיטאַל. איך גיב אייך דעם אָרדן אין נאָמען פון דער סאָוויעטישער רעגירונג.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געשטאַנען ווי געליימט. ער האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. גענעראַל איוואַנאָווסקי האָט אים אָנגעטאָן דעם אָרדן אויף דער ברוסט. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך. ער האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט און דערלאַנגט זי דעם גענעראַל איוואַנאָווסקי.

— איך דין דער מענטשהייט — האָט אַרטעמאָוו שטיל געזאָגט — און איך וועל דינען דער מענטשהייט.

אין צימער איז געוואָרן שטיל. מען האָט געקענט הערן דאָס זשומען פון אַ פליג. גענעראַל איוואַנאָווסקי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן בעטל און דערזען דאָס בוך. ער האָט עס גענומען און אָנגעהויבן בלעטערן.

— דאָס בוך איז פון אונדזער גרויסן מעד.־פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו — האָט ער געזאָגט — אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי יונג געשטאָרבן אויף טובערקולאָז.

ביים דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט גענומען ציטערן די רעכטע באַק. דער פּאָל־קאָווניק האָט צו אים אַ ווונק געטאָן און דער דאָקטאָר האָט דעם ווונק פאַרשטאַנען.

די שוועסטער טאַניאַ איז אַריינגעקומען און געראַטעוועט די לאַגע.

— קומט אַלע, עס איז גרייט פאַר אייך פרישטיק.

דער ערשטער איז אַרויס דאָקטאָר אַרטעמאָוו מיטן אָרדן אויף דער ברוסט. הינטער אים זענען געגאַנגען גענעראַל איוואַנאָווסקי און פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

נאָכן פרישטיק זענעןביידע געסט אַוועק און דער דאָקטאָר איז געבליבן אַליין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער „רויטער פאָן" אויף זיין ברוסט און דערזען די „רויטע וואַגאָנען".

ער איז געוואָרן בייז אויף זיך אַליין. ער פּראָפעסאָר פון מעדיצין וועט טראָגן די „רויטע פאָן"? נייך — האָט ער באַשלאָסן. ער איז אַריין צו זיך אין צימער אַראָפּגענומען דעם אָרדן און אים אַ שליידער געטאָן אויפן טיש.

עס האָט זיך געעפנט די טיר. עס איז אַריין טאַניאַ.

— וואָס האָט איר געטאָן דאָקטאָר — האָט זי געזאָגט אַ דערשראָקענע — איר האָט אַראָפּגענומען די „פּאָן" פון דער ברוסט. מען וועט אייך האַלטן פאַר ווערדיטעל.

— קאָן איך דען טראָגן די „רויטע פּאָן"? זי דערמאָנט מיר די רויטע וואַגאָנען...

— דאָקטאָר, טוט אָן דעם אָרדן אויף דער ברוסט, אַז נישט וואָס וועט זאָגן דערצו אייער פריינט פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו. ער האָט אייך צוגעדינט, אַז איר זאָלט באַקומען דעם אָרדן.

— איך וועל דעם אָרדן נישט טראָגן. גלויב מיר, מיין ליבע טאַניאַ, אַז איך קוק זיך איין אין דעם אָרדן הייבט מיר אָן שווינדלען פאַר די אויגן. איך זע מער נישט די שיינע וועלט, נאָר יענע בילדער...

— דער אָרדן „די רויטע פּאָן" האָט גאָרנישט צו טאָן מיט יענער צייט. היינט איז פאַר אייך אַ נייע צייט. איר לעבט אונטער אַ מאַסקע. נישט פּראָפּ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו האָט באַקומען דעם אָרדן, נאָר דאָקטאָר אַרטעמאָוו, פאַר זיין ערלעכע אַרבעט אין פעלדשפּיטאַל אויף דער פראָנטליניע.

— איך וועל דעם אָרדן נישט טראָגן. נעם אים צו פון מיינע אויגן. אַלץ איז אָפּגענאַרט. דער רעזשים וויל מיט די בלעכלעך זיך איינקויפן שקלאַפן.

— שרייט נישט, דאָקטאָר, וועגט האָבן אויערן...

— מאַיאָר טשוואַכין וועט שוין פון קבר נישט אויפשטיין...

— עס זענען דאָ לעבעדיקע טשוואַכינס — האָט טאַניאַ געזאָגט אָן אויפגערעגטע — וואָס וואַרטן נאָר צו הערן פון אייך דאָס וואָס איר האָט פאַר מיר דערקלערט.

— שלעכט, שוועסטער, גאָר שלעכט, מיר זענען אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט. איך ווייס נישט ווי אַזוי מיר וועלן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דעם דיקטאַטור.

— איצט דאָקטאָר האָט איר ריכטיק געזאָגט און איך האָב אייך ריכטיק פאַרשטאַנען.

— לייג אַוועק טאַניאַ „די רויטע פּאָן" צווישן מיינע זאַכן. איך זאָל נישט קוקן אויף דער קאָמעדיע. פון מיר וועט דער רעזשים מער קיין פּאַיאַץ נישט מאַכן. איך וועל נישט טאַנצן אויפן שטריקל, ווי זיי וועלן עס ציען. איך גיי מיר מיין אייגענעם וועג צו דעמאָקראַטיע.

— גאָלדענע ווערטער פאַלן פון אייער מויל, דאָקטאָר, ווי גאָלדענע זונשטראַלן.

— נאָר זיי פאַלן אין אַ פּראַסטיקן טאָג, ווען אַלץ איז געקאָוועט אין אייז...

אַ קלאַפּ אין טיר. אַרטעמאָוו נעמט דעם אָרדן אין האַנט. ס׳קומט אַריין פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— כ׳האָב אָפּגעפירט גענעראַל איוואַנאָווסקי אין שטאַב. אייך, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, בין איך געקומען באַגריסן מיטן באַקומען דעם אָרדן „די רויטע פּאָן".

— איך דאַנק אייך, פאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— פאַר וואָס האָט איר אַראָפּגענומען „די רויטע פאַן" פון דער ברוסט?

— אין אַ פראָסטן מיטוואָך וועל איך מיר נישט אָנטאָן דעם אָרדן. ס'איז גוט אויף אַ וויכאָדנאַי־טאָג.

— גוט־געזאָגט, דאָקטאָר! זונטיק וועלן מיר אַלע באַצירן אונדזערע ברוסטן מיט די פאַרדינטע אָרדנס.

— יאָ פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, זונטיק. זונטיק וועט די זון אַ שיין טאָן אויף אונדזערע ברוסטן און די „רויטע פאַן" וועט אַ פלאַטער טאָן אויפן ווינט.

— איר קענט גוט דעקלאַמירן, דאָקטאָר.

— איך האָב געלערנט אין דער פּיאָנערן־שול אין צייט פון דער רעוואָלוציע.

— נו, קומט דאָקטאָר אַרטעמאָוו צו מיר אין שטאַב. איך וועל אייך געבן דעם פּלאַן ווו איר דאַרפט זיך באַזעצן מיטן שפּיטאָל.

דער דאָקטאָר מיטן פּאָלקאָווניק זענען אַוועק. די שוועסטער טאַניאַ איז געבליבן אַליין אין צימער. זי האָט גענומען דעם אָרדן פון טיש און איס צוגעלייגט צו די זאַכן פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי האָט איצט געזען דעם דאָקטאָר ווי ער וויל זיך וואַרפן אונטער אַ פאַלנדיקן בוים.

אַליין בלייבן אין צימער, האָט טאַניאַ נישט געקאָנט. זי איז אַוועק אין וואַלד. אַ קאַלטער מזרח־ווינט האָט איר געהויבן דאָס קליידל. דער ווינט האָט געריסן אייר ווייס פאַרטעך. דאָס ווייסע היטעלע האָט ער פאַרטראָגן ערגעץ אין וואַלד.

ווען טאַניאַ האָט אויפגעהויבן דאָס היטעלע איז עס שוין געווען שוואַרץ פון די אָפּגעסמאַליעטעביימער. איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, ווען זי האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי האָט בשלאָסן מער אים נישט לאָזן אַזוי רעדן. זי האָט אים דערזען פון וויטן און אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— דו, שוועסטער טאַניאַ, ביסט מיר געטריי — האָט אַרטעמאָוו געזאָגט.

— ווי־עמען דען האָב איך צו זיין געטריי, אַז נישט אייך דאָקטאָר? כ'האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט יענע צייט אין טאַגילער לאַגער, ווען איר האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד.

— יאָ שוועסטער, געווען אַ שווערע צייט, נאָר היינט טאָרן מיר פון דעם נישט טראַכטן. דער רוסישער מענטש וואַרט אויף אונדזער רוף.

דער מזרח־ווינט האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט געריסן די לעצטע שוואַרצע קאָרע פון די אָפּגעסמאַליעטע ביימער און זי וויית, וויית פאַרטראָגן. דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען טאַניאַן ביי דער האַנט.

— קום, טאַניאַ, לאָמיר גיין אין שפּיטאָל — האָט ער געזאָגט — מיר דאַרפן ביז אָוונט זיין גרייט ווידער צו וואַנדערן אויף אַ ניי אָרט. אפשר וועט מען נאָך טרעפן אַ וואַלד מיט גרינע ביימער און אויף זייערע צווייגן זינגענדיקע פייגל און געלע וועווערקעס.

קאַפּיטל ניין

צוריק אין פאַבריק

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוו איז צוריקגעקומען אין פאַבריק, אָבער נישט מיט דעם אַמאָליקן כוח, וואָס האָט געשלאָגן פון אים ווי פון אַ יונגן לייב.

גאַנץ פרי זיצט ער אין זיין אַרבעטס־צימער און קוקט דורך די נעכטיקע „סוואָדקע" וואָס די אַרבעטער האָבן אויסגעפירט. ער זעט איצט, אַז ס'האָט זיך גאָר נישט געענדערט איבער דער צייט, וואָס ער איז געווען אויפן מאָסקווער פראָנט און אין שפיטאָל.

די אַרבעטער אַרבעטן שוואַך און דער דירעקטאָר אָגראַדאָוו פאַרלאַנגט, אַז דער פּלאַן זאָל ווערן אויסגעפירט, ווייל אַז נישט וועט מען זיי ביידע פאַרשיקן קיין סיביר.

אַזוי ווי אַ מאָל מאַכט ער ציילעמלעך ביי די נעמען פון די אַרבעטער וואָס זענען אָפּגעשטאַנען, וואָס מאַכן נישט דעם פּלאַן.

ער דערמאָנט זיך אָן זיין געליבטער נאַטאַשאַ. היינט האָט ער באַקומען פון איר אַ בריוו פול מיט פינטעלעך, וואָס באַדייטן קושן. אירע בלוטן גיבן איר נישט קיין רו. זי וויל זיך מיט אים פאַראייניקן, לעבן מיט אים אין איין דירה, אָבער אין נקוו"ד איז פאַראַן דער פּראָטאָקאָל פון איר פאַרשיקונג, אין וועלכן ס'איז פאַרשריבן, אַז נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ טאָר נישט וווינען אין דער גרויסער שטאָט פּערם. אַלעקסאַנדער ווייסט עס גוט, ער קאָן די סאָוויעטישע געזעצן.

ער האָט געוואָלט פאָרן אַ מאָל קיין אָכאַנסק און געבן איר צו פילן זיין ליבע... אָבער ווען? ער האָט נישט געהאַט ווען צו פאָרן, ער האָט נישט געקאָנט איבערלאָזן דעם צעך, ווייל עס זענען געווען אַזוי פיל אַרבעטער וואָס האָבן נישט אויסגעפירט דעם פּלאַן. וואָס וועט זאָגן דער דירעקטאָר אָגראַדאָוו, אַז ער וועט פאָרן צו דער געליבטער פרוי...

עס איז אַריינגעקומען די בריגאַדירן ליזאַ וואָראָנאָוואַ און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים אויף אַ בענקל. איר פּנים האָט געפלאַמט און עס האָט געשלאָגן פון איר אַ היץ...

— אַלעקסאַנדער, דו קוקסט גאָר נישט אויף דיין בריגאַדירן ליזאַ וואָראָנאָוואַ — האָט זי געזאָגט.

— האָב איך צייט צו קוקן אויף אַ שיינער פרוי...

— אַז מען ליבט איז דאָ צייט.

— איך ליב אַ פרוי און האָב נישט קיין צייט איר צו באַזוכן.

— דו מיינסט יענע דאָרט, די דאָקטאָרין נאַטאַשע מאַסלאָוואַ יענע איז ווייט און איך בין אַזוי נאָענט. זע ווי שיין איך בין!

— כ׳ווייס, אַז דו ביסט שיין. איך זע, אַז דו פלאַמסט אין גאַנצן, צו דיר ציט מיך אַ פייער. מיין נישט, אַז איך בין דער אַמאָליקער אַלעקסאַנדער, אַ סך בלוט איז פון מיר אָפּגעפלאָסן אויפן מאָסקווער פראָנט. איך האָב מיך געוויקט אין מיין אייגן בלוט ביז די סאַניטאַרן האָבן מיך אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן אין פעלדשפּיטאָל. גאָט האָט געוואָלט, אַז איך זאָל טרעפן דעם דאָקטאָר אַרטעמאָוו, און ער האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס לעבן.

— איך, בריגאַדירן פון דיין צעך, ליזאַ וואָראָנאָוואַ, וועל דיר היילן דיינע שווערע ווונדן. דו וועסט ביי מיר אין שטוב צוריק געפונען דאָס פאַרלוירענע בלוט.

— און די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ וואָס וועט זאָגן?

— ניין, אַלעקסאַנדער, זי וועט נישט וויסן פון אונדזער ליבע. איך האָב דיך ליב פאַר איר.

— מירן זען... דערווייל רייסט פון מיר שטיקער אָגראָדאָוו. די פאַרטיי דערגייט אים די יאָרן. די פאַבריק מאַכט נישט דעם פּלאַן.

— האָב נישט אין זינען דעם דירעקטאָר. ער האָט דיך אויך נישט אין זינען. אין צעך רעדט מען, אַז ער האָט שוין אַ פרישע געליבטע, די קליינע מאַסלענקאָוואַ, די בוכהאַלטעריך.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?

— דו פאַרשלאָפסט די צייט. נאָר דער צעך מיטן פּלאַן ליגט דיר אין זינען.

— דו ווילסט מען זאָל מיך אַוועקשיקן אויף צוואַנציק יאָר קיין סיביר.

— ניין, דאָס וויל איך נישט.

— טאָ וואַרט אויס. לאָז מיך קומען צו זיך, שפּעטער וועל איך קומען צו דיר... און דו וועסט זיך פרייען מיט אַלעקסאַנדערן...

— איך וויל אַז דו זאָלסט קומען היינט אָוונט. איך האָב צוגעגרייט פון בעסטן. מיין מאַן וועט שוין פון פראָנט נישט צוריקקומען. ער איז טויט. אַ מת.

— שוין לאַנג?

— יאָ, שוין לאַנג. גלייך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז ער געפאַלן.

— גיי איצט צו דיין בריגאַדע. אין אָוונט וועל איך קומען צו דיר.

— נאַרסט מיך נישט אָפּ?...

— ניין, איך נאַר דיך נישט אָפּ. איך וועל קומען. לאָמיר זען דיין צו־געגרייטן טיש.

— וואָדקע וועט זיך גיסן ווי וואַסער...

— ווו האָסטו גענומען וואָדקע?

— איך פֿאַרדין ביי דער זייט. איך ניי קליידער און שטוב און מיין פרייער צייט פֿאַר די בעסערע פרויען. זיי ברענגען מיר אַלץ.

— ביסט אַ שטיק גאָלד!

— יאָ, אַלעקסאַנדער. זע, דאָס גאָלד שיינט אַרויס פון מיר.

— איך זע. פֿאַרמאַך דיר איצט די קנעפּלעך ביי דער בלוזקע, ווייל איך אַליין וועל דיר זיי פֿאַרמאַכן. איך זע דיינע ווייסע ברוסטן. זיי שפּילן ווי די כוואַליעס אויפן קאַמאַ. גיי איצט איז צעך. וואַרט אויף מיר אין אָוונט.

— איך וועל וואַרטן. נאַר קום באַשטימט.

— יאָ, באַשטימט.

ער האָט געהערט די טריט פון דער בריגאַדירן ליזאַ וואַראַנאָוואַ ביים פֿאַרלאָזן זיין צימער. ער האָט געהערט דעם רויש פון די מאַשינען. ער האָט געעפֿנט דאָס שופלאָד פון שרייבטיש און דערזען דאָס תהילימל מיט די פֿאַרבלוטיקטע טעוועלעך. ער האָט זיך דערמאָנט דעם פוילישן ייִד יאַנעק טוקאַל־סקי וואָס איז העלדיש געפאַלן אין שלאַכט מיט די דייטשן פאַרן יידישן פאָלק.

לאַנג, לאַנג האָט ער אַזוי געקוקט אויפן תהילים מיט די פאַרבלוטיקטע טאָוולען. ער האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט נישט געהערט ווי די טיר עפנט זיך.

ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט ער דערזען די גרינע אויגן פון מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ.

— דו, דו ביסט געקומען פון פראָנט — האָט ער אויסגעשריגן אַ דערשטוינטער.

— יאָ, איך... האָט מאַרוסיאַ זיך נישט געקאָנט באַהערשן און איז אים געפאַלן אין די אָרעמס. טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון אירע אויגן.

— ווייַן נישט, מאַרוסיאַ, אַלעקסאַנדער לעבט... וואָס מאַכט דאָקטאָר אַרטעמאָוו?

— כ׳האָב אַ בריוו פאַר דיר. אָט האָסטו, לייען!

אַלעקסאַנדער האָט גענומען דעם בריוו און גלייך גענומען אים לייענען. מאַרוסיאַ האָט זיך געזעצט לעבן אים. זי האָט גענומען זיין האַנט אין אירע. זי האָט געפילט ווי אירע בלוטן צינדן זיך אָן. זי האָט זיין האַנט צוגעלייגט צו אירע ליפּן און זי געקושט.

— מיין גרינאויגיקע ווי האַלטסטו זיך אויף?

— אין האָטעל אויף לענין־גאַס.

— ביסט דערהויבן געוואָרן צו דער ראַנג פון לייטענאַנט.

— כ׳האָב נישט געקענט בלייבן הינטערשטעליק פון דיר.

— ווי אַזוי ביסטו אַריין קיין פּערם.

— מיט אַן עשעלאָן פאַרוווּנדעטע. פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט מיך געשיקט אַלס פּראָוואָדניצע.

— ער האָט דיך ליב, דער אַלטער הינער־פּרעסער?

— ער דערגייט מיר די יאָרן. אין די נעכט לאָזט ער מיך נישט שלאָפן. ער קריכט צו מיר.

— נו, איז דאָך גוט...

— ניין, אַלעקסאַנדער. איך וויל נישט אַזוי לעבן. דיך האָב איך ליב.

— איך ווייס, ווען נישט קומסטו נישט צו מיר פון אַזוי ווייט. גוט מיין גרינאָויגיקע. גיי אין האָטעל. נאָך דער אַרבעט קום איך צו דיר.

— לאָז, איך וועל דיר געבן אַ קוש.

מאַרוסיאַ האָט אַרומגענומען אַלעקסאַנדערן און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן ביז בלוט.

— נו, שוין גענוג מיין גרינאָויגיקע. גיי און וואַרט אויף מיר... מיטן אָוונט צוגלייך וועל איך קומען צו דיר.

אַלעקסאַנדער איז געבליבן אַליין אין זיין אַרבעטס־צימער. ער האָט איצט אָוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש און אים גענומען לייענען ווי אַ פרומער ייד — תהילים.

לייענענדיק די ווערטער פון בריוו האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז פּראָפ׳ מאַסלאָוו לעבט עפּעס איבער, אַז עפּעס איז מיט אים פאַרגעקומען.

לאַנג לייענען דעם בריוו האָט ער נישט געקענט. ווידער זענען צו אים אַריינגעקומען אַרבעטער בעטן וועש, הויזן. זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין העמד צום איבערבייטן. אַלעקסאַנדער האָט יעדן אויסגעהערט און אויסגעשריבן פון סקלאַד וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט געוויטיקט צוזאַמען מיט די אַרבעטער. זייער הונגער איז געווען זיין הונגער. ער איז אַרויס פון זיין אַרבעטס־צימער און גענומען גיין איבערן לאַנגן צעך. ביי יעדן אַרבעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעפרעגט אים, אויסגעבעסערט די אַרבעט.

די בריגאַדירן ליזאַ וואָראָנאָוואַ איז אים נאָכגעגאַנגען. זיך אָפּגעשטעלט ביי אַרבעטער צוזאַמען מיט אים, געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן, אָבער ער האָט שוין געוווסט, אַז היינט אָוונט וועט ער צו איר נישט קענען קומען. אויף אים האָט געוואַרט מאַרוסיאַ אין לעניך־האָטעל.

דער אַרבעטסטאָג האָט זיך פאַרענדיקט. אַלעקסאַנדער איז אַרויס אויף דער גאַס. עס איז אים אַנטקעגנגעקומען דער אַרבעטער מישאַ.

— וווּ גייסטו איצט, מישאַ?

— איך גיי אויפן טאָלטשאָק (באַזאַר).

— אויב אַזוי — האָט אַלעקסאַנדער צו אים געזאָגט — ווען דו קאָנסט מיר עפּעס קויפן, אַ מתנה פאַר אַ יונגער פרוי?

— גוט, חבר צעך־נאַטשאַלניק, איך וועל דיר ברענגען אַ מתנה פאַר דיין מיידל. איך האָב איר היינט געזען, אַ לייטענאַנטין, אַ שיינע...

— נו גיי שוין, מישאַ, רעד נישט קיין נאַרישקייטן. זי קומט איצט פון פראָנט. מיר זענען געווען צוזאַמען אויפן פראָנט. זי איז ווערט צו זיין געליבט. גיי שנעלער, איך וואַרט ביי מיר אין שטוב.

— גוט, איך קום גלייך צוריק.

מישאַ האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן באַזאַר און געזוכט אַ מתנה, אַז עס זאָל

געפעלן דעם צעך־נאַטשאַלניק. ער האָט דערזען אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר קאָלירטע מייטקעס צום פאַרקויפן. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו איר.

— פאַרקויפסט די „שטאַני“ — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן?

— יאָ, איך פאַרקויף...

— האָסט נישט מער ווי איין פּאָר?...

— איך האָב דריי פּאָר.

— איך וויל זיי קויפן, וויפל ווילסטו?

פופציק רובל פאַר אַ פּאָר.

מישא האָט באַצאָלט, גענומען די דריי פּאָר מייטקעס און זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע פון שינעל. מיט שנעלע טריט איז ער אַוועק פון באַזאַר.

שוין לאַנג איז אַלעקסאַנדער נישט געווען אַזוי פריילעך ווי היינט. די שיינהייט, ווי אַלע האָבן זי גערופן אויפן פראָנט, די גרין־אויגיקע איז צו אים געקומען. הייסט עס, אַז ער איז דאָך נאָך עפּעס ווערט. ער ווייסט, אַז נאַטאַשאַ טאָר צו אים נישט קומען. די נקוו״ד האָט איר פאַרבאָטן צו קומען קיין פּערם. זי וואַרט אויף אים, אָבער ער איז פאַרהאַרעוועט אין צעך מיטן אויספירן דעם פּלאַן...

די טיר האָט זיך געעפנט. מישאַ איז אַריין מיט אַ געלעכטער.

— כ׳האָב דיר געבראַכט די ריכטיקע מתנה...

— ווייז מיר, לאָמיך זען — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט מיט אומגעדולד.

— טאַקע שיין, דריי פּאָר דאַמען־הויזן: רויט, גרין, באָרדאָ, די שענסטע פאַרבן. וויפל דאַרף איך דיר באַצאָלן?

— הונדערט פופציק רובל.

— נאַ און לאָז מיך אַליין. איך דאַרף מיך אָפּרוען און שרייבן אַ בריוו צו אַ פריינד אויפן פראָנט.

מישא האָט גענומען די רובלס און איז שנעל אַוועק. אַלעקסאַנדער האָט גענומען שרייבן אַ בריוו צו נאַטאַשאַן. ער האָט איר איבערגעשיקט דעם בריוו פון איר פאָטער. ער האָט געוווסט, אַז זי וועט זיין צופרידן מיטן גרוס. האָט צוגעלייגט אַ בריוו פון זיך און זיך גענומען גרייטן צו דער באַגעגעניש מיט מאַרוסיאַ.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. ס׳איז געפאַלן דער ערשטער שניי. אַ ווינט האָט געבלאָזן פון טייך קאַמאַ. אַלעקסאַנדער האָט שפּאַצירט דורך דעם שטאָטישן גאָרטן. עלטערע מענער מיט יונגע מיידלעך האָבן געאיילט אין אָפּערע־טעאַטער.

— ווי שנעל די צייט לויפט — האָט געטראַכט אַלעקסאַנדער. שוין אַ יאָר איז פאַרביי זייט ער איז געגאַנגען מיטן זעלבן וועג אויף דער גאָרקי־גאַס צו נאַטאַשאַן.

איצט גייט ער צו אַ פראָנט־חברטע, וואָס האָט אים געוואָרעמט אין דער זעמליאַנקע אין די פראָסטיקע נעכט. זי, די גרין־אויגיקע, מאַרוסיאַ האָט אָנגעצונדן זיינע בלוטן ווען אַרום זענען געפלויגן באָמבעס און סאָלדאַטן זענען

געגאַנגען אין אַן אַנגריף אויף באַגנעטן. ער האָט געהערט די געשרייען פֿון די שווער־פֿאַרווונדעטע, אָבער קיין הילף האָט ער זיי נישט געקאָנט געבן און זיי זענען אויסגעגאַנגען אין אייגענעם בלוט. די דייטשן האָבן יעדן פּאַר פּרייז געוואָלט נעמען מאָסקווע.

אויף דער לענין־גאַס איז געווען רוישיק. אין פֿערם האָט געוווינט אַ מיליאָן מענטשן. אַלע דירות זענען געווען איבערפֿולט. מאַרוסיאַ, אַלס לייטענאַנטין, האָט באַקומען אַן אָרט אין האָטעל, אַ קליין צימערל מיט אַ פֿענצטער צום קאַמאַ.

אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן ביים פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אויפֿן טייך קאַמאַ. די ערשטע שנייעלעך האָבן זיך געלאָשן אין זיינע כוואַליעס. אירע געדאַנקען זענען געווען פֿאַרנומען מיט אַלעקסאַנדערן: ווען ער קומען און שענקען איר אַ ביסל פֿרייד ?...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט זי ווי אויפֿגעוועקט. זי איז שנעל געלאָפֿן עפֿענען.

— ביסט געקומען, מיין פֿייגעלע — האָט זי געשעפּטשעט אַ גליקלעכע, נע־מענדיק אים אין אירע אָרעמס.

— שוין, לאָז אָפּ, כ׳בלייב דאָ מיט דיר אַ גאַנצע נאַכט. דערצייל מיר, מאַרוסיאַ, וואָס הערט זיך ביים דאָקטאָר אַרטעמאָוו ?

— זעץ זיך און איך וועל דיר אַלץ דערציילן. פֿאַר אַלעמען וויל איך דיר איבערגעבן, אַז אינזשיניער אַלעקסיי מוכין איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט.

— וואָס דו זאָגסט !...

— יאָ, יאָ, ער איז געפֿאַלן... געווען אין מיין דיוויזיע. אַ שטילער מענטש, פֿאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט אַ סך גערעדט פֿון אים. אַ גוטער אינזשיניער געווען. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געוויינט ביים אָפֿענעם קבר. ער זאָגט, אַז ער איז געווען דיין דאָקטאָרינס ערשטער מאַן.

אַלעקסאַנדער איז געזעסן און געשוויגן. אַ ציטער איז אים דורך איבערן לייב. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז נאַטאַשאַ איז דאָך שולדיק וואָס ער איז אַוועק. אַלץ צוליב נאַטאַשאַן — האָט ער געטראַכט ! און אפֿשר איז ער אַליין שולדיק ? האָט ער דאָך ביי אים צוגענומען נאַטאַשאַן און זי האָט געוואָלט נאָר אים טריי זיין, און ער איז איצט געקומען שענקען ליבע אַן אַנדערער.

— דו האָסט זיך פֿאַרטראַכט, ווי די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין...

— אַזוי זיך...

— זאָג מיר, אפֿשר וואַרף איך מיך אָן מיט מיין ליבע צו דיר...

— ניין, מאַרוסיאַ, דו וואַרפֿסט זיך נישט אָן, דו ביסט ווערט מיין ליבע.

— און די דאָקטאָרין, נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ ?

— וועגן דעם האָב איך מיך פֿאַרטראַכט.

— דו דאַרפֿסט זיך פֿאַרטראַכטן... און גוט זיך פֿאַרטראַכטן, צוליב איר איז אינזשיניער אַלעקסיי מוכין אַוועק אויפֿן פֿראָנט.

— טאַקע וועגן דעם טראַכט איך.

—שוין נישטאָ וואָס צו טראַכטן. זאָל ער האָבן רו אין קבר, נאָר איך מיין,

אַז דו, אַלעקסאַנדער, דאַרפסט זיך גוט פאַרטראַכטן וועגן דיין ליבע צו דער דאָקטאָרין.

— נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. די מלחמה שלינגט איין מיין פאָלק. די דייטשן לאָזן נישט לעבן קיין איין ייד.

— איך ווייס מיין ליבער, איך ווייס.

— איז ווי קאָן איך טראַכטן וועגן אייגענע פאַרגעניגנס?

— כ'האָב געהערט ווי עס האָבן צווישן זיך גערעדט פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו און דאָקטאָר אַרטעמאָוו, צוויי מענטשן מיט בילדונג, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים איז שולדיק אין דער מלחמה.

— כ'בעט דיך, מאַרוסיאַ, גיב מיר נישט אָפּ קיין באַריכט וועגן וואָס יענע דאָרט האָבן גערעדט. פאַר די רייד קענען מיר ביידע פאַרשיקט ווערן אין אַ לאַגער, פון וואַנען מען קומט שוין מער נישט צוריק.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָ, אין הינטערלאַנד, איז די דיקטאַטור אַזוי שטאַרק.

— דו ווייסט דען נישט, אַז איך פאַרנעם זיך נישט דערמיט. איך בין דאָ בלויז אַן אָבסערוואַטאָר, געקומען זען ווי עס לעבט זיך דעם אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד. זע בעסער, ווי עס פאַלט דער ערשטער שניי...

— האָסט קלוג געזאָגט, אַלעקסאַנדער. ווי לעבט זיך דיר מיט דיינע ווונדן?

— דערווייל נישט מיט אַלעמען... ביים ערשטן שניי שניידן זיי מיך ווי מיט מעסערס. אַלץ איז נאָך פריש...

— לאָז, איך וויל זען.

— שפּעטער וועסטו זען. איצט קום עסן אָוונטברויט.

— איך האָב דאָ צוגעגרייט. מירן עסן דאָ ביי מיר אין צימער.

— טאָ גרייט. איך בין הונגעריק, קיין מיטאָג היינט נישט געגעסן.

— וואָס איז געשען?

— אַזויפיל אַרבעט ליגט אויף מיר...

— האָסט געוואָלט זיין צעך-נאַטשאַלניק!?...

— איך, איך האָב געוואָלט זיין צעך-נאַטשאַלניק, פּונקט ווי דו האָט געוואָלט די מלחמה...

— טאָ ווי קומט עס צו דיר?...

— פרעג מיך נישט מער...

מאַרוסיאַ האָט געגרייט דעם טיש. דאָס אַמעריקאַנער קאָנסערוון-פלייש האָט געשמעקט. זי האָט אָנגעגאָסן האַלבע גלעזער וואָדקע.

— לאָמיר טרינקען, אַלעקסאַנדער, פאַרן לעבן, פאַר דיין פאָלק און פאַר אונדזער ליבע!

— גוט געזאָגט, מאַרוסיאַ, גאָלדענע ווערטער, נאָר עס טוט מיר אַזוי ווי וואָס איך קאָן מיין פאָלק מיט גאָרנישט נישט העלפן. איך בין קאַלעטשעט... מיין

לייב איז צעשניטן און איך פיל מיך ווי אַ פויגל וואָס מען שניידט אים אָפּ די פליגל...

— דו האָסט מיט דיין בלוט אַריינגעשריבן אַ העלדיש בלאַט אינעם גאַנג פון דער מלחמה. ביסט פרייוויליק געקומען צו אונדז און פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט. קיינער האָט דיך נישט גערופן. האָסט די דייטשן געטריבן פון די וואַרעמע טראַנשייען אויפן פראַסטיקן שניי. מיט דיין בלוט האָסטו געזיכערט דעם זיג...

— דיינע ווערטער דערוואַרעמען מיך מער ווי די וואַדקע. איך זע אַ פרייע וועלט ווו מענטשן אַכטן זיך. אויך מיין יידיש פאָלק וועט שאַפן פאַר זיך אַ פריי לעבן אויף זיין ערד אין ארץ ישראל.

— טרעפסט זיך מיט דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ ?

— ניין, זי וווינט אין אַכאַנסק און איך קאָן מיין צעך נישט פאַרלאָזן.

— פאַר וואָס וווינט זי נישט דאָ אין פערם ?

— פרעג נישט פאַר וואָס ? זי טאָר דאָ נישט וווינען. מען האָט זי אַרויסגעשיקט פון דאַנען.

— האָט זי זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט קעגן סאָוויעטישן רעזשים ?

— ניין, זי האָט זיך מיט גאָרנישט נישט פאַרשולדיקט, נאָר מען האָט אויף איר צוגעטראָגן, אַז איר גרויסער פאָטער פראָפ׳ פאַוועל מאַסלאָוו, איז געווען אַ וורעדיטעל.

— נאָר צוליב דעם ?

— אַזוי זעט עס אויס — און פרעג מיך נישט מער...

— שויין, איך וועל דיך מער נישט פרעגן. ווילסטו, אַלעקסאַנדער, גיין אין אָפּערע ?

— איך וויל נישט.

— קום, לאָמיר גיין, איך האָב בילעטן.

— ווו האָסטו באַקומען בילעטן ?

פראַנטאָוויקעס באַקומען. כ׳האָב די בעסטע בילעטן, אין דער דריטער ריי.

— ווילסט איך זאָל גיין מיט דיר ? איך וועל גיין. האָסט זיך פאַרדינט ביי מיר מיין גרין־אויגיקע. ביסט צו מיר געווען גוט.

— האָסט נאָך נישט פאַרגעסן, אַלעקסאַנדער ?

— ניין, אַזעלכע נעכט, ווינטער, אין אַ זעמליאַנקע פאַרגעסט מען נישט. נעכט ווען איבער דיין קאָפּ פליען באָמבעס — און דו ביסט געווען מיר אַ זון, האָסט אין מיר אָנגעצונדן די בלוטן. כ׳בין אַוועק מיט מיינע זעלנער אין שלאַכט און דיינע גרינע אויגן האָבן מיר געלויכטן ווי צוויי טייערע דיאַמאַנטן.

— עס איז מיר גוט איצט צו זיצן דאָ לעבן דיר און הערן דיין שטים. ס׳האָט געלוינט צו פאַרן אַזאַ וויטן וועג... איצט זע איך אויף דיין שויס און הער דיינע זיסע ווערטער. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט די אָפּעראַציע

נישט איבערהאַלטן און איך האָב געוויינט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט און געוויינט. איך האָב געבעטן גאָט פאַר דיין לעבן.

— קום, מאַרוסיאַ, שנעלער, מיר זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן. היינט גייט פּושקינס אָפּערע „די פּיקאָווע דאַמע".

דער וועג צו דער אָפּערע איז נישט געווען קיין ווייטער. מאַרוסיאַ האָט געפירט אַלעקסאַנדערן ביי דער האַנט. זילבערנע שניי־פּלאַטערלעך האָבן פאַרוועבט זייערע טריט.

ווי נאָר אַלעקסאַנדער מיט מאַרוסיאַן האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער, האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג.

מאַרוסיאַ האָט געלייגט דעם קאָפּ אויף אַלעקסאַנדערס אַקסל און אים אַרומ־גענומען מיט דער האַנט. דאָס געזאַנג פון די אַרטיסטן האָבן איר געמאַכט פאַרגעסן אין די פראָנט־געפאַרן. זי האָט פאַרגעסן אין דער מלחמה. זי האָט איצט געטראַכט ווי אַזוי געווינט מען אַלעקסאַנדערס ליבע, ווי אַזוי נעמט מען צו דעם שיינעם צעך־נאַטשאַלניק פון דער דאָקטאָרשע.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און עס איז געוואָרן ליכטיק. אַלע האָבן גענומען לויפן צום בופעט כאַפּן אַ נאַש.

ביים בופעט איז שוין געשטאַנען אַ גרויסע ריי. אויך אַלעקסאַנדער האָט זיך אַוועקגעשטעלט. מאַרוסיאַ איז צו אים צוגעקומען:

— איך גיי אָן אַ ריי. איך בין אַ פראָנטאָוויק.

מענער האָבן זי געגעסן מיט די אויגן. די יונגע שיינע לייטענאַנטין מיט די גרינע אויגן האָט זיי פאַרכישופט. פרויען האָבן געקוקט אויף איר מיט אויגן פון קנאה און באַוואונדערונג. די בופעטשיצע האָט זי באַדינט די ערשטע. זי האָט געבראַכט פון בופעט קליינע שאָקאָלאַדקעס, געוויקלטע אין פאַרביקע פּאַפּירלעך.

עס גייט פאַרביי דער קאָמיסאַר באַבושקין.

— דאָס ביסטו, אַלעקסאַנדער? ווו איז די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ?

— אין אָכאַנסק.

— ביסט מיט דער יונגער לייטענאַנטין?

— יאָ.

— די שענסטע רוסישע פרויען נעמסטו פאַר זיך...

— ס'וועט נאָך בלייבן פאַרן קאָמיסאַר באַבושקין אויך.

— נו, איך וועל שוין שרייבן דער דאָקטאָרשע אַז כ'האָב דיך געטראָפן מיט אַ גרין־אויגיקע, די שענסטע פרוי אין רוסלאַנד.

— נעמט שאָקאָלאַד, קאָמיסאַר באַבושקין.

— איך גיי צום בופעט נאָך אַ סענדוויטש.

מאַרוסיאַ האָט אַ וווּנק געטאָן צו אַלעקסאַנדערן.

— לאָמיר גיין. דער מאַן געפעלט מיר נישט.

— מיר אויך נישט.

— ווער איז ער?

— ער איז קאָמיסאַר פון לעני־נסקי וווין־קאָמיטעט.

— אַזאַ געזונטער מאַן האָט געקענט זיין אויפן פראָנט — און נישט דאָ, אין דער אַפּערע, זיך אַרומפירן מיט ווייבער...

— מאַרוסיאַ, הער אויף צו רעדן, ווי גאָט איז דיר ליב! דאָ האָבן וועגט אויערן! און איך בין אַ נייער מענטש אויף דער רוסישער ערד.

— ביסט שוין נישט קיין נייער, האָסט שוין מיט דיין בלוט זיך אַריינגעשריבן אויף דער רוסישער ערד.

דער פאָרהאַנג האָט זיך ווידער אויפגעהויבן צום צווייטן אַקט. דאָס געזאַנג האָט פאַרטריבן די געדאַנקען וועגן דער מלחמה. פּושקין האָט איצט געהערשט אין זאַל.

אין זאַל איז געווען טונקל. אַלעקסאַנדער האָט דערפילט אויף זיינע ליפּן אַ שטאַרקן קוש. מאַרוסיאַ האָט אויך געקושט זיין האַנט. זי איז געווען איין שטיק פייער. דאָס ליכט פון דער סצענע האָט גערופן צו ליבע און גענוס. אַלעקסאַנדער האָט געפילט איר היץ ווי דעמאָלט אין דער זעמליאַנקע.

ביים אַרויסגיין פון טעאַטער האָבן זיי ווידער זיך געטראָפן מיטן קאָמיסאַר באַבושקין. ער האָט געפירט אַ יונג מיידל מיט צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ און פולע בריסטלעך. ער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף אַלעקסאַנדערן מיט דער יונגער לייטענאַנטין.

אויף דער גאַס איז דער שניי געפאַלן אָן אויפהער. יונגע פּרויען, געפירט פון עלטערע מענער, זענען געגאַנגען אויסנוצן די געלעגנהייט פון אומריינער ליבע. אַלעקסאַנדער מיט מאַרוסיאַן זענען געגאַנגען ווי צוויי גלייכע, שיינע, יונגע פראָנטאָוויקעס. זייער ליבע האָט זיך דאָך אויסגעוועבט אונטער די קלאַנגען פון האַרמאַטן און מאַשין־געווער. ער האָט גוט געשלאָגן די דייטשן ביז מען האָט אים אַ פאַרוווּנדעטן אַרויסגעטראָגן אויף אַ טראָגבעטל פון דער פייער־ליניע. נאָך איצט, גייענדיק לעבן דער טעלעפאָניסטין, זעט ער פאַר זיך די שוידערלעכע בילדער פון די שווערע קאַמפן. זי פירט אַלעקסאַנדערן ביי דער האַנט. אין האָטעל האָט זי אָנגעצונדן די ליכט. דורכן פענצטער זעען זיך ווייסע שניי־פלאַטערלעך. דער הימל — פאַרנעפּלט. דעם נעפּל האָט אָפּגעווישט די שטערן.

אין צימער איז וואַרעם און שטיל. מאַרוסיאַ האָט זיך געלייגט אין בעט. אַלעקסאַנדער — לעבן איר, ווי אַ מאָל אין דער זעמליאַנקע אויפן שטרויזאַק.

פון מאַרוסיאַן שלאָגט אַ פייער. אירע גרינע אויגן לויכטן ווי די שטערן אויפן מילכוועג. אַלעקסאַנדער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר ברוסט. ער דערפילט אַ היץ, וואָס שלאָגט מיט ליבע.

— כ׳האָב דיך ליב, אַלעקסאַנדער! ווען איך קאָן דיך מיטנעמען אויפן פראָנט וואָלט איך דיך געטראָגן ווי אַ מאַמע — איר ניי־געבויר׳ן קינד. פאַר מיר ביסטו ניי־געבוירן. אַלע האָבן דיך שוין געהאַלטן פאַר אַ טויטן, נאָר איך האָב ביי גאָט אויסגעבעטן דיין לעבן — און דיין ליבע געהערט צו מיר און נישט צו דער דאָקטערשע...

— איך וויל נישט זאָלסט זי דערמאָנען.

— אויב דו ווילסט נישט וועל איך איר מער נישט דערמאָנען.

— ניין, דערמאָן איר נישט מער. זי איז שווער געשלאָגן פון גורל. אָט דער מאַן וואָס דו האָסט אים געזען אין אָפּערע־טעאַטער, קאָמיסאַר באַבושקין, האָט זיך איר צוגעדינט מען זאָל איר אַרויסשיקן פון פערם.

— פאַר וואָס ?

— דו פרעגסט פאַר וואָס ? ווייל זי איז אַן ערלעכע פרוי. זי האָט נישט געוואָלט ווערן זיין געליבטע

— איז ער אַזאַ געמיינער מענטש ?

— דו וועסט עס אַליין אָפּשאַצן.

— איך וועל זיך אים צודינען. זאָל ער קומען צו מיר שמעקן פולווער ווי איך שמעק.

— דאָס איז דיין זאַך, נישט מיינע. איך בין אין רוסלאַנד נאָר אַ צושויער. איך קאָן אַלץ הערן, זען, פאַרגעדענקען און שווייגן ביז איך וועל קומען אין דער פרייער וועלט.

— מיר וועלן זען. איך בין גרייט מיט דיר צו גיין אויף דיינע וועגן. ווו דו וועסט מיך פירן, וועל איך מיט דיר גיין.

— גוט, מיין טייערינקע, מיין גרינ־אויגיקע. איך וועל דיר געבן דערפאַר אַ קוש.

דער קאָמיסאַר באַבושקין איז זיך איבערגעשלאָפן מיט דער בלאָנדער מויד. ער האָט אויך מקיים געווען זיין צוזאָג אָנצושרייבן אַ בריוו צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ, אַז ער האָט געזען אַלעקסאַנדערן, איר געליבטן, מיט פרעמדע פרויען. ער שלאָפט מיט זיי און דערצו האָט ער אַ יונגע שיינהייט אַ גרינ־אויגיקע לייטענאַנטין. באַבושקין האָט דעם בריוו גלייך אַוועקגעשיקט.

ס׳זענען דורך טעג און באַבושקין האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַן ענטפער, ער האָט אָבער קיין בריוו נישט באַקומען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער. ס׳איז אים איינגעפאַלן צו ברענגען די דאָקטאָרין קיין פערם. ער קאָן גיין אין דער נקוו״ד און בעטן פאַר איר אַ דערלויבעניש. זאָל זי קומען און זען מיט אירע אויגן ווי דער פרעמדער מאַן, אַלעקסאַנדער, געווינט שנעל די הערצער פון די שענסטע רוסישע פרויען. און זי, נאַטאַשאַ, האָט אָפּגעזאָגט איר ליבע אים, דעם רוסישן מוזשיק און קאָמיסאַר.

אין אָוונט איז באַבושקין אַוועק צום נאַטשאַלניק נקוו״ד מאַראָזאָוו.

ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר און זיך אַרומגעקוקט. נישט זעענדיק קיינעם אויפן לאַנגן קאָרידאָר, האָט ער אָנגעקלאַפּט.

— אַריין! — איז געקומען אַן ענטפער פון אינעווייניק.

— אַך, דאָס ביסט דו, באַבושקין! שוין לאַנג ביי מיר נישט געווען. וואָס האָט דיך געבראַכט צו מיר ? מסתמא די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ ?!

— האָסט געטראָפן

— איך זע, אַז דו ביסט שטאַרק פֿאַרליבט אין איר?

— יאָ, כ׳בין פֿאַרליבט.

— איז וואָס קומסטו צו מיר? וועגן דיין ליבע צו אַ פֿרוי?

— איך וויל אָפּרופֿן דעם פּראָטאָקאָל וואָס כ׳האָב זיינער צייט געהאַט אויף איר אונטערגעשריבן.

— ווייסט דאָך, ברודערל, אַז ביי נקוו״ד קאָן מען אַזעלכע שטיק נישט מאַכן. איין מאָל געזאָגט און אונטערגעשריבן — איז דאָס אויף אייביק.

— איך באַדויער מיין טאַט.

— איך קאָן דיר גאָרנישט העלפֿן. דאָס סאָוויעטישע געזעץ באַשטייט אויף דעם, פֿאַרשטייסט? אַלע וורעדיטעלעס דאַרף מען פֿאַרשיקן און פֿאַרניכטן ווי ווערעם. דו הערסט? קוק אויף מיר! איך זע, אַז דו קוקסט אויף סטאַלינס בילד.

— יאָ, איך קוק אויפֿן בילד פֿון חבר סטאַלין.

— טאָ גיי מיר געזונטערהייט און קום נישט צו מיר מיט אַזעלכע נאַריש־קייטן. עס פֿעלן דיר מיידן אין פּערם כ׳האָב דיך נעכטן געזען אין אָפּערע־טעאַטער מיט אַ בלאָנדער מויד...

— איז נישטאָ מער וועגן וואָס צו רעדן?

— ניין! גאָרנישט! גיי זיך דורך מיטן ערשטן שניי ביים טייך קאַמאַ. ער וועט דיך אָפּקילן... עס פֿעלט היינט לערמאָנטאָוו, פּושקין און דער וואָס האָט זיך געשאָסן — יעסענין. זיי וואָלטן היינט באַזונגען די קאַמאַ מיט ליבע צום ערשטן שניי...

קאָמיסאַר באַבושקין איז אַרויס פֿון נאַטשאַלניק אַ פֿאַרכמורעטער. אים האָבן מאַראַזאָוס ווערטער געקלונגען מאָדנע: „איין מאָל אונטערגעשריבן אַ פּראָ־טאָקאָל — איז אויף שטענדיק. נישטאָ קיין צוריק. אַזוי לערנט לענין״.

באַבושקין איז געגאַנגען פֿאַזע דעם טייך קאַמאַ. רויטע פֿייערלעך פֿון די שיפֿלעך האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין די כוואַליעס און אים פֿאַרבלענדט די אויגן. ער האָט אויסגעשפּיגן אַ רוסיש זידל־וואָרט.

עס זענען אים אַנטקעגנגעקומען אַלעקסאַנדער מיט דער גרינאַוויגיקער, יונגער לייטענאַנטין.

— ווידער טרעפֿן מיר זיך, אַלעקסאַנדער...

— יאָ, קאָמיסאַר באַבושקין.

— ווען דו וואָלסט געווען אַ גוטער, וואָלסטו מיר אָפּגעטרעטן די שיינע, גרינאַוויגיקע לייטענאַנטין.

— איך זאָל אייך אָפּטרעטן די שיינע, גרינאַוויגיקע לייטענאַנטין. פֿרעגט ביי איר. איר פֿרייהייט ליגט אין אירע הענט.

מאַרוסיאַ האָט גענומען אַלעקסאַנדערן ביי דער האַנט און זיי האָבן ווייטער שפּאַצירט אויפֿן קאַמאַ־ברעג.

דער שניי האָט אויפֿגעהערט. דער נעפּל איז פֿאַרשוווּנדן און דער הימל

איז געווען פאַרנעפּלט ביזן לעצטן שטערן. אַ פּולע לבנה האָט געוואָרפן איר שיין אויפן טייך.

— קום, מאַרוסיאַ אין האָטעל. דאָ ביים טייך פיל איך וּוייטיקן פון מיינע וווּנדן.

— יאָ, מיין ליבער, קום! איך צייל די טעג וואָס זענען מיר נאָך פאַר־בליבן צו זיין מיט דיר און צו שפּאַצירן אין די אָוונטן ביים טייך. שוין באַלד פאָר איך צוריק אויפן פראָנט און דו בלייבסט דאָ. געדענקסט די שיינע ווייסע אוראַלער נעכט וואָס מיר האָבן צוזאַמען באַוווּנדערט?

קאָמיסאַר באַבושקין האָט זיך שנעל אַנטשלאָסן צו פאָרן קיין אָכאַנסק צו דער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ. ער איז געפאָרן מיט דער לעצטער שיף פון פּערם קיין אָכאַנסק, כדי צו באַווייזן איידער דער טייך ווערט פאַרפרוירן.

עס איז געווען אַ זונטיק נאָך מיטאָג. אויף דער שיף האָט געהערשט פון מענטשלעכן געפּילדער. פּויערים זענען צוריקגעפאָרן פון שטאָט אין דאָרף. דער אַלטער פּויער ביעלאַיעוו איז געזעסן אויף דער באַנק אויפן דעק פון שיף. לעבן אים האָט זיך צוגעזעצט קאָמיסאַר באַבושקין.

איוואַן ביעלאַיעוו האָט געקוקט אויפן מיליטערמאַן. ער איז אים געווען באַקאַנט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען ווו ער האָט אים באַגעגנט. ענדלעך האָט ער זיך דערמאָנט. דאָס איז געווען דער מאַן וואָס האָט אָפּגע־מסרט די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ פאַר דער נקוו״ד. צוליב אים האָט מען זי אין אַ פּראַטיקן טאָג אַרויסגעשיקט פון פּערם.

— איר זייט מיר באַקאַנט — האָט ביעלייעוו זיך צו אים געוואָנדן.

— קאָן זיין. איך בין קאָמיסאַר באַבושקין, וואָיענקאָם פון לענינסקי ראַיאָן אין פּערם.

— ריכטיק, ריכטיק! איך קען אייך. געווען אין נקוו״ד אין פּערם צוליב א״יך...

— צוליב מיר?

— יאָ, צוליב אייך...

— אינטערעסאַנט, דערציילט מיר. ווי רופט מען אייך?

— איוואַן ביעלייעוו פון קאָלכאָז 1־טער מאַי ביי אָכאַנסק. איר האָט עס אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע קעגן דער בירגערין דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— איך ווייס עס. גוט וואָלט געווען ווען איר, קאָמיסאַר באַבושקין, קענט די אָנקלאַגע אָפּרופן.

— ליידער, איך קאָן די אָנקלאַגע נישט אָפּרופן.

— פאַר וואָס איז די דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ אַ ווערדיטעל?

— ניין, זי איז נישט קיין ווערדיטעל.

— איז וואָס, שלעכטע אויפפירונג?

— דאָס אויך נישט.

— טאָ וואָס איז געשען. אַ מענטש אַרבעט ערלעך אויף זיין אַרבעטס־

פלאַץ און דאָ קומט נקוו״ד און זאָגט אַז זי דאַרף פאַרלאָזן די שטאָט. נו איז ווער שולדיק?... איך איוואַן ביעלייעוו בין אַ זעלנער פון דער טשאַפּייעוו־דיוויזיע... מיר קען מען נישט פאַררעדן די ציין. ביי אונדז אין אָכאַנסק איז זי די בעסטע דאָקטאָרין. אַלע ווונטשן איר אַ לאַנג לעבן...

— מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ. ווייסט איר נישט, ביעלייעוו, ווו זי וווינט?

— איך ווייס. איך בין איר היינט אַ פּאָטער. איר גרויסער פּאָטער פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו איז געווען וועלטבאַרימט. מיט אים איז אויך געשען אַ טעות. עס איז ווער אַוועק אין נקוו״ד מיט אַ מסירה, אַזוי ווי אויף דער טאָכטער.

— קאָן זיין, אַז אייערע ווערטער זענען ריכטיק און קאָן זיין אַז נישט.

— פאַר וואָס זענען מייגע ווערטער נישט ריכטיק? איך בין אַן אַלטער מאַן. איך האָב מיך געשלאָגן פאַר דער רעוואָלוציע געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אונדזער גרויסן טשאַפּייעוו.

— אַלץ ריכטיק, אָבער מיר האָבן נישט קיין רעכט צו קריטיקירן די נקוו״ד. זי איז די העכסטע מאַכט אין לאַנד און מיר טאָרן נישט רעדן קעגן איר...

— איך וואָלט אייך געבעטן, קאָמיסאַר באַבושקין, אַז אויב איר קאָנט אָפּרופן דעם פאַרבאָט קעגן דער דאָקטאָרין בין איך גרייט אויסצוטרינקן מיט אייך אַ גאַנצע פלאַש וואָדקע — מיט די דריי שטערנדלעך.

— איך וועל רעדן מיטן נאַטשאַלניק מאָראָזאָוו וועגן דער דאָקטאָרין.

— איך זע, אַז איר זייט אַ גוטער ברודער, לאָמיר אויסטרינקען. איר זעט די פלאַש וואָדקע מיט די דריי שטערנדלעך? איוואַן ביעלייעוו האָט דאָס באַקומען אין פּערם פאַר אַ קריגל פּוטער. נעם די פלאַש, טרינק אויס דו דער ערשטער. ביסט אַ מאַיאָר און איך בין אַ פּראָסטער זעלנער.

— טרינק דו דער ערשטער. ביסט עלטער פאַר מיר... אַזאַ קעלט געוואָרן...

איוואַן ביעלייעוו האָט מיט איין קלאַפּ אויסגעזעצט דאָס קאָרעק און איבערגעדרייט דאָס פלעשל אין האַלדז אַריין.

— נו שוין גענוג, אַלטער, שוין אַ האַלבע פלאַש האָסטו אַריינגעגאָסן...

— טרינק אויס די אַנדערע האַלבע פלאַש. נאָר געדענק, די מסירה אויף דער דאָקטאָרשע מוז ווערן אָפּגערופן.

— איך וועל פּרובירן...

נאָכן אויסטרינקען די פלאַש וואָדקע איז דער אַלטער פויער געוואָרן היימיש צום קאָמיסאַר.

— פאָרט איר צו אונדז קיין אָכאַנסק? צו וועמען?

— טאַקע צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— איך וועל איר זאָגן, אַז זי זאָל דיך נישט אויפנעמען ביז דו וועסט נישט גיין צום נאַטשאַלניק מאָראָזאָוו, אַז ער זאָל דעם פּראָטאָקאָל צערייסן אויף קליינע שטיקעלעך און אים לאָזן מיטן ווינט.

— איך וועל גיין צו מאַראַזאָוו. איך שווער דיר, אַלטער. נאָר זאָלסט מיך היינט אַריינפירן צו דער דאָקטאָרין.

— מען וועט זען!

— נישט זען, דו וועסט מיך טאַקע אַריינפירן צו איר!

— וואָס איז דיר? ביסט קראַנק? איך זע נישט, אַז דו זאָלסט זיין קראַנק. מיט איין צי האָסטו אַראָפּגעלאָזט אַ האַלבע פלאַש וואָדקע.

— כ׳בין נישט קראַנק, אָבער דו ווייסט, זי איז אַ שיינע פרוי. איך גיי אויס נאָך איר.

ביי נאַכט איז די שיף אָנגעקומען קיין אָכאָנסק.

— וועסט מיך אַריינפירן צו דער דאָקטאָרין?

— איך קאָן נישט. איך מוז גיין אַהיים. מיין אַלטע וואַרט אויף מיר. גיי אַליין. זי וווינט אין מאַרק אין הויז מיט די בלויע לאָדנס. וועסט זיך פרעגן צו ניקיטין, וועט מען דיר שוין ווייזן.

פון קאַמאַ האָט געבלאָזן אַ שרעקלעכער ווינט. באַבושקינס פנים איז געוואָרן רויט. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט. ער האָט זיך אַליין געפרעגט — „צו וואָס האָב איך דאָס באַדאַרפט". פעלן דען שיינע פרויען אין פּערם, וועלכע זענען גרייט שטענדיק צו גיין מיט אים אין בעט אַריין? צו וואָס האָט ער געדאַרפט די רייזע — כדי איצט צוריקפאָרן קיין פּערם? די שיף וועט שוין ביז פרילינג מער נישט פאָרן. זי איז שוין פאַראַנקערט אויף אַ גאַנצן ווינטער. ער וועט מוזן צוריקפאָרן קיין פּערם מיט אַ קאַמיאָן.

ביים מאַרק איז ער געבליבן שטיין. עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַן עלטערע פרוי. ער האָט איר אָפּגעשטעלט.

— ווייסט איר נישט, בירגערין, ווו עס איז דאָס הויז פון בירגער ניקיטין?

— איך ווייס נישט. כ׳בין אַן עוואַקואירטע. גייט אַריין אין בעקעריי. אָט דאָ נישט ווייט איז די בעקעריי, זיי וועלן אייך שוין זאָגן.

קאָמיסאַר באַבושקין האָט אַ ווילע זיך אַרומגעקוקט. די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן און דער ווינט האָט געריסן אַלץ אַרום. דער מאָגן איז געווען ליידיק ביי אים, דער מאַרק פוסט ווי אַ בית־עולם. אַ ווייסער הונט מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן עק האָט געזוכט אַ ביין.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער בעקעריי. עס איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ שוואַנגערע פרוי. „וואָס פאַר אַ מזל" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און איר אָפּגעשטעלט.

— בירגערין, איך בעט אייך, ווו איז דאָס הויז פון ניקיטין?

— איר דאַרפט צו ניקיטין אָדער צו עמעצן אַנדערש?

— איך דאַרף צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— איר דאַרפט צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ?...

— יאָ, איך דאַרף די דאָקטאָרין.

— טאָ גייט דאָרט גלייך. זי וווינט אין הויז מיט די בלויע לאָדנס.

קאָמיסאַר באַבושקין האָט געלאָזט שטיין די שוואַנגערע פרוי און איז געגאַנגען ווייטער.

די בעקערין, טאַמאַראַ ליסענקאָ, איז געגאַנגען אַהיים מיט שנעלע טריט. זי האָט געוואָלט אָנזאָגן דער דאָקטאָרין, אַז עס זוכט איר אַ מיליטערמאַן און קאָן זיין, אַז דאָס איז דער קאָמיסאַר באַבושקין. די טיר האָט איר געעפנט די מוטער אַנאַ. זי האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן.

— אַנאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס איז געשען?

— קאָמיסאַר באַבושקין איז געקומען קיין אַכאַנסק...

— איז וואָס, אַז ער איז געקומען? איך האָב מיט אים איצט גערעדט.

— דו האָסט מיט אים איצט גערעדט. ווו איז ער?

— איך האָב אים געשיקט אין אייער אַלטער דירה.

— האָסט גוט געטאָן.

— ווו איז איצט, נאַטאַשאַ?

— זי איז אַוועק מיט איוואַן ביעלייעוו אין דאָרף.

— פון וואַנען האָט זי געוווּסט, אַז קאָמיסאַר באַבושקין איז געקומען?

— ביעלייעוו איז מיט אים געקומען און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער פאָרט צו נאַטאַשאַן.

— ער זעט אויס אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענטש.

— ער איז אָבער אַ געמיינער מענטש. דו ווייסט, אַז צוליב אים האָבן מיר פאַרלאָזט פערם.

— איך ווייס אַנאַ איוואַנאָוונאַ, איך ווייס אַלץ. קאָמיסאַר באַבושקין וועט דאָ אַוודאי קומען. נעם אים נישט אויף, איך בעט דיך.

— איך וועל אים נישט אויפנעמען. אַזעלכע מענטשן לאָז איך נישט אַריין אין מיין שטוב. מעג ער זיין אַ קאָמיסאַר. כ'האָב דיך ליב, ווייל דו ביסט אַ גוטע. דו פאַרשטייסט גוט אונדזער לאַגע. מיט אַזעלכע שישקעס איז נאָר גוט פון ווייטן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. טאַמאַראַ איז געגאַנגען זי עפענען. קאָמיסאַר באַבושקין האָט געפרעגט.

— דאָ וווינט די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— יאָ, דאָ וווינט זי.

— קאָן איך אַריינגיין?

— ניין. קומט מאָרגן. די דאָקטאָרין איז אַרויסגעפאָרן אין דאָרף צו אַ שווער קראַנקן.

— אָך, דער ווינט רייסט שטיקער. לאָזט מיך אַריין זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען. איך פאָר גלייך צוריק. נישט געטראָפן איז נישט. איך וויל איר נעמען קיין פערם.

טאַמאַראַ האָט ברייט געעפנט די טיר.

— קומט אַריין. וואַרעמט אייך אָן. איר זייט אַ רוסישער מענטש.

— יאָ, כ׳בין אַ רוסישער מענטש. כ׳האָב אייך בירגערין געטראָפן ביי דער בעקעריי און איר האָט מיך געשיקט אין איר אַלטער דירה.

— כ׳האָב נישט געוואָלט אַריינפירן אַ פרעמדן מענטשן צו דער דאָקטאָרין.

— איר זייט גערעכט. ביי אייך איז דאָ וואָרעם. ווו עס איז פאַראַן אַ פרוי שמעקט מיט וואַרעמקייט. ווו איז אייער מאַן ?

— מיין מאַן. נישטאָ מער. טאַמאַראַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און פון אירע אויגן האָבן גענומען פאַלן טרערן.

— נו, וויין נישט, טאָכטער. ס׳איז מלחמה.

— נישט פאַר אַלע...

— ווער איז געווען אייער מאַן ?

— מיין מאַן, אינזשיניער אַלעקסיי מוכין.

— וואַרט ! איך האָב אים אָפגעשיקט אויפן מאָסקווער פראָנט.

— איר האָט אים אָפגעשיקט אויפן מאָסקווער פראָנט ? !...

— יאָ, איך. ער איז צו מיר געקומען מיט אַ פאַרטיקער „זאַיאַוולעניע" אין האַנט. ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן, האָב איך אים אָפגעשיקט. דאָס איז מיין אויפגאַבע.

— און איר אַליין זיצט אין הינטערלאַנד.

— ס׳מוזן זיין מענטשן אויך אין הינטערלאַנד.

— איך ווייס. איך ווייס... מיין אָרעמער אַלעקסיי. איצט וועט געבוירן ווערן אַ זון אָדער אַ טאָכטער אָן אַ פאָטער.

— איר האָט באַקומען אַ פאָכאָראָנע ?

— יאָ, כ׳האָב באַקומען אַ פאָכאָראָנע. אַ סך געוויינט. גאַנצע נעכט געוויינט. ווען נישט די דאָקטאָרין וואָלט איך מער נישט געלעבט.

— איר דאַרפט לעבן און געבוירן. עס וועט קומען אַ נייער דור וועט ער שוין לעבן אָן מלחמות.

— איך גלויב נישט.

— איר מעגט גלויבן בירגערין.

— ניין איך גלויב נישט מער. אַלע זענען מיר געוואָרן אָפגענאַרט.

— איר מעגט גלויבן דער סאָוויעטן־מאַכט.

די בעקערין טאַמאַראַ ליסענסקאָ האָט זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט גענומען דעם קאָפּ אין אירע הענט און ווידער האָבן גענומען פליסן טרערן פון אירע אויגן.

קאָמיסאַר באַבושקין האָט פאַרשטאַנען אַז ער טאָר דאָ נישט בלייבן לענגער. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט ווי אַ גנב. ווען טאַמאַראַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט זי אים שוין נישט געזען.

אנא איוואַנאַוונאַ איז אַריינגעקומען פון צווייטן צימער. זי איז צוגעגאַנגען צו טאַמאַראַן און איר געגעבן אַ קוש.

— האָסט אַזוי שיין אָפּגעשפּילט די סצענע...

— מוטער אַנאַ, איך קאָן נישט קוקן אויף די מענער וואָס האָבן מורא צו שמעקן פולווער. זיי לעבן אַ גוטן טאָג אין היגטערלאַנד.

— וואָס עפּעס איז ער דאָ געקומען, מיין טייערע, זאָג מיר?

— די מוטער אַנאַ ווייסט נישט? ער איז געקומען צו אייער טאָכטער!

— צו מיין טאָכטער?!...

— יאָ, צו אייער טאָכטער, נאַטאַשאַ.

— איז דאָך ווידער נישט גוט.

— איצט וועט שוין זיין גוט. כ'האָב דאָס געזען אין זיינע אויגן, דער מענטש באַדויערט זיין מסירה...

— איך גלויב זיי נישט! וואָס האָט מיין מאַן זיי געטאָן? ער האָט באַרימט געמאַכט רוסלאַנד אין דער וועלט. פון זיינע ביכער האָט מען געלערנט אין אַלע אוניווערסיטעטן — און מען האָט אים פאַרשיקט אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער.

— מוטער אַנאַ ווייִנט נישט נאָך אייער פאַרלוירענעם מאַן. ער לעבט. נאָך דער מלחמה וועט מען אים רעהאַביליטירן און ער וועט אַהיימקומען.

— גיי שוין, דו רעדסט נאַרישקייטן. ווער ווייסט צי ער לעבט נאָך.

— ער לעבט. אַזעלכע מענטשן שטאַרבן נישט.

— ווילסט איך זאָל דיר גלויבן...

— איך מיין אַז יאָ. איר וועט צוריקקריגן אייער הויז אין מאָסקווע... איר וועט צוריק זיין גליקלעך מיט אַלע.

— ניין מיין ליבע דו ביסט יונג. מיינסט, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים וועט זיך ענדערן. ניין, ער וועט ווערן מער ברוטאַל צו אונדז אַלע.

— עס קאָן זיין מוטער אַנאַ, אַז איר זייט גערעכט.

ביים הויפּטוועג אַכאַנסק־פערם האָט באַבושקין געוואַרט אויף אַ קאַמיאָן קיין פערם. דער ווינט און שניי האָבן אויפגעהערט. די לבנה איז אַרויסגעקראָכן פון הינטער די וואָלקנס און באַלויכטן דעם אַרום.

עס איז אָנגעקומען אַ קאַמיאָן. באַבושקין האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, דער קאַמיאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ווו פאָרסטו?

— קיין פערם!...

— מאַך אויף די קאַבינע, איך פאָר מיט דיר מיט קיין פערם.

— קום אַריין, איך וועל דיך נעמען.

באַבושקין האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער קאַבינע געשיקט ווי אַ האָז. דער שאָפער האָט די קאַבינע גוט פאַרמאַכט און געלאָזט דעם מאָטאָר. דער קאַמיאָן האָט זיך געגליטשט אויפן פאַרשנייטן וועג. באַבושקין האָט געעפנט זיין טעקע און אַרויסגענומען פון איר וווּרשט מיט ברויט ער האָט אָפּגעשניטן עטלעכע פענעצלעך ווורשט און אַ רעפטל ברויט און זיי דערלאַנגט דעם שאָפער. דערנאָך האָט ער אַליין גענומען עסן.

דער שאָפער גולייעוו האָט געקוקט אויף זיין פּאַסאַזשיר און געשוויגן. ער

האָט געזען אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסן „לעשטש" און עס איז בעסער פאַר אים נישט רעדן.

ער האָט נאָר וואָס צוגעפירט די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מיטן פויער איוואַן ביעלייעוו אין קאָלכאָז „דער 1־טער מאַי". ער האָט געפילט אַז דאָס איז דער מאַן וואָס יאָגט זיך נאָך דער דאָקטאָרין. גולייעוו האָט געטראַכט וואָס צו טאָן — רעדן, צי בעסער שווייגן. ער האָט באַשלאָסן צו שווייגן. „שווייגן איז גאָלד!" — זאָגט דאָס פאָלק.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואָרט צו הערן אַ וואָרט פון זיין פאַסאַזשיר.

— דו ביסט פון אַכאַנסק?

— יאָ, דאָ וווין איך.

— אייער שטאָט זעט אויס ווי אַ בית־עולם.

— וואָס בין איך שולדיק?

— איך זאָג נישט אַז דו ביסט שולדיק.

— טאָ ווער איז שולדיק?

— ווילסט וויסן?

— ניין, איך וויל נישט וויסן. מיין זאַך איז פירן סחורה אין דער נייפאַבריק.

— און ווי האַלט עס מיט דיר? ביסט שוין געווען אויפן פראָנט?

— נישט געווען.

— פאַר וואָס?

— מען וויל מיך נישט שיקן.

— האָסט אָפּגעגעבן?

— אָפּגעגעבן און מען וויל מיך נישט שיקן.

— קום צו מיר, איך וועל דיך שיקן.

— גוט, איך וועל קומען.

— גוט, איך וועל קומען.

— ווילסט אויפן מאָסקווער פראָנט.

— יאָ, איך וויל.

— טאָ קום צו מיר. ענדע וואָך גרייט איך צו אַ פּאַרטיע.

— זייט איר קאָמיסאַר באַבושקין?

— יאָ, איך בין קאָמיסאַר באַבושקין. פון וואַנען ווייסטו וועגן מיר?

— איך האָב געהערט... איר האָט אָװעקגעשיקט מיינעם אַ באַקאַנטן.

— ווער איז ער געווען?

— אינזשיניער אַלעקסיי מוכין.

— יאָ, איך האָב אים געשיקט. ער איז צו מיר געקומען, געבעטן, האָב איך אים געשיקט.

— ער אַליין איז געקומען בעטן?...

— יאָ, ער האָט אַליין אָנגעשריבן אַ „זאַיאַוולעניע" אַז ער וויל גיין פריי־וויליק אויפן פראָנט.

— און איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל געשריבן און מען שיקט מיך נישט.
— דו ביסט אַ געוועזענער לאַגערניק, געזעסן אין תפיסות.
— יאָ, איך בין געווען אין לאַגער און אין תפיסות.
— דערפאַר שיקט מען דיך נישט אַוועק. וועסט קומען צו מיר אין לעונינסקי ראַיאָן אין פּערם און איך וועל דיך שיקן. וועסט קאָנען אויסקויפן דיינע זיינד קעמפנדיק אויפן פראָנט.
— איך וועל קומען צו אייך ענדע וואָך, קאָמיסאַר באַבושקין.
דער קאַמיאָן האָט געשלונגען אין קילאָמעטער נאָכן אַנדערן. באַבושקין האָט דערזען די פייערלעך פון שטאָט פּערם.
— שוין באַלד אָנגעקומען?
— יאָ, מיר קומען שוין באַלד אָן. ווו דאַרפט איר קאָמיסאַר באַבושקין.
— פיר מיך אויף דער לעונינסקאַ צום האָטעל.
עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. דער זייגער האָט געוויזן ניין, ווען דער שאָפער גולייעוו האָט אָפּגעשטעלט דעם קאַמיאָן אויף דער לענין־גאַס. באַבושקין איז אַרויס פון דער קאַבינע און געבליבן שטיין אויף דער גאַס. ער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַלעקסאַנדערן מיט דער יונגער לייטענאַנטין. זיי זענען אַריין אין האָטעל. ער האָט מיט דער האַנט געזעגנט דעם שאָפער גולייעוו און גענומען נאָכגיין אַלעקסאַנדערן מיט מאַרוסיאַן. ער האָט באַשלאָסן נעכטיקן אין האָטעל און פרובירן אָפּצושלאָגן ביי אַלעקסאַנדערן די שיינע מויד.
— קום מאַרוסיאַ צו מיר אין שטוב אויף דער גאָרקי־גאַס. דאָ וועלן מיר היינט נישט שלאָפן. באַבושקין האָט זיך אַריינגעצויגן אין האָטעל און דאָס געפעלט מיר נישט.
קום שנעל, אַלעקסאַנדער. זאָל ער אונדז נישט זען אַוועקגיין — האָט געזאָגט מאַרוסיאַ.ביידע האָבן שנעל פאַרלאָזט דעם האָטעל.
קאָמיסאַר באַבושקין האָט זיך אָפּגעוואַשן נאָך דער רייזע. ער איז אַראָפּ אין רעסטאָראַן און אָפּגעגעסן אַ זאַטן אָוונטברויט. ער האָט אויך אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך וואָדקע. נאָכן עסן איז ער צוריק אַריין אין צימער. ער האָט צוגעלייגט אַן אויער און געוואָלט הערן וואָס טוט זיך אין יענעם צימער ביי אַלעקסאַנדערן מיט דער שיינער לייטענאַנטין.
ער האָט גאָר נישט געהערט. פון יענער זייט איז געווען שטיל. — זיי מוזן זיך שפּילן — האָט ער געזאָגט צו זיך און באַשלאָסן זיי צו שטערן. ער איז אַרויס אין קאָרידאָר און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זייער צימער. קיינער האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די שטילקייט.
עס איז פאַרבייגעגאַנגען דער אַלטער פּאָרטיער.
— אַלטער, וואָס איז דאָרט אַזוי שטיל ביי די יונגע?
— זיי זענען נאָר וואָס אַוועק אויף אַ שפּאַציר...
ער איז צוריק אַריין צו זיך אין צימער. ער איז געווען מיד פון דער רייזע און זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט. ער האָט גענומען קלערן ווי אַזוי צו באַפרייען

די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ פון גירוש כדי זי זאָל קאָנען ווידער ווינען אין פערם.

באַבושקין האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן: ער וועט גיין צום פּאַרטיי־סעקרע־טאַר און וועט אים אַלץ דערציילן. זאָל ער אים העלפן אויפּפלאָנטערן דעם קניפּ. וועלכן ער אַליין האָט פאַרדרייט. ער האָט געוואָלט איינשלאָפן אָבער נישט געקאָנט. ער האָט געזען די שיינע, יונגע לייטענאַנטין אַרומגענומען מיט אַלעקסאַנדערן. אָט זעט ער ווי אַלעקסאַנדער קושט אירע דינע ליפּן און גלעט אירע ברוסטן. ער האָט אויסגעשפּיגן אַ זידל וואָרט...

ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און צוגעלייגט אַן אויער צו דער וואַנט. עס איז געווען דאָרט שטיל ווי אויפן אַכאַנסקער מאַרק, מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך.

וואָס איז דאָרט מיט זיי? זענען זיי דאָרט אַזוי שטאַרק פאַרנומען?... ניין! אַלעקסאַנדער האָט אים זיכער געזען און אַוועק פון האָטעל. יאָ, אַזוי איז — ער האָט גענומען די יונגע לייטענאַנטין און איז מיט איר אַוועק.

באַבושקין האָט זיך ווידער געלייגט שלאָפן. דער זייגער אויף דער וואַנט האָט געשלאָגן צוויי. אין חלום האָט ער געזען די ליבעשפּיל צווישן אַלעקסאַנדערן און דער יונגער לייטענאַנטין.

אויף גאָרקי־גאַס, אינעם קליינעם צימערל איז אויף זיין אייגן בעט געלעגן אַלעקסאַנדער. לעבן אים — די גרין־אויגיקע שיינהייט; זי האָט געקושט זיינע ליפּן. אירע מיידלשע ברוסטן האָבן זיך געוויגט ווי די כוואַליעס אויף אַ שטורמישן ים.

— כ'האָב דיך ליב — האָט זי געפּליסטערט ווי די רויקע וואַסערן פון טייך קאַמאַ — ווייסט מיך נעמען אין דער גרויסער וועלט. איך וועל דיר ברענגען קינדער. זיי וועלן זיין יידן ווי דו, אַלעקסאַנדער. דיין וועג וועט זיין מיין וועג. איך וועל ענדיקן מיין סטודיום. איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין דער אַגראָנאָם שול און כ'וויל די שול פאַרענדיקן. איך וועל קומען מיט דיר אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט. איך וועל אַרבעטן ביי דיין זייט, קינדער דיר געבוירן. אַ נייער דור יידן וועט קומען. זיי וועלן נעמען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט.

— דיינע ווערטער קלינגען אין מיינע אויערן ווי פידלען וואָס שפּילן אויס מיין פאָטערס ליד: „ירושלים, איך האָב דיך ליב״.

— אַלעקסאַנדער, מיינע בלוטן גיבן מיר נישט קיין רו. טאָג־ביי־טאָג און נעכט נאָך נעכט האָב איך דיך דערמאָנט, גערעדט וועגן דיר מיטן דאָקטאָר אַרטעמאָוו, מיטן פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו. יעדער בריוו דיינער איז געווען פאַר מיר אַ הייליקייט. כ'האָב געוווּסט, אַז די דאָקטאָרין, נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ, וועט דיך פון אירע אָרעמס נישט אַרויסלאָזן, אָבער נאָך האָף איך, אַז זי איז נישט קיין פּאַסיקע פּרוי פאַר דיר. זי וועט דיר קיין קינדער אויף דער וועלט נישט ברענגען. נאָר פון מיר קאָן קומען אַ נייער דור יידן. איך וועל אָננעמען דיין יידישן גלויבן, ווערן אַ יידישקע.

— דו, מאַרוסיאַ, וועסט ווערן אַ ייִדישקע? די האָסט געלערנט אין פּיאָנער און אין קאָמסאָמאָל דאָס אַלץ וואָס דו האָסט מיר נאָר וואָס געזאָגט?

— דאָס וואָס כ'האָב געלערנט ביי די פּיאָנערן און אין קאָמסאָמאָל איז אַלץ אָפּגענאַרט.

— דערווייל מיין ליבע מאַרוסיאַ גייט אָן די באַפרייונג־מלחמה. מיר טאָרן איצט נישט רעדן וועגן אונדזער ליבע. מיר וועלן זיך איבערשרייבן, ביזן זיג. שפּעטער וועלן מיר באַשליסן, וואָס ווייטער. איך ווייס נישט ווי די וועלט וועט שפּעטער אויסזען. איך בין היינט צעך־נאַטשאַלניק. כ'האָב שוין געקאָנט זיין העכער, נאָר מען טאָר נישט קריכן צו הויך אויפן סאָוויעטישן לייטער.

— גוט איז דיר, אַלעקסאַנדער, אַז דו פאַרשטייסט נישט צו קריכן צו הויך. אַנדערש — איז פאַר דיר גרייט די תּפיסה. ביסט אַ פרעמדער אין סאָוויעטישן גן־עדן. אויב דו וועסט נאָר עטוואָס אָפּווייכן פון דער ליניע, וועט מען דיך פאַרשיקן און איך וועל ווייַנען טאָג־און־נאַכט.

— איך ווייס נישט, מאַרוסיאַ, ווי איך האַלט היינט, דו ווייסט בעסער. איך וויל עס נישט וויסן, אַז נישט, וועט מען מיך פאַרשפּאַרן אין תּפיסה. איך וויל לעבן ווי אַלע לעבן אין הינטערלאַנד.

— ווילסט זאָגן, אַז דו ווילסט נישט טראַכטן...

— יאָ, מיין ליבע גרין־אויגיקע. קאָמיסאַר באַבושקין יאָגט זיך נאָך דיר. ער פרעסט דיך מיט זיינע קליינע אייגעלעך, און מיט זיינע גראָבע הענט וואָלט ער דיר געמאַכט געלע צייכנס אויפן לייב.

— כ'ווייס עס אַלעקסאַנדער! איך שווער דיר, אַז קיין שום פרעמדער מאַן וועט נישט באַרירן מיין לייב. נאָר פאַר דיר לעב איך איצט, נאָר דו קאָנסט מיר געהערן — און נישט קיין אַנדערער מאַן. פון ווייט בין איך איצט צו דיר געקומען און כ'וועל קומען צו דיר פון נאָך ווייטער...

די גליקלעכע טעג זענען אַוועק שנעל. ס'איז געקומען דער אָוונט ווען מאַרוסיאַ, די טעלעפאָניסטן פון דער דיוויזיע, אין וועלכער אַלקסאַנדער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין העלדישקייט, האָט געמוזט צוריקפאָרן אויפן פראָנט.

☆

דער עקספּרעס־צוג פערם — מאָסקווע איז געשטאַנען אויפן וואָקזאַל פּערם־צווי. די פּאַסאַזשירן, ציווילע און מיליטער־לייט, זענען אַריין אין די וואַגאָנען. מאַרוסיאַ איז געשטאַנען לעבן אַלעקסאַנדערן מיטן קאָפּ אָנגעלעגט אויף זיין אַקסל. מיט אירע געדאַנקען איז זי שוין געווען דאָרט, ווו איר דיוויזיע טרייבט די דייטשן.

אַלעקסאַנדער האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען.

— גיי, מיין גרין־אויגיקע. פאַרנעם דיין אָרט אין וואַגאָן. דער צוג גייט שוין אָפּ.

— דיר איז לייכט צו זאָגן „גיי אַריין אין וואַגאָן און פאַרנעם דיין אָרט".

מיין האַרץ איז אָנגעפּילט מיט פרייד און מיט טרערן. ווען וועל איך דיר ווידער זען, מיין טייערער ? דו ווייסט דאָך גוט וואָהין איך פאָר איצט, דאָרט ווו ס׳גיסט זיך בלוט און די געשרייען פון די פאַרווונדעטע גייען ביז צום הימל.

— איך ווייס עס גוט. מיך דערמאָן עס נישט, איך טראָג די ווונדן אויף מיין לייב. די מלחמה האָט אויף אונדז פאַרוואָרפן דעם שטריק אויפן האַלדז ווי אויף אַ פאַרמשפּטן.

— לאָמיר איצט דערפון נישט רעדן. איך וויל מיט דיר האָבן אַ פּאָר מינוט פון פרייד.

דער וואָקזאַל־נאַטשאַלניק, מיטן רויטן היטעלע אויפן קאָפּ, האָט געגעבן אַ לאַנגן פייף.

— גיי שוין, מאַרוסיאַ. דער צוג רירט שוין.

פון לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געטראָגן אַ געשריי ווי עס וואָלטן זיך צעוויינט הונדערט שאָקאַלן.

— איך וואָלט אַזוי געוואָלט בלייבן דאָ מיט דיר, אַלעקסאַנדער.

— ס׳איז מלחמה. גיי שנעל אַרויף אויפן צוג.

איין שפּרונג און אָט שטייט שוין מאַרוסיאַ אויפן טרעפּל פון וואַגאָן און שיקט לופט־קושן צום שיינעם אַלעקסאַנדער.

אַלעקסאַנדער איז אַוועק פון וואָקזאַל. עס איז אים געווען אַ ביסל טרויעריק אויפן האַרצן. ער האָט געזען מאַרוסיאַס ריינע ליבע צו אים. ער איז אַריין אין טראַמוויי און אַפילו נישט געוווּסט אין וועלכער ריכטונג ער פאָרט. ווען דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אָפּערע־טעאַטער איז ער אַראָפּ. ער האָט געקויפט אַ בילעט און געגאַנגען זען פּושקינס „פּיקאַווע דאַמע״. ער האָט די אָפּערע שוין איין מאָל געזען, נאָר געוואָלט פאַרטרייבן אַזוי אַרום, די איינזאַמקייט וואָס איז אים געוואָרן שווער נאָך מאַרוסיאַס אַוועקפאָרן.

נאָכן ערשטן אַקט איז ער אַרויס צום בופעט. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיטן קאָמיסאַר באַבושקין. זיי האָבן זיך באַגריסט. אַלעקסאַנדער האָט אַרויסגעלייענט פון קאָמיסאַרס אויגן, אַז ער איז אים נישט קיין פריינד, אַז עפּעס באַהאַלט זיך אויס אין די קליינע אייגעלעך.

אַלעקסאַנדער האָט גענומען אַ סענדוויטש און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנגער באַנק. פּלוצעם איז לעבן אים פאַרביי דער נקוו״ד־נאַטשאַלניק פון פערם מאַראַזאָוו. ער האָט אַלעקסאַנדערן אָנגעקוקט מיט צוויי גרויסע, וועלפישע אויגן.

אַלעקסאַנדער האָט דערפילט אַ פּיק אונטערן לעפעלע. ער האָט זיך פאַרטראַכט, וואָס קאָן באַדייטן די אָנוועזנהייט פון די צוויי נקוו״ד־שישקעס ? וועבן זיי נישט עפּעס קעגן אים ?

די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט. אַלעקסאַנדער איז אַרויס אויף דער גאַס. ס׳איז צו אים צוגעגאַנגען אַ מאַן און אים פאַרהאַלטן:

— וועסט גיין מיט מיר, בירגער !

— ווער זייט איר ?

אַלס ענטפער האָט ער געוויזן זיין אָפּצייכן. אַלעקסאַנדער האָט מער נישט געפרעגט. ער איז געגאַנגען מיטן אַגענט.

אַלעקסאַנדער האָט געוואַרט אויף אַ באַנק אין קאָרידאָר מען זאָל אים רופן. ענדלעך זיך דערוואַרט. אַ טיר האָט זיך געעפנט און אַ מאַן אין אַ מונדיר האָט אים אַ וווּנק געטאָן ער זאָל מיטגיין מיט אים.

נאַטשאַלניק מאָראַזאָוו איז געזעסןביים טיש און געדרייט אַ לענינגראַדער קאַזבעק.

— זעץ זיך, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש! ווּעסט רויכערן?

— ניין, איך רויכער נישט.

— דו ווייסט פאַר וואָס כ׳האָב דיך געהייסן רופן, צו מיר איז דערגאַנגען, אַז דו פירסט זיך אויף ביי אונדז ווי אין אַ גן־עדן. די שענסטע רוסישע פרויען ליגן ביי דיר אין בעט. איך ווייס אַ סך פון דיר. דיין דירעקטאָר אַגראַדאָוו האָט מיר דערציילט וועגן אַלץ. זאָג מיר, פון וואַנען קענסטו זיך מיט מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ.

— איך האָב מיר מיט מיין בלוט אויפן מאָסקווער פראָנט פאַרדינט ליבע. ליבע פון מענטש צו מענטש קאָן מען נישט קויפן מיט קיין ווערטער נאָר מיט העלדישקייט.

— מיט מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָב איך געדינט אין איין דיוויזיע אויפן מאָסקווער פראָנט. זי האָט געהיילט מיינע וווּנדן. זי איז געזעסן ביי מיין בעט טעג און נעכט. זי האָט מיך געקאָרמעט, דערלאַנגט מיר אַ לעפעלע טיי אין מויל.

— דאָס איז עס אין גאַנצן?!

— יאָ, דאָס איז עס.

— דו, אַלעקסאַנדער, געהערסט היינט צום „אוראַלסקי וואָיעני אָקרוג" („אוראַלער מיליטער־קרייז) איך פאַרנעם זיך נישט מיט דיין דיעלאָ. איך ווייס אַז דו ביסט געגאַנגען פרייוויליק אויפן פראָנט און דו ביסט איינער פון דיינע פוילישע לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין אונדזער גרויסער מדינה פון די נעגל פון פאַשיזם. קיינער פון זיי האָט דאָ נישט קיין רעכט צו וווינען, נאָר דו, ווייל דו ביסט פרייוויליק אַוועק זיך שלאָגן פאַר אונדזער סאָוויעטישער מאַכט, לאָז איך דיך ווייטער וווינען דאָ. אָבער געדענק, פיר נישט אַראָפּ פון וועג אונדזערע פרויען.

— איך זאָל נישט אַראָפּפירן די רוסישע פרויען פון וועג — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדער און אויפגעהויבן די רובאַשקע: — איר זעט מיינע וווּנדן, זיי זענען נאָך נישט פאַרהיילט. כ׳בין אויך צעך־נאַטשאַלניק פון דער ערשטער נייפאַבריק אין פּערם. איך באַדין דעם פראָנט. איך בעט צו באַציִען זיך צו מיר ווי צו אַ קולטורעלן מענטש און נישט מיר צושרייבן הפקרות, זינד וועלכע כ׳בין קיין מאָל נישט באַגאַנגען.

— רעג זיך נישט אויף, אַלעקסאַנדער. מאַרוסיאַ איז שוין אַוועקגעפאָרן?

— יאָ, זי איז שוין אַוועקגעפאָרן.

— און ווי האַלט עס מיט דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ?

— איך ווייס אייך נישט וואָס צו ענטפערן. איינס ווייס איך, אַז זי איז אַן ערלעכע פרוי און אַ גוטע דאָקטאָרין. אונדזערע באַציונגען זענען גוטע. מיר ליבן זיך ביידע.

— און מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ?

— מאַרוסיאַ איז אַ פראָנט־חברטע, אַ טייער מיידל. זי האָט אין די פּראַקטיקע נעכט געוואַרעמט מיינע ווונדן. פרייע ליבע איז דערלויבט לויטן סאָוויעטישן געזעץ.

— יאָ־דערלויבט, נישט־דערלויבט, מען טאָר נישט איבערכאַפּן די מאָס. איך מיין, אַז דו פאַרשטייסט מיך. גיי אַ היים. זאָג נישט קיינעם, אַז ביסט געווען בײַ מיר. מיר האָבן גאָר נישט גערעדט. אַ גוטע נאַכט.

אַלעקסאַנדער איז אַרויס אויף דער סאָוויעטסקאַיאַ און געגאַנגען שנעל. פון קאַמאַ האָט אַ קאַלטער ווינט געריסן די פּאַלעס פון זיין שינעל. ס'איז אים געווען שווער אויפן האַרצן. וואָס ווילן זיי, דער קאָמיסאַר באַבושקין און נאַט־שאַלניק מאַראָזאָוו פון אים? זיי האָבן אים געטראָפן אויף אַ פאַרשטעלונג אין דער אָפּערע. איז ער זיי גרויס אין די אויגן? ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן פּערם. ער וועט זיך אויסמישן מיט די פּוילישע „ביעזשענצעס" און אָנהייבן אַ נײַ לעבן. צו וואָס דאַרף ער זיין צעך־נאַטשאַלניק, טראָגן אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זיין אויסגעשטעלט אויף צו פאַרלירן די פרייהייט? בעסער צו זיין אַ קליינע בירגער...

פאַר זיין שטוב איז ער געבליבן שטיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי מען גייט אים נישט נאָך. אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט: פאַר אַזאַ לעבן האָב איך געדאַרפט גיין פרייוויליק אויפן פראָנט, ווערן שווער פאַרוווּנדעט און נאַטשאַלניק מאַראָזאָוו וועט מיך לערנען מאָראַל און זאָגן מיר מיט וועמען צו שלאָפן?

אין שטוב האָט ער זיך געלייגט אויפן בעט. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. בײַ זיין בעט האָבן זיך געיאָוועט דער נאַטשאַלניק פון פּערימסקי נקוו"ד און קאָמיסאַר באַבושקין. ביידע וועלן פאַר אים אַ נעץ צו פאַנגען אים און אַריינפירן אין תפיסה אָדער פאַרשיקן אין אַ לאַגער.

ער איז ענדלעך איינגעשלאָפן. דער זייגער האָט שוין געשלאָגן צוויי.

ער איז אויפגעשטאַנען מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג. אין זיין קאָפּ האָט געטליעט אַ נייער געדאַנק: ער, אַלעקסאַנדער, דער קעמפער פון מאָסקווער פראָנט זאָל אַנטלויפן צו זיינע פוילישע „ביעזשענצעס"? ניין! קיין מאָל ניין! זאָלן זיי אים טאָן שלעכטס, ער וועט זיי אַלע איבערלעבן. גאָט וועט אים היטן ווי ער האָט אים געהיטן אויפן מאָסקווער פראָנט. ער האָט אַ קוש געטאָן דאָס תהילימל פאַרבלוטיקט מיטן בלוט פון זיין לאַנדסמאַן משה טיקולסקי. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק אין פאַבריק צו זיין אַרבעט.

✩

אין זיין אַרבעטס־צימער האָט ער דורכגעקוקט דעם אַרבעטס־פּלאַן. ווידער זענען געווען אַ סך אַרבעטער וואָס האָבן נישט אויסגעפירט דעם פּלאַן. ס׳האָט אים ווײ געטאָן. צוליב דעם וועט מען אים שטעלן צום משפּט און פאַרשפּאַרן אין תפיסה.

ס׳איז אַרײנגעקומען די בריגאַדירן ליזאַ וואָראָנאָוואַ מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— קום צו נענטער, ליזאַ. זעץ זיך דאָ אַנטקעגן מיר. הויב אויף דעם קאָפּ. קוק אויף מיר. שעם זיך נישט. ביסט אַ שיינע פרוי און ביסט ווערט אַ שיינעם מאַן, אָבער איך וויל פון דיר, אַז דיין בריגאַדע זאָל מיר מאַכן דעם פּלאַן, אַז נישט וועט מען אונדז בײדע שיקן אין תפיסה...

— זיי ווילן נישט אַרבעטן, וואָס זאָל איך טאָן?...

— זיי ווילן נישט אַרבעטן, דיינע אַרבעטער? איך וועל פאַר זיי אויסשרייבן פון סקלאַד סחורה, וועסטו זיי געבן מתנות און דאָס וועט העלפן.

— שרייב אויס. קאָן זיין אַז זיי וועלן בעסער אַרבעטן. אַלץ שטייט היינט אויף סחורה...

— יאָ, ליזאַ, ביסט גערעכט.

— איך האָב געוואָרט אויף דיר, נאַטשאַלניק, אין אָוונט און דו ביסט נישט געקומען.

— געהאַט אַ גאַסט פון פּראַנט.

— איך האָב געזען.

— ווו האָסטו איר געזען?

— כ׳האָב איך בײדע געזען שפּאַצירן ביים קאַמאַ. אַ שיינע מויד, אַ שענערע פון מיר...

— דו ביסט אויך שיין, אָבער די מויד פון פּראַנט האָט מיר געגעבן לעבן, בעת איך בין שוין באַלד געווען אויף יענער וועלט. זי האָט מיך געקאָרמעט מיט אַ לעפעלע, ווי אַ מאַמע איר ניי־געבוירן קינד. נו, זאָג אַליין איז זי נישט ווערט מיין ליבע.

— איך קאָן דיך פריער ווי זי.

— אמת, אָבער זי איז מיר געווען אַ מאַמע...

עס איז אַרײנגעקומען דער דירעקטאָר אָגראַדאָוו.

— שיין, זייער שיין. עס זיצן זיך דאָ דער צעך־נאַטשאַלניק מיט דער בריגאַ־דירן און פון מיר רייסט מען די הויט. דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל אויספירן דעם פּלאַן. מיט וועמען זאָל איך דאָס טאָן?

— מיר רעדן טאַקע איצט וועגן פּלאַן. איך האָב, חבר דירעקטאָר, אויסגע־שריבן סחורה פאַר דער בריגאַדע פון ליזאַ וואָראָנאָוואַ. די אַרבעטער, וועלכע וועלן מאַכן די נאָרמע וועלן באַקומען סחורה אויף הויזן, יופּקעס, קליידלעך...

— גוט טוסטו, אַלעקסאַנדער.

— שרייבט אונטער חבר אַגראַדאָוו. זאָל ליזאַ גיין אויפֿן סקלאַד און נעמען די סחורה.

— האָסט גוטע איינפֿאַלן, אַלעקסאַנדער.

אַלעקסאַנדער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

☆

קאָמיסאַר באַבושקין האָט נישט גערוט. ער האָט באַשלאָסן פֿאַר יעדן פּרייז צו באַקומען דעם פּראָטאָקאָל מיט דער אָנקלאַגע אויף דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

איין מאָל ווען ער האָט באַגלייט אַ פּאַרטיע מאָביליזירטע, האָט ער אויפֿן וואָקזאַל פֿערם־צוויי דערזען דעם נאַטשאַלניק מאַראַזאָוו. ביידע זענען געווען נאָענטע פֿריינד נאָך פֿון דער שול. ביידע האָבן זיך געליבט אין איין מיידל.

ווען די באַן איז אָפּגעפֿאָרן איז באַבושקין צוגעגאַנגען צו מאַראַזאָוון:

— שוין לאַנג דיך נישט געזען, מאַראַזאָוו. כ׳האָב היינט געוואָלט זיין ביי דיר.

— קום אַרויף, היינט אָוונט וועל איך זיין אין דער היים.

— גוט, איך וועל קומען.

— ברענג אַ פֿלאַש מיט דריי שטערנדלעך.

— כ׳וועל ברענגען.

— אויף דיר קען מען זיך פֿאַרלאָזן.

באַבושקין איז גלייך אַוועק אין מאַגאַזין און באַקומען אַ פֿלאַש וואָדקע מיט די דריי שטערנדלעך. אַ פֿריילעכער איז ער אַוועק צו זיך אין שטוב. איצט האָט ער געגלויבט ווער ער באַקומען דעם פּראָטאָקאָל מיט זיין אייגענעם אונטערשריפֿט. ער וועט אים אַוועקפֿירן צו דער דאָקטאָרין. זאָל זי זען וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר איר. ער וועט איר ברענגען צוריק אין דער גרויסער שטאָט פֿערם.

ער האָט געלאַכט צו זיך אַליין פֿון זיין קלוגן איינפֿאַל. איצט דאַרף ער נאָר טרעפֿן דעם נאַטשאַלניק אין אַ גוטער שטימונג. אין דער שול איז ער געווען אַ משוגענער יונג, דער מאַראַזאָוו.

אין אָוונט איז ער אַוועק צו אים. מאַראַזאָוו האָט שוין געוואַרט אויף אים מיטן אָוונטברויט.

— היינט האָבן מיר מיינע מענטשן געבראַכט פֿון וואַלד די ערשטע האָזן. באַלד וועט מיין פֿרוי דערלאַנגען. דו, באַבושקין, האָסט ליב אַ געבראָטענעם האָז?

— ווער האָט עס פֿיינט?...

— נו, שטעל אויפֿן טיש די דריי שטערנדלעך... געדענקסט די בלאָנדע מויד פֿון דער שולבאַנק. ביידע זענען מיר מיט איר געשלאָפֿן. אַ פֿייערדיקע מויד געווען. צוועלף מענער מיט איין מאָל וואָלט זי אויפֿגענומען.

ווען זיי האָבן ביידע אויסגעליידיקט די פֿלאַש, האָט באַבושקין אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף מאַרזאָווס אַקסל און שטיל געזאָגט.

— דו ווייסט, מאַראָזאָוו, מיין גוטער ברודער, מיין שול חבר. איך וויל די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ צוריקבערענגען קיין פּערם.

— פאַר וואָמען ווילסטו זי, פאַרן צעך־נאַטשאַלניק אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנ־דראָווו.

— ניין, נישט פאַר אים, פאַר מיר!

— און דו ביסט זיכער אַז זי וועט זיין דיין געליבטע.

— יאָ, כ׳בין זיכער. נאָך שווערעליידן ווערט דער מענש אַ מענטש. אַזוי לערנט מאַרקס...

— רעד נישט פון מאַרקסן... זאָג מיר גלייך, אַז דו ווילסט דעם פּראָטאָקאָל. גוט. קום צו מיר מאָרגן אין ביוראָ וועל איך דיר צוריקגעבן די אָנקלאָגע און לאָז מיך צו רו.

— כ׳האָב געוווּסט, אַז דו ביסט אַ גוטער ברודער און וועסט מיר נישט אָפּזאָגן. איצט וויל איך דיך בעטן, אפשר קענסטו דעם צעך־נאַטשאַלניק, אַלעק־סאַנדער, אַרויסשיקן פון פּערם?

— דאָס זעסטו איז שוין אַן אַנדערע זאַך. דאָס ליגט נישט אין מיין האַנט. ער איז מאָביליזירט אין „אוראַלסקער וואָיענני אָקרוג״ און דאָ האָב איך נישט וואָס צו זאָגן. ער געהערט צו דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע און נישט צו דער ציווילער. איך וועל נאָך אַ טראַכט טאָן, ווען איך וועל זיין אין סווערדלאָווסק, איך וועל זיך דאָרט פרעגן אויף אים.

— איך מיין, אַז מען דאַרף דיר נישט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל. וועסט אַליין וויסן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם פרעמדן מאַן.

— ער איז שוין ביי אונדז נישט קיין פרעמדער. ער האָט שוין פאַרגאָסן זיין בלוט פאַר רוסלאַנד — און דאָס האָט אַ סך צו זאָגן. אויך די פאַבריק מוז אים האָבן. ער איז אַ גוטער פאַכמאַן. דירעקטאָר אַגראַדאָוו וואָלט באַלד געלאָפן צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר און אויפגעהויבן אַ גרויסן שטורעם.

— איך פאַרשטיי דיך, אָבער דו, מאַראָזאָוו, ביסט נאַטשאַלניק פון נקוו״ד... קאָנסט מיט זיי אַלע לערנען מאַרקסיזם.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי. איך מוז זיך מיט זיי רעכענען. זיי קאָנען אויף מיר אָנשרייבן קיין מאָסקווע.

— דו, מאַראָזאָוו, האָסט מורא פאַר מאָסקווע?

— כ׳האָב נישט קיין מורא, נאָר בעסער נישט אַרויסצוקריכן פון טייך קאַמאַ.

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט?

— לאָמיר נישט רעדן. דו ווייסט, אַז היינט איז דאָ, ביים קאַמאַ, דער בעסטער פלאַץ! טאָ לאָמיר ביידע דאָ זיצן און נישט אויפרייסן די אויגן ביי אַנדערע.

— איך פאַרשטיי דיך, אָבער דו, מאַראָזאָוו, ביסט נאַטשאַלניק פון נקוו״ד... מיר צו מיין פּראָטאָקאָל. איך וויל זי נעמען קיין פּערם. איך האָב איר ליב, די דאָקטאָרין. איך וועל דיר נישט שטערן. אַ גוטע נאַכט.

באַבושקין איז אַ צופרידענער אַוועק צו זיך אין שטוב. ער האָט געלאַכט. ער האָט נישט געפילט אויפן וועג דעם שטאַרקן ווינט וואָס האָט געריסן זיין פנים. ער האָט נישט באַמערקט אַפילו, אַז עס פאַרנעמט זיך אויף אַ שניישטורעם ביים הויז האָט אים שוין דער שטורעם אָנגעיאָגט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען נאַטאַשאַ האָט פאַרלאָזט פערם האָט דער פראָסט און שטורעם געבריט ווי גליענדיק אייזן. אים האָט איצט ווי געטאָן וואָס ער האָט זי אַרויסגעשיקט פון פערם.

ער איז אַריין אין שטוב. דער קאָפּ איז אים געווען אַ ביסל שווער פון דעם בראָנפן. ס׳האָט אים דערוואַרעמט די בלוטן. ער האָט זיך געלייגט און איז גלייך איינגעשלאָפן.

ער איז אויפגעשטאַנען צוזאַמען מיטן נייעם טאָג. ס׳איז געווען זונטיק. דער שטורעם האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. באַבושקין האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און גענומען אַ בוך אין האַנט. עס איז געווען אַ ראָמאַן פון טורגעניעוו. ער האָט געעפנט דאָס בוך און אָפּגעזוכט די ניין און ניינציקסטע זייט. דאָרט איז באַשריבן ווי דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט און זיין געליבטע רייטן אויף צוויי פערד צו צום וואַלד און דאָ טרעפט זיי זיין יונגער זון. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. זיין זון האָט ליב זיין געליבטע. ער וויל ווייטער לייענען און ער קאָן נישט. ער פילט, אַז ער איז היינט נישט מיט אַלעמען און פאַרמאַכט דאָס בוך.

ער עפנט דעם ראַדיאָ און הערט די לעצטע נייעסן פון די פראָנטן. עס ווערט אים פריילעכער אויפן האַרץ. אונדזערע גייען פאָרויס אויף אַלע פראָנטן. אַ סך פון זיינע שול חברים זענען שוין גרויסע העלדן און ער... וואָס טוט ער דאָ אין דער גרויסער שטאָט פערם? ער שיקט אַנדערע אויפן פראָנט — און אַליין באַהאַלט ער זיך אויס אונטער אַ פרויען־קליידל.

ער שפייט אויס אַ רוסיש זידל־וואָרט...

ער האָט דעם גאַנצן רוטאָג פאַרבראַכט אין שטוב. ערשט אין אָוונט איז ער אַרויס. ער איז אַוועק צום נקוו״ד נאַטשאַלניק מאַראָזאָוו.

מאַראָזאָוו האָט אים גלייך אַנטקעגנגעטראָגן דעם פּראָטאָקאָל מיט זיין, באַבושקינס, אונטערשריפט:

— קאָנסט פאָרן קיין אָכאַנסק און ברענגען די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ קיין פערם. מיט מיר האָסטו פאַרענדיקט.

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צום היטל און צוגעקלאַפּט מיט די שטיוול. אָן אַ וואָרט איז ער אַוועק פון מאַראָזאָוון. שוין געווען נאָכן שניישטורעם. ער האָט אַראָפּשפּאַצירט צו דער קאַמאַ. דער טייך איז שוין געווען באַדעקט מיט אייז. באַלד וועט ער ווערן פאַרפרוירן און מען וועט קאָנען אויף אים פאָרן מיט טראַקטאָרן.

ער האָט שפּאַצירט ביי דער קאַמאַ און באַשלאָסן, אַז שוין מאָרגן פרי וועט ער פאָרן קיין אָכאַנסק און ברענגען נאַטאַשאַן. דער געדאַנק האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער איז אַוועק אַהיים זיך צוגרייטן צו דער רייזע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געחלומט פון דער שיינער דאָקטאָרין. ער האָט איר נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט זי געהאַט אַרומגענומען, געוואָלט קושן און זי האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים. צי וועט זי אויך איצט נישט טאָן אַזוי — אים פאַרטרייבן פון זיך?

באַבושקין איז אויפגעשטאַנען באַלד אין דער פרי. ער איז איילִיק אַוועק צום הויפּט־וועג פערם־אַכאַנסק. עס איז אָנגעפּאָרן אַ גרויסער קאַמיאָן מיט סחורה. באַבושקין האָט אים אָפּגעשטעלט. דער שאָפער האָט אים דערקענט.

— איר זייט עס קאָמיסאַר באַבושקין, קומט שנעל אַריין אין קאַבינע. ס'איז אַ הינטיש וועטער. מיר זאָלן נאָר נישט בלייבן שטעקן אין וועג.

— האָסט לאָפּאַטעס?

— כ'האָב.

— וועט מען רייניקן דעם שניי און פאָרן ווייטער.

— ווו פאָרט איר, קאָמיסאַר באַבושקין?

— איך פאָר צו דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— איר זייט דאָך נישט לאַנג צוריק געוועזן אין אָכאַנסק?

— יאָ. כ'בין געוועזן. איצט פאָר איך איר נעמען קיין פערם. איך האָב אָפּגערופן דעם פאַרבאַט. זי קאָן ווינען אין פערם.

— זייט איר טאַקע ווערט איך זאָל אייך פירן.

— דו וועסט קומען צו מיר און איך וועל דיר שיקן אויפן פראָנט.

— איך וועל אייך זיין דאַנקבאַר.

— וועסט מיר נישט דאַרפן דאַנקען. וועסט זיך דאַרפן גוט שלאָגן מיט די דייטשן און אַהיימקומען אַ העלד.

— איך זאָג עס אייך צו. איך וועל זיך שלאָגן פאַר אַ פריי רוסלאַנד.

— וואָס מיינסטו מיטן וואָרט „אַ פריי רוסלאַנד".

— איך מיין, אַז איך זאָל שוין מער נישט געשיקט ווערן אין אַ רויטן וואַגאָן אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער.

— נאָר דאָס מיינסטו? דו מיינסט מער. איך זע אין דיינע אויגן, אַז דו ווילסט מער.

— איך וואָלט געוואָלט שרייבן. שרייבן פריי.

— ביסט אַ שרייבער?

— יאָ, אין דער פריערדיקער צייט שרייב איך.

— האָסט שוין וואָס אָנגעשריבן.

— אָ, איך האָב שוין אַ סך אָנגעשריבן.

— טאָ פאַר וואָס גיסטו עס נישט אַרויס?

— אָט דאָס איז עס. איך ווייס נישט, צי מען וועט וועלן דרוקן מיינע ביכער.

— איך וועל קומען קיין אָכאַנסק און איך וועל מיך אַריינכאַפּן צו דיר. איך

וועל מיך באַקענען מיט דיין שרייבן און דענקען. איך זע, אַז דו ביסט נישט קיין פּראָסטער שאָפער.

— אַזוי איז עס. איך בין אויסגעוואַקסן אין לאַגערן און תפיסות, זאָל איך נאָך זיין אַ פּראָסטער שאָפער?

— איך זע אַז דו האָסט פון די לאַגערן און תפיסות עפּעס געלערנט?

— כ'האָב אַ סך געלערנט און איצט וויל איך לערנען אַנדערע.

— דו ווילסט זיך קעגנשטעלן דער סאָוויעטן־מאַכט?

— איך ווייס נישט צי איך מעג אַנטפּלעקן מיין סוד פאַר אייך, קאָמיסאַר באַבושקין?

— רעד מיט מיר פריי. איך וועל דיר נישט איבערגעבן אין די הענט פון נקוו"ד. כ'בין אַ מיליטער־מאַן. איך האָב ווייניק צו טאָן מיט זיי. קאָנסט עפענען פאַר מיר דיין האַרץ. עס וועט דיר גאָרנישט שאַטן, איך וועל דיר זיין אַ גוטער פריינד. סיי ווי סיי גייסטו אויפן פראָנט.

— איך גלייב נישט מען זאָל מיך שיקן אויפן פראָנט.

— איך פאַרזיכער דיר אַז איך וועל דיך שיקן.

— גוט, מיר וועלן נאָך רעדן.

דער וועג איז געוואָרן שווערער. אַ שניי־לאַווינע האָט אָנגעיאָגט. דער שטורעם איז געוואָרן שטאַרקער.

— ווי אַזוי וועל איך דורכפאָרן?

— מיר וועלן אָראָפּגיין און מאַכן אַ וועג.

— מיט דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ האָב איך געהאַט אַזאַ וועג ווען איך האָב זיי געפירט קיין אַכאַנסק. זי האָט שווער געאַרבעט ביים רייניקן דעם וועג און געוויינט אויף איר גורל פאַר וואָס דער רעזשים גיט איר נישט קיין רו.

— איצט וועט זי האָבן רו. איך אַליין האָב מיך אינטערעסירט מיט איר גורל און איך וועל אַלץ טאָן, כדי זי אַריינזעצן צוריק אין איר דירה.

— איר וואָלט גוט געטאָן, אָבער איך ווייס נישט צי זי וועט היינט וועלן פאַרלאָזן די שטאָט אַכאַנסק.

— וואָס האָט זי דאָרט? די גאַנצע שטאָט זעט מיר אויס ווי אַ בית־עולם. דער פאַרפרוירענער טייך, דער וואַלד. עס איז דאָך דאָרט נישט קיין לעבן.

— זי איז אין דעם נישט שולדיק.

— איך זאָג נישט, אַז זי איז שולדיק, אָבער אַזאַ אָפּגעשטאַנענע שטאָט ווי אַכאַנסק האָב איך נאָך נישט געזען.

— און איך האָב יאָ געזען אַ סך אָפּגעשטאַנענע רוסישע שטעט.

— דו ביסט אַ שרייבער. וועסט ווערן דער צווייטער לעוו טאָלסטאָי.

— איך וואָלט געוואָרן, אָבער צו דעם דאַרף דער מענטש באַדינגונגען. ביים סאָוויעטישן רעזשים איז נישט אויסגעוואַקסן קיין לעוו טאָלסטאָי און נישט קיין טורגעניעוו.

— איך ווייס נישט, איך פאַרנעם זיך נישט מיט קיין ביכער. איך האָב דיר געזאָגט, אַז כ'בין אַ מיליטער־מאַן.

— אָט זעט מען שוין די קאַמאַ — האָט פריילעך אויסגערופן באַבושקין — זע, גולייעוו, ווי דאָס אייז האָט אַרומגעוועבט דעם טייך. נאָר אין דער מיט איז געבליבן וואַסער.

— אונדזערע טייכן זענען רייך אין פיש און דאָס פאָלק הונגערט — האָט גולייעוו זיך שוין נישט איינגעהאַלטן — אונדזערע וועלדער זענען רייך אין געהילץ און דאָס פאָלק ווערט געפרוירן אין די נאַסע, קאַלטע דירות...

— איך זע, גולייעוו, אַז דו האָסט נישט ליב דעם סאָוויעטישן רעזשים.

דער קאַמיאָן האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. מען האָט שוין געזען די תפיסה. באַבושקין האָט געהייסן זיך אָפּשטעלן.

דאָ וועל איך אַראָפּגיין — האָט ער געזאָגט.

גולייעוו האָט אָפּגעשטעלט דעם קאַמיאָן ביי דער תפיסה. באַבושקין איז אַראָפּ. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט אַלס צייכן פון דאַנק און מיט שנעלע טריט גענומען גיין צום מאַרק. פון דער ווייטן האָט ער געזען דאָס הויז מיט די בלויע לאָדנס. די זון האָט גענומען וואַרעמען. ער איז געגאַנגען אַ פריילעכער. נאָך מער האָט אים געוואַרעמט דער פּראָטאָקאָל מיטן אונטערשריפט אין קעשענע. איצט וועט אים קיינער נישט זאָגן אַז ער איז אַ מסור. אָט איז ער שוין ביים הויז. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס האָט זי געעפנט אַן עלטערע פרוי.

— צו וועמען דאַרפט איר ?

— צו דער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ.

— די דאָקטאָרין איז איצט נישטאָ. זי וווינט איצט ביי דער בעקערין טאַמאַראַ ליסענקאָ, דאָרט ביים עק וואַלד, וווּ עס ענדיקט זיך דער מאַרק.

— איך דאַנק אייך, בירגערין.

באַבושקין איז געגאַנגען ווייטער ביז ער האָט דערזען אַ שיינע, גרויסע שטוב. אָט דאָס איז עס, האָט ער געטראַכט. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן אויפגעלויכטן פאַר פרייד. ער האָט פאַרשנעלערט דעם טריט.

ער איז שטיינגעבליבן ביי דער פראָנט טיר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען ביימער, באַדעקטע מיט שניי, אויף וועלכע עס האָבן אַרומגעשפּרונגען פייגעלעך.

ער האָט אָנגעקלאַפּט און דערפילט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

די דאָקטאָרין, נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ, האָט געעפנט די טיר. דערזעענדיק באַבושקינען איז זי געבליבן שטיין ווי פאַראַליזירט.

באַבושקין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָפּגעמאָסטן די דאָקטאָרין פון אויבן ביז אַראָפּ.

— קאָן איך אַריינגיין ?

נאַטאַשאַ האָט נישט געענטפערט. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך

אַוועקגעזעצט. זי האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט אַריין און זיך צעוויינט.

באַבושקין איז אַריין אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער נאַטאַשאַן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען דאָס בילד פון נאַטאַשאַס פּאָטער, וועלכער האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע קלוגע אויגן. די גרינע קאַנאַריקלעך אין שטייגעלע האָבן נישט געזונגען, נאָר אַרומגעשפּרונגען ווי משוגע. אין צימער איז געווען שטיל ווי פאַר אַ שטורעם.

באַבושקין איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט נאָר געזען וואַלד, ביימער אין ווייסן, וואָס האָבן דערמאָנט אין מתים, און דאָס האָט אים געמאַכט טרויעריק. ער האָט דערפילט אַ רחמנות־געפיל צו דער דאָקטאָרין. אירע טרערן האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך ביים פענצטער און געהאַט אַ ווילן מיטצווויינען מיט איר אויף איר גורל.

נאַטאַשאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעווישט די אויגן מיט אַ ווייס טיכעלע. די קאַנאַריקלעך האָבן אָנגעהויבן זינגען און די זון אין צימער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן בילד פון איר גרויסן פּאָטער.

קאָמיסאַר באַבושקין איז צו צום טיש, ער האָט אויף אים אַוועקגעלייגט אויף אים דעם פּראָטאָקאָל.

— איך האָב אָפּגערופן דעם גירוש. קאָנסט צוריקפאָרן קיין פּערם. וועסט צוריקבאַקומען דיין דירה און דיין אַרבעטספּלאַץ.

— איך וועל שוין דאָ בלייבן וווינען ביי דער גוטער פרוי, טאַמאַראַ ליסענקאָ און אַרבעטן פאַר די גוטע מענטשן פון אָכאַנסק. — האָט נאַטאַשאַ געענטפערט מיט שטאָלץ — איך פאָר נישט מער צוריק קיין פּערם.

נאַטאַשאַ האָט נישט געענטפערט. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט אַריין און זיך צעוויינט.

באַבושקין איז אַריין אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער נאַטאַשאַן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען דאָס בילד פון נאַטאַשאַס פּאָטער, וועלכער האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע קלוגע אויגן. די גרינע קאַנאַריקלעך אין שטייגעלע האָבן נישט געזונגען נאָר אַרומגעשפּרונגען ווי משוגע. אין צימער איז געווען שטיל ווי פאַר אַ שטורעם.

באַבושקין איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט נאָר געזען וואַלד, ביימער אין ווייסן, וואָס האָבן דערמאָנט איז מתים, און דאָס האָט אים געמאַכט טרויעריק. ער האָט דערפילט אַ רחמנות־געפיל צו דער דאָקטאָרין. אירע טרערן האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך ביים פענצטער און געהאַט אַ ווילן מיטצווויינען מיט איר אויף איר גורל.

נאַטאַשאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעווישט די אויגן מיט אַ ווייס טיכעלע. די קאַנאַריקלעך האָבן אָנגעהויבן זינגען און די זון אין צימער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן בילד פון איר גרויסן פּאָטער.

קאָמיסאַר באַבושקין איז צו צום טיש, ער האָט אוועקגעלייגט אויף אים דעם פּראָטאָקאָל, און שטיל געזאָגט:

— איך האָב אָפּגערופן דעם גירוש. קאָנסט צוריקפאָרן קיין פערם. וועסט צוריקבאַקומען דיין דירה און דיין אַרבעטספּלאַץ.

— איך וועל שוין דאָ בלייבן וווינען ביי דער גוטער פרוי טאַמאַראַ ליסענקאָ און אַרבעטן פאַר די גוטע מענטשן פון אַכאַנסק, — האָט נאַטאַשאַ געענטפערט מיט שטאָלץ — איך פאָר נישט מער צוריק קיין פערם.

— נאַטאַשאַ איך בעט דיך, זיי גוט צו מיר, איך וועל פאַר דיר אַלץ טאָן אין פערם. יעדעס וואָרט דיינס, יעדן פאַרלאַנג דיינעם וועל איך אויספירן מיט פרייד. זאָג מיר נישט אָפּ. קום צוריק קיין פערם. איך בין נאָך דיר געקומען כדי דיך צוריקפירן אין דיין וואַרעמע דירה. דיר וועט גוט זיין. איך וועל דיר זיין אַ ברודער און אַ חבר...

נאַטאַשאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— איך ווער געטריבן דורך בייזע אויגן. ווייניק וואָס מיין גרויסער פאָטער האָט פאַרלוירן די פרייהייט און ווער ווייסט צי ער לעבט נאָך — גייען מיר נאָך שוואַרצע שאָטנס וואָס ווילן צעשטערן מיין רו, צורויבן פון מיר די פרייהייט. כ׳בין גרייט צו לעבן דאָ, אין דעם הויז, און טיילן דעם גורל פון דער גוטער טאַמאַראַ. איך וויל מער נישט די שטאָטישע אָפּערע, די מוזיק און דעם רעש. כ׳וויל לעבן דאָ לעבן וואַלד און הערן דאָס געזאַנג פון די קליינע גרינע קאַנאַ־ריקלעך. איר, קאָמיסאַר באַבושקין, מיט די מונדירטע נקוו״ד האָט מיך אַרויס־געשיקט פון פערם און נאַטשאַלניק מאָראַזאָוו האָט פון מיר געלאַכט ווי פון אַ נאַר און אַנאַלפאַבעטין. דאָקטאָר נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ וועט נישט ווערן אייער געליבטע און אויך נישט קיינעמס געליבטע. איך האָב ליב דעם מאַן וואָס מיר געפעלט. די סאָוויעטישע געזעצן גיבן מיר רעכט צום לעבן. איך בעט אייך קאָמיסאַר באַבושקין נעמט דעם פּראָטאָקאָל, מיט אייער אונטערשריפט, צעררייסט אים אויף שטיקלעך און וואַרפט זיי אין פייער עס זאָל פון דעם נישט בלייבן קיין סימן. איך בעט אייך, פאָרט צוריק קיין פערם און פאַרגעסט אין מיר. איך בין איצט שוואַך. מיין קינד האָב איך אויסגעבלוטיקט און פאַרלוירן. איצט וויל איך האָבן רו.

— וועסט האָבן, וועסט האָבן רו. וועסט זיין געליבט פון מאַיאָר באַבושקין. איך וועל דיר צושטעלן פאַרגעניגן. וועסט טראָגן זיידענע קליידער און אַ פוטער־מאַנטל.

— איך וויל גאָר נישט, נאָר לעבן דאָ ביים וואַלד און געבן הילף די גוטע איינוווינער פון אַכאַנסק. איך וואַרט אויף מיין אַלעקסאַנדער ער וועט קומען צו מיר דאָ אַהער, מיט אים האָב איך זיך פאַרבונדן.

— די לעצטע ווערטער האָבן געטראָפן דעם קאָמיסאַר ווי שווערע שטיינער, אומגעריכט אַראָפּגעפאַלענע ווי פון הימל.

— געפעל איך דיר נישט, נעם מיין רעוואָלווער, שיס מיך, הרגע מיך, נאָר זאָג מיר נישט אָפּ. כ׳האָב נישט געטראָפן קיין פרוי אין גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע זאָל מיר אָפּזאָגן. איך בין אַן אָרדנטרעגער, איך טראָג אויף מיין ברוסט פיל אָרדנס. כ׳האָב מיך געשלאָגן מיט די יאַפּאַנער און אויב דו וועסט מיך שיקן, וועל איך גיין זיך שלאָגן מיט די דייטשן.

— יאָ, איך וויל איר זאָלט גיין טרייבן די דייטשן פון אונדזער רוסישער ערד און נישט גיין אין אָפּערע טעאַטער זען פּושקינס „פּיקאָווע דאַמע" און די אָפּערע לעניך.

— מיין געליבטער אַלעקסאַנדער, דער גוטער, איידעלער מענטש איז אויך געגאַנגען פּרייוויליק טרייבן די דייטשן און איר וואַרט איך זאָל אייך שיקן... איר אַליין ווייסט וואָס איז גוט און וואָס — שלעכט. אפשר איז טאַקע בעסער צו זיצן אין טעאַטער אויף „פּיקאָווע־דאַמע" און אויף דער לעניך־אָפּערע. איך מוז אייך נישט לערנען. נאַטשאַלניק מאַראַזאָוו האָט פון מיר געלאַכט; פון מיר, די טאָכטער פון גרויסן פּאַוועל מאַסלאָוו! זאָל איך איצט פאָרן צו אים אין זיין קעניגרייך. ניין!

זי האָט ווידער גענומען דעם קאָפּ אין אירע הענט און ווידער זענען אירע בלויע אויגן געוואָרן פול מיט טרערן.

— ווין נישט, נאַטאַשאַ. דיינע טרערן טרייבן מיך פון דיר ווי די יאַפּאַנישע האַרמאַטן, אָבער איך בין גרייט דו זאָלסט מיר וואַרפן שטיינער און ברענען מיין לייב מיט גליענדיקע אייזנס. איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק ביז דו וועסט מיר נישט צוזאָגן, אַז דו וועסט מיט מיר קומען קיין פּערם. אויב נישט גיי איך אין וואַלד און וועל זיך דערשיסן מיט מיין אייגענעם רעוואָלווער.

— איר ווילט באַגיין זעלבסטמאָרד צוליב אַ פרוי?

— יאָ, איך וועל דאָס טאָן, נאָר דו זאָלסט וויסן, אַז פאַר דיר האָב איך זיך דערשאָסן. אָט דאָ לעבן דעם הויז וועט ליגן מיין געביין.

— מען טאָר נישט אַזוי רעדן. בעסער גייט שלאָגן די דייטשן. איר וועט אַהיימקומען אַ העלד און איך וועל אייך אַלץ מוחל זיין, אויך דעם פּראָטאָקאָל וועלכן איר האָט מיט אייערע הענט אונטערגעשריבן. גייט אויפן פראָנט, שיקט נישט קיין אַנדערע. איך וועל זיך פרייען ווען איר וועט טרייבן די דייטשן פון דער רוסישער ערד.

— איך זאָג דיר צו, ווי די פּאַרטיי איז מיר ליב — איך וועל גיין.

— שוין וויל איך איר זאָלט גיין און מיר געבן רו...

נאַטאַשאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען גרייטן מיטאָג.

— מיר וועלן אָפּעסן מיטאָג. איך גיי צו דער אַרבעט און איר פאָרט אַוועק! שוין היינט! איך וויל נישט, אַז די שטאָט־איינוווינער זאָלן וועגן מיר רעדן שלעכטס.

— איך וועל אויספירן אייער ווילן. נאָך מיטאָג פאָר איך צוריק קיין פּערם.

קאַמיסאַר באַבושקין האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש וואָדקע מיט די דריי שטערנדלעך. ער האָט אַנגעגאָסן צוויי גלעזער. איין גלאָז האָט ער אַוועקגעשטעלט פאַר נאַטאַשאַן. ער האָט אויפגעהויבן זיין פולע גלאָז און געזאָגט:

— טרינק נאַטאַשאַ. לאָמיר אויסטרינקן פאַר אונדזער ליבע.

— איך טרינק נישט קיין בראָנפן.

— פון ווען ?...

פון שטענדיק. טרינקט אַליין פאַר שלום אויף דער וועלט. זאָל זיין שלום ביי אונדז ביידע.

באַבושקין האָט אַריינגעגאָסן מיט אַ מאָל אין האַלדז אריין דאָס גאַנצע גלאָז בראָנפן. נאַטאַשאַ האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ גולאַש פון פלייש מיט קאַרטאָפל. ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפעטיט. זיין פנים איז געוואָרן רויט פונעם בראָנפן. די קליינע אייגעלעך — פאַרלאָפן.

ביידע האָבן זיי אָפגעגעסן. נאַטאַשאַ האָט זיך גענומען גרייטן צו דער אַרבעט.

— איך מוז שוין גיין צו דער ארבעט. קומט, קאַמיסאַר באַבושקין, איך וועל אייך באַגלייטן צום וואָקזאַל. די קאַמאַ איז שוין פאַרפרוירן. איר מוזט פאָרן מיט אַ קאַמיאָן.

— איך וועל פאָרן. איך פריי מיך, אַז איך האָב היינט געמאַכט מיט מיין קומען דעם ערשטן שריט פאַר אונדזער פריינדשאַפט. דער פראַטאָקאָל איז שוין ליקווידירט. קאָנסט קומען קיין פערם ווען דו ווילסט. קיינער וועט דיר נישט שטערן.

— איך דאַנק אייך און איך האָף אָפצודינען אייך. לאָמיר גיין, עס ווערט שפעט. איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט. עס וואַרטן אויף מיר קראַנקע אין אַמבולאַטאָריע.

זיי זענען געגאַנגען צום וועג אָכאַנסק־פערם. זיי זענען אַריבער דעם מאַרק. נאַטאַשאַ האָט געשוויגן. זי האָט נישט געוואָלט אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד. באַבושקין האָט אַ קוק געטאָן אויף נאַטאַשאַן און שטיל געזאָגט:

— איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן פון אַלעקסאַנדערן.

— איך הער. איר קאָנט דערציילן.

— צו אַלעקסאַנדערן קיין פערם איז געקומען אַ יונגע, שיינע לייטענאַנטין פון פראָנט, מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ, די טעלעפאָניסטן פון שטאַב. זי האָט מיט אים פאַרבראַכט אין אַ האָטעל אויף דער לענין־גאַס אין פערם גאַנצע אַכט טעג. און דו מיינסט אַז אַלעקסאַנדער איז אַ קאַטוילישער גלח און לעבט אָן אַ פרוי.

— איך מיין גאָר נישט... ער איז יונג, זאָל ער געניסן פון לעבן. ווען דען אַז נישט היינט?

— אָבער דו, נאַטאַשאַ, ביסט פרום ווי די מאָנאַשקעס אין קלויסטער...

— איך קען נישט אַנדערש. מיין גרויסער פאָטער און מוטער האָבן מיך געלערנט צו ליבן איין מאַן.

— אַלעקסאַנדער ליבט מער ווי איין פרוי...

— איך ווייס וועגן דער טעלעפאָניסטין מאַרוסיאַ. ער האָט מיר געשריבן.

— אַלעקסאַנדער אַליין האָט דיר געשריבן וועגן דער לייטענאַנטין?

— יאָ. ער אַליין.

— אַזעלכע זאַכן דערציילט מען נישט קיין פרוי...

— ער איז אויפריכטיק אַפילו ווען ער ליבט זיך אונטער מיט אַ צווייטער פרוי. איך ווינטש אים ער זאָל זיין געזונט. אויב איר וועט אים טרעפן גיט אים איבער אַ גרוס פון נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ.

— זיכער. איך וועל צו אים צוגיין אין פאַבריק.

— דאָ קאָנט איר צוווארטן. באַלד וועט אָנקומען אַ קאַמיאָן און איר וועט קאָנען פאָרן. איך מוז שוין גיין.

— לאָזט מיך, נאַטאַשאַ אייך אַ קוש טאָן.

— מען טאָר נישט אויף דער גאַס. וואָס וועלן מענטשן זאָגן. זייט איר אויסגעהונגערט אויף אַ קוש פון אַ פרוי. איר האָט שיינע פרויען אין פערם

— נישט אַזעלכע ווי איר זייט.

— גוט. פאָרט געזונט.

איך בעט אייך, נאַטאַשאַ, קומט קיין פערם. איך וועל אַלץ פאַר אייך צוגרייטן.

— איך וועל קומען, איך וועל קומען — און זי איז אַוועק מיט שנעלע טריט.

קאָמיסאַר באַבושקין איז געשטאַנען און געטראַכט. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן נאָכגעקוקט נאַטאַשאַן. אין האַרצן איז אים אויפגעגאַנגען אַ פונק פון האָפענונג. די דאָקטאָרין וועט נאָך זיין זיינע. זי וועט ליגן ביי אים איר די אָרעמס. ער האָט זיך געפרייט וואָס זיי האָבן צוזאַמען געגעסן מיטאָג און זיך פריינדלעך דורכגעשמועסט. קלוגע ווערטער זענען געפאַלן פון איר מויל.

☆

ס׳איז געווען שבת נאָך מיטאָג. דער ערשטער שיכט האָט פאַרענדיקט די אַרבעט. אַלעקסאַנדער איז געזעסן אין זיין אַרבעטס-צימער און איבערגעקוקט די פאַפירן. ער האָט קאָנטראָלירט צי עס שטימט די סחורה וואָס ער האָט היינט פרי באַקומען פון סקלאַד. ער האָט נישט געהערט ווען די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריין די בריגאַדירין ליזאַ וואָראָנאָוואַ. זי איז צוגעגאַנגען צו אַלעק־סאַנדערן און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— אַלעקסאַנדער, איך בעט דיך, קום היינט אַוונט צו מיר. מיר וועלן צוזאַמען אַרויסגיין אין אָפערע־טעאַטער. מיין קליין זונעלע פעטרוש וועט זיך

מיט דיר דערפרייען. ער פרעגט מיר יעדן טאָג ווען וועט דער פּאַפּאַ קומען אַ היים.

— ער ווייסט נישט, אַז זיין פאָטער איז שוין טויט? געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד.

— איך וויל, אַז דו, אַלעקסאַנדער, זאָלסט אים זיין אַ פאָטער. איך וועל דיר זיין אַ גוטע פרוי. וועסט האָבן ביי מיר וואַרעמקייט. איך בין פון סמאָלענסק, גוטע מענטשן ביי אונדז. דו וועסט מיר זיין אַ גוטער מאַן. מיר וועלן זיך ליבן.

— גוט ליזאַ, גיי איצט אַהיים. איך וועל זיין ביי דיר. עס קאָן זיין אַז היינט.

— זאָג מיר צו, אַלעקסאַנדער.

— איך קאָן דיר נישט צוזאָגן, ווייל כ׳מוז קומען זען ווי עס אַרבעט די צווייטע שיכט.

ליזאַ וואַראַנאָווא האָט אים אַרומגענומען מיט אירע לאַנגע הענט. זי איז צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן און ווייסע ציין צו זיינע.

— וועסט קומען היינט. מיין מאַן, דער פליער־קאַפּיטאַן וואַראַנאָוו וועט שוין מער צו מיר נישט קומען צו פליען ווי אַ מאָל. מיין פּעטרוש וויל האָבן אַ פאָטער. קום, אַלעקסאַנדער, קום.

— איך וועל קומען.

זי האָט אים באַפרייט פון אירע הענט. ס׳האָט געשלאָגן פון איר דער אַראָמאַט פון ווייבלעכער וואַרעמקייט. איר פּנים איז געווען זוניק און גלייכצייטיק פול מיט די יסורים פונעם געליטענעם דור, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אויף די פראָנטן אין בלוט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעשטעלט גענומען איר האַנט און צוגעפירט צו דער טיר. ער האָט איר געגעבן אַ קוש אין שטערן.

— גיי איצט אַהיים ליזאַ. איך וועל אין אָוונט קומען. כ׳האָב אַ סך אַרבעט. איך מוז נאָך בלייבן.

ליזאַ וואַראַנאָווא איז אַוועק פון צעך אַ פריילעכע. ער וועט היינט קומען, דער שיינער אַלעקסאַנדער. מיין זונעלע וועט זיך פרייען. ער וועט האָבן אַ טאַטן. זי האָט גאָר נישט געזען, אַז זי איז שוין פאַרביי איר הויז. ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט זי ערשט דערזען, אַז זי איז שוין ווייט אַוועק פון איר דירה.

אַלעקסאַנדער האָט געענדיקט די אַרבעט. ער איז אַוועק צו זיך אין שטוב. ס׳איז אים געווען אַ ביסל אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן. שוין לאַנג נישט געווען ביי נאַטאַשאַן... זי וואַרט אויף אים, אָבער ווי קאָן ער לאָזן די אַרבעט און זיך פאַרן ליבן, ווען דער לענינגראַדער פראָנט וואַרט אויף זיין אַרבעט. אין דרויסן איז שוין אַלץ געווען באַדעקט מיט שניי. ס׳איז געווען אַ ווייסער אויסגעשטערנטער אָוונט. די לבנה האָט געוואָרפן איר שיין אויף אָכאַנסק. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין צוזאָג צו קומען היינט אָוונט צו דער בריגאַדירן. מאָרגן איז אויסגעפאַלן זונטיק, אַ רוטאָג. ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן היינט אַרויסגיין און זיך אַ ביסל אָנטשפּאַנען פון דער שווערער אַרבעט.

ער האָט זיך אָפּראַזירט, איבערגעטאָן, אונטערגעניייט אַ ווייס קעלנערל אונטערן קאָלנער פון זיין שינעל. דאָס רויטע קענטל אַרום דעם קאָלנער האָט

ווי אונטערגעשטראָכן העלדישקייט. אַ פריילעכער איז ער אַרויס פון שטוב.

ער האָט נישט געקאָנט גיין צו ליזאַן מיט ליידיקע הענט. ער האָט באַדאַרפט מיטברענגען עפּעס פאַרן קינד, וואָס האָט געוואַרט אויפן פאָטער, און יעדן טאָג געפרעגט, ווען דער טאַטע קומט צוריק פון פראָנט. אַלעקסאַנדער האָט געקויפט צוויי בילעטן אין דער אָפּערע, איז אַריין אין טעאַטער האָל און דערזען די בופעטשיצע אין אַ ווייסן פאַרטעך. ער האָט געוואָלט עפּעס קויפן אין בופעט. אויפן ווונק, האָט זי אים געפרעגט, וואָס ער וויל? ער האָט איר אַריינגעלייגט אין האַנט אַ רויטן טשערוואָניעץ. די יונגע פאַרקויפערן איז אַריין אין הינטער־צימער און אַרויסגעברענגט אַ פּאַרפּאַקט פּעקעלע.

— נאַ, נעם עס צו און גיי שנעל אַוועק. קום צו מיר נאָך דער פאָרשטעלונג. ביסט אַ שיינער מאַן...

אַלעקסאַנדער האָט שוין נישט געהערט די לעצטע ווערטער פון דער פאַר־קויפערן. מיט שנעלע טריט ווי אַ געיאָגטער פון שדים איז ער אַוועק פון בופעט.

ליזאַ וואָראָנאָוואַ האָט געוווינט אויף דער סאָוויעצקע־גאַס. אַלעקסאַנדער איז פאַרביי לעבן דעם גרויסן הויז פון נקוו״ד. אַ ציטער איז אים דורך. ער האָט פיינט געהאַט די נקוו״ד וועלכע האָט אָנגעוואָרפן שרעק אויפן רוסישן פאָלק.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ליזאַ האָט געעפנט. אַ קליין ייִנגעלע איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ געשריי: פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! אַלעקסאַנדער האָט אים געמומען אויף די הענט, דערלאַנגט אים דאָס פּעקעלע און דער קליינער פּעטרוּש האָט עס געכאַפּט מיט ביידע הענטלעך און גלייך אַוועק. ליזאַ האָט געשטראַלט פון פרייד. אין איר האַרץ האָט זיך דערוועקט אַ האָפענונג, אַז אפשר וועט דער צעך־נאַטשאַלניק ווערן איר מאַן.

☆

דער נאָכמיטאָג האָט זיך געצויגן ווי קיין מאָל נישט. נאַטאַשאַ האָט געוואָלט אַהיימקומען וואָס שנעלער און דערפרייען די מוטער מיט די לעצטע נייעס... זי קאָן שוין צוריקפאָרן קיין פּערם.

נאַטאַשאַ האָט זיך געאײַלט אַהיים. זי האָט נישט געשפּירט ווי דער קאַלטער קאַמאַ־ווינט בלאָזט איר אין פּנים אַריין און רייסט די פּאָלעס פון איר מאַנטל. זי איז געגאַנגען אַ פריילעכע אָנזאָגן דער מוטער די בשורה אַז שוין מאָרגן קאָן זי פאַרלאָזן אָכאַנסק און פאָרן קיין פּערם אין זייער שיינער דירה, ווו זי וועט זיין נענטער צו אַלעקסאַנדערן. זי האָט געבענקט נאָך אים און באַשלאָסן איבער־צולאָזן אָכאַנסק, ווו דאָס לעבן האָט זיך נישט געענדערט און אַלץ איז פאַרבליבן אַזוי ווי אין די צאַרישע צייטן.

נאַטאַשאַ איז אַריין אין שטוב מיט אַ געלעכטער. איר מוטער אַנאַ איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ בוך.

— מאַמאַ, נאַטאַשאַ איז געקומען!

— יאָ טאָכטער. עס פרייט מיך זייער מיט דיר. גוט וואָס דו ביסט געקומען. ווייסט, עס איז היינט ווער געווען דאָ מיטאָג־צייט.

— יאָ, מאַמע עס איז געווען...

— ווער איז דאָ געווען?

— לאָז מיר אויסטאָן דעם מאַנטל, וועל איך דיר אַלץ דערציילן. מיר קאָנען שוין פּאַקן די זאַכן און פאָרן צוריק קיין פּערם. קאָמיסאַר באַבושקין איז דאָ געווען, מיר געבראַכט דעם פּראָטאָקאָל פון דער נקוו״ד מיט זיין אייגענעם אונטערשריפט.

— איז דאָס, טאָכטער, אַ חלום, אָדער דו ביסט שיכור?

— ניין, מאַמע, איך בין נישט שיכור און עס איז נישט קיין חלום. נאַ, זע דעם פּראָטאָקאָל.

— דו, נאַטאַשאַ, ווילסט צוריקפאָרן קיין פּערם?

— יאָ, מאַמע. דאָרט לעבט און אַרבעט אַלעקסאַנדער. איך וועל מיך מיט אים פאַראייניקן און מיר וועלן לעבן צוזאַמען. איך וויל אַרויס פון דאַנען. אַזוי פיל טובערקולאָז־קראַנקע אין דעם אָכאַנסק. מיר קאָנען זיך אַליין אָנשטעקן מיט די באַצילן און מיט וואָס צו פאַרגיסן איז נישטאָ.

— טאָכטער מיינע, טראַכט גוט איבער צי עס לוינט זיך פאָרן צוריק אין דער געזעלשאַפט פון וואַנען מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן, ווי הינט, אין אַ פּראָסטיקן טאָג. פאַר נישט, טאָכטער מיינע. קאָמיסאַר באַבושקין האָט עס געמאַכט מיט אַן אויסרעכענונג. ער וויל דו זאָלסט ווערן זיין געליבטע און איך דיין מוטער וויל עס נישט...

— מאַמאַ, איך האָב אַלעקסאַנדערן. מיט אים וועל איך זיך פאַרשרייבן און מיר וועלן ווערן מאַן־און־ווייב... אַזוי אַז קאָמיסאַר באַבושקין וועט מיך צו רו לאָזן.

— דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט — זאָגט דאָס פאָלק — וועסט זען, נאַטאַשאַ, אַז ער וועט איצט אַרויסשיקן אַלעקסאַנדערן פון פּערם. אים וועט עס לייכט אָנקומען. דו ווייסט ווער באַבושקין איז? אַלעקסאַנדער איז ביי אונדז אַ פרעמדער און מען גלויבט אים נישט. מעג ער זיין אַ גרויסער מענטש, אָבער מען וועט צו אים נישט האָבן קיין צוטרוי.

— מאַמע, אַלעקסאַנדער האָט זיך געשלאָגן אויפן מאָסקווער פראָנט. ער איז אַוועק פרייוויליק. קיינער האָט אים נישט געצווונגען. מיט זיין בלוט האָט ער זיך איינגעקויפט אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

— און דו טאָכטער מיינסט, אַז דאָס אַלץ האָט אַ ווערט פאַר די פירער? ניין ס׳האָט נישט קיין שום ווערט. אַלעקסאַנדער איז אַ פּוילישער און ער וועט דאָ בלייבן אַ פרעמדער. ער מעג אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ באַווייזן ווונדער.

— דו מיינסט, מאַמע, אַז אַזוי וועט עס זיין?...

— יאָ, איך מיין אַז אַזוי וועט עס זיין. דיין פאָטער האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער, כאָטש ער איז אַן אייגענער. ווערט עס די וועלט גלויבן, אַז ער איז געווען אומשולדיק? נאָר מיר ביידע ווייסן דעם אמת וועגן זיין אומשולד. ער האָט נישט געוואָלט ענדערן דעם רעזשים און נישט פאַרנומען זיך מיט פּאָליטיק. זיין פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער וויסנשאַפט, אין זיין אייגענעם וועג...

— מאַמע, קלוגע ווערטער הער איך פון דיר. נאָך קיין מאָל ביז היינט האָב איך פון דיר נישט געהערט אַזעלכע קלוגע רייד.

— דו האָסט מיך אַרויסגערופן אויף אַ וואָרט־דועל און איך מוז דיר זאָגן דעם אמת. אויב עס איז דאָ גוט, זאָלסטו בלייבן זיצן און מער נישט זוכן ביי דעם רעזשים קיין גליקן. קאָנסט נאָך פאַרלירן דאָס ביסעלע פרייהייט.

— אַלץ צוליב אַלעקסאַנדערן, מאַמע?

— ס'איז אַלץ צוזאַמען איין גרויסער קנויל. אַלעקסאַנדער איז אַ ווילער מענטש ביי דיר, ביי מיר, אָבער ביים מינדסטן שאָדן אויף דער פאַבריק וועט מען אים נישט אָנערקענען זיין פאַרגאָסן בלוט פאַרן רוסישן פאָטערלאַנד. מען וועט אים שיקן אַהין, ווו מען האָט פאַרשיקט די בעסטע מענטשן...

— ווילסטו נישט, מאַמע, צוריק קיין פערם?

— איך וויל נישט, טאָכטער, אַז קאָמיסאַר באַבושקין זאָל ווערן דיין געליבטער.

— וואָס פאָלט דיר איין מאַמע?...

— עס פאָלט מיר גאָרנישט נישט איין. אַזוי וועט עס זיין. ער וועט אַרויסשיקן אַלעקסאַנדערן פון פערם און דער וועג צו דיר וועט פאַר אים ווערן פריי. דו ווייסט, טאָכטער, אַז אַ מאַמעס האַרץ פילט די געפאַרן וועלכע דראָען איר קינד. לאָמיר דאָ זיצן און וואַרטן אויפן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. ער וועט אונדז נעמען פון דאַנען און מיט אונדז אַוועק אויף אַ שטיל אינדזעלע, ווו מיר אַלע וועלן נאָך האָבן אַביסל גליק...

— דו, מאַמע, טראַכסט, אַז אונדזער גרויסער פאָטער וועט צו אונדז קומען און אונדז נעמען פון דאַנען?

— יאָ, טאָכטער, ער וועט קומען. אַזוי האָט ער געשריבן און אַזוי האָט ער אָפּגערעדט מיט אַלעקסאַנדערן. איצט מוז ער לעבן אונטער אַ מאַסקע. ס'איז מלחמה.

— און דו מיינסט אַז נאָך דער מלחמה וועט ער קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך די מאַסקע?

— אַזוי מיין איך...

— ניין, מאַמע, לעב נישט מיט קיין פרייהייטס־אילוזיעס. עס וועט זיך גאָר נישט ענדערן ביי דעם רעזשים — און דו ווילסט איך זאָל וואַרטן ביז דער פאָטער וועט אונדז נעמען פון דאַנען. ניין! איך וועל יאָ פאָרן קיין פערם.

— וואָלט איך דיך געראָטן, טאָכטער מיינע, אויב שוין יאָ פאָרן — פריער

צו פֿאָרן און רעדן מיט אַלעקסאַנדערן. ער וועט דיר געבן דעם שליסל צו דער געהיימניש וואָס רופֿט זיך: קאָמיסאַר באַבושקין.

— יאָ, כ׳וועל פֿאָרן אַליין און רעדן מיט אַלעקסאַנדערן.

— קאָנסט פֿאָרן מאָרגן. גולייעוו וועט דיך נעמען. כ׳האָב אים געטראָפֿן ער האָט מיר געזאָגט אַז ער פֿאָרט מאָרגן צום קאָמיסאַר באַבושקין. באַבושקין האָט אים צוגעזאָגט צו שיקן אים אויפֿן פֿראָנט.

— ווו האָסטו געטראָפֿן גולייעוון.

— ער איז דאָ געווען. ער האָט מיר געבראַכט פֿיש. ער האָט געפֿרעגט אויף דיר. ער האָט געברענגט אויף זיין קאָמיאָן דעם קאָמיסאַר באַבושקין קיין אַכאַנסק.

— ווייסטו דאָך בעסער, מאַמע...

— הלוואי ווייס איך עס נישט... עס זעט מיר אויס אַז פֿון דעם וועט קיין גוטס נישט אַרויס. דו וועסט אים נישט זיין קיין געליבטע און ער איז שוין אַזוי פֿאַרקאַכט אין דיר, אַז ער וועט זיין גרייט אויף אַלץ. איך וואָרן דיך, טאָכטער. זיץ דאָ. ס׳איז דיר גוט. לאָז אָפּ די גרויסע, שיינע שטאָט מיט די פֿאַלשע מענטשן. היינט האָט ער געמסרט דיך און מאָרגן וועט ער מסרן אַלעקסאַנדערן. דו, נאַטאַשאַ, וועסט זיין שולדיק און נישט קיינער. אַלעקסאַנדער איז אַ גוטער, שטילער מענטש. לאָז אים לעבן פֿריי, אויב נישט, וועסט דו טראָגן די שולד.

— איך וועל עס נישט דערלאָזן אַז באַבושקין זאָל אים טאָן שלעכטס.

— דער קאָמיסאַר וועט ביי דיר נישט פֿרעגן. ער אַליין וועט באַזייטיקן אַלע שטערונגען אויפֿן וועג צו דיר... פֿאַר מאָרגן צו אַלעקסאַנדערן. דיין מאַמע וויל נישט דיין שלעכטס.

— איך פֿאָר מאָרגן, מאַמע. ביסט מיין מאַמע און כ׳האָב נישט מער קיינעם ביי מיין זייט.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף.

— גיי שלאָפֿן נאַטאַשאַ. מאָרגן פֿרי וועט גולייעוו קומען דיך נעמען.

גולייעוו איז צוגעפֿאָרן מיטן קאָמיאָן צו דער שטוב, איז צו צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט.

— שוין, כ׳גיי שוין, האָט נאַטאַשאַ געענטפֿערט פֿון אינעווייניק. וואַרט אַ מינוט.

זי איז געווען וואַרעם אָנגעטאָן, דעם האַלדז פֿאַרבונדן מיט אַ שאַל. דער ווינט האָט נאָך אַלץ געריסן, איינגעלייגט וועלטן.

— שנעלער דאָקטאָר! קום אַריין אין קאַבינע. די פֿאַבריק שטייט אָן סחורה און איך מוז נאָך היינט צוריקקומען. ס׳איז אַ הינטיש וועטער. דער ווינט האָט אָנגעיאָגט אַ שניי און מיר וועלן דאַרפֿן אַרבעטן מיט די לאָפּעטעס ווי דעמאָלט, ווען כ׳האָב איך מיט אייער מוטער געפֿירט קיין אַכאַנסק.

— דו האָסט מיך שוין אויסגעלערנט אַרבעטן מיט דער לאָפּעטע. אַלץ איז גוט צו קאָנען.

— נעכטן איז מיט מיר געפֿאָרן באַבושקין. נו, ער וויל מיך שיקן אויפֿן פֿראָנט.

— ווּעסטו קאָנען שאַפן אַ גוט בוך פון פראָנט, אַז דו וועסט זיך באַקענען מיטן מיליטערישן לעבן.

— איך וועל היינט אַריינגיין צו אים, אויף דער לעניז־גאַס...

— זאָלסט אים נישט זאָגן, אַז דו האָסט מיך געבראַכט קיין פּערם. דו ווייסט, גולייעוו, אַז איך קאָן שוין צוריקפאָרן קיין פּערם. דער פאַרבאָט איז אָפּגערופן געוואָרן.

— איך ווייס. באַבושקין האָט עס מיר געזאָגט. נו, וועט איר צוריקפאָרן קיין פּערם?

— איך ווייס נישט. איך וועל היינט רעדן מיט אַלעקסאַנדערן...

— איך מיין, אַז איר דאַרפט בלייבן וווינען אין אַכאַנסק. פּערם איז שוין נישט פאַר אייך. ביי אונדזער רעזשים טאָר מען נישט צו פיל פאָרן פון איין אָרט אויפן צווייטן. ס׳רופט אַרויס פאַרדאַכט... איך ווייס עס פון די מענטשן וואָס האָבן מיט מיר געלעבט אין די לאַגערן און תפיסות.

— זאָל איך נישט צוריקפאָרן קיין פּערם?

— ניין, טייערע דאָקטאָרין.

— מיין מאַמע זאָגט אויך אַזוי.

— אייער מוטער איז אַ קלוגע פרוי. איר דאַרפט איר פאָלגן.

— איך מיין אויך צו בלייבן אין אַכאַנסק ביז עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה. און איר, גולייעוו, ווילט גיין פרייוויליק אויפן פראָנט.

— יאָ, איך וועל גיין און שוין די טעג וועל איך גיין. פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ לאָזט מען מיך נישט גיין. זיי זאָגן אַז קיינער וועט נישט פירן אַ גרויסן קאַמיאָן ווי איך. איך מוז אָבער גיין העלפן באַפרייען רוסלאַנד.

דער שטאַרקער שניישטורעם האָט געריסן אַלטעביימער און זיי אויסגעלייגט ווי די מתים. גולייעוו האָט געלאָזט דעם מאָטאָר אויף דער גאַנצער פּאַרע. דער נייער מאָטאָר האָט שווער געסאָפּעט און זיך געריסן פאָרויס.

ווען נאַטאַשאַ האָט דערזען די ערשטע הייזער פון דער שטאָט, איז איר באַפאַלן אַ פרייד, ווי זי וואָלט איצט פון ס׳ניי געבוירן געוואָרן.

— ווו זאָל איך אייך פירן דאָקטאָרין?

— אויף דער גאָרקי־גאַס. צו אַלעקסאַנדערן.

— איך וועל אייך אַראָפּלאָזן ביי דער פאַבריק.

— גוט־אַזוי. איך וועל אַראָפּגיין ביי דער פאַבריק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט גולייעוו אָפּגעשטעלט דעם קאַמיאָן.

אין פּערם איז דאָס וועטער געווען מילדער. דער ווינט האָט אויפגעהערט צו בלאָזן, דער הימל איז געווען בלוי און ס׳האָט זיך איינגעשטילט דער שניישטורעם. נאַטאַשאַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע ביי דער פאַבריק. דער זייגער האָט געוויזן ניין. זי איז אַריין אין פאַבריק.

זי האָט דערפילט אַ האַנט אויף איר אַקסל און דערהערט אַ באַקאַנטע שטים:

— נאַטאַשאַ, ביסט געקומען?

זי האָט זיך אויסגעדרייט און געפאַלן אין אַלעקסאַנדערס אָרעמס.

— וויין נישט, מיין ליבע. קום מיט מיר. איך וועל דיך אַריינפירן אין מיין דירה, וועסט זיך אָנוואַרעמען און עסן פרישטיק. איך וועל גיין אין פאַבריק. צום מיטאָג וועל איך קומען. דו וועסט צוגרייטן מיטאָג. פאַראַן ביי מיר אַ ביסל אַמעריקאַנער פּראָדוקטן.

זיי זענען אַוועק צו אים אין דירה. ער האָט איר געפירט ביי דער האַנט. ער איז געווען צופרידן פון איר קומען. ער האָט נישט געוואָלט פרעגן צי מעג זי זיין אין פּערם? ער האָט נישט געוואָלט עפענען די שווערע וווּנד.

ער איז געגאַנגען, שווייגנדיק. זיין פּנים האָט זיך פאַררויטלט. נאַטאַשאַ האָט געקוקט אויף אים מיט אירע בלויע אויגן און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן פון זיין שיינקייט.

— וועסט בלייבן אין שטוב ביי מיר. קיינער וועט נישט וויסן, אַז דו ביסט אין פּערם...

— אַלע מעגן עס וויסן. באַבושקין האָט מיר געבראַכט קיין אַכאַנסק דעם פּראָטאָקאָל פון מיין פאַרשיקונג מיט זיין אונטערשריפט. נאַטשאַלניק מאָראָזאָוו האָט דערלויבט אָפּרופן דעם גירוש.

— איך דאַך גוט, נאַטאַשאַ!

— איך ווייס נישט, אַלעקסאַנדער, צי ס'איז טאַקע גוט. מיין מוטער זאָגט, אַז ס'טויג נישט.

— אויב אַזוי, לאָז עס איבער אויף שפּעטער. כ'וועל קומען פון דער אַרבעט וועט מען רעדן דערפון. דערווייל מאַך דיר טיי און עס פרישטיק. איך מוז שוין גיין אין פאַבריק.

אין פאַבריק האָט זיך אַלעקסאַנדער אָנגעשטויסן אויף ליזאַ וואָראָנאָוואַ.

— אַזוי שפּעט, אַלעקסאַנדער?

— דו ביסט שולדיק, ליזאַ. דו האָסט מיך נישט אַרויסגעלאָזט פון דיינע אָרעמס.

— וואַרט נאָר. ביסט דאָך אויסגעשמירט מיט רויטע פּאָמאַדע. וועלכע פרוי האָט דיך געקושט?

— דאָס איז דאָך דיין רויטע פּאָמאַדע.

— איך נוץ נישט קיין רויטע פּאָמאַדע. וואַרט, איך וועל דיר אָפּווישן דאָס פּנים. וואָס וועלן זאָגן די אַרבעטער אויף אונדזער נאַטשאַלניק?

— כ'האָב נישט מורא, ליזאַ. קיינער וועט אויף אַלעקסאַנדערן גאָרנישט זאָגן. איך אַרבעט פאַר צוויי און אַפילו דריי.

— איך ווייס.

— לאָז מיך גיין צו דיין בריגאַדע זען צי דער פּלאַן איז אויסגעפירט, ווייל אויב נישט, וועסטו מיך מער שוין נישט האָבן אין דיינע אָרעמס.

ער איז אַריין צו זיך אין אַרבעטס־צימער, גענומען די פּאַפּירן און גערופן דעם אַרבעטער מישאַ.

— קום, לאָמיר גיין אין סקלאַד נעמען סחורה און פאָדעם. מישאַ איז געגאַנגען

לעבן אים און געשוויגן. ער האָט געוואָלט דערציילן אַלעקסאַנדערן עפּעס נייעס, ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן. ער האָט באַמערקט, אַז דער צעך־נאַטשאַלניק איז היינט פריילעכער ווי שטענדיק און נישט געוואָלט קאַליע־מאַכן זיין שטימונג.

דער „קלאַדאָווושטשיק” האָט גענומען די פּאַפּירן און אַרויסגעגעבן די סחורה. מישאַ האָט גענומען אַוועקטראָגן די באַלן שטאָף. אַלעקסאַנדער איז געשטאַנען און געהיטן — ער האָט מורא געהאַט פאַרן „קלאַדאָווושטשיק” מיט די קליינע אייגעלעך. ער איז געשטאַנען אַזוי לאַנג, ביז מישאַ האָט אַוועקגעטראָגן די לעצטע קלעצלעך פאָדעם. נאָך דעם איז ער אַריין אין צעך, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן פון די אַרבעטער, געשמועסט מיט יעדן, געהאַט פאַר יעדן אַ גוט וואָרט, געטרייסט זיי, אַז אָט־אָט וועט ווערן גוט, די גרויזאַמע מלחמה וועט זיך ענדיקן.

אַלעקסאַנדער האָט געוווּסט אַז אויך נאָך דער מלחמה דערוואַרט דעם רוסישן אַרבעטער נישט קיין גוטס. ער וועט בלייבן אַ שקלאַף ווי ער איז היינט. עס וועלן קומען פּאַרטיי־טוער מיט שיינע רעדעס און רופן צום אויפבוי פון לאַנד, פונעם רעזשים. זיי וועלן הייסן אַרבעטן און שוויגן און אויב נישט, וועלן פאַר די אַרבע־טער שטיין אָפן די טויערן פון די לאַגערן.

דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף. די אַרבעטער זענען אַוועק אין סטאָלאָווע (עסזאַל) נאָכן ביסל וואַסערדיקער זופּ, געשמאַלצן מיט אַ לעפעלע פאַרשטינקענעם
(עסזאַל) נאָכן ביסל וואַסערדיקער זופּ, געשמאַלצן מיט אַ לעפעלע פאַרשטונקענעם
אייל און אַ שטיקל ברויט, שוואַרץ ווי די ערד פון אוקראַינע.

דאָס מיטאָג האָבן די אַרבעטער געשלונגען ווי הונגעריקע נאָך אַ שווערער קרענק. ס׳זענען געשטאַנען שטאַרקע פרעסט און יעדן טאָג האָבן געפעלט אַ סך אַרבעטער אין פאַבריק. די הונגער־פאַרציע האָט נישט געסטייעט צו דערהאַלטן דעם קערפּער און דערפאַר האָבן אַ סך אַרבעטער געקרענקט.

אַלעקסאַנדער האָט פון דעם זייער געליטן. מען האָט פון אים געפאָדערט דעם פּלאַן און ער האָט נישט געקאָנט מאַנען פון די הונגעריקע אַרבעטער צו אַרבעטן נאָך שווערער. אַ סך פלעגן קראַנק ווערן פון עסן די שאָלעכץ וואָס זיי האָבן צוזאַ־מענגעקליבן אין די מיסטקאַסטנס און דאָס אָפּגעקאָכט. די אַמעריקאַנער פּראָדוקטן זענען נישט אָנגעקומען צו די וואָס האָבן זיי געמוזט האָבן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פאַרקויפט געוואָרן אויפן שוואַרצן מאַרק און ווער ס׳האָט געהאַט געלט האָט אַלץ געקאָנט באַקומען.

אַלעקסאַנדער איז אַוועק צו זיך אין שטוב אויף מיטאָג. ער איז געגאַנגען מיט פרייד. ס׳האָט אויף אים געוואַרט דער חשובער גאַסט, נאַטאַשאַ. ער האָט נישט באַמערקט אַז די ליזאַ קוקט אים נאָך...

נאַטאַשאַ האָט צוגעגרייט אַ קעניגלעכן מיטאָג. זי האָט געבראַכט מיט זיך פלייש, קאַשע און פיש. אויפן טיש איז שוין אַלץ געשטאַנען גרייט.

ווידער האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין היים, אין זיין פרוי און קינד. ווי לאַנג איז עס שוין ווען ס׳האָט דאָס אַלץ געגרייט זיין פרוי און ער פלעגט קומען עסן מיטאָג אין זיין היים, וואָס איז געווען פול מיט ליבע און וואַרעמקייט? ווו איז

דאָס אַלץ אַוועק? דער שטורעם האָט עס אָפּגעווישט! דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער אין די טויטן-לאַגערן. אויף די פראָנטן גיסט זיך בלוט. וויפל מיליאָנען זענען שוין געפאַלן — און וויפל זענען אומגעקומען אין די לאַגערן?

— אַלעקסאַנדער, גיי וואַש זיך אָפּ און קום עסן. ביסט אַזוי פאַרטראַכט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געשטאַנען פאַר דיר אויף די קני, זאָלסט זי נעמען אונטער דיין שוץ. קיינער בעט נישט ביי דיר זאָלסט ווערן אַ גאָט. די רעוואָלוציע האָט פאַרברענגט אַלע געטער און קיין נייע נישט געשאַפן...

— די מלחמה וועט שאַפן נייע געטער, יאָ, נאַטאַשאַ.

— איך גלויב נישט.

— דו מעגסט נישט גלויבן. דיין גורל איז באַצירט מיט דערנער. דיין גרויסער פאָטער האָט עס מיר דערקלערט. איך האָב געהאַט פאַרגעניגן צו זיצן און הערן אים. לאָמיר גלייבן, אַז מיר וועלן זיך טרעפן מיט דיין פאָטער און די וועלט וועט נישט באַנעמען דאָס וואָס ער וועט דערציילן.

— די וועלט וועט יאָ גלייבן, וועסט עס זען אַלעקסאַנדער!

— איך ווייס נישט, נאַטאַשאַ, צי די וועלט וועט זיך ענדערן צום גוטן פאַרן אַרבעטס-מענטש.

— עס אַלעקסאַנדער, עס. ביסט אָפּגעמאַטערט, זעסט אויס שלעכט.

— מיין שווערע אַרבעט, דער פּלאַן — דאָס אַלץ עסט מיך אויף.

— נעם זיך נישט איבער. באַבושקין ווערט יעדן טאָג דיקער. ער איז געווען ביי מיר. כ'האָב אים קוים דערקענט. ער וועגט שוין פינף און אַכציק און אפשר ניינציק קילאָ. זיי, די שישקעס, פרעסן אַלץ אויף. עס בלייבט גאָר נישט פאַרן פאָלק.

— רעד נישט, נאַטאַשאַ. ווענט האָבן אויערן... דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט אין פערם און מען מוז זיך היטן מיט יעדן וואָרט.

— איך ווייס...

— און דו רעדסט. איך בעט דיך: רעד נישט מער. לאָמיר איבערלעבן די מלחמה און די וועלט וועט פאַר אונדז זיין פריי.

— פאַר דיר, אַלעקסאַנדער, אפשר יאָ. פאַר מיר — נישט; זיי וועלן מיך נישט אַרויסלאָזן; אויך מיין פאָטער וועט נישט אַרויס.

— וועסט זען, נאַטאַשאַ, אַז מיר וועלן לעבן פריי.

אַלעקסאַנדער האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט געגעסן און געטראַכט פון זיין היים. אויפן טיש איז געלעגן דאָס תהילים'ל מיט די פאַרבלוטיקטע טעוועלעך...

נאַטאַשאַ האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן תהילימ'ל און שטיל געזאָגט:

— דאָס איז דיין גאָט, אַלעקסאַנדער. דו ביסט אַ גלויביקער. דיר איז גוט. איך בין היינט געקומען צו דיר דו זאָלסט מיר זאָגן: יאָ אָדער ניין.

— וואָס איז מיט דיר געשען, נאַטאַשאַ!

— דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן שוין צוריקקומען קיין פּערם. איך וועל צוריק־באַקומען מיין דירה.

— פאַר וועלכן פּרייז וועסטו קאָנען צוריקקומען, אפשר וועסטו דאַרפן ווערן די געליבטע פון קאָמיסאַר באַבושקין?

— יאָ, דאָס וועט ער פון מיר פאָדערן...

— איז שוין בעסער, נאַטאַשאַ, זאָלסט הערן דיין קלוגע מוטער און בלייבן וווינען אין אָכאַנסק. ס'איז היינט נישט די צייט פון טוישן שטעט...

— איך וויל אַזוי קומען קיין פּערם און זיך מיט דיר פאַראייניקן, לעבן מיט דיר אין איין שטוב, שלאָפן מיט דיר אויף איין בעט.

— יאָ, נאַטאַשאַ! שיינע ווערטער, געדענק אָבער, אַז באַבושקין וועט אונדז ביידע נישט לאָזן לעבן רויִק. ער וועט מיך אַרויסשיקן פון פּערם, אַז דו זאָלסט בלייבן פאַר אים.

— איך ווייס עס.

— איז וואָס פרעגסטו מיך? בעסער וועט זיין, איך זאָל אַוועק פון פּערם, פון דער פאַבריק וואָס מאַכט מיך קראַנק. איך טאָר נישט אַרבעטן אין דער פאַבריק. איך וועל צו דיר קומען קיין אָכאַנסק.

— ווען וועט דאָס געשען?

— וואַרט אויס, נאַטאַשאַ. איך מוז צו ערשט מאַכן אַ פּלאַן ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דער פאַבריק. איך מיין, אַז איך וועל בעטן אַן איבערוויזונג אין דער אָכאַנסקער פאַבריק.

— און דו גלייבסט, אַז מען וועט דיר געבן אַזאַ איבערווייזונג?

— איך מיין אַזוי.

— ניין, אַלעקסאַנדער, מען וועט עס דיר קיין מאָל נישט געבן. בעסער וועט זיין, אַז איך וועל קומען קיין פּערם. דער וועג איז פאַר מיר פריי.

— טו ווי דו פאַרשטייסט.

— די מאַמע זאָגט אַז מען טאָר נישט.

— און דו ווי אַ יונג מיידל הערסט נישט קיינעם און ווילסט לויפן צוריק אין דער גרויסער שטאָט. ניין און נאָך אַמאָל ניין!

— מירן זען, אַלעקסאַנדער. וועסט קומען אין אָוונט וועט מען באַשליסן.

☆

— ביסט געקומען, גולייעוו, צום קאָמיסאַר באַבושקין? ווילסט גיין פריי־וויליק אויפן פראָנט? ווו האָסטו די „זאַיאַוולעניע"? גיב זי מיר און קום אין אַ צוויי, דריי טעג אַרום נאָך ענטפער.

— איך בעט אייך, קאָמיסאַר באַבושקין, שיקט מיך אויפן פראָנט.

— גוט. איך וועל זען צו מאַכן פון דיר אַ העלד. איצט ביסטו שוין פריי. גיי, גולייעוו. האָסט געזען די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ?

— יאָ. זי איז היינט אין פּערם.

— ווו איז זי? ביי אַלעקסאַנדערן אין פאַבריק?

— יאָ, קאָמיסאַר באַבושקין.

באַבושקין האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש און אויסגעשפּיגן אַ רוסיש זידלוואָרט.

— איך וועל אים שוין אָפּלערנען דעם פרעמדן. דאָ איז ער געקומען פראַווען ליבע־שטיק.

גולייעוו האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער. ער האָט געזען ווי דער קאָמיסאַר האָט זיך אָנגעצונדען און זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון כעס. ווען באַבושקין האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט ער שוין דעם שאָפער נישט געזען. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און שפּאַצירט איבערן צימער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געזעסן אין אַלעק־סאַנדערס שטוב אויף דער גאָרקי־גאַס און געוואַרט אויף אים. די צייט האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם. אין דרויסן האָט געהוליעט אַ ווינט מיט אַ שניי און געריסן די לאָדנס אַזוי אַז זי האָט אַפילו נישט געקאָנט לייענען דאָס זייער שפּאַנענדיקע בוך, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן.

דער זייגער האָט שוין געשלאָגן זיבן. נאַטאַשאַ האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און איז אַריין אין קיך צוגרייטן אָוונטברויט צו אַלעקסאַנדערס אומקערן זיך פון דער אַרבעט. ווי נאָר זי האָט געענדיקט די אַרבעט אין קיך איז ער טאַקע אָנגעקומען. ווי שטענדיק, האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. ער איז גלייך אַריין אין קיך זיך איבערטאָן און אָפּוואַשן.

אויפן טיש איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, אַ טעלערל מיט עטלעכע שטיקלעך צוקער, אַ שאַכטל מיט אַמעריקאַנער קאָנסערווען־פליישׁ און אַלעק־סאַנדער האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט געזען, אַז נאַטאַשאַ איז נישט נאָר אַ גוטע דאָקטאָרין נאָר אויך אַ גוטע באַלעבאָסטע. צוויי פולע גלעזער טיי זענען געשטאַנען גרייט, ס'האָט געזעצט פון זיי אַ פּאַרע.

— עס, אַלעקסאַנדער. לאָמיר ביידע האָבן גליק היינטיקן אָוונט. ווען קאָן איך דאָ ווידער קומען דיך זען. איך גיי אויס אין די לאַנגע ווינטער־נעכט נאָך דיר. איך האָב דיך ליב. נישטאָ אויף דער וועלט קיין צווייטער מאַן וואָס זאָל קאָנען דיך פאַרבייטן. ביסט מיר אַריין אין האַרץ ווי אַ שטראַל וואָס ווערט נישט פאַרלאָשן. שטענדיק, שטענדיק וועסטו פאַר מיר לייכטן ווי די זון אין פרילינג, ווען רויזן־קנאָספּן עפענען זיך און הונגעריקע בינען מידע פון לאַנגן ווינטער שטעלן זיך אויף זיי כדי זיך אָנצוזעטיקן. כ'בין אויך הונגעריק צו דיר ווי נאָר אַ יונגע פרוי איז הונגעריק נאָך אַ מאַן.

— ביסט היינט פּאָעטיש געשטימט, נאַטאַשאַ, און דאָס גיט מיר גלויבן, אַז שוין נישט לאַנג וועט דויערן די מלחמה און מיר וועלן ווערן פריי און זיך פאַר־אייניקן. דו וועסט מיר זיין דער שטערן וואָס לעשט זיך קיין מאָל נישט אויס און איך דיר — דער מאַן נאָך וועלכן פרויען טרוימען. איך וועל דיך נעמען אויף מיינע פליגל און דיך אַוועקטראָגן איבער ימים, ווייט, ווייט פון דעם גן־עדן, אויף אַ שטיל אינדזעלע ביים ירדן־טייך.

— אַלעקסאַנדער, איך האָב פאַר דיר מורא: וועגט האָבן אויערן... איך וויל נישט מען זאָל דיך פירן אין די רויטע וואַגאָנען ווי מען האָט עס געטאָן מיט מיין פאָטער. כ׳וועל עס נישט איבערהאַלטן. דו אַליין ביסט מיר געבליבן. די מוטער מיינע איז שוין אַלט און שוואַך. די לײדן האָבן זי געמאַכט גרוי און זי זעט אויס ווי אַ זקנה פון אַכציק יאָר. זי איז איצט אַלט דריי און פופציק יאָר, די בעסטע מיטעלע יאָרן ביים מענטש. זי איז געוואָרן ווייס ווי אַ טויב.

— מיך וואָרנסטו איך זאָל נישט רעדן און אַליין רעדסטו אַז אַלע שכנים זאָלן הערן, אַז ביי מיר איז דאָ אַ פרוי. מאָרגן פרי קאָן אַ שכנה גיין אין נקוו״ד און דערציילן ווער איך בין.

— איך וועל שוין מער נישט רעדן, אַלעקסאַנדער. רו זיך אָפּ. מיר וועלן גיין אין אָפּערע. שוין אַזוי לאַנג ווי כ׳בין נישט אַרויס פון שטוב.

— אַ שלעכט וועטער היינט. בעסער אַז מיר וועלן פאַרברענגען אין דער וואַרעמער שטוב. זע ווי דער ווינט קלאַפּט מיט די לאָדנס.

— איך וויל אַרויסגיין זען באַקאַנטע. שוין אַ יאָר ווי איך בין נישט געווען אין פּערם...

— אויב דו ווילסט, וועלן מיר גיין אין קינאָ

— זאָל זיין אין קינאָ — אַבי אַרויסגיין אַ ביסל. איך ווער צעפּרעסן פון איינזאַמקייט אין אַכאַנסק.

— איך ווייס נאַטאַשאַ, איך ווייס. נאָר שטאַרקע נערוון מיין ליבע. נישט נאָכגעבן זיך נאָר גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און קוקן אויפן לעבן מיט ליבע. אַלעקסאַנדער טראַכט פון דיר און דאָקטאָר אַרטעמאָוו טראַכט פון דיין מוטער און פון דיר. מיר וועלן זיך נאָך דער מלחמה פאַראייניקן אין אַ פריי לאַנד. עס וועט נישט זיין קיין שטערונג וואָס זאָל קאָנען אונדז אָפּהאַלטן.

— דיינע ווערטער, אַלעקסאַנדער, שטאַרקן מיך און גיבן מיר צו ווילן צום לעבן. דער מענטש וואָס לעבט פריי, קאָן די פרייהייט נישט אָפּשאַצן. מיר, די סאָוויעטישע מענטשן, האָבן מיטן זיג פון דער רעוואָלוציע פאַרלוירן די פרייהייט און דאָס משפחה־גליק.

— מיר אין דער פרייער וועלט האָבן געמיינט, אַז פון דאַנען, פון דעם גן־עדן, וועט קומען די ליכטיקע זון און באַגליקן די גאַנצע וועלט מיט פרייהייט, דעמאָקראַטיע און פרייד. אָבער געשען איז דאָס פאַרקערטע: איך זע לאַגערן, תפיסות, צעריסענע משפחות...

— אַלעקסאַנדער רעג זיך נישט אויף, באַרויק זיך. איך פאַרשטיי דיך, פונקט ווי דו פאַרשטייסט מיך, נאָר ביי דיר איז עס אַ נייעס, דו ביסט אַ גאַסט ביי אונדז און די אַנטוישונג דיינע איז אַ פרישע... איך ווייס עס שוין פון פריער. ס׳איז פאַר אונדז נישט קיין נייעס. די בעסטע זין פון דער רעוואָלוציע האָט די רעוואָלוציע אַליין אויפגעפרעסן און קיין נייע רעוואָלוציאָנערן ווערן נישט געבוירן.

— נאַטאַשאַ, מיר זענען שוין ווייט אַוועק מיט אונדזערע געדאַנקען. קום,

לאָמיר גיין. דער ווינט שטילט זיך איין. די לאָדנס גיבן אַ סימן, אַז ס׳וועט שיין אין דרויסן. מיר וועלן נאָך דערלעבן גליק.

קאָמיסאַר באַבושקין איז געגאַנגען איינער אַליין איבערן שטאָטישן גאָרטן. ער האָט געטראַכט וועגן דער דאָקטאָרין מאַסלאָוואַ. ער האָט זיך פאַרנומען גיין צו אַלעקסאַנדערן, כדי זיך טרעפן מיט איר.

ער האָט שוין פון לאַנג געוווּסט ווו אַלעקסאַנדער וווינט. שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער פאַרנעמט זיך מיט זאַמלען פּרטים וועגן אים. ער האָט איצט באַשלאָסן צוגיין צו אַלעקסאַנדערן און טרעפן דאָרט נאַטאַשאַן. ער האָט געוואָלט זען וואָס פאַראַ ווירקונג וועט האָבן זיין קומען צו איר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים הויז אויף גאָרקי־גאַס, זיך אַרומגעקוקט כדי צו זיין זיכער אַז ער איז אויפן ריכטיקן אַדרעס. אַלץ האָט געשטימט. ער האָט גענומען גיין אויפן הויף. אַ ווייסער הונט איז אים אַנטקעגנגעקומען, בילנדיק אָן אויפהער.

— נו, קום אַהער, דו ווייסער כלב. ווילסט מיך בייסן. איך דערשיס דיך גלייך...

— דער הונט האָט פאַרשטאַנען און מורא באַקומען. ער איז צוריק אַוועק אין הויף־ווינקל.

באַבושקין איז אַרויף אויפן שטאָק, אָנגעקלאַפּט אין טיר, ס׳איז נישט געקומען קיין ענטפער. פון אַ צווייטער טיר איז אַרויסגעקומען אַן עלטערע פרוי.

— קיינער איז נישטאָ. אַלעקסאַנדער איז ערשט אַוועק מיט אַ יונגער פרוי אויף אַ שפּאַציר.

— איר ווייסט עס אויף זיכער, באַבושקאַ?

— יאָ, איך בין זיכער.

— אַ דאַנק אייך, באַבושקאַ, פון קאָמיסאַר באַבושקין.

די אַלטע איז אַריין צו זיך אין שטוב און פאַרמאַכט די טיר. באַבושקין איז געשטאַנען אַ ווײַלע. אָן אויפגערעגטער, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן האַנט אין האַנט און גענומען אַראָפּגיין פון די טרעפּ.

דער ווייסער הונט איז ווידער באַפאַלן מיט אַ שטאַרק בילעריי. דאָס מאָל האָט ער אַ שפּיי געטאָן אין דער ריכטונג פון הונט, צוגעבנדיק אַ רוסיש זידל־וואָרט.

ער איז צוריקגעגאַנגען צום שטאָטישן גאָרטן אין דער ריכטונג פון דער אָפּערע. זיי זענען אַוודאי אַוועק אַהין — האָט ער געטראַכט. מיט שנעלע טריט האָט ער גענומען גיין צו דער אָפּערע, כדי זיי דאָרטן צו טרעפן. ער וועט מיט איר רעדן. זאָל זי זען אַז ער איז אַליין און גיט זיך מער נישט אָפּ מיט קיין אַנדערע פרויען. אַזוי אַרום האָט ער געטראַכט — וועט ער אויסזען אין אירע אויגן לייטישער.

באַבושקין האָט שנעל געכאַפּט דעם בילעט, אַריין אין זאַל, און פאַרנומען זיין אָרט. ער איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט דער דאָקטאָרין. ס׳איז געגאַנגען די אָפּערע „קאַרמען“. ער האָט זיך צוגעהערט

צום שיינעם געזאַנג, אָבער זיין מוח איז געווען באַשעפטיקט מיט זיין נייער ליבע און נישט מיט וואָס ס'האָט זיך געטאָן אויף דער סצענע.

אַלעקסאַנדער האָט געפירט נאַטאַשאַן ביי דער האַנט. דער הימל איז איצט געווען פול מיט רויטע שטערן. דער ווינט האָט שוין לאַנג אויפגעהערט און אויף די גאַסן פון פּערם האָבן שפּאַצירט בירגער און מיליטער־לייט. ביי דעם ערשטן קינאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— גייען מיר אַריין, נאַטאַשאַ?

—יאָ, אַלעקסאַנדער. גיי נעם בילעטן.

אַלעקסאַנדער איז צוריקגעקומען מיט בילעטן אין האַנט.

אין גרויסן וואַרטעזאַל האָבן פון די ווענט אַראָפּגעקוקט די נייעסטע בילדער פון יונגע סאָוויעטישע מאָלער. איין בילד האָט געצויגן זייער בליק: זיי האָבן זיך ביי אים אָפּגעשטעלט. פונעם בילד האָט די מזרח־זון אַראָפּגעשיינט צו די פעלקער, כדי צו באַפרייען זיי פון פאַרשקלאַפונג.

אַלעקסאַנדער און נאַטאַשאַ האָבן זיך איבערגעוווּנקען. ביידע האָבן זיי פאַר־שטאַנען, אַז די זון פון מזרח וועט אַ שיין טאָן מיט לאַגערן און תפיסות — און פאַרוואַנדלען די מענטשן אין שקלאַפן. זיי זענען אַריין אין זאַל. דער פאַרהאַנג האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן. דער פילם איז געווען וועגן טשאַפּייעוון. מ'האָט געזען ווי ער שלאָגט די ווייסע און קומט אום פאַר דער רעוואָלוציע.

קאָמיסאַר באַבושקין איז אַרויס פון אָפּערע־טעאַטער גלייך נאָכן ערשטן אַקט און זיך געלאָזט צום בופעט כאַפּן אַ גוטן ביסן. ער האָט געזוכט אַלעקסאַנדערן מיט נאַטאַשאַן צווישן דעם גרויסן עולם. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין לאַנגן קאָרידאָר, אָבער זיי נישט געפונען. ס'איז אים איינגעפאַלן אַז אַלעקסאַנדער האָט געמוזט אַוועקגיין מיט נאַטאַשאַן אין האָטעל אויף דער לענין־גאַס און דאָרט פאַרברענגען די נאַכט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט דער פון פראָנט־געקומענער טעלעפאָניסטן מאַרוסיאַ.

ער איז געווען גרייט אויף אַלץ כדי זיך טרעפן דעם אָוונט מיט נאַטאַשאַן און איר אָפּקלאַפּן פון דעם פרעמדן אַלעקסאַנדער.

נאָכן צווייטן אַקט איז ער אַוועק פון דער אָפּערע „קאַרמען" און געגאַנגען אויף דער לענין־גאַס אין האָטעל אַריין.

דער פּאָרטיער האָט אים גוט געקענט.

— זאָג מיר נאָר, געפינט זיך דאָ די דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ פון אַכאַנסק מיט אַלעקסאַנדערן.

— ניין, קאָמיסאַר באַבושקין. זי איז דאָ נישט געווען.

— דו זאָגסט, אַז זי איז נישט געווען דאָ. איך גלייב דיר...

אַ בייזער איז ער אַוועק פון האָטעל. פון דער ווייטנס האָט ער געזען מענטשן אַרויסגיין פון קינאָ.

— יאָ, מען דאַרף אַ קוק טאָן — אפשר זענען זיי געווען אין קינאָ? — ער

האָט פֿאַרשנעלערט די טריט און גענומען קוקן אויף די אַרויסגייענדיקע. זײַנע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן. יאָ, זיי גייען! ער האָט זיי געכאַפּט.

אַלעקסאַנדער האָט געפֿירט נאַטאַשאַן ביי דער האַנט. זי איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אים. איר פּנים האָט געשטראַלט.

קאָמיסאַר באַבושקין איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געטראַכט וואָס ווײַטער צו טאָן — זיי אָפּשטעלן ?... יאָ דאָס וועט ער טאָן.

— אָ, אַ גאַסט אין פֿערם. עס פֿרייט מיר צו זען דיך, דאָקטאָרין, אין פֿערם!

— מיך פֿרייט אויך צו זיין אין שטאָט. ווי קומט איר דאָ, קאָמיסאַר באַבושקין, געווען אין קינאָ ?

— ניין, נישט געווען. צופֿעליק פֿאַרבייגעגאַנגען און געטראָפֿן אַזעלכע פֿריינד. וואָס טוסטו, אַלעקסאַנדער ?

— אַ דאַנק. מען אַרבעט פֿאַרן לענינגראַדער פֿראָנט.

— איז גוט. און דעם פּלאַן מאַכט מען ?

— שווער, שווער מיטן פּלאַן.

— איז זע זיך אונטערגאַרטלען און נישט גיין מיט פֿרויען אין קינאָס און אָפּערע־טעאַטערס. איך וועל באַלד דערציילן דער דאָקטאָרין פֿון דער לייטענאַנטין מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ. ביסט געשלאָפֿן מיט איר אין האָטעל. די שענסטע רוסישע פֿרויען פֿאַרפֿירסטו...

— עס איז נישט שיין, אַז אַ מאַן באַרעדט אַ מאַן...

— איך פֿאַרפֿיר די שענסטע רוסישע פֿרויען. אפֿשר פֿאַרקערט — אפֿשר פֿאַרפֿירן זיי מיך?

— קום, לאָמיר גיין — האָט געזאָגט נאַטאַשאַ און גענומען אַלעקסאַנדערן ביי דער האַנט.

באַבושקין איז געגאַנגען לעבן זיי. זײַנע אויגן האָבן געקוקט צום טייך קאַמאַ. זײַנע געדאַנקען האָבן אַרומגעשוועבט אַרום איין פּראָבלעם וואָס צו טאָן מיטן פֿרעמדן מאַן. אפֿשר אָוועקלייגן אים מיט איין רעוואָלווער שאָס ?

אַלעקסאַנדער האָט דאָס אַראָפּגעלייענט פֿונעם קאָמיסאַרס פּנים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ווּ גייט איר, קאָמיסאַר באַבושקין, מיר וועלן אייך צופֿירן.

— איך וועל אייך צופֿירן אַהיים.

— מיר גייען נישט אַהיים. מיר גייען אויף דער לענין־גאַס ווּ עס שפּאַצירן אַ סך מענטשן.

—און איך וואָלט שפּאַצירט ביי דער קאַמאַ.

— ס׳איז קאַלט ביי דער קאַמאַ.

— דיר איז קאַלט, אַלעקסאַנדער ?

— יאָ, קאָמיסאַר, מיר איז קאַלט. ווייניק בלוט האָב איך פֿאַרגאָסן אויפֿן מאָסקווער פֿראָנט און איר זייט נאָך דאָרטן נישט געווען.

ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט די דאָקטאָרין.

— הערט אויף זיך צו פֿאַרהערן. באַלד וועט איר זיך נעמען שלאָגן.

באַבושקין האָט אויפֿגעהויבן די האַנט. אַלעקסאַנדער איז געווען יונגער. ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן די האַנט און איר אויסגעדרייט.

— אויף מיר האָט איר אויפֿגעהויבן אַ האַנט? איך קאָן מיט אייך מאַכן וואָס כ׳האָב געמאַכט מיט די דייטשן אין זייערע וואַרעמע טראַנשייען. ווי וואַגט איר זיך אויפֿהייבן אַ האַנט אויף אַלעקסאַנדערן?

— זיי מיר מוחל, אַלעקסאַנדער — האָט באַבושקין אַרויסגעשטאַמלט — און מיט שנעלע טריט איז ער אַוועק.

— ביסט אַ שטאַרקער, אַלעקסאַנדער!

— איך האָב נישט קיין מורא פֿאַר אים. איך וועל אים די ביינער צעהאַקן אויב ער וועט וואַגן הייבן אַ האַנט אויף מיר. איך בין אַ ייִד, איך וועל נישט דערלויבן, אַז עס זאָל ווער אויף מיר אויפֿהייבן אַ האַנט. זאָל ער וויסן, אַז איך האָב נישט קיין מורא פֿאַר זיין רעוואָלווער. מאָרגן וועל איך רעדן מיט מיין דירעקטאָר אַגראַדאָוו. זאָל ער מיך באַפֿרייען פֿון דער אַרבעט. כ׳וועל אַרויס פֿון דער צעלאָזענער שטאָט פֿערם און וועל קומען צו דיר קיין אַכאַנסק.

— כ׳האָב מורא אַלעקסאַנדער. ער וועט דיר שלעכטס טאָן.

— וואָס קאָן ער מיר טאָן איך האָב געשמעקט פּולווער ביי די פּאָליאַקן און ביי די רוסן. עס שרעקט מיך נישט דער פֿראָנט און די דייטשן. כ׳האָב מיך געשלאָגן מיט די דייטשן ביי דאַנציג אין יאָר 1939 און ביי מאָסקווע — טולע אין 1942 — האָב איך מורא פֿאַרן קאָמיסאַר באַבושקין?!...

— הער מיר אויס, אַלעקסאַנדער. נאַטשאַלניק מאַראַזאָוו פֿון נקוו״ד איז זיין שול־חבר.

— איך האָב נישט קיין מורא! איך האָב זיך געשלאָגן פֿאַר רוסלאַנד און זיי זיצן אין הינטערלאַנד און פֿראַוועז אַרגיעס מיט פֿרויען. ער וויל דיך, נאַטאַשאַ, אריינגעמען אין זיין קאָמפּאַניע, אָבער דאָס וועט אים נישט געלינגען.

— מיך וועט ער אַריינגעמען אין זיין קאָמפּאַניע?... איך האָב שוין אַראָפּ־געשלונגען אַ ביטערן פּיל, ווען מען האָט מיין פֿאָטער פֿאַרשיקט אין לאַגער קיין טאַגיל. עס איז מיר ביטער, גאָר ביטער נאָך דעם פּיל. און שפּעטער, ווען מען האָט מיר צעשיידט מיט מיין מאַן אַלעקסיי. דו ווייסט, אַלעקסאַנדער, צו דער ביטערקייט איז נישטאָ קיין רעצעפּט. איך ווייס אַז קאָמיסטר באַבושקין וועט טאָן אַלץ כּדי מיך צו געווינען. דאָס ערשטע וועט ער וועלן דיך אַלעק־סאַנדער צונעמען פֿון מיר.

— און דו, נאַטאַשאַ, ביסט גרייט מיר צו פֿאַרבייטן...

— רעד מער נישט אַזעלכעס. דו באַליידיקסט מיך. איינעם קאָן אַ מענטש ליבן און נישט מער. דיך האָב איך ליב פֿון ערשטן מאָמענט זינט כ׳האָב דיך געטראָפֿן און ס׳איז נישטאָ אַזאַ כּוח וואָס זאָל מיך פֿון דיר אַוועקנעמען.

— איך ווייס עס, נאַטאַשאַ, איך ווייס. ביסט אַ פֿרוי מיט קולטור, פֿון אַ גוטער משפּחה. דיין פֿאָטער איז געזעסן אויף מיין בעטל אין פֿעלדשפּיטאָל

און מיר דערציילט אַ סך פון דיר. ביסט מיר טייער, נאַטאַשאַ. איצט האָב איך שוין קיינעם נישט אויסער דיר. מיינע נאָענטע האָב איך פאַרלוירן, די דייטשן האָבן זיי אויסגעברענט אין טרעבלינקע, זיי זענען אַרויף אין די הימלען. און איצט וועט מען שוין מער קיין יידן נישט ברענען און פאַרגאַזעווען און קיינער וועט מער קיין האַנט נישט אויפהויבן אויף קיין ייד.

— עס טוט דיר וויי, אַלעקסאַנדער?

— יאָ, נאַטאַשאַ. עס טוט מיר וויי. מיינע בלוטן גיבן מיר נישט קיין רו. איך זע מיין גוטן טאַטן, מיין גוטע מוטער, מיינע שיינע שוועסטער און ברידער — יעדע נאַכט זע איך זיי, כ׳קאָן זיי נישט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט. כ׳זע אויך אונדזער אַלט-ניילאַנד, ארץ-ישראל, ווו מיר וועלן אויפבויען פאַרן יידישן פאָלק אַ היים ווו קיינער וועט מער אויף אונדז קיין האַנט נישט אויפהייבן: אויך נישט דער מאַן מיט די קליינע אייגעלעך, קאָמיסאַר באַבושקין; איך ווייס נישט ווער ער איז — אַ טאַטאַר צי אַ גרוזינער, קיין רוס איז ער זיכער נישט.

— איך וואָלט מיט דיר געגאַנגען טאָג און נאַכט און נישט מיד געוואָרן דיך אויסהערן. דו, אַלעקסאַנדער, ביסט פאַר מיר דער מאַן פון קולטור און גוטע מאַניערן. פאַרשטייסט די פאַרלאַנגען פון אַ פרוי. איך ווייס אַז מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ איז געקומען צו דיר פון פראָנט און דו ביסט מיט איר געשלאָפן. איך ווייס אַלץ. דו האָסט נאָר דערוואָרעמט דיינע בלוטן ביי אַ פראָנט-מיידל וואָס דער טויט איז פאַר איר אַ שפילעכל. זי האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן אין הינטערלאַנד הינטער אַ מאַנס הויזן, נאָר געקעמפט אויפן פראָנט פאַר אַ פריי רוסלאַנד. אויב דו ביסט געווען מיט איר צוזאַמען איז נאָר פאַר פריינדשאַפט און נישט מער.

— ריכטיק, נאַטאַשאַ. נאָר צוליב פריינדשאַפט צו שטילן אירע מיידלשע אויפגעברויזטע געבלוטן. גוט, נאַטאַשאַ, וואָס דו פאַרשטייסט, אַז מיינע געפילן צו דיר ווערן דורך דעם נישט געמינערט, נאָר פאַרקערט: די ליבע ווערט גרעסער און שטאַרקער.

— ביי מיר, אַלעקסאַנדער, ביסטו דער איינציקער מאַן. איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין אַן אַוואַנטוריסטיש לעבן וואָס פּאַסט נישט פאַר מיין קולטור און פאַר מיין פערזאָן. כ׳וועל מיין שטאָם נישט פאַרשעמען און זיך ליבן מיט קאָמיסאַר באַבושקין וואָס זיינע קליינע אייגעלעך שרעקן מיך.

— פאַר וואָס ווייגסטו, נאַטאַשאַ. קום שוין אַ היים. גענוג שפּאַצירט. לאָמיר פאַרגעסן וואָס איז געשען. נעם מיין ווייס טיכעלע און וויש אויס די אויגן. זע בעסער ווי די שטערן רופן צו ליבע און גענוס.

— דו ווייסט, אַלעקסאַנדער, אַז וויינען איז געזונט. גוט איז דעם מענטש וואָס קאָן וויינען. מיט די טרערן גייט אַוועק אַלדאָס שלעכטע, דער מענטש ווערט ריין ווי די זון און ער הייבט אָן באַנעמען אַלץ וואָס מיט אים פּאַסירט, איך פאַרשטיי, אַז באַבושקין וויל מיך פאַרפירן, איך פאַרשטיי.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגענומען נאַטאַשאַן ביי דער האַנט און גענומען גיין מיט איר אין דער ריכטונג פון זייער דירה.

דער ווייסער הונט האָט געוואַרטביים אַריינגאַנג, געוואַרט אויף צו באַקומען אַ שטיקל ברויט פון אַלעקסאַנדערן.

זיי זענען אַריין אין שטוב. ער האָט גלייך גענומען אַ שטיקל ברויט און עס צוגעוואָרפן דעם ווייסן הונט. אַלעקסאַנדער האָט פאַרמאַכט די טיר און אויסגעטאָן דעם שינעל. נאַטאַשאַ האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש דעם סאַמאָוואַר און ביידע האָבן זיך געזעצט טרינקען טיי.

נאַטאַשאַ האָט גענומען אַלעקסאַנדערס האַנט, צוגעלייגט זי צו אירע ליפן און שטיל געזאָגט:

— איך האָב דיר ליב, מיין ליבער. איך וועל אויף דיר וואַרטן אַזוי לאַנג ווי דאָס וועט זיין נויטיק...

קאָמיסאַר באַבושקין איז געקומען אַ היים און זיך גלייך געלייגט אין בעט. ער האָט קאָנצענטרירט זיינע געדאַנקען אַרום אַלעקסאַנדערס פּערזאָן. ווי אַזוי יוערט מען זיינע פּטור?

ער האָט באַשלאָסן אים אַרויסצורופן אויף אַ מעדיצינישע קאָמיסיע: אפשר וועט דער דאָקטאָר באַשליסן אַז ער איז שוין גענוג געזונט אויף צו גיין אַרבעטן אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן. ער וועט אים פאַרשיקן אין די קולינגרובן אין גיזעל אָדער אין די וועלדער פון סילוואַ.

ער איז אויפגעשטאַנען אַ פריילעכער און אַוועק צו זיין אַרבעט. דאָס ערשטע וואָס ער האָט באַפוילן איז געווען אַרויסצורופן אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָווו. אין אָוונט איז אַלעקסאַנדער געקומען אין וואָיענקאָמאַט און זיך געשטעלט פאַרן קאָמיסאַר באַבושקין.

— וועסט מאָרגן גיין אויף אַ מעדיצינישע קאָמיסיע. ער האָט עס אַרויס־געזאָגט, קוקנדיק מיט זיינע קליינע אייגעלעך אין אַ זייט, כדי נישט קוקן אַלעקסאַנדערן גלייך אין פּנים.

— גיט מיר אַ פּאָוויעסטקע צו גיין אויף דער קאָמיסיע. אַנדערש קאָן איך מיין אַרבעט אין צעך נישט פאַרלאָזן.

— זעץ זיך. איך שרייב דיר שוין אויס אַ פּאָוויעסטקע. אויב דו ביסט געזונט, האָב איך פאַר דיר צוויי גוטע פּלעצער וווּ דו וועסט קאָנען אַרבעטן.

אַלעקסאַנדער האָט גלייך אַלץ פאַרשטאַנען: ער וויל פון אים פּטור ווערן און מאַכן פריי דעם וועג צו נאַטאַשאַן.

באַבושקין האָט דערלאַנגט די פּאָוויעסטקע אַלעקסאַנדערן:

— איצט ביסטו פריי. מאָרגן פרי פאַרגעס נישט צו קומען אויף דער קאָ־מיסיע. איך וועל אויך זיין.

אַלעקסאַנדער האָט גענומען די פּאָוויעסטקע און איז אַרויס פון צימער. ווי נאָר אַלעקסאַנדער האָט צוגעמאַכט די טיר, האָט באַבושקין אויפגעהויבן

דעם קאָפּ און מיט גלאַנץ אין די קליינע אייגעלעך גענומען פּאַטשן זיך אין בויך. ער האָט גערעדט אַליין צו זיך:

— איך וועל אים שוין געבן שיינע רוסישע פּרויען. ער וועט שניידן ביימער ביים טייך סילוואַ, אָדער האַקן קוילן אין גיזעל. ער וועט שוין מער פון דאָרט נישט צוריקקומען. ער וועט דאָרט פאַלן פון הונגער ווי אַ הונט.

קאַפּיטל צען

דאָקטאָר אַרטעמאָוו אויפן וועג צו דער משפחה

נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו געזעסן ביי זיך אין צימער. ער האָט געהאַט חשק צו לייענען די בריוו פון אַלעקסאַנדערן און נאַטאַשאַן.

ער האָט גענומען אַלעקסאַנדערס לעצטן בריוו און געלייענט. ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ס׳איז אַריין די טעלעפאָניסטן מאַרוסיאַ.

— אָ, מאַרוסיאַ, זיי באַגריסט מיטן צוריקקום. ער האָט זי געכאַפּט אין זיינע הענט און געדריקט צו זיין האַרץ.

— דו וועסט מיר איצט דערציילן אַלץ: וואָס מאַכט אַלעקסאַנדער; ווי זעט אויס דאָס לעבן אין הינטערלאַנד?

מאַרוסיאַ האָט זיך באַפרייט פון זיינע הענט און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אויפן דאָקטאָר.

— איך הער דיך, דערצייל! ווי האָסטו פאַרבראַכט די צייט אין הינטערלאַנד?

— דאָקטאָר, נישטאָ קיין בעסערס ווי אַ וואַרעמע היים. ווי צו ליבן און זיין געליבט.

— ווי זעט אויס אַלעקסאַנדער?

— ער איז געזונט און ס׳איז דאָ וועמען צו ליבן. ער האָט אייך, דאָקטאָר, שטענדיק דערמאָנט ווי אַ גוטן פאָטער וואָס האָט אים געגעבן אַ ניי לעבן.

— איך האָב אים קיין ניי לעבן נישט געגעבן. גאָט האָט אים געגעבן אַ ניי לעבן. זיין האַרץ איז שטאַרק און ס׳האָט אויסגעהאַלטן דעם שטורעם. זאָל ער לעבן. ער איז ווערט די שיינע וועלט. האָסט זיך געטראָפן מיט דער דאָקטאָרין נאַטאַשאַ מאַסלאָוואַ?

— ניין, כ׳האָב זי נישט געטראָפן. ווי ס׳איז מיר באַוווסט טאָר זי נישט קומען קיין פּערם. מען האָט זי פאַרשיקט פון פּערם.

— דו זאָגסט, אַז מען האָט זי פאַרשיקט — ס׳קאָן זיין.

— אין זיין לעצטן בריוו שרייבט אַלעקסאַנדער, אַז נקוו״ד האָט אָפּגע־רופן דעם פאַרבאָט און די דאָקטאָרין קאָן שוין קומען קיין פּערם און דאָרט וווינען.

— איז דאָך גוט, דאָקטאָר.

— ניין, מאַרוסיאַ, ס׳איז נישט גוט. עפּעס וועבט זיך קעגן אים. אין אונדזער רעזשים שאַפט מען נישט אָפּ קיין פאַרבאָט אַט אַזוי זיך.

— ס׳קאָן זיין, דאָקטאָר, אַז אייערע ווערטער זענען ריכטיקע.

— אַלעקסאַנדער שרייבט, אַז זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאָרן קיין פּערם און זי וויל בעסער בלייבן אין אָכאַנסק. ס׳איז בעסער אַזוי פאַר איר. אַ שאָד, מאַרוסיאַ, וואָס דו האָסט איר נישט געזען. איך ווער צעריסן פון בענקשאַפט נאָך איר.

— איר האָט זיך פאַרדינט ביי די סאָוויעטן צו קאָנען פאָרן צו דער משפחה.

— איך האָב מיר פאַרדינט, זאָגסטו, ביי די סאָוויעטן. ניין, ניין! איך האָב מיר ביים רעזשים גאָרנישט פאַרדינט. כ׳האָב מיר פאַרדינט ביי די אַלעקסאַנדערס, ביי די זעלנער. זיי האָב איך געגעבן מיין אַרבעט, מיין וויסן. זיי האָב איך געשענקט מיינע הענט.

מאַרוסיאַ האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכעלע און געווישט די טרערן פון אַלטן דאָקטאָרס אויגן

— איך בעט אייך, דאָקטאָר, הייבט אויף דעם קאָפּ. זעט ווי די וועלט איז שיין. מיט טרערן קאָן מען דעם וועג נישט אויספלאַסטערן. ס׳איז אַזוי גוט אין הינטערלאַנד. מען הערט נישט די שווערע האַרמאַטן. מען זעט נישט קיין טויטע העלדן וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן פאַרן פאָטערלאַנד. דאָרט, אין הינטערלאַנד, זעט מען אַן אַנדער לעבן. אַ לעבן פון פּאַרטיי־פונקציאָנערן און אַנדערע וואַזשנע לייט וואָס פּרעדיקן פּאַטריאָטיזם.

— איך ווייס עס, מאַרוסיאַ. דערפאַר וויל איך נישט דאָס הינטערלאַנד. איך וויל נישט זען די מענטשן וואָס שרייען הויך־פּאַטריאָטיזם פאַר אַנדערע. זיי ווילן נישט קומען אַהער ווו מיר זענען שוין יאָרן און ס׳איז נאָך ווייט צום זיג.

— יאָ. ס׳איז נאָך ווייט דער זיג, דאָקטאָר. דעריבער בעט איך אייך, דאָקטאָר, פאַרט אַ ביסל, רוט אָפּ אייערע נערוון. איר וועט זען אייער משפחה און באַקאַנטע, איר וועט זען אַ צווייטע וועלט, ווי ס׳האָט געזאָגט פלאַטאָן — אַ צווייטן פּלאַנעט.

— עס קאָן זיין אַז איך וועל מוזן פאָרן. איך ווער צעריסן פון בענקשאַפט. שוין זיבן יאָר נישט געזען מיינע נאָענטסטע און עס ווילט זיך אַזוי זיי זען, אַרומנעמען און קושן זיי. אַנאַ מייַן אַנאַ און מיין נאַטאַשאַ.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל און זיך אויסגעגלייכט.

— יאָ, מאַרוסיאַ. איך וועל פאָרן זען ווי עס לעבן מענטשן אין הינטערלאַנד.

— עס בלייבט מיר אייך צו ווונטשן אַ גוטע רייזע...

— דו, מאַרוסיאַ, האָסט אין מיר אָנגעצונדן דעם ווילן. אויב יענע דאָרט, די שישקעס, די פּאַרטיי־פונקציאָנערן קענען געניסן פון אַ פרידלעך לעבן. פאַר וואָס זאָל איך נישט קאָנען געניסן כאָטש עטלעכע וואָכן רו. כ׳האָב עס מיר פאַרדינט. איצט הייב איך אָן טראַכטן אויך פאַר זיך. כ׳בין אויך אַ מענטש.

כ׳וויל אויך זיין אַ פֿאָטער צו מיין איינציק קינד. שוין זיבן יאָר ווי איך האָב מיין קינד נישט געגעבן אַ קוש. נישט געשענקט איר קיין פֿאָטער־ליבע. מיין פֿרוי, מיין אָרעמע פֿרוי טרונקט זיך אין די אייגענע טרערן. זאָלן מיינע היינטיקע טרערן זיין דער אָנזאָג פֿון בעסערע צייטן פֿאַר מיר און מיין משפּחה. דיך, מאַרוסיאַ, בעט איך ביסט אַ מאַמעס אַ קינד, פֿאַרשליס דיין מויל אויף זיבן שלעסער און דערצייל גאָרנישט דעם אַלטן פֿאָלקאָווניק. איך האָב מורא פֿאַר אים.

— דאָקטאָר, איך שווער איך, ווי אַלעקסאַנדער איז מיר ליב, אַז איך וועל שוין דעם אַלטן פֿאָלקאָווניק טרייבן פֿון מיר. ער וועט מיך שוין מער נישט באַרירן. כ׳האָב באַקומען אַ גוטע לעקציע אין הינטערלאַנד. קאָמיסאַר באַבושקין איז אויסגעגאַנגען נאָך מיין טריט. ער האָט מיך געוואָלט אָפּקלאַפּן פֿון אַלעקסאַנדערן. נאָר מיין דערפֿאַרונג דאָ אויף דער ערשטער ליניע, צווישן פֿייער און שווערד, האָט מיר געגעבן גענוג כּוח בייצוקומען אַזעלכע מענער. פֿאָרט, דאָקטאָר, אַרטעמאָוו, פֿאָרט זעען אַן אַנדערע וועלט וואָס מען רופֿט זי הינטערלאַנד.

— יאָ, מאַרוסיאַ, איך פֿאָר. איך פֿאָר! כ׳וויל אויך זיין געליבט פֿון פֿרוי און קינד. כ׳וויל אויך האָבן משפּחה־גליק.

דורכן פֿענצטער האָט אַריינגעלויכטן די לבנה. דער וואַלד האָט פֿאַרוויגט די סאָסנעס, בעריאָזעס און שטאַרקע דעמבעס. זילבערנע שניי־פּלאַטערלעך האָבן באַדעקט די ערד, באַצירט זי אין ווייסן.

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ, די שטאַב־טעלעפֿאָניסטן שטייט לעבן דאָקטאָר אַרטעמאָוו. אירע גרינע אויגן קוקן אויפֿן אַלטן דאָקטאָר. זי לייגט צו זיין האַנט צו אירע ליפּן און זאָגט שטיל:

— פֿאָרט דאָקטאָר. זיבן קוש שיק איך מאָרגן אין אַ בריוו פֿאַרן שיינעם אַלעקסאַנדער.

מאַרוסיאַ איז אַוועק אין איר זעמליאַנקע. אַרטעמאָוו איז געבליבן אַליין אין זיין צימער אַ מידער פֿון די טרערן וואָס מאַרוסיאַ האָט אין אים אַרויסגערופֿן מיט איר גרוס פֿונעם הינטערלאַנד.

ער האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן צו זיין משפּחה, דאָרטן אויף דער „צווייטער" פּלאַנעטע וואָס האָט נאָך נישט קיין נאָמען. עס דאַרף ערשט געבוירן ווערן דער פּלאַנעטן־פֿאָרשער וואָס זאָל אָנרופֿן מיטן ריכטיקן נאָמען דאָס הינטערלאַנד. ער האָט דערפֿילט אַ מידיקייט אין גאַנצן קערפּער און זיך געלייגט אויפֿן בעט. פֿאַר זיינע אויגן האָבן גענומען שוועבן בילדער פֿון יענע צייטן, ווען ער איז געווען ביי די סטודענטן דער געשעצטער מעד.־פּראָפֿעסאָר, פּאַוועל מאַסלאָוו, אויף וועמענס ביכער עס האָט זיך דערצויגן אַ דור געלערנטע. ער האָט זיך ווידער דערזען אין ווילדן וואַלד, ווו צווישן די אַלטע ביימער האָבן זיך געראָיעט גיפֿטיקע שלאַנגען און ער מיט אַנדערע פּראָפֿעסאָרן, שרייבער און אינזשינירן שניידן די אַלטע שטאַמען. ער דערמאָנט זיך אין די פֿיל בריוו פֿון לאַנד און אויסלאַנד. אין וועלכן מען ווינטשט אים געזונט און פֿיל יאָרן פּרוכטבאַרע אַרבעט. אָבער ווען דער רעזשים האָט אים אַוועקגעריסן פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען, האָבן אַלע געשוויגן.

אַלץ אַרום האָט געשטומט... ער וויל פאַרטרייבן פון זיך די בילדער, און קען נישט. ס׳פאַרפעלט אים מוט. ער וויל שלאָפן און קאָן נישט. ער פילט ווי די אויגן פילן זיך אים אָן מיט טרערן. ער האָט תרעומות אויף דער טעלעפאָניסטן. הלמאי זי איז צו אים געקומען און אויפגעבונדן די אַלטע ווונד...

ער קאָן זיך נישט באַשליסן: פאָרן אָדער נישט. אפשר וועט ער טרעפן אויפן וועג מענטשן וואָס וועלן אים דערקענען און אויסשרייען זיין ריכטיקן נאָמען?

אַ ציטער גייט אים דורך. ער פילט ווי זיין האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. ער וויל שרייען צו דער וועלט, וואָס האָט אים פאַרלאָזט, נאָר ער האָט קיין כוח נישט. ער לייגט דעם קאָפּ אויפן שינעל און באַמיט זיך איינצושלאָפן. אַ קלאַפּ אין טיר און ס׳קומט אַריין די שוועסטער טאַניאַ.

— ווי ביסטו געוועזן אַזוי שפּעט?

— ס׳איז גאָרנישט שפּעט. כ׳האָב געזען ווי ס׳איז צו אייך אַריין די טעלע־פאָניסטן, בין איך אויך אַוועק גולייען.

— דער אַלטער דאָקטאָר אַרטעמאָוו געפעלט דיר נישט מער. יאָ, יאָ! איך בין דיר געוועזן אַ ברודער, אַ מאַן, אין לאַגער און אויף אַלע פראָנטן: אין פינלאַנד; ביי מאָסקווע. און איצט זוכסטו יונגע אָפיצירן...

— דאָקטאָר, כ׳בעט אייך, לאָמיר דערפון נישט רעדן. שוין נישט לאַנג וועט דויערן די מלחמה און אונדזערע וועגן וועלן זיך פונאַנדערגיין. איר וועט אַ פּלאַטער־טאָן, ווי אַ בלום אין פרילינג מיט אייער ריכטיקן נאָמען און דער רעזשים וועט אייך אַלץ מוחל זיין.

— איך בעט דיך, שוועסטער, רעד נישט דערפון. די ווערטער שניידן מיר דאָס האַרץ. דו ווילסט מיך צוריקטרייבן אין די אָרעמס פון נקוו״ד, זיי זאָלן מיך ווידער פאַרמאַכן?

— איך וויל גאָר נישט, דאָקטאָר, פון אייך. איך וויל נאָר זען אייך אָן דער מאַסקע... איך וועל מיין האַנט דערצו נישט צולייגן אַז מען זאָל אייך שמידן אין קייטן. איר האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן גלייכן וועג און רייגעוואַשן מיין נאָמען. איך וועל עס אייך שטענדיק געדענקען.

— איך פריי מיך אַז דו קאָנסט אָפּשאַצן דאָס אַלץ און דו וועסט זיין צו מיר ווי אַ שוועסטער. כ׳האָב באַשלאָסן פאָרן אין הינטערלאַנד אָפּרוען מיינע נערוון. אַוועק אַ ביסל פון פראָנט לעבן.

— ניין, דאָקטאָר, איר טאָרט נישט פאָרן. עס איז נאָך פריצייטיק. כ׳האָב מורא אַז דער וועג וועט נישט ברענגען קיין גוטס. אַלע וועגן זענען פול מיט זיי און אייער בילד איז זיי גוט באַקאַנט.

— ווילסטו אַז איך זאָל קיין מאָל נישט זען מיין משפחה?

— ניין, איך וויל עס נישט. איך אַליין דאָקטאָר וועל מיט אייך פאָרן צו אייער משפחה. איך וועל זיי דערציילן וועגן יענע מינוטן, ווען איר האָט געוואָלט זיך וואַרפן אונטערן פאַלנדיקן בוים.

— ווילסט מיט מיר מיטפאָרן און זיין מיין באַגלייטערין. איך וועל דיך מיטנעמען.

— נישט היינט. היינט בין איך נישט גרייט צו פאָרן מיט אייך. די נקוו״ד וועט מיר פאַרמאַכן דאָס מויל און פון אייך אַראָפּרייסן די מאַסקע. עס וועט זיין אויס מיט דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זיי וועלן אייך משפּטן און הרגענען.

— ביסט קלוג. האָסט מיר איצט קלאָר געמאַכט אין וואָס פאַרא לאַגע איך געפין זיך.

— יאָ, דאָקטאָר! פּאַוואָלינקע וועט איר גיין, ביז איר וועט אַרויף אויפן ריכטיקן וועג. כ׳בין אייך גרייט צו שיצן. אונטער מיינע פליגל וועט אייך קיין שלעכטס נישט געשען. אָבער פאַרגעסט פון היגטערלאַנד. פאַרגעסט פון משפּחה־גליק. פאַרגעסט פון אַלץ. איר דאַרפט דינען דעם פּראָגנאָ ווי ביז איצט. פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו האָט אַן אויג אויף אייך און מיט זיינע גוטע ריידעלעך איז ער אייך נישט קיין פריינד. איך בין אייער איינציקער פריינד און נישט קיינער. איך בעט אייך, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, דערמאָנט זיך יענע צייט אין טאַגילער לאַגער. די פרייהייט דאַרפט דער מענטש היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. פרייהייט דאָס איז די שיינע וועלט: דער הימל; די ערד; דער וואַלד; דער טייך; די ימען. אויף דער פרייהייט קאָנט איר דאָס אַלץ אַרומנעמען מיט אייער בליק. פאַרלירט איר ווידער די פרייהייט וועלן אייערע אויגן זיך אויסלעשן... זיי וועלן מער נישט זען די שיינע וועלט און אייערע אויערן — נישט הערן דאָס רוישן פון די כוואַליעס און פייגל־געזאַנג פון פרילינג־באַגינענס.

— איך ווער אויפגעפרעסן פון בענקשאַפט, ווי דאָס קרויט־בלאַט — פונעם וואָרעם

— און אַז אייך וועט אויפפרעסן די נקוו״ד וועט זיין בעסער? איר מוזט פאַרגעסן אין אייער היים; פּראָפ׳ פּאַוועל מאַסלאָוו לעבט נישט מער; עס לעבט דאָקטאָר אַרטעמאָוו וועלכער מוז טראָגן אַ פרעמדע מאַסקע אויב דאָס לעבן איז אים ליב.

— וועל איך שטענדיק דאַרפן טראָגן די מאַסקע און נישט קענען זיך ווייזן פאַר דער וועלט אין מיין אייגענעם נאָמען, אין מיין ריכטיקער געשטאַלט?

— איר וועט מוזן אַזוי לעבן. די וועלט איז פאַר אייך פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. פאַר איר — זייט איר שוין לאַנג געשטאָרבן, זייט איר טויט... האָט ווער אויף דער וועלט אויפגעהויבן זיין שטים פאַר אייער לעבן, פאַר אייער באַפרייונג? — קיינער נישט! און איר מיינט, אַז די וועלט וועט זיך אין אייך דערמאָנען. ניין! איר זייט דער וועלט נישט נויטיק.

— האָסט מיר אַרויסגעלייענט מיין אורטייל ווי פון אַ בוך, וואָס וואַרט אויף אַ פאַרלעגער, ער זאָל עס אַרויסגעבן. עס דאַרף זיין אַן אינטערעסאַנט בוך.

— יאָ. עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנט בוך: „פּראָפעסאָר פּאַוול מאַסלאָוו ווערט אַן אַ משפּט פאַרשיקט אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער אויף אַראָפּצולאָזןביימער״.

— ניין, די מאַסקע ברענט מיך. איך וועל זי אַ שליידער טאָן דער נקווײד אינעם פּרצוף אַריין. זאָלן זיי וויסן דעם אמת.

— וואָס וועט איר דערפון געווינען? גאָרנישט! איר וועט אַלץ פאַרשפּילן. איר וועט פאַרשפּילן די פרייהייט, די פאַרדינסטן וואָס איר האָט דערגרייכט אין פעלדשפּיטאָל: הונדערטער זעלנער פאַרדאַנקען אייך זייער לעבן; אייערע גאָלדענע הענט מאַכן פון טויט לעבעדיק. און איר ווילט דאָס אַלץ פאַרברענען צוזאַמען מיט דער פרייהייט? די פרייהייט איז טייער, נישטאָ קיין גרעסער געשאַנק פאַרן מענטש ווי די פרייהייט...

— איך בין נאָך געבליבן מענטש, אָבער אַ סך, גאָר אַ סך זענען אַראָפּ פון וועג און געטראָטן אויף מענטשלעכע לעבנס. וויפל אומשולדיקע זענען צוליב זיי געפאַלן אין די וועלדער פון טאַגיל! און פאַר וועלכע זינד? זיי האָבן נישט געוואָלט דרעסירט ווערן פון אַ מנוול — אַ דיקטאַטאָר. געווען גענוג איין וואָרט — און דו ביסט געוואָרן אַ נומער אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער. מיינע סטודענטן זענען געקומען ווי יעדן טאָג אויף מיין לעקציע און מיך מער נישט געטראָפן. כ׳בין שוין דעמאָלט געליגן אויף דער פּריטשע און געטראַכט: ווו איז דער מענטש?

— יאָ, מען האָט מיך געפירט און איך בין געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ מיט דער האָפענונג כאָטש נאָך איין מאָל צו זען די פרוי און טאָכטער. אַצינד ווער איך צעפרעסן פון בענקשאַפט. כ׳וויל זיי זען, איידער אַ דייטשע באָמבע וועט מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן.

— און איר גלייבט, אַז דאָס וועט זיך אייך איינגעבן?

— יאָ, שוועסטער, איך וועל בעטן ביי גאָט פאַרגעבונג פאַר די זינד, וואָס כ׳בין קיין מאָל נישט באַגאַנגען...

— ווידער זוכט איר גערעכטיקייט. איר זייט אַ דאָקטאָר, גאָט אַליין שפּיגלט זיך אין אייער וויסן כאָלאָט, אָבער אפילו גאָט וועט נישט קומען עדות זאָגן פאַר אייך. קיינער וועט זיך נישט איינשטעלן צו זאָגן פאַר אייך אַ גוט וואָרט. פון אַלע וועט איר ווערן פאַרשטויסן: דער מענטש אין דער מאַסקע וועלן זיי זאָגן — איז אַ שווינדלער, אַ משוגענער...

— דו, שוועסטער גלייבסט, אַז עס וועט זיך נישט געפונען קיין איינער וואָס זאָל זיך שטעלן אויף מיין זייט?

— ניין, קיין איין מענטש. יענעמס ליידן פילט מען נישט בעת מ׳איז אַליין אונטער דער שווערד פון דיקטאַטאָר. שווייגן איז גאָלד...

— לייג זיך צו לעבן מיר. וועסט מיך דערוואַרעמען. מאָרגן קומט אַ נייער טאָג. אפשר וועט ער אונדז ברענגען אַ דערלייכטערונג?

☆

מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ האָט געהאַט די לעצטע פרייע נאַכט. שוין מאָרגן וועט זי ווידער מוזן פאַרנעמען איר אָרט ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט. די פראָנט־ידיעות זענען פאַר איר שרעקלעך. זי נעמט אויף מעלדונגען וועגן געהרגעטע און שווער־פאַרוווּנדעטע.

אין זעמליאַנקע איז וואַרעם. דער אויוון איז איינגעהייצט. מאַרוסיאַ טוט זיך אויס און לייגט זיך אויפן שטרויזאַק. זי דעקט זיך איבער מיטן קאָץ איבערן קאָפּ און וויל איינשלאָפן. פאַר אירע אויגן שטייט נאָך אַלץ דער שיינער לייטענאַנט אַלעקסאַנדער. ווי גוט איז איר געווען מיט אים אין פּערם... זי לעבט נאָך אַ מאָל איבער די שיינע שעהען פון זייער צוזאַמענזיין. זי פילט זיינע קושן און הערט זיינע ווערטער: „דיינע אויגן זענען גרין ווי די וואַסערן פון נאַרעוו אין מיין געבוירן־שטאָט.

מאַרוסיאַ וויל שלאָפן, נאָר קען נישט. דער שטרויזאַק איז איר האַרט ווי אַ שטיין. די לופט אין זעמליאַנקע איז געדיכט. זי הערט ווי עס קומט אַריין פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו. זי טוט אַ ציטער. באַלד וועט ער קומען צו איר רייסן אירע ברוסטן און קניפּן איר לייב.

זי וועט אים מער נישט לאָזן קריכן צו זיך, זי וועט אים טרייבן פון זיך. נישט פאַר אים איז זי געבוירן. ער מעג זיין איר שעף, אָבער נישט איר געליבטער. זאָל ער גיין צו אַנדערע מיידלעך. פאַראַן גענוג מיידלעך וואָס וועלן אים אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס.

מאַרוסיאַ הערט ווי דער אַלטער פּאַלקאָווניק פייפט זיך אונטער דאָס לידל: „יאַבלאָטשקי".

— ער זאָל זיין אַפילו דער קעניג איבער אַלע קעניגן וועט ער מיך מער נישט באַצווינגען. עס געדויערט אָבער נישט לאַנג און ער וואַרפט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אויף דער טעלעפאָניסטקע.

מאַרוסיאַ רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט. זי אַנטלויפט פון שטרויזאַק.

— קום, מיין ווייס טייבעלע, מיט די גרינע אויגן. כ'בין פאַרבענקט. כ'האָב דיר דערלויבט פאָרן צו אַלעקסאַנדערן — און דערפאַר טרייבסטו מיך?

— כ'בין נישט אַ פרוי פאַר אַלע. כ'האָב איין געליבטן, איין מאַן.

— ווילסט מיך נישט מער, ווילסט נישט דערוואַרעמען מיינע גלידער אין די פראָסטיקע נעכט.

— ניין, איך וויל נישט מער. מען טאָר נישט. וואָס וועט זאָגן מיין מאַמע? איך וויל נישט ווערן באַצווינגען פון אַ מאַן וואָס איז נישט אין מיינע יאָרן. דאָס סאָוויעטישע געזעץ גיט מיר רעכט דערצו.

— דו האָסט זיך שוין אין הינטערלאַנד אָנגעשמעקט מיט פרייהייטס־באַצילן. דאָ, אויפן פראָנט, אויף דער ערשטער ליניע ווייס מען נישט וועמענס מאָרגן ס'איז. הערסט נישט דאָס קלאַפּן פון די האַרמאַטן?

— איך הער. נו איז וואָס, דאַרף איך ווערן אַ פרוי פאַר אַלע. ניין, איך וויל נישט. איך וועל אַנטלויפן וווּ די אויגן וועלן מיר טראָגן.

— דאַרפסט נישט לויפן. לייג זיך שלאָפן. איך וועל דיר געבן רו.

מאַרוסיאַ האָט זיך אַוועקגעלייגט. לעבן אי"ר איז געלעגן פּאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, אַ שווייגנדיקער. ער האָט געוואָלט שלאָפן און נישט געקאָנט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען אַ פלאַש מיט דריי שטערנדעלך, אַרויסגעשלאָגן מיט איין קלאַפּ דעם קאָרעק און אַריינגעגאָסן אין האַלדז אַריין אַ שפּאָרן שלוק.

— מאַרוסיאַ, נעם טרינק אַ ביסל.

— איך וויל נישט טרינקען, איך וויל שלאָפן.

— שטענדיק האָסטו געטרונקען מיט מיר פון איין פלאַש. וואָס איז מיט דיר היינט?

— איך טרינק נישט מער היינט, איך טאָר נישט. איר פאַרשטייט, איך בלוטיק...

מיט אירע לעצטע ווערטער האָט זי אים שטיל געמאַכט. מער האָט ער זי נישט אָנגערירט. מאַרוסיאַ האָט געפילט אַז זי איז אים שוין פּטור געוואָרן. זי ווייסט שטענדיק עפּעס צוטראַכטן אַז ער זאָל איר געבן רו.

אַרטעמאָוו איז גאַנץ פרי אַרויס אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר.

נישט ווייט פון פעלדשפּיטאָל איז געווען אַ דאָרף. פון דאָרט האָט מען נישט געהערט קיין שיסעריי. די דייטשן זענען שוין לאַנג אַוועק פון דאָרט. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט געוואָלט זען ווי עס לעבט אין די פראָנט־באַדינגונגען דער רוסישער פּויער.

דער וועג צום דאָרף איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי און געפירט אין דאָרף אַריין ווי אויף אַ ווייכן טעפּעך.

דאָס דאָרף איז אַוועק מיטן פייער. די פּויערים האָבן געלעבט אין זעמ־ליאַנקעס, איינגעגראָבענע אין דער ערד ווי אַ מאָל די שבטים.

דער דאָקטאָר איז שטיין געבליבן ביי דער ערשטער זעמליאַנקע. אַן על־טערער פּויער איז פאַר אים אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. ער איז געווען באַוואָקסן ווי דער פאַרצייטישער אורמענטש.

— אַ גוט מאָרגן דיר מיטן נייעם טאָג. וואָס טוט דאָ היינט אַ פּויער אויף דער פאַרברענטער ערד?

— אַ גוט־יאָר. דער פּויער וויל צוריק שאַפן לעבן, לעבן און שאַפן. און און דו ווער ביסט, נישט פון נקוו"ד?

— אַזוי זיך געקומען אין דאָרף. כ׳בין נישט פון נקוו"ד, כ׳בין דאָקטאָר אַרטעמאָוו, דירעקטאָר פון פעלדשפּיטאָל.

— גוט איז צו מיר און צו מיין רוסישער ערד, אַז ס׳איז געקומען אַ דאָקטאָר זיך פרעגן ווי עס לעבט אַ רוסישער פּויער. זעסט וואָס די מלחמה האָט אונדז געבראַכט. אונדזער „פּאַטערל" האָט אונדז באַגליקט מיט נייע פריינד, מיט היטלער־דייטשלאַנד, האָבן זיי אונדז דערלאַנגט, אַז לאַנגע יאָרן וועלן אַוועק ביז מיר וועלן צוריק אויפבויען אַ שטוב. באַלד וועלן זיי קומען, די פּאַרטיי־לייט,

און שאַפן דעם קאַלכאַז. זיי וועלן אָדער גיין מיט די אַלטע גענג, ווי יענער פאַרשפּילטער שאַכיסט וואָס פאַרשפּילט — און האַלט זיך ביי זיינע גענג...

— געפעלט דיר נישט דער קאַלכאַז?

— וואָס קאָן מיר שוין געפעלן. געווען שוין קאַלכאַזן ביי אונדז אין לאַנד. געווען „געוועטן״, רעפעראַטן, נאָר קיין ביסל גרינס פאַר דער שטאָט און פאַר זיך איז נישט געווען! וואָס האָבן מיר געהאַט — גאָרנישט. אין די בלעטער האָט דער קאַלכאַז געהאַט אַלץ. מ׳האָט באַמאָלט די צייטונגען מיט בילדלעך פון קינדער־ביכלעך, אָבער די שטאָט האָט געהונגערט און דער פויער איז אַרויס מיטן באַגינען צורעשט אין זיין גאָרטן.

— זייט איר נישט צופרידן. ווי רופט מען אייך?

— ווילסט מיך פאַרמסרן פאַר דער נקוו״ד?

— גאָט באַהיט. איך בין דאָקטאָר אַרטעמאָוו, מיליאַנען מייל ווייט פון נקוו״ד... אַרויס אַ ביסל אויף אַ שפּאַציר און דיך געטראָפן.

— מיין נאָמען איז וואַסיל. שוין איבערגעלעבט מלחמות און גרויסע שטורעמס און היינט לעב איך ווי דו זעסט אין זעמליאַנקע. דאָס דאַרף איז אָפּגעברענט. עס איז פון דעם גאָרנישט געבליבן. די דייטשן האָבן צוגענומען די קי, די פערד, חזרים, הינער און גענדז — אַלץ האָבן זיי צוגענומען — און איצט הייבן מיר אָן מיט לייזיקע הענט.

— באַלד קומט פרילינג, מיט וואָס וועסטו אַרויס אין פעלד?

— ווען מען גיט מיר הונדערט סאָטקעס, ווי גאָט איז מיר ליב, איז אַלץ פאַרזייט.

— וואַסיל ווו וועסטו נעמען זרעים צום פאַרזייען?

— אין שטאָט אויפן מאַרק, באַקומט מען אַלץ וואָס מען וויל, פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך.

— געפעלט דיר נישט דער קאַלכאַז?...

— און וועמ׳ען געפעלט ער יאָ?... כ׳זע דאָקטאָר, אַז דו ביסט אַ זינג־פייגעלע. זוכסט עפּעס ביי מיר. וואַסיל האָט נישט וואָס צו פאַרקויפן. דאָס פאַרמאָג איך — זעסט מיין פאַרלייזיקט העמד, נישט מער.

— איך זוך גאָר נישט ביי דיר, וואַסיל. כ׳האָב נאָר געמאַכט מיין פרי־מאָרגן־שפּאַציר ווי דער פויגל וואָס פליט זיך דורך מיטן נייעם טאָג...

— ביסט אַ געלערנטער מענטש, וועסט שרייבן וועגן אונדזער לעבן אין זעמליאַנקע.

— איך וועל גאָרנישט שרייבן. כ׳בין נישט קיין שרייבער. כ׳בין בלויז אַ דאָקטאָר.

איך זע, אַז דו ביסט נישט קיין פויער און נישט קיין אַרבעטער. דו שמעקסט מיטן אַראָמאַט פון די דראָבנע אותיותלעך... זאָל נאָר דער שניי צעגיין, זאָל נאָר דער פרילינג קומען — מיטן זון־אויפגאַנג וועט וואַסיל אַרויס אין פעלד און באַווייזן וווּנדער!

— איז דאָ בלוט ביים רוסישן פויער?

— יאָ, דאָקטאָר, ס׳איז דאָ בלוט, גוט בלוט. דיר, דאָקטאָר, איז גוט, דו ביסט געלערנט, וואָסיל קאָן זיך נישט אונטערשרייבן, דריי רינגעלעך קאָן ער מאַכן, אָבער דער קאָפּ איז גוט, ער פאַרשטייט מער ווי אַלע „פּאַרטיי־צעס" וואָס ווערן זיך באַלד „יאַווען" און רעדן שיין וועגן „בויען דעם סאָציאַליזם", קאָמוניזם, לענין, אינטערנאַציאָנאַל, נאָר מיט וואָס אַרויסגיין אין פעלד איז נישטאָ. איך פאַרמאָג נישט אַפילו קיין ביסל מאַכאָרקע אויף צו פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס.

— ווילסט רויכערן, נעם אַ פּאַפּיראָס. נעם, נעם, איך האָב אַ גאַנץ פּעקל. נעם עס דיר אינגאַנצן.

— גאָט האָט אייך צוגעשיקט מיטן פרימאָרגן. ס׳איז דאָ אַ רוסישער מענטש וואָס פאַרשטייט אונדזער לאַגע. כ׳זע, אַז איר זייט עס. קומט אַריין אין זעמליאַנקע וועט איר זען מיין רייכקייט. די אַלטע מיינע איז גאַנץ פרי אַוועק אין וואַלד נאָך האָלץ. ס׳איז נאָך ווייט צו פרילינג און די אַלטע ביינער פרירן אין דער זעמליאַנקע. צוויי זין האָב איך פאַרלוירן אויף דער מלחמה. אַ טאָכטער האָב איך אין כאַרקאָוו. אפשר לעבט זי. דער מאַן איז געווען אַ לערער און זי אַליין איז אויך אַ לערערין. כ׳האָב געבעטן אין דער פּאַרטיי נאָך לאַנג, לאַנג פאַר דער מלחמה—לאָזט זי איבער לערנען מיט די שול־קינדער אין דאָרף... האָבן זיי מיר געזאָגט: דאָ אין דאָרף וועט לערנען אַ לערערין פון מאָסקווע. אָט־אַזוי האָבן זיי צעשפּרייט די משפּחה.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך דערמאָנט אין זיין טאָכטער נאַטאַשאַ. אויך איר האָט מען צעשיידט מיטן מאַן, דעם אינזשיניער אַלעקסיי מוכין. אַזוי האָט דער רעזשים צעבראָכן הערצער, צעשיידט משפּחות.

— דאָקטאָר, איר האָט זיך פאַרטראַכט...

— איך טראַכט וועגן מיין משפּחה. כ׳האָב אויך אַ טאָכטער. אויך איר האָט מען צעשיידט מיטן מאַן. אַזוי איז אונדזער לעבן. איך מוז שוין גיין. קום צו מיר אין פעלדשפּיטאָל, וואָסיל. איך וועל דיר געבן פּראָדוקטן פון מיין פּאַיאָק.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז אַוועק פונעם פויער וואָסיל אָן אויפגעהייטערטער. עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון רוסישן פויער מיט שאַפונגס־ווילן. ער האָט געזען אין אַלטן פויערס אויגן פונקען — סימנים פון אַ ווילן צו פרייער אַרבעט, נישט אונ־טערן צוואַנג פון קאָלכאָז.

דער סאָוועטישער רעזשים בינדט די הענט פונעם רוסישן פויער, צווינגט אים צו אַרבעטן אין קאָלכאָז. ער באַגלייט אים מיט לאָזונגען — און דאָס פאָלק הונגערט:

— „ווּעסט נישט גיין צו דער אַרבעט, וועסטו גיין אין תפיסה".

מיט די לאָזונגען זענען די פּאַרטיי־לייט געקומען אין די דערפער. צוזאַמען מיט זיי זענען געקומען נקוו"ד־לייט זוכן די אומצופרידענע...

די אַלטע איז געקומען און איינגעהיצט דאָס אייוועלע. זי האָט באַלד אַוועק־געשטעלט אויפן טיש אַ שיסל מיט „קיפּיאַטאָק". דער אַלטער האָט גענומען אַ פּאָר שוואַרצע סוכאַרעס און זיי אַריינגעלייגט אין שיסל.

ער האָט שנעל אָפּגעגעסן און געוואָלט גלייך גיין אָבער די אַלטע האָט אים פֿאַרשטעלט דעם וועג:

— וווּ גייסטו, וואַסיל?

— איך גיי אין פעלדשפּיטאָל צום דאָקטאָר אַרטעמאָוו.

— ביסט קראַנק?

— ניין, כ׳בין נישט קראַנק. פרעג נישט, אַלטע, לאָז מיך גיין.

— בעסער וואָלסטו מיר געהאָלפן אויפגראָבן די גרוב און אַרויסנעמען אַ ביסל קאַרטאָפל.

— אָ, דאָס ווילסטו? מיר וועלן די גרוב נישט עפענען ביז פרילינג. די קאַרטאָפל וועלן זיין צום זעצן.

— און די קוקורודזע איז אויך צום זייען? דו מיינסט אַז מען וועט דיר געבן אַ שטיק פעלד ביז מאָסקווע?

— איך ווייס נישט, אַלטע, לאָז מיך גיין.

וואַסיל איז אַרויס פון זעמליאַנקע. אַ נייער צעשטראַלטער טאָג איז אים גע־קומען אַנטקעגן. דער שניי האָט זיך פאַרהאַלטן ערגעץ אין ווייטן רוים. פייגל האָבן געזונגען. אויף די צווייגן. די לופט האָט געאָטעמט מיטן קומענדיקן פרילינג.

דאָקטאָר אַרטעמאָוו איז געשטאַנען פאַרן שפּיטאָל. ווען וואַסיל האָט זיך דערנענטערט, האָט ער געזאָגט:

— גוט וואָס ביסט געקומען, וואַסיל. קום אַריין צו מיר אין צימער, איך וועל דיר געבן אַמעריקאַנער פּראָדוקטן.

דער פויער האָט זיך אַרומגעקוקט, וווּ איז ער דאָ? יאָ, ס׳איז אַ פעלדשפּיטאָל. דאָקטוירים, שוועסטער אין ווייסע כאַלאַטן. ער האָט זיך דערמאָנט די ערשטע וועלט־מלחמה. ער איז דעמאָלט געליגן מיט אָפּגעפרוירענע פיס אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען אין די קאַרפּאַטן־בערג. עס האָבן זיך דעמאָלט לעבן אים געפּאָרעט דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער — זיי האָבן אים געריבן די פיס.

— זעץ זיך, וואַסיל. איך האָב דיך איינגעלאַדן צו מיר. זאָלסט נישט מורא האָבן. כ׳בין נישט פון די מענטשן פאַר וועלכע מען דאַרף מורא האָבן. איך וועל דיר העלפן אויפבויען אַ שטוב. איך וועל אַרויס מיט מיינע סאַניטאַרן אין וואַלד און שניידן פאַר דיר ביימער.

— איר, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, וועט גיין אין וואַלד מיט אייערע סאַניטאַרן שניידן פאַר מיר ביימער!

— יאָ, וואַסיל, איך וועל גיין. ווי גאָט איז מיר ליב. נאָך היינט וועל איך גיין. גלייך נאָך מיטאָג וועלן מיינע קאַמיאָנען ברענגען דאָס האָלץ צו דיין זעמליאַנקע.

— מיך וווּנדערן דאָקטאָר דיינע רייד, דו קאָנסט לייגן ביימער?

— יאָ, איך קען. דער רעזשים האָט עס מיך אויסגעלערנט אין טאַגילער לאַגער.

— אַך אַזוי, איר זייט געווען אין לאַגער...

— יאָ, מען שיקט איצט אַלע פון די לאַגערן אויף די פראָנטן אויסקויפן זיך פון די זינד וואָס מען איז נישט באַגאַנגען...

— עס פרייט מיך וואָס גאָט האָט אייך צוגעשיקט היינטיקן פרימאָרגן צו מיר אין זעמליאַנקע. כ׳וועל האָבן אַ שטוב אויף דער עלטער.

— וועסט האָבן אַ שטוב, וואַסיל. אַ ביסל געלט וועל איך דיר אויך געבן, זאָלסט זיך קאָנען קויפן אַ פערד. וועסט אין פרילינג אַרויס אויפן פעלד.

— מען וועט מיך נישט לאָזן פאַראַקערן דאָס פעלד, נאָר דעם גאָרטן.

— איך ווייס, וואַסיל, איך ווייס. מיר זענען געבונדן מיט געזעצן וואָס צוימען דעם רוסישן מענטשן. אַ מאָל האָט די רוסישע ערד געשפּייזט אַ האַלבע וועלט און היינט איז נישטאָ קיין שטיקל ברויט פאַר זיך. גוט וואָס אַמעריקע פאַרזאָרגט די וועלט מיט ברויט.

— דאָקטאָר, מען טאָר נישט רעדן: ווענט האָבן אויערן...

— איך ווייס, וואַסיל, כ׳ווייס אַז מיר זענען אַרומגענומען מיט אַ קייט וואָס האַמעוועט די אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד. אָבער צוזאַמען מיטן זיג וועט קומען דער טאָג און דער פויער וועט אַ פרייער אַרויס אין פעלד און אַרבעטן פאַר זיך און פאַרן פאָלק. נעם, וואַסיל דאָס פּעקל. איך האָב עס צוגעגרייט פאַר דיר.

— וויפל זאָל איך דיר באַצאָלן.

— מיר באַצאָלן! דאָקטאָר אַרטעמאָוו נעמט נישט קיין געלט. גיי געזונט און קום צו נאָך מיטאָג. מיר וועלן אַרויס שניידן ביימער.

— איך וועל קומען. איך וועל בעטן גאָט דריי מאָל אַ טאָג פאַר דיין געזונט.

וואַסיל איז אַוועק. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט זיך געפילט דערהויבן פון זיין טאַט. ער האָט אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך די היינטיקע באַגעגעניש מיטן פויער אויף דער שוועל פון דער זעמליאַנקע.

☆

די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריין די טעלעפאָניסטין.

— קאָן איך זיך צוזעצן, דאָקטאָר?

— יאָ, מאַרוסיאַ, זעץ זיך דאָ אַנטקעגן מיר. נו דערצייל, דער אַלטער פאָלקאָווניק האָט דיך אָנגעגריפן.

— יאָ, דאָקטאָר. ער האָט זיך אויף מיר געוואָרפן ווי אַ שיכור און איך האָב אים אָפּגעשטופּט פון זיך. אויפן אויער האָב איך אים געזאָגט ער זאָל גיין, ווייל איך בין רויט... ער האָט פאַרשטאַנען און מיך מער נישט אָנגעגריפן.

— עס וועט דיר זיין שווער צו פאַרטרייבן אים פון זיך. ער ליבט דיך ווי אַ קאַץ ווען זי נייטיקט זיך. איך וועל דיך אַרויסנעמען פון זיינע הענט. איך וועל דיך לאָזן דאָ אין באַפרייטן דאָרף. וועסט ווערן אַ לערערין. וועסט לערנען מיט די קינדער פון די פויערים. ווילסט?

מאַרוסיאַ איז צו צום דאָקטאָר, געכאַפּט זיין האַנט צו אירע ליפּן און זי גע־קושט. טרערן זענען געפּלאָסן פון אירע אויגן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל און שטיל געוויינט פאַר פרייד.

— גיי איצט אין זעמליאַנקע צו דיר. קום אין אָוונט וועלן מיר צוזאַמען צוגרייטן דעם פּלאַן. וועסט זיין אין דאָרף ביים אַלטן וואַסיל. איצט מוז איך שוין גיין אין אָפּעראַציע־צימער. עס וואַרט אויף מיר אַ סך אַרבעט.

מאַרוסיאַ האָט אויסגעווישט די טרערן. זי איז געווען גליקלעך. זי וועט אָנהייבן אַ ניי לעבן. זי וועט זיין אַ לערערין אין דאָרף. לערנען מיט קינדער. זי וועט אויסטאָן דעם שינעל, דער אַלטער פּאַלקאָווניק וועט זי מער נישט אָנגרייפן. זי וועט מער נישט זיין אַ „מעדכען פאַר אַלע". זי האָט געזען אין דעם אַ נס. נישט אַנדערש, נאָר אַלעקסאַנדערס גאָט האָט עס געמאַכט, אַז זי זאָל אויסטאָן דעם שינעל און אָנטאָן אַ קליידל.

זי איז אַרויס פונעם דאָקטאָר אַ דערמוטיקטע מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. זי האָט שוין געשפּירט דעם אָנקומענדיקן פרילינג. ביי דער זעמליאַנקע האָט זי געטראָפן דעם פּאַלקאָווניק יאַקאָוולעוו.

— ווו ביסטו געווען, מאַרוסיאַ?

— ביים דאָקטאָר.

— ביסט קראַנק — וואָס איז מיט דיר?

— כ'בין קראַנק.

— די רייזע אין הינטערלאַנד האָט דיך קראַנק געמאַכט? ס'קאָן זיין אַז כ'וועל דאַרפן זוכן אויף דיין אָרט אַן אַנדערע טעלעפאָניסטין?

— עס קאָן זיין. אין אָוונט וועט מיך דער דאָקטאָר אויפנעמען. איצט איז ער שטאַרק פאַרנומען.

— איך וועל רעדן מיטן דאָקטאָר אַרטעמאָוו וועגן דיר.

— מען דאַרף נישט.

— איך וועל יאָ רעדן. עס דאַכט זיך מיר אַז דו פּראַוועסט פוילע שטיק.

— איך פּראַווע פוילע שטיק? שוין צוויי יאָר ווי כ'בין אויפן פראָנט. איך האָב שוין געשמעקט קאַלט און וואַרעמס.

— יאָ, יאָ מאַרוסיאַ, דאָס הינטערלאַנד געפעלט דיר בעסער, דאָס פרייע לעבן...

— איך ווייס נישט דערפון. מיר געפעלט ווו מען באַשטימט מיך.

— ס'איז מלחמה און מען קאָן זיך נישט שפּילן: קראַנק, שוואַנק — ביסט געזונט, איך זע עס אין דיינע רויטע באַקן. ביי נאַכט אויפן שטרויזאַק וועל איך זען. גיי איצט עסן פרישטיק, מאַרוסיאַ, גיי!

מאַרוסיאַ איז אַריין אין איר זעמליאַנקע. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטרויזאַק. ס'האָט איר געפעלט דער נייער געדאַנק פון דאָקטאָר אַרטעמאָוו. זי וועט דאָ בלייבן, נישט גיין מיטן פראָנט. זי וועט זיין אַ לערערין אין באַפרייטן דאָרף. זי וועט שרייבן אַלעקסאַנדערן, אַז דאָס האָט זיין יידישער גאָט עס געמאַכט. גענוג! שוין צוויי יאָר געווען אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע. זאָלן אַנדערע

קומען. די וואָס ליגן אונטער אַ וואַרעמער דעק, אויפן אייגענעם בעט און שלאָפן מיט מענער וויפל עס לאָזט זיך. זאָלן זיי קומען שמעקן פּולווער.

זי האָט דערפילט הונגער. זי האָט גענומען אַ פּאָר סוכאַרקעס מיט טיי. זי האָט שוין געזען דאָס נייע לעבן וואָס גייט פאַר איר אויף מיטן אָנקום פון פרילינג.

נאָך מיטאָג איז דאָקטאָר אַרטעמאָוו מיט צוויי סאַניטאַרן אַוועק אין וואַלד. וואַסיל דער פויער איז געקומען מיט זיין קליין העקל. די סאַניטאַרן האָבן געשניטן טרוקענע ביימער און וואַסיל האָט מיטן העקל אָפּגעהאַקט די צווייגן. ביז פאַר נאַכט זענען זיי פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט. דער שפּיטאָל־קאָמיאַן האָט אַוועק־געפירט דאָס האָלץ צו וואַסילן.

די אַלטע פויערטע איז אַרויס פון זעמליאַנקע און מיט טרערן אין די אויגן גענומען דעם דאָקטאָרס האַנט און זי געוואָלט קושן.

— מען דאַרף נישט. כ׳בין נישט קיין גלח, מיר דאַרף מען נישט קושן די האַנט. כ׳בין אַ דאָקטאָר, אַ מענטש. בויט אויף פאַר זיך אַ הויז עס זאָל זיין שיין און באַשיינען דאָס גאַנצע דאָרף.

מיט די ווערטער האָט דער דאָקטאָר פאַרענדיקט זיין הילפס־אַקציע פאַרן פויער וואַסיל. ער איז צוריקגעגאַנגען אין שפּיטאָל. איצט האָט ער גענומען טראַכטן וועגן דער טעלעפאָניסטין ווי אַזוי זי צו באַפרייען פון דעם אַלטן פאָלקאָווניקס אָרעמס.

מאַרוסיאַ איז געקומען אין אָוונט. דאָקטאָר אַרטעמאָוו האָט איר אונטערזוכט און דערקלערט:

— איך בין נישט קיין פרויען־דאָקטאָר, אָבער אַז דו ווילסט פאַרבלייבן דאָ אין דאָרף אַלס לערערין מוזסטו שפּילן די ראָל פון אַ קראַנקער. איך קאָן דיר נאָר שיקן צו אַ פרויען־דאָקטאָר. איך מיין, אַז דער שטאַב וועט דיך דאָ איבערלאָזן אַלס לערערין אין דאָרף. האָסט שוין גענוג געוואָיעוועט. צוויי יאָר איז גענוג. זאָלן קומען די טעכטער פון די שישקעס שמעקן דאָ אַ ביסל פּולווער.

מאַרוסיאַ איז אַ פריילעכע אַרויס פון דאָקטאָר. דער פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו איז אָבער נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. שפּעט אין אָוונט איז ער געקומען צום דאָקטאָר:

— איך בעט אייך, פאָלקאָווניק יאַקאָוולעוו, לאָזט איר איבער אין דעם באַפרייטן דאָרף. זאָל זי דאָ בלייבן. זי וועט זיין אַ לערערין אויב נישט, האָב איך מורא, אַז זי וועט זיך וואַרפן אין טייך אַריין.

— איז זי קראַנק, דאָקטאָר?

— איך בין נישט קיין פרויען־דאָקטאָר. זי בלוטיקט און מען דאַרף איר שיקן צו אַ פרויען־דאָקטאָר קיין מאָסקווע.

— איך וועל איר לאָזן אין דאָרף. זאָל זי זיין אַ לערערין. זי האָט אויסגע־פירט איר פליכט פאַרן פאָטערלאַנד. געווען מיט מיר צוויי יאָר. ס׳איז גענוג. זאָלן קומען אַנדערע אויף איר אָרט.

— איר טוט גוט, פאַלקאָוניק יאַקאָוולעוו. איר וועט זיך פאַרדינען ליבע ביי אַלע.

— כ׳האָב געהערט, דאָקטאָר, אַז איר האָט היינט געטאָן אַ זייער מענטשלעכע טאַט. איר האָט געשניטן האַלץ אין וואַלד אויף אַ שטוב פאַרן פויער וואַסיל.

— יאָ, פאַלקאָוניק. דער אַלטער פויער וואַסיל איז עס ווערט, אַז מיר מיליטער־לייט זאָלן אים העלפן צוריקצוקומען צו אַ נאָרמאַל לעבן.

— איר, דאָקטאָר, האָט געטאָן אַ גוטע זאַך. אַזוי דאַרף האַנדלען אַ סאָוויעטישער מענטש.

— כ׳האָב געהאַנדלט ווי ס׳האָט מיר דיקירט מיין געוויסן. זאָלן די אַלטע לייט האָבן אַ שטוב, אַן אייגן ווינקל און זאָלן זיי לאַנג לעבן.

— ווילט איר, דאָקטאָר אַרטעמאָוו, אַז איך זאָל דאָ איבערלאָזן מאַרוסיאַן?

— ווו וועט מען זי פירן, קיין כאַרקאָוו? — דאָרט זענען דאָ שיינע אוקראַינערנס, מיט שוואַרצע אויגן, ענלעכע צו די פראַנצויזן.

— איך וועל איר איבערלאָזן. זי האָט מיר יענע נאַכט געמאַכט אַ נאַכט — זאָל זי גיין צום טייוול — און ער האָט אויסגעשפיגן אַ רוסיש זידלוואָרט.

— גוט, מאָרגן פרי שיקט איר צו מיר. זי וועט דאָ בלייבן אין שול און זי איינאָרדענען. מיר פאַרלאָזן דאָס הויז מאָרגן. ביז דער מלחמה איז דאָ געווען אַ שול און זאָל זי דאָ ווייטער זיין. זאָלן קינדער לערנען, לאַכן און טאַנצן ווי די פייגעלעך אין וואַלד.

— דאָקטאָר, איר זייט אַ שטיק פושקין.

— ס׳קאָן זיין, אַז איך וועל אויף דער עלטער זיך נעמען צו שרייבן פּאָעזיע.

פאַלקאָוניק יאַקאָוולעוו איז אַוועק. דער דאָקטאָר האָט זיך געלייגט שלאָפן. דער שלאָף איז אָבער נישט געקומען. ווידער זענען אויפגעשוווימען שרעקלעכע דערינערונגען פון דער פאַרשיקונג. ס׳האָט לאַנג געדויערט, אָבער צום סוף איז ער איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז געקומען אַ באַפעל פון שטאַב צו זיין גרייט צום אַרויסמאַרש. מען איז געפאָרן פאָרויס. דער דאָקטאָר האָט באַפוילן זיך צוצוגרייטן צו דעם ווייטערדיקן וועג.

די טעלעפאָניסטין, מאַרוסיאַ טאַטאַרינאַ איז געקומען צום דאָקטאָר זיך געזעגענען:

כ׳בעט אייך, דאָקטאָר, גיט מיר אַרויס אַ „ספּראַווקע” וועל איך דאָ בלייבן אַלס לערערין.

— יאָ, באַקומסט אַ „ספּראַווקע”. פאַלקאָוניק יאַקאָוולעוו האָט צוגעשטימט צו מיין פאָרשלאַג. איך גלייב אַז דו וועסט זיין אַ גוטע דערציערין. וועסט דענקען פריי, נישט מיט דאָגמעס און לאָזונגען פון סאָציאַליזם, קאָמוניזם און וועלט־רעוואָלוציע. זאָלסט דערציען די קינדער אין גייסט פון פרייהייט.